STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09021

DER PRINTS FUN MITSRAIM

Saul Saphire

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער
פרינץ פון מצרים

ביבלישער ראָמאַן
פון יוסף און זיינע ברידער

פון

שאול ספיר

מחבר פון: קאליף פון קאָרדאָווא, צווישען רוים און ירושלים, דוד המלך, שלמה המלך און אברהם'ס אייניקלעך.

The Prince of Egypt

Biblical Romance by Saul Saphire

Author of "Caliph of Cordova," "Between Rome and Jerusalem," "King David," "King Solomon" and "Abraham's Grandchildren."

Published and copyrighted, 1931,
by Saul Saphire

מיין הארציגען חבר

דר. אברהם ליב שווארצבורג'ן

אַ מתנה.

Myold Printing Co., Inc. 446 161 Grand St., New York

.1

דינה׳ס טאָכטער

אייניגע מאָנאַטען זיינען אַריבער זינט רחל׳ס טויט, און יעקב האָט נאָך אַלץ געטרויערט נאָך זיין געליעבטע פרוי.. איהר טויט איז פאַר איהם געווען זעהר אַ שווערער קלאַפּ... זיין איינציגע נחמה האָט ער געפונען אין רחל׳ס צוויי קינדער, יוסף און בנימין וועמען ער האָט שטאַרק ליעב געהאַט. לאה האָט ערצויגען בנימין, זי האָט איהר שוועסטער׳ס קינד ליעב געהאַט ווי איהר אייגענס.

יעקב און זיינע מחנות האָבען זיך דערנעהנטערט צו דער שטאָדט חברון, וואו זיין פאָטער יצחק און זיין מוטער רבקה געפינען זיך.

גרויס איז געווען די שמחה אין יעקב׳ס משפחה. נאָך אַזוי פיעל יאָהררען פון וואַנדערען און וואַגלען, נאָך אַזוי פיעל צרות און פּלאָגעניש, וואָס זיי האָבען דורכגעמאַכט, זיינען זיי שוין ענדליך אָנגעקומען אין חברון, צו יעקב׳ס עלטערען.

ווען זיי האָבען דערגרייכט די טויערען פון שטאָדט, האָט יעקב געשיקט נפתלי׳ן, איינעם פון זיינע זיהן אָנזאָגען די בשורה צו זיינע עלטערען.

באַלד האָט זיך די גאַנצע שטאָדט חברון דערוואוסט, אַז יצחק׳ס זוהן יעקב, וועלכער האָט פאַרלאָזען זייער שטאָדט מיט פיעלע יאָהרען צוריק, קומט אָן מיט אַ גרויסע משפחה און אַ רייכען פאַרמעגען, און זיי האָבען זיך אַלע פאַרזאַמעלט מקבל פנים זיין יעקב׳ן...

רבקה האָט געהייסען איהרע דינסטען צוגרייטען אַ גרויסאַרטיגען מאָלצייט און די קנעכט האָט זי פאַרזאָגט איינצושפּאַנען די קאַרעטע. זי האָט געהאָלפען יצחק׳ן אַריינזעצען זיך און זיצענדיג ביי זיין זייט, האָט זי באַפוילען איהר קנעכט צו טרייבען צו די טויערען פון שטאָדט.

זעהר איינדרוקספול איז געווען די באַגעגעניש צווישען יעקב׳ן און זיינע עלטערען... מען האָט זיך נישט אויפגעהערט צו האַלדזען און קושען...

— און דאָס זיינען מיינע אייניקלאַך! — האָט רבקה אויסגערופען און יעדען באַזונדער געקושט.

יצחק, וועלכער איז געווען בלינד, האָט יעדען אָנגעריהרט מיט זיינע הענט און נאָכהער געקושט.

— מיין זוהן! — האָט יצחק זיך אָפּגערופען צו יעקב׳ן נאָכדעם, ווי ער האָט איהם אַרומגענומען — געלויבט איז גאָט, וואָס דו ביזט צוריקגעקומען צו אונז.. מיינע ברכות זיינען ביסלעכווייז מקוים געוואָרען...

גאָט האָט דיר מזכה געווען מיט אַ גרויסע משפּחה, מיט רייכטום און מיט אַלעס, וואָס אַ מענש קען ווינשען...

— יע, מיין ליבער פאָטער! — האָט יעקב געזאָגט און טרערען האָבען זיך באַוויזען אין זיינע אויגען — גאָט האָט מיר אַלעס געגעבען, אָבער אויך קיין צרות האָט מיר נישט געפעהלט...

— מיר וועלען פריהער קומען אַהיים און איהר וועט אַלע עפּעס צובייסען און אויסרוהען זיך פון וועג, און דאַן וועסטו אונז אַלעס דערצעהלען — האָט רבקה זיך אָפּגערופען.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין יצחק'ס הויז, זיינען שוין די טישען געווען געגרייט. אַלע האָבען זיך געזעצט עסען, און רבקה האָט אָנגעקוואָלען פון איהרע אייניקלאַך... זי האָט יעדען איינציגען באַזונדער אויסגעפרעגט ווי אַלט ער איז, און ווי אַזוי ער האָט פאַרבראַכט די גאַנצע צייט.

ווען זי איז צוגעקומען צו דינה'ן און איהר גענומען פרעגען, האָט זיך דינה פאַנאַנדערגעוויינט.

רבקה האָט איהר אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— פאַרוואָס וויינסטו, מיין טאָכטער, — האָט זי איהר גענומען גלעטען איבער'ן קאָפּ.

דינה האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען, און די באָבע איז נעבען איהר געשטאַנען צושראָקען און זיך נישט אויפגעהערט צו וואונדערען.

יעקב האָט עס באַמערקט און ער האָט האָט גלייך אָוועקגערופען זיין מוטער אין אַ צווייטען צימער.

— וואָס איז מיט דינה'ן? פאַר וואָס האָט זי זיך פּלוצלונג פאַנאַנדערגעוויינט, ווען איך האָב איהר גענומען אויספרעגן — האָט רבקה זיך אָפּגערופען צו יעקב'ן.

— די וואונד איז נאָך פריש, מיין ליעבע מוטער...

— אָבער וואָס האָט מיט איהר פּאַסירט? — איז רבקה נייגעריג געוואָרען.

— זי האָט דורכגעמאַכט זעהר אַ טרויעריגען צופאַל! — האָט יעקב איהר געענטפערט — ווען מיר האָבען זיך באַזעצט אין דער שטאָדט שכם, האָט איהר דער זוהן פון דעם הערשער פון שטאָדט גענומען געפאַנגען, און ער האָט איהר פאַראומרייניגט.

— אה! האָט רבקה אויסגעשריען מיט אַ ציטער — דאָס זאָל האָבען געטראָפען צו מיין אייניקעל... ווי אַזוי האָט עס גאָר געקענט פּאַסירען אַזאַ זאַך?..

— אָה, מוטער, מיט האָבען זעהר פיעל דורכגעמאַכט זינט דאַן! — האָט יעקב טרויעריג געזאָגט — עס פאַרשטעהט זיך, אַז מיינע זיהן האָבען אין דעם נישט געשוויגען... זיי האָבען אַלע שולדיגע געטויטעט און איך בין געצוואונגען געווען צו פאַרלאָזען די שטאָדט שכם, זעהר שנעל... און דאָס האָט פיעל מיטגעבראַכט, אַז איך זאָל פאַרלירען מיין ליבע רחל'ן... זי איז געווען זעהר קראַנק און זי האָט זיך גענויטיגט אין רוה, אָבער מיר האָבען שוין דאָרטען מעהר נישט געקענט פאַרבלייבען, ווייל די אַרומיגע

פעלקער וואָלטען זיך פאַרזאַמעלט און אונז פאַרניכטעט.. און דאָ האָט שוין רחל געדאַרפט געבוירען... יע, זי האָט איהר ריינע נשמה אויסגע־הויכט גלייך נאָכדעם, ווי זי האָט געבוירען בנימין...

— אָבער איך קען נאָך אַלץ נישט פאַרשטעהן — האָט רבקה געזאָגט — ווי אַזוי אַזאַ זאַך האָט געקענט פּאַסירען מיט דיין איינציגע טאָכטער, האָסטו איהר דען ווען עס איז געלאָזט געהן אַליין אָהן אַ באַגלייטער?..

— אין אַ קורצע צייט נאָכדעם, ווי מיר זיינען אָנגעקומען אין שכם, איז געווען אַ פייערונג אין שטאָדט און דינה איז אַרויס צוזאַמען מיט איהר מוטער און ברודער צו זעהן די פייערונג. מאַכט זיך גראַדע, אַז שכם דער זוהן פון חמור, וועלכער איז געווען דער הערשער פון שטאָדט, האָט דערזעהן דינה׳ן און ער האָט איהר גלייך ליעב באַקומען.. און ער איז צו מיר געקומען בעטען, איך זאָל איהר איהם געבען פאַר זיין פרוי... עס פאַרשטעהט זיך, אַז איך האָב זיין פאַרלאַנג ענטזאַגט... האָט ער געפּלאַנעוועט ווי אַזוי איהר צו קריגען אָהן מיין הסכמה.. און דאָס האָט ער דערגרייכט מיט דער הילף פון אַ צווייטער מיידעל, מיט׳ן נאָמען זבורית.

— ווי אַזוי?

— ער האָט געשיקט די מיידעל, זי זאָל זיך באַפריינדען מיט דינה׳ן און ווען דינה האָט געהאַט פולען צוטרויען צו איהר און פלעגט מיט איהר אַוועקשפּאַצירען אין דעם דערבייאיגען וועלדעל, איז פּלוצלונג אָנגעקומען שכם און איהר גענומען געפאַנגען... עס פאַרשטעהט זיך, אַז זבורית האָט פריהער אויסגעאַרבייט מיט שכם׳ן דעם גאַנצען פּלאַן.. און ווען ער האָט איהר געפאַנגען, האָט זבורית אַליין אונז נאַכהער דערצעהלט, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט.. דער ערל האָט איהר שוין פאַראומרייניגט... און יעצט...

טרעהרען האָבען זיך באַוויזען אין יעקב׳ס אויגען, עס איז איהם, קאָנטיג, געווען זעהר שווער צו ריידען וועגען דעם...

— מיין אומגליקליכע דינה! — האָט רבקה געווישט איהרע אויגען. זי איז נאָך אַזאַ יונגע בלום און שוין דאַרף זי וויסען אַזוי פיעל ליידען...

— יע, איצט דאַרף זי אינגיכען ווערען אַ מוטער — האָט יעקב געזאָגט, — און זי איז שטענדיג פאַראומערט און פאַרטרויערט.. און ווען זי דער־מאָהנט זיך פון דעם פאַנגט זי אָן צו וויינען...

רבקה איז זעהר געריהרט געוואָרען פון דעם, וואָס יעקב האָט איהם נאָר וואָס דערצעהלט. זי האָט אַוועקגערופען דינה׳ן אָן אַ זייט און איהר אַרומגענומען און צערטליך געגלעט.

— מיין ליבעס קינד, דו דאַרפסט זיך זעהן שטאַרקען... בעמיה זיך צו פאַרגעסען די טרויעריגע געשעהענים... עס איז אַזוי געווען באַשערט פון גאָט... געלויבט איז דער באַשעפער, וואָס דו האָסט דיין לעבען נישט פאַרלוירען...

— אה, באָבע, — האָט דינה נישט אויפגעהערט צו וויינען — הלואי וואָלט איך בעסער געשטאָרבען, איידער דורכצומאַכען אַזאַ גרוילהאַפטע איבערלעבונג...

— דיינע ברידער האָבען זיך דאָך אָבער מיט דיינע בעטריגער אָפּגערעכענט און גאָט וועט געבען אַז דאָס קינד וועט דיר נאָך ברענגען אַ סך גליק און טרייסט..

דינה האָט אַרונטערגעלאָזען איהרע אויגען און געשוויגען.

אייניגע וואָכען זיינען פאַריבער און יעקב האָט זיך שוין גוט איינגעאָרדענט אין חברון. זיינע געצעלטען זיינען שוין אויפגעשטעלט געוואָרען און די ביידלעך פאַר די בהמות זיינען שוין אויך פאַרטיג געוואָרען.

דינה האָט געבוירען אַ טאָכטער און יעקב האָט איהר אַ נאָמען געגעבען נעמה, זאָגענדיג, אַז פון יעצט אָן וועט דינה'ס לעבען זיס ווערען.

מיט דעם געבורט פון איהר טאָכטער, האָט זיך דינה אינגאַנצען געענדערט. זי איז פרעהליכער געוואָרען און ביסלעכוויז זיינען איהרע טרויעריגע געדאַנקען פאַרשוואונדען. איהר קינד האָט זי ליעב געהאַט מיט איהר גאַנצען לייב און לעבען.

אַלע איהרע ברידער האָבען נעמה'ן שטאַרק ליעב געהאַט. זי איז געווען אַ וואונדער־שעהנעס קינד, זעהר געראָטען און ליעבליך.

דינה איז יעצט געווען אַ גליקליכע מוטער און זעהענדיג ווי איהר פאָטער און איהרע ברודער האָבען ליעב איהר טאָכטער, איז איהר גליק נאָך גרעסער געוואָרען.

ווען נעמה איז דריי יאָהר אַלט געוואָרען האָט יעקב געמאַכט אַ גרויסאַרטיגען מאַלצייט צו איהר געבורטסטאָג. דאָס איז געווען די ערשטע גרויסע שמחה, וואָס די משפחה פון יעקב האָט געפייערט, זינט זיי האָבען זיך באַזעצט אין חברון.

די טישען זיינען געווען געדעקט מיט די בעסטע מאכלים און געטראַנקען.

יצחק און רבקה, דער זיידע און די באָבע זיינען געזעסען אויבען אָן נעבען זייער רעכטע האַנט איז געזעסען יעקב און זיינע צוועלף זיהן, דינה מיט איהר טעכטער'ל, נעמה, זיינען געזעסען פון זייער לינקע האַנט.

דער אַלטער גרייז־גראָהעער יצחק האָט אויפגעהויבען זיין כוס מיט וויין און זיך אָפּגערופען:

— געלויבט איז גאָט, וואָס איך האָב דערלעבט צו זיין מיט דער גאַנצער משפחה פון מיין זוהן און צו פייערען דעם דריטען געבורטסטאָג פון מיין אוראייניקעל... און כאָטש דער ווילען פון דעם אַלמעכטיגען איז געווען מיר בלינד צו מאַכען, דאָך זעה איך אייך אַלעמען... איך זעה אַזוי קלאָהר און דייטליך מיין אוראייניקעל נעמה'ן — האָט יצחק אַרויפגעלעגט זיינע הענט אויף איהר קאָפּ — זיי געבענשט מיין טאָכטער, זאָל גאָט געבען, אַז דו זאָלסט הייראַטען מיט אַ מאַן, וואָס זאָל זיין גרויס און מעכטיג... וועלכער זאָל געפינען גנאַדע אין די אויגען פון גאָט און מענשען..

אין דינה'ס אויגען האָבען זיך באַוויזען טרעהרען. אָבער זי האָט זיך באַהערשט און צוגעגאַנגען און אַ קוש געטהאָן איהר זיידען.

— איך דאַנק דיר, זיידע פאַר די הערצליכע ברכה, וואָס דו האָסט

מיין טאָכטער געגעבען, איך צווייפעל נישט, אַז דיין ברכה וועט מקויים ווערען... כאָטש איך ווייס נישט אויב איך בין דאָס ווערטה ביי גאָט..

— דיין גרויס נחת, וואָס דו וועסט האָבען פון דיין טאָכטער וועט דיר מאַכען פאַרגעסען, אַז דו האָסט ווען עס איז געליטען — האָט יצחק זיך אָפּגערופען צו דינה'ן.

נאָך האַלבען טאָג, ווי דער מאַלצייט האָט זיך געענדיגט האָבען זיך יעקב'ס זיהן אויפגעהויבען פון זייערע פלעצער.

— מיר וועלען זיך יעצט אריבערכאַפּען אין פעלד, צו אונזערע שאָף, — האָט ראובן געזאָגט — מיר קענען זיך אינגאַנצען אויף די פאַסטוכער נישט פאַרלאָזען ... זעהר פיעל שאָף געהען פאַרלאָרען, ווען מיר פאַרלאָזען זיך אינגאַנצען אויף זיי.

יעדער פון די ברידער האָט געקושט נעמה'ן און זיי זיינען אַוועק אין פעלד.

יוסף'ן האָט יעקב נאָך נישט געלאָזען געהן אין פעלד צוזאַמען מיט די איבעריגע ברידער, כאָטש ער איז שוין געווען באַלד פופצעהן יאָהר אַלט. יעקב'ן איז געווען זיך שווער צו שיידען מיט איהם אַפילו אויף איין איינציגען טאָג.

יעקב'ס אינגסטער זוהן, בנימין איז נאָך געווען אַ קינד, בלויז עטליכע חדשים עלטער פון נעמה'ן און דעריבער פלעגט זיך בנימין שטענדיג שפּילען מיט נעמה'ן און יוסף פלעגט מיט זיי ביידען פאַרברענגען פיעלע צייט.

גלייך נאָכ'ן מאַלצייט איז נעמה אַרוים זיך שפּילען נעבען הויז מיט בנימין.

דינה און יעקב'ס פרויען, זלפּה און בלהה, זיינען פאַרבליבען אין הויז. זיי האָבען געהאָלפען די דינסטען מאַכען אָרדענונג.

פלוצלונג איז אַריינגעקומען דער קליינער בנימין אַ וויינענדיגער.

— וואָס וויינסטו מיין קינד, איז לאה צו איהם צוגעגאַנגען.

בנימין האָט זיך נאָך שטאַרקער פאַרכליפּעט.

— מסתמא האָבען זיי זיך שוין ווידער צושלאָגען — האָט דינה זיך אָפּגערופען מיט אַ שמייכעל — נעכטען האָט ער נעמה'ן געשלאָגען און היינט האָט זי וואַרשיינליך איהם געשלאָגען...

— ניין! ניין! נעמה האָט מיר נישט געשלאָגען — האָט בנימין נישט אויפגעהערט צו וויינען.

— טו פאַר וואָס־זשע וויינסטו בנימין? — האָט איהם דינה אַרויפ־גענומען אויף איהר שויס.

אַ פרוי האָט.. המ... המ... צוגענומען נעמה'ן און מיט איהר אַוועק געריטען...

— וואָס?! — האָט דינה זיך אויפגעשטעלט אַ דערשראָקענע. — וואו איז נעמה?...

— די פרוי איז מיט איהר אַוועקגעריטען! — האָט בנימין געכליפּעט.

— וועלכע פרוי, ווער איז זי דאָס? — האָט זיך דינה געלאָזט לויפען אין דרויסען און נאָך איהר זיינען די איבעריגע נאָכגעלאָפען.
— נעמה! נעמה! — האָבען אַלע גענומען שרייען — נעמה, וואו ביזטו?!
דינה איז געוואָרען היסטעריש, זי איז געפאַלען אין חלשות.
צו די געוואַלדען און די געשרייען זיינען זיך אַלע צוזאַמענגעלאָפען.
— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט יעקב אויסגערופען אַ דערשראָקענער.
— נעמה איז ניטאָ! — האָט לאה אויסגערופען.
— וואָס מיינסטו? — האָט יעקב געזאָגט — איך האָב דאָך איהר נישט לאַנג געזעהן זיך שפּילענדיג מיט בנימין'ען...
זלפה און בלהה האָבען גענומען מינטערען דינה'ן.
— וואו איז מיין קינד?! — האָט דינה נישט אויפגעהערט צו וויינען און יאָמערען.
— ווייז נישט מיין טאָכטער! זי וועט זיך באַלד אויפזוכען — האָט איהר יעקב געפּרובירט טרייסטען, אָבער אַליין איז ער אויך געוואָרען דערשראָקען.
— בנימין זאָגט, אַז אַ פרוי האָט מיט איהר אַוועקגעריטען אויף אַ פערד — האָט לאה געזאָגט יעקב'ן.
יעקב האָט גלייך גענומען אויספרעגען בנימין'ען:
— אַ פרוי האָט איהר צוגענומען... — האָט דער קליינער בנימין נאָך אַלץ געוויינט.
— וואוהין האָט זי אַוועקגעריטען? — האָט איהם יעקב געפרעגט.
— אָט דאָרטען! — האָט בנימין אָנגעצייגט מיט'ן פינגער.
אימיצער האָט נעמה'ן צוגע'גנב'עט — האָט יעקב אויסגערופען — שנעלער זאָל מען נעהמען די פערד און זיך נאָכיאָגען...
איינינגע קנעכט האָבען זיך געזעצט אויף די פערד און זיך אַוועקגעלאָזען אין פערשיעדענע ריכטונגען.
— איך וועל געהן רופען די ברידער — האָט זייך יוסף אָפּגערופען.
און זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין פערד. ער האָט שנעל אַוועקגעריטען צו זיינע ברידער אין פעלד.

.2

זבורית אין חברון

ווען זבורית האָט זיך דערוואוסט וואָס דינה'ס ברידער האָבען געטהאָן צו שכם'ן און צו זיין פאָטער חמור'ן, האָט זי זיך שטאַרק דערשראָקען, טאָמער וועלען זיי זיך וועלען אויך אָפּרעכענען מיט איהר, איז זי דעריבער גלייך אַנטלאָפען פון שכם. איינינגע וואָכען האָט זי זיך אויסבאַהאַלטען. ווי זי האָט דערהערט, אַז יעקב האָט פאַרלאָזען שכם האָט זי זיך אומגע־

קעהרט אין שטאָדט. יעצט האָט איהר שטאַרק פאַרדראָסען, וואָס זי האָט פאַרראַטען שכם׳ן. זי האָט איהם אַלץ ליעב געהאַט...

זבורית האָט געהאַט אַן עלטערען ברודער און זיין נאָמען איז געווען סרטן (סארטאָן).

ווען זי איז אַריינגעקומען אין איהר הויז, האָט זי געטראָפען סרטן׳ען באַהאַלטענדיג זיך.

— יעצט האָסטו גאָרנישט וואָס מורא צו האָבען — האָט זבורית צו איהם געזאָגט — די משפחה פון יעקב האָבען שוין לאַנג פערלאָזען שכם...

— זיי האָבען חרוב געמאַכט אונזער שטאָדט — האָט סרטן זיך אָפּגערופען — אַזעלכע גרויסע העלדען טרעפט מען זעהר זעלטען... זיי האָבען אָנגעוואָרפען אַ שרעק אויף אונז אַלעמען...

— און איך בין אַליין שולדיג אין דעם וואָס זיי האָבען געטויטעט שכם׳ן — האָט זבורית געוויינט... — איך בין געווען אויף חמור׳ן אין כעס, ווייל ער האָט זיך פון מיר אויסגעלאַכט, בין איך אַוועק צו יעקב׳ן און איהם געזאָגט, אַז שכם האָט געפאַנגען דינה׳ן. האָב איך דען געזאָלט וויסען, אַז זיי זיינען אַזוי שטאַרק, דאָס זיי וועלען נישט מורא האָבען זיך אָנצופאַנגען מיט שכם׳ן...

— מיר קענען דאָ אין שכם מעהר נישט פערבלייבען — האָט זיך סרטן אָפּגערופען צו זיין שוועסטער — ווען די איבערגעבליבענע איינוואָהנער וועלען זיך דערוויסען דאָס דו האָסט פאַראורזאַכט אָט די אַלע צרות, וועלען זיי אונז ביידען בעפאַלען און טויטען.

— וואוהין זאָלען מיר געהן? — האָט זבורית איהם געפרעגט.

— די בעסטע זאַך פאַר אונז וואָלט געווען, ווען מיר געהן נאָך מצרים! — האָט סרטן געענטפערט — דו ביזט נאָך זעהר יונג און שעהן... און די מצריים וויסען זעהר ווי אָפּצושאַצען די שעהנקייט פון אַ פרוי... און אויב די געטער וועלען זיין גנעדיג צו דיר, קען מעגליך זיין, אַז איך זאָל דורך דער עפּעס אויך געניסען.

— און וואָס וועלען מיר דאָרט טהאָן אויב די געטער וועלען צו מיר נישט זיין גנעדיג? — האָט זבורית איהם געפרעגט...

— דאַן וועל איך קענען טהאָן אין מצרים דאָס וואָס איך האָב געטהאָן אין שכם... איך קען גוט די מלאכה פון באַקען, וועל איך זיך קענען דערנעהרען און אויך דיר.

— גוט, איך שטים איין צו געהן מיט דיר נאָך מצרים — האָט זבורית געזאָגט — אָבער דו מוזט מיר פערשפּרעכען, אַז אויפ׳ן וועג נאָך מצרים זאָלען מיר זיך אָפּשטעלען אין דער שטאָדט חברון...

— פאַרוואָס עפּעס אין חברון? — האָט איהר סרטן געפרעגט.

— ווייל איך געדענק אַז דינה האָט מיר געזאָגט, דאָס זיי וועלען פון דאַנען אָפּרייזען נאָך חברון, וואו איהר פאָטער׳ס עלטערען געפינען זיך... איך בין זיכער, אַז דאָרטען וועל איך קענען טרעפען די גאַנצע משפחה פון יעקב.

— אָבער, שוועסטער! — האָט סרטן אויסגערופען — מיר זוכען

צו אנטלויפען אין גאַנצען פון כנען, כדי מיר זאָלען אויסמיידען די וועלכע קענען אונז שלעכטעס טהאָן, און דו ווילסט נאָך אַליין קומען צו זיי ? !

— וועגען דעם דאַרפסטו נישט זאָרגען, איך וועל זיך וויסען ווי אויסצוהיטען פון זיי. און דיר קען דאָך קיינער פון זיי נישט.

— אָבער קענסטו מיר נישט זאָגען די אורזאַכע פאַרוואָס דו ווילסט דוקא זיך אָפּשטעלען אין דער שטאָדט, וואו עס געפינען זיך דיינע שונאים ? דו ווייסט דאָך וואָס זיי וואָלטען צו דיר געטהאָן, ווען זיי טרעפען דיר אין זייער שטאָדט... איז דאָס מעגליך, אַז דו האָסט ליעב איינעם פון דינה'ס ברידער ?

— איך בעט דיר, מיין ברודער טרייב נישט קיין שפּאַס מיט מיר, ווי אַזוי קען איך ליעבען אָט די וועלכע האָבען חרוב געמאַכט אונזער שטאָדט... די וועלכע האָבען געטויטעט דעם מאַן וועמען איך האָב אַזוי שטאַרק ליעב געהאַט...

— דו האָסט שכם'ן נישט ליעב געהאַט — האָט סרטן זיך צו איהר אָפּגערופען — ווען דו וואָלסט איהם אין אמת'ן ליעב געהאַט וואָלסטו נישט געגאַנגען און איהם פעררעטהען און דאַמיט פעראורזאַכען זיין טויט.

— דאָס האָב איך געטהאָן אין אַ רגע פון גרויס כעס און אויפרעגונג... ער האָט פערשפּראָכען צו הייראַטהען מיט מיר, אויב איך וועל איהם אַרויסהעלפען קריגען דינה'ן און ווען איך האָב איהם געהאָלפען און דינה איז געווען אין זיין רשות, האָט ער מיר אינגאַנצען פערטריבען פון הויז... יע, איך ווייס, אַז איך האָב זיך בענאַרישט. איך האָב געדאַרפט האָבען אַביסעל געדולד... ער וואָלט ענדליך מיט מיר געהייראַט... מעגליך, אַז עס וואָלט געדויערט אַביסעל לענגער... יע, ווען איך וואָלט דאַמאָלסט געקענט זיך בעהערשען, וואָלט צו קיין בלוט פערגיסונגען נישט געקומען... שכם וואָלט געהייראַט מיט דינה'ן און איהרע ברידער וואָלטען איהם דאַן גאָרנישט געקענט טהאָן.

— אויב אַזוי קען איך דיר טאַקע נישט פאַרשטעהן, פאַרוואָס דו ווילסט זיך אָפּשטעלען אין חברון ? — האָט סרטן געזאָגט.

— איך בין זעהר נייגעריג צו זעהן דינה'ן — האָט זבורית זיך אָפּגערופען — איך וועל אין חברון פערבלייבען אַזוי לאַנג ווי מיר וועט געלינגען איהר צו זעהן.

— אָבער טאָמער וועט זי דיר דערקענען ?

— איך וועל טראָגען אַ שלייער אויף מיין פּנים די גאַנצע צייט, וואָס איך וועל פערברענגען אין חברון — האָט זבורית געענטפערט — מיר דאַרפען זיך נישט צואיילען... מיר וועלען זיך אַוועקלאָזען אין וועג נאָך דער שניט צייט, דאַן וועלען מיר האָבען די מעגליכקייט צו פערקויפען די תבואה פון אונזער פעלד.

זבורית און סרטן זיינען פערבליבען אין שכם פאַר אייניגע מאָנאַטען, ביז נאָך שניט צייט. זיי האָבען אויך אַריבערגעוואַרט דעם סעזאָן פון רעגען, דאַן האָבען זיי אַלעס פערקויפט און זיך אַוועקגעלאָזען אין וועג.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין חברון, האָט סרטן צוגויפגעשטעלט צוויי

געצעלטען הינטערן שטאָדט, פאַר איהם און זיין שוועסטער, און נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך אויסגערוהט איינינע טעג, איז זבורית געגאַנגען צו דעם פּלאַץ, וואו יעקב און זיין משפחה געפינט זיך.

זי האָט זיך גענומען נאָכפרעגען ביי די דורכגעהער וואו זיי געפינען זיך.

— אה, יעקב, וועלכער איז נאַר וואָס אָנגעקומען פון חרן? — האָט איהר אַ דורכגעהער געפרעגט.

— יע, — האָט זבורית געענטפערט. איך מיין יענע משפחה.

— אויב אַזוי דאַרפסטו וויט נישט געהן — האָט יענער איהר געענטפערט — יעקב און זיין משפחה האָבען זיך בעזעצט אויף דעם זעלבען לאַנד, וואו זיין פאָטער יצחק געפינט זיך. און אויב דו וועסט געהן רעכטס פאַר בלויז אייניגע רגעים, וועסטו דאָרטען אָנקומען.

זבורית האָט איהם בעדאַנקט און איז ווייטער געגאַנגען. פון ווייטען האָט זי בעמערקט די פיעלע געצעלטען, די ביידלאַך פאַר די בהמות און זי האָט פערשטאַנען, אז דאָרטען געפינט זיך יעקב׳ס משפחה. זי האָט אַרונטערגעלאָזען איהר שלייער.

ווער וואָהנט דאָרטען? — האָט זבורית אַ פרעג געטהאָן אַ דערביי־איגע שכנה, זובענדיג צו פערקניפּען אַ געשפּרעך מיט איהר.

— דאָרטען וואָהנען יעקב מיט זיין גאַנצע משפחה...

— ווער איז ער דאָס, אָט דער יעקב? וואָס אַלע ריידען פון איהם?

— האָט זבורית איהר געפרעגט.

— ווייסט דען נישט, ווער יעקב איז? — האָט איהר די שכנה אָנגעקוקט מיט פערוואונדערונג.

— איך בין אַ פרעמדע, און איך בין נישט בעקאַנט מיט די איינ־וואָהנער פון שטאָדט — האָט זבורית געזאָגט.

— יעקב איז יעצט דער רייכסטער מאַן אין חברון... מיט יאָהרען צוריק איז ער אַנטלאָפען פון זיין ברודער עשו, ווייל ער האָט איהם געוואָלט טויטען צוליעב אַ ברכה, וואָס ער האָט אויסגענאַרט ביי זיין פאָטער... ער איז אַנטלאָפען צו זיין מוטער׳ס ברודער קיין חרן... מען דערצעהלט, אז ער איז אָנגעקומען אין חרן זעהר אָרים, און צוריקגעקעהרט האָט ער זיך נישט לאַנג צוריק, מיט אַזוי פיעל רייכטהום, מען גלויבט, אז אין גאַנץ כנען איז ניטאָ אַזאַ רייכער מאַן ווי יעקב...

— און וויפיעל זיהן האָט ער? — האָט זבורית איהר ווייטער געפרעגט.

— צוועלף זיהן האָט ער פון זיינע פיער פרויען, איין פרוי איז ביי איהם געשטאָרבען אויפ׳ן וועג... מען זאָגט, אז יענע פרוי, רחל האָט זי געהייסען, האָט ער ליעב געהאַט מעהר פון די איבעריגע פרויען... זי איז געשטאָרבען בשעת זי האָט איהם געבאָרען דעם לעצטען זוהן.

— און קיין טעכטער האָט ער נים? — האָט זבורית געזוכט אַלץ מעהר אַרויסצוקריגען פון איהר.

— בלויז איין טאָכטער! — האָט די שכנה געזאָגט — און גלויב מיר. אַז זי פערשאַפט איהם אויך נישט קיין גרויס נחת...

— וואָס מיינסטו?

— איך מיין — האָט די שכנה איהר אַריינגערוימט אין אויער — אַז זיין טאָכטער, דינה הייסט זי, האָט זיך ווי עס ווייזט אויס, זעהר שלעכט אויפגעפיהרט.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס?

— אַלע ווייסען דערפון! — האָט די שכנה אויסגערופען. — זי האָט דאָך דאָ נישט לאַנג געבוירען א טאָכטער... און דאָס קינד האָט אפילו נישט קיין פאָטער...

דאָס בלוט האָט אַ זעץ געטהאָן זבורית'ן אין פנים. זי האָט געבוירען א טאָכטער פון שכם'ן. — האָט זי געטראַכט אָה, ווי נייגעריג זי איז איהר צו זעהן.

— האָסטו ווען עס איז געזעהן דינה'ס טאָכטער? — האָט זבורית געפרעגט — איז זי עפּעס אַ שעהן קינד?

— איך האָב איהר נישט לאַנג צוריק געזעהן, זי איז שעהן ווי אַ קליינער מלאך... דו דאַרפסט נישט פארגעסען, אַז דינה אַליין איז אויך אַ זעלטענע שעהנהייט... איך בין זעהר נייגעריג צו ווּיסען ווי אַזוי דער פאָטער פון איהר טאָכטער האָט אויסגעקוקט...

זבורית האָט אַ שטילען זיפץ געטהאָן און נאָכהער האָט זי זיך אָפּגערופען:

— עס פערשטעהט זיך, אַז ער האָט אויך געמוזט זעהר שעהן זיין...

— די גאַנצע משפחה יעקב'ס זיינען זעהר שעהן און העלדיש — האָט די שכנה געזאָגט — אָבער איין זוהן האָט יעקב, איז צו זיין שעהנקייט ניטאָ קיין גלייכען... ער איז נאָך גאָר יונג, מיר דוכט זיך, אַז ער איז אַרום פופצעהן יאָהר.

— און ווי איז זיין נאָמען — האָט זבורית איהר געפרעגט.

— זיין נאָמען איז יוסף! און ווער נאָר עס דערזעהט איהם קען די אויגען פון איהם נישט אַרונטערנעהמען... ער בעצויבערט אַליין מיט זיין אויסערגעוועהנליכען שעהנעם אויסזעהן...

— איך בין זעהר נייגעריג אָנצוקוקען זיין פּנים! — האָט זבורית געזאָגט.

— דו קענסט אַריינקומען אין יעקב'ס הויז, דאָרטען וועסטו אַלעמען קענען זעהן — האָט די שכנה געזאָגט — דיר וועט עס נישט שווער אָנקומען, וויל יעקב'ס הויז איז אָפען פאַר אַלע פרעמדע דורכגעהער... שטענדיג געפינען זיך אין זיין הויז אורחים...

— אָבער דאָך קענסטו מיר פּילייכט זאָגען צו וועלכע צייט יוסף קומט אַרוים אין גאַס?

— אין אָבענד, איידער די זון פערגעהט, דאַן געהרען זיך אום זיינע ברידער פון פעלד מיט די שאָף און יוסף געהט זיי אימער ענטקעגען...

— און דינה?

— דינה איז כמעט דעם גאַנצען טאָג אין דרויסען מיט איהר קינד — האָט די שכנה זיך אָפּגערופען — זי איז זעהר שטאַרק צוגעבונדען צו

איהר טאָכטער.

— ווייסטו פיליכט ווי דינה'ס טאָכטער הייסט? — האָט זבורית געפרעגט.

— פאַר וואָס זאָל איך ניט וויסען? וויפיעל מאָל האָב איך איהר גערופען ביי איהר נאָמען... זי איז דאָך אַזוי קלוג... ווען זי איז אַלט געוועזען בלויז איינינע מאָנאטען האָט זי זיך אָפּגערופען, ווען איך האָב איהר ביי איהר נאָמען גערופען... נעמה הייסט זי...

— נעמה, נעמה! — האָט זבורית ווידערהאָלט, עס איז זעהר אַ שעהנער נאָמען.

זבורית האָט זיך אומגעקעהרט צו איהר ברודער און זיך אָפּגערופען אַ פרעהליכע:

— איך האָב היינט אויסגעפונען פיעלע זאַכען פון דער משפחה פון יעקב'ן. אַ דערבייאיגע שכנה האָט מיר דאָס אַלע דערצעהלט... דו ווייסט, דינה האָט געבאָרען אַ טאָכטער פון שכם'ן!

— נו, און וואָס איז דאָס אַזוי גרויס דיין שמחה? — האָט איהר סרטן אָנגעקוקט...

— אה, ווי אומגעדולדיג איך בין איהר צו זעהן! — האָט זבורית אויסגערופען — איך בין זיכער, אַז זי איז עהנליך צו שכם'ן... איך וויל, אַז דו זאָלסט מאָרגען מיט מיר צוקומען נאָהענט צו די געצעלטען פון יעקב'ן... איך וועל טראָגען אַ דיקען שלייער און קיינער וועט מיר נישט דערקענען... מירביידע וועלען פאַרבייגעהען און דו וועסט עפּעס פרעגען ביי דינה'ן, דערווייל וועל איך האָבען אַ געלעגענהייט צו בעטראַכטען שכם'ס טאָכטער...

— גוט איך וועל דיר דיזע געפעליגקייט טהאָן — האָט סרטן געזאָגט — אָבער וועסטו גלייך נאָכדעם מיט מיר פערלאָזען חברון און געהן נאָך מצרים...

— דאָס וועלען מיר נאכהער בעשליסען — האָט זבורית געזאָגט, — דו וועסט מיר מוזען פריהער אין אַלעם אַרויסהעלפען און דאַן וועל איך טהאָן דיין פערלאַנג...

— דו ביסט דאָך אַזוי רייצענד שעהן, מיין שוועסטער — האָט סרטן זיך אָפּגערופען — איך בין זיכער, אַז אין מצרים וועט אונז דאָס גליק ענטקעגען קומען... ווער ווייס אויב דו וועסט נאָך נישט ווערען אַ הערשערין פון מצרים... צווישען די מצרי'שע פרויען וועט דאָך קיינע נישט זיין וועלכע זאָל זיך קענען פערגלייכען מיט דיר אין שעהנקייט... אָה, ווי נייגעריג איך בין שוין צו זיין אין מצרים!

— און ווער ווייס אויב פון אַלע דיינע גליקען זאָל איך נאָך אַקאָרשט נישט זיין געצוואונגען זיך צו פערקויפען פאַר אַ דינסט — האָט זבורית געשמייכעלט.

— איך וועל נישט דערלאָזען עס זאָל דערצו קומען — האָט סרטן געענטפערט. איך וועל געפינען אַרבייט אַלס בעקער פון ברויט, אין מצרים און איך וועל זעהן דיר שטיצען ביז וואַנען דו וועסט דערגרייכען צו וואָס דו שטרעבסט... נישט אומזיסט האָבען מיר אימער געהאַט אַ מצרי'שע

דינסט אין אונזער הויז, מיר האָבען פון איהר פּילעס געלעהרענט פון דעם לעבען פון מצרים...

— און פון איהר האָבען מיר זיך אויך אויסגעלערענט צו ריידען זייער שפּראַך — האָט זבורית געזאָגט — דאָס וועט אונז שטאַרק צוניץ קומען אין אַ פרעמדען לאַנד...

אויף מאָרגען, נאָכמיטאָג, איז זבורית אַוועק געשפּאַצירט מיט איהר ברודער צו די געצעלטען פון יעקב׳ן... איהר פּנים האָט זי פאַרדעקט מיט אַ דיקען שלייער, און זיי זיינען ביידע אַוועק אָן אַ זייט, כדי קיינער פון יעקב׳ס משפחה זאָל זיי נישט באַמערקען... אַ היבשע ווײַלע האָבען זיי אַזוי געשפּאַצירט, און פּלוצלונג האָט זבורית באַמערקט ווי דינה קומט אַרויס מיט אַ קליין קינד אויף איהר האַנט...

— אָט דאָס איז דאָס קינד וואָס זי האָט געבוירען פון שכם׳ן, — האָט זבורית זיך שטילערהייט אָפּגערופען צו איהר ברודער...

ביידע האָבען זיך אַוועקגעשטעלט הינטער אַ בוים, פון וואַנען זיי האָבען גוט געקענט באַמערקען דינה׳ן מיט איהר קליינע טאָכטער...

— דו ווייסט, זבורית, — האָט סרטן געזאָגט, — מיר דוכט זיך, אַז דינה איז נאָך יעצט שעהנער ווי פריהער... אמת, איך האָב איהר בלויז איינמאָל געזעהן, און דאָס איז אויף דער פייערונג פון אונזער שטאָדט. אָבער יעצט קוקט זי אויס אין מיינע אויגען אַ סך מעהר צוציהענד ווי פריהער.

זבורית האָט אויף איהר ברודער׳ס באַמערקונג נישט געענטפערט. זי איז יעצט געווען פאַראינטערעסירט אין דער קליינער מיידעלע,וועמען דינה האָט אויף איהרע הענט געהאַלטען און זיך מיט איהר געשפּילט.

— איך וואָלט וועלען גוט אָנקוקען איהר טאָכטער׳ס פּנים, — האָט זי זיך שטילערהייט אָפּגערופען צו איהר ברודער. לאָמיר זיך דערנעהנטערען צו איהר... דו וועסט מיט איהר פאַרבינדען אַ געשפּרעך און איך וועל דערווייל האָבען אַ געלעגענהייט צו באַטראַכטען איהר קינד... איך וועל קיין וואָרט נישט אויסריידען און זי וועט ניט וויסען ווער איך בין...

— וואָס זאָל איך צו איהר רעדען? — האָט סרטן געפרעגט זיין שוועסטער.

— זאָג איהר, אַז דו און דיין פרוי זיינען פרעמדע אין דיזער שטאָדט און דו זאָלסט וועלען אויסגעפינען דעם קירצערען וועג צו די טויערען פון שטאָדט.

סרטן און זבורית זיינען צוגעגאַנגען צו דינה׳ן, וועלכע איז געווען אַזוי פאַרנומען מיט איהר קליינע טאָכטער, אַז אַ היבשע ווײַלע האָט זי זיי נישט באַמערקט.

— וועט מיין האַריענטע מיר ענטשולדיגען, — האָט סרטן זיך אָפּגע־רופען צו דינה׳ן.

דינה האָט אומגעקעהרט איהר פּנים און געפרעגט, וואָס ער ווינשט.

— איך און מיין פרוי זיינען פרעמדע אין שטאָדט און מיר איילען

זיך צוצוגעהן צו די טויערען פון שטאָדט, קענסטו אונז פּילייכט אָנצייגען דעם קירצסטען וועג? — האָט סרטן געזאָגט.

— יע, מיין האר! — האָט דינה זיך אויפגעשטעלט מיט נעמה׳ן אויף איהרע הענט, — איך וועל דיר אָנצייגען דעם קירצסטען וועג, אָבער אַזוי ווי איהר זייט פרעמדע און זיכער הונגעריג און דורשטיג, וועט איהר פּילייכט אריינקומען אין מיין פאָטער׳ס הויז און מיט עפּעס דערקוויקען אייער הארץ...

— איך דאַנק דיר, מיין האַרינטע, אָבער מיר זיינען נישט הונגעריג, און אַ חוץ דעם איילען מיר זיך זעהר.

— וועל איך אַרויסברענגען פרישע און קאַלטע וואַסער צו שטילען אייער דורשט, — האָט דינה געזאָגט.

— אויב מיר האָבען געפונען גנאָדע אין דיינע אויגען וואָלטען מיר דיר דאַנקבאַר זיין, ווען דו וועסט אונז ברענגען אַ ביסעל וואַסער... מיר זיינען ווירקליך דורשטיג.

דינה איז אריין אין הויז מיט איהר קינד אויף די הענט.

— האָסטו געזעהן וואָס פאַר אַ וואונדערשעהנע קינד זי האָט?

האָט זבורית זיך אָפּגערופען צו איהר ברודער. — זי איז אינגאַנצען געראָטען אין שכם׳ן... אָ, ווען איך קען דאָס קינד קריגען... איך וואָלט זעהר וועלען האָבען אַן אנדענקונג פון שכם׳ן...

— דו זעהסט דאָך ווי אונמעגליך דאָס איז... דינה לאָזט איהר נישט אָפּ פון זיך פאַר אַ רגע...

— איך מוז קריגען דאָס קינד! — האָט זבורית געזאָגט איהר ברודער, איך וועל די שטאָדט חברון נישט פאַרלאָזען איידער שכם׳ס טאָכטער וועט ניט זיין אין מיינע הענט.

— זי קומט אָן מיט דעם וואַסער און איהר קינד האָט זי איבער־געלאָזען אין הויז, — האָט סרטן אויסגערופען. זבורית איז ענטשוויגען געוואָרען און האָט דעם שלייער נאָך מעהר אַרונטערגערוקט.

דינה האָט זיי דערלאַנגט דאָס וואַסער און זיי האָבען געטרונקען. דערנאָך האָט זיי דינה צוגעפיהרט צום וועג און געזאָגט:

— דיזער וועג איז דער קירצסטער צו די טויערען פון שטאָדט, אָבער דער גאַנצער וועג ציהט זיך איבער אָפענע פעלדער און אַזוי ווי די היץ איז זעהר גרויס יעצט, וואָלט איך אייך געראָטען זיך צו פאַרנעמען אויף דעם צווייטען וועג, וואָס איז עטוואָס לענגער, אָבער דאָרט זיינען פאַראַן פילע בוימער און איהר קענט זיך דורך זייער שאָטען באַשיצען פון דער ברענענדער זון.

סרטן האָט איהר נאָך אַמאָל געדאַנקט און איז אַוועק מיט זבורית׳ן אויף דעם צווייטען וועג...

— זעהר גאַסטפריינדליכע מענשען זיינען אָט די עברים, — האָט סרטן געזאָגט צו זיין שוועסטער. זעה וויפיעל מיה זי האָט גענומען, כדי אונז צופרידענצושטעלען.

— אָבער ווען איך דערמאָן זיך ווי איהרע ברידער האָבען געטויטעט

שכם׳ן, אַזוי ברענט אין מיר מיין צאָרן. איך ווייס, אַז אַלעם איז געשעהן צוליעב איהר, צוליעב דינה׳ן. עס האָט זיי נאָך נישט געפּאַסט זיך מתחתן צו זיין מיט דעם פּרינץ פון אונזער שטאָדט... אַזוינע שטאָלצע מענשען האָב איך נאָך נישט געטראָפען... וועלכע מיידעל וואָלט זיך נישט געפיהלט העכסט גליקליך, ווען שכם וואָלט איהר געוואָלט נעהמען פאַר אַ פרוי... און דינה׳ן האָט ער גאָר געמוזט נעהמען געפאַנגען... אָט ווי שטאַרק איך האָס איהר דערפאַר... און ווען איך זאָל קענען אוועקגנב׳ענען איהר קינד, דאַן וואָלט עס מיר אין צווייען צופרידענגעשטעלט, איך וואָלט געהאַט נקמה גענומען פון דינה׳ן און אין דער זעלבער צייט וואָלט איך געהאַט מיט זיך די טאָכטער פון שכם... אָ, מיין ברודער, ערשט יעצט פיהל איך דעם גרויסען פאַרלוסט וואָס איך האָב ערליטען אין דעם טויט פון שכם׳ן... ערשט יעצט פיהל איך ווי גרויס מיין ליבע איז צו איהם געווען... איך וועל זיך אַליין קיינמאָל נישט קענען מוחל זיין פאַר מיין פאַרברעכען וואָס איך בין געגען איהם באַגאַנגען, וואָס איך בין אַוועק צו יעקב׳ן און איהם אויסגעזאָגט, אַז שכם האָט דינה׳ן געפאַנגען... ווען איך וואָלט זיך נאָר עטוואָס באַהערשט, וואָלט ער דאָך יעצט געלעבט און מעגליך, אַז ער וואָלט מיט מיר סוף כל סוף געהייראַט...

— אָבער פאַרוואָס זאָלסטו זיך יעצט נעהמען צו האַרצען וועגען דעם.

— האָט סרטן איהר געזוכט צו טרייסטען. שכם האָט דיר זעהר שלעכט באַהאַנדעלט נאָכדעם ווי דו האָסט פאַר איהם אַזוי פיעל געטהאָן... מיט דעם וואָס ער האָט דיך אָפּגענאַרט און דערצו נאָך פאַרטריבען פון זיך, ביסטו געווען באַרעכטיגט צו זיין אויף איהם אין כעס... און אַ חוץ דעם האָסטו דאָך זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס ער האָט געזאָגט צו דינה׳ן וועגען דיר. ער האָט דאָך דיך זעהר ערנידעריגט און באַליידיגט אין איהרע אויגען...

— ווער ווייס צו ער האָט עס נישט געזאָגט, כדי איהר צו באַרוהיגען... און ער האָט עס אפילו נישט געמיינט, — האָט זבורית געזאָגט.

— אָבער יעצט איז דאָך שוין אַלעם פאַרפאַלען, — האָט סרטן אויס־גערופען, — יעצט האָבען מיר דאָך אַנדערע פּלענער. מיר וועלען דאָך געהן אין מצרים... און איך בין זיכער, אַז דיין שטרעבונג צו מאַכט וועט דאָרטען פאַרווירקליכט ווערען... אַזאַ שעהנע פרוי, ווי דו, וועט אין מצרים נישט פאַרלוירען געהן... און דורך דיר, וועל איך אויך עפּעס געניסען... איך זאָג דיר, מיין שוועסטער, אַז מיר וואָלטען שוין לאַנג גענדאַרפט אָפּרייזען פון דאַנען נאָך מצרים...

— אָהן שכם׳ס קינד פאַרלאָז איך נישט חברון! — האָט זבורית געזאָגט, — איך מוז איהר קריגען און דאַן וועלען מיר קיין איבעריגע רגע אין חברון נישט פאַרבלייבען...

— איך האָב מורא, אַז איידער דו וועסט האָבען אַ מעגליכקייט דאָס צו טהאָן, וועט פיעל צייט פאַריבער. דו זעהסט דאָך, אַז דינה נעהמט איהרע אויגען פון איהר נישט אַראָפּ... זי איז מיט איהר שטענדיג, און ווי אַזוי וועסטו קענען גאָר צו איהר צוקומען...

— זבורית שרעקט זיך ניט פאַר קיין זאַך! — האָט זי אויסגערופען,

— איך מוז דאָס קינד אַוועקנעמען פֿון דינה׳ן, און מיך אַרט נישט אויב איך וועל דאַרפֿען וואַרטען אפילו אייניגע יאָהר אויף דעם...

— איך זעה נישט איין אויב עס וועט זיך לויענען צו פֿאַרלירען אייניגע יאָהר צוליעב דעם, — האָט סרטן געזאָגט, — ווען דו וועסט וועלען פֿאַרקויפֿען דינה׳ס קליינע טאָכטער פֿאַר אַ דינסט, וויפֿיעל וואָלסטו פֿאַר איהר געקראָגען?

— דו מאַכסט אַ טעות סרטן! — האָט זבורית זיך אָפּגערופֿען, — איך וועל שכם׳ס טאָכטער קיינמאָל נישט פֿאַרקויפֿען פֿאַר אַ דינסט... איך וועל זי ערציהען אַלס מיין אייגען קינד, איך וויל האָבען אַן אנדענקונג פֿון איהם...

— ווייסטו נישט, מיין שוועסטער, אויב דו קומסט אין מצרים מיט אַ קליין קינד, אַלס דיין אייגענע טאָכטער, דאַן פֿאַרלירסטו יעדע געלעגענהייט צו ווערען אַ פֿרוי פֿון אַן אָנגעזעהענעם מאַן אין מצרים?... קיינער וועט נישט וועלען הייראַטען מיט איינער, וועלכע האָט שוין אַ קינד, עס מאַכט נישט וויפֿיעל חן דו וועסט אין זיינע אויגען געפֿינען... מיין עצה איז ווי באַלד דיין הויפּט־צוועק איז די נקמה וואָס דו זוכסט צו נעהמען אָן דינה׳ן, וועט זיין אַ סך בעסער ווען דו גנב׳עסט צו איהר קינד און פֿאַרקויפֿסט זי פֿאַר אַ דינסט, אָדער מיר וועלען איהר אינגאַנצען טויטען.

— ניין! — האָט זבורית אויסגערופֿען, — איך וועל איהר פֿון זיך נישט אָפּלאָזען... אין מצרים וועל איך פֿאַר אַלעמען זאָגען, אַז זי איז מיין שוועסטער׳ס טאָכטער, און אַזוי ווי מיין שוועסטער און איהר מאַן זיינען טויט, האָב איך גענומען דאָס קינד צו ערציהען...

— דאָס איז זעהר אַ גוטער פּלאַן! — האָט סרטן אויסגערופֿען מיט פֿרייד, — ווי באַלד אַז דו וועסט זאָגען, אַז דאָס איז נישט דיין אייגענע טאָכטער אַרט מיך נישט וואָס דו וועסט טהאָן מיט איהר.

כמעט יעדען טאָג האָט סרטן מיט זיין שוועסטער זיך אומבאַמערקטערהייט באַוויזען אין דעם געגענד, וואו יעקב׳ס געצעלטען געפֿינען זיך... זיי האָבען געוואַרט אויף אַ געלעגענהייט, ווען דינה׳ס טאָכטער וועט זיך אַליין שפּילען... אָבער דאָס איז זעלטען געשעהן.

זיי האָבען פֿון די שכנים זיך דערוואוסט וועגען אַלעס. זיי האָבען אויסגעפֿונען, אַז דינה׳ס טאָכטער הייסט נעמה, און אַז יעקב׳ס אינגסטער זוהן בנימין, איז בלויז אייניגע מאָנאַטען עלטער פֿון נעמה׳ן.

די לעצטע צייט האָבען זיי באַמערקט, אַז בנימין און נעמה שפּילען זיך צוזאַמען אויף דעם גראָז נעבען זייער הויז...

— ווען זיי זאָלען נאָר זיך עטוואָס דערווייטערען פֿון הויז, — האָט זבורית געזאָגט, — דאַן וואָלט איך שוין געוואגט און איהר אַוועקגענומען...

— מיר וועלען אויך דאַרפֿען צונעהמען בנימין, — האָט סרטן זיך אָפּגערופֿען, — ווייל ער וועט דאָך געוויס גלייך דערצעהלען וואָס עס האָט פּאַסירט מיט איהר, און דאַן וועט מען זיך אונז נאָכיאָגען און אונז דערגרייכען.

— ניין, איך וועל בלויז צונעמען נעמה'ן — האָט זבורית געזאָגט, — און מיין עצה איז, אַז מיר זאָלען אַהערקומען צוגעגרייט מיט אונזערע פערד, און ווי נאָר איך וועל קריגען די געלעגענהייט, וועל איך איהר אַ נעהם טהאָן און אַרויפזעצען אויפ'ן פערד און מיר וועלען שנעל מיט איהר אַוועקרייטען, און איידער די משפחה פון יעקב'ן וועט אויסגעפינען וואָס עס האָט פּאַסירט, וועלען מיר שוין זיין ווייט אַוועקגעריטען.

— דו ביסט זעהר קלוג, מיין שוועסטער! — האָט סרטן צוגעשטימט.

— אזוי וועלען מיר טהאָן. איך וועל רייטען אויף מיין פערד נישט ווייט פון דאַנען און ווי דיר וועט געלינגען צו קריגען נעמה'ן, וועל איך שנעל אַנטקעגען קומען און מיר וועלען אַוועקרייטען, און קיין שפור וועט פון אונז נישט בלייבען.

זינט דאַן פלעגט סרטן אַרומרייטען אויף זיין פערד און זבורית פלעגט באַהאַלטענערהייט הינטער אַ בוים, נאָכפאָלגען מיט איהרע אויגען יעדע באַוועגונג וואָס נעמה מאַכט...

זבורית האָט איין טאָג באַמערקט, אַז אין יעקב'ס וואָהנונג קומט פאָר אַ שמחה. זי האָט געזעהן דורכ'ן פענסטער, אַז יעקב'ס גאַנצע משפחה האָט זיך פאַרזאַמעלט און מען איז דאָרטען זעהר פרעהליך... לאַנג איז זי גע־שטאַנען אין איהר באַהעלטעניש און נאָכגעפאָלגט מיט איהרע אויגען אַלעס וואָס קומט פאָר... אָט באַמערקט זי ווי אַלע הויבען זיך אויף פון טיש, ווי דינה'ס ברידער געהען אַוועק אין פעלד... אָט באַווייזט זיך דער קליינער בנימין מיט שפּילצייג און נאָך איהם נעמה. איהר האַרץ האָט גענומען שטאַרקער קלאַפּען. דינה איז יעצט פאַרנומען אין הויז... אַ קליינע ווייל̇ע האָט זי צוגעוואַרט... זי האָט אַ וואונק געטהאָן צו סרטן, וועלכער איז גע־זעסען אויף זיין פערד און געוואַרט אויף אַ צייכען פון זיין שוועסטער.

זבורית האָט געגעבען אַ וואונק צו איהר ברודער, און ער איז גלייך אָנגעקומען מיט'ן פערד.

זבורית האָט זיך שטילערהייט דערנעהנטערט צו בנימין און נעמה'ן... זי האָט זיך גוט אַרומגעקוקט און ווען זי האָט געזעהן, אַז קיינער באַמערקט ניט, האָט זי אַ כאַפּ געטהאָן נעמה'ן און אַרויפגעלעגט איהר האַנט אויף איהר מויל, זי זאָל נישט שרייען...

באַלד איז צוגעקומען סרטן מיט'ן פערד... זבורית האָט איהם איבער־געגעבען נעמה'ן און זי האָט זיך פלינק אַ הויב געטהאָן אויפ'ן פערד און ווען זי האָט זיך פעסט אָנגעהאַלטען אָן איהר ברודער, האָט ער אַ קלאַפּ געטהאָן דעם פערד און שנעל פאַרשוואונדען.

3.

קיין שפור פון נעמה׳ן...

יעקב׳ס זיהן זיינען אנגעקומען אין פעלד נאך האלבען טאג. זיי האבען געשיקט די פאסטוכער אהיים און זיי האבען גענומען פיטערען די שאף. לאנג האבען זיי צווישען זיך גערעדט, וועגען דעם מאלצייט וואס זייער פאטער האט געמאכט צו דעם דריטען געבורטסטאג פון דינה׳ס טאכטער...

— איך וויים נישט, — האט ראובן, דער עלטסטער פון די ברידער, זיך אפגערופען, — איידער דינה האט געבוירען נעמה׳ן האט זיך מיר געדוכט, אז איך וועל דאס קינד נישט קענען אנקוקען.... איך האב ביי זיך אין הארצען געוואונשען, אז אונזער שוועסטער זאל האבען א טויטעס קינד... איך האב געוואלט, אז עס זאל גארנישט בלייבען אונז צו דערמאנען אן דער טרויעריגער פאסירונג מיט אונזער ליבער שוועסטער... אבער יעצט האב איך נעמה׳ן אזוי ליעב, זי איז מיר אזוי איינגעבאקען אין הארצען, אז מיר וואונדערט זיך ווי אזוי איך האב גאר געקענט האבען אזעלכע שלעכטע מחשבות וועגען איהר...

— פונדעסטוועגען קען איך אלץ ניט פארשטעהן פאר וואס אונזער פאטער האט נישט געפייערט דעם דריטען געבורטסטאג פון בנימין, און פון נעמה׳ן האט ער יא געפייערט, — האט זיך יהודה אפגערופען, — ווי שעהן און געראטען נעמה זאל נישט זיין דארפען מיר דאך קיינמאל ניט פארגעסען ווער איהר פאטער איז...

— איך גלויב, — האט זיך לוי אפגערופען, — אז דאס האט דער פאטער געטהאן מיט כונה, צו צייגען דינה׳ן ווי שטארק ליעב אלע האבען איהר טאכטער... צו דערהויבען אביסעל איהר גייסט, זי זאל ביי זיך נישט זיין געפאלען...

— אבער מיט וואס האט בנימין פארזינדיגט, אז אין איהם האט מען זיך גאר פארגעסען, און מען האט קיין שמחה נישט געמאכט צו זיין געבורטסטאג, — האט יהודה ווייטער געזאגט.

— עס איז שוין צייט, אז דו זאלסט פארשטעהן, יהודה! — האט איהם ראובן געענטפערט, — די וואונד פון אונזער פאטער איז נאך נישט פארהיילט געווארען. כאטש מעהר ווי דריי יאהר זיינען פאראיבער זינט רחל׳ס טויט, האט ער דאך נאך נישט אויפגעהערט צו טרויערען נאך איהר... און ווען ער זאל פייערען דעם געבורטסטאג פון בנימין׳ען, וואלט עס אויפגעוועקט זיינע וואונדען און זיין טרויער וואלט נאך געווארען גרעסער.

— און איך מוז זיך מודה זיין, — האָט שמעון געזאָגט, אַז כאָטש איך האָב יעצט נעמה'ן נישט פיינט, אָבער זאָגען, אַז איך האָב איהר ליעב קען איך אויך נישט זאָגען... איך קען קיינמאָל פאַרגעסען איהר אָפּשטאַמונג..

— פונדעסטוועגען האָב איך נישט איינמאָל באַמערקט ווי דו האַלסט איהר אויף דיינע הענט און קושט איהר, אַזוי ווי זי וואָלט דיין אייגענע טאָכטער געווען, — האָט נפתלי זיך אָפּגערופען.

— קיינער קען דאָך נישט אָפּלייקענען, אַז זי איז אַ ליעבליך שעהנעם קינד, — האָט שמעון געזאָגט, — אָבער דאָך וועט דורך איהר בלייבען אַן אייביגער פלעק אויף אונזער משפחה...

— דו רעדסט אַזוי ווי דינה וואָלט אין דעם געווען אַליין שולדיג, — האָט איהם ראובן פאָרגעוואָרפען, — וואָס פאַר אַ פלעק קען דאָס זיין אויף אונזער משפחה, ווען אַן אומגליק האָט פּאַסירט מיט אונזער שוועסטער.. זי איז דאָך ריין און אומשולדיג פון זינד ווי אַ מלאך...

— איך זאָג נישט, אַז דינה איז אין דעם שולדיג, אָבער דאָך וועט נעמה אונז אימער דערמאָנען וועגען יענער אונאַנגענעהמער פּאַסירונג, — האָט שמעון געזאָגט.

— און מיר דוכט זיך, שמעון, אַז דו ביסט דער איינציגער, וועלכער וועט אונז שטענדיג דערמאָנען וועגען דעם, — האָט גד זיך אָפּגערופען, — מיר האָבען דאָך נקמה גענומען אָן דעם פאַרפיהרער פון אונזער שוועס־טער, און מיר האָבען שוין לאַנג געדאַרפט פאַרגעסען אָן דעם... אָבער דו לאָזט אונז נישט פאַרגעסען... אימער־צו וועסטו געפינען אַן אויסרייד צו ריידען וועגען דעם... יע, דו ווילסט מסתמא, אַז מיר זאָלען אימער געדענקען דיין גרויסע העלדישקייט וואָס דו האָסט אַרויסגעוויזען ווען מיר האָבען נקמה גענומען אָן שכם און חמור...

— „מיר האָבען נקמה גענומען!“ — האָט שמעון געלאַכט. — דו נעמסט זיך אויך אַריין אין חשבון... דו ביסט דאָך ערגיץ וואו געלעגען באַהאַלטען, און האָסט געציטערט אַרויסצוגעהן... מיין גרויסער העלד וואָס דו ביסט... „מיר האָבען נקמה גענומען“... ווי קומסטו, אַ זוהן פון אַ דינסט, צו זיין בראוו!..

— איהר פאַנגט זיך אָן ווידער צו קריגען! — האָט ראובן אָנגע־שריען אויף שמעון'ען, — איך האָב דיר שוין לאַנג געזאָגט, אַז פון די אָפּטע קריגערייען, וואָס הערשט צווישען ברידער, וועט קיינמאָל קיין גוטעס נישט אַרויסקומען... און איך וואָרען דיר נאָך אַמאָל, שמעון, — האָט ראובן געזאָגט שטילערהייט, — דו זאָלסט אַזוי נישט ריידען צו אונזערע ברידער, די זיהן פון בלהה'ן און פון זלפּה'ן... מיר זיינען אַלע גלייכע יחסנים, אַלע זיהן פון איין פאָטער... און דו האָסט קיין רעכט נישט צו באַליידיגען אַ ברודער, וועלכער איז נישט געבוירען געוואָרען פון איין מוטער מיט דיר... דו קאָנסט זיך פאָרשטעלען ווי שטאַרק אין כעס דער פאָטער וואָלט געווען, ווען ער וואָלט דיר געהערט אַזוי ריידענדיג...

— איך האָב איהם נישט געמיינט צו באַליידיגען — האָט זיך שמעון

פֿאַרענטפֿערט — אָבער איך קאָן נישט ליידען ווי ער נעמט זיך אַלעמאָל אַריין אין כּלל פֿון די העלדען... און ער איז אַזאַ פּייגלינג...

— נו, גענוג! — האָט ראובן אויסגערופֿען. לאָמיר נישט פֿאַרברייגען די צייט אויף גאָרנישט, די שאָף זיינען צושפּרייט, און פֿילע שעפּסען זיינען שוין צו ווייט אַוועק, לאָמיר זיי געהן צונויפֿטרייבען.

— אימיצער קומט אָן! — האָט יהודה אויסגערופֿען — ער קומט אָן רייטענדיג אויף אַ פֿערד!

— ווער קאָן עס זיין? — האָבען אַלע אָנגעשטרענגט זייערע אויגען.

— מיר דוכט אַז עס איז יוסף! האָט נפתלי זיך אָפּגערופֿען.

— יוסף! האָט שמעון זיך אָפּגערופֿען — איז דאָס מעגליך, אַז דער פֿאָטער האָט איהם געשיקט אונז העלפֿען מיט די שאָף. מיר גלויבט זיך דאָס קוים, דער פֿאָטער זאָל אַראָפּנעמען די האַנט פֿון האַרצען און שיקען זיין ליבלינג זוהן פּיטערען די שאָף צוזאַמען מיט אונז.

— וואָס מיינסטו, עס איז שוין ניט צייט, אַז יוסף זאָל עפּעס אויך טהאָן... ער איז שוין אונטערגעוואָקסען. גענוג פֿאַר איהם אַרומצוגעהן ליידיג! ווען איך בין געווען מיט דריי פֿיער יאָהר אינגער פֿון איהם, האָב איך שוין דעם גאַנצען טאָג פֿאַרבראַכט מיט די שאָף אין פֿעלד — האָט לוי זיך אָפּגערופֿען.

— אָבער דו זעהסט דאָך ווי ציטערדיג ער איז ביים פֿאָטער. ער לאָזט איהם פֿון זיך נישט אָפּ, אַזוי ווי ער וואָלט נאָך גאָר אַ קליין קינד געווען... שטענדיג איז ער מיט איהם — האָט יהודה זיך אָפּגערופֿען.

— נו איצט וועט שוין לאַנג אַזוי נישט זיין — האָט יששכר זיך אָפּגערופֿען — בנימין וואַקסט אונטער און ער וועט ווערען דעם פֿאָטער׳ס ליבלינג, דאַן וועט יוסף מוזען געהן אַרבייטען צוזאַמען מיט אונז אין פֿעלד.

— אַ סך נוצען קאָנען מיר פֿון יוסף׳ן האָבען אַפֿילו ווען ער זאָל זיך אָנשליסען מיט אונז אין פּיטערען די שאָף, ער איז אימער צו פֿאַרחלום׳ט און פֿאַרטראַכט. ער וועט נאָך אונז אָנטהאָן מעהר שאָדען ווי נוצען...

— האָט שמעון געזאָגט — איך זאָג אייך מיינע ברידער, אַז איך האָב יוסף׳ן פֿיינט, מסתּמא איז פֿאַראַן אַ גוטע אורזאַכע.

— און וועמען, אַ חוץ זיך, האָסטו יאָ ליעב?! — האָט ראובן זיך צו איהם אָפּגערופֿען — דו האָסט דאָך נאָר וואָס צוגעגעבען, אַז אַפֿילו די קליינע אומשולדיגע נעמה האָסטו אויך נישט איבעריג ליעב.

— ווי ווינציג דו פֿאַרשטעהסט מיר, מיין ברודער, — האָט איהם שמעון געענטפֿערט — איך האָב נעמה׳ן אַזוי ליעב ווי דו.... אָבער איך האָב בלויז געזאָגט, אַז איהר אַנוועזענהייט אין אונזער משפּחה וועט אונז אימער דערמאָנען אויף די אונאַנגענעמע פֿאַרגאַנגענהייט... אָבער יוסף׳ן האָב איך גלאַט אַזוי פֿיינט... ער איז ביי זיך זעהר שטאָלץ... און דערצו זעהען מיר דאָך אַלע, אַז דער פֿאָטער האָט איהם ליבער מעהר ווי אונז אַלעמען...

— דאָס איז שוין ניט ריכטיג! — האָט ראובן זיך אָפּגערופֿען — אונזער פֿאָטער האָט אונז אַלעמען גלייך ליעב. עס איז מעהר נישט, אַז

פאַר פיעלע יאָהרען איז יוסף געווען דער אינגסטער אין דער משפּחה, דער מוזיניק... איצט אָבער, אַז בנימין איז דער אינגסטער, וועט יוסף זיין מיט אַלעמען צוגלייך...

— זעהסטו דאָך, אַז בנימין איז שוין באַלד פיער יאָהר אַלט, און יוסף איז נאָך אַלץ דעם גאַנצען טאָג מיט'ן פאָטער, און דעריבער איז פאַר מיר טאַקע אַ גרויסער וואונדער, וואָס דער פאָטער האָט איהם היינט צו אונז געשיקט אין פעלד... אָבער אָט איז ער!

— ווילקאָמען, ברודער יוסף, צו דיין אָנפאַנגען אונז אַרויסהעלפען מיט די שאָף — האָבען אייניגע ברידער איהם באַגריסט מיט אַן אייניג־האַלטענעם שמייכעל.

ווי עס ווייזט אויס איז דיר מיאוס געוואָרען זיצענדיג דעם גאַנצען טאָג אין הויז און גאָרנישט טהאָן — האָט יהודה זיך פאַרנאַנדערגעלאַכט.

— נישט יעצט איז די צייט צו לאַכען און שפּאָטען — האָט יוסף זיך אָפּגערופען.

— וואָס איז געשעהן! — האָבען אַלע מיטאַמאָל אויסגערופען.

— אימיצער האָט אוועקגע'גנב'עט נעמה'ן — האָט יוסף טרויעריג געענטפערט... דער טרויער אין הויז איז זעהר גרויס. דינה האָט שוין עטליכע מאָל גע'חלש'ט... מיר מוזען זיך גלייך אוועקלאָזען זוכען...

— ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט! — האָט ראובן נישט געקענט פאַר־שטעהן — אין מיטען העלען טאָג זאָל אַזאַ זאַך אָפּגעטהאָן ווערען... דינה טרעט דאָך אויף אַ רגע נישט אָפּ פון איהר...

— און דו, וואו ביזטו געווען? — האָט יהודה זיך אָפּגערופען מיט כעס... פאַרוואָס האָסטו אויף איהר נישט אכטונג געגעבען... דו טהוסט דאָך אַלץ איינס גאָרנישט!

— דאָס האָט פּאַסירט אין אַ רגע איידער מיר האָבען זיך גאָר צייט געהאַט אַרומצוזעהן — האָט יוסף זיך פאַרענטפערט... נעמה און בנימין האָבען זיך געשפּילט נעבען הויז... און פּלוצלונג קומט בנימין אַריין וויי־נענדיג און מיר האָבען קוים אַרויסגעקראָגען פון איהם עטליכע ווערטער, אַז אַ פרוי האָט אַרויפגעזעצט נעמה'ן אויף אַ פערד און איז אוועקגעריטען מיט איהר... לאָמיר זיך איילען, מיינע ברידער, אפשר וועט גאָט געבען, אַז מיר וועלען זי אויפזוכען...

— ווער האָט עס געקאָנט טהאָן אַזאַ זאַך! — האָט ראובן זיך אָפּגע־רופען — מיר דוכט זיך, אַז דאָ אין חברון האָבען מיר נישט קיין שונאים...

— מיר טאָרען קיין רגע נישט פאַרלירען, לאָמיר שנעל לויפען.

— דו ביסט זעהר קלוג, יוסף, — האָט לוי זיך צו איהם אָפּגערופען, — דו ביסט געקומען אונז אָנזאָגען וועגען דעם און דו ערוואַרטעסט מיר זאָלען זיך געהן נאָכיאָגען אַהן פערד... פאַרוואָס האָסטו בעסער נישט מיט־געבראַכט אייניגע פערד פאַר אונז. ווי אַזוי וועלען מיר גאָר קענען מאַכען אַ פאַרזוך נאָכצויאָגען זיך אַהן פערד, אין דער צייט ווי די, וועלכע האָט נעמה'ן אוועקגע'גנב'עט, איז געווען אויף אַ פערד.

— מיר וועלען אָבער גלייך מוזען זיך צוריקקעהרען אהיים — האָט

ראובן געזאָגט, — אַזאַ אומגליק האָט פּאַסירט און איהר זייט אַלע אַזוי גלייכגילטיג צו דעם!... איז דען נעמה צו פאַררעכענט ווי אַן אייגענע שוועסטער!...

— איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, מיין ברודער, — האָט שמעון זיך אָפּגערופען צו ראובן׳ען, — מיר האָבען נעמה׳ן אַלע ליעב געהאַט, אָבער יעצט, אַז עס האָט זיך אַזוי געמאַכט... דאַרפען מיר זיך שטאַרק נישט נעהמען צום האַרצען. מיר דאַרפען קיינמאָל נישט פאַרגעסען ווער איהר פאָטער איז געווען... יעצט וועט אונזער משפחה מעהר נישט האָבען קיין פלעק... מעגליך, אַז דאָס איז דער ווילען פון גאָט... און דינה אַליין וועט אויך לאַנג נישט דאַרפען טרויערען וועגען דעם...

— ווי אַזוי קענסטו אַזוי רעדען וועגען דינה׳ס טאָכטער! האָט יוסף זיך אָפּגערופען מיט כעס צו שמעון׳ען ווען ער האָט אונטערגעהערט זיינע לעצטע ווערטער, — דו באַזיצסט אַ האַרץ פון אַ גרויזאַמען מענשען... וואַרט, איך וועל דעם פאָטער דערצעהלען אַלעס וואָס דו האָסט יעצט גערעדט... און ווען נעמה וועט געפינען ווערען, וועסטו מעהר נישט וואַגען צו איהר צוצוגעהן... דו דאַרפסט זיך שעהמען אַזוי צו ריידען וועגען אַזאַ ליעבליך אומשולדיג קינד ווי נעמה איז.

— ווי וואַגסטו צו ריידען צו מיר אַזוי! — האָט זיך שמעון פאַר־מאָסטען מיט זיין פויסט צו יוסף׳ן.

ראובן אָבער האָט זיך אַריינגעמישט און פאַנאַנדערגעטיילט זיי.

— זאָלען די יונגערע איבערבלייבען מיט די שאָף און מיר וועלען זיך אַרויסלאָזען זוכען נעמה׳ן, — האָט יהודה זיך אָפּגערופען.

— דו גיב אונז דעם פערד! — האָט לוי געזאָגט צו יוסף׳ן; איך און יהודה וועלען שנעל אַוועקרייטען אַהיים, און מיר וועלען שיקען די קנעכט מיט פערד פאַר די איבעריגע און דערווייל וועלען מיר אויך אַרומזוכען דעם גאַנצען געגענד.

יוסף האָט זיי איבערגעגעבען דעם פערד און יהודה און לוי האָבען אַוועקגעריטען אַהיים.

— מען האָט אַוועקגע׳גנב׳עט נעמה׳ן — האָט יעקב אויסגערופען מיט פאַרצווייפלונג, — די קנעכט האָבען זיך נאָר וואָס צוריקגעקערט מיט גאָרנישט. מיר מוזען זעהן געפינען דינה׳ס טאָכטער! זי וועט דעם צער נישט איבערטראָגען...

יהודה האָט גענומען אויספרעגען דעם קליינעם בנימין וואוהין די פרוי איז אַוועקגעריטען.

— דאָרטען! — האָט בנימין אָנגעוויזען... אַ שלעכטע פרוי איז זי... זי האָט איהר צוגענומען...

— פאַרליער נישט צופיעל צייט מיט איהם! — האָט לוי אויסגערופען.

— וואָס ווייס דאָס קינד... לאָמיר זיך פריהער פאַרנעמען אויף יענעם וועג און פּרובירען פרעגען די פאַרבייגעהער און די איינוואָהנער, פיליכט האָט ווער עס איז באַמערקט וואוהין די פרוי איז אַנטלאָפען.

— מיר וועלען זיך פאַרנעהמען צו דרום זייט! — האָט לוי געזאָגט

צו זיין פאָטער, און זאָלען די איבעריגע ברידער געהן אין די אַנדערע ריכטונגען.

לוי און יהודה האָבען זיך געזעצט אויף צוויי פערד און זיך אַוועקגעלאָזט שנעל אין דעם וועג, וואָס פיהרט צו דרום זייט.

אויפ'ן וועג האָבען זיי אָפּגעשטעלט עטליכע פאַרבייגעהער און נאָכגעפרעגט אויב זיי האָבען ניט באַמערקט אַ פרוי מיט אַ קליין קינד רייטענדיג אויף אַ פערד.

איך האָב געזעהן אַ מאַן און פרוי אַ היבשע ווייַלע צוריק — האָט איינער געענטפערט, — זיי האָבען אויך געהאַט, דוכט זיך, אַ קינד מיט זיך, אָבער ווי עס שיינט זיינען זיי געווען מאַן און פרוי...

— האָסטו אפשר באַמערקט דעם פנים פון דער פרוי? — האָט איהם יהודה געפרעגט.

— ניין, עס איז געווען אונמעגליך צו זעהן איהר פנים, ווייל זי האָט געטראָגען אַ שלייער. אָבער דעם מאַן האָב איך באַמערקט: ער איז געווען נאָך גאָר יונג און האָט אויסגעזעהן צו זיין נישט פון אונזער שטאָדט.

— זיי זיינען מסתמא געווען דורכרייזענדע! — האָט לוי געזאָגט, און זיי האָבען ווייטער געריטען.

אַ ווייַלע שפּעטער זיינען די איבעריגע ברידער אָנגעקומען פון פעלד און אויך זיי האָבען זיך אַוועקגעלאָזען זוכען נעמה'ן אין פאַרשידענע ריכטונגען.

די זון האָט שוין געהאַלטען ביים פאַרגעהן, און אין יעקב'ס וואָהנונג האָט געהערשט גרויס טרויער.

דינה איז יעדע ווייַלע אַרויסגעגאַנגען אין דרויסען און מיט אומגעדולדיגע אויגען נאָכגעקוקט אויב איהרע ברידער קומען אָן...

רבקה און די איבעריגע פרויען האָבען געטהאָן אַלעס אין זייער מעגליכקייט צו טרייסטען דינה'ן, אָבער זי האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען.

יצחק, וועלכער האָט רוהיג געשלאָפען די גאַנצע צייט, און האָט קיין אהנונג נישט געהאַט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען די גאַנצע צייט, האָט זיך יעצט אויפגעכאַפּט פון שלאָף...

— מען דאַרף יצחק'ן דערווייַלע גאָרנישט דערצעהלען פון דעם אומגליק וואָס האָט געטראָפען דינה'ן, — האָט רבקה געזאָגט צו יעקב'ן, — צו וואָס זאָל ער זיך מצער זיין...

יצחק אָבער, כאָטש ער איז געווען בלינד, האָט באַלד דערפיהלט, אַז עפּעס איז אין הויז פאָרגעקומען... און ער האָט גענומען פרעגען וואָס דאָ האָט פּאַסירט. מען האָט איהם גלייך דערצעהלט וועגען אַלעס.

— רופט אַריין דינה'ן צו מיר, — האָט יצחק אויסגערופען.

דינה איז צוגעגאַנגען צו איהר זיידען און האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט אין זיינע אָרעמס.

— וויין נישט, מיין טאָכטער! — האָט יצחק אַרויפגעלעגט זיינע הענט אויף איהר קאָפּ, — אַזוי ווי גאָט האָט ערפילט די ברכות, וואָס איך

האָב געבענטשט דיין פאָטער, אַזוי וועט אויך מקויים ווערען די ברכה וואָס איך האָב נאָך היינט געבענטשט דיין טאָכטער... איך האָב איהר געבענטשט, אַז גאָט זאָל געבען און זי זאָל הייראַטען מיט אַ מאַן, וועלכער וועט זיין גרויס און מעכטיג, וועלכער וועט געפינען גנאָדע אין די אויגען פון גאָט און מענשען. איך האָב אויך געזאָגט, אַז דו וועסט נאָך אַמאָל האָבען נחת פון דיין טאָכטער... זיי געטרייסט, דינה, און פאַרלאָז זיך אויף גאָט...

אָבער פאַר וואָס שטראָפט מיר גאָט! — האָט דינה ניט אויפגעהערט צו וויינען...

— ווער קען וויסען די וועגען פון דעם בעשעפער, אונז קען זיך דוכטען אַז מיר ווערען בעשטראָפט אָבער אין אמת'ן איז עס פאַר אונז אַ בעלאָהנונג! — האָט יצחק גענומען טרייסטען דינה'ן...

— דאַרף דען יעדע בעלוינונג קומען דורך יסורים? — האָט דינה געזאָגט וויינענדיג.

— אָבער דינה, — האָט זיך רבקה אָפּגערופען עס קען דאָך זיין אַז דיינע ברידער וועלען נאָך אויפזוכען נעמה'ן... שטאַרק זיך און לאָמיר האָפען...

— דאָס האַרץ אָבער שרעקט מיר אַזוי! — האָט דינה געווישט איהרע אויגען... איך האָב דאָך איהר אַזוי אָפּגעהיט ווי מיין אויג אין קאָפּ, און גראַדע היינט ווען מיר האָבען געפייערט איהר דריטען געבורטסטאָג, פּאַסירט אַזאַ אומגליק מיט איהר!...

רבקה האָט אָפּגעקעהרט איהר קאָפּ און אומבאַמערקטערהייט זיך אויך געווישט די די טרעהרען... איהר האַרץ האָט איהר שטאַרק וועה געטהאָן פאַר דער אומגליקליכער דינה'ן, וועלכע האָט שוין אַזוי אויך פיעל געליטען...

די נאַכט איז שנעל צוגעפאַלען, די לבנה האָט געוואָרפען אַ בלאַסען ליכט און דינה און אַלע איבעריגע פון איהר משפחה זיינען געווען אין דרויסען ערוואַרטענדיג מיט גרויס אומגעדולד דעם צוריקקעהר פון איהרע ברידער... יעדער שאָרך וואָס איז געקומען פון ווינט האָט זיך איהר געדוכט אַז זיי קומען אָן, איהר האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט... זי האָט אָנגע־שטרענגט איהרע אויערען און אויגען...

ענדליך האָבען זיך לוי און יהודה אומגעקעהרט.

דינה איז זיי ענטקעגען געלאָפען.

— נו?...

— מיר האָבען קיין שפור פון נעמה'ן ניט געפונען! — האָט לוי געזאָגט — אָבער עס איז מעגליך אַז איינער פון די איבעריגע ברידער וועט ברייגנען אַ פרעהליכען בעריכט האָט לוי צוגעהאַלטען דינה'ן זי זאָל ניט אומפאַלען.

אַ ווײַלע שפּעטער זיינען אָנגעקומען יעקב'ס איבעריגע זיהן און געבראַכט דעמזעלבען ענטפער:

— קיין שפור פון נעמה'ן...

— עס איז מעגליך אַז יענע פרוי בעהאַלט זיך ניט ווייט פון דאַנען מיט נעמה'ן — האָט ראובן זיך אָפּגערופען — און מאָרגען גאַנץ פריה

ווי נאָר די זון וועט אויפשיינען וועלען מיר בעניידען אונזער זוכען... און זאָל גאָט געבען אַז מיר זאָלען בעגליקען...

— איך האָב שוין פערלאָרען מיין האָפנונג! — האָט דינה געיאָמערט

— מיין קינד איז גע׳גנב׳עט געוואָרען און ווער וויים אויב איך וועל שוין ווען עס איז איהר זעהן...

— וויין ניט, מיין שוועסטער! — איז יוסף צו איהר צוגעגאַנגען, פאַרגעס ניט אַז נעמה האָט געקראָגען אַ וואונדערבאַרע ברכה פון אונזער זיידען... און איך בין זיכער אַז דורך דער ברכה וועט זי בעשיצט ווערען פון בייז...

— אָבער דערווייל איז מיין קינד ניטאָ! — האָט דינה מיט יאוש געזאָגט — ווי טהייער זי איז מיר געווען... איך וויים ניט ווי איך וועל קענען לעבען אָהן איהר...

דינה׳ס טרויעריגער געוויין האָט זיך אָפּגעהילכט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט...

4.

אין מצרים

ווען זבורית און איהר ברודער סרטן, האָבען אַרויפגענומען די קליינע נעמה אויפ'ן פערד האָט זי זיך שטאַרק פונאַנדערגעוויינט...

סרטן האָט געפּרואווט פערשטיקען איהרע געשרייען איבערדעקענדיג איהר מיט זיין ברייטען מאַנטעל. ווען זיי זיינען שוין געווען גאַנץ ווייט פון חברון, האָט סרטן אָפּגעשטעלט דעם פערד און ער און זבורית מיט נעמה'ן זיינען אַרונטער פון פערד, און זיך צוגעזעצט אויפ'ן גראָז...

נעמה האָט אָנגעפאַנגען צו וויינען.

איך וויל געהן צו מיין מוטער!

— וויין ניט, מיין קינד! — האָט זבורית איהר אַרומגענומען און צערטליך געלעגט די האָר — פון יעצט אָן בין איך דיין מוטער...

— ניין, איך וויל דיר ניט פאַר מיין מוטער! — האָט זיך די קליינע פערכליפּעט — איך וויל געהן אַהיים צו מיין מוטער!...

זבורית האָט איהר קוים איינגעשטילט און דאַן האָט זי אַרויסגענומען די שפּייז וואָס זי האָט געהאַט אָנגעגרייט און געגעבען איהר עטוואָס צו עסען. נעמה איז געווען אויסגעהונגערט און זי האָט געגעסען.

— דו זעהסט סרטן! — האָט זיך זבורית צו איהם אָפּגערופען זי איז דאָך אַזוי עהנליך צו שכם'ן... זיינע אויגען און זיין מויל... אָה, געבענשט זיינען די געטער וועלכע האָבען מיר בעגליקט אין מיין וועג... יעצט וועל איך האָבען אַן אנדענקונג פון שכם, און אין דערזעלבער צייט וועל איך האָבען דורכגעפיהרט מיין נקמה פלאַן אָן דינה'ן...

— זי איז ווירקליך אַ וואונדער שעהנעם קינד! — האָט סרטן געזאָגט — און ווען דו פאָלגסט מיר וואָלטען מיר זי פערקויפט אין מצרים, איך בין זיכער אַז מיר וואָלטען פאַר איהר געקראָגען זעהר פיעל געלד...

— האָב איך דיר שוין פריהער ניט געזאָגט אַז נעמה וועט בלייבען מיט מיר... זי וועט ביי מיר פערטרעטענט ווערען פאַר מיין אייגען טאָכטער...

— אָבער עס קען דיר אַ סך שטערען — האָט סרטן געזאָגט... איך לעג גרויסע האָפנונגען אויף דעם אַז דו זאָלסט זיין ערפאָלגרייך אין מצרים... ווער ווייס אויב דיין וואונדער שעהנער פנים זאָל ניט געפעלען ווערען דעם קעניג פון מצרים... איך האָב שוין ניט איינמאָל געהערט אַז די פריהערדיג קעניגען פון מצרים פלעגען הייראַטען מיט שעהנע פרויען פון אַנדערע לענדער... און מיר דוכט זיך אַז דו ביזט די שעהנסטע מיידעל פון גאַנץ כנען.

— אפשר אין דיינע אויגען ! — האָט זבורית געלאַכט — אָבער איך קען דיר פערזיכערען אַז מיין פאָרשטעלונגס קראַפט גרייכט ניט אַזוי הויך ווי דיינע. און דער וועלכער וועט וועלען מיר נעהמען פאַר זיין פרוי, וועט אויך מוזען אנערקענען נעמה'ן אַלס מיין טאָכטער... און אויב ער וועט מיר ליעב האָבען וועט ער אויך גלויבען מיין געשיכטע אַז זי איז די טאָכטער פון מיין פערשטאָרבענע שוועסטער...

נאָכדעם ווי זיי האָבען אָפּגעגעסען, האָט סרטן געהאָלפען זבורית און נעמה'ן אויפ'ן פערד און זיי האָבען פאָרטגעזעצט זייער רייזע. אין אָוועגד זיינען זיי אָנגעקומען אין באר שבע...

אין שטאָדט האָבען זיי זיך אָנגעגעבען אַלס מאַן און פרוי מיט זייער קינד, זיי האָבען געקראָגען אַ נאַכטלעגער און איבערגעשלאָפען די נאַכט. אויף מאָרגען גאַנץ פריה זיינען זיי אויפגעשטאַנען און נאָכפרעגענדיג זיך ביי די איינוואוינער פון באר שבע אויף דעם קירצסטען וועג וואָס פיהרט נאָך מצרים, האָבען זיי זיך גלייך פערנומען אויף יענעם וועג.

אין דער הויפּשטאָדט פון מצרים איז געווען גאַנץ פרעהליך: פּרעה האָט ערקלעהרט אַ יום טוב פאַר אַלעמען... זיין פרוי די קעניגין האָט איהם נאַר וואָס געבוירען אַ יורש...

אויף די גאַסען פון מצרים זיינען פאָרגעקומען די פערד און רייטוועגען געיעג. די מצריים האָבען זעהר ליעב געהאַט דעם ספּאָרט פון פערד געיעג און אין אַלע זייערע פייער־טעג האָבען זיי געהאַט דעם פערד געיעג איבער די ברייטע גאַסען פון מצרים, די איינוואָהנער זיינען געווען זעהר פאָרזיכטיג און קיינער האָט ניט געוואַגט אריבערצוגעהן די גאַס... ווייל ווען די רייטער האָבען זיך צולאָזט מיט זייערע פערד און רייטוועגען, האָבען זיי זיך פאַר קיינעם ניט אָפּגעשטעלט... און ניט איין אומפאָרזיכטיגער מענש האָט בעצאָהלט מיט זיין לעבען דורך אַזעלכע פערד געיעג.

זבורית און סרטן מיט נעמה'ן זיינען אָנגעקומען אין יענעם טאָג אין מצרים...

אין שטאָט איז געווען זעהר לעבעדיג, די מצרים מיט פויקען און אַנדערע מוזיקאַלישע אינסטרומענטען האָבען געשפּילט, די פּריסטער זיינען געווען אָנגעטהאָן אין זייערע הייליגע קליידער און האָבען געמאַרשירט מיט פולע פּראַכט און גלאַנץ.

איבערראַשט און פערגאַפט זיינען זיי ביידע, זבורית און סרטן געשטאַנען און האָבען בעוואונדערט אַלעס וואָס איז דאָרטען פאָרגעקומען...

די קליינע נעמה איז געשטאַנען נעבען זבורית'ן וועלכע האָט איהר ביי דער האַנט געהאַלטען.

ביידע זייטען גאַסען זיינען געווען שוואַרץ פון מענשען, וואָס האָבען מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט דאָס דער פערד און רייטוואָגען געיעג זאָל זיך אָנפאַנגען... יעדער האָט געוואוסט, אַז אין דיעזען געיעג באַטייליגט זיך פּוטיפר דער הויפּט פון פּרעה'ס לייבוועכטער, וועלכער האָט נאָך קיינמאָל ניט פאַרלוירען אַ געוועט אין דעם געיעג. דיזען מאָל זיינען אָנגעקומען אין

צוען (די הויפּט שטאָדט פון מצרים) פּיעלע באוואוסטע רייטוועגען לויפער און אַלע האָבען געוואוסט, אַז פּוטיפר ועט דיעזען מאָל האָבען זעהר שטאַרקע קאָנקורענטען אין דיעזען וועט־לויף.

א גלאָק האָט דריי מאָל אויסגעקלונגען און דער געיעג האָט זיך אָנגעפאַנגען.

אָט זעהט מען פּוטיפר'ן זיצענדיג אויף זיין רייטוואָגען. זיין שעהנער הויכער פערד, וועלכער איז געווען באַפּוצט מיט גאָלד און זילבער, האָט זיך א לאָז געטהאָן מיט אַן אונגעהויער גרויסען אימפּעט. ער איז געלאָפען אַזוי שנעל ווי א בליץ. נישט מיט קיין קלענערען אימפּעט זיינען די איבעריגע אנטיילנעהמער אין פערד־געיעג געלאָפען. מען האָט אָבער גלייך באַמערקט, אַז פּוטיפר'ס פערד און רייטוואָגען איז א סך פאָראויס. עס איז יעצט ביי קיינעם קיין צווייפעל נישט געווען, אַז פּוטיפר וועט ווייטער זיעגען.

— מיר קענען מיט רעכט שטאָלצירען אויף פּוטיפר'ן, האָט זיך איין מצרי אָפּגערופען צום צווייטען — אונזער שטאָדט צוען וועט ווייטער ארויסקומען די זיגערין.

— און פאַרגעס נישט, אַז אין יעצטיגען פערד געיעג באַטייליגען זיך נישט פּשוט פערד און רייטער... כמעט יעדער איינער פון זיי איז דער זיעגער פון זיין שטאָדט.

— זעהסטו יענעם רייטוואָגען, וועלכער איז דער צווייטער פון פּוטיפר'ס, ער האָט לעצטען יאָהר געוואונען דעם געיעג אין דער שטאָדט „און", וואו פּוטיפר איז געווען פּריעסטער.

— דו זעהסט אָבער ווי ער האָט איהם שוין באַלד דעריאָגט.

— עס וואָלט געווען פאַר מיר זעהר אמוזירענד צו זעהן ווי דער רייטער פון „און" געווינט — האָט אַן אַנדער מצרי זיך אָפּגערופען.

— און דיר וואָלט נישט געאַרט, אַז אונזער שטאָדט צוען זאָל דיזען מאָל אַרויסקומען די פאַרלירערין? — האָט איהם זיין שכן אויפמערקזאַם געמאַכט.

— איך טראָג א האַס אויף פּוטיפר'ן — האָט איהם יענער געענטפערט
— ער האָט דורכגעפיהרט דעם טויט אורטייל איבער מיינעם א פריינד.

— אָבער פאַרוואָס זאָלסטו באַשולדיגען פּוטיפר'ן? פּרעה האָט דאָך איהם געוויס פאַראורטהיילט צום טויט און פּוטיפר האָט בלויז געטהאָן פּרעה'ס געבאָט, ער איז דאָך אויך דער שר טבחים פון פּרעה, און עס איז זיין חוב צו באַשטראָפען די, וועלכע זינדיגען געגען דעם קעניג.

— דו ווייסט דאָך, אַז ער ווערט פּיעלע מאָהל בעאיינפלוסט פון איהם, און ווען פּוטיפר וואָלט נאָר געוואָלט, וואָלט פּרעה פאַרביטען דעם טויט אורטהייל אויף געפענגניס.

— אין וואָס איז באַשטאַנען די זינד פון דיין פריינד?

— ער האָט זיך ענטזאָגט צו צאָהלען דעם צו גרויסען שטייער וואָס דער קעניג האָט לעצטענס ארויפגעלעגט.

— נו, האָט ער טאַקע פאַרדינט דעם טויט! ווי אַזוי וואַגט ער ווידער־

שפעניגען דעם באַפעהל פון אונזער קעניג, וועלכער איז דאָך אויך אונזער גאָט...

דער מצרי האָט געשוויגען, ער האָט מורא געהאַט צו ריידען שלעכטעס.

דער געיעג איז געווען אין פולען גאַלאָפּ, פּוטיפר איז געווען אַ סך פאָראויס, און אַלע זיינען שוין געווען זיכער, אַז ער וועט זיין דער זיגער.

פּלוצלונג האָט זיך געהערט אַ געשריי, עס איז געוואָרען אַ טומעל, אַ געלאַף. און אַט האָבען אַלע באַמערקט ווי פּוטיפר האָט מיט גרוים פלינ־קייט אָפּגעשטעלט זיין פערד, וועלכער איז געבליבען שטעהן אויף זיינע צוויי הינטערשטע פיס. די איבעריגע אַנטיילנעמער האָבען מיט גרוים פרייד פאָרטגעזעצט זייער לויפען. פּוטיפר האָט זיך שנעל ארויסגעכאַפּט פון רייטוואָגען און ער איז צוגעלאָפען צו דער האַלב פאַרחלש'טער פרוי, וועלכע איז געלעגען בלויז עטליכע טריט ווייט פון זיין פערד און רייטוואָגען.

— וואָס איז דאָ געשעהן? — האָבען די מצריים געפרעגט.

— וואָס איז פאָרגעקומען? — האָבען זיך פיעלע געוואונדערט.

— אַ פרוי האָט געמאַכט אַ פאַרזוך איבערצולויפען דעם וועג — האָט איינער אויסגערופען.

— ווי אַזוי איז דאָס מעגליך? האָט זי דען נישט געזעהן דעם אָנ־קומענדען רייטוואָגען?

— זי פאַרדיענט דעם טויט! — האָט זיך איין מצרי גע'כעס'ט, זי האָט צושטערט אונזער שמחה.

— עס איז נישט איהר שולד, האָט אַ צווייטער מצרי זיך אָפּגערופען — זי איז דאָס געלאָפען ראַטעווען איהר קינד.

— איהר קינד?!

— בעמערקסטו נישט ווי זי האַלט אָן מיט איהר אויסגעשטרעקטע האַנט דאָס קינד, וועלכע ליגט נישט ווייט פון איהר?..

— יע, איך האָב בעמערקט — האָט אָן אַנדער מצרי געזאָגט — איך האָב טאַקע בעמערקט ווי אַ קליין קינד האָט געגומען אַליין אַריבערלויפען דעם וועג... און ווען איהר מוטער האָט עס דערזעהן, איז זי נאָכגעלאָפען איהר כאַפּען...

— זיי מוזען שויןביידע זיין טויט אָדער שטאַרק פאַרוואונדעט! — האָט אַ מצרי אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ...

— זי איז אַליין שולדיג אין דעם, ווי אַזוי בריינגט זי אַזאַ קליין קינד אויף דעם פערד געיעג פּאַראַד... און אויב יע, פאַרוואָס האָט זי נישט אַכטונג געגעבען אַז דאָס קינד זאָל נישט וואָגען אריבערצולויפען דעם וועג... אין אַ צייט וואָס איז דער גרעסטער געפאַהר אפילו פאַר אַן ערוואַקסענעם?...

— און מיר דוכט אַז ביידע זיינען אומבעשעדיגט! — האָט אַ מצרי'שע פרוי זיך אָפּגערופען — דער העלדישער און גאַלאַנטער פּוטיפר האָט אָפּ־געשטעלט זיין פערד אין צייט, און האָט דאַמיט פערהיט צוויי מענשען פון אַ זיכערען טויט...

— ער האָט אָבער פערלאָרען דעם וועט געיעג! — האָט איינער אויסגערופען.

— און נאָך אין אַזאַ צייט ווען ער איז געווען דער זיכערער זיעגער...

— אָפּצושטעלען דעם פערד וואָס איז געווען אין רעכטען ברען פון זיין לויפען, איז א סך העלדישער ווי צו געווינען א פערד געיעג! — האָט א יונגע מצרית זיך אָפּגערופען...

— אָבער דערווייל וועט אונזער שטאָדט צוען, דיעזען יאָהר פערלירען...

— האָט אימיצער געזאָגט מיט גרוים בעדויערען.

— ווי עס ווייזט אוים וועט דער רייטער פון און, אַרוים דער זיעגער אויך אין אונזער שטאָדט...

— נו, ער האָט מזל!... מיט א ווייליע פריהער האָט ער קיין מעגליכקייט נישט געהאַט, צו געווינען... ער וועט שוין דאַנקען די געטער פון מצרים, וואָס זיי האָבען אין צייט אָנגעשיקט די פרוי און איהר קינד...

— און ווער ווייס אויב עס איז נישט געווען קיין אָפּמאַך צווישען איהם און יענער פרוי, זי זאָל פוטיפר'ן פערלויפען דעם וועג, כדי ער זאָל פערליערען דעם פערד געיעג — האָט אַן ענטוישטער מצרי אויסגערופען מיט ביטערקייט...

— וואָס רעדסטו! — ווי אַזוי וועט גאָר אימיצער וואַגען איינצו־שטעלען דעם לעבען צוליעב אַזאַ זאַך! ווייסטו דען נישט אַז פערלויפען דעם וועג אין אַזאַ צייט מיינט א זיכערער טויט... און מיר וואונדערט זיך שטאַרק אויף פוטיפר'ן וואָס ער האָט זיך אָפּגעשטעלט... איך בין זיכער אַז קיינער פון די איבעריגע אַנטיילנעמער וואָלטען זיך קיינמאָל ניט אָפּגע־שטעלט צוליעב א פערזאָן... זיי וואָלטען איבערגעפאָהרען מיט זייער פערד און רייטוואָגען איבער די קערפערס פון די מענשען וועלכע האָבען געוואַגט זיי אָנקומען אין וועג...

— עס איז אוממעגליך! זעהסטו דען נישט דעם געדראַנג... לאָמיר בעסער בלייבען שטעהן אויף אונזערע פּלעצער, אַז נישט וועלען מיר זיי פערליערען.

— מיר אַרט נישט אויב איך וועל מיין פּלאַץ פערליערען, אָבער איך מוז זעהן ווער די פרוי איז.. איך בין אַלץ חושד אַז דאָס איז געווען אָנגע־שטעלט פון איינעם פון די אַנטיילנעהמער...

דער געדראַנג איז געוואָרען גרוים... צושויער וועלכע האָבען צוגעקוקט מיט גרוים פערגעניגען צו דעם פערד געיעג, זיינען צוגעלאָפען זעהן וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

פוטיפר האָט קוים איינגעהאַלטען דעם ווילד־געוואָרענעם פערד, וועלכער האָט זיך שטאַרק געריסען צו לויפען...

ער האָט אויפגעהויבען די פרוי מיט איהר צושראָקען קינד פון דער ערד און האָט זיי אָפּגעפיהרט אַן א זייט....

— ביזטו פערוואונדעט! — האָט פוטיפר איהר א פרעג געטהאָן.

— ניין, מיין האַר! — האָט די פרוי געענטפערט און אויפהויבענדיג דאָס קינד האָט זי אויסגערופען — געלויבט זיינען די געטער זי איז אומ־

בעשעדיגט... איך דאַנק דיר גנעדיגער האַר, דו האָסט איהר לעבען און מיינעם גערעטעט...

פּוטיפר האָט יעצט בעטראַכט די פרוי און איז בעצויבערט געוואָרען פון איהר שעהנקייט...

— דו שיינסט צו זיין אַ פרעמדע! — האָט פּוטיפר פון איהר זיינע אויגען נישט אַרונטערגענומען...

— יע, מיין האַר, איך בין נישט לאַנג אָנגעקומען אין מצרים...

— און דאָס איז דיין קליינע טאָכטער? — האָט פּוטיפר איהר געפרעגט אָנצייגענדיג אויף'ן קינד, וואָס די פרוי האָט געהאַלטען אויף איהר האַנט צוגעטוליעט צו זיך.

— ניין, מיין האַר! דאָס איז די טאָכטער פון מיין שוועסטער...

— און וואו איז דיין שוועסטער, פאַרוואָס האָט זי געלאָזען איהר קינד אַרומלויפען אַזוי פריי? זי איז דאָך כמעט געלעגען אונטער די רעדער פון מיין רייטוועגען..

— מיין שוועסטער איז טויט! — האָט זי געמאַכט אַ טרויעריגען פּנים. און איך האָב גענומען דאָס קינד צו ערציהען... דו מוזט מיר ענט־שולדיגען מיין האַר, איך בין געווען אַזוי פּעראינטערעסירט אין דעם געיעג אַז איך האָב נישט בעמערקט ווי דאָס קינד איז פון מיר אַוועקגעגאַנגען... ווען זי איז שוין געווען אויף'ן מיטען וועג, האָב איך איהר בעמערקט און דערזעהענדיג די גרויסע געפאַהר, בין איך געלאָפען איהר ראַטעווען... יעצט מיין האַר טוט מיר זעהר לייד וואָס דורך מיר האָט מיין האַר דעם געיעג פערלאָרען, אין דער צייט וואָס ער האָט געהאַט די מעגליכקייטען אַרויסצוקומען דער זיעגער...

— נעהם זי דאָס נישט צום האַרצען, דו שעהנע פרוי — האָט פּוטיפר געזאָגט מיט אַ שמייכעל, אַ דאַנק די געטער פון מצרים, וועלכע האָבען מיר געגעבען גענוג כח און פערשטאַנד צו פערהיטען אַ מעגליכען אומגליק... אָבער זאָג מיר פון וואַנען קומסטו און ווי איז דיין נאָמען?

— איך קום פון דעם לאַנד כנען, און מיין נאָמען איז זבורית, — האָט זי געענטפערט.

— ביזטו דאָ אַליין אָנגעקומען מיט'ן קינד? — האָט ער איהר ווייטער געפרעגט.

— איך בין אַהער געקומען מיט מיין ברודער, — האָט זבורית געענטפערט. — אָט איז ער טאַקע, — האָט זי אָנגעוויזען אויף סרטן'ען.

פּוטיפר האָט אומגעדרעהט זיין קאָפּ און האָט איהם באַמערקט.

סרטן האָט זיך פאַרנייגט פאַר פּוטיפר'ן און איז געבליבען שטעהן עטוואָס פאַרלאָרען.

— דער גנעדיגער האַר האָט אונזערע לעבענס גערעטעט — האָט זבורית זיך אָפּגערופען צו איהר ברודער.

— די ברכה פון די געטער זאָל רוהען אין הויז פון מיין האַר! — האָט סרטן זיך אָפּגערופען און ווידער זיך פאַרנייגט.

— די געטער האָבען מיר שוין געבענשט, וואָס זיי האָבען מיר צוגע־

שיקט דיין שוועסטער! — האָט פּוטיפר געזאָגט. — אזא וואונדער־שעהנע פרוי איז אין גאנץ מצרים נישטאָ.

זבורית פּנים איז באדעקט געוואָרען מיט רויטקייט. — איך האָף, אז מיין האר וועט מיר מוחל זיין, וואָס איך האָב פאראורזאַכט אזוי פיעל אונאנגענעמעס.

— און איך בין זעהר צופרידען פון די פאָלגען פון דיזער אונאנגענעמער פּאסירונג, — האָט פּוטיפר געזאָגט, ניט קענענדיג אָנזעטיגען זיינע אויגען פון זבורית'עס שעהנקייט. — איך זעה, אז דו ביזט זעהר ערשיטערט און מיעד פון דעם אלעם, איך וועל דיר דעריבער איינלאַדען אין מיין הויז, מיט דיין קינד און ברודער.

די אלע מצריים, וועלכע האָבען צוגעזעהן דעם פערד־געיעג, זיינען שטאַרק אַנטוישט געוואָרען, וואָס פּוטיפר איז אַרויס פון דעם געוועט. פיל האָבען געגנומען שילטען די אומבאַקאַנטע פרוי צוליעב וועמען זייער שטאָדט צוען וועט דיזען יאָהר פארלירען דעם פערד-געיעג. דאָך האָבען זיך אלע געוואונדערט, וואָס פּוטיפר איז נישט אָפּגעטראָטען פון דער פרוי און פון איהר קינד. אָבער ווי זיי זיינען צוגעקומען עטוואָס נעהענטער, און געזעהן דעם פּנים פון דער פרוי, האָבען שוין אלע פארשטאַנען.

פּוטיפר האָט געלאָזען וויסען זיינע דינער, וועלכע זיינען גלייך צוגעקומען צו דעם פּלאַץ פון דער געשעהעניש, דאָס זיי זאָלען גלייך ברייננגען זיין קאַרעטע.

אין א ווײַלע אַרום איז שוין פּוטיפר געזעסען אין זיין קאַרעטע, לעבען איהם איז געזעסען זבורית מיט נעמה'ן און איהר ברודער.

— טרייב שנעל צו מיין היים! — האָט פּוטיפר אָנגעזאָגט זיין דינער.

די אַרומיגע צושויער האָבען זיי באַגלייט מיט זייערע אויגען... פילע האָבען געקוועטשט מיט די פּלייצעס און אויף אלעמענס ליפּען איז געווען די פראַגע: „ווער זיינען זיי?"

די קאַרעטע איז שנעל געפאָהרען איבער די גאַסען פון צוען.

פּוטיפר האָט די גאַנצע צייט באַטראַכט זבורית'ן און דאָס קינד, און וואָס מעהר ער האָט אויף זיי געקוקט אַלץ מעהר איז ער באַגייסטערט געוואָרען פון זייער שעהנקייט.

— דאָס קינד איז דאָך אויך אזוי רייצענד־שעהן — האָט ער זיך אָפּגערופען צו זבורית'ן... ווען זיי זיינען אריינגעקומען אין זיין הויז. — איך וועל אָנזאָגען מיינע דינער זיי זאָלען צוגרייטען א צימער פאַר דיר און פאַר'ן קינד און א באזונדערען צימער פאַר דיין ברודער... דערווייל וועט איהר מיט מיר עסען מיטאָג.

— גרויס איז דיין גענאָד, מיין האַר! —האָט זיך זבורית אָפּגערופען

— און איך ווייס נישט פארוואָס דיין דינסט האָט געפונען גענאָד אין דיינע אויגען.

—דו ביזט צו מיר ווי א מלאך! — האָט פּוטיפר איהר אָנגענומען ביי דער האַנט. עס איז היינט ביי מיר א טאָפּעלטע שמחה. היינט האָט פּרעה'ס פרוי איהם געבאָרען א יורש און מיר האָבען די געטער געגעבען די מעגליכ־

קייט צו ראַטעווען פון אַ זיכערען טויט אַזאַ וואונדער־שעהנע פרוי און אַזאַ צערטלאַך־רייצענד קינד.

זבורית האָט געשוויגען און סרטן האָט זיך אָפּגערופען:

— מיר זיינען גליקליך, אַז נאָכדעם ווי מיר זיינען געווען איינזאַם און עלענד אין אַ פרעמדען לאַנד, האָבען אונז די געטער באַגליקט און געטראָפען אַזאַ גנעדיגען האר.

— דו קענסט פאַרבלייבען אין מיין הויז, — האָט פּוטיפר זיך אָפּגערופען. — איך וועל זעהן, אַז דיר און דיין שוועסטער זאָל דאָ זיין באַקוועם.

פּוטיפר האָט געגעסען צוזאַמען מיט זיי מיטאָג און ער האָט נישט געקענט אָנזעטיגען זיינע אויגען פון זבורית׳עס שעהנקייט... נאָכ׳ן מיטאָג האָט ער זיך אָפּגערופען:

— איצט דאַרף איך אַוועקגעהן צו דעם קעניג, דערווייל קענט איהר זיך אויסרוהען.

פּוטיפר האָט פאַרלאָזען זיין פּאַלאַץ און זבורית און סרטן האָבען זיך ניט געקענט אָפּוואונדערען פון אַלעם.

— ווער איז ער דאָס דער האר? — האָט סרטן אַ פרעג געטהאָן איינעם פון די דינער. — צו זיין גוטסקייט איז דאָך קיין גרענעץ נישטאָ.

— ער איז דאָך פּוטיפר, פרעה׳ס מיניסטער און זיין שר טבחים. דער קעניג האָט איהם זעהר ליעב און ער האָט איהם דערהויבען צו דעם העכסטען אמט. ער נעהמט נישט אָן קיין איינפאַכע דינער — האָט ער צוגעגעבען מיט שטאָלץ.

— און פאַרוואָס האָט זיין פרוי צוזאַמען מיט אונז נישט געגעסען?

— האָט סרטן ווידער געפרעגט.

— זיין פרוי? — האָט דער דינער אַ שמייכעל געטאָן, — מיין האר פּוטיפר האָט נאָך נישט קיין פרוי.

אַ גרויסע פרייד האָט זיך צוגאָסען דורך סרטנ׳ס קערפּער. ער איז גלייך אריין צו זיין שוועסטער אין צימער און האָט זיך אָפּגערופען:

— דו ווייסט, זבורית, ווער דער גנעדיגער האר איז?

— לויט זיין גרויסען פאַרנעהם שיינט ער צו זיין אַ וויכטיגע פּער־זענליכקייט אין מצרים! — האָט זבורית געזאָגט.

— ער איז דער העכסטער מיניסטער צו פרעה׳ן! — האָט סרטן אויסגערופען — און דערצו האָט ער נאָך אַן אמט ער איז דער שר טבחים.

— וואָס פאַר אַן אמט איז דאָס? — האָט זבורית געפרעגט.

— ער פיהרט דורך די אורטיילען פון דעם קעניג.

— איצט זעה איך, מיין ברודער, ווי גליקליך מיר דאַרפען זיך פיהלען, אַז גלייך אין די ערשטע צייט פון אונזער אָנקומען אין מצרים, האָבען אונז די געטער צוגעשיקט אַזאַ וואונדערבאַרען מאַן. און דאָס האָבען מיר צו פאַרדאַנקען די קליינע נעמה. דורך דער פּאַסירונג, וואָס האָט געזאָלט זיין אַן אומגליק, איז גאָר אַרויסגעקומען אַ גליק פאַר אונז. איך בין זיכער, אַז פּוטיפר וועט אונז שוין נישט פאַרלאָזען און צוליעב דעם צופאַל, וועל איך

ענדערען נעמה'ס נאָמען אויף אסנת, וואָס באַדייט אַ פּאַסירונג. יע, אַזאַ דאַנקבאַרע פּאַסירונג האָט מיט אונז געטראָפען דורך אָסנת'ן. פארגעס נישט, מיין ברודער, אַז פון איצט אָן זאָלסטו איהר מעהר נישט רופען נעמה, נאָר אסנת.

— אסנת! גוט זאָל זיין אסנת! — האָט סרטן געזאָגט.

— און דו, מיין טאָכטער, — האָט זבורית אַרויפגענומען די קליינע נעמה אויף איהרע הענט, — איך האָב געענדערט דיין נאָמען. ווען איך וועל דיר רופען אסנת, זאָלסטו זיך אָפּרופען.

— אָסנת! — האָט די קליינע ווידערהאָלט. — אָבער ווען וועסטו מיר ברייננגען אַהיים צו מיין מוטער?...

— ווייסטו דען נישט, אַז איך בין דיין מוטער! — האָט זבורית איהר געגלעט. — דו דאַרפסט מיך רופען מוטער, און איך וועל דיך רופען מיין טאָכטער אסנת.

— נאָך אַ וויכטיגע זאַך האָב איך דיר פאַרגעסען צו זאָגען וועגען פוטיפר'ן — האָט סרטן געזאָגט מיט אַ שמייכעל — ער האָט נאָך קיין פרוי נישט!

זבורית'עם פּנים איז רויט געוואָרען.

— מיר האָט זיך טאַקע געוואונדערט, וואָס איך האָב נישט געזעהן קיין פרוי ביים טיש. איך האָב געמיינט, פילייכט איז זי פאַרבליבען ביים פּאַראַד.

— ניין, ער איז נישט פאַרהייראַט. דער דינער האָט מיר נאָר וואָס דערצעהלט. און דו, מיין טייערע שוועסטער, אויב דו וועסט נאָר וויסען ווי צו האַנדלען, קענסטו נאָך ווערען די האַרינטע איבער דיזען פּראַכט-פּולען פּאַלאַץ. איך האָב גוט באַמערקט ווי ער נעמט פון דיר זיינע אויגען נישט אַרונטער. און ווירקליך, האָסטו דען נישט געזעהן די טויזענטער פרויען-צושויער ביי דעם פערד-געיעג? קען זיך דען ווער פון זיי פאַרגלייכען צו דיר אין שעהנקייט... איך צווייפעל נישט אין דעם, אַז די געטער האָבען מיך געפיהרט אויף דעם ריכטיגען וועג... דו וועסט שוין איצט נישט קענען זאָגען, אַז סרטן איז נישט קלוג... איך בין זיכער, מיין שוועסטער, אַז איך וועל נאָך אַמאָל ווערען זעהר אַ וויכטיגער מאַן אין מצרים. איך וויים אימער ווי אויסצונוצען אַ געלעגענהייט...

— יע, מיין ברודער, איך האָב זעהר פיעל דאַנקבאַר צו זיין פוטיפר'ן פאַר זיין חסד, וואָס ער האָט מיט אונז געטאָן. אָבער דאַך ווען איך דערמאָן זיך אָן שכם'ען, ווי שעהן און העלדיש ער איז געוועזן, ער איז געוועזן יונג און פרעהליך... אַה, ווי שטאַרק איך האָב איהם ליעב געהאַט.

— און פוטיפר?! איז ער דען ניט גענוג העלדיש? האָט ער דען נישט באַוויזען די גרעסטע העלדישקייט, ווען ער האָט אַזוי פּלוצלונג אָפּגעשטעלט זיין צעווילדעוועטען פערד און דיך און אסנת'ן פון טויט געראַטעט?

—איך בין מודה, אַז ער האָט באַוויזען אַ גרויסע העלדישקייט ביי דעם פערד-געיעג, אָבער זיין פּנים? קענסטו איהם פאַרגלייכען צו שכם'ען.

ער איז שוין אויך מעהר נישט יונג... און ווי דיק ער איז! אין כנען קען מען זעלטען געפינען אזעלכע דיקע מענשען — האט זיך זבורית א קרים געגעבען...

— זאלסט נאר אקארשט געפינען חן אין זיינע אויגען, מיין שוועסטער, דאן וועסטו זיך דארפען גליקליך שעצען. א קליינינגקייט, איינער פון די גרעסטע מענשען אין מצרים... דו וואלסט דאך געווארען...

— נו, גענוג שוין צו ריידען, מיין ברודער! — האט זבורית איהם אונטערבראכען. — דערווייל בין איך גליקליך, וואס איך בין לעבעדיג געבליבען און אויך מיין אסנת איז מיט מיר. באטראכט איהר, איז זי דען איינגאנצען נישט געראטען אין שכם׳ען? זיינע אויגען, זיין מויל און אפילו זיינע האר!

— דו רעדסט, מיין שוועסטער, פון שכם׳ען, אזוי ווי ער וואלט נאך איצט געלעבט... ער איז דאך שוין לאנג טויט, און איך גלויב, אז עס איז שוין צייט פאר דיר, אז דו זאלסט איהם איינגאנצען ארויסשלאגען פון דיינע געדאנקען.

— פאר דיר איז עס זעהר גרינג צו זאגען, מיין ברודער! אבער ווען דו וואלסט געוואוסט ווי שטארק איך האב איהם געליעבט, וואלסטו אנדערש גערעדט...

— דו האסט איהם געליעבט און ער האט דיך פון זיין הויז פארטריבען, נאכדעם ווי ער האט דורך דיר געקראגען דינה׳ן, וועמען ער האט אין אמת׳ן ליעב געהאט... דאס האסטו, ווייזט אויס, פארגעסען. די באלייריגונגען און שאנדע, וואס ער האט דיר פאראורזאכט געדענקסטו נישט. דו געדענקסט בלויז, אז דו האסט איהם ליעב געהאט. אבער ווי אזוי ער האט זיך מיט דיר באגאנגען, ווי אזוי ער האט דיך באהאנדעלט, וועגען דעם טראכסטו גארנישט... ניין, מיין שוועסטער, דו וועסט זיך קיין גוטס נישט טהאן און מיר אויך נישט, ווען זיין נאמען וועט אלע מאל זיין אויף דיינע ליפען... שכם איז טויט און דו געפינסט זיך איצט אין אן אנדער לאנד, און ווי עס צייגט זיך ארויס, זיינען די געטער מיט אונז.

— יע, מיין ברודער, דו ביזט גערעכט... שכם איז טויט... און איך האב גארנישט וואס צו טראכטען פון איהם, אבער דאך זיינען די ערא־נערונגען פון יענע צייטען אזוי אנגענעם פאר מיר... און וואס קען דאס מיר שאדען ווען איך טראכט אמאל יע פון דעם...

— עס קען דיר שוין פיעל שאדען, מיין שוועסטער... דיין לעצטע באמערקונג וועגען פוטיפר איז צו דיר געקומען צוליב דעם, וואס דו האסט געוועזען טראכטען פון שכם׳ען. איך בין נאך נישט זיכער, צי דעם קעניג׳ס הויפט־מיניסטער האט דיך אין זינען... אויב ער איז צו אונז גוט געוועזען ווייל דו האסט געפונען גנאד אין זיינע אויגען, אדער פיללייכט האט ער מיט אונז גוטעס געטאן, ווייל ער איז א גוטער פון דער נאטור, און ער האט געזעהן, אז מיר זיינען עלענד, האט ער אונז איינגעלאדען צו זיין פאלאץ. אבער אויב די געטער וועלען אונז ווייטער בענשען און דו וועסט ווירקליך געפינען חן אין זיינע אויגען, דאן דארפען מיר דאך ביידע זיך שעצען

גליקליך... דאָס וועט דאָך פאַרווירקליכען אַלע מיינע חלומות, וואָס איך האָב געהאַט וועגען מצרים.

— איך בין זיכער, אַז דאָס איז פּוטיפר צו אונז אַזוי גנעדיג, ווייל ער איז אַ גוט־הערציגער מאַן... און איך האָב אפילו קיין רעכט נישט צו טראַכטען עפּעס אַנדערש... — האָט זבורית געזאָגט. — לאַנג שטעהן אין זיין פּאַלאַץ וועלען מיר נישט קענען און דעריבער איז מיין עצה, אַז דו זאָלסט געהן דערווייל זוכען אַרבייט אין שטאָדט, כדי מיר זאָלען זיך קענען מפרנס זיין.

— איך וויים אפילו נישט וואוהין צו געהן און צו ווענדען זיך צו ווענדען! — האָט סרטן געזאָגט. — איך וועל שוין וואַרטען ביז וואַנען פּוטיפר וועט זיך צוריקקעהרען און דאַן וועל איך איהם פרעגען, פיליי‌כט וועט ער מיר קענען ראַטען וואוהין צו געהן.

— איצט זיינען מיר זעהר מיעד און פּוטיפר האָט זיינע דינער פאַרזאָגט זיי זאָלען צורעכט מאַכען אַ באַזונדער צימער פאַר דיר, געה רוה זיך אויס, מיין ברודער, און איך אויך וועל זיך דערווייל אויסרוהען און מאָרגען אין דערפריה וועסטו פרעגען פּוטיפר'ן פיליי‌כט וועט ער קריגען אַרבייט פאַר דיר. דו דאַרפסט זיך נישט שעהמען, דו קענסט איהם זאָגען, אַז דו ביזט געוועזען זעהר אַ גוטער בעקער אין כנען... און דיינע ברויט און געבעקס וואָס דו פלעגסט באַקען האָט געהאַט זעהר אַ גוטען געשמאַק.

— אָבער מעגליך, אַז דורך איהם וועל איך קריגען אַ מעהר אנגענעהמע באַשעפטיגונג, — האָט סרטן געזאָגט. — צו זיין אַ בעקער האָב איך דאָך ניט געדאַרפט קומען אין מצרים... וואו אפילו קיין איין איינציגע פרוי איז דאָ נישט קיין שעהנע... איך וועל איהם בעטען פיליי‌כט קען ער פאַר מיר געפינען אַן אַמט ביי דעם קעניג.

— עם וועט זיין זעהר נישט פיין פון דיר צו באַלעסטיגען דעם גוט־הארציגען מאַן מיט אַזעלכע פאַרלאַנגען... האָט ער דען נישט גענוג געטהאָן פאַר אונז ביידען?

— איך מיין נישט איצט, מיין שוועסטער, — האָט סרטן געזאָגט.
— איך מיין נאָכדעם, ווי דו וועסט איהם געפעהלען און ער וועט דיר וועלען פאַר זיין פרוי נעמען... דאַן וועל איך דאָך זיכער האָבען אַ רעכט איהם צו בעטען ער זאָל עפּעס פאַר מיר טהאָן.

— אָבער קענסטו עפּעס אַנדערש טהאָן אַחוץ צו זיין אַ בעקער? דו וועסט דאָך זיכער נישט קענען זיין אַ פּריסטער צו די געטער... דערצו דאַרף מען זיין געלערענט.

— אָה, ווען איך קען נאָר ווערען אַ פּריסטער! — האָט סרטן געזאָגט.
— דאַן וואָלט איך זיך גליקליך געפיהלט. צו זיין אַ פּריסטער אין מצרים איז מען שוין נישט נאָר באַזאָרגט מיט אַלעם אָבער אויך כבוד האָט מען אַ סך... מען קריגט צוטריט צו דעם קעניגליכען פּאַלאַץ, מען פאַרברייננגט צוזאַמען מיט די חרטומים און קלוגע לייט...

— אָבער צו וואָס זאָלסטו זיך איינריידען אַ זאַך, וואָס איז אומ־מעגליך! — האָט זבורית אויסגערופען. — ווי אַזוי קענסטו ווערען אַ

פריסטער צו די געטער פון מצרים... דו ווייסט דאָך אפילו ניט ווי אַזוי צו דינען צו זיי...

— דאָס איז זעהר אַ גרינגע זאַך... די געטער פון מצרים זיינען זעהר איינפאַך... און איך קען זיך אויסלערנען צו דינען זיי אין גאָר אַ קורצער צייט.

רייד זיך נישט איין קיין נאַרישקייטען! — האָט זבורית געזאָגט לאַבענדיג, — אַ פריסטער פון די געטער פון מצרים קען נישט ווערען איינער, וועלכער איז ניט געבאָרען אין מצרים.

— אָבער איך האָף, אַז דורך דיר זאָל פאַר מיר אַלעס מעגליך זיין, — האָט סרטן געזאָגט מיט צופרידענהייט.

.5

זליכה און דער שר האופים

פוטיפר איז דעם צווייטען טאָג אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה. ער איז געווען זעהר אומגעדולדיג צו זעהן די וואונדער שעהנע פרוי, וועלכע די געטער האָבען איהם צוגעשיקט... ווען ער האָט זיך לעצטען אָוועגד צוריקגעקעהרט פון פרעה'ן, האָבען די דינער איהם געזאָגט, אז די פרעמדע פרוי שלאָפט שוין. ער איז דעריבער געווען די גאַנצע נאַכט זעהר אוגעדולדיג זי נאָך אמאָל צו זעהן... ער האָט געבעטען איינע פון זיינע דינסטען זי זאָל פאָרזיכטיג אריין אין איהר צימער און זעהן צי זי איז שוין אויפגעשטאַנען.

ווען די דינסט האָט איהם איבערגעגעבען, אז זי שלאָפט נאָך, האָט פוטיפר זיך צו איהר אָפּגערופען:

— געה צו דעם קליידער־פארקויפער וועלכער וואָהנט נישט ווייט פון דאַנען און זאָג איהם אין מיין נאָמען, דאָס ער זאָל גלייך ברענגען אין מיין הויז די שעהנסטע קליידער וואָס ער האָט פאַר זעהר א שעהנער פרוי.

די דינסט איז גלייך אַוועקגעגאַנגען. אין א ווײלע שפּעטער איז שוין דער קליידער־הענדלער געווען מיט פאַרשידענע שעהנע מצרים'שע קליידער.

ווען זבורית איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף, האָט איהר דינסט אריינ־געבראַכט די קליידער און געזאָגט:

— מיין האר האָט נאָר־וואָס געקויפט פאַר דיר קליידער, מיין הארינטע; ער האָט מיר געזאָגט, איך זאָל דיר זיי אריינברענגען אין דיין צימער.

א גליקליכער שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף זבורית'ס פּנים... זי האָט באַטראַכט די שעהנע קליידער און זיך נישט געקענט אָפּוואונדערען פון זייער פּרעכטיגקייט... זי האָט קיינמאָל נישט געח'לומ'ט צו טראָגען אַזעלכע קליידער... וואָס זאָל דאָס באַדייטען? פאַר וואָס טוט מיט איהר פוטיפר אַזוי פיל גענאַדע... האָט ער זי ליעב? פיליכט וועט ער איהר נעהמען פאַר זיין פרוי... דאַן וועט זי ווערען א הארינטע אין מצרים... יאָ, איהר ברודער איז זעהר קלוג אויסגערעכענט... ער האָט פאָראויסגעזאָגט, אז אין מצרים וועט זי האָבען גרויסע געלעגענהייטען... ווייל זי איז דאָך שעהן; און אין דיזען לאַנד זיינען אַלע פרויען ווייט פון שעהנהייטען...

זי האָט א קוק געטהאָן אויף דער קליינער אסנת, וועלכע איז נאָך געלעגען אין איהר בעט און געשלאָפען... יאָ, דאָס קינד האָט איהר דיזען

גליק געבראַכט.... זי איז דאָך אַזוי ליבליך און שעהן... זי האָט זיך שוין צוגעוואוינט צו איהר און זי דערמאָנט שוין אפילו נישט איהר מוטער פון חברון....

— קען איך מיין האַרינטע העלפען אָנטהאָן די נייע קליידער? — האָט די דינסט אונטערבראָכען איהרע געדאַנקען.

— יאָ, — האָט זבורית געענטפערט — דו וועסט מיר אויך זאָגען וועלכעס קלייד פּאַסט בעסער אויף מיר....

זבורית האָט אויסגעקליבען זעהר אַ שעהן קלייד, און די דינסט האָט איהר געהאָלפען זיך אָנטהאָן.

— מיין האַרינטע איז אַזוי שעהן ווי די זון ביים טייך נילוס! — האָט די דינסט אויסגערופען מיט גרויס באַגייסטערונג....

זבורית האָט אָנגעקוואָלען הערענדיג פון דער מצרי'שער דינסט, ווי שעהן זי איז.

— און דיין האַר איז דאָך אַזוי גוט און גנעדיג, — האָט זבורית געזאָגט צו דער דינסט, — ער האָט מיך שוין אַזוי פריה באַזאָרגט מיט שעהנע קליידער.

אַ שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף די ליפען פון דער דינסט.

— זאָל איך געהן אָנזאָגען מיין האַר, אַז דו ביסט שוין גרייט צו קומען פאַר פריהשטיק?

— אָ, וועגען דעם האָב איך גאָר פאַרגעסען — האָט זבורית אויס־געריפען, — איך וועל זעהן, אויב מיין ברודער איז שוין אויפגעשטאַנען; אויב נישט, וועל איך איהם מוזען אויפוועקען. און דו קענסט זאָגען דעם האַר, אַז איך וועל באַלד אַריינקומען.

זבורית איז צוגעגאַנגען צו איהר ברודער'ס צימער. אָבער ער איז שוין אויך געווען אָנגעטאָן.

— דאָס ביסטו, מיין ליבע שוועסטער, — האָט סרטן אויסגערופען, — איך האָב דאָך דיך נישט דערקענט אין דיזע וואונדער־שעהנע קליידער!

— פּוטיפר האָט נאָך גאַנץ פריה געשיקט קויפען פאַר מיר קליידער!

— האָט זבורית נישט מיט ווינציג שטאָלץ געזאָגט, — און איצט וואַרט ער אויף מיר מיט דעם פריהשטיק. אָבער דו ווייסט דאָך, אַז דיין שוועסטער איז דיר געטריי און אָהן דיר וועט זי נישט געהן עסען...

— זיי געבענשט ביי די געטער, מיין שוועסטער! — האָט סרטן אויסגערופען, — איך בין זעהר הונגעריג און איך דאַנק דיר פאַרוואָס דו האָסט אָן מיר נישט פאַרגעסען.

זבורית איז אַריינגעקומען מיט איהר ברודער אין דעם עס־צימער און פּוטיפר איז גלייך צוגעגאַנגען צו באַגריסען זבורית'ן...

— דו ביסט דאָך שעהנער ווי דער מאָרגענשטערען! — האָט פּוטיפר אויסגערופען מיט ענטציקונג, ווען ער האָט איהר באַטראַכט אין איהרע גרויסאַרטיגע מצרים'שע קליידער... ער האָט איהר געהייסען זיך זעצען נעבען זיין רעכטער האַנט...

פּוטיפר האָט באַטראַכט זבורית'ן און ער איז געווען גליקליך וואָס זי

איז ניט פארהייראט... פלוצלונג איז אבער ארויפגעקומען אויף זיין געדאנק די געשיכטע וואס מען דערצעהלט אויף פרעה׳ס זיידען, און זיין הארץ האט איהם געגומען שרעקען... ווער ווייסט צי זבורית נארט איהם נישט אפ... ער האט דעריבער באשלאסען זיך דורכצוריידען מיט איהר נאך אמאל. דערווייל האט ער באטראכט דעם פנים פון סרטן און עס פארגלייכט מיט זבורית. עס דוכט זיך איהם, אז זי איז עהנליך צו איהם. אבער ווער ווייסט, די כנענים טראגען א גרויסע עהנליכקייט איינער צום צווייטען...

—איז סרטן דיין ברודער פון איין פאטער און מוטער? — האט ער זיך געווענדעט צו זבורית׳ן.

— יא, מיין האר! — האט זבורית געענטפערט, — מיר זיינען ביידע לייבליכע שוועסטער און ברידער. מיין פאטער האט בלויז איין פרוי געהאט...

— דו ווייסט אנטקעגען וואס איך פרעג עס דיך, דו שעהנסטע פרוי?

— האט פוטיפר ווידער געזאגט, — דו האסט געפונען חן אין מיינע אויגען, און אזוי ווי איך בין נאך נישט פארהייראט, וואלט איך דיך געוואלט נעהמען פאר מיין פרוי, מיט דיין צושטימונג און מיט דער צושטימונג פון דיין ברודער...

זבורית׳עס פנים האט זיך פארראיטעלט, און זי האט ארונטערגעלאזען איהרע אויגען...

— געלויבט זיינען די געטער פון מצרים! — האט זיך סרטן ניט געקענט בעהערשען פון גליק — וועגען דעם האב איך און מיין שוועסטער גאר נישט געקענט חלום׳ען אפילו... עס איז ווירקליך א גרויסער כבוד פאר מיין שוועסטער און מיר...

— אבער ווען איך האב דערפון יעצט א טראכט געטהאן האט פוטיפר געזאגט מיט א שמייכעל — איז מיר געקומען אויף די געדאנקען די געשיכטע וואס איך האב געהערט דערצעהלען וועגען אונזער קעניג׳ס זיידען...

זבורית און סרטן האבען אנגעשטעלט זייערע אויערען און געווארט אומגעדולדיג צו הערען די געשיכטע.

— „מען דערצעהלט אז מיט יאהרען צוריק איז געווען א גרויסער הונגער אין דעם לאנד כנען. דאן איז קיין מצרים געקומען א מאן און א פרוי. ביידע זיינען נאך גאנץ יונג געווען, אבער די פרוי איז געווען א זעלטענע שעהנהייט. דער מאן האט געזאגט אז די פרוי איז זיין שוועסטער און ווי מען האט איהר דערזעהן האט מען איהר געבראכט צום קעניג. פרעה איז אזוי ענטציקט געווארען פון איהר שעהנקייט, אז ער האט איהר גלייך געוואלט נעהמען פאר זיין קעניגין... אין לאנד איז געווען גרוים פרייד, אלע האבען זיך געגרייט צו דער גרויסער קעניגליכער חתונה וואס האט געזאלט פארקומען אויף דעם צווייטען טאג... דערווייל האט מען איהר ברודער געגעבען פיעלע מתנות און מען האט איהם געבראכט אין קעניגליכען פאלאץ.

„אבער יענער נאכט האט זיך פרעה׳ן געחלום׳ט זעהר א שרעקליכער חלום. ער האט געזעהען אין זיין חלום ווי א מלאך קומט צו צו איהם און ריהרט איהם אן מיט א האנט. און גלייך האט פרעה דערפיהלט ווי ער

ווערט קרעציג... נאכהער האט ער געהערט א שטימע: דו קענסט נישט הייראטהען יענע פרוי, ווייל זי האט שוין א מאן!

פרעה האט זיך אויפגעכאפט פון זיין שלאף און ער איז געווען שטארק דערשראקען. ער האט געשיקט רופען דעם מאן און די פרוי און ער האט זיך צום מאן אפגערופען:

— פאר וואס האסטו מיר גענארט, פאר וואס האסטו מיר געזאגט אז זי איז דיין שוועסטער, זי איז דאך דיין פרוי!

דער מאן האט זיך גלייך מודה געווען אז ער האט דעם קעניג אפגע־נארט, ווייל ער האט געוואוסט אז זיין פרוי איז זעהר שעהן, און אויב די מצריים וועלען זיך דערוויסען אז ער איז איהר מאן, האט ער מורא געהאט פיעלייכט וועלען זיי איהם טויטען, כדי זי זאל פריי ווערען.

— און וואס האט דער קעניג געטהאן צו איהם פאר זיין אפנארען איהם? — האט סרטן געפרעגט.

— דער קעניג האט איהם געזאגט אז אין מצרים ווערען אזעלכע גרויזאמע זאכען נישט געטהאן, און ווען ער וואלט גלייך געזאגט אז זי איז זיין פרוי, וואלט מען איהם גאר קיין שלעכטעס נישט געטהאן... און פרעה האט איהם דערפאר ארויסגעשיקט פון לאנד...

— איך האב אויך געהערט אזא עהנליכע געשיכטע — האט זבורית זיך אפגערופען — מיין זיידע האט מיר דערצעהלט וועגען א בעוואוסטען עברי מיט׳ן נאמען אברהם, איז עס מעגליך אז דאס זאל זיין דער זעלבער מאן.

יע! — האט פוטיפר געזאגט — עס איז ריכטיג! זיין נאמען איז געווען אברהם און זיין פרוי׳ס נאמען איז געווען שרה.

— דאס האט פאסירט זעהר לאנג! — האט סרטן געזאגט — אין דער יעצטיגער צייט וועט אזא זאך ניט קענען פאסירען.

— אבער פונדעסטוועגען ווען איך האב אייךביידען דערזעהן — האט פוטיפר געזאגט — האט זיך מיר געדוכט אז איהר זייט מאן און פרוי און ווען איהר האט מיר געזאגט אז איהר זייט שוועסטער און ברודער, איז מיר דעריבער גלייך ארויפגעקומען אויף דעם געדאנק וועגען אברהם און שרה. מיר האט זיך געדוכט אז די אלע וועלכע קומען פון כנען, גלויבען אז די מצריים זיינען זעהר שלעכטע מענשען, און אזוי ווי דיין שוועסטער איז זעהר שעהן, האט איהר צווישען זיך אפגעמאכט צו זאגען אז איהר זייט שוועסטער און ברודער...

— אה ניין מיין הער! — האט סרטן אויסגערופען — מיר זיינען לייבליכע ברידער און שוועסטער — און מיר וואלטען אונזער גנעדיגען הער קיינמאל נישט גענארט.

— אויב אזוי — האט פוטיפר אויסגערופען— וועל איך נעהמען דיין שוועסטער פאר מיין פרוי. זי האט געפונען חן אין מיינע אויגען פון דער ערשטער רגע וואס איך האב איהר געזעהן... און איך וועל איהר מאכען די הארינטע איבער אלעם וואס איך פערמאג... וועסטו מיר געבען דיין הסכמה, סרטן?

— איך בין זעהר צופריעדען מיין הסכמה צו געבען — האָט סרטן א גליקליכער געענטפערט — יעצט ווענדעט זיך אינגאַנצען אין זבורית׳ן.

— און דו? דו שעהנסטע פרוי פון גאַנץ מצרים? — האָט פּוטיפר זיך אָפּגערופען צו איהר — ווילסטו ווערען מיין פרוי?

— מיין גנעדיגער האר! — האָט זבורית זיך אָפּגערופען מיט טרעהרען אין די אויגען — מיין גאַנצער לעבען בעלאַנגט דאָך צו דיר... וויפיעל האָט געפעהלט, אז איך זאָל צוטראָטען ווערען אונטער די פיס פון דיין פערד און אונטער די רעדער פון דיין רייטוואָגען... דו האָסט מיך געראַטעוועט פון א זיכערען טויט און איצט בעלאַנג איך צו דיר אָבער...

— אָבער וואָס?! — האָט פּוטיפר אויסגערופען עטוואָס דערשראָקען.

— אָבער דו ווייסט דאָך, אז דאָס קינד וועמענס לעבען דו האָסט אויך געראַטעוועט איז צו מיר פערדעבענט ווי אַן אייגענע טאָכטער, איך וועל זיך דאָך פון איהר נישט קענען שיידען. און טאקע צוליעב דער פּאַסירונג וואָס האָט מיט איהר געטראָפען האָב איך איהר נאָמען געענדערט פון יעצט אָן הייסט זי אסנת...

— אסנת!? — האָט פּוטיפר אויסגערופען — דאָס איז זעהר א פּאַסיגער נאָמען פאַר איהר, און ווען איך וועל מיט דיר חתונה האָבען, וועט אסנת פערדעבענט ווערען פאַר אונזער טאָכטער... איך האָב דאָס קינד אויך זעהר ליעב און איך פערזיכער דיר, אז איך וועל זי בעהאַנדלען ווי מיין אייגענע טאָכטער... און דו זבורית, איך וויל אויך דיין נאָמען ענדערען אויף א ריכטיגען מצרי׳שען נאָמען פון היינט אָן און ווייטער זאָל מען דיך מעהר נישט רופען זבורית, נאָר זליכה!

— זליכה! — האָט זבורית אויסגערופען מיט פרייד, עס איז א שעהנער נאָמען.

— זליכה! — האָט סרטן ווידערהאָלט — דער נאָמען געפעהלט מיר שעהנער ווי זבורית... גוט, פון יעצט אָן וועסטו זיך אָנרופען זליכה!...

פּוטיפר איז זעהר גליקליך געווען, וואָס די וואונדער שעהנע פרוי וועט באַלד גאָר אין גיכען ווערען זיין פרוי... יע, ער וועט זיך מוזען צואיילען... יעצט, ווען פרעה איז אַזוי פערטהאָן אין זיין אייגענעם גליק, וואָס די קעניגין האָט איהם געבאָרען א יורש, אז ער וועט אפילו נישט בעמערקען זליכה׳ן... און דאַן וועט איהם שווער נישט אָנקומען צו קריגען זיין צושטימונג... אין אַן אַנדער צייט, ווייס ער, אז דער קעניג אַליין האָט אַן אויג פאַר שעהנקייט און ווען ער וואָלט איהר געבראַכט פאַר׳ן קעניג, וואָלט ער איהר שוין נישט אָוועקגעלאָזען פון זיך...

— איך וועל דיך נאָך היינט ברענגען צום קעניג׳ס פּאַלאַץ און דיך פאָרשטעלען פאַר פרעה׳ן — האָט פּוטיפר געזאָגט — און ווי איך וועל קריגען זיין הסכמה, וועלען מיר גלייך פייערען אונזער הייראַט....

— אָה, זי וועט געהן צום קעניג׳ס פּאַלאַץ! — האָט סרטן אויסגערופען מיט א ביסעל קנאה אין זיין שטימע..

— עס וועט זיך נאָך וואַרשיינליך מאַכען א געלעגענהייט און איך וועל

אויך דיך ווען עס איז פאָרשטעלען פאַר פּרעה׳ן — האָט פּוטיפר איהם געזאָגט.

— יע, מיין האר — האָט זיך סרטן אָפּגערופען — אויב איך האָב אויך געפונען גנאָדע אין דיינע אויגען, וועסטו פיעלייכט קענען קריגען פאַר מיר א בעשעפטיגונג אין מצרים, אָדער אַן אמט...

— וואָס איז געווען דיין בעשעפטיגונג אין כנען? — האָט פּוטיפר איהם א פרעג געטהאָן.

—אין כנען בין איך געווען א בעקער. מיינע געבעקס האָבען קעניגע געקענט עסען.

— א בעקער? — האָט פּוטיפר אויסגערופען — גוט עס קען זיין, אַז איך אַליין וועל דאַרפען נוצען א בעקער..

— איך וועל זיין זעהר צופריעדען צו דינען מיין האר, און אין דער זעלבער צייט וועל איך קענען זיין צוזאַמען מיט מיין שוועסטער אין דעמזעלבען הויז.

סרטן׳ס לעצטע ווערטער האָבען פּוטיפר׳ן נישט אזוי געשמעקט... ער זאָל פאַרבלייבען אין זיין פּאַלאַץ... ווער ווייס... איז ווידער אַרויף א חשד אויף זיינע געדאַנקען, אפשר איז סרטן טאַקע נישט איהר ברודער... פיליייכט איז ער גאָר איהר געליעבטער און דעריבער איז ער געווען אזוי צופריעדען פאַרבלייבען ביי איהם!...

— איך האָב א בעסערען פּלאַן! — האָט פּוטיפר זיך אָפּגערופען צו סרטן — און איך גלויב, אַז דו וועסט נאָך זיין מעהר צופרידען...נאָך דעם ווי איך וועל חתונה האָבען מיט דיין שוועסטער, וועל איך דיך ברייננגען צום קעניג און פערלויבען דיר פאַר זיינע אויגען אַלס א גרויסאַרטיגער בעקער... און מעגליך, אַז ער וועט דיר אַנשטעלען פאַר זיין אייגענעם בעקער.

— אָה, מיין האר! ווי דאַנקבאַר איך וועל דיר זיין! איך בין זיכער, אַז דער קעניג וועט פון מיר זעהר צופריעדען זיין... און איך וועל האָבען א געלעגענהייט זיך צו געפינען אין קעניגליכען פּאַלאַץ...

יעצט איז שוין פּוטיפר׳ס חשד אַביסעל אַרונטער, אָבער פונדעסט־וועגען האָט ער ביי זיך בעשלאָסען זיך דורכצורעדען מיט פּרעה׳ן וועגען סרטן, פיעלייכט וועט ער איהם וועלען אָנשטעלען אַלס איינער פון זיינע בעקערס.

— יעצט מיין טייערע זליכה! — האָט פּוטיפר זיך צו איהר געווענ־דעט, טו אָן די שעהנסטע קליידער וואָס איך האָב פאַר דיר בעשטעלט, ווייל היינט פאַרמיטאָג וועל איך דיר פאָרשטעלען פאַר דעם קעניג. איך וועל אַריינשיקען מיינע דינסטען צו דיר און זיי וועלען דיר העלפען אָנטהאָן און בעשמירען מיט די שמעקענדע אייל‏ען..

דעם זעלבען טאָג איז פּוטיפר אַוועק מיט זליכה׳ן צום פּאַלאַץ...

ווען מען האָט פּרעה׳ן געמאָלדען, אַז פּוטיפר וויל צו איהם אַריינקומען מיט א פרוי, האָט פּרעה א שמייכעל געטהאָן און זיי געהייסען גלייך אַריינקומען.

פוטיפר האָט זיך פערנייגט און נאָך איהם האָט זיך אויך זליכה פערנייגט.

— מיין האַר קעניג, זאָל אויף אייביג לעבען! — האָט פוטיפר זיך אָפּגערופען צו פּרעה'ן — עס איז דער וואונש פון די געטער פון מצרים דאָס דיזע פרוי זאָל מיין ווייב ווערען.

— פון וואנען ווייסטו, אַז דאָס איז אַזוי דער וואונש פון די געטער?

— האָט איהם פרעה געפרעגט מיט אַ שמייכעל.

— ווײַלע ווען דאָס גאַנצע לאַנד מצרים האָט נעכטען געפייערט מיט גרויס פּאַראַד די שמחה וואָס די קעניגין האָט פרעה'ן בעשאָנקען מיט אַ יורש, האָב איך, ווי מיין שטייגער, אין אַ גרויסען יום טוב פון דעם קעניג, אַנטהייל גענומען אין דעם פערד און רייטוואָגען געיעג, די געטער האָבען מיר בעגליקט און איך בין שוין כמעט געווען דער זיעגער, ווייל מיין פערד און רייטוואָגען זיינען געווען פאָראויס... אָבער פּלוצלונג, אין רעכטען ברענענדען געלאָף, ווען מיין פערד איז געלאָפען אַזוי שנעל ווי אַ בליץ... האָב איך בעמערקט אַ פרוי אַריבערשפּרייזענדיג די גאַס... זי וואָלט זיכער געטויטעט געוואָרען ווען איך וואָלט נישט זעהר פלינק און מיט אויסער־געוועהנליכער גבורה אָפּגעשטעלט מיין פערד, בלויז עטליכע טריט פון דער פרוי... און דיזע פרוי וועלכע איך וויל, מיט דער ערלויבעניש פון דעם מעכטיגען קעניג, פאַר מיין ווייב נעהמען, איז די וועלכע איך האָב פון טויט גערעטעט...

— דו ביזט גערעכט פוטיפר? דאָס האָבען דיר די געטער אין דעם אַרויסגעהאָלפען — האָט פרעה געזאָגט — אָבער זאָג מיר, ווי אַזוי קומט דיזע פרוי אַריבערצושפּרייזען די גאַס ווען דער געפאַהר איז זעהר גרויס!

— מיין האַר קעניג! — האָט פוטיפר געענטפערט — איהר שוועס־טער'ס אַ קליין קינד, וועלכע איז מיט איהר געווען, האָט ניט בעמערקטערהייט זיך געלאָזט לויפען אין מיטען גאַס, און דאָס האָט זי, זליכה, דאָס איז איהר נאָמען, איהר נאָכגעלאָפען צו ראַטעווען, און דאַן האָט עס פּאַסירט.

— זאָלען דיר די געטער געבען זייער ברכה ווי איך וועל דיר מיין ברכה געבען — האָט פרעה געזאָגט.

ער איז געווען זעהר אויפגעלעגט און פרעהלאַך און איידער ער האָט נאָך גוט בעטראַכט זליכה'ן, האָט ער איהם שוין געגעבען זיין הסכמה...

— איך דאַנק דיר מיין האַר קעניג! — האָט פוטיפר זיך פאַרבויגען צו דער ערד.

זליכה האָט נאָכגעטהאָן אַלעם וואָס פוטיפר האָט געטהאָן.

— און ווען געהסטו פייערען דיין חתונה? — האָט איהם פרעה געפרעגט.

— נאָך היינט, מיין האַר קעניג! — האָט פוטיפר געענטפערט.

— און יעצט וועל איך דיר נאָך מאַכען פאַר דעם הויפּט נישט נאָר איבער מיינע לייבוועכטער, נאָר אויך פאַר דעם הויפּט פון מיין אַרמעע — האָט פרעה איהם געזאָגט... אויב דו האָסט נאָך עטוואָס אַ פאַרלאַנג פון מיר טו זאָג מיר גלייך און איך וועל דיין וואונש ערפילען.

— מיין האר קעניג! — האט פוטיפר ווידער געזאגט — זליכה האט א ברודער, איז ער זעהר א בראוועד מאן. ער איז געווען א בעקער אין כנען, זיינע געבעקס האבען זעהר א געשמאקען טעם, און אויב דער קעניג וויל, וואלט איך איהם פארגעשלאגען אלס איינעם פון די קעניגליכע בעקער.

— ברייננ איהם צו מיר און איך וועל איהם מאכען פאר דעם הויפט פון די בעקער! (שר האופים) — האט פרעה גוטמוטהיג געזאגט — איך האב אויך זעהר פיעל דאנקבאר צו זיין די געטער פון מצרים... האט דען מיר מיין פרוי נישט געשאנקען א זוהן, וועלכער וועט ירש'נען מיין קרוין!

פוטיפר און זליכה האבען זיך נאך אמאל פערנייגט פאר דעם קעניג, און האבען פערלאזען דעם פאלאץ.

— איך זעה אז איך בעגליק אין אלע מיינע וועגען — האט פוטיפר געזאגט צו זליכה'ן... — איך בין זיך פאר דיר מודה, אז ווען איך האב דיר פארגעשטעלט פאר'ן קעניג, האט אין מיר מיין הארץ געציטערט, טאמער וועט פרעה דיך וועלען צונעהמען פאר זיך... אזא שעהנע פרוי ווי דו ביזט געפינט זיך דאך אפילו נישט אין דעם קעניג'ס פאלאץ.... און יעצט האט גאר מיר פרעה געגעבען זיין הסכמה.

— דאס בעווייזט דיר, מיין האר, אז נישט אין אלעמענס אויגען קוק איך אוים שעהן... אין דיינע אויגען מעגליך, אז יע, אבער דער קעניג האט זיכער געזעהן שעהנערע פרויען פון מיר.

— נישט דאס, זליכה! — האט פוטיפר געזאגט — דער קעניג איז יעצט אזוי פער'שכור'ט פון גליק פון זיין נאר וואס געבארענעם זוהן, אז ער האט דיך גאר נישט בעטראכט... ווען איך וואלט מיט דיר צו איהם געקומען אין אן אנדער צייט, וואלסטו שוין געווים בעלאנגט צום פאלאץ...

— איך וואלט בעסער פארגעצויגען צו זיין די פרוי פון אזא נאבעלען און גוטהארציגען מאן, ווי דו ביסט, איידער צו זיין די קיניגין פון מצרים...

פוטיפר האט זיך געפיהלט שטארק געשמייכעלט פו זליכה'ס לעצטער בעמערקונג... יעצט איז ער זיכער, אז זי האט איהם אויך ליעב...

— און באלד וועלען מיר טאקע געהן פייערען אונזער חתונה — האט ער צוגעגעבען...

—אה, ווי גליקליך, מיין ברודער וועט זיך פיהלען, ווען ער וועט אויסגעפינען, אז דער קעניג וועט איהם פילייכט בעשטימען פאר דעם הויפט איבער זיינע בעקער... גלויבסטו נישט, אז עס וואלט געווען מעהר ראטזאם דאס איידער דער קעניג האט חרטה וועגען מיין ברודער, זאלסטו איהם פארשטעלען פאר איהם.

— אה, ניין מיין ליעבע זליכה, דער קעניג קען נאך זיכער חרטה האבען אויף דעם, וואס ער האט זיין הסכמה געגעבען, איך זאל מיט דיר חתונה האבען איידער ער האט דיך גוט באטראכט... דעריבער וואלט איך וועלען וואס גיכער פייערען אונזער חתונה, ווען מיר וועלען שוין זיין פעראייניגט, דאן וועט שוין אפילו דער קעניג נישט קענען חרטה האבען. אבער וועגען דיין ברודער'ס אמט דארפסטו זיך נישט זארגען... פרעה וועט זיין ווארט נישט בייטען.

דעם זעלבען טאָג האָט פוטיפר געהייראַט זליכה׳ן, וועלכע האָט זיך פריהער גערופען זבורית.

פוטיפר און זליכה האָבען אָנגענומען אסנת׳ן די טאָכטער פון דינה׳ן, וועלכע האָט זיך פריהער גערופען נעמה, פאַר זייער קינד.

אויף דעם צווייטען טאָג האָט פוטיפר געבראַכט זליכה׳ס ברודער, סרטן צו פרעה, דעם קעניג פון מצרים

— דער איז דאָס דער ברודער פון מיין פרוי! — האָט פוטיפר געזאָגט

— ער איז אַ גוטער בעקער און איך האָף אַז ער וועט געפינען חן אין דעם קעניג׳ס אויגען.

— ער קוקט אויס צו זיין בראוו! — האָט פרעה געזאָגט און אויב זיינע געבעקס וועלען זיין אַזוי ווי עס שיינט צו זיין וועל איך איהם געוויס מאַכען פאַר דעם הויפט פון אַלע מיינע בעקער.

סרטן האָט זיך פערנייגט פאַר׳ן קעניג — איך וועל מיין האַר־קעניג געטריי דינען — האָט ער געזאָגט.

— גוט יעצט קענסטו פערבלייבען מיט מיר — האָט פרעה געזאָגט און געשיקט רופען זיין שר האופים.

— פון היינט אָן וועסטו פערבלייבען אַן איינפאַכער בעקער ווי די איבעריגע! — האָט פרעה זיך אָפּגערופען צו זיין פריהערדיגען שר האופים — דיינע געבעקס זיינען מיר לעצטענס נישט שטאַרק געפעלען געוואָרען... איך האָב געפונען אַ בעסערען בעקער פון דיר. ער וועט יעצט זיין דיין הויפט — האָט פרעה אָנגעוויזען אויף סרטן, און דו דאַרפסט טהאָן אַלעס וואָס ער וועט דיר הייסען...

— יע מיין האַר קעניג! האָט זיך דער אַרונטערגעזעצטער הויפט פערנייגט — איך וועל טהאָן ווי דער קעניג פערלאַנגט.

— יעצט געה און צייג איהם דעם פלאַץ און זאָג איהם אַלעס וואָס ער האָט צו טהאָן! — האָט פרעה בעפוילען...

סרטן איז נאָכגעגאַנגען דעם הויפט פון די בעקער וועלכער איז אַרויס פון קעניגס פאַלאַץ מיט אַ טרויעריגען געמיטה... ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף דעם פרעהליכען פנים פון זיין נאָכפאָלגער און זיין צאָרן האָט אין איהם געברענט... ער האָט זיך אָבער בעמיהט עס נישט אַרויסצוצייגען.

פון יענעם טאָג אָן איז סרטן זליכה׳ס ברודער געוואָרען דער שר האופים פון פרעה׳ן...

6.

יוסף

איינינגע יאָהר זיינען אַוועק זינט דינה'ס טאָכטער איז פערלאָרען געגאַנגען, און די ברידער האָבען שוין בּיסלעכווייז אָן איהר איינגאַנצען פערגעסען... דינה האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו טרויערן... זי האָט זיך זעלטען בעטייליגט אין די שמחות פון דער משפחה. און ביי יעדער געלעגענהייט האָט זי דערמאָהנט איהר טאָכטער.

און כאָטש אַלע ברידער האָבען די ערשטע צייט פון איהר אומגליק, מיט איהר סימפּאַטיזירט און זיך אַוועקגעלאָזען זוכען דינה'ס טאָכטער, זיינען אָבער כמעט אַלע געווען צופריעדען פון דער פּאַסירונג... עס איז קיין זאַך נישט פערבליבען וואָס עס זאָל זיי דערמאָהנען אויף יענע אונ־אַנגענעהמע טעג, ווען שכם האָט זייער שוועסטער פעראומרייניגט.

דער איינציגער וועלכער האָט נאָך יעצט אויך מיטגעפיהלט דינה'ס צער איז געווען יוסף... דער פערלוסט פון דער שעהנער אומשולדיגער נשמה האָט אויף איהם שטאַרק געווירקט און נישט איינמאָל האָט ער זיך אָפּגערופען צו דינה'ן:

— מיין ליעבע שוועסטער, ווען איך וועל עלטער ווערען וועל איך נישט אויפהערען איהר צו זוכען ביז וואַנען איך וועל איהר געפינען און ברענגען צו דיר...

— אָה, יוסף — האָט דינה זיך אָפּגערופען מיט טרעהרען אין די אויגען — איך האָב שוין פערלאָרען אַלע מיינע האָפענונגען איהר ווען עס איז צוגעפינען...

— דו דאַרפסט אַזוי נישט ריידען, מיין שוועסטער — האָט יוסף איהר געענטפערט, ביי גאָט איז אַלעס מעגליך! — און פערגעס נישט די ברכה וואָס אונזער זיידע יצחק האָט איהר געגעבען... זיין ברכה וועט דאָך זיכער מקוים ווערען און דו וועסט נאָך אַמאָל האַלדזען און קושען דיין טאָכטער אין גרויס פרייד.

— ווי אַזוי קען דאָס מעגליך זיין... ווען מען האָט איהר אַוועקגע־גנב'עט פון מיר איז זי דאָך אַ קליין קינד געווען זי וועט זיכער גאָר נישט געדענקען. און אַפילו איך זאָל אין די שפּעטערע יאָהרען איהר יע געפינען, וועל איך איהר דען דערקענען?

— און מיר דוכט אַז איך וואָלט איהר דערקענט אַפילו ווען זי וואָלט שוין אין מיינע יאָהרען געווען. — האָט יוסף געזאָגט.

— מיין ברודער, דיר דוכט זיך אזוי, עס איז זעהר שווער צו דערקענען אימיצען ווען דו האסט איהם לאנג ניט געזעהן, און בפרט נאך ווען דאס איז געווען א קינד... ווער ווייס אין וועלכע הענט זי איז אריינגעפאלען... און וואס פון איהר איז געווארען... זי האט דאך אפילו נישט געקענט גוט ריידען, ווען מען האט איהר צוגענומען... ווער ווייס וואס פאר א שפראך זי רעדט יעצט!...

דינה האט זיך די גאנצע צייט געפיהלט אזוי איינזאם... די ברידער האבען איהר נישט געקענט פערשטעהן, דער איינציגער פאר וועמען זי פלעגט איהר הארץ אויסגיסען איז געווען יוסף. די איבעריגע ברידער זיינען זעהר אומגעדולדיג געווארען מיט איהר, ווען זיי האבען בעמערקט אז זי טרויערט נאך...

— עס איז שוין צייט, דינה, אז דו זאלסט קומען צו זיך — האט ראובן צו איהר געזאגט — וויפיעל איז דער שיעור צו טרויערען...

— און אז דו וועסט טרויערען, וועט דיר שוין בעסער ווערען, וועסטו דען איהר העלפען? — האט יהודה זיך אפגערופען — דערווייל הערשט אין הויז א גרויסער אומעט און עס איז שוין א לאנגע צייט אז אונזער פאטער האט קיין שמחות אין הויז נישט געמאכט.

— דו פערגעסט מסתמא, מיין שוועסטער האט שמעון געזאגט — וואס מיט דיר האט פאסירט אין שכם... דו טרויערסט און קלאגסט אויפ'ן קינד ווי זי וואלט געווען א טאכטער פון דיין „בעליעבטען מאן"... דו דארפסט זיך בלויז דערמאנען פון וואנען זי שטאמט, און דאן גלויב איך וואלסטו זיך נישט געדארפט נעהמען צום הארצען... ווען זי איז געווען אין הויז האבען מיר איהר אלע ליעב געהאט... אבער יעצט אז עס האט זיך אזוי געמאכט... דארפסטו זעהן אין גאנצען צו פערגעסען... און אין א געוויסען זין דארפען מיר אלע זיין צופריעדען פון דעם אויסגאנג...

— א ווי קענסטו אזוי ריידען צו מיר! — האט זיך דינה נאך שטארקער פאנאנדערגעוויינט.

— דו ביזט זעהר א שלעכטער און גרויזאמער מענש! — האט יוסף זיך אפגערופען צו שמעון מיט כעס — איך האב דאס דיר שוין נישט איינמאל געזאגט, דיין הארץ איז א שטיינערנע...

— אפשר וועסטו ווידער אוועקגעהן דערצעהלען דעם פאטער וואס איך האב געזאגט? — האט שמעון איהם איבערגעקרימט...

— און גלויב מיר אז דאס איז נישט די איינציגע אומרעכט וואס דו טהוסט! — האט יוסף איהם געענטפערט — דיין שלעכטע אויפפיהרונג פאסט גארנישט פאר א זוהן פון אונזער גרויסען פאטער יעקב... איך האב דעם פאטער קיין העלפט נישט דערצעהלט וואס דו טהוסט... איך האב איהם נישט געוואלט גורם זיין עגמת נפש... אבער ווען איך וועל בעמערקען אז דו פערבעסערסט זיך ניט וועל איך דעם פאטער אלעם ענטדעקען.

— יעצט זעהט איהר שוין — האט שמעון אויסגערופען — ווער עס דערצעהלט דעם פאטער אלעם וואס מיר טוען..

— איך האב עס שוין לאנג געוואוסט! — האט לוי געענטפערט —

נישט אומזיסט האָט איהם דער פאָטער ליעב, אַז ער קומט און דערצעהלט אָן אויף אונז אַלעם שלעכטעם און אַליין מאַכט ער זיך פאַר אַ צדיק. אַן אומשולדיגע בעשעפענים... און אונז האַלט ער מסתמא פאַר רשעים...

— האָסטו טאַקע דערצעהלט דעם פאָטער אַז מיר האָבען געגעסען „אבר מן החי ?" (אָפּגעשניטען אַ שטיקעל פון אַ לעבעדיגע בהמה) — האָט ראובן איהם געפרעגט.

— נו געוויס, האָב איך דען נישט געזעהן ווי איהר האָט גענומען שניידען פון דעם שעפּס ווען ער האָט נאָך געלעבט ? ! — האָט יוסף געענטפערט — איך האָב אָבער נישט געזאָגט אַז דו האָסט עס געטהאָן... איך האָב בעמערקט ווי לוי און יהודה האָבען עס געטהאָן, און איך גלויב אַז עס איז שוין צייט אַז זיי זאָלען וויסען אַז מיר, די ישראלים, זיינען פערבאָטען צו עסען אבר מן החי.

— אָבער פונדעסטוועגען האָט דער פאָטער אונז אַלעמען בעשולדיגט אין דעם — האָט ראובן געזאָגט.

— האָסטו איהם געדאַרפט ערקלעהרען ווער די שולדיגע זיינען און דאַן וואָלט ער דיך געוויס נישט בעשולדיגט.

— וואָס מיינסטו, איך בין אַזוי ווי דו, וועלכער געהט פערמסר'ן דעם פאָטער אויף יעדער קלייניגקייט — האָט ראובן זיך אָפּגערופען.

— דו מאַכסט אַ טעות, ראובן, — איך האָב דערצעהלט דעם פאָטער נישט קיין קלייניגקייטען... איך האָב בעמערקט פיעלע אומרעכטען וואָס איינינגע פון אונז טוען, אָבער איך וויים אַז זיי זיינען ניט אַזוי וויכטיג, האָב איך דעם פאָטער וועגען דעם אפילו נישט דערצעהלט... אָבער ווען איך זעה אַז איינינגע פון אונז עסען „אבר מן החי" און אַז מיין זאָגען העלפט נישט, בין איך דאָך געצוואונגען צו דערצעהלען דעם פאָטער... אָדער ווען איך האָב געהערט ווי איהר בעליידיגט די קינדער פון זלפה'ן און בלהה'ן און איהר רופט זיי זיהן פון דיענסטען...

— דאַן האָסטו דערצעהלט דעם פאָטער וועגען דעם וואָס איך האָב זיך צוקריגט מיט נפתלי'ן ! — האָט יהודה אויסגערופען און גערריקט זיין פויסט... עס איז דיין עסק אַז איך האָב זיך צוואווערטעלט מיט נפתלי'ן..

— איז דאָס דער איינציגער מאָל אַז דו צוקריגסט זיך און בעליידיגסט איהם אָדער דן'ען, און וויפיל מאָל האָסטו זיך געקריגט מיט גד'ן און אשר'ן, האָב איך דען דעם פאָטער דערצעהלט וועגען דעם... אָבער ווען דו רופסט דיין אייגענעם ברודער „זוהן פון א דיענסט" — זאָל איך נאָך שווייגען... זיינען נישט די קינדער פון זלפה און בלהה צוגלייך מיט אונז... מיר זיינען אַלע גלייכע ברידער פון איין פאָטער און קיינער פון אונז האָט נישט קיין רעכט אַזוי בעליידיגען אַ ברודער... און פערגעס נישט אַז איך האָב עס נישט איין מאָל פון דיר געהערט.... איך האָב דיר שוין דריי צי פיער מאָל אויפמערקזאם געמאַכט וועגען דעם... און דו האָסט גאָר אפילו נישט געוואָלט הערען... וואָס מיינסטו וועל איך דיר דערלאָזען דו זאָלסט אַזוי בעליידיגען אַ ברודער ! איך וויים אַז ברידער קריגען זיך און אַמפּערען זיך, און זאָגאַר מען בעליידיגט זיך איינער דעם צווייטען... אָבער רופען

אן אייגענעם ברודער „זוהן פון א דיענסט" איז עס נישט נאר א בעליי־דיגונג פאר דעם ברודער, נור אויך פאר אונזער פאטער... דער פאטער האט מיט זלפה'ן און בלהה'ן חתונה געהאט אזוי ווי מיט אונזערע מוטערס, און אויב אפילו פאר דער חתונה זיינען זיי געווען דיענסטען צו אונזערע מוטערס, האט קיינער פון אונז נישט קיין רעכט דאמיט צו בעליידיגען די ברידער און רופען זיי „קנעכט" אדער דיענסטען קינדער...

— אבער בין איך דען דער איינציגער וואס רופט זיי קנעכט? — האט יהודה זיך א קרים געטהאן, — פארוואס האסטו דערצעהלט דעם פאטער אז נור איך בעליידיג זיי...

— ווייל פון דיר האב איך עס שוין עטליכע מאל געהערט — האט יוסף געזאגט — און ווען איך האב געזעהן אז מיין פארוואורף האט אויף דיר קיין ווירקונג נישט געמאכט, האב איך דערצעהלט דעם פאטער וועגען דעם... יעצט בין איך זיכער אז דו וועסט שוין מעהר נישט וואגען זיי צו בעליידיגען!

— און אז איך וועל זיך דערוויסען אז דו פער'מסר'וט מיך ווייטער פאר'ן פאטער וועט דיר דאס נישט זיין געשאנקען — האט יהודה זיך פערמאסטען מיט זיין פויסט צו איהם.

דינה האט די גאנצע צייט טרויעריג געשוויגען אבער ווען זי האט דערזעהן ווי יהודה פערמעסט זיך צו איהם מיט'ן פויסט האט זי זיך אריינגעמישט:

— יוסף האט פול רעכט צו דערצעהלען דעם פאטער וועגען אייערע שלעכטע אויפפיהרונג... איך ווייס נישט פארוואס דאס איז, אבער איך האב אליין אין אייך אויך בעמערקט אכזריות'ן... איהר פערגעסט מסתמא אז די ברכה „ועל חרבך תחיה" (מיט דיין שווערד זאלסטו לעבען) איז געגעבען געווארען צו אונזער פעטער עשו און נישט צו אונזער פאטער... און איהר, נאר איהר זוכט זיך צו שלאגען...

— דיר מוז שטארק פערדריסען וואס מיר האבען שכם'ן געטויטעט מיט אונזער שווערד — האט שמעון זיך אפגערופען — ווען דו וואלסט זיך געווען פערלאזען אויף יוסף'ס גוטסקייט און יושר, ווער ווייס וואו דו וואלסט שוין יעצט געווען...

—און ווען נישט די מורא פאר אונזער שווערד — האט לוי געזאגט — וואלטען דען אונז די ארומיגע פעלקער נישט בעפאלען... א גוטער בע־שיצער וואלט יוסף געווען... ער קען בלויז זיך בעריהמען און ארויסווייזען זיך פאר'ן פאטער אלס א גוטהערציגער אבער אין אמת'ן איז ער נאך מעהר פערדארבען ווי מיר זיינען...

— און איך וואלט וועלען וויסען אין וואס בעשטעהט אונזער פער־דארבענהייט — האט ראובן זיך אריינגעמישט — מיר דוכט אז מיר געהן אלע אין דעם וועג וואס אונזער פאטער האט אונז אנגעצייכענט... מיר טוען גוטעס מיט יעדען איינעם וואס קומט אונז ענטקעגען, מיר לאזען נישט קיין ארימען דורכוואנדערער אוועקגעהן אהן עסען...

— א, ראובן, ווען די איבעריגע ברידער וואלטען זיך צו דיר צוגעהערט

און געטהאָן וואָס דו טהוסט, וואָלט איך זיכער גאָרנישט געהאַט וואָס צו דערצעהלען דעם פאָטער... איך ווייס אַז נישט איינמאָל האָסטו זיי פּרוּ־בירט אויסמוסר'ן... אָבער ווי עס ווייזט אויס ווירקען אפילו דיינע ווערטער נישט אויף זיי... און ווען זיי הערען דיך נישט, ווי אַזוי קען איך ערוואַרטען זיי זאָלען מיך פאָלגען... איך ווייס וואָס עס איז אונז ערלויבט צו טהאָן און וואָס נישט.

—און וואָס ווייסטו נישט! — האָט זבולן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, איז דען פאַראַן אַ פערבאָרגענע זאַך פון דיר... אומעטום שטעקסטו אַריין דיין נאָז... דיינע אויגען זעהן אַלעס...

— עס וואָלט טאַקע נישט געשאַדט, ווען אַנשטאַט נאָכצושפּירען וואָס מיר טהוען, וואָלסטו פיעלייכט געטהאָן עפּעס אַ מעהר נוצבארע זאַך... דו וואָלסט געגאַנגען אונז העלפען אין פעלד...

— איך האָב זיך קיינמאָל נישט ענטזאָגט צו טהאָן אַרבייט... דער פאָטער ווייס אַז ווען די צייט קומט און מען דאַרף זעען אָדער צו אַקערען דאָס פעלד, בין איך דער ערשטער עס צו טהאָן.

— און פאַרוואָס קומסטו אַמאָל נישט צו דער פאַשע אומצובייטען אימיצען פון אונז? — האָט לוי זיך אָפּגערופען.

— ווייל דער פאָטער ערלויבט מיר נישט! — האָט יוסף געענטפערט.

— אָט דאָס וואָס איך האָב אייך געזאָגט — האָט שמעון אויסגע־רופען — ער איז געראַטען אין אונזער פעטער עשו'ן...

— אַ פאַרגלייכעניס! — האָט יששכר געלאַכט — עשו איז געזונט און שטאַרק און וואַרפט אָן אַ שרעק אויף יעדען ווער עס זעהט איהם... און יוסף איז דאָך אַזאַ ציטעריגער... ער איז דאָך אַ שרעקעדיגער האָז...

— נישט דאָס מיין איך — האָט שמעון געשמייכעלט — איך מיין דאָס וואָס אונזער באָבע רבקה האָט אונז דערצעהלט אַז עשו פלעגט וועלען צייגען אונזער זיידען ווי גוט און פרום ער איז, פלעגט ער איהם יעדען מאָל פרעגען אַ בעזונדער פראַגע, ווי למשל... — פאָטער, ווי אַזוי נעמט מען מעשר פון שטרוי און פון זאַלץ? פאָטער, ווען מען מאַכט אַ ברכה צום עסען דאַרף מען מאַכען אַ ברכה אויף יעדער זאַך בעזונדער? און אונזער זיידע יצחק האָט געמיינט אַז עשו איז טאַקע אַ צדיק און ער האָט איהם דערפאַר ליעב געהאַט מעהר ווי אונזער פאָטער...

— דאָ ביזטו שוין אומגערעכט! — האָט ראובן געזאָגט, דער זיידע איז דאָך געווען בלינד, האָט ער טאַקע נישט געקענט וויסען וואָס עשו טוט, און דעריבער ווען ער איז געקומען און איהם אָפּגענאַרט וועגען אָט די אַלע זאַכען, האָט ער איהם געגלייבט... ביז וואַנען ער האָט אויסגעפונען דעם אמת. אָבער אונזער פאָטער, זעהט דאָך אַלעס צו, און איהם וועט קיינער פון אונז נישט קענען אָפּנאַרען...

— קומט נאָך דיר אויס, אַז דאָס וואָס אונזער פאָטער האָט ליעב יוסף'ן מעהר פון אונז אַלעמען, איז ווייל ער האָט עס אַזוי פערדיענט! — האָט איהם שמעון געענטפערט — דאָס איז בלויז ווייל ער ווייס זיך ווי צו

חנפ'נען און צוליעב דעם וואָס ער ערנידעריגט אונז אַלעמען אין די אויגען פון אונזער פאָטער...

— און איך ווייס אַז פיעלע מאָל האָט יוסף אייך פערלויבט פאַר'ן פאָטער — האָט דינה געזאָגט.

— מיר פערלאַנגען פון איהם נישט ער זאָל אונז ליובען און מיר ווילען נישט אַז ער זאָל אונז טאַדלען! — האָט יהודה געזאָגט — אויב דו ווילסט פערמיידען צרות, יוסף, וואָלט איך דיר געראַטען אַז דו זאָלסט זעהן צו טהאָן אַ מעהר וויכטיגערע אַרבייט ווי נאָכצושפּיאָנירען אַלעס וואָס מיר טוען...

— איך שפּיאָניר אייך קיינעם ניט נאָך — האָט יוסף געזאָגט, אָבער ווען איך באמערק, אַז אימיצער פון אייך טהוט אַן עולה, קען איך דאָס נישט פערליידען, און אַזוי ווי מיינע רייד פאַלט אויף פאַרשטאָפּטע אויערען, דאַריבער מוז איך דערצעהלען דעם פאָטער וועגען דעם. און איך זאָג אייך נאָך אַמאָל, אַז עס איז זעהר נישט שעהן פון אייך צו רופען אַן אייגענעם ברודער אַ זוהן פון אַ דיענסט. מיר זיינען אַלע גלייך און קיינער פון אונז האָט נישט קיין רעכט צו באַליידיגען אַ ברודער.

— און דו באַליידיגסט אונז בלויז מיט דיינע בליקען! — האָט שמעון זיך אָפּגערופען. — איך וואָרען דיך נאָכאַמאָל, אַז דו וועסט שלעכט אָפּשניידען ווען דו וועסט איבערגעבען דעם פאָטער פון אַלעס, וואָס מיר טהוען און ריידען. מיר זיינען אַלט גענוג און מיר ווייסען, וואָס מיר מעגען טהאָן און וואָס נישט.

— איך וויל לעבען מיט אייך אַלעמען בשלום! — האָט יוסף זיך אָפּגערופען — אָבער איך קען נישט פאַרטראָגען קיין עולות. און ווען איך מאַך אייך אויפמערקזאַם, לאַכט איהר זיך אויס פון מיר. און דאַן דערצעהל איך דעם פאָטער וועגען דעם.

— און דאָס פאַרגרעסערט נאָך די שנאה פון דיינע ברידער אויף דיר. דו דאַרפסט וויסען יוסף, אַז דו ביזט דער אינגסטער צווישען אונז און אויב אימיצער טהוט אַן אומרעכט, בין איך דער עלטסטער — האָט ראובן געזאָגט — איך וועל שוין זעהן, אַז די אומרעכט זאָל נישט ווידערהאָלט ווערען. אָבער דו דאַרפסט זיך נישט מישען אין אונזערע ענינים, בפרט ווען דו פּיטערסט נישט מיט אונז, דו קומסט בלויז אויף אַ קורצע ווייל און דו ווייסט שוין אַלעס וואָס מיר טוען. אַמאָל, ווען דו פלעגסט קומען אונז באַזוכען פלעגסטו אונז איבערגעבען אַלעס, וואָס דער פאָטער האָט דערצעהלט, די שעהנע געשיכטעס פון אונזער עלטער זיידען אברהם און אפילו פון די פריהערדיגע דורות, און יעצט קומסטו צו אונז הערען און דו דערצעהלסט גאָר דעם פאָטער אַלעס וואָס מיר ריידען.

ווען יוסף און דינה זיינען אַוועק, האָבען די ברידער זיך דורכגעשמועסט צווישען זיך:

— נאָך אַלעמען ווייס איך נישט וואָס דו האָסט צו איהם — האָט ראובן זיך אָפּגערופען צו שמעון — יוסף האָט רעכט! איך האָב אייניגע

מאָל שוין פון דיר געהערט ווי דו רופסט גד׳ן קנעכט. און אפילו נפתלי׳ן און אשר׳ן האָסטו אויך נישט געשאָנעוועט.

— דאָס טו איך ווען איך בין אויפגערעגט! — האָט שמעון זיך פאַרענטפערט — אָבער דער פאָטער דאַרף דערפון נישט וויסן. איך זאָג דיר ראובן, איך וועל יוסף׳ן נישט שענקען פאַר זיין דערציילן אונזער פאָטער אַלעס, וואָס ער הערט.

— איך גלויב, אַז די קנאה רעדט אין איהם מעהר ווי די שנאה! — האָט יששכר אויסגערופן. — ער איז מקנא יוסף׳ן וואָס דער פאָטער האָט איהם מעהר ליעב ווי איהם.

— ער איז דער מיזיניק, דאַריבער האָט איהם אונזער פאָטער אַזוי ליעב און לאָזט איהם פון זיך נישט אָפּ.

— יעצט אָבער איז ער שוין אויס מיזיניק! — האָט יהודה אויסגערופן — דער אינגסטער זוהן אין אונזער משפחה איז דאָך בנימין, טו וואָס איז יעצט אַזוי די גדולה מיט איהם.

— ער איז פאַר אַזוי פיעל יאָהרען געווען דער אינגסטער פון אונז אַלעמען! — האָט זבולן געזאָגט, אַז אפילו יעצט ווערט ער פאַררעכענט פאַר דעם מיזיניק, און דער פאָטער האָט איהם דאַריבער זעהר ליעב.

— פאַרוואָס זאָלען מיר זיך נאַרען! האָט ראובן זיך אָפּגערופען — די אורזאַכע, וואָס דער פאָטער האָט יוסף׳ן אַזוי ליעב און פאַרוואָס ער האַלט איהם שטענדיג לעבען זיך, איז נישט וואָס ער איז דער אינגסטער, און אויך נישט ווייל ער איז שעהנער פאַר אונז. ניין! דער פאָטער האָט ליעב יוסף׳ן, ווייל ער איז דער קליגסטער פון אונז אַלעמען, זיין קאָפּ פאַרנעהמט אַלע שווערע זאַכען און טאַקע דערפאַר זעהט אונזער פאָטער, אַז שטענדיג מיט איהם אין דער היים, וועט יוסף האָבען מעהר נוצען ווי צו פּאַשען די שאָף צוזאַמען מיט אונז. מיר מוזען טאַקע אַלע מודה זיין, אַז יוסף איז מעהר געלערענט פון אונז, ער ווייס פון פיעלע זאַכען און מיר קענען אַ סך לערנען פון איהם.

— איז עס דען אַ וואונדער! — האָט לוי אויסגערופען, אַז דער פאָטער זיצט גאַנצע טעג און לערענט מיט איהם. ער דערציילט יוסף׳ן פון אַלעס. ווען ער זאָל דאָסזעלבע טאָן מיט אונז, וואָלטען מיר אויך זעהר קלוג געווען.

— דער פאָטער ווייס וואָס ער טהוט! ער ווייס, אַז פאַר אונז איז בעסער צו פּאַשען די שאָף און פאַר יוסף׳ן איז בעסער צו קריגען וואָס מעהר חכמה, דאַריבער האַלט ער איהם אין הויז און אונז שיקט ער אין פעלד — האָט יששכר געזאָגט.

— און אנשטאָט זיך צו קריגען מיט יוסף׳ן וואָלט נישט בעסער געווען ווען מיר לעבען מיט איהם בשלום — האָט זבולן געזאָגט — דאַן וואָלט ער אונז דערציילט די וואונדער־שעהנע מעשיות וואָס ער הערט פון פאָטער. אָה, איך האָב אַזוי ליעב צו הערען אָט די אַלע געשיכטעס.

— אמת — האָט יהודה צוגעגעבען — —יוסף ווייס ווי אַזוי צו דערציילען. איך קען זיצען און הערען טאָג און נאַכט צו די וואונדערבאַרע געשיכטעס וואָס ער דערציילט.

איך געדענק אז לעצטען מאָל האָט ער אונז אָנגעפאַנגען צו דערצעהלען די מעשה מיט סדום און עמורה, אָבער דו יהודה האָסט גורם געווען ער זאָל אויפהערען צו דערצעהלען — האָט יששכר געזאָגט.

— איך! — האָט יהודה אויסגערופען. — ווי אַזוי קענסטו זאָגען אַזא זאַך אויף מיר. איך האָב יוסף'ן קיינמאָל נישט געשטערט ווען ער דערצעהלט אונז אַ מעשה!

—דו האָסט שוין פאַרגעסען, ווען גד האָט פאַרנומען דיין פּלאַץ, וואָס איז געווען נעהענטער צו יוסף'ן און ער האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטען, האָסטו איהם גערופען „קנעכט" דאַן איז יוסף אין כעס געוואָרען און האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ און זינט דאַן האָט ער אונז נאָך גאָרנישט דערצעהלט — האָט יששכר געזאָגט.

— און איך בין אַזוי נייגעריג געווען צו הערען די מעשה פון סדום — האָט לוי געזאָגט —איך האָב שוין אַ פּאָר מאָל געהערט עטוואָס דער־צעהלען וועגען דעם, אָבער נישט אינגאַנצען.

— ווייסט איהר וואָס, האָט ראובן געזאָגט, לאָמיר איהם שיקען רופען און מאַכען מיט איהם שלום און בעטען איהם ער זאָל אונז ווידער אָנפאַנגען דערצעהלען.

— אומזיסט וועט זיין אונזער טרחה! — האָט שמעון געזאָגט — יוסף וועט נישט אָנפאַנגען צו דערצעהלען כל זמן אונזערע איבעריגע ברידער, די קינדער פון בלהה און זלפּה זיינען נישטאָ! און איך האָב געהערט, אַז זיי וועלען זיך היינט אומקעהרען גאַנץ שפּעט.

— אויב אַזוי וועלען מיר איהם איינלאַדען אויף מאָרגען אין פעלד און דאַן וועלען מיר זיך אַלע צוזאַמענקלייבען און זיך אויסזעצען אויפ'ן גראָז און יוסף וועט אונז דערצעהלען — האָט זבולן געזאָגט.

— אָבער מיר מוזען פריהער אָפּמאַכען צווישען אונז זיך נישט צו באַליידיגען איינער דעם צווייטען — האָט יששכר געזאָגט.

— ווער וועט געהן ריידען יעצט מיט יוסף'ן?

— איך וועל געהן — האָט ראובן געזאָגט — איך ווייס ווי אַזוי מיט איהם צו ריידען און איך בין זיכער, אַז מיר וועט ער נישט ענטזאָגען.

ראובן איז גלייך אַוועק צו יוסף'ן און זיך צו איהם אָפּגערופען:

— איך און דיינע איבעריגע ברידער, בעטען דיך, אַז דו זאָלסט אונז מוחל זיין, וואָס מיר האָבען דיך פיליכט באַליידיגט, און מיר ווילען מאַכען מיט דיר שלום.

יוסף איז געווען זעהר גליקליך צו הערען אַזעלכע רייד פון זיין עלטערען ברודער און האָט זיך מיט אַ שמייכעל אָפּגערופען:

— איך טראָג אויף קיינעם קיין כעס נישט. איהר זייט ביי מיר אַלע טייער, איך האָב ליעב אַלע מיינע ברידער.

— מיר האָבען באַשלאָסען דיך איינצולאַדען אויף מאָרגען אין פעלד אויף דער פּאַשע, און דו וועסט אונז דערצעהלען די מעשה פון סדום, וואָס דו האָסט מיט אַ צייט אָנגעפאַנגען.

— װעלען דן, נפתלי, גד און אשר אויך זיין צוזאַמען מיט אייך! — האָט יוסף געפרעגט.

— געװיס! — האָט ראובן געענטפערט — נאָך אַלעמען דאַרפסטו װיסען, אַז טאָמער ברעכט אױס אַ קריעג צװישען ברידער, איז אויך גאָר־נישט, מיר בלייבען דאָך פאָרט ברידער און מיר זיינען אַלע צוזאַמען.

— גוט, אויב אַזוי װעל איך קומען — האָט יוסף געזאָגט — איך האָף, אַז דער פאָטער װעט מיר ערלויבען.

אויף מאָרגען האָבען די ברידער געפיטערט זייער שאָף גאַנץ פריה אין פעלד, און האָבען מיט גרויס אומגעדולד געװאַרט אויף יוסף׳ס קומען.

— איך האָף, אַז דער פאָטער װעט יוסף׳ן לאָזען געהן צו אונז — האָט לוי געזאָגט.

— פאַרװאָס נישט — האָט זבולן געפרעגט.

— איך װייס! — האָט לוי געזאָגט — דער פאָטער דענקט דאָך געװיס אויף אונז מי יודע װאָס. ער מיינט, אַז מיר זיינען צו פאַרדאָרבען און מיר װעלען נאָך איבערפיהרען יוסף׳ן.

— און דאָס האָבען מיר אַלץ צו פערדאַנקען יוסף׳ס צונג — האָט שמעון געזאָגט — איך בין זיכער, אַז פיעלע זאַכען, װאָס ער האָט דעם פאָטער דערצעהלט װעגען אונז, האָט ער שטאַרק מגזם געװען!

— נו, זאָל שוין זיין גענוג! האָט ראובן זיך אָפּגערופען צו שמעון, מיר האָבען דאָך באַשלאָסען צו לעבען מיט איהם בשלום! צוליעב װאָס דען װילסטו װייטער אָנפאַנגען דיזעלבע זאַך פון אָנהויב!

— איך װאָלט נישט געװאָלט הערען זיינע מעשיות און נישט געװאָלט אָנקוקען זיין פנים! האָט שמעון געזאָגט.

— פונדעסטװעגען װעסטו װעלען זיך זעצען װאָס נעהענטער צו יוסף׳ן — האָט זבולן זיך מיט איהם אַ רייץ געטהאָן — איך האָב באַמערקט, אַז יעדען מאָל, װאָס יוסף דערצעהלט אונז אַ מעשה, ביזטו דער ערשטער צו פאַרכאַפּען דעם נאָהענטסטען פּלאַץ.

— אַז איך הער זיך שוין יאָ איין צו זיינע מעשיות, װיל איך זיך גוט צוהערען.

— װער צװינגט דיר דו זאָלסט זיך צוהערען צו יוסף׳ס מעשיות — האָט יהודה צו שמעון געזאָגט — אויב דו װילסט נישט אָנקוקען זיין פנים, קענסטו זיך געהן דערװיילע אַכטונג געבען אויף די שאָף, װעלען מיר קענען זיצען און זיך צוהערען אביסעל רוהיגער.

— מיר דוכט, אַז יוסף קומט אָן! — האָט זבולן אויסגערופען.

— יע, דאָס איז ער! װי עס װייזט אויס האָט דער פאָטער צוגעשטימט — האָט ראובן געזאָגט — און יעצט װעט ער מיט אונז פאַרברייננגען דעם גאַנצען טאָג.

— און דערװיילע װעלען מיר פאַרנאַכלעסיגען די שאָף! — איז שמעון אַלץ נישט געװען צופרידען.

— האָב איך דיר דען נישט געראַטען דו זאָלסט אכטונג געבען אויף

די שאף — האט יהודה געזאגט. דו האסט דאך אלץ איינס קיין אינטערעס נישט אין זיינע מעשיות!

עס וועט די שאף גארנישט שאדען האט לוי געזאגט — זיי פאשען זיך גאנץ רוהיג... און פון צייט צו צייט וועלען מירווארפען א בליק אויף זיי.

ווען יוסף איז צוגעקומען האבען די ברידער איהם גאנץ פריינדליך בעגריסט. זיי האבען זיך אלע אויפגעשטעלט פון זייערע פלעצער, און אלעמענס אויגען זיינען געווען געווענדעט אויף איהם. די ברידער האבען יעצט באמערקט ווי שעהן זייער ברודער יוסף איז... זיין הויט איז געווען ווייס און צארט, זיינע לאקען האר זיינען געווען געקרייזעלט, און זיינע אויגען זיינען געווען מילד און ווייך. דאך האט ער אויסגעקוקט אזוי העלדיש און אנגענעהם... אין דיזער רגע האט זיך ביי אלע ברידער ערוועקט א ליעבשאפט צו זייער ברודער און יעדער האט זיך ביי זיך אין הארצען געוואונדערט ווי אזוי ער האט גאר געקענט טראגען א שנאה אויף יוסף'ן. אפילו שמעון, וועלכער האט איהם פיינט געהאט מעהר ווי די איבעריגע ברידער, האט זיך יעצט אויך אוועקגעזעצט און געווארט מיט גרוים אונגע־דולד יוסף זאל אנפאנגען דערצעהלען.

די ברידער האבען אויפגעזוכט א קיהלען פלאץ, אונטער דעם שאטען פון א בוים, וואו זיי וועלען זיך קענען בעשיצען פון דער היץ און זיי האבען זיך דארטען אנידערגעזעצט.

א שטילקייט האט געהערשט ארום, וואס איז אונטערבראכען געווארען פון צייט צו צייט פון א פויגעל געזאנג אדער פון דעם זשומען פון א פארבייפליהענדע ביהן... אויף דער לאנקע האבען זיך שטיל און רוהיג געפיטערט די שאף.

יוסף האט א ווײלע צוגעווארט, ער האט געוואלט אז זיינע ברידער זאלען אליין פארשלאגען וואס פאר א געשיכטע ער זאל זיי דערצעהלען.

— אויב דו געדענקסט, יוסף, — האט יהודה זיך אפגערופען צו איהם — האסטו דעם לעצטען מאל זיך אפגעשטעלט ווען דו האסט אנגעפאנגען דערצעהלען די געשייכטע פון סדום...

— יע, מיר ווילען הערען אט די געשיכטע! — האט ראובן געזאגט.

— ווער פון אייך געדענקט, וואו איך האב זיך אפגעשטעלט — האט יוסף א פרעג געטהאן.

— איך געדענק! — האט זיך גד אפגערופען — דו האסט זיך אפגע־שטעלט ווי אזוי לויט אברהם'ס פלימעניק האט זיך בעזעצט אין סדום...

— און מיר דוכט אז איך האב אייך אויך דערצעהלט וועגען דער מלחמה, ווי אזוי סדום און עמורה האבען פארלארען די מלחמה און כדלעומר און די איבעריגע קעניגע וועלכע האבען מיט זיי מלחמה געהאלטען, האבען אוועקגענומען דעם גאנצען פערמעגען און די פרויען און קינדער פון סדום האבען זיי גענומען געפאנגען. און צווישען די געפאנגענע איז געווען לוט, אברהם'ס פלימעניק.

— יע, דאס האסטו אונז דערצעהלט — האט לוי געזאגט — דו האסט אונז אויך דערצעהלט, אז ווען אברהם האט געהערט אז לוט איז

געפאַנגען געוואָרען, האָט ער מיט זיינע שטאַרקע קנעכט זיך נאָכגעיאָגט די מלכים און ער האָט זיי בעזיעגט און צוריקגענומען דעם גאַנצען שלל...

— יע, יעצט האָב איך זיך דערמאָנט! — האָט יוסף געזאָגט — אונזער עלטער זיידע אברהם האָט צוריקגעשטעלט סדום און עמורה אויף זייערע פיס, נישט נאָר, האָט ער זיי צוריקגעגעבען זייערע געפאַנגענע פרויען און קינדער, אָבער אויך זייער גאַנצע פערמעגען... און ער האָט פון זיי דערפאַר נישט גענומען אַ שוך בענדעל... און פונדעסטוועגען האָבען זיי נאַכהער אַזוי שלעכט בעהאַנדעלט לוט׳ן און זיין משפחה...

די ברידער האָבען זיך נעהענטער צוגערוקט און מיט גרויס נייגעריגקייט אָנגעווענדעט זייערע אויגען אויף איהם.

— ווי אייך איז שוין בעוואוסט — האָט יוסף גענומען דערצעהלען — זיינען די מענשען פון סדום געווען גרויסע רשעים... זיי האָבען געהאַט אין זייער לאַנד די ערגסטע געזעצען אָבער נישט פאַר זיך נאָר פאַר פרעמדע. צווישען זיך האָבען זיי געלעבט בשלום, און געווען פעראייניגט... אָבער זיי האָבען געהאַט די גרויזאַמסטע בעציהונג צו אַ פרעמדען און צו אָרימע דורכוואַנדערער.

זיי האָבען געהאַט אַ געזעץ אַז ווען אַן אָרימער דורכוואַנדערער קומט צו געהן אין איינע פון זייערע שטעדט, טאָר איהם קיינער נישט געבען אָדער פערקויפען קיין עסענוואַרג...

לוט אָבער איז געווען זעהר גוטהערציג און אויך זיינע קינדער זיינען אַזוי געווען. איבערהויפּט איז לוט׳ס עלטערע טאָכטער, פּלטית, געווען זעהר גוט און גנעדיג... זי האָט געהאַט זעהר אַ ווייכע האַרץ און זי האָט נישט געקענט צוזעהן די נויט פון די אָרימע לייַדענדע... איינמאָל איז אָנגעקומען אין יענער שטאָדט אַן אָרימער מאַן, וועלכער האָט אויסגעקוקט גאַנץ שוואַך און אַלט. קיינער האָט דעם מאַן נישט געגעבען וואָס צו עסען... גראַדע האָט זיך דער מאַן געפונען נישט ווייט פון לוט׳ס וואָהנונג, אָבער די איינוואָהנער פון סדום האָבען געוואָרענט לוט׳ן, אַז אויב ער וועט אַריינלאָזען דעם אורח צו זיך אין הויז, וועט ער און זיין גאַנצע משפּחה בעצאָהלען מיט׳ן לעבען... און דעריבער האָט ער מורא געהאַט דאָס צו טהאָן. אָבער לויט איז דאָך פּאָרט אַ פּלימעניק פון אברהם׳ן... זיין האַרץ האָט איהם געצויגען צו טהאָן גוטעס... ער איז איבער צו געוואָהנט געווען צו האָבען אין זיין הויז פּיעלע אָרימע געסט, ער פלעגט זיי געבען עסען און טרינקען און אפילו קליידער האָט ער זיינע אורחים געגעבען אומזיסט... זיצט ער לוט און קוקט דורך זיין פענסטער, ער זעהט ווי דער אַלטער דורכוואַנדערער זיצט נעבאַך און איינגעקאָרטשעט אין דרייען פון הונגער... ער בעמערקט זיין בלאַסען געזיכט, זיינע אויסגעטאָרטשעטע אויגען, און זיינע פערטריקענטע ליפּען... און דאָס האַרץ געהט איהם אוים פון רחמנות...

— מיר וואונדערט זיך שטאַרק אויף לוט׳ן — האָט יהודה אונטערבראָכען יוסף׳ס ערצעהלען — ווער האָט איהם געצוואונגען ער זאָל וואָהנען צווישען אַזעלכע רשעים!... ער האָט געקענט קריגען גענוג לאַנד ערגיץ וואו אַנדערש זיך צו באַזעצען...

— די פּאַשע אין סדום איז געווען זעהר אַ גוטע און לוט איז געווען זעהר רייך אין שאָף — האָט יוסף איהם געענטפערט — האָט ער זיך דאָרטען בעזעצט — און ווען מען זיצט שוין אויף אַ פּלאַץ, ווייסטו דאָך ווי שווער עס איז צו פערלאָזען און זוכען אַ נייעם פּלאַץ...

— נו דערצעהל אונז ווייטער — איז אשר אומגעדולדיג געוואָרען.

— פאַרוואָס שלאָגסטו איבער אין מיטען! — האָט לוי פאָרגעוואָרפען יהודה'ן...

— וואָס, איך טאָר נישט פרעגען ?! — האָט יהודה איהם געענטפערט.

ראובן האָט זיי איינגעשטילט און יוסף האָט פאָרטגעזעצט:

אזוי זיינען אַוועק צוויי טעג, און דער אַלטער איז פּשוט אויסגעגאַנגען פון הונגער... לוט האָט נישט געקענט צוזעהן דעם גרויסען צער... ער האָט איהם געוואָלט העלפען, אָבער יעדעס מאָל ווען ער איז אַרויסגעקומען מיט עסען, האָט ער בעגעגענט לויערענדע אויגען... די רשעים האָבען פערשטאַנען אַז לוט וועט מאַכען אַ פערזוך צו העלפען דיזען אַלטען, און דעריבער זיינען טאָג און נאַכט ארומגעגאַנגען אייניגע סדומים און האָבען געהיט...

לוט אָבער האָט שוין געזעהן אַז אויב מען וועט דעם אַלטען גלייך נישט געבען וואָס צו עסען, וועט ער זיכער באַלד שטאַרבען האָט ער זיך אָפּגערופען צו זיינע טעכטער...

— איהר זעהט ווי דער אַלטער וועלכער זיצט נעבען ברונעם איז אזוי אָפּגעשוואַכט פון הונגער אַז ער קען קוים ריהרען זיינע הענט און פיס... וואָס טוט מען, ווי אַזוי קען מען איהם העלפען.

— פאָטער! — האָט זיין עלטערע טאָכטער, פּלטית זיך אָפּגערופען

— איך וועל דעם אַלטען אַרויסטראָגען אַ שטיקעל ברויט, ער זאָל קענען דערהאַלטען זיין נשמה דערווייל און דו פאָטער פרוביר זיך דורכריידען מיט די בעאַמטע פון שטאָדט... פיעלייכט וועלען זייערע הערצער ווייכער ווערען.

— מיין טאָכטער, עס איז שוין צייט אַז דו זאָלסט דיזע רשעים קענען... זיי וועלען קיינמאָל נישט נאָכגעבען... און ווען איך וועל אַרויסצייגען אַז איך בין פעראינטערעסירט צו העלפען דעם אַלטען, וועלען זיי נאָך מעהר פערשטאַרקען די שמירה אַרום איהם, און דאָס וועט נאָך פאַר איהם ערגער זיין...

— דערווייל וועל איך איהם אַרויסטראָגן אַ שטיקעל ברויט ווען קיינער וועט נישט בעמערקען...

—דו מוזט זעהר פאָרזיכטיג זיין, מיין טאָכטער — האָט איהר לוט געזאָגט. די סדומים דרעהען זיך אַרום און זיי וועלען נאָכקוקען יעדען איינעם וואָס וועט קומען אין בעריהרונג מיט דעם אַלטען...

— איך וועל געהן שעפּען וואַסער פון ברונים — האָט פּלטית געזאָגט

— און אין מיין קרוג וועל איך אַריינלייגען אַ שטיקעל ברויט, אַזוי וועט קיינער נישט בעמערקען און ווען איך וועל צוגעהן צום ברונים וועל איך דאָס ברויט אַוועקלעגען אויף אַ שטיין נישט ווייט פון אַלטען... איך וועל

אפילו צו איהם קיין ווארט ניט אויסריידען... און אזוי וועט קיינער ניט וויסען אז איך האב איהם געבראכט וואס צו עסען.

— מיין טאכטער, גאט האט דיר געבענשט מיט א גוט הארץ, פאר דיר פאסט זיך צו זיין פון דער משפחה פון מיין פעטער אברהם... — האט לוט צו איהר דאן געזאגט — דו ביזט נישט אזוי ווי דיין מוטער וועלכע זשאלעוועט צו געבען יענעם אפילו אביסעל זאלץ... אבער דו טארסט נישט פארגעסען אז דו שטעלסט איין דיין לעבען אין געפאהר ווען די סדומים וועלען זיך דערוויסען וואס דו האסט געטהאן וועסטו פערליערען דיין לעבען.

—איך וועל גוט פארזיכטיג זיין, פאטער, האט פלטית איהם געענט־פערט, און האט אריינגעלייגט א שטיק ברויט אין איהר קרוג און איז ארויס צום ברונים.

ווען זי איז צוגעקומען גאנץ נאהענט צו דעם ברונעם האט זי בעמערקט ווי דער אלטער קוקט מיט בעטענדע אויגען, אבער ער וואגט נישט אויס־צורײדען קיין ווארט. זי האט זיך ארומגעקוקט און ווי זי האט געזעהן אז קיינער בעמערקט ניט, האט זי אוועקגעלעגט דאס ברויט אויף א דערביי־איגען שטיין, זי האט אנגעשעפט דאס וואסער און איז אוועק. דער אלטער האט גלייך בעמערקט דאס ברויט און ער האט עס אויגענבליקליך אויפ־געגעסען... ער האט זיך פשוט מחיה געוועזן. אזוי האט לוט'ס טאכטער געטהאן יעדען טאג... און דער אלטער איז קרעפטיגער געווארען.. און ווען די מענשען פון סדום האבען געזעהן אז פיעלע טעג זיינען פאריבער, און דער אלטער איז נאך נישט געשטארבען פון הונגער, האבען זיי זיך זעהר געוואונדערט — האבען זיי איינער דעם צווייטען געזאגט — אימיצער מוז געוויס איבערטרעטען אונזער געזעץ און שפייזען דעם פרעמדען.

— איך וועל שוין אויסגעפינען ווער עס טוט עס! — האט א סדומי געזאגט — און דאן וועט שוין יענער זיין שטראף באקומען.

דער סדומי האט זיך פערבארגען הינטער א בוים פון וואנען ער האט געקענט זעהן דעם אלטען... דעם גאנצען טאג האט ער זיינע אויגען נישט אראפגענומען פון דעם פלאץ וואו דער ארימער אלטער איז געזעסען...

פלוצלונג בעמערקט ער ווי דער אלטער הויבט זיך אויף פון זיין פלאץ, קוקט זיך ארום... און הויבט עפעס אויף פון שטיין און עסט עס שנעל אויף...

ווער האט עס דעם אלטען געבראכט דאס עסען? — האט זיך דער סדומי געוואונדערט... געוויס איינע פון די מיידלאך וועלכע קומען שעפען וואסער... ער וועט שוין יעצט זיך בעסער צוקוקען און זעהן... אויף מארגען האט ווידער פאסירט דאס זעלבע. יעצט האט ער בעמערקט גלייך ווי פלטית די טאכטער פון לוט איז אוועק. — איך ווייס שוין ווער דאס טוט דעם פערברעכען! — האט דער סדומי זיך אפגערופען צו זיינע פריינד... דאס איז א טאכטער פון לוט... איך האב גלייך געוואוסט אז אן אונזעריגער וועט אזא „פערברעכען" נישט בעגעהן... דאס איז דער פרעמדער לוט צו וועמען מיר זיינען געווען אזוי גנעדיג און איהם געלאזט וואהנען אין אונזער לאנד...

— מיר האבען שוין לאנג בעדארפט איהם ארויסטרייבען פון אונזער

לאַנד! — האָט זיך אַ צווייטער סדומי אָפּגערופן.

— דאָס קענען מיר דאָך נישט טהאָן צוליעב זיין פעטער אברהם — האָט דער ערשטער געענטפערט — ער האָט דאָך אונז אַזאַ טובה געטהאָן...

— אָבער זי מוז בעשטראָפט ווערען, גוט, מיר וועלען זיך אַלע בעהאַל־טען און ווען מיר וועלען איהר כאַפּען ביי דער האַנד, וועלען מיר איהר גלייך פיהרען צום שופט.

יענעם אָבענד זיינען שוין עטליכע סדומים געווען בעהאַלטען אין זייער בעהעלטעניס און ווי נאָר פּלטית איז צוגעגאַנגען צום ברונים, איידער זי האָט נאָך צייט געהאַט אַוועקצולייגען דאָס ברויט אויפ׳ן שטיין, זיינען איהר די רשעים בעפאַלען, און איהר געשלעפּט צום שופט. לוט האָט דערהערט איהרע געשרייען און איז אַרויסגעגאַנגען איהר העלפען... אָבער די סדומים האָבען איהם אַוועקגעשטויסען פון זיך.

דער שופט האָט אַרויסגעגעבען זיין פּסק, אַז פאַר אַזאַ גרויסע זינד, מוז פּלטית פערברענט ווערען... מען האָט גלייך געמאַכט אַ גרויסען פייער אין מיטען שטאָדט און אַלע איינוואָהנער פון שטאָדט האָבען זיך פאַרזאַ־מעלט און מיט גרויס פרייד און שאַלען געשרייען, האָט מען לוט׳ס טאָכטער פערברענט...

— אה די רשעים! — האָט יהודה געקריצט מיט צייהן! — איך וואָלט זיי אַלעמען מיט מיין שווערד אויסגעקוילעט...

— זיי האָבען שוין זייער פּסק געקראָגען — האָט ראובן געזאָגט — מיר ווייסען דאָך אַלע ווי אַזוי די שטעדט פון סדום און עמורה זיינען חרוב געוואָרען.

— און מיר איז נאָך יעצט אויך גאַנץ שווער צו פערשטעהן — האָט לוי זיך אָפּגערופען — נאָכדעם ווי אונזער עלטער זיידע אברהם, האָט געוואוסט ווי שטאַרק פערדאָרבען די מענשען פון סדום זיינען געווען און ער האָט זיך נאָך פאַר זיי איינגעשטעלט... ער האָט געבעטען גאָט ער זאָל נישט חרוב מאַכען זייערע שטעדט...

—אונזער עלטער זיידע אברהם, איז געווען זעהר גוטהערציג און איידעל — האָט יוסף איהם געענטפערט — ער האָט געהאָפט אַז פיללייכט וועלען די מענשען פון סדום נאָך תשובה טהאָן און פערבעסערען זייערע וועגען און אַ חוץ דעם האָט זיך איהם געדוכט אַז אין סדום געפינען זיך נאָך עטליכע צדיקים אַ חוץ זיין פּלימעניק לוט...

— אה יוסף, דערצעהל אונז נאָך עפּעס פון יענע רשעים! האָט זבולון זיך צו איהם אָפּגערופען.

— מיר דוכט אַז איינע פון די שעפּסען, איז גאַנץ ווייט אַוועק — האָט זיך שמעון אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ. וואַרט יוסף, ביז וואַנען איך וועל די שעפּס צוריקטרייבען און זיך צוריקקעהרען.

זבולון האָט אויף שמעון׳ען אַ קוק געטהאָן און דאַביי אַ שמייכעל געטהאָן. און ראובן האָט פערשטאַנען וואָס דאָס בעדייט...

— דו זעהסט ווי נייגעריג ער איז צו הערען יוסף׳ס מעשיות — האָט זבולון אַריינגערוימט ראובן׳ען אין אויער, ער פערלאַנגט ער זאָל אויף איהם

ווארטען, ער וויל גארנישט פערפעהלען... און האסטו נישט בעמערקט ווי שטארק אין כעס און אויפגעבראכט ער איז געווען אויף יוסף'ן
— קיינער קען נישט אפלייקענען, אז יוסף קען וואונדערבאר דער־צעהלען... און אפילו שמעון, שלינגט יעדעס ווארט וואס קומט ארויס פון זיין מויל...
— פונדעסטוועגען, וועט ער אין א ווײלע ארום איהם ווידער בעליי־דיגען — האט זבולון שטילערהייט געזאגט צו ראובן'ען.
— דאס האט גארנישט צו טהאן איינס מיט דעם צווייטען — האט ראובן איהם געענטפערט — ווען יוסף ברייגגט איהם אריין אין כעס, זידעלט ער און בעליידיגט איהם, אבער ווען יוסף דערצעהלט וואונדערשעהנע מעשיות פון אמאל, האט ער ליעב צו הערען.
שמעון האט זיך צוריקגעקעהרט און פערנומען זיין פריהערדיגען פלאץ...
— דו האסט גארנישט דערצעהלט אין דער צייט וואס איך בין געווען אוועקגעגאנגען — האט ער געפרעגט יוסף'ן...
— ניין! — האט יוסף געענטפערט, איך האב אויף דיר געווארט.
נו, דערצעהל אונז נאך עפעס פון די סדומים! — האט אשר זיך אפגערופען.
— עס זיינען פאראן אזוי פיעל מעשיות וועגען די סדומים, אז איך וויים נישט וואס פריהער צו דערצעהלען — האט יוסף געזאגט מיט א שמייכעל.
— דערצעהל אונז די מעשה פון אליעזר'ן אין סדום — האט יהודה געזאגט — איך האב דאס שוין פון דיר עטליכע מאל געהערט, און מיר וואלט נישט מיאוס ווערען צו הערען דאס נאך פיעלע מאל.
— און איך האב ליעב צו הערען די מעשה פון אליעזר'ן, ווען ער איז אנגעקומען אין חרן צו זוכען א פרוי פאר אונזער זיידען, — האט דן אויסגערופען.
— דאס האבען מיר שוין דאך עטליכע מאל געהערט פון אונזער באבע'ן! — האט גד געזאגט — און ווער קען עס נאך דערצעהלען בעסער פון איהר? זי איז דאך אליין בייגעווען!
— ניין! ניין! — האט ראובן געזאגט — יוסף האלט אונז אין דער־צעהלען וועגען סדום, זאל ער אונז דערצעהלען ווייטער...
— יע, די מעשה ווי אליעזר האט געקראגען גערעכטיגקייט אין סדום!
— האט לוי צוגעגעבען.
— גוט האט יוסף געענטפערט, — איך וועל דערצעהלען וועגען אליעזר'ן אין סדום, אבער איך גלויב, אז עס איז שוין געקומען די צייט אנצוטרינקען די שאף, לאמיר פריהער צוטרייבען די שאף צום ברונים און אנשעפען דאס וואסער און נאכהער וועל איך פארטזעצען מיין ערצעהלען.
— עס איז נאך צו פריה אנצוטרינקען די שאף — האט שמעון געזאגט
— מיר טהוען עס יעדען טאג א סך שפעטער...
— איך גלויב, אז יוסף איז גערעכט — —האט יששכר געזאגט —

לאָמיר יעצט אָנטרינקען די שאַף, און נאכהער וועלען מיר קענען רוהיג זיצען און הערען די מעשיות.

די ברידער האָבען זיך אויפגעשטעלט פון זייערע פּלעצער און גענומען צונויפטרייבען די שאָף צו דעם דערבייאיגען ברונעם, און האָבען געוואַרט ביז וואַנען די גאַנצע שאָף וועט ענדיגען טרינקען...

נאכהער האָבען זיי זיך צוריקגעקעהרט צו דעם פריהערדיגען פּלאַץ. יעדער האָט זיך געזעצט אויף זיין פּלאַץ און יוסף האָט גענומען דערצעהלען:

„אליעזר דער קנעכט פון אונזער עלטער זיידען, איז אַ חוץ דעם וואָס ער איז געווען געטריי און איבערגעגעבען צו זיין האַר, איז ער אויך געווען זעהר בראַוו און שטאַרק. פון צייט צו צייט פלעגט איהם אברהם שיקען נאָך סדום צו זעהן וואָס לוט, זיין ברודער'ס זוהן מאַכט.

„איינמאָל ווען אליעזר איז אָנגעקומען אין סדום און איידער ער האָט נאָך באַוויזען זיך צו זעהן מיט לוט'ן, האָט ער בעמערקט ווי אַ סדומי איז בעפאַלען אַ פרעמדען דורכוואַנדערער און פון איהם אַראָפּגעצויגען זיינע קליידער. דער אָרימער דורכוואַנדערער האָט זיך מיט טרעהרען אין די אויגען געבעטען ער זאָל איהם צוריק געבען זיינע קליידער, אָבער דער סדומי האָט איהם געענטפערט: אַזוי איז דער מנהג אין אונזער שטאָדט, און דער וועלכער צייגט אַרויס אַ ווידערשטאַנד, מוז נאָך צוצאָהלען עטליכע שקלים... און יעצט אַנטלויף פון דאַנען און שעץ זיך גליקליך, וואָס איך רוף דיר נישט צום שופט, אַז נישט וואָלסטו נאָך מיר געמוזט צוצאָהלען...

אליעזר האָט עס אַלעס געזעהן און געהערט. ער איז צוגעגאַנגען צום סדומי און זיך אָפּגערופען:

—וואָס האָסטו געהאַט צו דיזען אָרימען דורכוואַנדערער, פאַרוואָס האָסטו גערויבט זיינע קליידער?

— ווען דו וואָלסט נישט געגאַנגען אָנגעטהאָן ווי אַ סוחר, וואָלט איך צו דיר אויך געטהאָן דאָס זעלבע. אַזוי איז דער מנהג אין אונזער שטאָדט... נאָר די וועלכע פאָהרען האַנדלען, יענע קענען טראָגען זייערע קליידער!

— אָבער ווי אַזוי וועט ער קענען אַרומגעהן נאַקעט! — האָט אליעזר איהם געזאָגט — גיעב איהם צוריק זיינע קליידער און איך וועל דיר בע־צאָהלען זייער ווערדע...

— וואָס, דו ביסט אַהער געקומען מאַכען אַנדערע געזעצען — האָט דער סדומי אויסגערופען מיט כעס. אַנטלויף פון דאַנען, אויב נישט וועל איך צו דיר ערגער טהאָן ווי איך האָב געטהאָן צו איהם.

— איך וועל פון דיר נישט אָפּטרעטען ביז וואַנען דו וועסט דעם אָרימאַן נישט צוריקגעבען זיינע קליידער! — האָט אליעזר געזאָגט — זאָג מיר וויפיעל זיינען די קליידער ווערט אין דיינע אויגען...

— דו בעסער גיעב דאָס געלט צו דיזען אָרימאַן — האָט דער סדומי איהם געלאַכט אין די אויגען — און דאַן וועט דאָס געלד אַלץ איינס געהן צו מיר. ער וועט דאָך מוזען בלייבען אין אונזער שטאָדט. קיינער וועט איהם קיין עסענוואַרג נישט פערקויפען, און ער וועט דאָך שטאַרבען פון

הונגער, דאָן לויט אונזער נייעם געזעץ, וועל איך זיין בערעכטיגט צו דער ירושה, ווייל איך בין געווען דער ערשטער, וועלכער האָט פון איהם אראָפּ־גענומען די קליידער...

— אה, ווי אזוי קענסטו זיין אזוי גרויזאַם! — האָט אליעזר זיך צו איהם אָפּגערופען — זעהסטו נישט ווי דער דורכוואנדערער ציטערט פון קעלט... גיעב איהם אָפּ זיינע קליידער זאָג איך דיר!

— לויט ווי דו האָסט אונז פריהער דערצעהלט — האָט יהודה אונ־טערבראָכען יוסף׳ס ערצעהלונג — פלעגען די סדומים בלויז אויסהונגערען די אָרימע דורכוואנדערער, אָבער זיי פלעגען זיי נישט בערויבען פון זייערע קליידער.

— אין דער שטאָדט, וואו לוט האָט געוואָהנט — האָבען זיי געהאָט אזא געזעץ, אָבער אליעזר איז אָנגעקומען אין אַן אנדער שטאָדט און דאָרטען האָבען זיי געהאָט דיזען שרעקליכען געזעץ! — האָט יוסף געענטפערט.

— נו, וואָס איז געווען? דערצעהל ווייטער! — זיינען די איבעריגע ברידער אומגעדולדיג געוואָרען.

„ווען אליעזר האָט געזעהן, אַז דער סדומי וויל מיט גוטען נישט צוריקגעבען די קליידער, האָט ער געוואָלט ביי איהם אָוועקנעהמען מיט געוואַלט, אָבער דאָ זיינען פּלוצים אָנגעקומען נאָך סדומים, וועלכע האָבען אָנגעקוואָלען פון דעם קליידער־לאָזען אָרימאַן, וועלכער האָט געציטערט פון קעלט...

— דו רשע! — האָט אליעזר אַ געשריי געטהאָן אויף דעם סדומי — וואַרט דו וועסט נאָך בעשטראָפט ווערען פאַר דיינע זינד.

דער סדומי דערזעהענדיג אַז זיינע פריינד זיינען גאַנץ נאָהענט און אַז ער האָט נישט וואָס מורא צו האָבען פאַר דעם חוצפה׳דיגען פרעמדען, האָט ער אויפגעהויבען אַ שטיין און אַ זעץ געטהאָן מיט׳ן שטיין אין אליעזר׳ס שטערען... בלוט האָט גענומען פליסען פון שטערען און אליעזר האָט קוים עס פאַרהאַלטען מיט זיין האַנד.

— וואַרט, דאָס וועט דיר נישט געשאָנקען ווערען, — האָט אליעזר זיך פאַרמאָסטען מיט זיין פויסט צו איהם... באַלד אָבער האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן די איבעריגע סדומים, און אליעזר האָט צוריקגעצויגען זיין האַנט...

— יעצט בעצאָהל מיר פאַר דעם וואָס איך האָב דיר אַרויסגעלאָזען דיין שלעכטע בלוט פון דיין שטערען! — האָט דער סדומי זיך אָפּגערופען — גיעב מיר פיער שקלים דערפאַר!

— דו האָסט מיר צובלוטיגט, און דו פערלאַנגסט נאָך געצאָהלט פון מיר! — האָט אליעזר אויסגערופען מיט כעס.

— יע, ער איז גערעכט, אזוי איז דער דין אין אונזער לאַנד...

— ניין! איך וועל איהם נישט בעצאָהלען! — האָט אליעזר אויס־געשריען מיט צאָרן.

— אויב אזוי, טו לאָמיר געהן צום שופט! — האָט דער סדומי אָנגע־נומען אליעזר׳ן פאַר׳ן בגד...

— איך וועל דיר קיין געלד נישט געבען ! — האָט אליעזר זיך גענומען רייסען פון איהם.

— אָדער בעצאָהל איהם די פיער שקלים, אָדער געה מיט איהם צו דעם שופט ! — האָבען די איבעריגע סדומים געזאָגט צו אליעזר'ן.

אליעזר איז מיט דעם סדומי אוועק צום געריכט־הויז... דאָס בלוט האָט נאָך אַלץ גערונען פון זיין שטערען...

אויף דעם געריכט בענקעל איז געזעסען אַ דיקער מאַן, זיין נאָז איז געווען רויט פון וויין טרינקען, זיין פּנים איז געווען אַזוי פעט, אַז זיינע קליינע אויגען האָבען זיך קוים ארויסגעזעהן. דאָס איז געווען דער שופט פון יענער שטאָדט.

— מיין הארר שופט ! — האָט זיך דער סדומי אָפּגערופען — דיזער מאַן איז אַ פרעמדער און ווען איך האָב דורכגעפיהרט איינע פון אונזערע בעסטע געזעצען, האָט ער זיך גענומען אריינמישען, האָב איך זיין שטערען צובלוטיגט, און יעצט ענטזאָגט ער זיך מיר צו בעצאָהלען די פיער שקלים, וואָס קומט מיר לויט אונזער געזעץ.

— מיין הארר שופט ! — האָט אליעזר זיך אָפּגערופען — איך האָב דיזען מאַן נישט געשלאָגען, איך האָב איהם בלויז אויסגעמוסר'ט פאַר וואָס ער באהאַנדעלט אַן אָרימען דורכוואַנדערער אַזוי שלעכט. האָט ער אויפגעהויבען אַ שטיין און מיר צובלוטיגט מיין שטערען, און יעצט מאָהנט ער נאָך ביי מיר פיער שקלים !

— ער איז גערעכט ! — האָט דער שופט אָנגעצייגט אויפ'ן סדומי — דו מוזט איהם בעצאָהלען די פיער שקלים, אַזוי איז ביי אונז דער דין, אויב אימיצער לאָזט דעם צווייטען בלוט, דאַרף דער צובלוטיגטער בעצאָהלען יענעם מאַן פיער שקלים !

— אַז איינער פערוואונדעט דעם צווייטען און מאַכט איהם בלוט, קריעגט ער נאָך פון דעם צובלוטיגטען בעצאָהלט ? — האָט אליעזר געשטוינט...

— יע, אַזוי זאָגט אונזער געזעץ! — האָט דער שופט געזאָגט.

— אָבער ווי, אַז דער צובלוטיגטער האָט ביי זיך נישט קיין געלד ?

— האָט אליעזר געפרעגט דעם שופט, און נישט אראָפּגענומען די אויגען פון דעם שופט'ס נאָז...

— דאַן מוז ער ווערען דעם שלעגער'ס קנעכט פאַר פיער יאָהר ! — האָט דער שופט געענטפערט — און יעצט האָסטו די ברירה, אָדער בעצאָהל איהם די פיער שקלים, און אויב נישט ועסטו מוזען ווערען זיין קנעכט פאַר פיער יאָהר !

— הייסט עס, אַז איינער צובלוטיגט דעם צווייטען קריעגט ער דערפאַר פיער שקלים — האָט אליעזר ווי צו זיך גערעדט... זיינע בליקען פאַלען אויף דעם שופט'ס דיקען און רויטען נאָז, אה, אזא נאָז האָט ער שוין לאַנג נישט געזעהן...

— אליעזר איז צוגעגאַנגען עטוואָס נעהענטער צום שופט און זיך אָפּגערופען :

— און דאָס געלט פאַר דעם וואָס ער האָט מיר צובלוטיגט מוז איך איהם גלייך בעצאָהלען.

— יע, גלייך פאַר מיינע אויגען! — האָט דער שופט געזאָגט.

אליעזר האָט מיט זיין גאַנצער מאכט אַ זעץ געטהאָן דעם שופט אין נאָז... דער שופט איז אַראָפּגעפאַלען פון זיין באַנק אַ צובלוטיגטער, מען האָט איהם קוים אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ.

— יעצט בעצאָהל מיר די פיער שקלים פאַר דעם וואָס איך האָב דיר צובלוטיגט, און איך וועל בעצאָהלען דעם וועלכער האָט מיך צובלוטיגט, — האָט אליעזר זיך אָפּגערופען און מיר וועלען זיין קוויט.

אַלע אין געריכט הויז האָבען אָנגעקוקט מיט פערוואונדערונג אויף די קלוגשאַפט פון אליעזר'ן... דער שופט האָט זיך געדרעהט אין דרייען פונ'ם יסורים... דאָס בלוט האָט געפּליעצט פון זיין נאָז... און ער האָט געמוזט בעצאָהלען אליעזר'ן די פיער שקלים אליעזר האָט גענומען דאָס געלט און איבערגעגעבען צום סדומי און איז גלייך אַרויס פון געריכט הויז...

— אי גוט! — האָט זבולון זיך אָפּגערופען — דער שופט האָט פערדינט דעם צובלוטיגטען נאָז..

— ווען איך וואָלט דאָרטען דאַן געוועזען — האָט שמעון געלאַכט וואָלט איך רייך געוואָרען, איך וואָלט נישט דורכגעלאָזען קיין איין איינציגען סדומי, וועמען איך וואָלט נישט צובלוטיגט, און איך וואָלט פון יעדען פון זיי געקראָגען נאָך דערצו פיער שקלים!

— איז עס טאַקע אַ וואונדער וואָס גאָט האָט חרוב געמאַכט סדום און עמורה! — האָט ראובן זיך אָפּגערופען — אַזעלכע רשעים, דוכט זיך מיר זיינען נאָך נישט געוועזען זינט די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען.

— און מיר וואונדערט זיך אויף אליעזר'ן פאַרוואָס ער האָט גלייך נישט צובלוטיגט דעם סדומי און דאַמיט זיך מיט איהם אויסגעגלייכט. — האָט נפתלי געפרעגט.

— פאַר דעם וואָלט מען נאָך איהם שטאַרקער בעשטראָפט — האָט יוסף איהם געענטפערט. — ווייל לויט זייער דין איז דער וואָס מאַכט אימיצען בלוט צום ערשטען, יענער איז בערעכטיגט צו די בעלוינונג.

— דערצעהל אונז נאָך עפּעס! — האָט יששכר זיך אָפּגערופען — די מעשיות זיינען דאָך אַזוי אינטערעסאַנט און צוציהענד.

— בפרט נאָך ווען יוסף דערצעהלט עס! — האָט זבולון צוגעגעבען.

— אָבער די זון האַלט שוין ביים פאַרגעהן, איך גלויב, אַז עס איז שוין צייט צו פאַרזאַמלען די שאָף און טרייבען זיי אַהיים, איידער עס וועט אין גאַנצען טונקעל ווערען.

— דו קענסט נאָך אַריינכאַפּען אונז צו דערצעהלען אַ קליינע מעשה — האָט לוי געזאָגט.

— ניין, איך בין שוין מיעד — האָט יוסף געזאָגט — און אַ חוץ דעם ווייסט איהר דאָך שוין אַלע וואָס איז געוואָרען דער סוף פון סדום און עמורה... יע, זיי האָבען בעקומען זייער פולען שטראָף. ווי זיי האָבען פערדינט... גאָט שענקט קיינעם נישט! יעדער וואָס טהוט שלעכטעס אין

זיין לעבען, וועט פריהער אָדער שפּעטער דערפאַר טהייער בעצאָהלען... האָט דען גאָט נישט געבראַכט אַ מבול אויף דער וועלט און פערניכטעט אַלע שלעכטע מענשען... בלויז נח איז דאָן געוועזן דער איינציגער מאַן, וועלכער האָט קיינעם קיין שלעכטעס נישט געטהאָן... יע, מיינע ברידער. מיר דאַרפען אַלע זעהן בלויז גוטעס צו טהאָן... מיר טאָרען איינער דעם צווייטען נישט בעליידיגען... און...

— אָה, ער פאַנגט שוין אָן אונז צו זאָגען מוסר! — האָט שמעון אויסגערופען — דאָס פערלאַנגען מיר פון דיר ניט.

— אויב דו ווילסט אונז מעהר נישט דערצעהלען דאַרפסטו גאָר שווייגען! — האָט יהודה אַ זאָג געטהאָן — מיר זיינען נישט קיין רשעים און מיר טהוען קיינעם קיין שלעכטעס נישט.

— איהר פאַנגט שוין ווידער אָן זיך צו קריגען! — האָט ראובן זיך אָפּגערופען — עס איז שוין צייט מיר זאָלען די שאָף אַהיים טרייבען.

די ברידער האָבען זיך אַוועקגעלאָזט איבער'ן פעלד צונויפגעזאַמעלט די שאָף און שטיל אָהן רייד האָבען זיי זייערע שאָף געטריבען אַהיים.

.7

יוסף׳ס געבורטסטאָג

יוסף האָט זעהר ליעב געהאַט צו זיצען און דערצעהלען פערשיעדענע מעשיות צו זיינע ברידער. ער האָט ליעב געהאַט צו זעהן ווי זיי קוקען איהם אין די אויגען, ווי זיי שלינגען זיינע ווערטער און ווי זיי וואַרטען מיט אונגעדולד ער זאָל ענדיגען דערצעהלען.

און כאָטש ער האָט זיי אַלעמען ליעב געהאַט און שטאַרק שטאָלצירט מיט זייער גבורה, פונדעסטוועגען האָט ער זיך גענומען גרויס האַלטען געגען זיי... ער האָט געוואוסט, אַז דער פאָטער האָט איהם ליעבער פון אַלע זיינע עלטערע ברידער. ניט איינמאָל האָט יוסף זיי מוסר געזאָגט פאַר פיעלע זאכען וואָס זיינען איהם ניט געפעלען. און אַז זיי פלעגען זיך ניט ווען צוהערען צו איהם, פלעגט ער עס דערצעהלען דעם פאָטער און איהם פרעגען אויב ער איז גערעכט. פיעלע מאָל פלעגט ער טאַקע מגזם זיין און דער פאָטער פלעגט דעם זעלבען אָוועגט אויס׳מוסר׳ן זיינע זיהן פאַר דער שלעכטער אויפפיהרונג. דאָס האָט ענטוויקעלט אַ שנאה, וואָס די ברידער האָבען גענומען טראָגען אין זייערע הערצער צו יוסף׳ן. פונדעסטוועגען, ווען יוסף פלעגט זיי דערצעהלען אַ וואונדער שעהנע געשיכטע פון די פאַרגאַנגענע יאָהרען, פלעגען זיי פאַרגעסען אָן אַלע קריוודעס, וואָס זיי האָבען געגען יוסף׳ן, און דער ברידערליכער געפיהל צו איהם האָט זיך צוואַרעמט.

לאַנג אָבער האָט עס ניט אָנגעהאַלטען. ווי נאָר יוסף פלעגט ענדיגען דערצעהלען זיין מעשה, האָבען שוין איינינע ברידער געזוכט איהם פאַרצוואַרפען צוליעב דעם וואָס ער האַלט זיך גרויס געגען זיי, אָדער צוליעב דעם וואָס ער דערצעהלט איבער דעם פאָטער אַלעס וואָס ער הערט און זעהט.

איין פריהמאָרגען, ווען די ברידער זיינען שוין געווען גרייט צו געהן אין פעלד, איז יעקב צו זיי צוגעגאַנגען און האָט זיך אָפּגערופען:

— היינט, מיינע זיהן, וועל איך שיקען עטליכע פון די יונגען צו פאַשען די שאָף, איך וויל איהר זאָלט היינט פאַרבלייבען אין דערהיים.

יעקב האָט זיך גלייך צוריקגעצויגען צו זיין געצעלט, און די ברידער האָבען זיך איינער דעם צווייטען אָנגעקוקט מיט פאַרוואונדערונג.

— וואָס קען דאָס באַדייטען ? — האָט שמעון אויסגערופען — עס איז געווים נאָך אַ מסירה׳לע פון יוסף׳ן — האָט לוי געזאָגט.

— אָבער מיר האָבען דאָך לעצטענס קיין זאַך ניט געטהאָן וואָס עס זאָל באַרעכטיגען יוסף'ן אויף אונז צו מסר'ן פאַר'ן פאָטער — האָט יהודה גע־זאָגט.

— יוסף דאַרף קיין באַרעכטיגונג ניט האָבען! — האָט שמעון געענט־פערט. — ער קען דערצעהלען דעם פאָטער זאַכען, וואָס עס האָבען קיינמאָל ניט פּאַסירט.

— דאָך ווייס איך, אַז יוסף איז קיין ליגנער ניט! — האָט ראובן גע־זאָגט — מעגליך, אַז ער איז אַמאָל מגזם, אָבער אַ ליגען וועט ער קיינמאָל ניט זאָגען.

— אויב אַזוי, טאָ צוליעב וואָס דען וויל אונז דער פאָטער היינט האָ־בען אין דערהיים? — האָט שמעון ווידער געזאָגט.

— אָה, איך האָב זיך יעצט דערמאָהנט! — האָט ראובן זיך אָפּגערופען — היינט איז דאָך יוסף'ס געבורטסטאָג, היינט ווערט ער זיבעצעהן יאָהר, און מעגליך, אַז דער פאָטער וויל פייערען זיין געבורטסטאָג.

— וואָס דיר פאַלט איין — האָט לוי זיך אָפּגערופען — אָט איז לעצ־טע וואָך געווען מיין געבורטסטאָג, איך בין געוואָרען איין און צוואַנציג יאָהר, און פונדעסטוועגען זיינען מיר אַלע געגאַנגען אין פעלד פיטערען די שאָף.

— און דו ווילסט זיך פאַרגלייכען צו יוסף'ן — האָט שמעון געלאַכט — יוסף איז דאָך דעם פאָטער'ס ליעבלינג, אָבער דו, ווער ביזטו, דאָס מיר זאָלען פייערען דיין געבורטסטאָג?!

— און איך האָב שוין אפילו פאַרגעסען ווען מיין געבורטסטאָג קומט אויס! — האָט יהודה געזאָגט — איך וועל דאַרפען פרעגען די מוטער, זי געדענקט אונזער אַלעמענס געבורטסטאָג.

— און מיר גלויבט זיך ניט, אַז דער פאָטער זאָל פּלוצלונג וועלען פייע־רען יוסף'ס געבורטסטאָג — האָט זבולון געזאָגט — פיעלע יאָהרען זיינען אַוועק און יוסף'ס געבורטסטאָג איז ניט געפייערט געוואָרען, טאָ פאַרוואָס זאָל ער פייערען דיעזען מאָל.

— פאַר די לעצטע עטליכע יאָהר איז אונזער פאָטער געווען אין טרויער. דער פריהצייטיגער טויט פון רחל'ן און עטוואָס שפּעטער דאָס פאַרשווינדען פון דינה'ס טאָכטער... יעצט אָבער איז שוין אַ היבשע צייט פאַראיבער און אונזער פאָטער וויל אונז צייגען ווי שטאַרק יוסף איז ביי איהם באַליעבט — האָט ראובן געזאָגט.

— הם... בעליעבט! דאָס דאַרף ער דאָך אונז ניט צייגען, מיר ווייס־סען שוין לאַנג — האָט זיך שמעון אַ קרים געטהאָן. — ניט אומזיסט האַלט ער איהם אין הויז די גאַנצע צייט, ער ציטערט דאָס יוסף זאָל זיך ניט איבער־אַרבייטען...

— ווען דו וואָלסט פיליכט געהאַט אַזאַ גוטע קאָפּ ווי יוסף און אַלעם פאַרנומען, וואָלט דיך דער פאָטער אויך געהאַלטען אין הויז! — האָט לוי געלאַכט — פאַרגעס ניט, אַז יוסף לערענט אַ סך פון פאָטער. ער האָט אַן אָפּענעם מח און ער באַנעמט אַלעס אַזוי גרינג.

— ווער קען דאָס ניט באַנעהמען די שעהנע ערצעהלונגען וואָס דער

פּאָטער דערצעהלט. איך וואָלט דיר געציינט, אַז ווען איך הער פון פּאָטער אַ געשיכטע וואָלט איך זי גלייך איבערדערצעהלט און וואָלט קיין זאַך ניט פאַרפעהלט — האָט שמעון געענטפערט.

— דאַך דאַרפסטו ניט פאַרגעסען, אַז אונזער פּאָטער לערענט מיט יוסף׳ן אַנדערע זאַכען אַ חוץ די געשיכטעס פון אַמאָל — האָט יהודה געזאָגט — אָבער דאָך גלויב איך מיך קוים, אַז דער פּאָטער זאָל וועלען היינט פייערען יוסף׳ס געבורטסטאָג. זינט נעמה איז פאַרפאַלען געוואָרען איז נאָך אין אונזער הויז קיין שמחה ניט פאַרגעקומען.

— איך וואָלט טאַקע וועלען דאָס עס זאָל פאָרקומען אַ ביסעל פרעהליכקייט אין הויז. עס איז שוין צייט... גענוג האָט שוין אונזער פּאָטער נעטרויערט איבער דעם טויט פון רחל׳ן. און יעצט הערט דינה ניט אויף צו טרויערען און קלאָגען וועגען איהר טאָכטער, אַזוי איז אין הויז אומעטיג און טרויעריג. און ווען עס זאָל טאַקע פאָרקומען אין הויז די פייערונג פון יוסף׳ס געבורטסטאָג, וואָלט איך געווען העכסט צופריעדען — האָט זבולון געזאָגט.

— און מיר וואָלט עס שטאַרק פאַרדראָסען — האָט לוי געזאָגט — פאַרוואָס יוסף׳ס געבורטסטאָג זאָל דער פּאָטער אין גאַנצען פאַרגעסען !...

— עס זיינען פאַראַן פיעלע זאַכען וואָס אונז דאַרף פאַרדריסען — האָט יששכר געזאָגט — פונדעסטוועגען מוזען מיר שווייגען.

— יעצט אָבער דאַרפען מיר אַלע צופרידען זיין. דער פּאָטער האָט אונז היינט באַפרייט פון פיטערען די שאָף, און מיר וועלען ווי עס ווייזט אוים גאַנץ גוט פאַרברייננגען — האָט זבולון צוגעגעבען.

— זיי ניט אַזוי זיכער, אַז דו וועסט היינט גוט פאַרברייננגען — האָט שמעון געזאָגט צו איהם — עס איז נאָך מעגליך, אַז דער פּאָטער האָט אונז אַ סך מוסר צו זאָגען, און דעריבער הייסט ער אונז היינט בלייבען אין דערהיים...

— און איך בין זיכער, אַז דער פּאָטער געהט היינט פייערען אונזער ברודער יוסף׳ס געבורטאָסטאָג — האָט נפתלי געזאָגט מיט צופרידענהייט. און עס איז באַ מיר אויך קיין ספק ניט, אַז יוסף האָט עס פאַרדינט.

— צווישען אונז אַלעמען — האָט אשר צוגעגעבען — איז יוסף דער איינציגער וואָס באַזיצט אַ גוט און איידעל האַרץ, ער קען קיין אומרעכט ניט צוזעהן, ער האָט ליעב גערעכטיגקייט, און היט זיך שטאַרק אָפּ קיינעם ניט צו באַליידיגען.

— איך וויים פאַרוואָס דו זאָגסט עס — האָט שמעון צו איהם זיך אָפּגערופען — ווייל יוסף האָט זיך פאַר דיר איין מאָל איינגעשטעלט... אָבער דו פאַרגעסט, אַז דעם צווייטען מאָל האָ ער שוין אויף דיר פאַר׳מסר׳ט דעם פּאָטער דאָס דו עסט אבר מן החי.

— איך וויים, אַז איך האָב דאַמיט באַגאַנגען אַן עוולה, און דעריבער איז ער געווען באַרעכטיגט דערצו, אָבער פונדסטוועגען פאַרמאָגט יוסף מעהר מענשליכקייט ווי דו.

— אַ זוהן פון אַ דיענסט בלייבט אַ קנעכט ! — האָט שמעון אויסגע־

רופען מיט בעם — אז יוסף ווייזט דיר אמאָל אַ פריינדליכע מינע ביזטו שוין געגרייט זיך צו קניען און בוקען פאַר איהם!

— און ווער ביזטו, אַ מערדער! — האָט אשר איהם גענומען צוריק זידלען — דו ביזט ניט ווערטה די שטויב וואָס איז אונטער יוסף׳ס פיס!

— האָט איהר געהערט די חוצפה פון אַ קנעכט, דעם זוהן פון אַ דיענסט! — האָט שמעון אויסגערופען צו די איבעריגע ברידער — ער האָט די העזה צו זאָגען, אַז איך בין ניט ווערטה די שטויב וואָס איז אונטער יוסף׳ס פיס.

— און איך זאָג, אַז אשר איז גערעכט! — האָט גד זיך אָפּגערופען — יוסף וואָלט קיינעם אַזוי ניט באַליידיגט.

— דו ביזט דער זעלבער קנעכט, דער זוהן פון דער זעלבער דיענסט איז שמעון נאָך מעהר אויפגערעגט געוואָרן.

— און איך זאָג דיר, אַז ווען דו וועסט ניט אויפהערען אַזוי צו באַליי־דיגען, וועל איך אליין געהן און דערצעהלען דעם פאָטער אַלעס וואָס דו האָסט נאָר וואָס געזאָגט... ווי אַזוי דו רופסט דיינע ברידער קנעכט, זיהן פון דיענסטען.

— דו קענסט גלייך געהן און דערצעהלען דעם פאָטער — האָט שמעון אויסגערופען — דו מיינסט אודאי אַז דער פאָטער וועט זיך אויך צוהערען צו דיינע רייד ווי ער הערט זיך צו צו יוסף׳ן?

ראובן, וועלכער איז געשטאַנען עטוואָס אָן אַ זייט האָט ניט געהערט די קריגערייען פון אָנפאַנג, האָט אָבער גלייך באַמערקט שמעון׳ס פנים, אַז עפּעס איז דאָ פאָרגעקומען. ער איז גלייך צוגעגאַנגען און געפרעגט:

— וואָס איז דאָ שוין פאָרגעקומען ביי אייך? ווי איך זעה, קריעגט איהר זיך שוין ווידער!...

— האָט מען ניט אָפּגעמאַכט, אַז מיר זאָלען זיך איינער דעם צווייטען ניט באַליידיגען? — האָט נפתלי זיך אָפּגערופען — און דאָ קומט שמעון ווידער און באַליידיגט אונז, ער רופט אונז קנעכט, זיהן פון דיענסטען...

— און איך זאָג עס נאָך אַמאָל, אַז איהר פערמאָגט קנעכטישע נשמות!

— האָט שמעון געזאָגט מיט בעס — האָסטו געהערט, ראובן, אשר רופט מיך אָן אַ מערדער, און ער זאָגט נאָך, אַז איך בין ניט ווערטה די שטויב וואָס איז אונטער יוסף׳ס פיס...

— ער האָט מיך אָבער פריהער אָנגערופען קנעכט, און זוהן פון אַ דיענסט — האָט אשר אויסגערופען — ניין, איך וועל ניט דערלאָזען דאָס ער זאָל מיך באַליידיגען. מיין מוטער איז די פרוי פון מיין פאָטער און איז ניט קיין דיענסט, און איך בין ניט קיין קנעכט!

— איך וועל גלייך געהן און איבערגעבען דעם פאָטער ווי אַזוי שמעון האָט אונז אַלעמען באַליידיגט — האָט זיך גד אויפגעהויבען פון פּלאַץ — איך וועל איהם ניט שענקען!

— געה! געה! ווער האַלט דיר אָפּ — האָט שמעון אויסגערופען — דו ביזט דאָך ניט בעסער פון יוסף׳ן.

— אַט געה איך טאַקע און איך קען דיר פאַרזיכערען, אַז דאָס וועט

זיין דאָס לעצטע מאָל וואָס דו באַליידיגסט אונז אַזוי — האָט גד גענומען גערן אין דער ריכטונג פון יעקב׳ס געצעלט.

— גד! — האָט ראובן זיך אָפּגערופן — קום אַהער, איך וויל מיט דיר עטוואָס ריידען.

גד האָט זיך צוריקגעקעהרט און איז צוגעגאַנגען צו ראובן׳ען.

— וואוהין געהסטו דאָס יעצט — האָט איהם ראובן געפרעגט.

— איך געה צום פאָטער — האָט גד געענטפערט — מיר קענען שוין מעהר ניט דולדען די שענדליכע באַליידיגונגען פון שמעון. איין מאָל פאַר אַלע מאָל זאָל דער פאָטער מאַכען אַן ענדע דערצו!

— ווילסטו היינט צושטערען די פרייד פון אונזער פאָטער — האָט ראובן איהם געזאָגט — איהר מעגט עס שוין אַלע וויסען, אַז דער פאָטער געהט היינט פייערען יוסף׳ס זיבעצעהן יעהריגען געבורטסטאָג. עס וועט זיין דער ערשטער טאָג זינט יאָהרען וואָס ער וועט זיך משמח זיין. ער וויל, אַז מיר זאָלען זיך אַלע באַטייליגען אין דער שמחה און יעצט, אַז דו וועסט קומען צו איהם און דערצעהלען, אַז מיר קריעגען זיך איינער מיט׳ן צווייטען, וועסטו צושטערען זיין שמחה.

— איך וועל בלויז דערצעהלען אויף שמעון — האָט גד געענטפערט — ער איז דער איינציגער, וועלכער באַליידיגט אונז ביי יעדער געלעגענהייט.

— אָבער דאָס וועט פיהרען דערצו, אַז דער פאָטער וועט זיך דער־וויסען פון אַלעס וואָס עס קומט פאָר צווישען אונז און דאָס וועט איהם גורם זיין פיעל צער — האָט ראובן זיך אָפּגערופען — איך וועל זעהן שלום מאַכען צווישען אייך און איך וועל אויך זעהןווירקען אויף שמעון׳ען דאָס ער זאָל מעהר זיך ניט באַנוצען מיט אַזעלכע באַליידיגונגען.

— וויפיעל מאָל האָסטו אונז פאַרשפּראָכען צו טהאָן — האָט גד געזאָגט — אמת, דו רעדסט זיך איבער מיט שמעון און ער פאַרשפּרעכט דיר, אָבער האַלט ער דען זיין פאַרשפּרעכען? ביי יעדער געלעגענהייט רופט ער אונז קנעכט, זיהן פון דיענסטען!... ניין, איך וויל עס מעהר ניט דולדען, זאָל דער פאָטער איין מאָל פאַר אַלע מאָל וויסען פון אַלעס. מיר האָבען שוין לאַנג געליטען, מיר פיהלען, אַז מיר זיינען גלייכבאַרעכטיגט מיט די איבעריגע זיהן פון אונזער פאָטער.

— אָבער איך בעט דיר, גד בלויז דיזען מאָל, פאַרשווייג איהם, און געה ניט יעצט צום פאָטער... מיר וועלען אין גיכען אַלע שליסען אַ בונד פון פריינדשאַפט און אמת׳ע ברידערליבקייט, און אויב איינער פון אונז וועט ברעכען דעם בונט, וועט ער דורך אונז זעלבסט באַשטראָפט ווערען.

— גוט, ראובן, איך פאָלג דיר יעצט ווידער, און איך האָף אַז דאָס וועט טאַקע זיין דאָס לעצטע מאָל וואָס מיר וועלען אַזוי שענדליך באַליידיגט ווע־רען. — האָט זיך גד צוריקגעקעהרט.

— שמעון, איך בעט דיר, אַלס עלטערער ברודער מעהר נישט צו באַ־ליידיגען דיינע ברידער, אפילו ווען זיי זיינען נישט געבאָרען געוואָרען פון איין מוטער מיט דיר — האָט זיך ראובן צו איהם געווענדעט — דו פאַרגעסט, ווי עס ווייזט אויס, אַז מיר פאַרמאָגען אַזוי פיעל אויסערליכע שונאים, און

כדי זיי בייקומען מוזען מיר אלע לעבען צווישען זיך בשלום, מיר מוזען זיין פאראייניגט...

— מיר פארדריסט זעהר שטארק וואס זיי שטעלען זיך תמיד איין פאר יוסף'ן — האט שמעון זיך אפגערופען — זעהן זיי דען נישט, אז דער פאטער האט איהם ליעב מעהר פון אונז אלעמען... און לויט זייערע רייד קומט אויס אז יוסף האט פארדיענט, אז דער פאטער זאל איהם ליעבער האבען פון אונז.

— און מיר דוכט זיך, אז זיי האבען א רעכט זיך איינצושטעלען פאר יוסף'ן — האט ראובן געזאגט — יוסף איז תמיד פריינדליך, ער האט זיי נאך קיינמאל נישט באליידיגט, און ער האט אויף זיי זיך קיינמאל פאר'ן פאטער ניט באקלאגט... ער איז דאך געווים נישט זייער שולד, אז דו האסט יוסף'ן נישט ליעב.

— אט קומט אן אונזער קלייגער ברודער בנימין — האט יהודה אויסגערופען — מיר וועלען איהם קענען פרעגען אויב דער פאטער וועט היינט מאכען א מאלצייט לכבוד יוסף'ס זיבעצעהנטען געבורטסטאג.

— דו דארפסט איהם גארנישט פרעגען — האט ראובן זיך אפגערופען צו איהם מיט א שמייכעל — דער פאטער האט אונז דא היינט אפגעשטעלט כדי מיר זאלען זיך באטייליגען אין יוסף'ס שמחה... און מיין עצה וואלט געווען, מיינע ברידער ,מיר זאלען פון יעצט אן פארגעסען אן אונזערע קריוור־דעם געגען יוסף'ן און לעבען מיט איהם בשלום... אמת, ער האט אין זיך איי־ניגע חסרונות, וואס זיינען צו אונז גאנץ דערווידער, דערפאר באזיצט ער אבער אנדערע מעלות, צוליעב וואס ער פארדיענט אז מיר זאלען איהם ליעב האבען און אכטען...

— איך וויים נישט ווי אזוי דו קענסט געפינען מעלות אין יוסף'ן — האט שמעון א קוועטש געטהאן מיט זיינע פלייצעם — איך זעה אין איהם לויטער חסרונות !...

— אבער דיינע אייגענע חסרונות זעהסטו נישט ! — האט איהם דן א שטאך געטהאן.

— קיינער פון אונז איז נישט ריין פון חסרונות — האט ראובן געזאגט — געוועהנליך אויף זיך זעהט מען דאס ניט... אבער אויף יענעם קען מען זעהר גרינג אויסגעפינען זיינע חסרונות. און ווען מען זאל זיך וועלען נעהמען די מיה וואלטען מיר אויך געקענט זעהן יענעמ'ס מעלות...

— אדרבה, זאג מיר דו, וואס האסטו אזוי געזעהן אין יוסף'ן וואס דו וואלסט געקענט אננעהמען פאר מעלות ?! — האט שמעון אויסגערופען — איז דאס אפשר ביי דיר א מעלה וואס ער האלט זיך גרוים געגען אונז... אדער דאס וואס ער געהט און דערצעהלט איבער דעם פאטער אלעס וואס ער הערט און זעהט... אדער דאס וואס ער געהט נישט ארבייטען צוזאמען מיט אונז...

— דאס וואס דו האסט נאר וואס אויסגערעכענט זיינען טאקע יוסף'ס חסרונות. האט איהם ראובן געענטפערט — אבער פארוואס קענסטו אין דער־זעלבער צייט נישט אויסרעכענען זיינע מעלות... זיין גוטע הארץ, זיין עהר־ליכקייט און אויפריכטיגקייט. זיין נישט קענען פארליידען קיין עוולות,

זיין באַרייט זיין יענעם צו העלפען... און דערצו זיין וואונדערבאַרער מח... וואָס פאַרנעהמט אַלעס און טאַקע פאַרוואָס נישט זיין אויסערגעוועהנליך שעהנעם אויסזעהן קיינער וועט דאָך דאָס נישט אָפּלייקענען, אַז יוסף איז דער שעהנסטער צווישען אונז אַלעמען...

— און עס איז טאַקע צוליעב זיין שעהנקייט, אַז דער פאָטער האָט איהם ליעב און צערטעלט איהם מעהר פון אונז אַלעמען — האָט יהודה צו־געגעבען — יע, צוליעב זיין שעהנעם פנים, זעהט נישט דער פאָטער זיינע פיעלע חסרונות...

— אין דעם פאָטער׳ס אויגען, ווייזט אויס זיינען אַזעלכע חסרונות גאָר קיין חסרונות נישט... דאָס וואָס ער דערצעהלט איבער אַלעס וואָס מיר טוען איז דאָך געווים ביי איהם קיין חסרון נישט. — האָט לוי געזאָגט — און דאָס וואָס ער געהט נישט פאַשען די שאָף צוזאַמען מיט אונז, איז דאָך דאָס אַזוי דעם פאָטער׳ס פאַרלאַנג...

— און דאָס וואָס ער האַלט זיך גרוים געגען אונז? — האָט יהודה געזאָגט.

— דאָס באַמערקט נישט דער פאָטער אָן איהם! — האָט יששכר אויס־גערופען.

— יע, ווייסט איהר פאַר וואָס? ווייל פאַר אונזער פאָטער אין די אויגען האַלט ער זיך פאַר אַ צדיק און אַן עניו...

— איך וואָלט וועלען אַז אימיצער פון אייך זאָל מיר זאָגען מיט וואָס האַלט זיך דאָס יוסף גרוים געגען אונז? — האָט ראובן אַ פרעג געטהאָן.

— מיט וואָס? — האָט שמעון אויסגערופען — מיט אַלעס! דאָס וואָס ער זאָגט אונז שטענדיג מוסר, צייגט עס נישט, אַז ער האַלט זיך גרע־סער פאַר אונז... און אפילו ווען ער דערצעהלט אונז זיינע מעשיות, מען איך באַמערקען זיין גרוים־האַלטען זיך געגען אונז... עס דוכט זיך איהם מסתמא, אַז נאָר ער איינער באַזיצט דעם קראַפט פון קענען דערצעהלען זאַכען וואָס ער האָט געהערט פון אימיצען אַנדערש...

— אָבער וויפיעל מאָל דערצעהלט ער אונז אויסגעטראַכטע מעשיות — האָט אשר זיך אָפּגערופען.

— נו, און אַז אויסגעטראַכטע דאַרף ער זיך גרוים האַלטען דאַמיט? — האָט יהודה געפרעגט.

— ער האַלט זיך גאָר נישט גרוים געגען אונז! — האָט גד געזאָגט — נאָך אַלעמען דאַרפען מיר נישט פאַרגעסען, אַז יוסף איז דער אינגסטער פון אונז... און מיר קענען דאָך פון איהם נישט פאַרלאַנגען ער זאָל זיין ווי מיר זיינען.

— ווייל ער איז דער אינגסטער, האָט ער קיין רעכט ניט אַרויסצוצייגען, אַז ער שטעהט העכער פון אונז! — האָט שמעון אויסגערופען.

דערווייל איז צוגעקומען דער פינף יעהריגער בנימין. די ברידער האָבען איהם אַרומגערינגעלט און גענומען אויספרעגען.

— דו ווייסט וואָס פאַר אַ יום טוב מיר וועלען היינט האָבען — האָט יהודה אַ הויב געטהאָן בנימין.

— געוויס ווייס איך ! — האָט בנימין געענטפערט — היינט איז דאָך מיין ברודער יוסף׳ס געבורטסטאָג.

— און ווייסטו וואָס עס ווערט צוגעגרייט צו דעם מאָלצייט ? — האָט איהם לוי געפרעגט.

— איך ווייס... די מאמע לאה האָט מיר שוין עטליכע גוטע זאכען געגעבען... — האָט בנימין געזאָגט — און עס איז אַזוי געשמאַק.

— וואָס האָסטו געקראָגען ? — האָט איהם זבולון געפרעגט.

— איך האָב געקראָגען זעמעל און נאָך אייניגע זיסע זאכען... און איך האָב פולע קעשענעס מיט מאנדלען און ניס...

— אָט דאָס אַלעס ! — האָט ראובן געלאַכט.

— ניין, עס וועלען זיין נאָך זעהר פיעל ! אין קיך זיינען פיעלע דיענסטען דאָ... מען באַקט און מען קאָכט — האָט בנימין געזאָגט — עס וועט נאָך זיין אַ גרעסערע מאָלצייט ווי מען האָט דאַן געמאַכט פאַר נעמה׳ן...

— און וואָס טוט יוסף ? — האָט איהם שמעון געפרעגט — ער מוז זיין זעהר גליקליך, און צופרידען !

— יוסף איז יעצט ביים פאָטער — האָט בנימין געזאָגט — און דער פאָטער האָט מיך געשיקט איך זאָל אייך אָנזאָגען, אַז די טישען זיינען שוין געגרייט, און איהר זאָלט גלייך אַריינגעהן אין הויז.

— מיר וועלען באַלד אָנקומען ! — האָט ראובן געזאָגט צו בנימין — און דו לויף שנעל אַהיים, אַז נישט וועסטו נאָך פאַרלירען פיעלע אַנדערע גוטע זאכען.

בנימין איז אַוועק און ראובן האָט פאָרטגעזעצט.

— מיינע ברידער, מיר דאַרפען זיך אַלע שעצען גליקליך, דאָס דעם פאָטער ליגט שוין אין זינען צו מאַכען אַ יום טוב וואו מיר וועלען זיך אַלע קענען משמח זיין... היבשע עטליכע יאָהר האָט אין אונזערע געצעלטען געהערשט אומעט און טרויער... און יעצט איז דאָס אַ גוטער אָנפאַנג... איך בין זיכער, אַז פון היינט אָן וועלען מיר אָפט האָבען שמחות אין אונזער הויז... דעריבער בעט איך אייך, אַז קיינער זאָל דיזע שמחה נישט פאַרשטערען. לאָמיר אַלע ארויסצייגען פרעהליכע פנים׳ער, און אויב אימיצער טראָגט אויף יוסף׳ן אַ שטיקעל קנאה און שנאה, זאָל ער עס ארויסצייגען אַן אַנדערש מאָל, אָבער נישט היינט ביים מאָלצייט... און מיר דאַרפען עס טהאָן נישט אַזוי צוליעב יוסף׳ן ווי צוליעב אונזער ליעבען פאָטער... זאָל זיין שמחה פול זיין.

— מיר נעמען אָן דיין עצה ! — האָט יהודה געזאָגט, — מיר וועלען היינט אַלע פרעהליך זיין.

— מיר וועלען אַלע טהאָן ווי דו האָסט געזאָגט — האָבען די איבעריגע ברידער צוגעשטימט.

.8

דאָס זיידענע העמדעל

אין יעקב׳ס הויז האָבען זיך שוין אַלע געהאַט פאַרזאַמעלט און האָבען זיך געזעצט אַרום די געגרייטע טישען. לאה, זלפּה און בלהה צוזאַמען מיט זייערע דיענסטען, האָבען גענומען סערווירען די גוטע מאַכלים...

יעקב האָט אָנגעפּילט זיין כוס מיט וויין און האָט אויסגערופען:

— מיינע קינדער! מיר באַטייליגען זיך דאָ אַלע אין דער געבורטסטאָג שמחה פון יוסף׳ן, וועלכער ווערט היינט זיבעצעהן יאָהר... כאָטש איך דאַנק און לויב דעם באַשעפער פאַר זיין גרויסער ברכה מיט וואָס ער האָט מיר געבענשט און געגעבען אַזעלכע ליעבע און טייערע קינדער ווי איהר אַלע זייט, דאָך ווייס איך, אַז מיט זיבעצעהן יאָהר צוריק ווען יוסף איז געבאָרען גע־וואָרען, האָט די זון פאַר מיין גאַנצער משפחה העל אַ לייכט געטהאָן... ער האָט אַריינגעבראַכט גליק. און פרייד אין אונזערע אַלעמענס הערצער... יע, מיינע קינדער, אין יוסף׳ן האָב איך געפונען אַ טרייסט צו מיין גרויסען פאַר־לוסט וואָס איך האָב ערליטען אין דעם טויט פון זיין ליעבע מוטער... און וואָס עלטער יוסף איז געוואָרען, האָב איך געזעהן, אַז איך בין אַלץ מעהר באַרעכטיגט צו זיין גליקליך און צופריעדען, ווייל נישט נאָר האָט יוסף מיר נישט ענטוישט אין מיינע ערוואַרטונגען וועגען איהם, אָבער צו מיין גרעסטער שמחה, האָט ער דורך זיינע פעהיגקייטען און גוטע מידות אַריבערגעשטייגט אַלע מיינע ערוואַרטונגען... דער גאָט פון מיינע עלטערען האָט איהם גע־בענשט און איהם באַשאָנקען מיט קערפּערליכער און גייסטיגער שעהנקייט... און איך בין זיכער, מיינע קינדער, אַז איהר אַלע וועט אויך זיין שטאָלץ מיט אייער ברודער, און כאָטש ער איז אינגער פון אייך, וואָלט איך דאָך פאַר־לאַנגט פון אייך אַלעמען, אַז איהר זאָלט זיך אָפטמאָל צוהערען צו זיינע רייד, ווייל איך ווייס, אַז קיין פאַלשקייט ליגט נישט אויף זיין צונג, און זיינע כונות זיינען לויטער גוט... און אַלס צייכען פון אנערקענונג און אָפּ־שאַצונג פון זיינע אויסערגעוועהנליכע גוטע זייטען ,פון זיין פלייסיגקייט אין לערנען און זיין אָפענעם מח, וויל איך יעצט, ביי דער געלעגענהייט פון דיזער שמחה איהם מאַכען אַן איבעררֹאַשונג...

יוסף׳ס ברידער האָבען פון זייער פאָטער די אויגען נישט אַרונטערגענו־מען... זיי האָבען זיך מיט גרויס קנאה צוגעהערט צו אַלע שבחים וואָס דער פאָטער האָט געהאַט פאַר זייער ברודער יוסף... זיי זיינען באַלד געוואָרען זעהר נייגעריג צו וויסען אין וואָס די איבעררֹאַשונג וועט באַשטעהן... איי־

ניגע פון זיי האָבען געוואָרפען בליקען אויף יוסף'ן וועלכער איז געזעסען נעבען דער רעכטער האַנט פון זיין פאָטער, און האָט די גאַנצע צייט געהאַלטען זיינע אויגען אַרונטערגעלאָזען ווי ער וואָלט זיך געשעהמט פאַר זיינע ברידער... און בלויז דאַן ווען ער האָט געהערט, אַז דער פאָטער וויל איהם מאַכען אַן איבערראַשונג, האָט ער אויפגעהויבען זיינע אויגען און אַ שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף זיינע ליפּען.

אַרום טיש האָט געהערשט אַן אָנגעצויגענע שטילקייט... די ברידער האָבען זיך איבערגעוואָרפען מיט בליקען און יעדער האָט פאַרשטאַנען וואָס ביים צווייטען אין האַרצען טוט זיך...

יעקב האָט צוגערופען צוויי דינער און זיי שטילערהייט עפּעס געזאָגט...

די דינער זיינען אַרויס פון צימער און אין אַ ווייל‏ע אַרום האָבען זיי זיך צוריקגעקעהרט מיט אַן איינגעוויקעלטען פּעקעל, און זיי האָבען עס איבערגעגעבען יעקב'ן.

יעקב האָט פון זיי גענומען דאָס פּעקעל און האָט אַ וואונק געטהאָן זיי זאָלען פאַרלאָזען דעם צימער.

די דינער זיינען אַרויס און יעקב האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ, ער האָט פאַנאַנדערגעוויקעלט דעם פּעקעל, און אַרויסגענומען אַ וואונדערשעהנע זיידענע העמדעל פון פאַרשידענע קאָלירען.

— דאָס איז די מתנה וואָס דו קריגסט, מיין זוהן, היינט, צו דיין זיבעצענסטען געבורטסטאָג — דאָס איז דאָס העמדעל פון אויסצייכענונג און ווירדע... פון היינט וועסטו ווערען געאַכטעט און געשעצט ביי אַלע דיינע ברידער, דיזער זיידענער בגד איז אַ צייכען, דאָס דו ביזט דער אויסדערוועלטער פון אַלע דיינע ברידער... דו ביזט געגאַנגען אין דעם ריכטיגען וועג, וואָס איך האָב פאַר דיר אָנגעצייכענט... דו האָסט געטהאָן רעכטפאַרטיגקייט אין די אויגען פון גאָט... און מיט דיין שאַרפען שכל און קלוגשאַפט ווערסטו נאָך אַמאָל ברייגען אַ בענשונג פאַר אונז אַלעמען. שטעל זיך אויף מיין זוהן יוסף פון דיין פּלאַץ טו אָן דאָס זיידענע העמדעל, וואָס איך האָב פאַר דיר געלאָזען מאַכען...

יוסף האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פּלאַץ און האָט זיך דערנעהנטערט צו זיין פאָטער.

— זיי געבענשט מיין זוהן! — האָט יעקב איהם איבערגעגעבען דאָס העמדעל און אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף יוסף'ס קאָפּ — זאָל גאָט דיר בענשען מיט דער ברכה פון מיין זיידען אברהם און מיין פאָטער יצחק... דו זאָלסט זיין מעכטיג... יע, מיין זוהן, איך זעה קלאָר וואָס פאַר אַ גלענצענדע צוקונפט דיר ערוואַרטעט... צוליעב דעם זכות פון דיין ליעבע מוטער רחל, וועט גאָט אימער מיט דיר זיין און באַגליקען אַלע דיינע וועגען.

יוסף איז געוואָרען אַזוי איבערראַשט, אַז ער איז געבליבען שטעהן אויף אַ ווייל‏ע באַוועגלאָז... ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף דעם וואונדערשעהנעם בגד פון פאַרשידענע קאָלירען וואָס איז געוועזען אין זיין האַנט...

— טו אָן דאָס העמדעל, מיין זוהן! — האָט יעקב זיך ווידער אָפּגערופען צו איהם.

ערשט דאן האָט יוסף אָנגעטהאָן דעם בגד און נאָך אַלץ נישט אַרונטערגענומען די בליקען פון זיין פאָטער.

יעקב האָט יוסף'ן אַ קוש געטהאָן און זיך אָפּגערופען!

— ווי שעהן דיזער בגד פּאַסט זיך צו דיין פּנים. געה יוסף און צוקוש זיך מיט אַלע דיינע ברידער, איך בין זיכער, אַז זיי וועלען אימערצו מיט דיר שטאַלצירען... איהר וועט תמיד לעבען בשלום צווישען זיך. איך ווייס ווי שטאַרק ליעב דיינע ברידער האָבען, צו הערען די וואונדערבאַר שעהנע מעשיות וואָס דו דערצעהלסט זיי. זיי וועלען זיך פון דיר אַ סך קענען לערנען, ווייל דיין קאָפּ האָט פאַרנומען אַלעס וואָס איך האָב דיר געלערענט.

יוסף איז געבליבען שטעהן, ער האָט אַ ווילע געצעגערט, ער ווייס, אַז די ברידער האָבען איהם צייטענווייז נישט איבעריג ליעב... און זיי זידלען איהם שטאַרק אָן...

— צוקוש זיך מיט דיינע ברידער, מיין זוהן! — האָט יעקב איהם נאָך אַמאָל געזאָגט — זיי וועלען דיר אַלע ווינשען גליק.

יוסף איז צוגעגאַנגען פריהער צו ראובן'ן און זיך מיט איהם צוקושט, און דערנאָך האָט ער אַזוי געטהאָן צו די איבעריגע ברידער... פון זייערע טרוקענע קושען, האָט יוסף גלייך פאַרשטאַנען, אַז זייער קנאה האָט זיך פון יעצט אָן נאָך מעהר צופלאַקערט אין זיינע ברידער... לאַנג אָבער האָט ער דערפון נישט געטראַכט. ער איז געוועזן זעהר גליקליך וואָס זיין פאָטער האָט איהם אַזאַ אָנערקענונג געגעבען, יעצט וועלען די ברידער האָבען פאַר איהם מעהר דרך ארץ... זיי וועלען זיך צוהערען צו זיינע ווערטער און מעהר נישט וואָגען איהם אַזוי צו באַליידיגען... די איינציגע צוויי קושען וואָס זיינען געוועזן אויפריכטיג, זיינען געוועזן די קושען פון זיין ברודער ראובן און פון זיין שוועסטער דינה...

— מיין ברודער! — איז דינה איהם געפאַלען אויפ'ן האַלז — פון מיין טיעפסטען הארצען ווינש איך דיר גליק — דו ביזט אימערצו געוועזן אַ געטרייער ברודער צו מיר, דו האָסט מיטגעפיהלט מיין ליידען, און מיט דיינע קלוגע רייד האָסטו מיר אַ טרייסט צו מיין טרויער געבראַכט... זאָל גאָט זיין מיט דיר און באַשיצען דיר פון אַל דאָס בייז...

— יעצט וועסטו מיין זוהן מיט מיר אַריינגעהן צו דיין זיידען אין צימער, ער איז זעהר שוואַך און איהם איז געוועזן גאַנץ שווער זיך צו באַטהייליגען אין דיין שמחה... — האָט יעקב געזאָגט יע, איך וויל דאָס ער זאָל דיר אויך בענשען...

— דו דינה געה אַריין צום זיידען און זעה אויב ער שלאָפט נישט, וועלען מיר אַריינקומען.

דינה איז אַריין צו יצחק'ס געצעלט און האָט זיך באַלד צוריקגעקעהרט.

— ניין, פאָטער! — האָט דינה אויסגערופען — דער זיידע שלאָפט נישט.

— אויב אַזוי לאָמיר געהן — האָט זיך יעקב אָפּגערופען צו יוסף'ן.

יעקב, יוסף און דינה האָבען פאַרלאָזען דעם צימער און אַוועק צו יצחק'ן.

די ברידער זיינען געבליעבען זיצען אויף זייערע פּלעצער ווי געלעהמטע, זיי האָבען זיך גענומען איבערוואַרפען מיט בליקען...

— וואָס האָב איך אייך געזאָגט ? — האָט שמעון אונטערבראָכען די שטילקייט — איך האָב גלייך געוואוסט, אַז דער פּאָטער קלייבט זיך צו מאַכען יוסף׳ן פאַר א הערשער איבער אונז.

— אַ ווי דער פּאָטער איז אין איהם געגאַרט — האָט יהודה זיך אָפּגע־רופען — ער גלויבט, אַז אַזאַ ווי יוסף איז ניטאָ אין גאַנץ כנען.

— איז עס דען אַ וואונדער ? — רעדט אָן אויף אונז פאַר׳ן פּאָטער אַלדאָס בייז און ער באַריהמט זיך נאָך דערצו דאָס ער איז אַ צדיק... ער קען קיין עולות ניט צוזעהן... ער איז גוט און פרום... נו, פאַרשטעהט זיך, אַז דער פּאָטער ווייזט איהם אַרוים מעהר ליעבע און אַנערקענונג.

— אימיצער פון אונז האָט געדאַרפט אויפווייזען דעם פּאָטער ווי ווייט גענאַרט ער איז אין יוסף׳ן — האָט יששכר געזאָגט.

— דאָס איז אמת, — האָט יהודה צוגעגעבען — דער פּאָטער גלויבט טאַקע, אַז מיר האָבען יוסף׳ן זעהר ליעב, זעהט יעדער נישט ווי נייגעריג מיר הערען זיך צו צו זיינע מעשיות, מעגליך, אַז ווען ער זאָל וויסען, אַז מיר האָבען יוסף׳ן נישט איבעריג ליעב, וואָלט ער אונז גאָר היינט ניט אָפּגע־שטעלט אין דערהיים צו פייערען יוסף׳ס געבורטסטאָג... און געוויס וואָלט ער נישט געזאָגט צו יוסף׳ן אין אונזער אנוועזענהייט אַזעלכע ווערטער וואָס זאָל איהם מאַכען אַזוי דערהויבען געגען אונז.

— האָט איהר אַלע געהערט וואָס דער פּאָטער דענקט פון יוסף׳ן — האָט שמעון זיך נאָך אַלץ נישט געקענט בערוהיגען — ער דענקט, אַז מיר אַלע וועלען דאַרפען שטאָלצירען מיט איהם, ווייל ער איז געבענשט מיט קערפּערליכע און גייסטיגע שעהנקייט... יע, דער פּאָטער פאַרלאַנגט פון אונז אַלעמען, אַז מיר זאָלען זיך צוהערען צו זיינע רייד, ווייל „קיין פאַלש־קייט ליגט נישט אויף זיין צונג“, און „זיינע כונות זיינען לויטער גוט“ און צוליעב דעם דאַרפען מיר זיך צוהערען צו זיינע רייד !...

— דאָס איז אַזוי גוט ווי געזאָגט, אַז יוסף זאָל זיין אונזער הערשער — האָט לוי אויסגערופען.

— פון יוסף׳ס פּנים האָב איך געקענט זעהן ווי שטאַרק דערהויבען ער האָט זיך געפיהלט — האָט יהודה געזאָגט — פון זיינע שטראַהלענדע אויגען, האָב איך באַמערקט ווי שטאָלץ ער פיהלט זיך געגען אונז און וואָס פאַר אַ נקמה ער זעהט אָן אונז אַלעמען. איך האָב פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט : „איהר זעהט מיינע ברידער ווי שטאַרק דער פּאָטער ליעבט מיר, און וואָס ער דענקט פון מיר, פון היינט אָן, וועט איהר אַלע מוזען האָבען דרך ארץ פאַר מיר, ער וועט זיך מוזען צוהערען צו מיינע ווערטער“...

— יאָ, מיר וועלען זיך שוין צו איהם צוהערען ! — האָט נפתלי געזאָגט — ער וועט שוין לאַנג וואַרטען ביז מיר וועלען מיט איהם אַ וואָרט אויס־ריידען.

— לאָמיר טאַקע יעצט צווישען זיך אָפּמאַכען מעהר צו יוסף׳ן נישט ריידען, נישט גוט און נישט שלעכט — האָט שמעון געזאָגט — איך בין

זיכער, אַז דאָס וועט איהם זעהר שטאַרק קרענקען, און ער וועט אויפהערען צו זיין אַזוי שטאָלץ ביי זיך.

— יע, — האָט ראובן געזאָגט — ווען ער וועט צו אונז קומען אין פעלד, און ער וועט אונז געפינען אין אַ גרופּע, זאָל יעדער גלייך אַוועקגעהן זיין וועג צו זיינע שאָף, דאַן וועט ער איבערבלייבען אַליין... און אויב ער וועט האָבען שכל און פאַרשטעהן, דאַן וועט ער אונז זיכער צו רוה לאָזען אויך אין דער היים, און אויב נישט, וועלען מיר אין דער היים מוזען ליידען און זיך צוהערען צו איהם, צוליעב דעם פאָטער... איהר הערט, מיינע ברי־דער! דער פאָטער דאַרף און טאָר גאָר נישט באַמערקען, אַז צווישען אונז און יוסף'ן הערשט אַ שנאה... אויב איהר וועט איינגעהן אויף דעם וועלען מיר מאַכען אַן אָפּמאַך צווישען אונז נישט צו ריידען צו יוסף'ן, אויב ער וועט צו אונז קומען אין גאַס און אין פעלד...

— אויב מיר וועלען זיין געצוואונגען אַרויסצוווייזען צו איהם פריינד־שאַפט אין הויז, וועט יוסף זיין מוטה נישט פאַרלירען — האָט יהודה גע־זאָגט — און וועט דערפון גאָרנישט לערנען. ער וועט דענקען, אַז מיר זיינען גאַנץ פריינדליך צו איהם.

— אָבער אַנדערש קען דאָס נישט זיין! — האָט ראובן איהם געענט־פערט. — דער פאָטער האָט געגוג עגמת נפש און צער געהאַט און עס איז אונזער פליכט צו זעהן צו פאַרזיסען זיינע עלטערע יאָהרען און נישט גורם זיין נאָך מעהר צער. זייט איהר אַלע איינשטימיג מיט מיר?

— מיר שטימען אַלע איין — האָבען די ברידער אויסגערופען.

— אויב אַזוי לאָמיר זיך אַלע אויפשטעלען און שליסען דעם אָפּמאַך צווישען אונז.

— לאָמיר אַלע אויפהויבען אונזערע הענד און שווערען — האָט שמעון אויפגעהויבען זיין האַנט.

— ניין, ברידער, נישט שווערען... מיר וועלען זיכער האַלטען אונזער אָפּמאַך אָהן שבועה, עס איז נישט אַזוי וויכטיג, אַז מיר זאָלען דאַרויף אַ שבועה געבען — האָט ראובן געזאָגט — עס קען אמאָל עפּעס פּאַסירען און מיר וועלען זיין געצוואונגען צו ברעכען אונזער שבועה, וועט אונז גאָט דען וועלען מוחל זיין פאַר אַזאַ זינד! מיר דאַרפען זיך לערנען אייגער דעם צוויי־טען צו געטרויען אָהן אַ שבועה. איז אָפּגעמאַכט, מיינע ברידער?

— מיר מאַכען אָפּ צווישען זיך, אַז ווען יוסף וועט צו אונז צוקומען אין פעלד אָדער ערגעץ אַנדערשוואו, וואָס איז ווייט פון דער היים, זאָלען מיר צו איהם נישט ריידען, נישט ענטפערען אויף זיינע פראַגעס, און אויב מיר וועלען צוזאַמען זיין אין איין גרופּע, און יוסף וועט אָנקומען, זאָל יעדער אַוועקגעהן אין אַן אַנדער פלאַץ...

— ווי וועט אָבער זיין, אַז מיר וועלען זיצען צוזאַמען אין פעלד און האַלטען אין עסען — האָט אשר געפרעגט — זאָלען מיר זיך אויפהויבען אין מיטען עסען און אַוועקגעהן?

— ביי איהם איז די אכילה די הויפּט זאַך! — האָט זבולון געלאַכט.

— און פון וואָס דען מיינסטו איז ער אַזוי פעט? — האָט יהודה אַ

שמייכעל געטהאָן, — ווייל ער פאַרנאַכלעסיגט ניט זיין מאָגען... ער האָט מורא, אַז טאָמער וועט יוסף אָנקומען אין דער צייט ווען ער זיצט און עסט, און ער וועט זיך מוזען אויפהויבען פון זיין פּלאַץ, וועט ער נאָך פאַרלירען אַ חלק פון זיין סעודה...

— אשר קען אין זיך אַריינפּאַקען ווי עס באַדאַרף צו זיין, — האָט לוי געזאָגט.—איך האָב בעמערקט די גאַנצע צייט וואָס דער פּאָטער האָט גערעדט, און ווען ער האָט אַרויסגענומען דאָס זיידענע העמדעל און עס איבערגעגעבען צו יוסף'ן, האָט אשר נישט אויפגעהערט צו פרעסען, אַזוי ווי דער גאַנצער עסק וואָלט איהם נישט אָנגעגאַנגען... קיינער פון אונז האָט גאָר נישט געקענט טועם זיין פון פאַרדרוס, און ער האָט נישט אויפגעהערט צו קייען...

— און דו עסט גאָר ווינציג! — האָט אשר גענטפערט לוי'ן. — ווען דו ביזט הונגעריג קענסטו דאָך פאַרשלינגען אַ וועלט... דו האָסט דאָך קיין גערולד ניט צו וואַרטען אפילו ביז מען וועט קוילענען די שעפּעלע און זי אויסבראָטען אויפ'ן פייער. ביי דיר איז רעכט צו עסען פליישׁ און אפילו איידער עס איז נאָך געקוילעט געוואָרען.

— דו ביזט אַ ליגנער! — האָט לוי אויסגערופען — איך האָב נאָך קיינמאָל קיין אבר מן החי נישט געגעסען...

— שוין, מען הויבט זיך שוין ווידער אָן צו קריגען, — האָט ראובן אויס־ געריפען — אויב מיר וועלען זיך נישט אויפהערען צו קריגען איינער מיט'ן צווייטען, וועט אונזער גאַנצער אָפּמאַך וועגען יוסף'ן קיין ווערטה נישט האָבען, מיר דאַרפען לעבען צווישען זיך אין אחדות...

— פאַרוואָס אָבער זאָל ער מיר באַליידיגען און זאָגען, אַז איך האָב נישט אויפגעהערט צו פרעסען אין דער צייט וואָס קיינער האָט גאָרנישט טועם געווען. מיר דוכט זיך, אַז מיר אַלע האָבען געגעסען... און איך האָב געוויס נישט געגעסען מעהר פון אַלעמען.

— פון „על חטא, ווערט מען נישט פעט!“ — האָט שמעון געלאַכט.

— און דו ביזט גאָר נישט פעט, הא? — האָט אשר זיך צו איהם אָפּ־ גערופען — וויפיעל בענקלאַך האָסטו צושמעטערט ווען דו האָסט זיך בלויז אַ זעץ געטהאָן אויף זיי... ווען דו זעצט זיך אויפ'ן גראָז, ווערט דאָך די ערד איינגעפאַלען אונטער דיר!...

— נו, זאָל שוין זיין גענוג! — האָט ראובן זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ — ביי אייך איז רעכט צו מאַכען אַן איבעררייד פון אַזעלכע נאַריש־ קייטען. און דו אשר דאַרפסט נישט זאָרגען, טאָמער וועט יוסף קומען אין דער צייט ווען מיר וועלען האַלטען אין מיטען עסען.. . דו וועסט קענען רוהיג ענדיגען דיין עסען... קיינער וועט דיר נישט שטערען, דו דאַרפסט בלויז זיך נישט אומקוקען אויף יוסף'ן און צו איהם נישט ריידען.

— דאָס איז איהם איבעריג צו זאָגען — האָט יהודה אויסגערופען מיט אַ שמייכעל — ווען אשר האַלט אין עסען, זעהט ער קיינעם נישט און הערט קיינעם נישט... און געוויס וועט ער צו יוסף'ן נישט ריידען אין מיטען עסען.

— איך בעט אַז איהר זאָלט אויפהערען מאַכען שפּאַס, עס קומט דער־ פון קיינמאָל קיין גוטעס נישט אַרויס! — האָט ראובן שטרענג אַ זאָג געטהאָן.

— אשר ווייס, אַז איך טרייב קאַטאָוועס, און איהם אַרט נישט. נישט אמת, אשר? — האָט יהודה איהם אַ קלאַפּ געטהאָן איבער'ן פּלייצע.

אשר האָט אָפּגעדרעהט זיין קאָפּ און איהם נישט געענטפערט.

דערווייל האָט זיך יעקב צוריקגעקעהרט מיט יוסף'ן אין צימער. יעקב'ס פנים האָט געלויבטען פון גליק און יוסף איז געווען אָנגעטהאָן אין דעם זייַדענעם קאָלירטען העמדעל.

— יעצט, מיינע זיהן, קען איך אייך זאָגען, אַז יוסף האָט געקראָגען די ברכה פון מיין פאָטער. אויף דעם האָב איך שוין גאַנץ לאַנג געוואַרט... ווען יוסף איז אַריין אין צימער פון מיין פאָטער, און איך האָב איהם געזאָגט וועגען דער מתנה, וואָס איך האָב יוסף'ן געמאַכט, האָט מיין פאָטער געזאָגט מיט פרייד, אַז כאָטש ער איז בלינד קען ער דאָך זעהן אין זיין פאָרשטעלונגס קראַפט, ווי שעהן יוסף קוקט אויס און אַז די שעהנקייט פון זיין נשמה שפּיגעלט זיך אויך אָפּ אויף זיין קערפּער... יע, מיינע קינדער, אייער זיידע לעגט גרויסע האָפענונגען אויף יוסף'ן... ער זאָגט, אַז יוסף וועט נאָך אַמאָל ברייַנגען זעהר פיעל נוצען פאַר דער מענשהייט... דאָס האָט מיר שטאַרק ערפרעהט... ווייל איך גלויב, אַז מיר זיינען נישט געבאָרען געוואָרען צו לעבען בלויז פאַר זיך... יעדער פון אונז דאַרף שטרעבען צו טהאָן גוטעס מיט אונזערע מיטמענשען, ברענגען נוצען אויך פאַר אַנדערע, אַזוי ווי מיין זיידע אברהם פלעגט טהאָן. אין יעדען פּלאַץ, וואו ער איז געקומען האָט ער געלערנט די מענשען ווי צו פאַרשטעהן און דיענען דעם איינציגען גאָט אין הימעל, דעם באַשעפער פון דער וועלט... ער האָט זיי געלערענט ווי צו זיין פריינדליך און גנעדיג איינער צום צווייטען... און ער אַליין איז טאַקע געווען דער מוסטער: ער האָט מקרב געווען יעדען איינעם, פריינד און שונא, ער האָט קיין איין דורכוואַנדערער נישט דורכגעלאָזען, וואו ער זאָל איהם נישט האָבען מיט וואָס עס איז מהנה געווען, דער הונגעריגער און דורשטיגער איז פון איהם אַוועקגעגאַנגען אַ זאַטער און צופריעדענער, דעם אָרימאַן און נאַקעטען האָט ער געשפּייזט און געקליידעט... אַזוי האָט ער באַוואויגען פיעלע מענשען, וועלכע זיינען געבאָרען געוואָרען מיט שלעכטע נייגונגען, צו זיין גוט און מילד... יע אברהם'ס נאָמען איז גרויס געוואָרען איבעראַל... יעדער האָט איהם געשעצט און געאַכטעט, און אַלע האָבען זיך מיט איהם געבענשט... און אַזוי האָט מיין פאָטער זיך אויפגעפיהרט, ער האָט נישט אָפּגעטראָטען פון דעם ריכטיגען וועג וואָס זיין פאָטער האָט פאַר איהם אויסגעטראָטען און אַזוי מיט גאָטעס הילף, באַמיה איך זיך אויפצופיהרען. כאָטש מיין גורל איז געווען אַביסלע אַנדערש ווי דער גורל פון מיינע עלטערען. איך בין צוואַנציג יאָהר געווען כמעט ווי אַ קנעכט צו לבן און נאכהער האָב איך דורכגעמאַכט פיעל פּלאָגענישען און צרות, ביז גאָט האָט מיר געהאָלפען, און מיך צוריקגעבראַכט צו דער לאַנד, וואו מיינע עלטערען וואָהנען, און איך האָב זיך אויסגערוהט פון אַלע מיינע מיעדקייטען און וואַנדערונגען... יעצט, געלויבט איז גאָט וואָס איך האָב זוכה געווען צו פייערען יוסף'ס זיבעצעהנטען געבורטסטאָג און די ברכה וואָס זיין זיידע האָט איהם איצט געגעבען האָט נאָר מיין גליק פאַרפולט...

יעקב האָט זיך אָפּגעשטעלט, ער האָט באַמערקט ווי אַ וואָלקען איז פאַרצויגען אויף די פנים׳ער פון זיינע זיהן, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי מוז שטאַרק פאַרדריסען, וואָס זיי האָבען אויך נישט געקראָגען אַ ברכה פון דעם זיידען... ער איז געווען אַזוי באַרוישט פון דעם גליק, אַז ער האָט וועגען דעם גאָרנישט געטראַכט... יע, ער וועט מוזען פאַרגיטיגען זיינע איבעריגע זיהן...

— פון יעצט אָן מיינע זיהן, וויל איך לאָזען וויסען, אַז איך וועל פייערען דעם געבורטסטאָג פון יעדען איינציגען פון אייך... און ביי אַזאַ געלעגענהייט, וועל איך זעהן, אַז יעדער פון אייך זאָל קריגען די ברכה פון מיין פאָטער, אַזוי ווי יוסף האָט עס געקראָגען. איהר דאַרפט זעהן צו לעבען איינער מיט׳ן צווייטען בשלום, זיך נישט קריגען, און איבערהויפּט נישט מקנא זיין איינער דעם צווייטען... איהר דאַרפט אויך זעהן נישט גרינגצושעצען איינער דעם צווייטען, און זעהן געהן אין דער ריכטיגער וועג, איהר זאָלט ווערט זיין גערופען צו ווערען, די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב... איך האָב פיעלע מאָל געהערט וועגען אייך זעהר נישט קיין שעהנע זאַכען, אָבער איך בין אייך מוחל און איך האָף, אַז איהר וועט עס קיינמאָל נישט ווידערהאָלען.

— פאָטער, מיר האָבען קיינמאָל קיין שלעכטעס נישט געטהאָן! — האָט יהודה זיך אָפּגערופען — דער וואָס האָט דיר עס איבערגעגעבען וועגען אונז, האָט קיין אמת נישט געזאָגט.

— ניין, מיין קינד! — האָט יעקב צערטליך צו איהם געזאָגט — איהר ווייסט דאָך, אַז יוסף וועט קיין ליגען נישט דערצעהלען... און איך ווייס גאַנץ גוט ווי שטאַרק עס האָט איהם וועה געטהאָן, ווען ער האָט עס מיר געדאַרפט דערצעהלען... דאָס איז צוליעב דעם וואָס זיינע רייד האָבען אויף אייך קיין ווירקונג נישט געהאַט...

— אָבער פאָטער עס איז מעגליך, אַז יוסף׳ן האָט זיך עס אויסגעדוכט... איך ווייס אַז מיר פיהרען זיך אַלע גוט אויף — האָט ראובן געזאָגט.

— ניין, יוסף האָט אַליין געהערט ווי איינינגע פון אייך האָבען באַליידיגט די ברידער, וועלכע זיינען נישט פון דער זעלבער מוטער, ווי איהר זייט... יוסף האָט עס נישט געקענט פאַרליידען און אייך וועגען דעם געוואָרנט, אָבער... נאָר איך וויל יעצט נישט פאַרשטערען אונזער שמחה, איך בין זיכער, אַז אַזעלכע זאַכען וועלען מעהר נישט ווידערהאָלט ווערען. און איך בין זיכער, אַז איהר וועט פון היינט אָן זיך צוהערען צו יוסף׳ס רייד. מיט דעם נייעם בגד וואָס איך האָב היינט יוסף׳ן באַקליידעט וועט אָנגעצייכענט ווערען פאַר אייך אַלעמען, אַז יוסף וועט פון יעצט אָן דאַרפען נעאַכט און געשעצט ווערען פון אַלעמען. און ווען איהר וועט זיך צוהערען צו זיינע רייד וועט איהר זיכער קיין חרטה נישט האָבען.

.9

ק נ א ה

אויף מאָרגען גאַנץ פריה זיינען די ברידער אַוועק אין פעלד. זייער כעס אויף יוסף'ן איז נישט געמינערט געוואָרען, אפילו נאָכדעם ווי דער פאָטער האָט זיי פאַרזאָגט צו לעבען איינער מיט'ן צווייטען בשלום. און זייענדיג נאָך אויף'ן וועג, האָבען זיי נאָכאַמאָל באַנייט זייער באַשלוס נישט אויס־צורײדען קיין וואָרט מיט יוסף'ן, ווען ער וועט זיי קומען באַזוכען אין פעלד.

— אויב אימיצער פון אונז האָט נאָך געצווייפעלט, אַז יוסף דערצעהלט דעם פאָטער אַלעס וואָס מיר טוען — האָט שמעון זיך אָפּגערופען צו אַלע זיינע ברידער — האָט נעכטען דער פאָטער אַליין צוגעגעבען, אַז יוסף דער־צעהלט איהם אַלעס.

— און יעצט ווילען מיר זיך דאַרפען צוהערען צו אַלעס וואָס ער וועט אונז זאָגען — האָט יהודה אַ זאָג געטהאָן — דער פאָטער האָט דאָך איהם דאָס זיידען־העמדעל געמאַכט אַלס אַ צייכען פון הערשאַפט איבער אונז...

— ווען ער וועט איינינע מאָל קומען אונז באַזוכען און זעהן, אַז מיר קוקען זיך אויף איהם נישט אום, מיר ריידען צו איהם נישט און ענטפערען איהם נישט אויף זיינע פראַגען, וועט ער אונז אויפהערען אין גאַנצען צו באַלעסטיגען, — האָט ראובן געזאָגט.

— דו קענסט נאָך נישט יוסף'ן! — האָט לוי געזאָגט צו ראובן, וואָס מעהר דו וועסט איהם פון זיך פאַרטרייבען אַלץ מעהר וועט ער צו דיר קריכען, און בפרט יעצט, ווען ער ווייס דאָס ער האָט געקראָגען מעהר מאַכט דורכ'ן פאָטער...

— דער פאָטער האָט דאָך אונז פאַרשפּראָכען, אַז פון יעצט אָן וועט ער פייערען דעם געבורטסטאָג פון יעדען איינעם פון אונז — האָט יששכר געזאָגט — און גאָר אין גיכען וועט זיין מיין געבורטסטאָג.

— דו מיינסט אודאי אַז דער פאָטער וועט דיר אויך מאַכען אַ זיידען העמדעל! — האָט זבול'ען זיך צו איהם אָפּגערופען מיט אַ שמייכעל.

— און וואָס מיינסטו, אַז איך האָב עס נישט אַזוי גוט פאַרדיענט ווי יוסף — האָט יששכר געזאָגט — איך אַרבייט שווער גענוג...

— דו רוהסט מעהר ווי דו אַרבייטסט! — האָט יהודה געזאָגט מיט אַ שמייכעל — פאַר איין רגע אַרבייט, האָסטו ליעב צו רוהען צעהן מאָל אַזוי פיעל.

— פונדעסטוועגן בין איך זיכער, אַז צו מיין געבורטסטאָג וועט דער פאָטער מיר אויך מאַכען אַן איבעררעשונג.

— וואָס דיין איבעררעשונג זאָל נישט זיין, וועט דאָס נישט זיין קיין זיידענע העמדעל... דער פאָטער וועט נישט מאַכען צוויי הערשער.

— פאַר וואָס זאָלען מיר ריידען פוסטע רייד — האָט שמעון געזאָגט — אויב דער פאָטער האָט אונז צוגעזאָגט אויך צו פייערען אונזערע געבורטסטאָג, איז ווייל ער האָט פאַרשטאַנען ווי שלעכט מיר פיהלען, פאַר דער אויסנאַהמע וואָס ער מאַכט מיט יוסף'ן... אָבער קיינער פון אונז האָט קיין גרויסעס נישט צו ערוואַרטען פון דעם...

* * *

יוסף איז יעצט געווען זעהר גליקליך און צופריעדען. דער פאָטער האָט איהם אַזוי פיעל כבוד אָנגעטהאָן. ער איז געווען זעהר שטאָלץ דאַמיט וואָס ער האָט דאָס זיידענע העמדעל אַלס אויסצייכענונג געקראָגען... יעצט וועלען די ברידער זיך אין גאַנצען אַנדערש באַציהען צו איהם... זיי וועלען איהם נישט ענטפערען מיט חוצפה ווען ער וועט זיי אויפמערקזאַם מאַכען אויף אייניגע אומרעכטען וואָס זיי באַגעהען, און געוויס וועלען זיי נישט וואַגען איהם מעהר צו באַליידיגען...

שטאַרק צופריעדען מיט דעם איז אויך געווען דינה, זיין שוועסטער. זי האָט יוסף'ן ליעב געהאַט מעהר פון איהרע אַנדערע ברידער; יוסף האָט שטענדיג סימפּאַטיזירט מיט איהרע ליידען... כאָטש זי וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסען ווי איהרע אַנדערע ברידער, איבערהויפט שמעון און לוי, האָבען איינגעשטעלט זייערע לעבענס אין סכנה און נקמה גענומען פון די וועלכע האָבען איהר כבוד פאַרשוועכט... זי האָט זיי שטאַרק געשעצט און געאַכטעט אין איהר האַרץ פאַר זייער גרויסער העלדישקייט וואָס זיי האָבען ארויסגעוויזען... האָט זי אָבער דאָך זיי נישט געקענט מוחל זיין, פאַר זייער קאַלטקייט און זאָגאַר גרויזאַמקייט אין דער צייט וואָס איהר האָט אַזאַ גרויסער אומגליק געטראָפען.. זי געדענקט גאַנץ גוט יענעם טרויריגען טאָג, ווען איהר קליינע נעמה איז אַוועקגעגנב'עט געוואָרען פון איהר, און כאָטש די ברידער האָבען זיך אַוועקגעלאָזען איהר זוכען, האָט זי אָבער געהערט ווי זיי באַמערקען, אַז עס איז אַ סך גלייכער וואָס דאָס האָט אַזוי פּאַסירט... זי האָט אַליין געהערט ווי שמעון האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט: „יעצט וועט אַרונטער דער לעצטער שאַנד־פלעק פון אונזער משפחה“... און אָ, ווי שאַרף זיינע ווערטער האָבען איהר פאַרוואונדעט האַרץ געשטאָכען... גרויס איז געווען איהר בראָך. און פאַרגרעסערט זיינען איהרע שמערצען געוואָרען, ווען זי האָט בעמערקט די גלייכגילטיגקייט פון איהרע ברידער. אָבער יוסף האָט געבראַכט אַ פאַרלינדערונג צו איהרע יסורים, מיט זיינע קלוגע רייד און מיט זיינע מיטפיהלנדע ווערטער. האָט ער איהר אַ טרייסטונג געבראַכט... ער האָט איהר פאַרשפּראָכען, אַז ווען ער וועט עלטער ווערען, וועט ער נישט רוהען ביז וואַנען ער וועט אויסגעפינען וואו נעמה געפינט זיך... זי ווייס אַז דאָס איז בלויז אַ פאַלשע האָפנונג... ווי אַזוי וועט ער איהר גאָר קענען דערקענען.... נעמה איז דאָך גאָר אַ קליין קינד געווען...

זי וועט זיכער קיין זאך נישט געדענקען, זי וועט רעכענען פאר איהרע על־טערען די וועלכע האבען איהר אויפגעבראכט... דאך אבער איז איהר געווען אזוי אנגענעהם צו הערען פון יוסף'ן אזעלכע ווערטער... צו זיין גוטהער־ציגקייט איז קיין גרעניץ נישטא... און א חוץ דעם איז ער זעהר קלוג, און נישט איינמאל איז איהם געלונגען איהר צו בערוהיגען מיט זיינע קלוגע ווערטער..

דינה האט גאנץ גוט געוואוסט אז אלע ברידער זיינען יוסף'ן שטארק מקנא, און האבען איהם נישט איבריג ליעב... איז איהר דען נישט אויסגע־קומען צו הערען ווי אזוי זיי טאדלען יוסף'ן, און דעריבער האט איהר יעצט שטארק הנאה געטהאן וואס דער פאטער האט איהם אזוי דערהויבען אין די אויגען פון אלע ברידער... זאלען זיי וויסען, אז דער פאטער האלט זעהר שטארק פון יוסף'ן, און אז זיי דארפען אויך פאר איהם דרך ארץ האבען.

יוסף איז אויף מארגען אויך גאנץ פריה אויפגעשטאנען, און ווי פאר־וואונדערט איז ער געווארען, ווען ער האט אויסגעפינען אז זיינע ברידער זיינען שוין אוועק אין פעלד... קיין טאג געהען זיינע ברידער נישט אוועק אזוי פריה... עס איז מעגליך — האט יוסף זיך געטראכט, צוליעב דעם וואס זיי זיינען נעכטען פארבליבען דעם גאנצען טאג אין דערהיים, זיינען זיי דעריבער היינט נאך פריהער אוועקגעגאנגען, כדי די שאף זאל שטארק נישט ליידען. פונדעסטוועגען האט יוסף'ן שטארק פערדראסען... איהם האט זיך היינט געראדע געוואלט זעהן מיט זיינע ברידער און צו זיי רעדען... ער האט זיי געוואלט צייגען אז כאטש דער פאטער האט איהם אזוי דער־הויבען, ער האט איהם ווירקליך געשטעלט העכער פון זיי אלעמען, פונ־דעסטוועגען האלט ער זיך נישט גרויס איבער זיי, און נעהמט זיך דאמיט נישט איבער... ער האט געוואלט צו יעדען פון זיינע ברידער רעדען הארציגע ברידערליכע ווערטער... געראדע היינט האט זיך איהם פארגלוסט מיטצו־געהן מיט זיי אין פעלד און דערצעהלען זיי וויפיעל מעשיות זייער הארץ געלוסט... און א חוץ דעם האט ער זיי געהאט נאך עפעס וויכטיגעס צו דערצעהלען, און דאס איז, זיין וואונדערליכען חלום, וואס האט איהם גע־חלום'ט, דעריבער איז ער שטארק ענטוישט געווארען ווען ער האט זיך דערוואוסט אז זיינע ברידער זיינען אזוי פריה, אין פעלד צו דער פאשע אוועק...

נאכדעם ווי יוסף האט אפגעגעסען זיין פריהשטיק, האט ער זיך אפ־גערופען צו זיין פאטער:

— איך וויל היינט געהן צו מיינע ברידער אין פעלד, פאטער, ווערסטו נישט האבען דאגעגען.

— ניין מיין זוהן — האט יעקב געענטפערט — איך וועל דאגעגען נישט האבען, אבער פונדעסטוועגען וואלט איך דיר געראטען אפצואווארטען עטליכע טעג, ביז וואנען די ברידער וועלען זיך צוגעוועהנען מיט דעם גע־דאנק, אז דו ביזט מיין אויסדערוועהלטער. איך האב נעכטען געקענט בעמערקען אויף זייערע פנים'ער דאס זיי האבען דיך עטוואס מקנא געווען וואס דו האסט פון מיר געקראגען דאס זיידענע העמדעל... און ווען דו

וועסט יעצט צו זיי קומען, וועלען זיי דיך חושד זיין, אז דאָס קומסטו זיך אויספיינען פאַר זיי...

— אָ ניין, פאָטער, פאַרקעהרט, איך וועל זיי טאַקע ציינען, אז איך בין ביי זיך נישט שטאָלצער געוואָרען ווי פריהער, איך האָב זיי אַלעמען ליעב, און איך וויל מיט זיי פערברייננען אין פריינדליכקייט און ברידערליכקייט...

— גוט, אויב דו ווילסט קאָנסטו געהן — האָט יעקב געזאָגט.

— איך דאַנק דיר פאָטער! — האָט יוסף געזאָגט און איהם אַ קוש געטאָהן — איך וועל טאַקע באַלד אריבערגעהן צו מיינע ברידער.

— אויב דו ווילסט דוקא היינט געהן, יוסף — האָט יעקב זיך צו איהם אָפּגערופען — דאַן זאָלסטו אהין געהן אין דיינע טאָג טעגליכע מלבושים... און נישט אָנטאָהן דאָס זיידענע העמדעל...

— איך וועל טהאָן ווי דו זאָגסט, פאָטער — האָט יוסף געזאָגט, און ער האָט אָנגעטהאָן זיינע וואָכענדיגע קליידער און מיטנעמענדיג אַ שטעקען איז ער אַוועקגעגאַנגען אין פעלד.

עס איז שוין געווען אינמיטען טאָג ווען יוסף איז געקומען צו דעם פּלאַץ וואו זיינע ברידער האָבען געפּאַשעט די שאָף... פון וויטען האָט ער זיי דערזעהן... ער האָט פאַרשנעלערט זיינע טריט, זיין הארץ איז פול געווען מיט פרייד... ער וועט באַלד אַזוי געמיטליך פערברייננען מיט זיינע ברידער... זיי וועלען זיך אַלע אַוועקזעצען אויפ'ן גראָז ארום איהם און ער וועט זיי דערצעהלען... יע, וואָס פאַר אַ געשיכטע זאָל ער זיי דערצעהלען — האָט ער אַ טראַכט געטהאָן — און ער האָט גלייך באַשלאָסען צו דער־צעהלען זיי די מעשה פון די ערשטע צוויי ברידער, פון קין און הבל'ן... איהם וועט נישט מיאוס ווערען צו זיצען מיט זיי דעם גאַנצען טאָג און פער־ברייננען... און שפּעטער צו, אין אָבענד, ווען זיי וועלען שוין האַלטען ביים צוריקקעהרען זיך אהיים, וועט ער זיי דעם מאָדנעם חלום דערצעהלען...

אַזוי טראַכטענדיג האָט יוסף גאָרנישט בעמערקט ווי ער איז שוין צוגעקומען צו דעם פּלאַץ וואו זיינע ברידער זיינען געשטאַנען...

— שלום! — האָט ער אויסגערופען — אָבער צו זיין גרויס ער־שטוינונג, האָט ער באַמערקט אז אַלע זיינע ברידער האָבען זיך פּלוצלונג צושפּרייט איבער'ן פעלד, יעדער אין אַ באַזונדער ריכטונג...

יוסף איז געבליבען שטעהן אַ ווייליע ווי אַ פאַרלוירענער, עפּעס איז איהם מאָדנע אויסגעקומען... דוכט זיך נאָר וואָס זיינען זיי געשטאַנען אין איין גרופּע, און יעצט איז יעדער באַזונדער... ער האָט געפּרואווט צוגעהן צו יהודה'ן וועלכער איז געווען נישט ווייט פון איהם, אָבער יהודה האָט אומגעדרעהט זיין קאָפּ און איז שנעל אַוועקגעגאַנגען צו זיינע שאָף... דאָס זעלבע האָט אויך פּאַסירט מיט לוי'ן און מיט שמעון... יוסף'ס פאַרלעגענ־הייט איז נאָך שטאַרקער געוואָרען, ווען ער האָט גענומען זיך דערנעהנטע־רען צו ראובן'ן און ער האָט געטהאָן דאָס זעלבע ווי די איבריגע...

— וואָס זאָל עס באַדייטען?! — האָט יוסף זיך געוואונדערט — איז עס מעגליך אז זיי זיינען אויף איהם אין כעס... אָבער פאַרוואָס? האָט

ער זיי דען מיט עפּעס באַליידיגט?... ער האָט גענומען זיך ווייטער ארומקוקען און האָט פון ווייטען דערזעהן גד'ן... ער איז דאָך געוויס אויף איהם נישט אין כעס — האָט יוסף זיך געטראַכט — עס וועט צוגעהן צו איהם און וועט איהם פרעגען די אורזאַכע וואָס די ברידער האָבען איהם אָנגעפאַנגען אַזוי פלוצלונג באַהאַנדלען... ער האָט גענומען צוגעהן צו איהם, אָבער גד האָט זיך אויך גענומען ארויסדרעהען פון איהם...

— גד, גד! — האָט יוסף גענומען שרייען — וואַרט א ווײַלע, געה נישט אַוועק!...

גד אָבער האָט זיך געמאַכט נישט הערענדיג און האָט פאָרטגעזעצט זיין געהן...

דאָס האָט שוין יוסף'ן שטאַרק פאַרדראָסען.. גד זאָל איהם אויך נישט וועלען ענטפערען!... וויפיעל מאָל האָט ער זיך פאַר איהם איינגעשטעלט, ווען די ברידער האָבען איהם גערופען „זוהן פון א דיענסט", אָדער קנעכט... ער איז זיכער, אויב די ברידער זיינען אויף איהם אין כעס, איז עס צוליעב דעם וואָס ער האָט זיי אויסגעמוסר'ט פאַר באַליידיגען די קינדער פון זלפה'ן און בלהה'ן, און יעצט וויל ער זיך אויך נישט אויף איהם אומקוקן!

באַלד האָט ער זיך דערמאָנט אַז דער פאָטער האָט איהם נישט געראַטהען ער זאָל היינט געהן צו די ברידער, כדי זיי זאָלען איהם נישט חושד זיין דאָס ער קומט זיך אויספּיינען... יע, דער פאָטער איז גערעכט... די ברידער זיינען אויף איהם אין כעס... ווייל זיי זיינען איהם חושד דאָס ער איז צו שטאָלץ ביי זיך, ווען זיי וואָלטען נאָר געוואָלט זיך צוהערען צו איהם... וואָלט ער דאָך זיי פאַרזיכערט...

יוסף האָט נישט געקענט באַשליסען וואָס ווייטער צו טהאָן — זאָל ער גלייך געהן אַהיים... וועט דאָך איהם דער פאָטער פרעגען די אורזאַכע וואָס ער האָט זיך אַזוי שנעל צוריקגעקעהרט... ניין, ער וועט בלייבען ביז אָבענד... אָבער ער קען דאָך נישט מיטגעהן מיט זיינע ברידער... ער וועט מוזען אוועקגעהן עטוואָס פריהער.... דער פאָטער דאַרף דערפון גאָרנישט וויסען...

יוסף האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ'ן גראָז... ער האָט זיך געפיהלט אַזוי איינזאַם און דערשלאָגען.. זיינע אויגען זיינען געווען פול מיט טרערען... און ער האָט זיך קוים באַהערשט דאָס ער זאָל נישט אויסברעכען אין א געוויין... די ברידער זיינען געווען צושפּרייט איבער דעם גאַנצען פעלד... פון צייט צו צייט האָט ער באַמערקט ווי איינער פון די ברידער הויבט אויף זיינע אויגען און קוקט אין זיין ריכטונג... יע, דאָס ווילען זיי זיך איבערצייגען אויב ער איז נאָך פערבליבען... ער וועט מוזען געהן! זאָלען זיי נישט דענקען אַז ער איז צו נייגעריג מיט זיי צו פערברענגען. יוסף האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ און זיך גענומען צוריקקעהרען אַהיים..

יוסף האָט געפיהלט אַז ער דאַרף האָבען יעצט אימיצען פאַר וועמען ער זאָל קענען אויסגיסען זיין האַרץ... אַן אַנדערש מאָל וואָלט ער דאָס דערצעהלט פאַר'ן פאָטער, אָבער נישט איצט... דער פאָטער וועט זיי געוויס אויסריידען פאַר דעם. און דאָס וועט נאָך די לאַגע ערגער מאַכען...

ער איז גלייך אַריין צו זיין שוועסטער אין געצעלט.

— וואָס איז מיט דיר יוסף? — האָט זיך דינה צו איהם אָפּגערופען, ווען זי האָט דערזעהען יוסף'ס אומעטיגען פּנים — פּיהלסט זיך דען נישט גוט?...

— שלום איז צו מיר, מיין שוועסטער! — האָט יוסף זיך בעמיהט צו בעהערשען...

— פֿון וואַנען קומסטו עס יעצט, יוסף?

— איך קום פֿון פֿעלד... געווען ביי די ברידער...

— און דו האָסט אויף זיי נישט געוואַרט.. ביזטו אַליין געגאַנגען צוריק.. די זון האַלט דאָך שוין ביים פֿאַרגעהן, און דער וועג איז דאָך אַ גאַנץ ווייטער, און נישט איבעריגס זיכער...

יוסף האָט אַ ווײַלע געשוויגען... איהם איז זעהר שווער געווען צו דער־צעהלען אפילו פֿאַר זיין שוועסטער, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט...

— איך זעה יוסף אַז עפּעס דריקט דיר אויפ'ן הארצען... און דו זוכסט עס צו פֿאַרבאָרגען פֿון מיר... צווייפֿעלסטו נאָך אין מיין געטרייהייט צו דיר... דו ווייסט דאָך אַז דו קאָנסט אַלעס פֿאַרטרויען צו מיר...

— יע, מיין שוועסטער, דו ביזט גערעכט... דיר וועל איך אַלעס דער־צעהלען, אָבער איך בעט דיך רייד פֿאַר קיינעם קיין וואָרט נישט וועגען דעם, אפילו נישט פֿאַר'ן פֿאָטער.

— וועגען דעם דאַרפֿסטו קיין זאָרג נישט האָבען — האָט איהם דינה פֿערזיכערט.

— היינט גאַנץ פֿריה האָט זיך מיר פֿאַרגלוסט צו געהן צו מיינע ברי־דער אין פֿעלד... איך האָב געגלויבט אַז פֿילייכט וועלען זיי זיך פֿיהלען געקרענקט פֿון נעכטען, וואָס דער פֿאָטער האָט מיר פֿאַר זיי אין די אויגען אַזוי שטאַרק געהויבען און איך האָב זיי געוואָלט איבערצייגען, אַז איך מאַך דערפֿון גאָר קיין וועזען נישט... און איך האָב געדענקט אַז איך וועל האָבען אַ געלעגענהייט מיט זיי צו ריידען וועגען אַלעס... און דערצו וועל איך זיי ווייזען אַז איך נעם זיך דאַמיט גאָרנישט איבער...

— אָבער וואָס האָט דיר געמאַכט צו גלויבען, אַז די ברידער זיינען אויף דיר אין כעס? — האָט איהם דינה געפֿרעגט.

— איך האָב ער נאָך נעכטען בעמערקט אויף זייערע פּנים'ער, און דערצו האָט מיר דער פֿאָטער אַליין אויפֿמערקזאַם געמאַכט וועגען דעם, און ער האָט מיך געבעטען היינט נישט צו געהן צו זיי... אָבער איך האָב געגלויבט אַז ווען איך וועל האָבען די געלעגענהייט זיך מיט זיי דורכצו־ריידען וועט אַלעס אויסגעגליכען ווערען, און דער פֿאָטער האָט מיר דער־לויבט צו געהן צו זיי... און ווען איך בין צוגעקומען אין פֿעלד און זיי פֿריינדליך באַגריסט, האָבען זיי זיך פֿון מיר אָפּגעקעהרט און איידער איך האָב צייט געהאַט מיט זיי זיך צו זעהן און ריידען צו זיי, האָבען זיי זיך צושפּרייט אין פֿערשיעדענע ריכטונגען... אפילו ראובן, וועלכער האָט אַלעמאָל געהאַלטען מיט מיר, איז אויך פֿון מיר אַוועק... און נאָך מעהר איז

מיין איבערראשונג געווען, ווען איך האָב געזעהן אז די זיהן פון בלה'ן און פון זלפה'ן ענטפערען אויך נישט צו מיין רוף...

— און דו האָסט זיך עס אזוי שטארק גענומען צום הארצען? — האָט דינה געזאָגט מיט א שמייכעל — דו קענסט נאָך נישט דיינע ברידער! דו ווייסט דאָך אז זייער כעס האלט אָן בלויז אויף א ווייל...

— אָבער איך קען נישט פארשטעהן פארוואָס זיי זאָלען גאָר זיין אויף מיר אין כעס... זיי זיינען דאָך די לעצטע צייט געווען גאַנץ פריינדליך צו מיר. איך פלעג זיי דערצעהלען מעשיות און זיי פלעגען פון מיר פערלאַנגען, איך זאָל זיי וואָס מעהר דערצעהלען.

— עס פארשטייט זיך אז זיי זיינען דיך מקנא... דער פאָטער האָט דיך באַשאַנקען מיט א זיידענע העמדעל. ער האָט דיך שטארק געלויבט אין זייערע אויגען... און דעריבער זיינען זיי אויף דיר אביסעל ברוגז... אָבער איך בין זיכער אז ביז מאָרגען וועלען זיי אין גאַנצען פערגעסען זייער כעס, און ביים פריהשטיק וועסטו ווייטער זיין זייער בעסטער פריינד.

— איך גלויב אז דו ביזט גערעכט, דינה, — האָט יוסף געזאָגט — מאָרגען אין דער פריה וועלען זיי ווייטער מיינע פריינד ווערען... און איך קען דיר פערזיכערען אז איך טראָג אויף קיינעם פון זיי קיין שום שנאה נישט!

יענעם אָבענד האָבען די ברידער אויסגעמאַרקירט צו קומען א היים ווען עס איז שוין גאַנץ טונקעל געווען... זיי האָבען אָפּגעגעסען דעם אָבענד-ברויט אַליין, נישט צוזאַמען מיט די איבעריגע פון דער משפחה.

אויף מאָרגען, ווען אַלע האָבען געגעסען פריהשטיק צוזאַמען, האָט יוסף באַמערקט אז די ברידער זיינען צו איהם עטוואָס פריינדליכער גע-וואָרען; זיי האָבען איהם געענטפערט אויף זיין בעגריסונג.. ער איז געווען דערפון שטארק צופריעדען. יעצט זעהט ער אז דינה איז געווען גערעכט, ווען זי האָט איהם געזאָגט אז ביים פריהשטיק וועלען זיי אַלעס פערגעסען און זיי וועלען ווייטער ווערען זיינע בעסטע פריינד... דאָס האָט איהם יעצט ווידער ערמוטהיגט און ער האָט זיך אָפּגערופען בעת'ן עסען:

— מיט א פּאָר נעכט צוריק האָב איך גע'חלומ'ט א מערקווירדיגען חלום... און ביז איצט קען איך נאָך דעם חלום נישט פארגעסען.

— וואָס פאר א חלום האָסטו גע'חלומ'ט? דערצעהל אונז יוסף — האָט יעקב צערטליך צו איהם געזאָגט — איך און דיינע ברידער וועלען זעהן אויב מיר וועלען קענען פותר זיין דיין חלום.

— איך האָב גע'חלומ'ט! — האָט יוסף זיך אָפּגערופען — אז איך און מיינע ברידער זיינען אין פעלד, אין דער צייט פון שניט... מיר האָבען גענומען די געשניטענע זאַנגען און זיי צוזאַמענגעבונדען אין גארבען און פּלוצלונג, ווען מיר זיינען אזוי געשטאַנען און געטאָהן אונזער ארבייט, האָט זיך מיין גארב אויפגעהויבען פון דער ערד און געבליבען שטעהן... און אייערע גארבען האָבען זיך אויך אויפגעהויבען פון זייערע פּלעצער און האָבען ארומגערינגעלט מיין גארב עטליכע מאָל און דערנאָך האָבען אייערע גארבען זיך געבוקט פאר מיין גארב!

— דאָס איז אַ מערקווירדיגער חלום! — האָט יעקב געזאָגט — עס איז אַ סימן אַז די ברכה וואָס דיין זיידע יצחק האָט דיר געגעבן וועט מקוים ווערן. דו וועסט נאָך אַמאָל האָבען מאַכט און הערשען... וואָס זאָגט איהר, מיינע קינדער? — האָט זיך יעקב געווענדעט צו זיינע איבע־ריגע זיהן.

די ברידער האָבען געשוויגען און יעקב האָט גענומען פאַרשטעהן אַז דער חלום פון יוסף׳ן און זיין פתרון איז זיי נישט געפעלען.

— ווי עס ווייזט אויס מיינע זיהן, האַלט איהר גאַנץ ווינציג פון חלומות! — האָט יעקב זיך אָפּגערופען מיט אַ שמייכעל — מעגליך אַז איהר זייט גערעכט. עס טרעפט זיך אַמאָל אַז מיר זעהען חלומות וואָס זיינען אונמעגליך פאַרווירקליכט צו ווערען... יע, נישט אַלע מאָל האָבען חלומות אַ ממשות...

די ברידער האָבען גענומען שמייכלען, זיי האָבען געזוכט צו פאַרבאַר־גען זייערע געפיהלען פון האַס צו יוסף׳ן... אָבער אין זייערע הערצער האָט נאָך די קנאה און שנאה צו איהם זיך מעהר צופלאַקערט, און ווען זיי האָבען גענומען טרייבען זייערע שאָף אין פעלד, האָבען זיי זיך ווידער גענומען דורכריידען:

— וואָס האָב איך אייך געזאָגט! — האָט שמעון געדריקט זיינע פויסטען — יוסף טראַכט גאַר טאָג און נאַכט פון הערשען איבער אונז... ווי נאָר דער פאָטער האָט איהם געגעבען דאָס זיידענע העמדעל, הערט ער נישט אויף צו טרוימען פון ווערען דער הערשער איבער אונז אַלעמען. ער שטעלט זיך פאָר אַז מיר קומען און פאַלען צו זיינע פיס און בוקען זיך פאַר איהם.

— עס איז שוין יעצט ביי קיינעם פון אונז קיין צווייפעל נישט, אַז יוסף וויל ווערען אונזער הערשער — האָט יהודה געזאָגט — עס איז איהם נישט גענוג וואָס ער האַלט זיך גרויס געגען אונז, ער וויל אונז אויך באַ־הערשען.

— אָ, ווען איך קריג איהם יעצט אין מיינע הענט! — האָט שמעון ווידער זיך אָפּגערופען — וואָלט ער שוין קיין לעבעדיגער נישט אַוועק פון מיר...

— פאַרוואָס זאָלסטו ריידען אַזעלכע נאַרישקייטען — האָט ראובן זיך צו איהם אָפּגערופען — דו וועסט דאָך נישט געהן טויטען דיין אייגענעם ברודער!...

— און פאַרוואָס נישט? — האָט לוי איהם געפרעגט — אויב ער האָט דעם טויט פאַרדיענט וואָלט איך זיך דאָמיט נישט גערעכענט וואָס ער איז אַ ברודער.

— אָבער יוסף האָט דאָך זיכער דעם טויט נישט פערדיענט, פאַר דעם וואָס איהם האָט זיך אַזוי מאָדנע גע׳חלומ׳ט!

— אויב נישט פאַר דעם חלום, האָט ער עס שוין פון לאַנג פאַרדיענט פאַר זיין געהן און מסור׳ן דעם פאָטער אויף אונז... פאַר זיין ווען ארויפ־

צווינגען זיין דעה איבער אונז... אָ, פאַר זיין גאַנצער געמיינהייט!

— און איך זאָג אייך, מיינע ברידער, אויב יוסף וועט נישט וויסען ווי איינצוהאַלטען זיין צונג, וועט ער אויף זיך בריינגען א צרה — האָט זבולון געזאָגט.

— און מיר וועלען נישט קענען זיין פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם — האָט יששכר צוגעגעבען.

— האָט איהר ווען עס איז געהערט אַזאַ חלום? — מיר שטעהען און בינדען קאָרען אין פעלד צוזאַמען מיט איהם... זינט ווען האָט ער אָנגעהויבען ארבייטען אין פעלד? — האָט דן זיך אָפּגערופען.

— זיין גאַנצע ארבייט בעשטעהט אין חלום'ן חלומות — האָט אשר געזאָגט — אויב ער האָט שוין יע אַמאָל געטהאָן א ניצליכע ארבייט, איז דאָס געווען בלויז אין חלום...

— ווען ער טראַכט נישט דעם גאַנצען טאָג ווי אַזוי צו ווערען אונזער הערשער און מושל, וואָלט ער ביינאַכט אַזעלכע חלומות ניט געזעהן.

— מיר וועלען איהם דאַרפען איינמאָל גוט אָנלערנען — האָט יהודה געזאָגט.

— יוסף'ן וועסטו קענען אָנלערנען! — האָט שמעון געזאָגט מיט פערביטערונג — האָט ער דען א סך געלערענט נעכטען אין פעלד?... ער האָט דאָך געזעהן ווי אַזוי מיר האָבען איהם בעהנדעלט. קיינער פון אונז האָט צו איהם א וואָרט נישט גערעדט, און ווען ער האָט אָנגעפאַנגען צו ריידען צו איינעם פון אונז האָט מען איהם נישט געענטפערט... און היינט אין דער פריה, האָט ער געהאַט די חוצפה זיך מיט אונז צו בעגריסען, ווי גאָר נישט וואָלט געשעהן..

— און דערצו נאָך צווינגען אונז צו הערען זיינע נאַרישע חלומות — האָט נפתלי געזאָגט.

— ביי דיר זיינען חלומות נאַרישע — האָט אשר געזאָגט. — אָבער דער פאָטער האָט דיזען חלום גאַנץ ערנסט גענומען... ער האָט איהם פותר געווען אַזוי ווי יוסף האָט געוואונשען: „דו וועסט נאָך א מאָל האָבען מאַכט און הערשען“.

— ער וויל גאָר נישט וואַרטען וואָס אַמאָל וועט זיין, ער וויל שוין הערשען איבער אונז! ניין, מיינע ברידער, מיר טאָרען זיך נישט לאָזען קריכען אויפ'ן קאָפּ... מיר וועלען יוסף'ן דאַרפען צייגען אונזער מאַכט — האָט לוי געזאָגט.

— ווען ער וועט היינט נאָכאַמאָל וואַגען זיך צו באַווייזען אין פעלד, וועט ער שוין פאַרשפּאָרען צו געהן אהיים! — האָט שמעון געזאָגט — מיט איין קלאַפּ פון מיין פויסט, וועל איך איהם צום טויט דערשלאָגען!

— ער רעדט רק וועגען טויט שלאָגען! — האָט ראובן גענומען איהם מסור'ן — ביי דיר איז יוסף אַזוי זינדיג ווי שכם און ער פאַרדיענט דעם טויט!

— געוויס איז ער אַזוי שלעכט ווי שכם! און אפשר נאָך ערגער! ווער איז ער דאָס אז ער זאָל וואַגען צו הערשען איבער מיר... ער זאָל זיך

גרויס האַלטען געגען אונז און געהן און נאָכשפּיאָנירען וואָס מיר טהוען, ביי דיר אין די אויגען איז יוסף אימער גערעכט!

— איך זאָג נישט אַז עס וואָלט געווען אַן עולה ווען מיר בעשטראָפען איהם, אָבער צו ריידען אזוי אָפט וועגען טויטען איהם, האָסטו קיין רעכט, אפילו ווען דו מיינסט עס נישט!

— און איך מיין עס שוין יע, גאַנץ גוט! — האָט שמעון אויסגערופען — איך פאַרזיכער דיר נאָכאַמאָל ווען יוסף קומט יעצט אָן, וואָלט ער זיך זיכער געזעגענט מיט זיין לעבען, אַזוי פיהל איך יעצט געגען איהם.

— דו דאַרפסט נישט זיין אַזוי שטאַרק בעזאָרגט וועגען דעם! — האָט לוי זיך אָפּגערופען צו ראובן'ן — יוסף וועט היינט אין פעלד צו אונז נישט קומען... מיר מעגען איהם האַסען פאַר זיינע חסרונות, אָבער איין זאַך וועלען מיר מוזען צוגעבען, אַז ער איז ווייט פון צו זיין אַ נאַר, און ער פאַרשטעהט שוין גאַנץ גוט אַז מיר האָבען איהם ליעב פון וויטען... און ער אַליין וועט זוכען אונז אויסצומיידען...

— די צרה איז, אַז איינינגע פון אונז האַלטען נאָך גאַנץ שטאַרק פון יוסף'ן, און איך זאָג אייך, אַז דער וועלכער האַלט יוסף'ן פאַר אַ חכם, איז אַליין אַ גרויסער נאַר... דאָס אַליין וואָס ער האָט אונז אַלעמען היינט דערצעהלט זיין חלום, באַווייזט טאַקע אַז ער ווייסט נישט אַז מיר האָבען איהם פיינט... אַז נישט וואָלט ער וויסען אַז שווייגען איז פאַר איהם געזונטער — האָט שמעון געזאָגט.

— און איך זאָג אייך — האָט יששכר אויסגערופען, אַז ער ווייס טאַקע אַז מיר האָבען איהם פיינט, און דאָס וואָס ער האָט אונז היינט אין דער פריה דערצעהלט זיין חלום, האָט ער עס געטהאָן מיט דער כונה זיך צו רייצען מיט אונז.

— אויב דאָס זאָל זיין זיין כונה, דאַן דאַרפען מיר וויסען וואָס צו טהאָן מיט איהם! — האָט יהודה אויסגערופען — איך וואָלט איהם געראַטהען, מיינע ברידער, אַז מיר זאָלען יוסף'ן ניט ענטפערען אויף זיין בעגריסונג אפילו ווען דער פאָטער וועט זיין דערביי... עס וועט אונז גאָרניט שאַדען אויב דער פאָטער וועט יע וויסען ווי שטאַרק מיר פעראַכטען יוסף'ן און ווי גרויס אונזער שנאה איז צו איהם...

— האָט דען אונזער פאָטער נישט גענוג געליטען? האָט ער דען נישט געהאַט גענוג עגמת נפש? פאַר וואָס זאָלען מיר נאָך קומען און מאַכען איהם ווידער פיהלען שלעכט. ניין, מיינע ברידער, ווי ווייט מעגליך דאַרפען מיר זעהן אויסמיידען אַז דער פאָטער זאָל פון גאָר נישט וויסען.

— אָבער אויב ער וועט זיך נישט דערוויסען פון אונז, וועט איהם יוסף געוויס דערצעהלען ווי אַזוי מיר באַהאַנדלען איהם...

— איך בין זיכער אַז יוסף וויים זיך צו היטען, נישט גורם צו זיין קיין צער דעם פאָטער.

— דו מאַכסט מיר צום לאַכען מיט דיינע ווערטער, ראובן — האָט שמעון געזאָגט — ווען יוסף וואָלט עס געוואוסט, וואָלט ער זיכער נישט געגאַנגען איבערדערצעהלען דעם פאָטער אַזעלכע זאַכען וועגען אונז. האָט

ער דען געגלויבט, אז ווען ער וועט דעם פאטער דערצעהלען אז מיר עסען „אבר מן החי", אדער אז מיר טהוען אנדערע אומרעכטען, וועט עס דעם פאטער פערגניגען פערשאפען?!

— דאן, ווען ער פלעגט דעם פאטער דערצעהלען, איז ער דאך א סך איננער געוועזן... יעצט אבער בין איך זיכער אז ער וועט וויסען ווי צו האלטען זיין מויל. ניין, מיר טארען פאר'ן פאטער גאר נישט צייגען אז מיר טראגען א האס אויף יוסף'ן...

— פריהער אדער שפעטער וועט דאך אונזער פאטער געוויס אויסגע־פינען ווי אזוי מיר פיהלען צו יוסף'ן, איז עס דאך שוין גלייכער, אז ער זאל באלד וויסען. פיללייכט וועט ער יוסף'ן אליין אויס'מוסר'ן דאס ער זאל זעהען צו פארמיידען ווייטערע סכסוכים מיט אונז.

— ווען דער פאטער וואלט דאס געהאט אין זינען, וואלט ער איהם ניט געמאכט קיין זיידען העמדעל, און איהם אזוי פיעל ניט געלויבט פאר אונז אין די אויגען. ער וואלט אויך אזוי בולט ניט ארויסגעוויזען ווי שטארק ליעב ער האט איהם...

— יע, פאר וואס זאל טאקע דער פאטער איהם מעהר ליעב האבען ווי אונז? — האט שמעון אויסגערופען — איך זאג אייך, מיינע ברידער, אז מיר מוזען פטור ווערען פון יוסף'ן..

— די בעסטע זאך וואלט געוועזן, ווען מיר געהען אוועק פיטערען די שאף גאנץ ווייט פון חברון, אזוי ווייט אז יוסף זאל אפילו נישט וויסען וואו מיר זיינען. דערצו וועלען מיר נישט דארפען קומען יעדען אבענד אהיים און מיר וועלען נישט זיין געצוואונגען צו עסען ביי איין טיש מיט איהם.

— מיר וועלען דאך אזא זאך נישט קענען טהאן אהן דעם פאטערס ערלויבנים — האט יהודה געזאגט.

— מיר וועלען קענען גאנץ גרינג געפינען אן אורזאכע פאר וואס מיר ווילען זיך דערווייטערען פון חברון — האט לוי געזאגט.

— וואס, צום ביישפיעל, וואלטען מיר איהם געקענט זאגען? — האט זבולון געפרעגט.

— מיר קענען זאגען אונזער פאטער — האט שמעון געזאגט — אז די פאשע ארום דעם געגענד פון חברון איז זעהר א מאגערע און אז אונזערע שאף ליידען דערפון...

— עס וואלט געוועזן זעהר גוט, ווען מיר וואלטען אוועק גאנץ ווייט פון דאנען, מיר וואלטען מיטגענומען א סך שפייז וואס זאל אונז דויערען פאר עטליכע וואכען. דאן וואלטען מיר דארט אויפגעשטעלט אונזערע גע־צעלטען און מיר וואלטען ניט געדארפט אנקוקען יוסף'ס פנים פאר א לאנגע צייט.

— איך גלויב אז מיר זאלען טאקע מארגען זאגען דעם פאטער וועגען דעם — האט יהודה געזאגט.

— ניין, מיר דארפען פריהער אויסגעפינען צו עס איז טאקע פאראן גאנץ ווייט פון דאנען א בעסערע פאשע און ערשט דאן וועלען מיר קענען באשליסען ווען צו געהן אהין.

— זאָל איינער פון אונז געהן און אויספאָרשען דעם געגענד ארום דעם עמק אילון — האָט ראובן געזאָגט.

— אומזיסט וועט זיין אונזער מיה. דאָרטען וועלען מיר נישט האָבען קיין גוטע פּאַשע פּאַר אונזערע בהמות, ווייל יענער געגענד איז צופיעל באַזעצט — האָט לוי געזאָגט.

— איך גלויב — האָט שמעון געזאָגט — אַז מיר זאָלען געהן נאָך שכם, אזא פּאַשע ווי דאָרטען איז נישטאָ אין גאַנץ כנען, און אחוץ דעם איז עס גאַנץ ווייט פון חברון, און מיר וועלען קענען דאָרטען פאַרבלייבען וואָכען לאַנג.

— אין שכם? — האָט ראובן זיך אָפּגערופען — זיינען מיר דען פון דאָרטען נישט אַנטלאָפען... ווען די איינוואוינער פון שכם וועלען זיך דערוויסען אַז מיר געפינען זיך גאַנץ נאָהענט, וועלען זיי דען נישט וועלען זיך אָפּרעכענען מיט אונז?

— עס איז שוין אַ היבשע צייט אריבער זינט דאַן, און די איינוואוינער פון יענעם געגענד האָבען שוין לאַנג פערגעסען וואָס מיר האָבען געטהאָן צו שכם... אַ חוץ דעם האָבען זיי אונז זעלטען געזעהן, ווייל מיר האָבען מיט זיי קיינע עסקים נישט געהאַט... קיינער וועט אונז אפילו נישט דערקענען — האָט שמעון געזאָגט.

— און אויב אפילו זיי זאָלען אונז יע דערקענען, דאַרפען מיר דען פאַר זיי מורא האָבען? — האָט יהודה געזאָגט — זיי וועלען נישט וואַגען זיך מיט אונז אָנצופאַנגען.

— אויב אַזוי — האָט ראובן זיך אָפּגערופען — וועל איך נאָך היינט אין אָבענד ריידען מיט'ן פאָטער און איהם זאָגען וועגען דעם פּלאַן, צו ערווייטערען זיך פון חברון און פיהרען אונזערע שאָף פּאַשען אין דעם געגענט פון שכם.

— גוט, אַזוי וועט דאָס זיין — האָבען די איבריגע ברידער צוגעשטימט.

יענעם טאָג האָט זיך יוסף געפיהלט מונטערער. ער האָט איינגעזעהען אַז די ברידער'ס צאָרן איז איינגעשטילט געוואָרען, זיי האָבען איהם געענטפערט אויף זיין בעגריסונג און זיך צוגעהערט מיט גרויס נייגעריגקייט צו זיין חלום וואָס ער האָט זיי דערצעהלט... דאָך האָט ער בעשלאָסען נישט צו געהן צו זיי אין פעלד פאַר אַ לענגערע צייט, סיידען זיי וועלען איהם בעטען ער זאָל זיי בעזוכען און קומען דערצעהלען זיי מעשיות. צו דער זעלבער צייט האָט ער בעשלאָסען נישט צו דערמאָהנען אַ וואָרט צו זיין פאָטער, וועגען דעם, ווי אַזוי די ברידער האָבען איהם בעהאַנדעלט... אין האַרצען האָט ער זיי מוחל געווען. אָבער אויף שמעון'ן האָט ער געהאַט אַ שטיקעל כעס... ער האָט געוואוסט אַז שמעון איז אַלע מאָל דער ערשטער ארויסצואווייזען זיין שנאה צו איהם, פונדעסטוועגען — האָט ער זיך געטראַכט — קען ער שמעון'ן אין גאַנצען נישט בעשולדיגען פאַר וואָס ער טראָגט אויף איהם אַ שנאה... ער ווייס, אַז ער האָט נישט געדאַרפט דער־

צעהלען דעם פאָטער וועגען שמעון׳ס אויפפיהרונג... ער מאַכט ביי זיך אָפּ מעהר קיינמאָל נישט צו ריידען שלעכטס אויף די ברידער. יע, ער וועט זיי אַלעמען איבערצייגען אַז יעצט וועט ער דוקא זיך בענעהמען צו זיי מיט מעהר פריינדליכקייט, זאָלען זיי נישט דענקען, אַז דאָס וואָס דער פאָטער האָט איהם בעשאָנקען מיט אַ זיידען העמדעל, וועט איהם מאַכען האַלטען זיך גרויס געגען זיי.

ווען ער איז אריין צו זיין פאָטער אין צימער, האָט יוסף געבעטען דער פאָטער זאָל איהם דערצעהלען שעהנע געשיכטעס פון אַמאָליגע יאָהרען. ער האָט געוואָלט האָבען צו דערצעהלען זיינע ברידער עטוואָס נייעס, זיי זאָלען ווידער זיך פעראינטערעסירען אין זיינע מעשיות.

אין אָבענד ווען די ברידער האָבען זיך אומגעקעהרט מיט די שאָף אַ היים, פון פעלד, האָבען זיי ביים אָבענד ברויט געזוכט צו פערציהען אַ שמועס מיט זייער פאָטער וועגען דער פאַשע...

— פאָטער! — האָט זיך ראובן אָפּגערופען — מיר האָבען שוין גע־פאַשעט אונזערע שאָף איבער׳ן גאַנצען געגענד אַרום חברון, און מיר האָבען אויסגעפונען אַז די פאַשע ווערט דאָ אַלץ ווייטער מאָגערער... מיר פיהלען אַז אונזערע שאָף און בהמות לײַדען דערפון.

— האָט איהר פרובירט פיהרען די שאָף צו דרום זייט פון חברון?

— האָט יעקב זיי געפרעגט — איך גלויב אַז דאָרטען דאַרף די פאַשע זיין נישט שלעכט...

— אמת פאָטער, די פאַשע איז דאָרטען נישט שלעכט, אָבער עס זיינען שוין פאַראַן דאָרט פיעלע פאַסטובער, און אויב מיר זאָלען דאָרט קומען מיט אונזערע בהמות וועט פיליכט דאָרט אויסברעכען אַ קריעג צווישען אונז און זיי... — האָט יהודה געזאָגט — און כאָטש מיר שרעקען זיך נישט איבער פאַר זיי, דאָך ווייסען מיר אַז עס איז געגען דיין וואונש אַז מיר זאָלען זיך אַרומקריגען מיט די שכנים...

— געוויס, מיין זוהן! — האָט יעקב געזאָגט — איהר דאַרפט זעהן צו לעבען בשלום מיט אַלע אייערע שכנים, און אויב דו דיינקסט אַז ווען איהר וועט פיהרען פאַשען דאָרט די שאָף, איז אַ סכסוך צווישען אייך און יענע פאַסטובער אומפאַרמיידליך, דאַן זאָלט איהר געוויס אַהין נישט געהן!

דער איינציגער גוטער פּלאַץ פאַר פאַשע, איז דער געגענד אַרום שכם!

— האָט ראובן ווייטער געזאָגט און אַ חוץ וואָס דאָרטען איז די פאַשע גוט, זיינען זעהר ווינציג מענשען דאָרטען באַזעצט... דעריבער האָבען מיר בעשלאָסען, פאָטער דיר צו בעטען דו זאָלסט אונז דערלויבען צו געהן נאָך שכם!

— נאָך שכם! — האָט זיי יעקב אַנגעקוקט מיט ערשטוינונג, האָט איהר שוין פאַרגעסען אַז מיר זיינען פון דאָרטען אַנטלאָפען, ווייל מיר האָבען מורא געהאַט פאַר דער נקמה פון די פעלקער, וועלכע וואָהנען אין שכנות מיט שכם...

— מיר האָבען נישט מורא געהאַט, פֿאָטער — האָט יהודה זיך אָפּגע־רופֿען, — מיר האָבען מעהר קיין בלוט נישט געוואָלט פֿערגיסען!

— יע, געלויבט איז גאָט! — האָט יעקב געזאָגט מיט אַ שמייכעל

— איהר זייט אַלע גענוג שטאַרק, בראַוו און העלדיש און מיט גאָטעס הילף האָט איהר נישט וואָס מורא צו האָבען, ווען איהר זייט אַלע פֿעראייניגט. אָבער צו וואָס אויפֿוועקען די אַלטע שנאה וואָס יענע פֿעלקער האָבען צו אייך געהאַט, ווען איהר האָט כמעט חרוב געמאַכט די גאַנצע שטאָדט שכם...

— פֿאָטער! האָט שמעון אויסגערופֿען — ווען מיר זיינען אין שכם געוועז, און געפּיטערט דאָרט אונזערע שאָף, איז אונז זעלטען אויסגעקומען אַפֿילו צו זעהן די מענשען אין יענעם געגענד... און יעצט נאָכדעם ווי פֿיעלע יאָהרען זיינען אַוועק, זיינען מיר זיכער אַז דאָרטען וואָהנען שוין אַנדערע שבטים... ווייל יענע שבטים זיינען געוועזן וואַנדערער און זיי פֿערבלייבען נישט זיצען צו לאַנג אויף איין פּלאַץ... און אַפֿילו ווען איינינע זאָלען יע האָבען פֿערבליבען דאָרט, וועלען זיי אונז נישט דערקענען און וועלען נישט האָבען קיין אהנונג וואָס עס איז פֿאָרגעקומען מיט יאָהרען צוריק, צווישען אונז און די איינוואוינער פֿון שכם...

— אָבער, עס איז דאָך אַזוי ווייט פֿון חברון, איהר וועט זעלטען האָבען אַ געלעגענהייט צו קומען אַ היים מיט די שאָף — האָט יעקב געזאָגט.

— מיר וועלען אזוי טהאָן! — האָט ראובן געזאָגט — ווען מיר וועלען אָפּזיין דאָרט איינינע וואָכען, וועלען צוויי פֿון אונז געהן אַהיים, זיך אָפּ־רוהען אויף אַ פּאָר טעג, און נאַכהער וועלען זיי זיך צוריקקעהרען און אונז ברייננען אַ גערוס פֿון אונזער משפּחה. דאַן וועלען צוויי אַנדערע געהן אַ היים און ווען זיי וועלען קומען צוריק, וועלען מיר שיקען אַנדערע צוויי ברידער, אַט אַזוי וועלען מיר זיך בייטען, ביז וואַנען יעדער פֿון אונז וועט האָבען אַ געלעגענהייט צו באַזוכען אונזער היים איין מאָל אַ מאָנאַט... און ווען דו וועסט וועלען מיר זאָלען קומען, וועסטו אונז שיקען רופֿען..

— אָבער וואָס וועט איהר טהאָן מיט שפּייז? — האָט יעקב גע־פֿרעגט.

מיר וועלען מיטנעהמען גענוג שפּייז עס זאָל אונז סטייען פֿאַר עט־ליכע וואָכען, און נאַכהער וועלען די צוויי ברידער, וועלכע וועלען געהן אַ היים, זיך צוריקקעהרען מיט מעהר שפּייז — האָט לוי געזאָגט.

— און מיר וועלען ראָדטען צוזאַמענשטעלען געצעלטען און מיר וועלען דאָרטען פֿאַרברייננען ביז דער צייט פֿון רעגען וועט אָנקומען. פֿאַר וואָס זאָלען די שאָף ליידען צוליעב מאַנגעל אין גוטע פּאַשע — האָט ראובן צו־געגעבען.

— אויב איהר דענקט אַז אזוי איז בעסער פֿאַר די שאָף — האָט יעקב געזאָגט — וועל איך נישט זיין דאַגעגען, אָבער איידער איהר רייזט אָפּ נאָך שכם, פֿארלאַנג איך איהר זאָלט אַמווייניגסטען בלייבען אין דער היים אויף איינינע טעג... איהר וועט זיך גוט אויסרוהען און צוגרייטען אַלץ וואָס איהר דאַרפֿט און נאַכהער וועט איהר געהן.

די ברידער האָבען געטהאָן ווי יעקב האָט זיי געזאָגט... די גאַנצע משפחה איז געווען פאַרנומען צוצוגרייטען שפּייז און אַנדערע זאַכען זיי זאָלען מיטנעהמען, עס זאָל זיי קלעקען פאַר אַ לאַנגע צייט.

די עטליכע טעג, וואָס די ברידער האָבען פאַרבראַכט אין דער היים, האָבען זיי געזוכט אויסצומיידען אריינצוגעהן אין אַ געשפּרעך מיט יוסף'ן אָבער דאָך, כדי נישט ארויסצואווייזען זייער שנאה צו יוסף'ן צו בולט, פלעגען זיי איהם ענטפערען אויף זיין בעגריסונג בלויז ווען דער פאָטער איז דאַביי געווען.

דעם לעצטען טאָג, ווען די ברידער האָבען געזאָלט אָפּרייזען פון חברון, האָט יעקב געהייסען צוגרייטען אַ גוטען מאָלצייט און אַלע האָבען פערבראַכט גאַנץ געמיטליך.

יוסף האָט זיך אויך גאַנץ גוט געפיהלט. ער איז געווען זיכער אַז די ברידער זיינען צו איהם ווידער פריינדליך געוואָרען. יע, איידער זיי וועלען פון דאַנען אוועקגעהן מוז ער זיי דערצעהלען זיין מערקווערדיגען צווייטען חלום, וואָס ער האָט גע'חלום'ט לעצטע נאַכט... ער פיהלט אַז דיזער חלום מוז עפּעס האָבען אַ באַדייטונג און דעריבער האָט ער זיך אָפּגערופען אין מיטען דער סעודה:

— איך מוז אייך יעצט דערצעהלען וועגען נאָך אַ מערקווירדיגען חלום, וואָס מיר האָט זיך גע'חלום'ט לעצטע נאַכט.

— נאָך אַ חלום!? — האָט יהודה אויסגערופען און זיך איבערגע־וואָרפען בליקען מיט שמעון'ען.

— אפשר ווייטער וועגען גאַרבען וועלכע בוקען זיך צו דיינע גאַרבען?
— האָט שמעון קוים איינגעהאַלטען זיין כעס.

— פיילייכט האָסטו גע'חלומ'ט אַז אונזערע פערד האָבען זיך געבוקט צו דיין פערד! — האָט ראובן געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

— מערקווערדיג וואָס אונז חלומ'ט זיך קיינמאָל נישט קיין זאָנדער־באַרע חלומות! — האָט לוי געלאַסען אַ זאָג געטהאָן .

— ער חלומ'ט חלומות אפילו ביי טאָג! — האָט זבולון געלאַכט.

— פאַרוואָס זאָלט איהר מאַכען שפּאַס מיט דעם קינד! — האָט יעקב זיך אָפּגערופען צו זיינע זיהן — נו, וואָס איז אויב עס האָט זיך איהם יע עטוואָס גע'חלומ'ט.

— „מיט'ן קינד!" — האָט שמעון שטילערהייט אַ זאָג געטהאָן און אומבעמערקטערהייט אַ קריץ געטהאָן מיט די צייהן.

— אויב מיינע חלומות זיינען אייך דערווידער, וועל איך אייך נישט דערצעהלען — האָט יוסף זיך אָפּגערופען.

— איך וויים אַז איהר פלעגט אַלע מאָל זיין נייגעריג צו הערען פון מיר מיינע חלומות און אַנדערע געשיכטעס, וואָס איך פלעג אייך דער־צעהלען.

— אָבער לעצטענס זיינען דיינע חלומות אין גאַנצען אַנדערע געוואָ־רען... און אונז איז נישט... ע..

— פונדעסטוועגען, יוסף, דאַרפסטו זיך נישט נעהמען צום האַרצען,

דאָס וואָס דיינע ברידער האָט זיך יעצט פאַרגלוסט צו טרייבען אַביסעל שפּאַס מיט דיר — האָט יעקב געזאָגט, ווען ער האָט באַמערקט דעם שלעכ־טען איינדרוק וואָס די ברידערס ווערטער האָבען אויף איהם געמאַכט — דערצעהל אונז יוסף, דיין חלום און לאָמיר הערען, אפשר וועט אימיצען פון אונז געלינגען דיר פּותר צו זיין דיין חלום.

די ברידער האָבען באַמערקט די ערנסטקייט אויף זייער פאָטער'ס פּנים, און האָבען מעהר קיין וואָרט נישט געוואַגט ארויסצוריידען... יעדער פון זיי האָט זיך בעמיהט צו קוקען אין אַן אַנדער ריכטונג, כדי דער פאָטער זאָל נישט בעמערקען זייער אויפרעגונג...

— דעם חלום וואָס איך האָב לעצטע נאַכט געחלומ'ט — האָט יוסף זיך אָפּגערופען — איז מאַקע עפּעס אויסערגעוועהנליך... און איך קען נאָך יעצט נישט באַגרייפען ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען. אין מיין חלום האָב איך פלוצלונג דערזעהן אַז איך געפין זיך־ערגעץ אין דער לופטען, גאַנץ הויך.. און ווי איך האָב זיך געוואָלט אַרונטערלאָזען צוריק אויף דער ערד, בעמערק איך ווי די זון קומט אַרויס פון הימעל, נאָך איהר געהען נאָך די לבנה און עלף ליכטיגע און שיינענדע שטערען און זיי דערנעהנטערען זיך צו מיר... די ליכטיגקייט און לויטערקייט איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך בין כמעט פאַרבלענדעט געוואָרען, דאָך האָב איך אָבער אָנגעשטרענגט מיינע אויגען און דערזעהען ווי די זון האָט זיך געבוקט צו מיר... און ווי איך שטעה אַזוי און בעוואונדער די זאָנדערבאַרע ערשיינונג, פערשוואונדעט פלוצלונג די זון, און די לבנה אין דער באַגלייטונג פון די עלף שטערען דער־נעהנטערען זיך צו מיר, און אויך זיי טוהען נאָך דעם ביישפּיעל פון דער זון, און זיי בוקען זיך צו מיר... דערנאָך האָב איך זיך אויפגעכאַפּט... נו, זאָגט אַליין, מיינע ברידער, איז דאָס נישט אַ מאָדנער חלום...

— נאָר דער וועלכער טראַכט נאָר טאָג און נאַכט פון הערשען, כבוד און גדולה, קען חלומ'ען אַזעלכע חלומות! — האָט יהודה אַ זאָג געטהאָן און געקוקט אין דער ריכטונג פון זיין פאָטער.

— און מיר וואונדערט זיך — האָט שמעון זיך אָפּגערופען צו די איבעריגע ברידער — פאַרוואָס יוסף'ן האָט זיך אַזעלכע חלומות נישט גע־חלום'ט איידער ער האָט געקראָגען דאָס זיידענע העמדעל...

— האָט איהר געהערט אַזאַ חלום? — האָט ישכר אַ זאָג געטהאָן: די זון, די לבנה און עלף שטערען בוקען זיך צו איהם, דעם קעניג!

יעקב האָט גלייך באַמערקט וואָס פאַר אַ שלעכטען איינדרוק יוסף'ס חלום האָט געמאַכט אויף זיינע זיהן... ער האָט געזעהן, אַז באַטש יעדער בעמיהט זיך צו פאַרבאָרגען זיין פערביטערונג און פּרובירט צו מאַכען אַ שפּאַס דערפון, ווייס ער פונדעסטוועגען, אַז אין זייערע הערצער פיהלען זיי גאַנץ שלעכט וועגען דעם... אין דער זעלבער צייט אָבער, איז ער איבערצייגט אַז דיעזער חלום פון יוסף'ן מיינט עפּעס זעהר גרויסעס פאַר איהם.

יעקב האָט געוואוסט אויך פון זיין פאָטער'ס ברכה, אַז יוסף וועט נאָך אַמאָל ווערען אַ גרויסע פערזעהנליכקייט און אָהן צווייפעל, אַז גאָט

דייט עס איהם אָן דורך זיינע חלומות. און ער איז געווען העכסט צופֿריעדען דערפֿון... אָבער כדי אָפּצושוואַכען דעם שלעכטען איינדרוק וואָס יוסף'ס חלום האָט געמאַכט אויף זיינע איבעריגע זיהן, האָט ער זיך אָפּגערופֿען מיט אַ בייז געמאַכטען פּנים:

— זעהסטו דען נישט, יוסף, ווי נאַריש און אומזין דיינע חלומות זיינען... ווען איך זאָל וועלען דיר פּותר חלום זיין, וואָלט דאָך אויסגעקומען אַזוי: די זון איז דיין פֿאָטער, די לבנה איז דיין מוטער און די עלף שטערען זיינען דיינע עלף ברידער, דאָס מיינט, אַז איך, דיינע ברידער און דיין מוטער וועלען צו דיר זיך אַמאָל בוקען...

— געוויס מיינט ער דאָס! — האָט שמעון אויסגערופֿען.

— אָבער איז דען דאָס מעגליך! — האָט יעקב נישט געלאָזען שמעון ענדיגען — ווי אַזוי קען דיין מוטער קומען זיך בוקען צו דיר, אַז זי איז שוין לאַנג טויט... יעצט קענסטו זעהן אַז אַלע דיינע חלומות זיינען גאָרנישט ווערטה און איך וועל דיר טאַקע בעטען אַז פֿון היינט אָן און ווייטער זאָלסטו קיינעם מעהר נישט באַלעסטיגען מיט דיינע נאַרישע חלומות.

יוסף האָט פֿאַרשעהמטערהייט אַרונטערגעלאָזען זיינע אויגען, אָבער דער כעס פֿון זיינע ברידער האָט זיך נאָך שטאַרקער אויף איהם צופֿלאַקערט... און ווען יעקב איז אַ ווייל־ע אַרויס פֿון צימער, האָבען די ברידער אָפֿען און גאַנץ בולט אַרויסגעוויזען זייער שנאה צו יוסף'ן.

— לאָמיר זיך אַלע בוקען פֿאַר דעם קעניג! — האָט יהודה אויסגערופֿען — ווייל ער חלום'ט נאָר פֿון הערשען.

— ער איז געווען אַ טרוימער און וועט אַ טרוימער פֿערבלייבען — האָט ראובן געזאָגט.

— ער חלום'ט אָבער נישט פֿון איינפֿאַכע זאַכען, — האָט שמעון געזאָגט — ער חלום'ט ווי אַזוי די זון, די לבנה און שטערען בוקען זיך פֿאַר איהם! ניין, ער וויל נישט זיין קיין איינפֿאַכער קעניג, איהם ווילט זיך זיין אַ קעניג וועלכער זאָל באַהערשען די גאַנצע וועלט... און אויך די הימלען!..

יוסף האָט זיך אויפֿגעהויבען פֿון זיין פּלאַץ און זיך לאַנגזאַם אַרויסגערוקט פֿון צימער... איהם האָט שוין יעצט שטאַרק פֿערדראָסען, פֿאַרוואָס ער האָט דערצעהלט דיזען חלום פֿאַר זיינע ברידער... דער פֿאָטער אפילו איז אויך געווען אומצופֿריעדען... עס איז דאָס ערשטע מאָל ווי דער פֿאָטער האָט זיך אויף איהם אָנגעבייזערט... און ווען ער נעהמט זיך בעטראַכטען, זעהט ער טאַקע איין, אַז זיין לעצטער חלום איז טאַקע אָן אומזין... דער פֿאָטער האָט עס פּרובירט פּותר זיין... אָבער ער האָט פֿאַר אַלעמען געצייגט אַז דיזען חלום דאַרף מען ערנסט נישט נעהמען...

יעקב האָט געוואָלט צוריק אַריינגעהן אין צימער וואו זיינע זיהן זיינען געזעסען און ער האָט דערזעהן יוסף'ן אַרויסגעהן פֿון דאָרטען. ער האָט בעמערקט ווי אומעטיג און נידערשלאָגן יוסף קוקט אויס, האָט ער איהם צו זיך צוגערופֿען און געזאָגט:

— מיין זוהן יוסף, זיי ביי זיך נישט אַזוי געפֿאַלען... איך אַליין לעג

זעהר פיעל האָפנונג אויף דיינע חלומות... עס וועט קומען אַ צייט ווען זיי וועלען פערווירקליכט ווערען... גאָט האָט דיר, אין דיינע חלומות געוויזען, אַז דיר ערוואַרטעט אַ גלענצענדע צוקונפט... אָבער דו האָסט מיר אַליין געדאַרפט פריהער דעם חלום דערצעהלען, וואָלט איך דיר געזאָגט אויב דו זאָלסט עס אויך פאַר דיינע ברידער דערצעהלען... דו ווייסט דאָך אַז זיי זיינען דיך נאָך אַ ביסעל מקנא, זינט איך האָב פאַר דיר דאָס זיידענע העמדעל געמאַכט... און יעצט האָסטו פאַר זיי גאַרנישט געדאַרפט דערמאָהנען אַז דיר האָט זיך עפּעס גע'חלום'ט... דו האָסט געדאַרפט צוואַרטען דאַמיט.. אָבער שטאַרק צום האַרצען זאָלסטו זיך נישט נעהמען, וואָס דיינע ברידער האָט זיך פערגלוסט צו מאַכען אַ ביסעל שפּאָס פון דיר... אין אייניגע טעג ארום וועלען זיי אין גאַנצען פערגעסען וועגען דעם. און דאָס וואָס איך האָב זיך אויף דיר אָנגעבייזערט, מיין קינד, האָב איך דאָס געטהאָן מיט דער כונה אָפּצושוואַכען דעם איינדרוק וואָס דיין חלום האָט אויף זיי געמאַכט... יעצט וועלען זיי דאַרפון מעהר נישט טראַכטען..

— מיין ליעבער פאָטער, איך האָב דאַמיט גאָרנישט געמיינט! — האָט יוסף זיך גענומען פערענטפערען — איך וויים אַז מיינע ברידער האָבען אימערצו ליעב געהאַט צו הערען פון מיר מעשיות און איך פלעג זיי אַלע מיינע חלומות דערצעהלען און זיי פלעגען זיך צוהערען מיט גרוים אינטערעס און שפּאַנונג... און יעצט אַז איך וויים אַז זיי געהען אוועק אַזוי ווייט פון חברון, און זיי וועלען געוויס פערברייגגען אַ לענגערע צייט, וועט דאָך מיר נישט אויסקומען מיט זיי זיך צו זעהן, האָב איך געוואָלט זיי עטוואָס דערצעהלען איידער זיי געהען אַוועק. האָב איך דען געזאָלט וויסען אַז זיי וועלן מיך חושד זיין אין האָבען שלעכטע כונות?..

בערוהיג זיך יוסף, איידער דיינע ברידער וועלען אָפּרייזען פון דאַנען וועלען זיי מיט דיר שלום מאַכען און די שנאה און קנאה וועט אויך פערשוואונדען פון זייערע הערצער... צווישען ברידער קומט אָפטמאָל פאָר אַזעלכע מיספערשטענדניסען, אָבער ברידער זיינען נישט קיין פרמדע... זייער ליעבע צו דיר וועט פון דעם אויף אַ האָר נישט געמינערט ווערען... און איך פערזיכער דיר אַז איידער זיי וועלען פערלאָזען חברון, וועלען זיי זיך נאָך מיט דיר צוקושען.

יוסף האָט אַ שמייכעל געטהאָן... ער האָט זיך יעצט דערמאָהנט די קאַלטע קושען וואָס זיינע ברידער האָבען איהם געגעבען בעת דער פאָטער האָט איהם איבערגעגעבען דאָס זיידענע העמדעל... און אַ לייכטער שוידער איז דורך זיין קערפּער.

— פאָטער! — האָט יוסף זיך ווידער אָפּגערופען — האָסטו זיך ווען עס איז צוקריגט מיט דיין ברודער עשו'ן?

— וואָס פאַר אַ פראַגע! — האָט יעקב געלאַכט — ווייסטו דען נישט אַז צוליעב עשו'ס כעס בין איך געווען געצוואונגען צו פערלאָזען מיין פאָטער'ס הויז און וואַנדערען נאָך חרן!

— יע, דאָס וויים איך! — האָט יוסף געענטפערט. — אָבער איך

מיין פריהער, איידער דער זיידע האָט דיר אָפּגעגעבן זיין ברכה... אין אייערע אינגערע יאָהרען, האָט איהר זיך דען אַמאָל צואווערטעלט?...

— יע, עשו האָט זיך מיט מיר איינינע מאָל געקריגט — האָט יעקב א קנייטש געטהאָן זיין שטערען — איך קען יעצט נישט געדענקען די אור־זאַכען... אָבער איך דערמאָהן זיך אַז איינמאָל, דאָס איז געווען נאָכדעם ווי איך האָב אָפּגעקויפט ביי איהם די בכורה פאַר אַ טאָפּ לינזען... און זיין פרוי יהודית האָט גענומען מאַכען חוזק פון איהם, איז ער געקומען צו לויפען צו מיר מיט אַ שטאַרקען כעס און געפאָדערט איך זאָל איהם צוריק אָפּגעבען די בכורה... און ווען איך האָב ביי איהם געפאָדערט ער זאָל מיר אומקערען יענעם טאָפּ לינזען, איז ער שטאַרק אין כעס געוואָרען. אָבער לאַנג האָט עס נישט אָנגעהאַלטען. איינינע טעג איז ער ארומגעגאַנגען אַ ברוגז׳ער און נאָכ־הער איז ער ווידער געוואָרען גוט און פריינדליך צו מיר... פערשטעהסטו מיר, מיין קינד, פון דער נאַטור איז עשו אַלעמאָל געווען אַ גוטהערציגער... אָבער זיינע פרויען האָבען איהם אַ סך פערדאָרבען... ווען נישט זיינע פרויען וואָלט ער קיינמאָל נישט געשוואָרען מיך צו טויטען פאַר דער ברכה וואָס איך האָב געקראָגען פון פאָטער... יע, זיי זיינען געווען זעהר שלעכטע און בייזע און האָבען זעהר ווינציג נחת פערשאַפט אונזער גאַנצער משפחה... צוליעב זיי האָט עשו אַזוי לאַנג געטראָגען זיין שנאה אויף מיר... און פונ־דעסטוועגען, ווייסטו דאָך ווי פריינדליך עשו האָט מיך באַגעגענט, ווען איך האָב זיך צוריקגעקעהרט פון חרן... יע, מיין קינד, ברידער קענען זיך אַלעמאָל אמפּערען און זיך צוקריגען איינער מיט דעם צווייטען און וועלען דאָך בלייבען ברידער!

— עס איז מעגליך אַז די ברידער זיינען אויף מיר ברוגז וואָס איך געה מיט זיי נישט מיט אין פעלד צו פיטערען די שאָף, ווי איך האָב עס אָפטמאָל געטהאָן... איך ווייס אַז ווען מיינע ברידער זיינען נאָך געווען אינגער פון מיר, זיינען זיי שוין געווען פאַסטובער...

— דו קענסט אויפטהאָן עפּעס מעהר וויכטיגע זאַכען ווי צו פיטערען די שאָף! — האָט יעקב איהם גענטפערט — און דיינע ברידער ווייסען דאָס אויך גאַנץ גוט... גאָט האָט דיך געבענשט און דו ביזט מעהר בעגאַבט ווי דיינע ברידער, און דעריבער פערשטעהען זיי אַז דו דאַרפסט דיין צייט פערברייינגען אין לערנען די וועגען פון גאָט... יעצט קום צוריק אריין מיין זוהן, אין צימער וואו דיינע ברידער געפינען זיך, און דו וועסט מיט זיי שלום מאַכען פאַר מיר אין די אויגען.

— אַ פאָטער, נישט יעצט! פּילייכט עטוואָס שפּעטער, — האָט יוסף אויסגערופען — זיי וועלען מיך זיכער מיספערשטעהן און זיי וועלען נאָך אויף מיר מעהר אין כעס ווערען ווי פריהער...

— וואָס רעדסטו מיין קינד! — האָט יעקב געזאָגט — פאַרוואָס זאָלען זיי דיך מיספערשטעהן... איך וועל שוין זעהן אַז איהר זאָלט זיך צוקושען און לעבען בשלום פון היינט אָן... קום, יוסף!

יעקב איז אריין מיט יוסף׳ן אין צימער, און האָט זיי געטראָפען זעהר אויפגערעגט.

— וואָס האָט פּאַסירט צווישען אייך? — האָט יעקב אַ פרעג געטהאָן — עפּעס קוקט איהר מיר אויס זעהר אויפגעבראַכט.

— גאָרנישט, פאָטער! — האָט ראובן געענטפערט. שלום איז צווישען אונז.

— יע, איך האָף אַז שלום וועט אימער הערשען צווישען אייך אַלעמען! — האָט יעקב אויסגערופען — נאָר אין אחדות און אין שלום וועט איהר קענען בייקומען אייערע שונאים... און יעצט ווייס איך אַז אין אייערע הערצער טראָגט איהר אַ שטיקעל שנאה אויף יוסף'ן... איך וואָלט דעריבער געוואָלט אַז איהר זאָלט פאַר מיר אין די אויגען שליסען שלום מיט יוסף'ן, און פון היינט אָן און ווייטער זיך צו איהם פערטראָגען מיט מעהר ברידערליכקייט און פריינדשאַפט... איך ווייס אַז עס וועט קומען אַ צייט און איהר אַלע וועט זיין זעהר שטאָלץ מיט אייער ברודער יוסף'ן...

די ברידער זיינען געבליבען שטעהן ווי געפּלעפט... זיי האָבען זיך איבערגעוואָרפען מיט די בליקען און יוסף האָט גלייך דערקענט פון זייערע פּנים'ער אַז זיי זיינען איהם חושד, דאָס ער האָט פאַר'ן פאָטער ווידער פער'מסור'ט אויף זיי...

— יע, מיינע זיהן, איך וויל אַז איידער איהר וועט פערלאָזען חברון זאָלט איהר זיך צוקושען מיט יוסף'ן און פון איהם אַוועק מיט די געפיהלען פון פריינדשאַפט.

די ברידער האָבען נאָך אַלץ געשוויגען און זיך נישט גערירט פון אָרט.

— פאָטער! — האָט יוסף אויסגערופען — זיי געהען דאָך נאָך נישט אַוועק אַזוי גיך, ווען זיי וועלען האַלטען ביים פערלאָזען דאָס הויז, וועלען מיר זיך דאַן אַלע געזעגענען און זיך צוקושען.

— נו, געוויס, איך צווייפעל נישט אין דעם אַז דיינע ברידער וועלען אַוועקגעהן מיט ברידערליכע געפיהלען פון דיר... און פון צייט צו צייט וועל איך דיך אַוועקשיקען צו זיי דו זאָלסט זיי ארויסהעלפען...

ווען יעקב איז ווידער ארויס פון צימער, האָבען די ברידער זיך אויף יוסף'ן אפילו נישט אומגעקוקט. יוסף האָט זיי געוואָלט זאָגען אַז ער איז יעצט נישט שולדיג, אַז ער האָט דעם פאָטער גאָרנישט געזאָגט. אָבער ווען ער האָט דערזעהען אַז זיי קוקען זיך אויף איהם נישט אום, האָט ער זיי באַלד פערלאָזען.

די ברידער האָבען לייכטער אָפּגעאָטהעמט, ווען זיי זיינען אַליין געבליבען.

— וואָס האָב איך אייך געזאָגט! — האָט לוי זיך אָפּגערופען — יעצט זעהט איהר אַז איך בין געווען גערעכט... איך האָב גלייך געוואוסט, אַז ער האָט דערצעהלט דעם פאָטער אַז מיר טראָגען אויף איהם אַ שנאה, און אַז מיר האָבען איהם בעליידיגט.

— און יעצט אַז דער פאָטער ווייס שוין — האָט שמעון געזאָגט — זעה איך נישט איין פאַרוואָס מיר זאָלען זיך דאַרפען פערבאָרגען פון איהם מיר מעגען איהם אָפען ערקלעהרען אַז מיר האָבען יוסף'ן נישט ליעב!

— אָבער איהר האָט דאָך געהערט, וואָס דער פאָטער פערלאַנגט פון אונז, מיר זאָלען זיין פריינדליך צו יוסף׳ן — און ווי אַזוי וועלען מיר קענען ארויסגעהן אַזוי אָפען געגען זיין וואונש!

— עס איז בעסער אַז מיר זאָלען איהם אָפען ערקלעהרען, אַז מיר האָבען יוסף׳ן פיינט, און דאַן וועט ער איהם צו אונז נישט שיקען אין פעלד... איהר פערשטעהט, די הויפט אורזאַכע פאַרוואָס מיר געהן אַוועק אַזוי ווייט פון חברון איז, כדי נישט דאַרפען אָנקוקען יוסף׳ס פנים, און ווען דער פאָטער וועט מיינען אַז מיר האָבען געמאַכט שלום מיט איהם, וועט ער איהם שיקען זעהר אָפט צו אונז.

— אה, הלואי וואָלט ער איהם געשיקט צו אונז אין פעלד, ער וואָלט שוין אַהיים צוריק קיין לעבעדיגער נישט געקומען! — האָט שמעון אויסגערופען — איך וואָלט איהם צום טויט דערשלאָגען.

— איך גלויב אויך אַז עס וואָלט פאַר אונז געווען בעסער ווען מיר ווייזען אונזער פיינדשאַפט ארויס אָפען און דאַן וואָלט דער פאָטער פון אונז נישט פערלאַנגט מיר זאָלען זיך נאָך צוקושען מיט איהם — האָט יהודה געזאָגט. — אַ שוידער געהט דורך מיין לייב, ווען איך טראַכט נאָר דערפון, אַז מיינע ליפען וועלען דאַרפען אָנריהרען די ליפען פון יוסף׳ן.

— און איך קען אויך נישט זיין מיט׳ן האַרצען אַנדערש און מיט׳ן מויל אַנדערש! — האָט לוי אויסגערופען — צו זיין פאַלש איז ביי מיר די ערגסטע זאַך.

— מיר טאָרען אָבער ניט איבערלאָזען אונזער פאָטער מיט פיעל עגמת נפש — האָט ראובן געזאָגט — אויב דער פאָטער פערלאַנגט פון אונז אַזוי, וועלען מיר עס מוזען טהאָן לפנים וועגען...

ווען די ברידער זיינען געווען פערטיג אָפצורייזען האָט יוסף זיך נישט בעוויזען. ער איז פערבליבען אין זיין געצעלט.

יעקב האָט גלייך פערשטאַנען די אורזאַכע וואָס יוסף בעווייזט זיך ניט, ער האָט אָבער איינגעזעהן אַז יוסף האָט רעכט, עס איז גלייכער אַז די ברידער זאָלען פאַר זייער אָפרייזען פון דער היים ניט קומען אין צוזאַמענשטויס מיט איהם.

די ברידער האָבען שוין געהאַט אָנגעלאָדען זייערע אייזלען און די שאָף איז שוין אויך געווען צונויפגעזאַמעלט, און מיט יעקב׳ס ברכה פאַר אַ גליקליכע רייזע, האָבען זיי פערלאָזען חברון.

.10

יהודה ווערט „פערפאלען"....

זעהר לאנג האט זיך געצויגען דער קאראוואן פון די ברידער. לאנגזאם, טריט ביי טריט, האבען זיי געטריבען די שאף צו צפון זייט פון חברון... עטליכע מאל אין טאג האבען זיי זיך אפגעשטעלט צו לאזען די שאף זיך פיטערען. אויפ'ן דריטען טאג זיינען זיי אנגעקומען אין דער נאכבארשאפט פון עדלם.

—אין דעם גאנצען געגענד האבען מיר קיין ברונעם וואסער נישט געזעהן. די שאף זיינען זעהר דורשטיג, און מיר אליין נויטיגען זיך שוין אויך אין פרישען וואסער — האט נפתלי געזאגט.

— ווייסט איהר וואס, מיינע ברידער — האט יהודה זיך אפגערופען

— זאלען עטליכע פון אונז אוועקגעהן אין פערשידענע געגענדען און אויפ־זוכען א ברונעם אדער א טייכעל און אהין וועלען מיר פיהרען אונזערע שאף...

— דאס איז נישט קיין שלעכטער פלאן — האט זי שמעון אפגע־רופען — ווער פון אונז וועט געהן?

— איך וועל געהן! — האט יהודה זיך אפגערופען, און ווער נאך וועט געהן?

— איך וועל געהן! — האט נפתלי זיך אנגעבאטען.

— ניין, נפתלי, דו בעסער בלייב דא... — האט שמעון געזאגט, פערשטעהסטו, מיר זיינען דא אנגעקומען אין א פרעמדע געגענד, מיר קע־נען נישט די איינוואוינער פון דאנען און זיי קענען אונז נישט... טאמער וועלען זיך די היגע מענשען זוכען פערטשעפען, ווייס איך דאך אז דיך האט גאט געבענשט מיט פלינקע פיס, און דו וועסט זיי געווים נוצען, ווען דיר וועט אויסקומען צו קעמפען מיט איניגע פון די איינוואוינער... און דאס וועט קיין כבוד די זיהן פון יעקב'ן ניט פערשאפען... א זוהן פון יעקב מוז קעמפען געגען זיינע אנגרייפער ביז וואנען ער באזיעגט זיי...

— ווען בין איך אנטלאפען פון א שונא! — האט נפתלי זיך אפגע־רופען, עטוואס בעליידיגט — מיר דוכט אז איהר אלע ווייסט, אז אין קאמף בין איך בראוו... אמת, איך האב ניט ליעב זיך צו שלאגען, און ווען עס איז מעגליך אויסצומיידען א קאמף, וועל איך זיין דער ערשטער דאס צו טהאן...

— נו, האב איך דען דיר נאר וואס נישט געזאגט אז אין א קאמף

וועסטו זיין דער ערשטער צו ענטלויפען... כדי דעם קאמף צו פערמיידען, האט שמעון געלאכט. טו בלייב בעסער דא!

עס איז ביי די ברידער געבליבען אז שמעון, לוי און יהודה זאלען זיך אוועקלאזען זוכען וואסער, און די איבריגע וועלען בלייבען מיט די שאף.

די דריי ברידער האבען מיטגענומען שווערדען, פייל און בויגען און זיך געזעצט אויף אייזלען און זיינען אוועקגעריטען אין דריי פערשיעדענע ריכטונגען.

יהודה האט זיך ארונטערגעלאזען אין טהאל, וואס איז נישט ווייט פון דער שטאדט עדלם. דארטען, האט ער געגלויבט, וועט ער געפינען וואסער... ער איז געריטען אויף זיין אייזעל און ארומגעקוקט זיך אויף אלע זייטען, פלוצלונג האט ער דערהערט קולות וואס האבען זיך צו איהם דערטראגען פון ווייטען. יהודה האט גענומען טרייבען דעם אייזעל שנעלער, ביז ער איז אנגעקומען ניט ווייט פון יענעם פלאץ. פון ווייטען האט ער בעמערקט ווי עטליכע אראבער פילדערען און מאכען געוואלדען... דערנאך, איז אלעס שטיל געווארען... די אראבער האבען געפיהרט שאף, ווען יהודה איז צוגעקומען צו יענעם פלאץ פון וואנען די קולות האבען זיך גענומען, האבען זיך די אראבער שוין געהאט פערקערעוועט צום בארג.

א ווײַלע איז יהודה שטעהן געבליבען, ער האט נישט געקענט פערשטעהן פאר וואס די אראבער האבען אזוי געפילדערט און געשריען... ער האט א קוועטש געטהאן מיט די פלייצעס און שוין געוואלט ווייטער געהן, פלוצלונג האט ער בעמערקט ווי א מאן ליעגט א צובלוטיגטער אויפ׳ן גראז.

יהודה איז שנעל אראפגעשפרונגען פון זיין אייזעל און ער איז צוגעגאנגען צו דעם מאן.

— דאס האבען די אראבער דיזען מאן געשלאגען — האט א געדאנק דורכגעבליצט זיין מח... ער האט אראפגענומען פון זיין אייזעל דעם לאגעל וואסער וואס ער האט געהאט מיט זיך, און האט קוים אפגעמינטערט דעם פער׳חלש׳טען מאן... ער האט אפגעוואשט דאס בלוט פון זיין פנים און איהם געגעבען א טרונק וואסער.

— וואס האט פאסירט? — האט יהודה איהם גלייך א פרעג געטהאן.

דער מאן האט איהם אנגעקוקט מיט דאנקבארע אויגען, און ווען יהודה האט ווידערהאלט זיין פראגע, האט איהם דער מאן געענטפערט מיט א שוואכער שטימע:

— די אראבער זיינען מיך באפאלען און האבען ביי מיר די שאף אוועקגערויבט... און ווען איך האב זיך געגענגעשטעלט, האבען זיי מיך געשלאגען, און מיך פערוואונדעט.

— יהודה האט זיך אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ, און מיט צארן אויסגערופען:

—ווארט, איך וועל דיר דיינע שאף אומקעהרען! ער האט זיך ארויפגעזעצט אויף זיין אייזעל און שנעל געלאפען אין דער ריכטונג, וואוהין די אראבער זיינען געוועזען... אין א קורצע ווײַלע האט ער זיי אנגעיאגט.

די אַראַבער האָבען דערשפּירט אַז אימיצער יאָגט זיך נאָך נאָך זיי, און האָבען גלייך אַרויסגעצויגען זייערע שווערדען און זיך אָפּגעשטעלט.

— איהר אומווירדיגע קנעכט! — האָט יהודה אויסגערופען, אַראָפּ־שפּרינגענדיג פון זיין אייזעל מיט דעם בלויזען שווערד אין האַנט — ווי אַזוי האָט איהר געוואָגט צו בעפאַלען אַן עהרליכען מענשען און פון איהם אוועק־רויבען זיינע שאָף און איהם נאָך דערצו פערוואונדען?!

— און ווער ביזטו עס, וואָס דו האָסט די חוצפּה צו אונז אַזוי צו ריידען?! — האָט אַן אַראַבער זיך צו איהם אָפּגערופען — ווילסטו פיליכט אויך פערזוכען דעם טעם פון די קלעפּ, וואָס יענער האָט געקראָגען פאַר זיין געגענשטעלען זיך קעגען אונז!

— איך בעפעהל אייך, גלייך אומצוקעהרען די שאָף צו זייער אייגענ־טהימער! — האָט יהודה אויסגערופען מיט כעס.

די פינף אַראַבער האָבען אויסגעבראָכען אין אַ הילכיגען געלעכטער...

— דו בעסער זאָג אונז, וואו דיינע שאָף געפינען זיך! — האָט זיך איינער פון זיי אָפּגערופען — מיר נויטיגען זיך אין מעהר שאָף.

יהודה איז צוגעגאַנגען גאַנץ נאָהענט צו זיי. די אַראַבער האָבען מיט זייערע שווערדען געמאַכט אַ פערזוך איהם צו שטעכען, אָבער יהודה האָט מיט גרויס פלינקייט און מאַכט אָפּגעשלאָגען זייער פערזוך, מיט זיין שווערד...

דאָס געפעכט איז געוואָרען אַ פערביטערטער... פינף געגען איינעם. באַלד אָבער האָבען זיך די פינף אַראַבער איבערצייגט אַז יהודה בעזיצט אַן אויסערגעוועהנליכע גבורה. צוויי פון די אַראַבישע שווערדען האָט ער אַרויסגעקלאַפּט פון זייערע הענט און די אייגענטהימער פון די שווערדען האָבען זיך אַזוי דערשראָקען, אַז זיי האָבען אָפּגעטראָטען אויף צוריק. יעצט איז יהודה געבליבען אין קאַמף בלויז מיט דריי. עס האָט לאַנג נישט גע־דויערט, און די איבריגע דריי האָבען אויף אַן עהנליכען אופן פערלאָרען זייערע שווערדען... זייער שרעק איז נאָך גרעסער געוואָרען... „ניט אַנדערש אַז דאָס איז אַ מלאך פון הימעל" — האָבען זיי איינער צום צווייטען גע־זאָגט, ווען זיי האָבען דערזעהן די זעלטענע גבורה פון יהודה.

די אַראַבער זיינען באַלד געפאַלען מיט דעם פּנים צו דער ערד און געבעטען ער זאָל אויף זיי רחמנות האָבען און זיי נישט צום טויט שלאָגען.

קעהרט אום וואָס שנעלער די שאָף צו דעם מאַן, פון וועמען איהר האָט זיי אוועקגערויבט! — האָט יהודה זיי בעפוילען — און אויב נישט וועט איהר אַלע געטויטעט ווערען דורך מיין שווערד!

— מיר וועלען טהאָן אַלעס וואָס אונזער האַר בעפעהלט — האָבען די אַראַבער געזאָגט מיט שרעק, אָבער נאַר בעשטראָף אונז נישט.

יהודה האָט אויפגעהויבען די פינף שווערדען וואָס ער האָט אַרונטער געשליידערט פון די אַראַבער'ס הענט און זיי צוגעבונדען צו זיין אייזעל.

צושראָקענע און מיט געבויגענע קעפּ, האָבען די אַראַבער גענומען טרייבען צוריק די שאָף וואָס זיי האָבען אוועקגערויבט.

יהודה איז אויף זיין אייזעל געריטען הינטער זיי, און זיי זיינען באַלד

צוגעקומען צו דעם פּלאַץ, וואו דער פערוואונדעטער מאַן איז געווען.

גרויס איז די ערשטוינונג געווען פון דעם מאַן, ווען ער האָט געזעהן ווי די פינף אַראַבער ברייננגען איהם צוריק די שאָף — ער האָט בעמערקט ווי צושראָקען און דערשלאָגען זיי זיינען געווען.

— איז דאָס אַלעס וואָס זיי האָבען פון דיר גערויבט? — האָט איהם יהודה אַ פרעג געטהאָן.

— יע, מיין האַר! דאָס איז אַלעס. — האָט ער געענטפערט. יעצט געהט פון דאַנען אַוועק וואָס שנעלער! — האָט יהודה אַ געשריי געטהאָן — אייער געביין זאָל זיך מעהר אין דיזען געגענט נישט געפינען... ווען איך וועל אייך טרעפען אַ צווייטען מאָל רויבענדיג, וועט פון אייך קיין געדעכענים נישט פערבלייבען!

די אַראַבער האָבען זיך לאַנגזאַם גענומען רוקען אויף צוריק. זיי האָבען נאָך אַלץ געקוקט אויף יהודה'ן, מורא האָבענדיג אַז טאָמער וועט ער חרטה האָבען און זיי פּאָרט בעשטראָפען. ווען זיי זיינען שוין געווען אָפּגערוקט אַ היבש שטיקעל וועג, האָבען זיי גענומען לויפען מיט זייער גאַנצען אימ־פּעט, און זיך אפילו נישט אָפּגעשטעלט אַ קוק טהאָן אויף צוריק.

יהודה האָט זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט, ווען ער האָט זיי געזעהן לויפענדיג און ווענדענדיג זיך צום מאַן, האָט ער צוגעגעבען: געלויבט איז גאָט וואָס ער האָט מיך אין צייט צוגעשיקט דיר צו העלפען, מיין פריינד.

— איך האָב נישט קיין ווערטער, ווי דיר אָפּצודאַנקען, מיין האַר... דו ביזט ווירקליך ווי אַ מלאך פון הימעל געשיקט געוואָרען מיר צו העלפען אין מיין נויט...

— איך זעה אז דו פיהלסט זיך נאָך גאַנץ שוואַך, מיין פריינד! — האָט יהודה צו איהם געזאָגט — זאָג מיר פון וואַנען קומסטו און איך וועל דיך אַוועקזעצען אויף מיין אייזעל און אָפּפיהרען אַ היים.

— איך וואוין אין דער שטאָדט עדלם און מיין נאָמען איז חירה — האָט ער געענטפערט — איך האָב געפיטערט די שאָף פון מיין ברודער שוע אין וואַלד... און ווען די רויבער זיינען מיך בעפאַלען, האָב איך מיין לעבען אין סכנה געשטעלט און גענומען מיט זיי קעמפּפען פאַר די שאָף. ווען דאָס וואָלט געווען מיינע אייגענע שאָף, וואָלט איך זיך געגען זיי נישט איינגע־שטעלט, ווייל ווי אַזוי קען איך, איין מאַן קעמפּפען געגען פינף... אָבער מיין האַר האָט עס יע בעוויזען צו טהאָן.

— ווייסטו דען נישט אַז אין טהאָל ליגט אַ גרעסערע סכנה פאַר איין מענשען צו פיטערען די שאָף — האָט איהם יהודה געזאָגט.

— דאָס איז דער ערשטער טאָג וואָס איך בין מיט מיין ברודער'ס שאָף אַרויס... מיינע אייגענע שאָף ווערען געפיטערט ביי מיינע פאַסטוכער.

— און פאַרוואָס האָסטו היינט איבערגענומען צו פיטערען די שאָף פון דיין ברודער, וואו זיינען דען זיינע פאַסטוכער?

— מיין ברודער שוע איז נישט געבענשט מיט רייכטהום! — האָט חירה געזאָגט — ער האָט אַן איין איינציגע טאָכטער און זי פיטערט שטענדיג זיינע שאָף. אָבער גראַדע האָט זיך געמאַכט אַז מיין ברודער איז

אומגעפאַלען און זיך שטאַרק צושעדיגט, מוז זיין טאָכער זיין נעבען איהם און דעריבער האָב איך זיך אַנגעבאָטען צו פיערען זיינע שאָף פאַר'ן טאָג.

יהודה האָט חירה'ן געהאָלפען זיך אָוועקזעצען אויף זיין אייזעל, און טרייבענדיג די שאָף האָט ער געפיהרט דעם אייזעל אין שטאָדט אריין.

חירה האָט איהם אָנגעצייגט אויף די הויז פון זיין ברודער שוע, וואָס איז געווען נישט ווייט פון אריינגאַנג פון שטאָדט.

— פיהר מיך צו ביז מיין ברודער'ס הויז — האָט חירה געזאָגט צו יהודה'ן און זאָל דיר דער אַלמעכטיגער בעגליקען און בענשען פאַר דיין חסד וואָס דו האָסט מיר ארויסגעוויזען.

יהודה האָט איהם אהין צוגעפיהרט, ער האָט איהם ארונטערגעהאָלפען פון אייזעל....

— איך פיהל זיך שוין אַ סך בעסער, מיין האַר! — האָט חירה געזאָגט. איך האָב צוריקגעקראָגען מיינע קרעפטען... אַ, די רשעים! זיי האָבען מיך אַזוי פערוואונדעט, אַז מיר האָט זיך געדוכט אַז קיין איין גאַנצעס גליעד האָבען זיי אין מיר נישט איבערגעלאָזען.

— זיי וועלען שוין אין דיזען געגענד מעהר קיינמאָל נישט קומען! — האָט יהודה געזאָגט מיט אַ שמייכעל — יעצט מיין פריינד אַז איך האָב דיך און די שאָף געבראַכט ביז דיין ברודער'ס הויז, וועל איך זיך צוריקקעהרען.... מיינע ברידער זיינען נישט גאַנץ ווייט פון דאַנען... און איך בין געגאַנגען זוכען וואַסער פאַר אונזערע שאָף.

—איך בעט דיך, מיין האַר, קום דאָך אריין צו מיין ברודער אין הויז, איך וויל אַז ער זאָל מיט זיינע אויגען זעהן דעם וואונדערבאַרען מאַן, וועלכער האָט מיך און די שאָף געראַטעט

— איך איל זיך אָבער און איך וועל יעצט דיין וואונש נישט קענען ערפילען — האָט יהודה געזאָגט, און זיך ארויפגעזעצט אויף זיין אייזעל.

— בלויז פאַר אַ קורצע ווײלע! — האָט חירה איהם שטאַרק גענומען בעטען — דו וועסט מיט עפּעס דערקוויקען דיין האַרץ, און טרינקען פון דעם פרישען וואַסער פון אונזער ברונעם, נאָכהער וועסטו געהן בשלום דיין וועג.

יהודה האָט איינגעשטימט, ער איז ארונטער פון זיין אייזעל און איז מיט חירה'ן אריין אין דעם הויז פון שוע.

חירה האָט פאָרגעשטעלט יהודה'ן פאַר שוע'ן און פאַר זיין טאָכטער עלית... און פאַר זיי דערצעהלט אַלעס וואָס עס האָט פּאַסירט.

עלית און איהר פאָטער שוע האָבען זיך נישט געקאָנט אָפּוואונדערען פון יהודה'ס גבורה, און זיי האָבען איהם גלייך איינגעלאַדען צו עסען מיט זיי מיטאָג.

עלית איז געווען יונג, שעהן און רייצענד. יהודה איז בעצויבערט געוואָרען פון איהר שעהנקייט... יעצט האָט מען איהם לאַנג נישט געדאַרפט בעטען, ער האָט גלייך צוגעשטימט צו עסען מיטאָג מיט זיי. אָבער ער האָט געבעטען בלויז אַ מאָהלצייט פון גרינס.

— מיר, עברים עסען פלייש נאָר דאַן ווען עס איז צוגעגרייט לויט אונזער שטייגער — האָט יהודה געזאָגט.

שוע איז געווען זעהר צופריעדען צו הערען, דאָס דער וויכטיגער גאַסט שטאַמט פון אברהם, יצחק און יעקב.

— ווער האָט עס נישט געהערט פון דיינע עלטערען? — האָט שוע זיך אָפּגערופען צו יהודה'ן, ווען ער האָט איהם געפרעגט צו זיינע עלטערען זיינען בעקאַנט אויך אין עדלם...

עלית האָט איהר פעטער פאַרבאַנדעזשירט די וואונדען וואָס ער האָט געקראַגען פון די אַראַבער, און גלייך נאָכדעם האָט זי געגרייט צום טיש.

יהודה איז געווען גוט אויסגעהונגערט און געגעסען מיט גרויס אַפּעטיט, און אין דערזועלבער צייט האָט ער זיינע בליקען נישט אָפּגעטהאָן פון דער שעהנער עלית. נאָכ'ן עסען, האָט זיך יהודה פאַנאַנדערגערעדט מיט עלית'ן או [ער איז געווען אַזוי פערטיפט און פעראינטערעסירט אין דעם געשפּרעך מיט איהר, אַז ער האָט גאָרנישט בעמערקט אַז די זון האָט שוין געהאַלטען ביים פאַרגעהן...

— מיין האַר! — האָט זיך עלית צו איהם אָפּגערופען — עס פאַנגט אָן פינסטער צו ווערען און איידער דו וועסט צייט האָבען אויפצוזוכען דיינע ברידער וועט די נאַכט צופאַלען און די סכנות ביי נאַכט זיינען גאַנץ שטאַרק... וואָלט עס נישט געווען צופיעל פון מיין זייט פאַרצושלאָגען פאַר דיר, דו זאָסט בלייבען נעכטיגען מיט אונז. און מאָרגען גאַנץ פריה וועסטו זיך געהן דיין וועג.

— איך דאַנק דיר, מיין האַרינטע! — האָט יהודה געזאָגט — אָבער מיינע ברידער וועלען זיין שטאַרק בעזאָרגט וועגען מיר...

— עס וועט זיין בעסער אַז זיי זאָלען אויף אַ קורצע ווייל̇ע בעזאָרגט זיין, איידער איינצושטעלען דיין לעבען אין סכנה...

— גאָט איז מיין בעשיצער! — האָט יהודה אויסגערופען — איך וועל מיינע שונאים בעזיעגען ווי איך האָב בעזיעגט די אַראַבער.

— אָבער ביי נאַכט איז דאָך די סכנה גרעסער צוליעב די חיות, וועלכע קומען ארויס פון זייערע נאָרעס און לויערען צו פערציקען אַלעס וואָס קומט זיי אויפ'ן וועג... אין דער פינסטער וועסטו דאָך זיי נישט קענען בעמערקען, ווען זיי וועלען פערזוכען דיר שלעכטס צו טהאָן.

— עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיר קומט אויס צו געהן אין וועג ביי נאַכט — האָט יהודה געזאָגט.

— אָבער דאָך בעט איך דיך, מיין האַר — האָט עלית אַ זאָג געטהאָן מיט אַזוי פיעל חן און צערטליכקייט אין איהר שטימע, אַז יהודה האָט קיין אנדער ברירה נישט געהאַט ווי צוצושטימען.

עלית האָט געבראַכט היי פאַר יהודה'ס אייזעל און איהם אין שטאַל אריינגעפיהרט.

יהודה האָט כמעט די גאַנצע נאַכט פערבראַכט מיט חירה'ן, שוע'ן און זיין טאָכטער... ער האָט זיי דערצעהלט געשיכטעס פון זיין לעבען, פון פער־

שיעדענע פּאַסירונגען... ער האָט זיי אויך דערצעהלט די מעשה פון שכם און חמור.

אַלע האָבען זיך מיט גרויס נייגעריגקייט צוגעהערט צו יהודה'ן, אָבער מעהר פון אַלעמען איז עלית געווען פעראינטערעסירט. זי איז געזעסען ווי צוגעשמידט צו איהר פּלאַץ און האָט מיט גרויס פערעהרונג און בעוואונ-דערונג בעטראַכט יהודה'ן.

— דו וועסט אימער בלייבען מיין בעסטער פריינד, יהודה — האָט חירה זיך צו איהם אָפּגערופען — איך וועל דיין גענאַדע און דיין העלדיש־קייט קיינמאָל נישט פערגעסען. — לאָמירביידע שליסען אַ בונד פון פריינדשאַפט, דו וועסט קומען מיך בעזוכען און איך וועל צו דיר געהן... ווייל איך האָב נאָך אַזאַ בראַווען און עהרליכען מאַן ווי דו נישט געטראָפען. דיין גוטהערציגקייט, דיין געגרייט זיין זיך איינצושטעלען פאַר יענעם, האָט דיך אין מיינע אויגען פאַר אַ געטליכען מאַן געמאַכט.

— און איך בין אויך גליקליך און צופריעדען מיט דיר אַ בונד צו שליסען... און דיין מוטהיגער קאַמף, וואָס דו האָסט איינער אַליין אָנגע־פיהרט געגען דיינע אָנגרייפער, בעווייזט, אַז דו ביזט אויך שטאַרק און בראַוו, און דאָס וואָס דו האָסט זיך אונטערגענומען צו פיטערען די שאָף פון דיין ברודער, כדי זיין טאָכטער זאָל האָבען די מעגליכקייט צו פערלינ־דערען די שמערצען פון איהר פאָטער, צייגט אַז דו ביזט נאָבעל און גוט־הערציג. יע, מיין פריינד, לאָמיר שליסען אַ בונד צווישען אונז און מיר וועלען אימער בלייבען פריינד...

— איך בין זיכער אַז דו וועסט אין מיין אינגערען ברודער געפינען אַן איבערגעבענעם און גוטען פריינד — האָט שוע געזאָגט.

עלית האָט געשוויגען, זי האָט צוגעקוקט מיט גרויס נייגעריגקייט ווי איהר פעטער שליסט אַ בונד מיט דעם וואונדערבאַרען, העלדישער מאַן... זי האָט אַ שטילען זיפץ געטהאָן. זי האָט געוואָלט אַז די נאַכט זאָל זיך אייביג ציהען און זי זאָל זיצען נעבען יהודה'ן און אריינקוקען אין זיינע אויגען.

גלייך נאָכדעם ווי חירה האָט געשלאָסען אַ בונד פון פריינדשאַפט מיט יהודה'ן, האָט ער זיך צוריקגעצויגען און איז געגאַנגען שלאָפען. אויך שוע עלית'עס פאָטער האָט זיך געפיהלט שלעפעריג... בלויז די צוויי יונגע הערצער זיינען געווען וואַך... יהודה און עלית זיינען אַליין איבערגעבליבען. יהודה האָט איהר וועגען זיך דערצעהלט און זי האָט איהם אויך פון איהר לעבען גענומען דערצעהלען.

— מיין מוטער איז שוין טויט עטליכע יאָהר — האָט עלית געזאָגט, און מיין פאָטער האָט די גאַנצע צייט שווער געאַרבייט מיך צו ערנעהרען... ער איז געווען מיט די שאָף, און אויך בעאַרבייט זיין פעלד... יעצט אָבער איז ער שוין גאַנץ שוואַך... לאָז איך איהם שוין מעהר נישט פיטערען די שאָף...

— און דו האָס גאָרנישט מורא אַליין צו פיטערען די שאָף, — האָט יהודה איהר געפרעגט מיט גרויס פאַרוואונדערונג.

— איך געה נישט אוועק גאנץ ווייט פון שטאָדט — האָט עלית געזאָגט. אָבער מיין פעטער חירה, ער געהט אימער אין טהאָל און דאָרטען איז די סכנה גאנץ גרויס... און יעצט האָבען דיר אַלע צו פערדאנקען וואָס מיר האָבען די שאָף נישט פערלאָרען... דו מיט דיין זעלטענע גבורה האָסט אליין געגען פינף רויבער געקעמפט און זיי בעזיעגט. וועלען מיר דיר ווען עס איז קענען אָפּצאָהלען פאַר דעם גרויסען חסד וואָס דו האָסט מיט אונז געטהאָן?

יהודה האָט א שמייכעל געטהאָן.

— איך האָב געטהאָן דאָס, וואָס יעדער זוהן פון יעקב וואָלט געטהאָן!

— האָט ער געזאָגט. יעצט האָף איך, אַז דאָס וועט אָנלערנען אַנדערע רויבער באַנדעס ניט צו באַלעסטיגען די פּאַסטוכער פון דיזען געגענד.

עלית האָט יהודה'ן געבעטען ער זאָל איהר מעהר דערצעהלען פון זיין משפחה.

עס איז שוין געוואָרען גרויסער טאָג און יהודה האָט נאָך אַלץ פאַרבראַכט מיט עלית'ן, ער האָט איהר דערצעהלט פון די זעלטענע גבורות וואָס זיינע ברידער האָבען ארויסגעצייגט אין קאַמף פאַר זייער שוועסטער דינה, ער האָט איהר דערצעהלט וועגען זיין פעטער עשו'ן און נאָך פיעלע אינטערעסאַנטע פּאַסירונגען פון זיין באָטער'ס משפחה.

ערשט ווען די זון איז שוין געווען אויפגעגאנגען פאַר א היבשע ווייל, האָט זיך יהודה דערמאָנט אָן זיינע ברידער און צוליעב וואָס פאַר א צוועק ער איז געגאַנגען. ער האָט זיך שנעל אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ און האָט אויסגערופען:

— איך בין געגאַנגען זוכען א ברונעם וואַסער און מיינע ברידער וועלען יעצט געוויס זיין בעזאָרגט. זיי וועלען דענקען אז אן אומגליק האָט מיט מיר פּאַסירט. איך מוז זיך איילען צו זיי.

— איך וויל דיך מעהר נישט פערהאַלטען! — האָט עלית אויסגערופען. אָבער דו ביזט דאָך זיכער הונגעריג און דער וועג איז דאָך א לאַנגער, איך וועל דעריבער שנעל עפּעס צוגרייטען פאַר דיר, דו וועסט דיין הארץ דערקוויקען און נאָכהער וועסטו זיך געהן דיין וועג בשלום.

יהודה איז אפילו שוין געווען גאַנץ הונגעריג, אָבער ער האָט געזאָגט אַז ער מוז וואָס שנעלער געהן.

— יעצט אַז דו ביזט שוין דאָ! — האָט עלית זיך צו איהם אָפּגערופען, וועל איך דיר געהן אָנצייגען אויף דעם ברונעם וואָס איז הינטער'ן שטאָדט און דו פיהר דיינע ברידער און דיינע שאָף אהער... דאָס וואַסער פון יענעם ברונעם איז זעהר גוט.

— אויב עס איז נישט צו שווער פאַר דיר, וואָלט איך דיר דיזע געפעליגקייט קיינמאָל נישט פערגעסען.

עלית איז גלייך ארוים אין דרויסען און ארויספיהרנדיג איהר אייזעל פון שטאָל האָט זי צוזאַמען מיט יהודה'ן אוועקגעריטען הינטערן שטאָדט עדלם.

די ברידער האָבען מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויף דעם צוריקקעהר פון שמעון לוי און יהודה. די שאָף זיינען שוין געווען גוט דורשטיג און זיי אַליין האָבען שוין געוואָלט זיך דערקוויקען מיט אַ קאַלטען טרונק וואַסער. און דעריבער, ווען שמעון און לוי זיינען געקומען און האָבען בעריכטעט אַז זיי האָבען געזעהן ברונימער מיט וואַסער אויף'ן וועג, האָבען די ברידער שוין געוואָלט זיך לאָזען צו דעם ברונעם וואָס איז נעהנטער צו זיי.

— לאָמיר שוין צוואַרטען אביסעל ביז וואַנען יהודה וועט אָנקומען!

— האָט ראובן געזאָגט — מעגליך אַז דער ברונים וואָס ער וועט געפינען וועט נאָך נעהנטער זיין.

— אָבער די שאָף זיינען דורשטיג! הערסטו נישט ווי זיי מעקען... מיר קענען שוין לענגער נישט פערבלייבען דאָ, יהודה וועט אונז שוין אויפזוכען.

— אימיצער פון אונז זאָל בלייבען וואַרטען אויף יהודה'ן — האָט דן געזאָגט. און ווען ער וועט קומען, וועלען זיי ביידע געהן צו דעם פּלאַץ וואו דער ברונים איז.

— ווילסטו פיליכט בלייבען דאָ, ביז וואַנען יהודה וועט אָנקומען?

— האָט איהם שמעון געפּרעגט. דער ברונים וואָס איך האָב געזעהען געפינט זיך אויף דעם וועג פון בית לחם.

— גוט, איך וועל וואַרטען אויף איהם — האָט דן געענטפערט. אָבער איך האָף אַז יהודה וועט זיך לאַנג ניט זאַמען, ווייל איך בין זעהר הונגעריג און מיעד...

— יהודה ווייסט דאָך אַז ווען עס וועט טונקעל ווערען, וועלען מיר נישט קענען פיהרען אונזערע שאָף, וועט ער זיכער אָנקומען איידער די זון וועט אונטערגעהן.

די ברידער האָבען צונויפגעזאַמעלט די שאָף און זיי געטריבען אין דער ריכטונג פון בית לחם... אויף'ן מיטען וועג האָט זיך שמעון אָפּגערופען: דער ברונעם וואָס איך האָב געזעהען געפינט זיך אָן אַ זייט, לאָמיר זיך פּערנעהמען עטוואָס לינקס, עס איז אַ גאַנץ קורצע שטרעקע.. מיר וועלען דאָרט פערבלייבען איבער נאַכט, און דערווייל וועט איינער פון אונז שטעהן אויף'ן וועג צו באַגעגענען דן און יהודה'ן.

אַ היבשע ווייל האָט געדויערט איידער די ברידער האָבען אָנגעפילט די קאָרעטעס מיט וואַסער. די דורשטיגע שאָף האָבען אָנגעפאַנגען צו טרינקען. דערנאָך האָבען די ברידער אָנגעשעפּט וואַסער פאַר זיך און זיך געזעצט עסען. נפתלי איז יעדע ווייל צוגעלאָפען צום וועג און נאָכגעקוקט פון ווייטען צו זעהן אויב דן און יהודה קומען אָן.

עס האָט שוין גענומען טונקעל ווערען. די ברידער האָבען צוזאַמענגעטריבען די שאָף פאַר זייער נאַכט אָפּרוה, און נפתלי איז צוריקגעקומען און זיך אָפּגערופען:

— די נאַכט פאַלט צו און איך האָב אויף'ן וועג קיינעם נישט בעמערקט.

— איז עס מעגליך אז זיי האָבען פערלאָהרען דעם וועג? — האָט לוי א זאָג געטהאָן.

— איך וועל צורייטען ביז דעם פּלאַץ, וואו מיר האָבען איבערגעלאָזען דן'ען — האָט אשר געזאָגט. — און איך וועל זעהן אויב דן איז דאָרט נישטאָ...

— און איך וועל מיטרייטען מיט דיר! — האָט גד געזאָגט.

— זייט פאָרזיכטיג נישט צו פערלירען דעם וועג! — האָט שמעון זיי געוואָרענט. מאַכט א סימן ווען איהר קומט צו דעם גרויסען אייכע בוים זאָלט איהר זיך פערנעהמען לינקס און דאַן וועט איהר אונז רופען, און מיר וועלען אייך זיכער דערהערען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט.

דן איז געשטאַנען די גאַנצע נאַכט און געוואָרט אויף יהודה'ס אָנקומען. ער איז יעדע רגע ארויף אויף דעם שטיין וואָס איז דערביי געווען, צו זעהן אויב אימיצער קומט אָן. ווען די זון האָט גענומען פּערגעהן, איז דן אומרוהיג געוואָרען. וואָס קען דאָס זיין, וואָס יהודה איז נאָך נישטאָ? — האָט ער געטראַכט. איז עס מעגליך אז עפּעס אַן אומגליק האָט מיט איהם פּאַסירט... דער הונגער האָט איהם גענומען דריקען און ער איז ארומגעגאַנגען הין און צוריק פערצווייפעלט.

דן האָט באַשלאָסען צו וואַרטען נאָך א קורצע ווייל און נאָכהער וועט ער געהן צו זיינע ברידער, אפשר איז ער שוין דאָרטען דאָ צוזאַמען מיט זיי. ניין! דאָס איז אונמעגליך! ווען ער וואָלט שוין דאָרט געווען, וואָלטען דען נישט די ברידער געשיקט איהם אָנזאָגען וועגען דעם?!... פּלוצלונג האָט ער בעמערקט פון ווייטען אימיצען אָנקומען. — „דאָס איז יהודה"! — האָט זיך דן שטאַרק דערפרעהט און איז געלאָפען איהם אַנטקעגען. ווען אָבער ער האָט זיך עטוואָס דערנעהנטערט, האָט ער בעמערקט ווי צוויי קומען איהם אַנטקעגען... און ער האָט פערשנעלערט זיינע טריט. באַלד האָט ער דערזעהען אשר'ן און גד'ן.

— יהודה איז נאָך נישט געקומען?! — האָט אשר אויסגערופען — ווען ער האָט דערזעהן דן'ען.

— ניין! — האָט דן א זאָג געטהאָן. איך האָב שוין געמיינט אז יהודה איז מיט אייך.

— יהודה איז פערפאַלען געוואָרען! — האָט גד אויסגערופען מיט שרעק. אפשר האָט עפּעס מיט איהם פּאַסירט אַן אומגליק.

— לאָמיר זיך גלייך צוריקקעהרען צו אונזערע ברידער, און מיר וועלען זיך צוזאַמען בעראַטהען וואָס צו טהאָן.

— און טאָמער קומט ער נאָך אָן דאָ און וועט קיינעם פון אונז נישט געפינען. ווי אַזוי וועט ער אונז געהן זוכען ביי נאַכט! — האָט אשר זיך אָפּגערופען.

— לאָמיר צוואַרטען נאָך א ווייל, אפשר וועט ער נאָך קומען! — האָט גד געזאָגט.

— איך קען שוין מעהר נישט וואַרטען! — האָט דן אויסגערופען.

איך בין שטאַרק הונגעריג. זאָל אימיצער פון אייך בליידן דאָ צוואַוואַרטען, און איך וועל געהן צו די ברידער.
גד און אשר האָבען זיך איבערגעוואָרפען מיט די בליקען...
— דו ווייסט דאָ פערבלייבען ביז וואַנען מיר וועלען זיך צוריקקעה־רען נאָך דיר! — האָט אשר געזאָגט צו גד'ן.
— פאַר וואָס זאָל איך בלייבען, און נישט דו? — האָט גד איהם געענטפערט...
— דו בעריהמסט זיך דאָך אימער אַז דו האָסט פאַר קיינעם קיין מורא נישט, נישט ביי טאָג און נישט ביי נאַכט.
— אָבער דאָ, אין אַ פרעמדען געגענד, אין דער פינסטער — האָט גד געצעגערט.
— און ווי בין איך געשטאַנען די גאַנצע צייט אין דער פינסטער,
— האָט דן זיך אָפגערופען. איך האָב אפילו קיין אייזעל מיט זיך נישט געהאַט.
— פון אָנפאַנג נאַכט איז נישט אַזוי געפעהרליך, ווי שפּעט אין דער נאַכט — האָט גד ווידער געזאָגט.
— ווייסט איהר גאָר וואָס! — האָט דן זיך אָפגערופען. איהר פער־בלייבט דאָ ביידע און איך וועל שוין געפינען דעם וועג צו די ברידער.
— און ווי לאַנג דענקסטו זאָלען מיר דאָ נאָך וואַרטען? — האָט אשר זיך אָנגערופען. טאָמער וועט יהודה נאָך אַלץ נישט קומען.
— מיר וועלען דיך דאָ אליין נישט לאָזען וואַרטען צו לאַנג — האָט דן געזאָגט. מיר וועלען זעהן וואָס מיר האָבען צו טהאָן. די שווערדען האָט איהר דאָך... מען וועט שוין קומען נאָך אייך.
ווען דן איז צוריקגעקומען צו די ברידער און זיי געמאָלדען אַז יהודה האָט זיך נאָך נישט צוריק געקעהרט, זיינען זיי אַלע אויפגעציטערט גע־וואָרען פון שרעק.
— וואָס זאָל דאָס באַדייטען?! — האָט ראובן אויסגערופען. איז עס מעגליך אַז ער האָט דעם וועג פערלאָרען?
— דאָס איז אונמעגליך, יהודה ווייסט דעם גאַנצען געגענד אויסגע־צייכענט — האָט לוי געזאָגט. אָבער פיליכט זיינען איהם בעפאַלען אַ באַנדע פון די ווילדע שבטים און איהם. . .
— רייד נישט קיין נאַרישקייטען! — האָט שמעון זיך אָפגערופען. יהודה איז גענוג שטאַרק און וועט זיך וויסען ווי צו בעשיצען געגען זיינע אָנגרייפער.
— קיינער קען קיין צו גרויסער העלד נישט זיין, ווען אימיצער בעפאַלט איהם פון הינטען — האָט נפתלי אויסגערופען. ווער ווייס אויב אַ באַנדע רויבער האָבען איהם נישט בעפאַלען פון הינטען.
— וואָס פאַר אַ נוצען וועט אונז ארויסקומען פון אונזערע השערות — האָט ראובן געזאָגט. מיר דאַרפען זעהן שנעל צו האַנדלען... מעגליך אַז ער געפינט זיך אין געפאַנגענשאַפט אָדער. . . .
— מיר גלויבט זיך נישט אַז יהודה זאָל זיך לאָזען נעהמען אין גע־

פאַנגענשאַפט — האָט דן אויסגערופן. אָבער פונדעסטוועגן דאַרפן מיר איהם געהן זוכען.

יעצט, אין דער פינסטער, וואָס וועלען מיר קענען אויפטהאָן. מיר וועלען מוזען צוואַרטען ביז עס וועט נעהמען טאָגען — האָט שמעון געזאָגט.

— אויב אַזוי וועלען מיר דאַרפען שיקען נאָך אשר'ן און גד'ן, זיי וועלען דאָך נישט פערברייגען די גאַנצע נאַכט וואַרטענדיג אומזיסט אויף יהודה'ן — האָט לוי געזאָגט. מען האָט נאָך זיי געשיקט, און אַלע ברידער זיינען געזעסען ארום דעם פייער וואָס זיי האָבען געמאַכט און זיינען געווען שטאַרק בעזאָרגט וועגען יהודה'ן.

— יהודה איז פערפאַלען געוואָרען! דאָס האַרץ שרעקט מיר, טאָמער האָט אַן אומגליק מיט איהם פאַסירט! — האָט ראובן נישט אויפגעהערט צו זאָרגען.

קיינער פון די ברידער האָט זיך יענע נאַכט ניט צוגעלעגט. מיט גרויס אומגעדולד האָבען זיי געוואַרט אויף דעם אָנקומענדיגען מאָרגען... יעדער פון זיי האָט יעדע רגע אויפגעהויבען זיינע אויגען צום הימעל צו זעהן אויב דער מאָרגענשטערען געהט אויף.

יהודה און עלית האָבען ארויסגעריטען הינטערען שטאָדט עדלם. ביידע האָבען לאַנגזאַם געריטען... די מינוטען זיינען פאַר ביידען געווען זעהר אַנגענעהם און עס האָט זיך זיי געוואָלט, זיי זאָלען זיך וואָס לענגער ציהען... יהודה האָט פון עלית'ן נישט ארונטערגענומען זיינע בליקען... יעצט, ווען די זון האָט גענומען אויפשטייגען האָט ער געקענט בעסער זעהן ווי וואונדער שעהן זי איז.

— אָט נישט ווייט פון דאַנען איז דער ברונעם וואַסער! — האָט עלית אָנגעצייגט מיט איהר פינגער אויף דעם פלאַץ וואו דער ברונעם האָט זיך געפונען.

יהודה אָבער האָט געוואונשען דאָס דער ברונעם זאָל נאָך גאַנץ ווייט זיין און עלית זאָל נאָך מיט איהם רייטען אַ היבשע שטרעקע.

פלוצלונג האָט יהודה זיך אָפּגערופען:

— מיינע ברידער קומען אָן! זיי געהען דאָס מיך זוכען...

עלית האָט אויפגעהויבען איהרע אויגען און פון ווייטען זיי דערזעהן. איהר פנים איז רויט געוואָרען... זי האָט זיך שטאַרק געשעהמט.

— איך וועל זיך יעצט צוריקקעהרען! — האָט עלית זיך אָפּגערופען.

— איך ווייס אַז איך בין שולדיג אין דעם וואָס דו ביזט אין אונזער הויז פערבליבען איבער נאַכט... איך האָב דיך נישט געזאָלט צוריידען... אָבער איך האָב מורא געהאַט דיך צו לאָזען געהן אליין ביי נאַכט און מיין פעטער חירה איז נאָך געווען שוואַך פון די וואונדען, וואָס ער האָט געקראָגען פון די אַראַבער און ער האָט דיך נישט געקענט באַגלייטען. יעצט וועלען דיינע ברידער זיין אויף מיר שטאַרק אין כעס.

— זאָרג נישט, עלית! — האָט יהודה זיך צו איהר אָפּגערופען מיט

א שמייבעל — איך וועל מיינע ברידער דערצעהלען אלעס וואס עס האט פאסירט און זיי וועלען דיר דאנקבאר זיין.

— אבער פון דעסטוועגען וועל איך זיך אומקעהרען א היים! — האט עלית געזאגט.

יהודה האט איהר נישט געוואלט פערהאלטען, ער איז געווען צופריעדען וואס זיינע ברידער וועלען איהר יעצט נישט באגעגענען.

עלית האט איהם נאכאמאל באדאנקט פאר דעם וואס ער האט געראטעוועט איהר פאטער׳ס שאף פון די הענט פון די רויבער, און זי איז שנעל אוועקגעריטען נאך עדלם.

יהודה האט איהר בעגלייט מיט זיינע אויגען און איז געבליבען שטעהן ווי אין א חלום, פארגעסענדיג אז זיינע ברידער קומען אן.

— יהודה! — האבען אלע מיט אמאל אויסגעשריען, — וואו ביזטו געווען! ווי אזוי ביזטו עס פערפאלען געווארען?!...

יהודה איז געבליבען שטעהן ווי פערווירט... ער איז א ווייליע געווארען צוטומעלט און קיין ווארט נישט גערעדט.

— וואס דארפען מיר איהם נאך פרעגען — האט שמעון אויסגערופען מיט כעס. איהר האט דאך געזעהן יענע מיידעל, וועלכע איז נאר וואס אוועקגעריטען, דאס וועט שוין אלעס פערענטפערען.

— מער קענען זיך טאקע אויף דיר שטארק פערלאזען! — האט ראובן איהם גענומען מוסר׳ן. דו ביזט געגאנגען זוכען וואסער פאר אונזערע דורשטיגע שאף און פארגעסענדיג וועגען אונז אלעמען, ביזטו הינגעצויגען געווארען פון א מיידעל, א כנענית!

— עס פאסט זעהר שעהן פאר א זוהן פון יעקב׳ן, צו האבען צו טהאן מיט אזא אויסגעלאסענע מיידעל! — האט לוי זיך א רייץ געטהאן מיט איהם.

— אויב דו וועסט נאך איין שלעכט ווארט ריידען וועגען דער מיידעל, וועל איך דיין מויל צומאכען! — האט יהודה זיך פערמאסטען מיט זיין פויסט קעגען לוי׳ן.

— דו האסט נישט וואס צו זיין אין כעס, — האט ראובן געזאגט. דו ביזט נאך גערעכט!? גענומען און אונז אלעמען איבערגעלאזען, און פערפאלען געווארען... שרעק און זארג האט אונז אלעמען ארומגענומען. מיר האבען איבערגעטראכט דאס ערגסטע... און דו ביזט ערגעץ וואו געווען און זיך רוהיג פערבראכט מיט....

— מיט א מיידעל פון א צוויי‏פעלהאפטען כאראקטער! — האט דן פערענדיגט. א גאנצען אבענד האב איך איינער אליין אויף דיר אין פעלד געווארט... וויפיעל האט גענומען איך זאל ווערען צוריסען פון א בייזע חיה. יע, גרויסע נוצען וועלען מיר פון דיר קענען האבען, אויב דו וועסט אזוי אנגעהן.

— עס איז מיר שווער צו פערשטעהן, ווי אזוי דו האסט צו אונז געקענט טהאן אזא זאך! — האט שמעון געקוועטשט מיט די פלייצעס.

האָסטו דען דיין פערשטאַנד פערלוירען, האָסטו נישט געוואוסט אַז מיר וועלען אויף דיר וואַרטען.

— איהר האָט שוין אַלע אָפּגערעדט? — האָט יהודה זיך אָפּגערופען. וועט איהר פיליכט מיר אויך געבען אַ געלעגענהייט צו עפענען מיין מויל.

— אדרבא, זאָג, וואָס קענסטו אונז דערויף ענטפערען! — האָט ראובן אויסגערופען.

יהודה האָט איבערגעגעבען פאַר זיינע ברידער אַלעס וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט, ווען ער איז געגאַנגען זוכען וואַסער. ווי אַזוי ער האָט גע־קעמפט געגען די פינף אַראַבער און זיי בייגעקומען און די ברויבטע שאָף אומגעקעהרט צו דעם אייגענטהימער, ווען די אַראַבער האָבען פערוואונ־דעט... ווי אַזוי ער האָט אָפּגעמונטערט דעם פערוואונדעטען מאַן און איהם אָפּגעפיהרט א היים אין עדלם...

— דאָס איז זעהר שעהן פון דיר! — האָט שמעון געזאָגט, מיט צופריעדענהייט. — איך האָב קיינמאָל נישט געצווייפעלט אין דיין גבורה און בראַווקייט. מיר קענען זיכער אַלע שטאָלצירען מיט דיר. אָבער פונ־דעסטוועגען גלויב איך, אַז דו האָסט נאָך געגוג צייט געהאַט זיך אומצו־קעהרען צו אונז לעצטען אָבענד.

— ווען איך האָב דעם מאַן צו זיין ברודער׳ס היים געבראַכט, בין איך געווען שטאַרק מיעד און אויסגעהונגערט, און איך האָב אָנגענומען זייער איינלאַדונג צו עסען מיט זיי. און ווען איך בין פערטיג געוואָרען, איז שוין גאַנץ שפּעט געווען. און זיי האָבען מיך שטאַרק געבעטען איך זאָל בלייבען דאָרטען נעכטיגען.

— געוויס, דו האָסט זיך גוט אויסגערוהט! דו האָסט זיך רוהיג גע־שלאָפען אין דער צייט ווען מיר זיינען וואַך געווען און שטאַרק בעזאָרגט וועגען דיר... — האָט אשר געזאָגט. מיינע אויגען קלעפּען זיך מיר, און דערצו בין אין אויך אויסגעהונגערט פון זיין אויף די גאַנצע נאַכט.

— און ווען ביזטו נישט הונגעריג! — האָט יהודה א שמייכעל געטהאָן. אָט נעהם א ביסעל שפּייז וואָס די גוטע מענשען פון עדלם האָבען מיר מיטגעגעבען.

— דו מיינסט די גוטע מיידעל? — האָט לוי געלאַכט.

— דו האָסט אָבער אונז אַלץ נישט ערקלעהרט, ווער איז געווען די מיידעל, וועלכע האָט דיך בעגלייט רייטענדיג אויף איהר אייזעל. און ווי נאָר זי האָט אונז דערזעהען, האָט זי זיך אומגעקעהרט...

— אָ, די מיידעל, איהר נאָמען איז עלית! — האָט יהודה געזאָגט מיט צופריעדענהייט.

— וואָס איז דער אונטערשיעד וואָס איהר נאָמען איז? — האָט שמעון געזאָגט. אָבער איך האָב פון וויטען בעמערקט ווי דו נעהמסט פון איהר דיינע אויגען נישט אַרונטער, ווילסטו אונז דען נישט זאָגען ווער זי איז און פאַר וואָס זי האָט דיך בעגלייט?

— זי איז די טאָכטער פון שוע, וועלכער איז דער ברודער פון חירה.

— און ווער איז דאָס אָט דער חירה? — האָט געפרעגט ראובן.

— חירה איז דער מאַן וועמען איך האָב געטראָפֿען אַ פאַרוואונדעטען אין פעלד. ער איז זעהר אַ פיינער מאַן... זיין ברודער שוע האָט געפיהלט נישט גוט, האָט ער נישט דערלאָזען אַז עלית זאָל געהן, ווי איהר שטייגער איז צו פיטערען די שאָף פון איהר פאָטער און ער איז אַליין געגאַנגען, איבערלאָזענדיג עלית'ן זי זאָל אַכטונג געבען אויף איהר פאָטער.

— איז דאָס נישט געווען די שאָף פון חירה'ן וואָס דו האָסט אָפּגע־ראַטעוועט? — האָט נפתלי איהם געפרעגט.

— ניין, דאָס איז געווען די שאָף פון שוע, וועלכע עלית פאַשעט יעדען טאָג... און אַלעם דאַנקבאַרקייט וואָס איך האָב פאַר איהר געטהאָן, איז עלית געגאַנגען מיך בעגלייטען און אויך אָנצייגען אַ ברונעם פון גוטע וואַסער.

— נו, איז עלית עפּעס אַ שעהנע מיידעל? — האָט שמעון איהם אַ קיבעץ געטהאָן.

— אויב דו דענקסט אַז יהודה וועט זיך לאָזען בעגלייטען פון אַ נישט שעהנע מיידעל, מאַכסטו אַ טעות — האָט לוי געזאָגט.

— און לויט ווי איך האָב איהר פון ווייטען בעטראַכט, דוכט זיך מיר, אַז זי איז גאָר אַ זעלטענע שעהנהייט! — האָט דן געלאַכט.

— און פאַרוואָס האָסטו איהר גלייך אַוועקגעשיקט, ווען דו האָסט אונז דערזעהן? — האָט יששכר געפרעגט. וואָס וואָלט דיך געאַרט ווען מיר קוקען איהר אָן?

— מיר זיינען דאָך נישט ווייט פון עדלם, אפשר וואָלסטו אונז צו־געפיהרט צו איהר פאָטער'ס הויז און מיר וואָלטען געקענט אַ קוק טהאָן אויף איהר און דערווייל פילייכט קריגען אַ געשמאַקען מיטאָג! — האָט אשר אַ זאָג געטהאָן.

— נו, גענוג שוין חוזק צו מאַכען! — האָט יהודה אויסגערופען מיט אַן ערנסטען פּנים. — לאָמיר זיך אומקעהרען צו די איבריגע ברידער און פאָרטזעצען אונזער רייזע...

— אַז מיר זיינען שוין דאַ, טאָ פאַרוואָס צייגסטו אונז נישט וואו דער ברונים געפינט זיך? — האָט לוי זיך אָפּגערופען. דו זאָגסט דאָך אַז די מיידעל איז דיר געגאַנגען ציינען דעם ברונעם אין דיזען געגענד.

— איך האָב גלייך פערשטאַנען, אַז די מעשה מיט דעם ברונעם איז אַן אויסגעטראַכטע, כדי זיך צו פערענטפערען פאַר וואָס די מיידעל האָט איהם בעגלייט... האָט לוי געלאַכט.

— אָט דאָרט איז דער ברונים! — האָט יהודה אָנגעצייגט מיט זיין האַנט... יעצט זעהסטו שוין אַז איך האָב דיך נישט אָפּגענאַרט.

די ברידער זיינען גלייך צוגעגאַנגען אהין און זיך אָנגעטרונקען מיט דעם קאַלטען, פרישען וואַסער. זיי האָבען אָנגעפילט זייערע לאָגלען מיט וואַסער און זיך צוריקגעקעהרט צו זייערע ברידער, וועלכע זיינען פערבליבען היטען די שאָף.

11

די ישמעאלים

פיעלע פון די, וועלכע שטאמען פון די קינדער פון ישמעאל האבען זיך מתחתן געווען מיט די קינדער פון לוט׳ס טעכטער און זיי האבען צוזאמענגעשטעלט דעם שבט פון ישמעאל.

די ישמעאלים זיינען געווען א וואנדערענדער שבט. זייער הויפט קווארטיר איז געווען אין מדבר שור. זייער ערנעהרונג האבען זיי געקראגען פון די אפטע אנפאלען און רויבערייען, וואס זיי פלעגען דורכפיהרען אויף די כנענים און אויף אנדערע שבטים. איבערהויפט פלעגען זיי בעפאלען די פאסטוכער וועלכע האבען געפיטערט זייערע שאף אין די טהאלען. זיי פלעגען זיך אוועקלאזען אין קליינע גרופעס אין פערשיעדענע ריכטונגען און בעפאלען די דורכגעהענדע און ביי זיי אוועקרויבען אלעס וואס זיי האבען געהאט. אפטמאל האבען זיי אויך גענומען געפאנגען מענשען כדי זיי נאכהער צו פערקויפען פאר שקלאפען.

ווען זיי זיינען פערטיג געווארען מיט זייער רויב, פלעגען זיך די גרופעס אוועקלאזען נאך זייער הויפט קווארטיר, אין שור, און איבערגעבען דאס גאנצע אנגעזאמעלטע רויב צו זייער הויפט.

דער הויפט פלעגט צוטהיילען די בהמות און אנדערע זאכען גלייך אויף גלייך און דאס וואס עס פלעגט איבערבלייבען, פלעגט ער אוועקשיקען מיט קאראוואנען נאך מצרים צו פערקויפען דארט די בהמות און די מענש־ליכע שקלאפען.

פיעלע פון זיי פלעגען אויך מיטנעהמען צו פערקויפען אין מצרים פערשיעדענע געווירצען... די וועלכע פלעגען ארומרייזען מיט זייערע קעמלען פערקויפען, האט דער הויפט פון די ישמעאלים א נאמען געגעבען מדנים — סוחרים.

די הויפט עובדא פון די מדנים איז געווען אומצובייטען די גערויבירטע סחורות וואס זיי פלעגען באקומען פון זייער אנפיהרער, אויף קליידער און כלים ,אין וואס זיי פלעגען זיך נויטיגען. זיי אליין אבער, האבען זיך אויך נישט באנוגענט דערמיט אליין. ווען זיי פלעגט זיך מאכען צום האנט, פלעגען זיי זיך נישט אפשטעלען פאר גנבה און גזלה. געוועהנליך, זיי זיינען געווען מעהר פארזיכטיג ווי די ישמעאלים, זיי האבען געזוכט אויסצומיידען אריינצוגעהן אין א קאמף, און ווען זיי האבען בעמערקט אז די אייגענטהי־

מער פון די בהמות מאכען א ווידערשטאנד, האבען זיי איבערגעלאזען זייער רויב און שנעל צוריק געטראטען.

אין יענער צייט איז דער הויפט פון די ישמעאלים (אראבער) געווען א שטארקער מאן מיט'ן נאמען איתן.

ער האט געהערשט מיט אן אייזערנער האנט אויף זיינע אונטערטאנען. איינמאל אין צעהן טעג פלעגט ער איינטהיילען די ישמעאלים אין גרופעס און זיי פאנאנדער שיקען אין פערשיעדענע געגענדען... און ווען א באנדע האט געוואגט זיך אומצוקעהרען מיט ליידיגע הענט, האט זיי איתן שטארק בעשטראפט. און די וועלכע פלעגען ברענגען מיט זיך וואס מעהר שלל, זיינען גוט בעלוינט געווארען.

די כנענים און די אנדערע שבטים, וועלכע זיינען געווען איינגעזעסענע אין זייערע שטעדט און דערפער, פלעגען שטארק ציטערען פאר די ישמעאלים און נישט איינמאל האבען זיי זיך פעראייניגט און ארוים מלחמה האלטען מיט די אראבער.

אין א צייט פון א מלחמה, האט איתן צוזאמענגערופען אלעמען, אפילו די מדנים און זיי האבען ביטער געקעמפט געגען זייערע שונאים...

נישט איינמאל האבען די ישמעאלים געכאפט א מפלה פון די פער-אייניגטע שבטים, און נאך אזא נידערלאגע, פלעגען די ישמעאלים אויף א קורצער צייט אפלאזען די כנענים, און זיך א קעהר טהאן צו מערב זייט, וואו די פלשתים האבען געוואוינט.

נישט איינמאל האבען זיי געמאכט א פארזוך צו מאכען איבערפאלען ארום די געגענדען פון חברון. אבער ווען זיי האבען זיך דערוואוסט אז די זיהן פון יעקב פיטערען דארט די שאף, איז א מורא אויף זיי אנגעפאלען. אלע האבען געוואוסט אז די זיהן פון יעקב'ן זיינען גרויסע גבורים, און אנפאנגען זיך מיט זיי, וואלט געמיינט א פארניכטונג פון זייער גאנצען שבט... זיי האבען געהערט וואס יעקב'ס זיהן האבען געטהאן צו דער גאנצער שטאדט שכם, וואו זיי האבען כמעט אויסגעראטען אלע איינוואוי-נער פון יענער שטאדט צוליעב דעם, וואס איינער האט געוואגט צו בעליי-דיגען זייער שוועסטער.

איינמאל האט איתן צוזאמענגערופען אלע אנפיהרער פון יעדער באנדע און זיך צו זיי אפגערופען:

— איך האב געהערט אז די איינוואוינער פון חברון זיינען זעהר רייך אין שאף און רינדער, און איך פערשטעה נישט פאר וואס מיינע קנעכט מיידען אויס יענעם געגענד.

מען זאגט אז דארטען געפינען זיך שטארקע מענשען און עס איז א גרויס געפאהר זיך מיט זיי אנצופאנגען — האט איינער פון די אנפיהרער זיך אפגערופען.

— איהר שרעקענדיגע האזען! איהר פייגלינגע! — האט איתן א געשריי געטהאן מיט א דונערדיגע שטימע. — איך בעפעהל אייך צו גיין נאך חברון און ברייגנען אין מיין לאגער א סך רויב פון די דארטיגע איינ-וואוינער.

— מיין גענעדיגער האר! — האָט אַ צווייטער אויסגערופען, פאַלענדיג מיט׳ן פּנים צו דער ערד. — ווייסטו דען נישט, אַז אין חברון געפינט זיך די משפּחה פון יעקב...

— נו, און וואָס איז אַז זיי געפינען זיך דאָרט?

— אָבער מען זאָגט אַז זיי זיינען גרויסע גבורים און אין אַ קאַמף קומען זיי אימער ארויס די זיגער. האָסטו דען נישט געהערט וואָס זיי האָבען געטהאָן צו שכם און צו איהרע איינוואוינער?

— אויב אַזוי! — האָט איתן זיך נאָך שטאַרקער צושריען — ווייל איך אַז איהר זאָלט דוקא אַהין געהן און מיר ברייננען פון דאָרט אַ גרויסען שלל... זאָלען זיי וויסען, אַז מיר שרעקען זיך גאַנץ ווייניג אָפּ פאַר זיי.

אַ פּחד איז אָנגעפאַלען אויף אַלע אָנפיהרער פון די באַנדעס. זיי האָבען געוואוסט אַז אָנצופאַנגען זיך מיט די בני יעקב, מיינט אַ זיכערער טויט פאַר זיי... אָבער אין דער זעלבער צייט האָבען זיי נישט געקענט ווידערשפּעניגען די רייד פון זייער הויפּט, ער וועט דאָך זיי בעשולדיגען אַז זיי זיינען פייגלינגע און שוואַך... דעריבער האָבען זיי איהם פערשפּראָכען אַז דאָס צווייטע מאָל, ווען זיי וועלען ארויסגעהן אויף זייער רויב צוג, וועלען עטליכע באַנדעס געהן צוזאַמען נאָך חברון.

צווישען זיך אָבער, האָבען די אָנפיהרער פון די באַנדעס גענומען זוכען מיטלען ווי אַזוי אָפּצוּוואַרענדען די געדאַנקען פון זייער הויפּט, אָנצופיהרען אַ קאַמף מיט די משפּחה פון יעקב.

— ד איינציגע זאַך, וואָס מיר דאַרפען זאָגען אונזער הויפּט — האָט איינער זיך אָפּגערופען — איז, אַז דער גאָט פון יעקב׳ן איז מעכטיג און ער בעשיצט זיי געגען אַלע זייערע שונאים.

— דאָס וועט איהם נישט אָפּהאַלטען — האָט אַ צווייטער געזאָגט.

— אויב אַזוי — האָט אַ דריטער אויסגערופען — האָב איך אַ בע־סערען געדאַנק.

— וואָס איז דאָס? — האָבען אַלע נייגעריג אַ פרעג געטהאָן.

— ווען איהר וועט עס הערען, וועט איהר מוזען צוגעבען אַז איך בין קליגער פון אייך אַלעמען. יאָ, איך האָב מעהר פערשטאַנד און איך בין מעהר געלערענט פון אייך אַלעמען.

— אָבער זאָג דאָך אונז, וואָס איז דיין עצה! — זיינען זיי געוואָרען אומגעדולדיג.

— ווייסט איהר דען פון וואַנען די משפּחה פון יעקב׳ן שטאַמט?

— האָט ער זיי געפרעגט מיט נצחון.

זיי האָבען געקוועטשט מיט די פּלייצעס און איהם נאָך אַלץ אָנגעקוקט מיט פערוואונדערונג.

— זיי שטאַמען פון אברהם!

— נו, איז וואָס? — האָט איהם איינער געפרעגט.

— און פון וואַנען שטאַמען מיר? — האָט ער זיי ווייטער געפרעגט.

— מיר שטאַמען פון ישמעאל׳ן!

— ווייסט איהר דען נישט אַז ישמעאל איז אויך געווען אברהם׳ס

זוהן. אמת, נישט פון דער זעלבער מוטער שרה, ווי זיין זוהן יצחק, נאָר פון זיין דיענסט — הגר.

— נו, טאָ וואָס איז מיט דיר אַזוי די שמחה?

— אָ, זייט איהר אַלע אַזוי פערגרעבט, אַז איהר קענט זיך נישט אָנ־שטויסען וואָס איך מיין? — האָט ער אויסגערופען. — און ווייסט איהר נישט אַז לוט איז אברהם'ס פלימעניק?

— א גדולה אויף דיר! אָבער וואָס האָט עס פאַר אַ שייכות מיט דעם וואָס דו ווערסט זעהן אָפּוועגדען אונזער הויפּט, זיך נישט צו פערטשעפּען מיט די זיהן פון יעקב'ן.

— פערשטעהט איהר מיך, די משפחה פון יעקב זיינען נאָהענטע פערוואַנדטע מיט אונז. מיר זיינען, הייסט עס, קרובים סיי פון אונזער עלטער זיידען און סיי פון אונזערע באָבעס. פּאַסט דען פאַר אונז צו געהן קעמפען מיט קרובים.

— יעצט זעהען מיר אַז דו ביזט טאַקע זעהר קלוג! — האָבען די איבריגע אויסגערופען — עס איז אַ גוטער פּלאַן, און מיר זיינען זיכער אַז אונזער הויפּט וועט איינזעהן ווי נישט ריכטיג עס אז פון אונזער זייט צו קעמפען מיט נאָהענטע קרובים.

אויף מאָרגען איז דער אָנפיהרער צו געגאַנגען צום הויפּט פון זייער שבט און פאַרנייגענדיג זיך פאַר איהם האָט ער זיך אָפּגערופען

— זאָל מיין האַר מוחל זיין אויב איך וועל איהם באַלעסטיגען מיט אַ נאַרישע פראַגע.

— פרעג! — האָט דער הויפּט איהם געזאָגט.

— ווען מיר באַגעגענען אַ שבט, וועלכער איז גאַנץ נאָהענט פער־וואַנדט צו אונז, האָבען מיר אַ רעכט דיעזען שבט צו בעפאַלען און אָנפי־רען אַ מלחמה געגען איהם?

— דו ביזט דום ווי אַן אייזעל, מיר גאָר אַזא פראַגע צו שטעלען!

— האָט דער הויפּט געענטפערט. — אויב איהר זייט זיכער אַז יענער שבט איז פערוואַנדט צו אונז דאַרפט איהר נישט נאָר נישט קעמפען געגען איהם, זאָנדערען איהם צו קומען צו הילף אין פאַל פון נויטה.

— אויב אַזוי מיין האַר, וועלען מיר דאָך נישט קענען אויספיהרען דיין בעפעהל, צו געהן קעמפען געגען די משפחה פון יעקב'ן, ווייל זיי זיינען דאָך אונזערע נאָהענטע קרובים.

דער אָנפיהרער האָט דעם הויפּט דערצעהלט אַלעס וואָס ער ווייס פון יעקב'ן, ווי אַזוי ישמעאל און לויט זיינען געוועזען פערוואַנדעט, און צוגע־געבען: וואָלטען מיר דען געווען בעפאַלען די שבטים פון עמון און מואב?

— געווים נישט!

— און עמון און מואב זיינען בלויז פערוואַנדטע צו אונז פון אונזערע מוטערס, אָבער יעקב און זיינע זיהן זיינען אונזערע קרובים סיי פון אונזערע מוטערס און סיי פון אונזערע פאָטערס, טאָ ווי אַזוי וועלען מיר קענען קעמפען קעגען זיי?

— דו האָסט רעכט! — האָט זיך דער הויפּט אָפּגערופען, — און

דערפאר וואס דו בעזיצט אזוי פיעל חכמה, וועל איך דיך מאכען פאר דעם עלטסטען פון אלע אנפיהרער.

— איך דאנק דיר, מיין האר! — האט ער זיך ווידער פערנייגט — וואס איך האב געפונען גנאדע אין דיינע אויגען.

— און יעצט אז דו האסט מיר איבערצייגט אז מיר האבען זעהר נאהענטע קרובים, וועל איך דיך שיקען אהין מיט נאך איינינע פון מיינע קנעכט, איהר זאלט פיהרען פארהאנדלונגען אין מיין נאמען מיט יעקב'ן און זיינע זיהן, זיי זאלען זיך אנשליסען מיט אונז, און מיר וועלען ווערען איין מעכטיגער שבט. מיר וועלען צוזאמען הערשען איבער דעם גאנצען לאנד און זיך טהיילען די פערמעגענס פון אלע פעלקער, וועלכע געפינען זיך אין כנען!

דעם זעלבען טאג האט איתן אוועקגעשיקט שלוחים צו יעקב'ן אין חברון זיך איבערצוריידען מיט איהם וועגען שליסען א בונד און צו ווערען איין שבט מיט די ישמעאלים.

די שלוחים זיינען אנגעקומען אין חברון און אפגעשטעלט זייערע קעמלען נעבען די געצעלטען פון יעקב'ן.

ווען יעקב האט דערזעהען פרעמדע דורכוואנדערער אנקומענדיג, איז ער זיי אנטקעגען געגאנגען און זיי גלייך געבעטען צו זיך אין הויז. ער האט געהייסען צוגרייטען פאר זיי א גרויסארטיגען מאלצייט. יוסף האט אפגעבונדען זייערע קעמלען און געבראכט וואסער און עסען פאר זיי.

אין אבענד, ווען אלע זיהן פון יעקב האבען זיך צוריקגעקעהרט פון פעלד, האט דער עלטסטער פון די אנפיהרער זיך אפגערופען:

— מיר זיינען די קנעכט פון איתן, וועלכער הערשט איבער דעם שבט פון ישמעאלים. ער האט אונז צו אייך געשיקט מיט זעהר א וויכטיגע שליחות.

— איך בין גרייט צו הערען אין וואס עס בעשטעהט די שליחות פון אייער הערשער איתן! — האט יעקב זיך אפגערופען.

— אונזער שבט שטאמט פון די זעלבע עלטערען ווי אייער משפחה — האט דער שליח אנגעפאנגען — אונזער עלטער זיידע ישמעאל איז געוועזען א זוהן פון דעם זיידען אברהם, און אונזער עלטער באבע איז געווען א טאכטער פון לוט, אברהם'ס פלימעניק. און יעצט האט אונז אונזער הערשער איתן געשיקט מיט א שליחות פון שלום. ער וויל אז אייער משפחה זאל פעראייניגט ווערען מיט אונזער שטארקען שבט.

יעקב האט איהם אנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— פאר וואס וויל דיין הערשער זיך מיט אונז פעראייניגען? — האט ער איהם געפרעגט.

— מיר האבען געהערט, אז דיין משפחה זיינען אלע גרויסע גבורים און דעריבער האט אונזער הערשער געטראכט, אז ווען מיר וועלען זיך פעראייניגען וועלען מיר קענען בייקומען אלע אנדערע שבטים.

— אבער מיר זוכען נישט צו קעמפען מיט קיינעם פון די שבטים — האט יעקב געענטפערט. — מיר ווילען לעבען מיט זיי בשלום.

— צוזאַמען וועלן מיר קענען אַוועקנעהמען די רייכטהימער און די בהמות פון אנדערע. קיינער וועט אונז נישט וואַגן זיך אַקעגנצושטעלן.

יעקב האָט אַ שמייכעל געטהאָן.

— איך וועל קיינמאָל נישט קענען שליסען אַ בונד מיט אַ שבט וואָס לעבט אויף גנבה און גזלה אונזער גאָט פערבאָט צו גנב'ענען און רויבען...

— אָבער מיר זיינען דאָך קרובים! האָט דער שליח אויסגערופען — און מיר קענען איינער דעם צווייטען גרויסע נוצען ברענגען... ווען מיר בעפאַלען אַ שבט און נעהמען אַוועק זיין פערמעגען, וועלען מיר נישט זיין געצוואונגען מיט זיי שטאַרק צו קעמפען, ווען זיי וועלען וויסען, אַז דיין משפּחה איז מיט אונז פעראייניגט... און אין דער זעלבער צייט וועלען מיר זיך אָבער טהיילען די רויב, גלייך אויף גלייך.

— מיין זיידע אברהם, ווען ער האָט געקעמפט מיט דעם קעניג כדלעומר, צו באַפרייען זיין פלימעניק, לוט, און אַז גאָט האָט איהם געהאָלפען און ער האָט איהם בעזיעגט און נישט נאָר האָט ער פון זיי צוריק גענומען לוט'ס פערמעגען, נאָר אויך דעם גאַנצען פערמעגען פון סדום און עמורה... און כאָטש דאָס האָט ער געוואונען דורך זיין שווערד, פונדעסטוועגען האָט ער פאַר זיך נישט אָפּגעשטעלט אפילו דעם ווערטה פון אַ שוך־בענדעל, ווייל מיין זיידע האָט קיינמאָל נישט געוואָלט פערנעהמען זאַכען וואָס בעלאַנגען נישט צו איהם... און אויב דיין שבט בעריהמט זיך דאַמיט דאָס ער שטאַמט אויך פון אברהם'ען, ווי אַזוי קענט איהר פיהרען אַזאַ לעבען פון גזלה? ניין, מיין פריינד! געה, זאָג דיין הערשער אַז די מיטגליי־דער פון יעקב'ס משפחה זיינען עהרליך... זיי האָבען ערוואָרבען זייער רייכטהום דורך עהרליכע און שווערע האָרעוואַניע, און זיי וועלען זיך קיינ־מאָל נישט פעראייניגען מיט אַ שבט וואָס לעבט בלויז אויף דער שווערד.

דער שבט פון ישמעאל האָט זיך געזאָלט פעראייניגען מיט עשו'ס משפחה, וועלכע איז יעצט אין שעיר. — האָט ראובן, יעקב'ס עלטערער זוהן זיך אָפּגערופען — עשו לעבט אויך אויף זיין שווערד און איהר זייט דאָך קרויבים אויך צו איהם.

— מיט עשו'ן האָבען מיר שוין נישט איינמאָל געקעמפט — האָט דער שליח געזאָגט — מיר האָבען שוין פיעלע פון זיינע מענשען בערויבט, און צווישען אונז וועט קיינמאָל נישט הערשען קיין פריעדען.

— און מיט אונז קענט איהר קיינע מחותנים נישט ווערען, סיידען איהר וועט אויפגעבען אייערע שלעכטע וועגען און איהר וועט וועלען דיענען צו דעם איינציגען גאָט, צו וועמען מיר דיענען — האָט יעקב געזאָגט.

— איך וועל מיין הערשער איבערגעבען די בעדינגונגען, מיט וואָס איהר וועט איינשטימען צו ווערען איין שבט מיט אונז — האָט דער שליח געזאָגט, מיט גרויס ענטוישונג און איז מיט זיינע בעגלייטער אַוועקגעריטען פון חברון.

לאַנג האָט מען אין יעקב'ס הויז גערעדט וועגען דעם פאָרשלאַג פון איתן'ס שליח. און יעקב האָט זיך אָפּגערופען:

— עס איז נאָך מעגליך, אַז די ישמעאלים וועלען מאַכען אַ פערזוך צו

קעמפּען געגען אונז און מיר מוזען אימער זיין געגרייט. און דעריבער וואָלט איך אייך געבעטען, אז איהר זאָלט אייערע פיה פיטערען נישט ווייט פון דאַנען.

ווען אָבער איינינע מאָנאַטען זיינען אריבער, זינט דאַן ווען דער שליח איז געקומען שליסען אַ בונד, און יעקב האָט מעהר גאָרנישט געהערט פון זיי, האָט ער שוין כמעט אין גאַנצען אָן זיי פערגעסען... און ווען די זיהן זיינען צו איהם געקומען און געזאָגט, אַז צוליעב דער גוטער פּאַשע, וואָס עס געפינט זיך אַרום די געגענדען פון שכם, וועלען זיי אַהין אַוועקרייזען, האָט יעקב זיי ערלויבט.

די פינף ישמעאלים, וועלכע האָבען געהאַט אַוועקגערויבט חירה'ס שאָף און זיינען שוין געווען גרייט מיט דעם גרויסען שלל אָפּצורייזען נאָך שור, צו זייער הויפט, אָבער יהודה האָט זייערע פּלענער צושטערט, זיי זיינען קוים מיט זייערע לעבענס ענטלאָפען פון יענעם טהאָל... זייערע וואַפען האָבען זיי פערלאָהרען און אויך פיעלע זאַכען, וואָס זיי האָבען געהאַט אָנגערויבט פון אַנדערע האָבען זיי פון גרוים איילעניש און שרעק איבערגעלאָזען... יעצט זיינען זיי געווען אַזוי מיעד און הילפלאָז, אַז זיי האָבען בעשלאָסען זיך דערווייל אָפּצורוהען ערגעץ וואו אויפ'ן גראָז.

— מיר דאַרפען גוט פאָרזיכטיג זיין, אַז דער מאַן זאָל דיזען וועג נישט פאַרביי געהן און אונז בעמערקען, ווייל אויב ער זאָל אונז דאָ דערזעהען, קען ער נאָך אונז ווידער געבען פערזוכען דעם טעם פון זיינע געזונטע פויסטען. — האָט איינער פון די אַראַבער געזאָגט.

— אָ, ווי שטאַרק איך פיהל נאָך דעם וועהטאָג אין מיין פּלייצע, — האָט זיך אַ צווייטער גענומען בעקלאָגען, פּרובירענדיג זיך אויסציהען אויפ'ן גראָז. קיין איין גאַנצען גליעד האָט ער אין מיר נישט איבערגעלאָזען!

— עס איז אַ גרויסער וועהטאָג און נאָך אַ גרעסערע שאַנדע, אַז איין מאַן זאָל אונז פינף קענען בייקומען — וואָס וועט אונזער הערשער זאָגען וועגען דעם.

— וואָס וועט ער קענען זאָגען דעראויף? האָבען מיר זיך דען נישט גוט פערטהיידיגט? מיר האָבען דאָך געקעמפּט מיט פערצווייפלונג... אָבער איז עס אונזער שולד וואָס דער מאַן בעזיצט אייזערנע פויסטען... מיך וואונדערט ווער דער גרויסער העלד איז? איך פאַנג אָן צו גלויבען, אַז עס איז גאָרנישט געווען אַן איינפאַכער מאַן, עס האָט זיכער געמוזט זיין אַ מלאך...

— דו רעדסט נאַרישקייטען! — האָט אַן אַנדער אַראַבער זיך צו איהם אָפּגערופען. — פאַר וואָס זאָל אַ מלאך קומען יענעם מאַן צו הילף, איז ער דען אַ הייליגער מאַן. ער איז דאָך אַ פּאַסטוך, ווי אַלע פּאַסטוכער... דאָס איז געווען אַ מאַן אַ גבור, און צו אונזער גרויסען אומגליק איז דיזער מאַן אָנגעקומען אין דער צייט... ער האָט געוויס געהערט די געשרייען וואָס דער פּאַסטוך האָט געגעבען בעת מיר האָבען פון איהם אַוועקגערויבט זיינע שאָף,

און ער איז דאָרטען צוגעגאַנגען און דער פּאַסטוך האָט איהם אַלעס דער־צעהלט, איז ער צו אונז צוגעקומען.

— יעצט פעדדריסט מיך שוין, וואָס מיר האָבען דעם פּאַסטוך אין גאַנצען נישט געטויטעט... ווען מיר טויטען איהם און בעהאַלטען זיין קער־פּער, וואָלט גאָר קיינער נישט געוואוסט אז מיר האָבען זיינע שאָף אוועק געטריבען און מיר וואָלטען זיך רוהיג אונזער וועג געגאַנגען.

— און מיר דוכט זיך, אז מיר האָבען איהם אַזוי צושלאָגען, אז ער וועט מעהר קיין כח נישט האָבען אפילו אַ וואָרט ארויסצורעדען.

— און יעצט האָט אונז אַלעמען איין מאַן אזוי צושלאָגען, אז מיר האָבען קיין כח נישט זיך פון אָרט צו ריהרען.

— און מיך וואונדערט נאָר וואָס יענער מאַן האָט אונז אין גאַנצען נישט געטויטעט... ער האָט אונזערע וואָפען פון אונז אוועקגענומען און אונז אַזוי אָפּגעשוואַכט, אז ער האָט מיט אונז געקענט טהאָן וואָס ער וויל.

— אָה, — האָט איינער געקרעכצט — מיינע הענט זיינען אַזוי ווי געלעהמט — איך האָב זיך אַזוי לאַנג מיט איהם געפּאָכטען, אז איך האָב שוין געפיהלט אז איך האָב שוין מעהר קיין מאַכט נישט אין מיין האַנד.

— ווען מיר וואָלטען אמווייניגסטען אונזערע שווערדען, געהאַט וואָלטען מיר שוין געקענט געפינען אַן אויסרייד פאַר איתן׳ען, אָבער יעצט וועלען מיר איהם דעם גאַנצען אמת מוזען זאָגען און ווער ווייס וואָס פאַר אַ שטראָף עס ערוואַרטעט אונז פון איהם.

— ווי גרויס וועט אָבער זיין אונזער שאַנדע, ווען מיר וועלען זיי אליין דערצעהלען, אז אונז איז בלויז איין מאַן בעפאַלען און מיר פינף האָבען איהם נישט געקענט בייקומען.

— אפשר זאָלען מיר אונזער הערשער אַ ליגען זאָגען, — האָט איינער פון די אַראַבער זיך אָפּגערופען. — מיר קענען איהם זאָגען אז מיר זיינען בעפאַלען געוואָרען פון אַ גאַנצען שבט... און כאָטש מיר האָבען פערלאָהרען אונזערע וואפען, זיינען מיר דאָך געבליבען לעבען... דאַן וועט אונז נאָך איתן שטאַרקער ליבען.

— עס וועט לאַנג נישט נעהמען און ער וועט דערגעהן דעם אמת — האָט אַן אנדערער געזאָגט — דאַן זיינען מיר אַלע פערלאָרענע.

— אָבער אז מיר וועלען אָפּמאַכען דאָס קיינער פון אונז זאָל איהם נישט דערצעהלען דעם אמת, טו פון וואַנען וועט ער אויסגעפינען.

— אונזער הערשער איז קלוג — האָט אַן אנדערער געזאָגט — און ווען מיר וועלען איהם זאָגען אז אַ גאַנצער שבט איז אונז בעפאַלען, וועט ער וועלען דערגעהן וואו עס האָט פּאַסירט און ווי זיי קוקען אויס און אַנדערע איינצעלהייטען, ביז וואַנען מיר וועלען זיך נעהמען ווידערשפּרעכען איינער דעם צווייטען און דאַן וועט ער זיך ארומזעהן אז מיר זאָגען איהם אַ ליגען... און אונז אַלעמען איז דאָך באַוואוסט, וואָס עס מיינט צו זאָגען אַ ליגען אונזער הערשער... ער וועט דאָך אונז אַלעמען מיט׳ן טויט בעשטראָפען! ניין, איך וועל קיין ליגען נישט זאָגען!

— און איך וועל אויך זאָגען נאָר דעם אמת, — האָט אַ צווייטער זיך

אָפּגערופען. — פאַר'ן אמת האָבען מיר זיך גאָרנישט וואָס צו שרעקען... פיליכט וועלען מיר זיך דאַרפען עטוואָס שעהמען, אָבער אונזערע לעבענס וועלען דאָך זיין געזיכערט...

— און איך ווייס גאָרנישט צו מיר וועלען זיך נאָך דאַרפען שעהמען — האָט אַן אַנדערער געזאָגט. — איך בין זיכער, אַז יענער שטאַרקער מאַן וואָלט אונז בייגעקומען אפילו ווען מיר זיינען צעהן מאָל אַזויפיעל ווי יעצט... צווישען אונז ווערט מען אזא וואונדערבאַרען העלד נישט געפינען.

אַ היבשע ווײלע זיינען די פינף אַראַבער געלעגען אויסגעצויגען אויפ'ן גראָז און צווישען זיך גערעדט פון דער פאַסירונג וואָס מיט זיי האָט זיך געטראָפען... יעדער פון זיי האָט זיך שטאַרק בעקלאָגט אויף אַן אַנדער וועהטאָג, וואָס עס איז איהם געקומען פון די קלעפּ וואָס ער האָט געקראָגען פון יענעם וואונדערבאַרען העלד... ווען זיי האָבען זיך שוין געהאַט אויסגערוהט, האָבען זיי זיך פערנומען נאָך שור. מיט געבויגענע קעפּ און מוטהלאָזע זיינען זיי דאָרטען אָנגעקומען. מען האָט גלייך דערצעהלט איתן'ען וועגען דעם אָנקומען פון די פינף אַראַבער און ער האָט זיי גלייך געהייסען קומען צו איהם.

די פינף אַראַבער זיינען מיט זייערע פּנים'ער צום באָדען געפאַלען און אויסגערופען:

— זאָלען די געטער פון שור שיקען די ברכה צו אונזער גענעדיגען הערשער און געבען כח צו זיינע קנעכט בייצוקומען אַלע זייערע שונאים...

— וואו זיינען אייערע וואַפען? — האָט איתן'ס שטימע אַ דונער געטהאָן.

די אַראַבער האָבען גענומען ציטערען פון שרעק.

— פאַר וואָס שווייגט איהר? — האָט זיך איתן נאָך שטאַרקער צושריען — נישט נאָר זייט איהר געקומען מיט ליידיגע הענט, נאָר איהר זייט אויך ענטוואָפענט געוואָרען. זאָגט מיר שנעלער וואָס האָט מיט אייך פּאַסירט, אויב נישט וועל איך אייערע קעפּ פון אייערע פּלייצעס אָפּטיילען.

דער עלטסטער פון די אַראַבער האָט זיך אויפגעהויבען און האָט זיך אָפּגערופען:

— מיר זיינען יענעם טאָג, ווען אונזער האַר האָט אונז אַוועקגעשיקט צו זוכען רויב, געגאַנגען אויף דעם וועג וואָס פיהרט צו עדלם. דאָרטען האָבען מיר געהערט דערצעהלען, אַז די פּאַסטוכער פיטערען נישט די שאָף צוזאַמען, און אונז ווערט זיכער גרינג אָנקומען אַוועקצוטרייבען די שאָף פון איינצעלנע פּאַסטוכער, און ווירקליך, די געטער האָבען אונז בעגליקט. מיר זיינען ארונטער אין טהאָל און פון וויטען בעמערקט פיעלע שאָף פיטערען זיך... מיר האָבען זיך גוט אַרומגעקוקט און געזעהן בלויז איין פּאַסטוך... מיר זיינען שנעל צוגעקומען צום פּאַסטוך און פון איהם פערלאַנגט ער זאָל אונז זיינע שאָף אָפּגעבען.. ער האָט זיך אָבער גענומען קעמפען געגען אונז. ער האָט ארויסגעוויזען אַ שטאַרקען ווידערשטאַנד... אָבער מיר האָבען איהם גענומען ווייזען, אַז מיט ישמעאלים קען מען אַזוי גרינג נישט קעמפען... מיר האָבען יענעם פּאַסטוך אַזוי צושלאָגען... ער האָט גענומען שטאַרק שרייען, אָבער מיר האָבען זיך צו זיינע געשרייען נישט צוגעהערט.

מיר האָבען איהם גענומען געבען וואָס מעהר קלעפּ, ביז וואַנען מיר האָבען איהם איינגעשטילט... מיר האָבען צוגענומען די גאַנצע שאָף וואָס ער האָט געפּיטערט און מיר האָבען גענומען געהן אונעזער וועג, דאַנקענדיג די געטער פֿון שור פּאַר אונזער שנעלען געווינס. פּלוצלונג אָבער האָבען מיר בעמערקט ווי אַ מאַן קומט אָן הינטער אונז רייטענדיג אויף אַן אייזעל און זיין בלויזער שווערד אויסגעשטרעקט אין זיין האַנד... מיר האָבען זיך גלייך גענומען צו אונעזרע שווערדען, און מיר זיינען איהם אַנטקעגען געגאַנגען.. דער אומבעקאַנטער האָט צו אונז אַ געשריי געטהאָן, אַז מיר זאָלען אומקעהרען די שאָף צו זייער אייגענטהימער. מיר האָבען איהם אויסגעלאַכט און געיואָלט פּאָרטזעצען אונזער וועג. אָבער דער מאַן האָט אונז נאָכגעפּאָלגט... ער האָט אונז צום צווייטען מאָל בעפֿוילען אומצוקעהרען די שאָף צו דעם פּאַסטוך, ביי וועמען מיר האָבען זיי גערויבט. דאַן זייענן מיר שוין שטאַרק אין כעס געוואָרען און האָבען איהם געוואָרענט, דאָס אויב ער וועט נישט באַלד אָוועק פֿון דאַנען, וועלן מיר צו איהם טהאָן וואָס מיר האָבען געטהאָן צו יענעם פּאַסטוך... מיר זיינען געוועזען זיכער, אַז יעצט וועט ער זיך דערשרעקען און אַנטלויפען... צו אונזער גרויס בעוואונדערונג, איז ער אָבער ארונטער פֿון זיין אייזעל און איז אונז ענטגעגען געגאַנגען מיט זיין שווערד.

— אויב אַזוי! — האָבען מיר צו איהם געזאָגט — וועלען מיר באַלד מאַכען אַן ענדע צו דיין אייגען לעבען! און מיר האָבען זיך גענומען ארויפּפאַרפען זיך אויף איהם מיט אונזערע שווערדען.. ער אָבער איז געוועזען זעהר פלינק און האָט גלייך אַ שפּרונג געטהאָן אויף צוריק און זיך גענומען פעכטען מיט אונז... מיר זיינען געוועזען אַזוי זיכער, אַז מיר פינף וועלען דעם איינעם בייקומען, אַז בלויז צוויי פֿון אונז האָבען זיך גענומען פעכטען מיט איהם און די איבריגע פֿון אונז זיינען געשטאַנען און צוגעקוקט, זייענדיג גרייט צו יעדער רגע צו קומען אונזערע פריינד צו הילף. אָבער ווי גרויס איז אונזער ערשטוינונג געוועזען, ווען מיר האָבען דערזעהען, אַז די צוויי זוועדען פֿון אונזערע ברידער, ליגען אויף דער ערד און זיי שטעהעןביידע צוקלאַפּטע און פערבלוטיגטע... גלייך האָבען מיר דריי, זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף איהם מיט אונזערע שאַרפע שווערדען. מיר האָבען זיך געצילעוועט צו זיין האַרץ, אָבער יענער מאַן האָט מיט אַזאַ אומגעהוירע גרויסע גבורה זיך גענומען פעכטען אויך געגען אונז, אַז מיר האָבען באַלד דערזעהן דאָס מיר וועלען איהם אַזוי גרינג נישט קענען בייקומען. מיר האָבען אָנגעגורט אַלע אונזערע כחות און מיט דער גרעסטער פערצווייפלונג און פערביטערונג געגען איהם גענומען קעמפען. לאַנג האָבען מיר געגען איהם געקעמפט, ביז וואַנען מיר זיינען אַזוי מיעד געוואָרען, אַז ווען ער האָט אונזערע שווערדען פֿון אונזערע הענט ארויסגעקלאַפּט, האָבען מיר שוין מעהר קיין כח נישט געהאַט זיי אויפצוהויבען...

— גרויסע העלדען זייט איהר! און יענער מאַן האָט געקעמפט געגען פינף און איהם איז יע פערבליבען כח אָנצוגעהן מיט'ן קאַמף, — איז איתן אויפגערעגט געוואָרען.

— אַט דאָס זאָגען מיר דאָך אונזער האַר! — האָט דער עלטסטער

ווידער געזאָגט. זינט מיר קומען אין בעריהרונג מיט מענשען, האָבען מיר נאָך קיינער נישט בעגעגענט אַ מאַן וועלכער זאָל בעזיצען אַזאַ זעלטענע גבורה!

— צו אַזעלכע פייגלינגע ווי איהר זייט, דאַרף מען קיין גרויסע גבורה נישט האָבען! — האָט איתן זיך אַקרים געטהאָן — דאָס הער איך צום ערשטען מאָל, אַז פינף פון מיינע קנעכט זאָלען זיך אַזוי דערשרעקען פאַר איין פרעמדען מאַן.

— אָבער מיין האַר, איך פערזיכער דיר, אַז אפילו ווען מיר וואָלטען הונדערט געווען, וואָלטען מיר איהם אויך נישט געקענט בייקומען... ווייל שטאַרק ווי אַ לייב איז ער און זיינע פויסטען זיינען פון אייזען.. מיר האָבען אַלע זעהר העלדיש געקעמפט, אָבער אומזיסט איז געווען אונזער מיה.

— און וואָס איז ווייטער געשעהן? — האָט איתן אַ פרעג געטהאָן מיט גרוים אומגעדולד.

— דער מאַן האָט אונזערע שווערדען פון דער ערד אויפגעהויבען און אונז בעפוילען אומצוקעהרען די שאָף צוריק צו דעם פאַסטוך, פון וועמען מיר האָבען זיי גערויבט — האָט דער עלטסטער אַראַבער געזאָגט מיט שרעק. ער האָט בעמערקט ווי אַ פייער פון גרוים צאָרן צינדט זיך אָן אין די אויגען פון איתן, און אַ ציטער איז דורך זיין קערפּער.

— און איהר פינף „העלדען“, האָט יענעם מאַן געפאָלגט? — האָט איתן אַ קריץ געטהאָן מיט זיינע צייהנער.

— מיר זיינען געווען הילפלאָז, ענטוואָפענט.. און מיר האָבען געמוזט פאָלגען, אַז נישט וואָלטען מיר מיט אונזערע לעבענס געדאַרפט בעצאָהלען.

— אַזעלכע „העלדען“ זייט איהר דאָס! — האָט איתן אויסגעשריען, און אַ זעץ געטהאָן דעם עלטסטען מיט דעם שטעקען וואָס ער האָט אין האַנט געהאַלטען.

דער עלטסטער פון די פינף איז אומגעפאַלען אויף דער ערד אַ צובלוטיג־טער און די איבריגע פיער האָבען זיך גענומען טרייסלען פון שרעק.

— מעהר שיק איך אייך נישט אַוועק פון שור. ווי הינט וועט איהר דאָ בלייבען און טהאָן אַלערליי שווערע אַרבייט — האָט ער גענומען שלאָגען די איבריגע.

די גרעסטע שטראָף איז ביי די ישמעאלים געווען ווען איתן האָט אַוועק גענומען פון זיי דאָס רעכט צו בעטהייליגען זיך אָן איבערפאַלען... בלויז גאַנץ אַלטע אָדער שוואַכע האָבען זיך נישט בעטהייליגט אין רויבערייען. יענע האָבען געמוזט זיך נוצליך מאַכען אין שור, און אויף זיי פלעגען אַלע קוקען מיט בטול און חוזק...

ווען די פינף האָבען זייער פסק געהערט, זיינען זיי געפאַלען צו איתן׳ס פיס און מיט טרעהרען אין די אויגען זיך אָפּגערופען:

— זיי אונז מוחל גרויסער האַר! מיר האָבען געקעמפט ווי גרויסע העלדען.. אָבער דער מאַן בעזיצט אַ געטליכע גבורה, און ער וואָלט אַליין בייגעקומען הונדערט העלדען.

דאָביי איז געשטאַנען דער שליח, וועמען איתן האָט מיט איניגע חדשים פריהער געהאַט געשיקט צו יעקב'ן צו שליסען אַ בונד, כדי צו ווערען איין שבט. ער האָט רחמנות געקראָגען אויף די פינף אַראַבער, אויף וועמען איתן האָט אַזאַ שטראָף ארויפגעלעגט, און זיך אָפּגערופען:

— זאָל מיר מיין האַר ענטשולדיגען און איך, דיין קנעכט וויל ריידען.

— וואָס ווילסטו זאָגען? — האָט איתן איהם געפרעגט.

— איך מיין אַז פיליכט איז יענער מאַן, וועלכער האָט געקעמפט אַזוי העלדיש געגען פינף פון אונזערע ברידער, אַ זוהן פון יעקב'ן... דאַן קען מען זיי טאַקע נישט בעשולדיגען אין שוואַכקייט. וויל אַ זוהן פון יעקב'ן קען מען נישט אַזוי גרינג בעזיעגען.

— אָבער ווי קומט דאָרטען אַ זוהן פון יעקב'ן? — האָט איתן זיך אָפּגערופען — זיי געפינען זיך דאָך אַרום חברון און דאָס איז פאַרגעקומען אין דעם טהאָל וואָס איז נעבען עדלם.

— קען אימיצער פון אייך מיר פיליכט זאָגען, ווי אַזוי יענער מאַן האָט אויסגעקוקט? האָט ער זיך געווענדעט צו די פינף דערשלאָגענע אַראַבער.

— ער האָט אויסגעקוקט זעהר יונג, אַרום פינף-און־צוואַנציג יאָהר און אפשר נאָך איינגער... זיינע האָר זיינען געווען פעך שוואַרץ און געקרייזעלט און זיינע געזיכטסציגע זיינען ווי אייזען געווען... ער איז געווען הויך און פעסט געבויט און זיינע אויגען זיינען געווען מידע, אָבער ווען ער איז אין כעס געוואָרען האָבען דאָרטען פייערען געברענט.

— יעצט בין איך איבערצייגט אַז דער מאַן איז געווען איינער פון די בני יעקב! — האָט ער אויסגערופען.

— און איך קען דאָס אַלץ נישט פערשטעהן, ווי אַזוי דאָרטען קומט אַ זוהן פון די בני יעקב.

— איך האָב אַ פּלאַן! — האָט ער אויסגערופען — איך און צוויי פון די פינף וועלען מיט מיר אַוועקגעהן נאָך די פעלדער פון חברון, וואו יעקב'ס זיהן פיטערען זייערע שאָף, און אויב דער מאַן איז טאַקע געווען איינער פון זיי וועלען זיי דאָך איהם דערקענען.

— זאָל זיין אַזוי! — האָט איתן צוגעשטימט. און דער אָנפיהרער האָט אויסגעקליבען צוויי פון די פינף אַראַבער און זיך אַוועקגעלאָזען אויף'ן וועג נאָך חברון.

— מיר מוזען זעהר פאָרזיכטיג זיין דאָס יענער מאַן זאָל אונז נישט בעמערקען, אויב יע, זיינען מיר פערפאַלען! — האָט איינער פון זיי זיך אָפּגערופען מיט שרעק.

—מיר וועלען זיי בלויז פון וויטען אָנקוקען... מיר וועלען אומבאַמערקטערהייט נעהנטער צוגעהן צו דעם פּלאַץ וואו זיי פיטערען זייערע שאָף, און ווען איהר וועט איהם דערקענען, דאַן וועלען מיר מיט זיכערהייט קענען אונזער האַר זאָגען, אַז עס איז געווען איינער פון יעקב'ס זיהן, און ער וועט אייך געוויס מוחל זיין.

מיט קלאַפּענדע הערצער האָבען זיך די דריי דערנעהנטערט צו חברון.

זיי האָבען אין די אַרומיגע פעלדער געזעהען פיעלע פּאַסטוכער אָבער יעקב'ס זיהן האָבען זיי נישט בעמערקט...

לאָמיר אַ פרעג טהאָן די פּאַסטוכער פון דעם געגענד — האָט דער אָנפיהרער זיך אָפּגערופען — זיי וועלען אונז זאָגען וואו זיי געפינען זיך יעצט.

זיי זיינען צוגעגאַנגען צו איינעגע פּאַסטוכער וועלכע האָבען דערביי זייערע שאָף געפיטערט און זיי געפרעגט:

— קענט איהר די זיהן פון יעקב?

— אַ פראַגע צו מיר קענען זיי!... האָט אַ פּאַסטוך זיך אָפּגערופען — ווער קען דאָס זיי נישט.

— אויב אַזוי זאָג דאָך אונז וואו זיי פיטערען יעצט זייערע שאָף.

—זיי פיטערען מעהר נישט זייערע שאָף אין דיזען געגענד — זיי האָבען אָפּגערייזט נאָך שכם.

— איז שוין לאַנג זינט זיי האָבען אָפּגערייזט נאָך שכם? — האָט דער אָנפיהרער זיי געפרעגט.

— עס איז שוין באַלד פיער טעג.

— אויב אַזוי איז עס שוין צו מיר קלאָהר... זיי זיינען דאָן אויף'ן וועג געוועזען, און האָבען געוויס זייער מאַרשרוט דורך דעם וועג פון עדלם געמאַכט.

— מיר האָבען אָבער די איבריגע נישט געזעהן אין יענעם געגענד.

— נו, עס קען זיין אַז די איבריגע ברידער האָבען ערגיץ וואו גערוהט. יעצט בין איך נאָך מעהר איבערצייגט אין דעם, אַז דער מאַן וועלכער האָט אייך צושלאָגען איז געוועזען אַ זוהן פון יעקב'ן.

— וועלען מיר דען דאַרפען געהן נאָך שכם? — האָט איינער פון די צוויי ישמעאלים געפרעגט זייער אָנפיהרער.

— ניין, עס וועט דערוויל נישט נויטיג זיין, סיידען אונזער הערשער וועט יעצט אויך צווייפלען.

די דריי האָבען זיך אומגעקעהרט אין שור און דער אָנפיהרער האָט איבערגעגעבען איתן'ן דאָס וואָס ער האָט אויסגעפונען.

— אויב עס זאָל זיין ריכטיג, אַז דאָס האָט אַ זוהן פון יעקב'ן אַזוי שלעכט בעהאַנדעלט מיינע קנעכט, דאַן וועל איך נישט רוהען ביז וואַנען איך וועל איהם בעשטראָפען! — האָט איתן געזאָגט... נאָך נישט גענוג וואָס מיר לאָזען זיי צורוה און רויבען נישט אַוועק זייערע שאָף, וועלען זיי נאָך מיינע קנעכט שטערען, ווען זיי טהוען זייער פליכט צו מיר... זיי וועלען גאָר געהן בעשיצען פרעמדע פּאַסטוכער. אַ, נקמה וועל איך פון זיי נעהמען!

דעם אָנפיהרער האָט שוין יעצט אין גאַנצען פערדראָסען וואָס ער האָט גאָר אָנגעפאַנגען צו ריידען וועגען די בני יעקב... יעצט האָט ער גאָר אין גאַנצען ערגער געמאַכט.... ער ווייס אַז אויב זיי וועלען זיך פּרובירען פערטשעפּען מיט די זיהן פון יעקב'ן, דאַן וועלען זיי האָבען אַ בטערען סוף.

— מיין האַר, — האָט ער פּרוביערט פערריכטען זיין טעות, נאָך אַלעמען קען דאָך קיינער מיט זיכערהייט נישט זאָגען, אַז דאָס איז געוועזען

אַ זוהן פון יעקב'ן — מיר רעכענען אַזוי, אָבער עס איז מעגליך אַז מיר מאַכען אַ טעות.

— אויב אַזוי האָט איתן אויסגערופען, ווייל איך אַז איהר פאַלט געהן נאָך שכם און דאָרטען זיי בעטראַכטען, און אוב ער איז טאַקע איינער פון די ברידער זאָלט איהר מיר קומען אָנזאָגען, און דאַן וועל איך נקמה נעהמען פון זיי אַלעמען. און דיזען מאָל זאָלען די פינף מיטגעהן מיט דיר, פיליכט וועט אמצער פון זיי אהם דערקענען.

מיט איינינע טעג שפּעטער האָט איתן צוזאַמענגערופען די פינף ישמעאלים מיט דעם אָנפיהרער, זיי געגעבען וואַפען און אוועקגעשיקט נאָך שכם צו דערקענען דעם מאַן, וועלכער האָט זיי געצוואונגען אומצוקעהרען די רויב צו דעם אייגענטהימער.

יעקב'ס זיהן זיינען אָנגעקומען אין דעם געגענד פון שכם, זיי האָבען אויסדערוועהלט אַ פּלאַץ פאַר גוטע פאַשע און דאָרטען זיינען זיי פערבליבען. זיי האָבען אויפגעשטעלט זייערע געצעלטען דערביי און רוהיג און צופריעדען האָבען זיי דאָרטען די שאָף געפיטערט. . . . זיי האָבען אויך צוגעגרייט זייערע מאַהלצייטען און געגעסען אונטער דעם פרייען הימעל.

— איהר זעהט מיינע ברידער — האָט זיך שמעון צו זיי אָפּגערופען — ווי איהר דאַרפט מיר אַלע דאַנקען פאַר די עצה וואָס איך האָב אייך געגעבען, אַוועקצוגעהן מיט אונזערע שאָף ווייט פון דער היים... יעצט וועלען מיר ניט דאַרפען אָנקוקען יוסף'ס פנים פאַר אַ לענגערע צייט...

— און מיר וועלען נישט דאַרפען זיך צוהערען צו זיינע חלומות — האָט לוי צוגעגעבען.

— און דערצו זיך מאַכען אַז מיר האָבען איהם נאָך ליעב — האָט אשר אַ זאָג געטהאָן.

— זינט ער האָט געקראָגען דאָס זיידענע העמדעל פון אונזער פאָטער איז פון איהם נישט געווען צו דערליידען — האָט שמעון ווייטער געזאָגט — קיינער פון אונז האָט איהם פריהער אויך נישט איבריג ליעב געהאַט.. אָבער דאַן האָט ער אַמוועהניגסטענס געוואוסט זיין פּלאַץ... און יעצט האָט ער גאָר אָנגעפאַנגען צו חלומ'ען פון הערשאַפט...

— און נאָך וואָס פאַר אַ חלומות! — האָט דן אויסגערופען. — חלומות פון אונזערע גאַרבען וואָס בוקען זיך צו זיינע! חלומות פון דער זון, לבנה, שטערען, וועלכע קומען זיך בוקען צו איהם... אָ, ווי ער וואָלט געוואָלט זיין אַ הערשער איבער אונז... יע, ער טראַכט פון דעם טאָג און נאַכט.

— נו, מיט דעם זיידענעם העמדעל האָט דאָך דער פאָטער איהם גע־געבען אַ געניגענדע אורזאַכע דערפון צו טראַכטען — האָט יהודה זיך אָפּ־גערופען — האָט ער איהם דאָמיט שוין נישט געמאַכט העכער פון אונז?

— יע, מיר אָבער וועלען מאַכען אַן ענדע צו זיין הערשאַפט! — האָט שמעון אַ דריק געטהאָן מיט זיין פויסט — ווען איך זאָל איהם נאָר אין

מיינע הענט ארייננקריגען, וואָלט איך איהם געמאַכט פּאַר אויס טרוימער און פּאַר אויס הערשער!

— צו וואָס דאַרפסטו זיך ווידער אַמאָל צו היצען און צו קאָבען וועגען יוסף׳ן — האָט ראובן זיך אָפּגערופען צו זיין ברידער — מיר זיינען דאָך יעצט גאַנץ ווייט פון דער היים און עס וועט נעהמען מאָנאַטען איידער מיר וועלען זיין פּנים ווידער אָנקוקען, טו לאָמיר דערווייל פון איהם פערגעסען.

— אָבער צוליעב יוסף׳ן זיינען מיר געצוואונגען זיך פון אונזער היים צו דערווייטערען... בענקען דען מיר נישט צו זעהען אונזער פאָטער און מוטער? — האָט יהודה געזאָגט.

— געוויס בענקען מיר אַלע... אָבער ס׳איז א סך בעסער פאַר אונזער פאָטער ווען מיר זיינען נישטאָ אין דער היים. איך בין זיכער, אַז לענגער וואָלטען מיר זיך נישט געקענט באַהערשען און עס וואָלט געקומען צווישען אונז און יוסף׳ן אַפּטע קריגערייען וואָס וואָלט אונזער פאָטער פיעל עגמת נפש פערשאַפט... — האָט נפתלי געזאָגט.

— און איך וואָלט שוין מוחל געווען יוסף׳ן זיין זיידען העמדעל, מיט אַלע זיינע חלומות פון הערשען, אבי איך זאָל האָבען עפּעס א רעכטען מאָהלצייט — האָט אשר געזאָגט. האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט — זינט מיר זיינען פון חברון אַוועק האָבען מיר נאָך נישט געהאַט קיין איין איינציגען מאָהלצייט ווי עס בעדאַרף צו זיין. אָ ווען עס קומט דער אָבענד בענקט זיך מיר אַזוי נאָך די מאכלים וואָס אונזערע מוטערס מאַכען. ווער קען נאָך אַזוי געשמאַק קאָכען ווי מיין מוטער זלפּה?

— פון דעסטוועגען וואָלסט דו זיך נישט ענטזאָגט צו עסען א געקעכיז געקאָכט ביי מיין מוטער, בלהה׳ן — האָט נפתלי געזאָגט, — זי קאָכט נית ערגער פון דיין מוטער.

— און ווען אונזער מוטער לאה מאַכט א געריכט — האָט יששכר אויסגערופען — דאַן זעהןביידע אייערע מוטערס, אַז זיי קענען נישט קאָכען!

— וויפיעל מאָהלצייטען האָט עס דיין מוטער לאה צוגעגרייט? — האָט גד זיך א רייץ געטהאָן מיט יששכר׳ן — און אפילו זי מאַכט שוין איין מאָל א יאָהר א מאָהלצייט העלפט דען מיין מוטער איהר נישט ארויס?

— פאַרוואָס זאָל זי איהר נישט ארויסהעלפען? — האָט יששכר איהם געענטפערט — איז דען דיין מוטער נישט געווען מיין מוטער׳ס דיענסט.

— און ווען איך וועל פון דיר דערהערען נאָכאַמאָל אַזעלכע רייד — איז דן אויפגערעגט געוואָרען און זיך פערמאָסטען מיט זיין פויסט צו איהם — וועל איך דיר פערמאַכען דאָס מויל!

— האָבען מיר צווישען זיך נישט אָפּגעמאַכט. מעהר זיך איינער דעם צווייטען אַזוי נישט בעליידיגען? — האָט זיך לוי אַריינגעמישט.

די ברידער האָבען זיך בערוהיגט, פערענדיגט זייער מאָהלצייט און יעדער איז אַוועק פיטערען זיינע שאָף.

אין אָבענד פלעגען די ברידער צונויפזאַמלען די שאָף און זיי פלעגען נעהמען פערברענגען... זיי פלעגען זינגען און זיך דערצעהלען מעשיות.

יהודה אָבער האָט זיך נישט בעטהייליגט אין אַלע זייערע פרעהליכ־קייטען. ער איז די גאַנצע צייט געווען פערנומען מיט זיינע געדאַנקען... געהאַט געטראַכט פון עלית'ן, די טאָכטער פון שוע. יע, זינט ער האָט איהר פערלאָזען, איז זי איהם פון זיינע געדאַנקען נישט ארויס. זי האָט איהם אַזוי בעצויבערט מיט איהר שעהנעם פּנים, איהר זיסע ליעבליכע שטימע קלינגט נאָך יעצט אין זיינע אויערען. ווי צארט און ליעבליך זי איז! אַ ווי שטאַרק ער בענקט נאָך איהר. ווי זיין נשמה לעכצט איהר ווידער צו זעהן. מיט איהר צו ריידען. זי מוז שוין געווים פיטערען איהרע שאָף, איהר פאָטער האָט זיך זיכער אויסגעהיילט און איהר פעטער חירה האָט דאָך צו בעזאָרגען זיינע אייגענע עסקים. אַ, ווען ער זאָל פּלוצלונג קומען איהר בעזוכען — האָט אין איהם אַ בליץ געטהאָן אַ געדאַנק, אָבער וואָס וועלען די ברידער זאָגען? זיי וועלען זיכער פון איהם אָפּלאַכען. אָבער נאָכאַלעמען וואָס אַרט איהם אַז זיי וועלען אָפּשפּעטען פון איהם? ער מוז איהר זעהן, עס ציהט איהם אַהין, נאָך עדלם.

יהודה בעשליסט, אַז מאָרגען גאַנץ פריה וועט ער אַוועקגעהן נאָך עדלם. ער וועט אויסקלייבען אַ גוטען פערד און עס וועט איהם לאַנג נישט דויערען ביז ער וועט אַהין אָנקומען. ער וועט אָבער זיך מוזען פריהער דורכ־ריידען מיט די ברידער וועגען דעם. ער איז זיכער, אַז זיי וועלען זיין דאַגעגען, אָבער ער וועט זיך איינשפּאַרען און זיי וועלען מוזען צושטימען. ער וועט בעטען זבולון ער זאָל אַכטונג געבען אויף זיינע שאָף.

ער איז צוגעגאַנגען צו זבולון און זיך צו איהם אָפּגערופען:

— ביין ברודער, דו ביזט פון אַלע מאָל געווען מעהר צוגעבונדען צו מיר ווי מיינע איבריגע ברידער, דעריבער וואָלט איך וועלען דיך בעטען דו זאָלסט מיר אַ טובה טהאָן.

— וואָס פאַרלאַנגסטו, איך זאָל פאַר דיר טהאָן? — האָט איהם זבולון געפרעגט מיט ערשטוינונג.

יהודה איז אַ ווייַלע געבליבען שטעהן אין אַ פערלעגענהייט, ער האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי אָנצופאַנגען.

— דו פערשטעהסט, איך דאַרף.... איך מיין אַז איך וואָלט געוואָלט אַוועקגעהן פאַר אַ טאָג אָדער צוויי — האָט ער גענומען שטאַמלען — און איך וויל דיך בעטען אַז דו זאָלסט אַכטונג געבען אויף מיינע שאָף. וועסטו עס טהאָן פאַר מיר, זבולון?

— געווים וועל איך טהאָן! אָבער זאָג מיר פאַרוואָס דאַרפסטו פּלוצ־לונג אַוועקגעהן? — האָט זבולון אַ קוועטש געטהאָן מיט די פּלייצעס.

— איך דאַרף געהן נאָך עדלם — האָט יהודה געזאָגט רויט ווערענדיג.

— אָה, איך פערשטעה! — האָט זבולון אַ שמייכעל געטהאָן — דיך ציהט צו יענער כנענית.

— ווען דו וואָלסט נאָר איהר געזעהן און מיט איהר גערעדט, וואָלסטו זיכער דיין מיינונג געביטען. זי איז דאָך אַזוי אַנדערש פון די איבריגע מיידלעך פון כנען. זי איז אַזוי נאָבעל, גוטהערציג און איידעל.

— אָבער דו ווייסט דאָך וואָס פאַר אַ מיינונג אונזער פאָטער האָט

ווענען די טעכטער פון כנען? — האָט זבולון איהם ווייטער געזאָגט.

— דו מעגסט זיין זיכער אַז עלית וועט געפינען גנאָדע אויך אין די אויגען פון אונזער פאָטער! — האָט יהודה געזאָגט — זי בעזיצט אַלע מעלות וואָס עס פּאַסט פאַר אַ טאָכטער פון די עברים.

— פון וואַנען ביזטו עס אַזוי זיכער וועגען איהר, ווען דו האָסט מיט איהר בלויז אַ קורצע צייט פערבראַכט? — האָט איהם זבולון אַ פרעג געטהאָן מיט אַ שמייכעל.

— אָה, זי איז ווי אַ מלאך פון הימעל! איך האָב מיט איהר אַ היבשע צייט גערעדט. זי האָט מיר פיעלעס פון איהר לעבען דערצעהלט. זי האָט נישט קיין מוטער און איהר פאָטער איז שוין אַלט און שוואַך און זי פיטערט איהר פאָטערס שאָף. זי טהוט אַלע אַרבייט אין הויז און גיט אויך אַכטונג אַז איהר פאָטער זאָל גאָר נישט פעהלען. און אַ חוץ דעם האָט מען מיר וועגען איהר זעהר פיעל דערצעהלט איהר פעטער חירה, מיט וועמען איך האָב אַ בונד פון פריינדשאַפט געשלאָסען. יענעם טאָג ווען איך האָב פערבראַכט אין איהר פאָטער'ס הויז, האָט זיך עלית'ס פאָטער ניט געפיהלט אַמבעסטען און ער האָט איהרע שאָף גענומען צו פיטערען, כדי זי זאָל קענען דעם גאַנצען טאָג בעסער אַכטונג געבען אויף איהר פאָטער.

— איך בין צופריעדען צו טהאָן דיין פערלאַנג, אָבער פונדעסטוועגען דאַרפסטו זיך דורכריידען מיט די איבריגע ברידער.

— איך וועל יעצט מיט זיי נישט ריידען וועגען דעם — האָט יהודה געזאָגט — דו ווייסט דאָך ווי זיי וועלען מיך פערשטעהען; זיי וועלען בלויז אָפּשפּאָטען פון מיר.

— אָבער די ברידער וועלען דאָך זעהען אַז דו ביזט נישטאָ און זיי וועלען זיך וואונדערען וואו דו ביזט פערפאַלען געוואָרען? — האָט איהם זבולון געענטפערט — וועל איך דען נישט דאַרפען זיי וועגען דעם דער־צעהלען?

— איך זאָג נישט אַז דו זאָלסט זיי נישט דערצעהלען וואוהין איך בין געגאַנגען — האָט יהודה געזאָגט — אָבער דערווייל, איידער איך בין אַוועק, זאָלסטו וועגען דעם מיט קיינעם נישט ריידען... און ווי איך וועל אַוועקגעהן זאָלסטו זאָגען אַז דו וועסט איבערנעהמען צו פיטערען מיינע שאָף און אַז איך בין אַוועק נאָך עדלם און וועל דאָרטען פערברייננגען בלויז אַ קורצע צייט און נאכהער וועל איך זיך צוריקקעהרען.

אויף מאָרגען פאַרטאָג, ווי נאָר דער מאָרגענשטערען איז אויפגעגאַנגען איז יהודה שוין געווען גרייט צום וועג. די איבריגע ברידער האָבען נאָך געשלאָפען... יהודה האָט מיטגענומען עטוואָס שפּייז און אויסגעקליבען אַ גוטען פערד און איז אין דער שטילקייט פון פריהמאָרגען אַוועקגעריטען נאָך עדלם.

שפּעטער, ווען די זון האָט גענומען אויפגעהן, און די ברידער זיינען אויפגעשטאַנען פון שלאָף, האָבען זיי בעמערקט אַז יהודה איז נישטאָ.

— וואו איז דאָס יהודה? — האָבען זיי גלייך גענומען פרעגען איינער דעם צווייטען.

אַ שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף זבולון׳ס ליפּען, און ער האָט זיך אָפּגערופען:

יהודה איז היינט גאַנץ פריה אַוועקגעריטען.

— אוועקגעריטען? וואוהין? — האָבען זיי זיך גענומען וואונדערען.

— ער איז אַוועקגעריטען נאָך עדלם! — האָט זבולון געענטפערט.

— און ער האָט גאָר קיינעם נישט געזאָגט און ביי קיינעם פון אונז נישט געפרעגט! — האָט ראובן אויסגערופען.

— ער האָט מיר געזאָגט וועגען דעם — האָט זבולון געענטפערט.

— וועז האָט ער דיר געזאָגט? — האָט שמעון איהם אַ פרעג געטהאָן.

— לעצטען אָבענד!

— און וואָס האָט ער מורא געהאַט אונז אַלעמען צו זאָגען — האָט ראובן געזאָגט מיט צאָרן.

— וואָס פערשטעהסטו דען נישט. ער איז געגאַנגען בעזוכען עלית׳ן, די כנענית, און ער האָט געמיינט פיליכט וועלען מיר איהם שטערען.

—ער האָט מיך געבעטען אַכטונג צו געבען אויף זיינע שאָף, — האָט זבולון מיט שטאָלץ געזאָגט — פון מיר פערבאָרגט יהודה קיין זאַך נישט.

— איך האָב אָבער גלייך בעמערקט אויף יהודה׳ס פּנים, אַז עפּעס האָט מיט איהם פּאַסירט. זינט יענע נאַכט וואָס ער איז פערפאַלען געוואָרען. יע, ער האָט ליעב געקראָגען עלית׳ן, און איך בין זיכער אַז ער וועט מיט איהר חתונה האָבען.

— אויב אַזוי פערדריסט מיך שוין גאַנץ שטאַרק, פאַרוואָס איך האָב איהר נישט גוט בעמערקט... — האָט דן געזאָגט.

— איך האָב פון וויטען דערזעהען אַז זי איז אַ זעלטענע שעהנהייט! — האָט נפתלי געזאָגט.

— מיר מעגען זיך פערלאָזען אויף יהודה׳ן, אויב ער איז אין איהר פערליעבט, דאַן איז זי זיכער אַ שעהנע.

— אָבער איך בין בעזאָרגט וועגען דעם, וואָס אַ כנענית איז אונזער פאָטער נישט צום הארצען — האָט ראובן זיך אָפּגערופען — פערגעסט נישט אַז אונזער זיידע האָט פערזאָגט אונזער פאָטער ער זאָל נישט נעהמען פון די טעכטער פון כנען קיין פרוי פאַר זיך.

— יעצט אָבער זיינען געקומען אַנדערע צייטען. די טעכטער פון כנען זיינען שוין נישט אַזוי פערדאָרבען ווי זיי זיינען געווען מיט יאָהרען צוריק — האָט שמעון געזאָגט — און אונזער פאָטער וועט דאָך פון אונז אַלעמען נישט פערלאַנגען, מיר זאָלען געהן נאָך חרן אויסקלייבען פרויען פאַר אונז.

— און ווען אפילו ער זאָל עס פון אונז פערלאַנגען, וועלען מיר דאָס קענען בעווייזען. די טעכטער פון אונזער משפחה אין חרן זיינען דאָך בעגרעניצט, און די טעכטער פון אנדערע משפחות אין חרן זיינען געוויס נישט בעסער ווי די טעכטער פון כנען... — האָט לוי אַ זאָג געטהאָן — דאָך אָבער גלויב איך אַז יהודה האָט זיך פריהער געדאַרפט מיט אונז אַלע־מען בעראַטהען, איידער ער געהט נעהמען אַ כנענית פאַר זיין פרוי.

— אָבער ווער האָט דיר געזאָגט אַז ער איז יעצט אַוועק חתונה האָבען?

— האָט זבולון זיך אָפּגערופען.

— אויב נישט מיט'ן צוועק חתונה צו האָבען איז ער אַוועק נאָך עדלם, צוליב וואָס דען איז ער אַהין אַוועק?

— ער האָט ליעב געקראָגען עלית'ן און ער האָט זיך שטאַרק פערבענקט נאָך איהר, איז ער אַוועק זי זעהן. אָבער ער וועט זיך צוריקקעהרען אין אַ טאָג אָדער צוויי — האָט זבולון געזאָגט.

— און איך בין זיכער אַז ער וועט זיך צוריקקעהרען מיט עלית'ן צו אונז אין מחנה — האָט שמעון געזאָגט.

— אויב אַזוי וועט טאַקע ווערען פרעהליכער ביי אונז... אַ פרוי וועט וויסען ווי אַזוי צוצוגרייטען בעסערע מאָהלצייטען — האָט אשר זיך פּאַ־סמאַקעוועט... יע, עס איז שוין צייט מיר זאָלען האָבען אַ רעכטען מאָהלצייט.

— יהודה האָט מעהר מזל פאַר אונז — האָט שמעון אַ זאָג געטהאָן, מיט עטוואָס קנאה — מיר זיינען דאָך אַלע דריי גלייך אַוועקגעגאַנגען זוכען וואַסער, טרעפט זיך גראַדע מיט איהם אַזאַ זאַך, וואו ער האָט געקענט זיין העלדישקייט ארויסווייזען. ער ראַטעוועט די שאָף וואָס בעלאַנגט צו אַ יונגע שעהנע מיידעל, פון די רויבערס הענט און געווינט גלייך דערמיט איהר האַרץ... איך און לוי האָבען ארויסגעוויזען אַ גרעסערע גבורה נאָך מיט יאָהרען צוריק אין שכם, און מיר האָבען נאָך דערוויילע נישט געוואונען קיין מיידעל'ס האַרץ.

— פערגעס נישט אַז יהודה צו זיין העלדישקייט, בעזיצט אויך אַ צוציהענדען פּנים, ער איז אויך קלוג און ווייס זיך ווי צו בעגעהן מיט אַנדערע און דאָס פעהלט אייך ביידען — האָט זבולון זיך מיט איהם אַ רייץ געטהאָן.

— און דערצו דאַרפסטו אויך נישט פערגעסען — האָט יששכר אַ זאָג געטהאָן אַז יהודה קען בעזיעגען זיינע פיינד און נישט פערגיסען קיין בלוט... ער האָט מיט פינף ישמעאלים געקעמפט, ער האָט זיי בעזיעגט און האָט זיי געצוואונגען אומצוקעהרען די רויב וואָס זיי האָבען אוועקגערויבט... זיי האָבען איהם געפאָלגט און אַלעס איז געטהאָן געוואָרען אָהן בלוט־פערגיסונג... קענסטו זיך, שמעון, בעריהמען מיט אַזאַ גבורה?

— וואָס פאַר אַ פערגלייכעניש! — האָט שמעון אויסגערופען — מיר האָבען דאָך גענומען נקמה פאַר דעם פערשוועכטען כבוד פון אונזער שוועסטער, און ווען מיר וואָלטען קיין בלוט נישט פערגאָסען, וואָלט דען אונזער נקמה געווען פול?

—וואָס פאַר אַ נוצען וועלען אייערע רייד ברייגגען — האָט זבולון אויסגערופען — האָב איך דען אייך נישט געזאָגט אַז יהודה איז דיזען מאָל נישט געגאַנגען הייראַטהען מיט יענער מיידעל פון עדלם.

— אויף יהודה'ן קען מען אַלעס גלויבען... איז ער דען נישט פלוצלונג פערפאַלען געוואָרען אויף אַ גאַנצע נאַכט, איבערלאָזענדיג אונז אין גרויס פערלעגענהייט און זאָרג.

די ברידער האָבען זיך געזעצט עסען זייער פריהשטיק, און יעדער איז

אין הארצען געוועזן עטוואָס אויפגעבראכט אויף יהודה׳ן פאַר זיין אוועקגעהן נאָך עדלם, נישט דערצעהלענדיג קיינעם פון זיי, א חוץ זבולון.

יענעם טאָג האָבען די פינף ישמעאלים מיט זייער אָנפיהרער זיך דער־נעהנטערט צו שכם... זיי האָבען זיך אָפּגעשטעלט נישט ווייט פון׳ם לאַגער פון יעקב׳ס זיהן, און איינינע פון זיי האָבען זיך אומבעמערקטערהייט דער־נעהנטערט. זיי האָבען זיך פערבאָרגען הינטער א בוים, פון וואַנען זיי האָבען געקאָנט גוט בעאָבאַכטען די ברידער. זיי האָבען זיי בעטראַכט און שטילער־הייט זיך אָפּגערופען צו זייער פיהרער:

— ניין, מיר געפינען נישט יענעם מאַן, וועלכער האָט אונז צושלאָגען און נישט דערלאָזען מיר זאָלען די שאָף ביי דעם פּאַסטוך אוועקרויבען...

— זייט איהר אין דעם איבערצייגט? — קוקט זיך צו נאָכאַמאָל.

זיי האָבען ווידער א מאָל גענומען בעטראַכטען די בני יעקב, און האָבען צווישען זיי נישט דערקענט יענעם מאַן.

— יעצט לאָמיר פון דאַנען אוועקגעהן — האָט דער אָנפיהרער געזאָגט — און זאָלען די איבריגע צוקומען אהער, פיליכט וועלען זיי איהם דער־קענען.

די איבריגע זיינען צוגעקומען צו יענעם פּלאַץ, וואו זיי האָבען זיך געשטעלט הינטער דעם זעלבען בוים און א ווייל שפּעטער האָבען זיי זיך אומגעקעהרט מיט דער זעלבער מיינונג, אז יענער מאַן געפינט זיך נישט צווישען די בני יעקב.

— לאָמיר גלייך זיך צוריקקעהרען אין שור און איבערגעבען אונזער הערשער וועגען דעם. איך בין אזוי צופריעדען וואָס א קאַמף וועט אויסגע־מידען ווערען צווישען אונז און צווישען די זיהן פון יעקב׳ן... מיר וואָלטען זיכער פערלאָרען, און ווער ווייס אויב זיי וואָלטען אונזער גאַנצען שבט נישט פערניכטעט, ווי זיי האָבען געטהאָן צו די איינוואוינער פון שכם.

די ישמעאלים זיינען צוריקגעקומען אין שור און האָבען איבערגעגעבען זייער הערשער אז יענער מאַן, וועמען זיי האָבען געטראָפען אין דעם טהאָל נעבען עדלם, בעלאַנגט נישט צו די בני יעקב.

איתן איז געוואָרען עטוואָס ענטוישט, ער האָט געזוכט א סיבה ווי אָנצופאַנגען א מלחמה מיט יעקב׳ס משפחה. ער איז שטאַרק אין כעס געוועזן אויף יעקב׳ן פאַרוואָס ער האָט ענטזאָגט זיין פערלאַנג זיי זאָלען ווערען איין שבט... ער האָט שוין געטראַכט וועגען צונויפזאַמלען אלע ישמעאלים און געהן נאָך חברון און זיי בעפאַלען און צוראַבירען זייער גאַנצען פערמעגען, אָבער יעצט אז דער מאַן, וועלכער איז בעפאַלען זיינע מענשען שטאַמט נישט פון יעקב׳ס משפחה, האָט ער דאָך קיין געניגענדע אורזאַכע נישט אָנצופאַנגען מלחמה מיט זיי.

— אויב יענער מאַן איז נישט פון יעקב׳ס זיהן, טו ווער איז ער?

— האָט איתן זיך אָפּגערופען מיט צאָרן — איך וועל נישט רוהען ביז וואַנען איהר וועט אויסגעפינען ווער ער איז און צו וועלכען שבט ער

בעלאַנגט. נקמה וועלען מיר פון איהם מוזען נעמען און דאַמיט אָפּוואַשען דעם שאַנד־פלעק פון אונזער שבט.

— די בעסטע זאַך וואָלט געווען — האָט איינער פון די הויפּטען זיך אָפּגערופען — ווען אונזער האַר וועט אויסקלייבען צעהן פון אונזערע העלדען און זאָלען זיי געהן צוזאַמען מיט די פינף נאָך אַ מאָל אין יענעם געגענד פון עדלם, פיליכט וועלען זיי איהם דאָרט דערזעהן און דאַן וועלען זיי איהם טויטען.

— ניין, נישט טויטען זאָלען זיי איהם! — האָט איתן געזאָגט — אויב איהר וועט יענעם מאַן דאָרטען ווידער טרעפען, זאָלט איהר איהם ברייננגען אַ געפאַנגענעם צו מיר. איידער איך וועל איהם טויטען וועל איך אויסגעפינען פון וואַנען ער שטאַמט און זיך אויך איבערצייגען אויב ער איז טאַקע אזוי שטאַרק, אַז מיינע פינף קנעכט האָבען איהם נישט געקענט בייקומען.

איתן האָט אויסגעקליבען צעהן בעוואוסטע העלדען און זיי געגעבען שאַרפע שווערדען און צוזאַמען מיט די פינף אַוועקגעשיקט נאָך עדלם, פיליכט וועלען זיי דאָרטען טרעפען יענעם מאַן, וועלכער האָט די ישמעאלים אזוי ערנידעריגט.

— און אויב איהר וועט יענעם מאַן נישט טרעפען — האָט איתן זיי אָנגעזאָגט — זאָלט איהר זיך אַלײן איינם נישט אומקעלרען אהער מיט ליידיגע הענט! איהר זאָלט ברייננגען אַלײן וואָס עס וועט זיך אייך מאַכען אויף׳ן וועג... מיר מוזען צוגרייטען אונזערע קאַראַוואַנען, וועלכע געהען נאָך מצרים. זיי וועלען האָבען גענוג סחורה דאָרטען צו פערקויפען. מיר נויטיגען זיך אין פיעלע זאַכען וואָס מען קען בלויז קריגען אין מצרים. אָבער טאָמער פאַנגט איהר יענעם מאַן, זאָלט איהר זיך מעהר אין ערגיץ נישט אָפּשטעלען. אויב ער איז טאַקע אזוי שטאַרק און געזונט וועלען מיר איהם פיליכט גאָר פערקויפען פאַר אַ קנעכט אין מצרים... זיי דאַרפען האָבען געזונטע קנעכט.

די פופצעהן ישמעאלים האָבען פערלאָזען שור. איינינגע האָבען געריטען אויף קעמלען און אַנדערע אויף מויל־אייזלען. זיי זיינען געגאַנגען אויף דעם וועג וואָס פיהרט צו עדלם.

.12

יהודה און עלית

די עטליכע טעג זינט יהודה איז אוועק פון איהר פאטער׳ס הויז, האט עלית נישט אויפגעהערט צו ריידען פון יהודה׳ן... אויך איהר פעטער חירה האט נישט געהאט גענוג לויב ווערטער פאר איהם.

— זעלטען ווען מען קען טרעפען אזא בראווען און שטארקען מאן צווישען אנדערע שבטים — האט חירה געזאגט יענעם פריהמארגען, ווען עלית האט זיך אומגעקעהרט פון בעגלייטען יהודה׳ן. די ברכה פון גאט רוהט אין זייערע געצעלטען.

א באשיידענע רויטקייט האט זיך בעוויזען אויף עלית׳עס פנים און זי האט א שמייכעל געטהאן.

— האט ער דיר פערשפראכען דאס ער וועט קומען אונז ווידער ווען עס איז צו בעזוכען. מיין טאכטער — האט זיך שוע צו איהר אפגערופען.

— יע, ליעבער פאטער, ער האט מיר פערשפראכען, אבער ער איז דאך גאנץ ווייט אוועק פון דאנען, ווער ווייס ווי לאנג עס וועט דויערען ביז וואנען ער וועט אונז נאך א באזוך מאכען. שוע האט גלייך בעמערקט אויף זיין טאכטערס פנים אז זי איז נישט גלייכגילטיג צו יהודה׳ן און אין זיין הארצען האט זיך א פרייד צוגאסען... ווען יהודה וואלט איהר נאר פאר זיין פרוי גענומען! וואס פאר א כבוד און גליק עס וואלט פאר איהם געווען זיך מתחתן צו זיין מיט דער משפחה פון יעקב׳ן. אבער ווער ווייס צו יהודה וועט איהר וועלען נעהמען פאר זיין פרוי. אמת, זיין טאכטער איז דאך א וואונדערבאהרע שעהנהייט... פונדעסטוועגען וואלט ער מסכים געווען נישט צו נעהמען קיין מוהר פון יהודה׳ן...

ווען עלית איז אוועק מיט איהרע שאף אין פעלד, האט זיך שוע דורכגערעדט מיט זיין ברודער :

— דו, חירה האסט דאך געשלאסען א בונד פון פריינדשאפט מיט יהודה׳ן... יע, מיר האבען איהם פארוואס דאנקבאר צו זיין, דו וועסט פיליכט איהם געהן בעזוכען און איהם נאך א מאל בעדאנקען אין מיין נאמען און אין נאמען פון עלית׳ן.

— געוויס וועל איך געהן איהם זעהן! — האט חירה געזאגט — זיין פריינדשאפט איז מיר טהייערער פון אלעס אין דער וועלט... איך וועל האבען זעהר פיעל צו לערנען פון איהם.

— איך בעט דיך מיין ברודער — האט שוע געזאגט — ווען דו וועסט

איהם זעהן זאָלסט נישט פערגעסען אריינצוזאָגען איינינע גוטע ווערטער וועגען עלית׳ן...

— דארפסט מיר וועגען דעם דערמאָהנען ?! — האָט חירה געזאָגט — איך וואָלט זיך אויך גאַנץ גליקליך געפיהלט, ווען עלית און יהודה האָבען חתונה... דאָס וואָלט נאָך יהודה׳ן א סך נעהנטער געמאַכט צו מיר.

— ווען יהודה זאָל חתונה האָבען מיט מיין טאָכטער און זיך וועלען באַזעצען מיט איהר אין אונזער שטאָדט, גלויב איך אז עס וואָלט לאַנג נישט געדויערט און די איינוואוינער פון אונזער שטאָדט וואָלטען איהם אויסגעקליבען צו זיין דער הערשער פון עדלם — האָט שוע געזאָגט — מיר דאַרפען גלייך זעהן צו פערשפרייטען די נייעס פון דער גרויסער העלדישקייט וואָס יהודה האָט ארויסגעציינט ווען ער האָט אַליין געקעמפט מיט פינף ישמעאלים. זאָלען אַלע וויסען אז אַזא העלדישען מאַן קען מען אין ערגיץ נישט געפנען.

— דאָס האָב איך טאַקע געטראַכט נאָך היינט צו טהאָן — האָט חירה געזאָגט — איך וועל באַלד ארויס אין מארק און פאַר אַלעמען דערצעהלען וואָס מיט מיר האָט נעכטען פּאַסירט אין טהאָל.

— און איך פיהל זיך היינט א סך בעסער, איך וועל אויך באַלד ארויס אין גאס און איבערגעבען מיינע פריינד וועגען אַלעס. און איך וועל שוין זעהן, אז אויב יהודה וועט ווידער אַמאָל קומען צו אונז אין שטאָדט זאָל מען איהם געבען זעהר א פיינע אויפנאַהמע, ווי עס פּאַסט פאַר אַזא העלד ווי ער איז, — האָט שוע געזאָגט צו חירה׳ן

— איך בין אַזוי נייגעריג איהם צו זעהן, — האָט חירה געזאָגט — איך ווייס, אז איך האָב איהם נישט גענוג בעדאַנקט, פאַרוואָס ער האָט פאַר מיר געטהאָן.

— די גאַנצע שטאָדט עדלם וואָלט איהם געדאַרפט דאַנקבאַר זיין פאַר דעם — האָט שוע זיך אָפּגערופען — פערשטעהסטו, די רויבער וועלען שוין פאַרזאָגען א צעהנטען נישט צו קומען אין דיזען געגענד, ווייל אויב עס וואָלט זיי דיזען מאָל געלונגען, וואָלטען זיי זיכער נאָך אַמאָל אַהער געקומען.

עלית האָט געפיטערט איהרע שאָף ניש טוויט פון שטאָדט. אַליין געהן אין טהאָל האָט זי נישט געוואָגט, און ווען די איבריגע פּאַסטוכער האָבען זיך דערוואוסט וואָס עס האָט דאָרטען פּאַסירט מיט חירה׳ן, האָבען זיי שוין אויך גענומען ווייכען פון טהאָל.

זיצט זיך עלית אַזוי אונטער דעם שאָטען פון א בוים, און איז פערטיפט אין געדאַנקען... זי טראַכט פון יהודה׳ן, דער העלדישער פרעמדער וועלכער האָט זיך אַזוי פּלוצלונג בעוויזען, ווי א זונען שטראַהל אויף איהרע פערוואָלקענטע הימלען... ווי אַנדערש יהודה איז פון די איבריגע פּאַסטוכער, וועלכע זי קען.. ווי בראַוו און העלדיש ער איז... וואָס פּאַר א ליעבליך, אַנגענעהם געשטאַלט ער באַזיצט. זי נעהמט איהם אין איהר הארצען פערגלייכען מיט די פּאַסטוכער, וועלכע שלאָגען אָפּ די טירען פון איהר פאָטערס

הויז... זיי ווילן איהר פאטער געבען א גאנץ גרויסען מוהר פאר איהר... אבער צו קיינעם ציהט נישט איהר הארץ. איהר דוכט זיך, אז איצט וועט זי פון קיינעם נישט וועלען הערען... א, ווי זי וואלט איהם געוואלט כאטש נאך איינמאל זעהן!

פלוצלונג האט זי בעמערקט פון ווייטען ווי א גאנצער קאראוואן קומט אן, אויף איהר וועג. זי האט זיי גענומען בעטראכטען און א שרעק איז איהר אנגעפאלען... יע, עס זיינען ישמעאלים! זיי קומען אן צו רויבען. איהר פערצווייפלונג איז גרעסער געווארען פון יעדער רגע... וואס זאל זי יעצט טהאן... אליין אנטלויפען און איבערלאזען די שאף צו זיי? דאס איז דאך אלעס וואס איהר ארימער פאטער פערמאגט! נעהמען טרייבען די שאף צוריק אין שטאדט, איז שוין צו שפעט; איידער זי וועט צונויפזאמלען די שאף וועלען זיי איהר בעמערקען... עלית האט זיך בעהאלטען הינטער דעם בוים און מיט איהרע אויגען נאכגעפאלגט די באוועגונגען פון די אראבער.

איהר הארץ האט גענומען שטארקער קלאפען. יע, זיי דערנעהנטערען זיך... באלד, אט באלד וועלען זיי בעמערקען איהרע שאף און דא!? זי ציטערט פון שרעק... זיווארפט איהרע אויגען אויף די עטליכע שעפסעלעך. זי וועט זיי באלד פערליערען... זי וועט זיך מיט ליידיגען אהיים אומקעהרען. וויפיעל צער איהר פאטער וועט דערפון האבען... זי האט זיך גענומען ארומ־קוקען און פון ווייטען האט זי בעמערקט א דורכגעהענדען פון איהר שטאדט. זי האט גענומען לויפען צו איהם און איהם גערופען. דער דורכגעהער האט זיך אומגעקעהרט, און עלית האט אין איהם דערקענט איינעם פון די פיעלע וועלכע האבען געבעטען ערלויבעניש פון איהר פאטער מיט איהר צו הייראטהען.

— איך בעט דיך, העלף מיר! — האט עלית צו איהם אויסגערופען.

— וואס איז?! וואס האט מיט דיר פאסירט, האט ער זיך געוואונ־דערט.

— א, די ישמעאלים! — האט עלית אויסגערופען — זיי קומען אן!

ער האט אויפגעהויבען זיינע אויגען און האט ווירקליך דערזעהן פיעלע אראבער קומען אן מיט קעמלען.

— מעגליך אז זיי זיינען סוחרים, און דו האסט נישט וואס מורא צו האבען פאר זיי — האט ער איהר גענומען טרייסטען.

— אהה, ניין! זיי קומען אן צו רויבען. אייניגע פון זייער שבט זיינען שוין דא געווען און געמאכט א פערזוך צו רויבען אונזערע שאף, ווען מיין פאטער חירה האט זיי געפיטערט... א, איך בעט דיך העלף מיר!

— קום לאמיר אנטלויפען! — האט ער זיך צו איהר אפגערופען.

— אבער די שאף! ווי אזוי זאל איך איבערלאזען די שאף, זיי וועלען דאך אלעס צונעהמען פאר זיך.

— אבער דו קענסט דאך נישט ערווארטען, אז איך זאל קעמפען מיט אזוי פיעל אראבער! קום שנעלער, לאמיר אנטלויפען!

איך קען נישט! איך קען נישט אבערלאזען די שאף! — האט זי גענומען וויינען. דאס איז אלעס וואס מיין קראנקער פאטער פערמאגט.

— אויב דו ווילסט נישט מיטלויפען מיט מיר, וועל איך אליין אנט־לויפען! איך זעה ווי זיי קומען אן...

— אה, העלף מיר! פערלאז מיך יעצט נישט! — האט זי זיך ביי איהם גענומען בעטען.

— ווען זיי זאלען מיך פאנגען, וועלען זיי דאך זיכער מיך פאר א קנעכט פערקויפען... איך קען דיר גארנישט העלפען — האט ער געזאגט. און גענומען לויפען.

די ישמעאלים זיינען אלץ נעהענטער צוגעקומען, און ווען עלית האט דערזעהן אז עס איז שוין מעהר קיין האפנונג נישטא צו ראטעווען איהרע שאף, האט זי אויך אנגעפאנגען צו לויפען

פלוצלונג האט צו איהרע אויערן דערגרייכט א הילכיגער געשריי, און ווען זי האט לויפענדיג אומגעדרעהט איהר קאפ, האט זי בעמערקט ווי איינעגע אראבער יאגען זיך נאך איהר... זי האט גענומען מאכען געוואלדען, איהר בעקאנטער, וועלכער איז פריהער פון איהר אנטלאפען, האט איהרע געשרייען דערהערט. ער האט אומגעדרעהט זיין קאפ און ווען ער האט בעמערקט אז די אראבער יאגען זיך גאר נאך עלית'ן, האט ער גענומען נאך שטארקער לויפען.

אין א וויילע ארום האבען די ישמעאלים איהר דערגרייכט.

עלית האט זיך גענומען מיט זיי ראנגלען, זי האט זיי געבריקעט מיט איהרע פיס, געביסען מיט איהרע צייהן און געגראבעלט.

די עטליכע ישמעאלים האבען איהר א נעהם געטהאן און זי איז נעבליבען הילפלאז אין זייערע געזונטע הענט...

— א, זי איז דאך א וואונדער שעהנע מיידעל! — האט איין אראבער אויסגערופען — יעצט וועלען מיר שוין מעהר נישט ברויכען צו זוכען יענעם מאן... אונזער הערשער איתן וועט זיין מעהר צופריעדען מיט אזא מתנה...

— ווען מיר וואלטען געוואוסט, אז אין דיזען געגענד געפינען זיך אזעלכע שעהנע מיידלעך, וואלטען מיר שוין מעהר נישט געגאנגען זוכען שאף — האט אן אנדערער אראבער געזאגט — אנגעהמענדיג זי פאר דער האנט.

עלית האט זיך גענומען ביי זיי בעטען זיי זאלען איהר אפלאזען.

— איך בין אן ארימע פאסטושקע — האט זי געוויינט — איך האב נישט קיין מוטער, מיין פאטער איז אלט און שוואך... לאזט מיך אפ!

די ישמעאלים האבען זיך פאנאנדערגעלאכט.

— אין שור וועסטו שוין האבען א פאטער און א מוטער — האט איינער פון די אראבער צו איהר געזאגט — זאלסטו געפינען חן אין די אויגען פון אונזער הערשער, וועט אונז אלעמען זיין גוט צוליעב דיר...

די עטליכע ישמעאלים האבען עלית'ן צוגעפיהרט צו זייערע איבריגע פריינד, וועלכע האבען דערווייל צונויפגענומען די צושפרייטע שאף.

— דאס זיינען די זעלבע שאף, וואס מיר האבען נישט לאנג צוריק געראובט פון א פאסטוך אין טהאל! — האבען איינעגע פון די אראבער זיי גלייך דערקענט.

— יע, און אויך די זעלבע צאָהל — האָט זיך נאָך איינער אָפּגערופען

— יעצט וועלען מיר זיכער קענען אויסגעפינען, וואו יענער מאַן געפינט זיך...

— יעצט וועט עס שוין מעהר נישט נויטהיג זיין! — האָט דער אַראַבער, וועלכער האָט צוגעהאַלטען עלית׳ן א שמייכעל געטהאָן... — אונזער הערשער וועט זיין א סך מעהר צופריעדען מיט איהר, איידער מיט יענעם שטאַרקען מאַן...

גלייך האָבען די איבריגע אַראַבער גענומען בעטראַכטען עלית׳ן און זיי זיינען אויך ענטציקט געוואָרען פון איהר שעהנקייט.

— זי וועט זיכער שטילען דעם כעס פון אונזער הערשער! ער וועט יעצט זיין זעהר צופריעדען מיט אונזער ערפאָלג.

— און דערצו האָבען מיר דאָך איהרע שאָף.

— לאָמיר דאָ לענגער נישט פערבלייבען! האָט זיך אָפּגערופען דער פיהרער — איך בין שוין אומגעדולדיג צו הערען וואָס איתן אונזער הערשער וועט זאָגע׳, ווען ער וועט די געפאַנגענע דערזעהן.

— עס איז טאַקע א זאָנדערבאַרער צופאַל! אַז די זעלבע שאָף וואָס מיר האָבען דאַן פערלאָרען צוליעב דער אריינמישונג פון דעם שטאַרקען מאַן, האָבען מיר דאָ ווידער געטראָפען צוזאַמען מיט אָט דיזער פאַסטושקע. ווי עס ווייזט אוים, האָבען מיר דעם פאַסטוך אַזוי גוט צוקלאַפּט, אַז ער האָט שוין מעהר קיין כח נישט צו געהן פיטערען זיינע שאָף, און ער האָט זיי איבערגעגעבען אין די הענט פון א שעהנער מיידעל. יעצט דאַרפען מיר דאַנקען און לויבען אונזערע געטער, וואָס זיי האָבען אונז אויף דעם ריכ־טיגען פלאַץ געפיהרט...

יעדער פון די ישמעאלים איז צוגעגאַנגען און גענומען בעטראַכטען עלית׳ן.

— ווען מיר זאָלען וועלען איהר פערקויפען פאַר א שקלאַפין אין מצרים, וואָלטען מיר פאַר איהר זעהר פיעל געקראָגען.

— איתן וועט אויף דעם נישט איינגעהן. ער וועט איהר אָפּשטעלען אלם איינע פון זיינע קעבם ווייבער!

— לאָמיר איהר נאָכאַמאָל בעטראַכטען — איז דער פיהרער צוגע־גאַנגען צו עלית׳ן און איהר אָנגענומען מיטביידע הענט פאַר איהר פנים.

עלית האָט מיט פעראַכטונג גענומען אָפּדרעהען איהר קאָפּ. ער האָט איהר אָבער גאַנץ פעסט א נעהם געטהאָן מיט זיינע געזונטע הענט. עלית האָט געוויינט פון יסורים.

— דו לאָז איהר בעסער יעצט אָפּ! — האָט איינער פון די אַראַבער אריינגעשושקעט איהם אין אויער... — דו קענסט נישט וויסען וואָס עס קען פאַסירען. מעגליך, אַז זי וועט איתן׳ען אַזוי שטאַרק געפעלען, אַז ער וועט איהר נאָך מאַכען פאַר די הערשערין איבער אונז אַלעמען. דאַן וועט זי זיך געוויס נוקם זיין אָן דיר.

ווען דער פיהרער האָט עס דערהערט, האָט ער זי גלייך אָפּגעלאָזען... זיין האַרץ האָט אין איהם זיך גענומען שרעקען.

— ווען איתן מאַכט איהר פאַר זיין ריכטיגער פרוי, דאַן זיינען מיר אַלע פערלוירען! — האָבען זיי צווישען זיך גערעדט. מיר מוזען זעהן איהר בעסער צו בעהאַנדלען...

— עס איז דאָך אַן אומזין — האָט איין אַראַבער אַ זאָג געטהאָן — אונזער הערשער וועט קיינמאָל נישט הייראַטען מיט אַ שקלאַפין... מעגליך אַז ער וועט איהר מאַכען פאַר זיין קעבס ווייב, דאַן האָבען מיר זיך פאַר איהר נישט וואָס צו שרעקען. ווייל אַלס קעבס ווייב וועט זי גאָר קיין מאַכט נישט קריגען.

— לאָמיר זיך אומקעהרען נאָך שור! — האָט דער פיהרער אַ קאָמאַנדעווע געטהאָן — עס וועט זיין אַ סך בעסער ווען מיר וועלען זיך אַ ביסעל צואיילען. ער איז צוגעגאַנגען צו עלית'ן און איהר געהייסען ארויפקלעטערן אויף דעם קעמעל.

עלית האָט זיך נישט גערידהרט פון אָרט... זי איז געבליבען שטעהן אַ פערצווייפעלטע און אַ האָפנונגסלאָזע... זי האָט איבערגעצעהלט די אַראַבער, זיי זיינען געווען פופצעהן אין צאָהל... יעצט איז שוין מעהר פאַר איהר קיין האָפנונג נישטאָ... זי וואָלט שוין בעסער געשטאָרבען, איידער אריינ־צופאַלען אין די הענט פון די אומווירדיגע ישמעאלים... איהר האַרץ ווערט אָנגעפילט מיט רחמנות וועגען איהר אָרימען פאָטער. ער וועט אויף איהר וואַרטען מיט גרויס אומגעדולד.. און עס וועט שוין גוט פינסטער זיין און זי וועט זיך נאָך נישט צוריקקעהרען, ווי גרויס זיין צער וועט זיין. ווען ער וועט זיך דערנאָך דערוויסען אַז זי, זיין איינציגע טאָכטער איז געפאַנגען געוואָרען פון די ישמעאלים.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פערטראַכט, פאַרוואָס פאָלגסטו מיך נישט! — האָט דער פיהרער אויף איהר אַ געשריי געטהאָן. מיר האָבען קיין צייט נישט! מיר קענען אויף דיר נישט וואַרטען דעם גאַנצען טאָג!

— לאָזט מיך אָפּ! — האָט עלית זיך ווידער גענומען בעטען מיט אַ שוואַכע שטימע — לאָזט מיך געהן אַ היים צו מיין פאָטער. איהר קענט האָבען מיינע שאָף, אָבער לאָזט מיך אָפּ!

— אומזיסט זיינען דיינע רייד — האָט דער פיהרער זיך צו איהר אָפּגערופען — מיר האָבען דיך בעשטימט אַלס מתנה פאַר אונזער הערשער, און קיינער פון אונז האָט קיין רעכט נישט דיך אַוועקצולאָזען. נו, קלעטער ארויף אויף דעם קעמעל!

עלית איז נאָך אַלץ געבליבען שטעהן באַוועגלאָז.

דער פיהרער האָט אַ וואונק געטהאָן צו צוויי אַראַבער און יענע זיינען צו איהר צוגעקומען, איהר אַ הויב געטהאָן און אַוועקגעזעצט אויף דעם קעמעל...

דער קאַראַוואַן האָט זיך גענומען ריהרען פון אָרט.

— צוליעב די שאָף וועלען מיר זיך מוזען לאַנגזאַם בעוועגען — האָט איין אַראַבער געזאָגט.

— אפשר וואָלטען איינינע פון אונז זיך אָפּגעשטעלט מיט די שאָף און זיי לאַנגזאַם געפיהרט נאָך שור און די איבריגע וועלען אָפּפיהרען די שעהנע

מיידעל צו אונזער הערשער.. ווער פון אונז וויל פערבלייבען פון הינטען מיט די שאָף? — האָט דער פיהרער אויסגערופען.

אַלע אַראַבער האָבען געשוויגען. קיינער פון זיי האָט זיך נישט געוואָלט אָפּשטעלען פון הינטען. יעדער האָט ערוואַרטעט אַ גוטע בעלוינונג פון איתן'ען פאַר דער שעהנער מיידעל וואָס זיי האָבען געפאַנגען.

באַלד האָט אויסגעבראָכען אַ מחלוקה צווישען זיי. יעדער האָט געהייסען דעם צווייטען פערבלייבען מיט די שאָף. אַ היבשע ווײַלע האָבען זיי זיך געאַמפּערט און צו קיין באַשלוס איז נישט געקומען.

— אויב אַזוי וועלען מיר אַלע מוזען געהן צוזאַמען — האָט דער פיהרער זיך אָפּגערופען — מיר וועלען געהן לאַנגזאַם.

— איך וואָלט געראַטהען — האָט זיך איינער פון די אַראַבער אָנגערופען — אַז מיר זאָלען יעצט אין גאַנצען איבערלאָזען די שאָף. מיר האָבען יעצט מיט זיך אַ ווילכטיגע מתנה פאַר אונזער הערשער, און וואָס שנעלער מיר וועלען אין שור אָנקומען, אַלץ מעהר וועלען מיר איהם צופריעדענשטעלען. איך בין איבערצייגט, אונזער הערשער האָט נאָך אַזאַ שעהנע מיידעל נישט געזעהן און ער וועט צושטימען, אַז מיר האָבען זעהר קלוג געהאַנדעלט, ווען מיר האָבען די שאָף איבערגעלאָזען כדי מיר זאָלען וואָס שנעלער צו איהם אָנקומען מיט דער מתנה.

— אָבער מיר דאַרפען נישט פערגעסען, אַז דאָס זיינען די זעלבע שאָף וואָס מיר האָבען שוין איינמאָל ראַבירט. און יענער שטאַרקער מאַן האָט אונז געצוואונגען זיי צוריקצוקעהרען... און יעצט וועט אויסקומען, אַז דיזע מיידעל צווינגט אונז ווידער איבערצולאָזען די שאָף!

— ער איז גערעכט! — האָבען די אַנדערע צוגעגעבען — מיר מוזען מיטנעהמען די שאָף.

— מיר פערגעסען אָבער, אַז אונזער הערשער האָט אונז דיזען מאָל געשיקט מיט אַ גאַנץ אַנדער צוועק. ער האָט אונז בעפוילען צו געפינען יענעם מאַן, וועלכער האָט אונזערע ברידער ענטוואָפענט און איך בין איבערצייגט, אַז אונזער געפאַנגענע ווייס ווער ער איז און וואו ער געפינט זיך.

— זיכער ווייס זי! — האָט דער פיהרער צוגעגעבען — און מיר וועלען פון איהר באַלד ארויסקריגען ווער ער איז.

ער איז צוגעגאַנגען צו עלית'ן, וועלכע איז געזעסען אויף דעם קעמעל אַ פאַרטרויערטע און אַ פערצווייפעלטע... זי הערט אַלעם וואָס איהרע פאַנגער ריידען וועגען איהר און זי איז אַזוי הילפלאָז, אַזוי האָפנונגסלאָז.

— זאָג מיר! — האָט ער זיך צו איהר אָנגערופען — ווער האָט די שאָף פריהער מיט עטליכע טעג געפיטערט?

עלית האָט איהם נישט געענטפערט. די טרעהרען האָבען איהר געשטיקט.

— אויב דו וועסט אונז ענטפערן, וועט פאַר דיר בעסער זיין... מיר וועלען דיך בעסער בעהאַנדלען און ווען מיר וועלען פון דיר אַלעס דערגעהן, וועלען מיר מעגליך אויך דיינע שאָף אומקעהרען צו דיין פאָטער.

ווען עלית האָט דערהערט דיזע ווערטער, האָט זי זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעוויינט.

— איך בעט אייך — האָט זי וויינענדיג געזאָגט — קעהרט אום די שאָף צו מיין פאָטער... ער איז יעצט אַזוי עלענד און אָרים... פון די שאָף וועט ער זיך קענען דערנעהרען זיינע לעצטע יאָהרען...

— אַז דו וועסט אונז ענטפערען אויף אַלע פראַגען, דאַן פערזיכער איך דיר, אַז די שאָף וועט צוריקגעקעהרט ווערען צו דיין פאָטער. יעצט ענטפער מיר. ווער האָט דיינע שאָף געפיטערט מיט עטליכע טעג צוריק?

— ער איז געווען מיין פאָטער'ס ברודער... מיין פאָטער איז קראַנק געווען און איך האָב געמוזט פערבלייבען אין הויז מיט איהם און מיין פעטער האָט מיר יענעם טאָג אומגעביטען...

— יעצט זאָג מיר, האָסטו געזעהן יענעם מאַן, וועלכער האָט דיין פעטער געהאָלפען און איהם צוריקגעקעהרט די שאָף?

יעצט האָט זיך עלית דערמאָהנט אָן יהודה'ן. די גאַנצע צייט וואָס זי איז אין געפאַנגענשאַפט געווען, האָט זי נאָר געטראַכט פון איהר פאָטער, פון זיין טרויריגער לאַגע. יעצט אָבער, אַז דער אַראַבער האָט איהר דערמאָנט וועגען איהם, האָט זי גענומען פון איהם טראַכטען.. איהר האַרץ האָט נאָך מעהר געדריקט... זי האָט שוין מעהר קיין האָפנונג נישט ווען עס איז איהם צו זעהן! און דאָ נישט לאַנג האָט זי אַזוינע שעהנע חלומות וועגען איהם געשפינען... אָ, ווען ער וואָלט יעצט געוואוסט אין וועלכע הענט זי איז אריינגעפאַלען... אָבער נאָכאַלעמען, וואָס וואָלט ער געקענט איהר העלפען? וועט ער אַליין זיך דען קענען געגענשטעלען געגען פופצעהן געזונטע אַראַבער?...

— פאַרוואָס ענטפערסט דו מיר נישט אויף מיין פראַגע? — האָט דער פיהרער זיך צו איהר ווייטער געווענדעט — איך האָב דאָך דיך געפרעגט, אויב דו האָסט יענעם מאַן געזעהן. אויב דו ווילסט אַז דיין פאָטער זאָל צוריק קריגען זיינע שאָף, דאַן מוזטו מיר אויף אַלע מיינע פראַגען ענטפערען!

— יע, איך האָב איהם געזעהן — האָט עלית טרויעריג געענטפערט.

— קומט ער אויך פון דיין שטאָדט, עדלם? — האָט ער איהר ווייטער געפרעגט.

— ניין, ער איז אַ פרעמדער, ער איז צופעליג פערבייגעגאַנגען און ווען ער האָט בעמערקט, וואָס פאַר אַן אומרעכט עס איז געטהאָן געוואָרען צו מיין פעטער, איז ער איהם צו הילף געקומען...

— האָט ער דיר דען נישט געזאָגט ווער ער איז?

עלית האָט ווידער געשוויגען... זאָל זי איהם אויף דיזער פראַגע ענטפערען, „ניין“! וועט ער איהר דען וועלען גלויבען? אָבער ווי אַזוי וועט זי איהם קענען זאָגען ווער ער איז? זיי וועלען דאָך זיכער זיך וועלען אַן איהם נוקם זיין... באַלד איז איהר אָבער ווידער געקומען אויף דעם געדאַנק, אַז יהודה געפינט זיך דאָך יעצט מיט זיינע ברידער, האָט ער דען וואָס מורא צו האָבען פאַר זיי? און אפילו ווען זייער גאַנצער שבט וואָלט

דאַ יעצט געווען, וואָלטען זיי דען געוואַגט מלחמה צו האַלטען מיט יהודה׳ס ברידער?...

— ווילסטו מיר נישט זאָגען, ווער דער פרעמדער איז?

— דער פרעמדער איז איינער פון די בני יעקב — האָט עלית געענטפערט.

— פון די בני יעקב?! — האָט דער פיהרער אויסגערופען — עס איז אַ ליגען! עס איז אוממעגליך... מיר האָבען נישט לאַנג צוריק בעזוכט זייער לאַגער און איהם דאָרטען נישט בעמערקט.. די פינף מענשען זיינען מיט מיר געווען, אָבער מיר האָבען איהם דאָרטען נישט געזעהן... זיי וואָלטען איהם דאָך דערקענט. יעצט זעה איך, אַז דו זוכסט יענעם מאַן צו בעשיצען און דערפאַר זאָגסטו אונז אַ ליגען וועגען זיין אָפּשטאַמונג..

— איך זאָג נישט קיין ליגען! — האָט עלית וויינענדיג געענטפערט — ער האָט מיר אַזוי געזאָגט, אַז ער איז איינער פון יעקב׳ס זיהן.

— עס איז אוממעגליך, מיר האָבען אויך געהאַט אַ חשד, אַז ער שטאַמט פון יעקב׳ן און מיר זיינען דעריבער אַוועק נאָך שכם און האָבען אַ היבשע ווײַלע אומבאַמערקטערהייט בעאָבאַכטעט אַלע זיהן פון יעקב׳ן און יענעם מאַן דאָרטען נישט געזעהען.

עלית האָט איהם אָנגעקוקט פערוואונדערט: איז דאָס מעגליך, אַז יהודה איז נישט דער זוהן פון יעקב׳ן? האָט ער איהר דען אָפּגענאַרט? אָבער ניין! דאָס קען דאָך נישט זיין... זיכער אַז זיי האָבען איהם נישט דערקענט. אין איהר האַרצען איז זי שוין געווען צופריעדען, וואָס איהרע פאַנגער וועלען יעצט קיין שפּורען נישט האָבען וועגען יהודה׳ן.

— זי זאָגט אונז אַ ליגען! — האָט נאָך איינער אויסגערופען. — זי וויים ווער ער איז און וואו ער געפינט זיך, אָבער זי זוכט איהם צו בעשיצען...

— אויב דו וועסט אונז נישט וועלען זאָגען מיט גוטען, וועלען מיר דיר ווייזען וואָס מיר קענען טהאָן מיט דיר! — האָט דער פיהרער איהר אַ נעהם געטהאָן ביי דער האַנט.

— איך האָב דעם ריינעם אמת געזאָגט! דאָס איז אַלעס וואָס איך וויים וועגען איהם.

— דו וויימט אַ סך מעהר! — האָט ער אַ געשריי געטהאָן — אויב דו וועסט אונז באַלד נישט אויסזאָגען, וועסטו נאָכהער חרטה האָבען.

— מיר מוזען קריגען דעם מאַן!

— מיר מוזען איהם ברייננען צו אונזער הערשער. דו בעסער זאָג אונז ווער ער איז און וואו ער געפינט זיך יעצט. אויב נישט, וועסטו באַלד פיהלען מיין מעכטיגע האַנט...

— מיר וועלען פון איהר מוזען ארויסקריגען דעם אמת. עס איז פאַר אונז אַלעמען אַ גרויסע שאַנדע, ווען אונזער הערשער וועט זיך דערוויסען אַז מיר האָבען דיזעלבע שאַף, וואָס מיר האָבען דורך יענעם מאַן פערלאָ־רען, און דעם מאַן האָבען מיר נישט געקענט געפינען. ער וועט אונז אַלעמען חושד זיין, אַז מיר זיינען שוואַכלינגע און פייגלינגע!

— זאָג אונז ווער דער מאַן איז! — האָט דעם פּיהרער'ס שטימע ווידער אַ דונער געטהאָן אויף עלית'ן.

און ווען עלית האָט געענטפערט אַז דאָס איז אַלעס וואָס זי וויים, איז ער צו איהר ווידער צוגעגאַנגען און מיט גרויס צאָרן איהר פון קעמעל אַרונטערגעשלעפּט.

די אַראַבער האָבען איהר אָנגעפאַנגען צו פּייניגען. די רציחה האָט זיך אין זיי צעיושעט... זיי מוזען פון איהר דערגעהן דעם אמת, האָבען זיי בעשלאָסען. זייערע אויערען האָבען זיי פערשטאָפּט צו איהר געוויין און בעטען... זיי האָבען איהר אָנגעפאַנגען צו שלאָגען.

ווען יהודה האָט פערלאָזען זיינע ברידער און האָט זיך פערנומען אויף דעם וועג פון עדלם, האָט ער ביז האַלבען טאָג געריטען אויף זיין פּערד. די זון האָט די גאַנצע צייט שטאַרק געברענט און ער האָט געזעהן אַז זיין פּערד וועט זיך דאַרפען אויסרוהען, איידער ער וועט מיט איהם קענען פאָרטזעצען זיין וויטערע רייזע. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי אַ דורכגעהער ער זאָל איהם צייגען דעם וועג צו אַ נאָהענטער שטאָדט.

— נישט ווייט פון דאַנען געפינט זיך בית־אל — האָט איהם יענער געענטפערט.

— און וואו זיינען די איינוואוינער פון בית־אל? — האָט איהם יהודה ווידער געפרעגט — גלויבסטו אַז זיי זיינען גאַסטפריינדליך, און איך וועל קענען דאָרטען קריגען אַ פּלאַץ אָפּצורוהען פאַר מיר און פאַר מיין פּערד?

— די איינוואוינער פון בית־אל זיינען גוטע מענשען — האָט דער פרעמדער געזאָגט — איך קום אַליין יעצט פון דאָרט... יאָ, די שטאָדט איז אַ געבענשטע... אַ מאָל האָט די שטאָדט זיך גערופען לוז, און איינמאָל איז אַ געטליכער מאַן פון באר־שבע דאָרט פערבייגעגאַנגען, ער האָט דאָרט איבערגענעכטיגט אין פעלד, און נאָכהער האָט ער אויפגעשטעלט אַ גרויסע מצבה און הייליגע אויל אויף דעם געגאָסען. שפּעטער האָט ער אויך דאָרט אַ מזבח פאַר גאָט אויפגעשטעלט... און דעריבער האָט גאָט געבענשט יענע שטאָדט.

יהודה האָט אַ שמייכעל געטהאָן, ווען ער האָט דערהערט, ווי שטאַרק געאַכטעט און בעליעבט זיין פאָטער איז ביי די איינוואוינער פון דער שטאָדט בית־אל. ער האָט דעריבער בעשלאָסען זיך אָפּצושטעלען אויף אַ קורצע ווייַלע אין בית־אל און פאַר איין וועג אויך בעזוכען דעם פּלאַץ, וואו זיין פאָטער האָט גענעכטיגט, ווען ער איז געוועזען אויף'ן וועג נאָך חרן.

יהודה איז אָנגעקומען אין בית־אל און האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבען אַ הויז וואָס איז געוועזען ביי דעם טויער פון שטאָדט.

— וועל איך ביי דיר קענען קריגען שפּייז און וואַסער פאַר מיר און מיין פּערד און פאַר זיך פּלאַץ זיך אויסצורוהען? ווייל מיר זיינען מיעד און דורשטיג — האָט יהודה געפרעגט אַן עלטערען מאַן, וועלכער איז געוועזען דער אייגענטהימער פון הויז.

— געווים, מיין האר! — האָט יענער געענטפערט — קום גלייך אריין אין מיין הויז.

יהודה איז ארונטער פון פערד. ער האָט איהם געבראַכט וואַסער און שפייז און אליין איז ער אריין צו דעם אַלטען מאַן אין הויז און ער האָט דערקוויקט זיין הארץ מיט שפייז און מיט פריש וואַסער.

— קענסטו מיר פיליכט זאָגען — האָט יהודה איהם אַ פרעג געטהאָן — פאַר וואָס מען האָט דעם נאָמען פון דיזער שטאָדט געענדערט פון לוז אויף בית־אל?

יהודה האָט איהם בכיון געפרעגט, ווייל ער האָט געוואָלט הערען וואָס די איינוואוינער פון שטאָדט ריידען וועגען זיין פאָטער.

— דאָס וועט דיר אפילו אַ קליין קינד זאָגען — האָט דער אַלטער מיט אַ שמייכעל זיך אָפּגערופען — כאָטש דאָס האָט פּאַסירט מיט פיעלע יאָהרען צוריק. יע, דו ביזט נאָך דאָן אויף דער וועלט נישט געוועזן.

דער אַלטער האָט יהודה'ן דערצעהלט אַלעס וועגען יעקב'ס חלום, וועגען דער מצבה וואָס יעקב האָט צונויפגעשטעלט פון די שטיינער, אויף וועלכע ער איז געשלאָפען, און וועגען דעם וואונדערבאַרען חלום, וואָס ער האָט גע'חלום'ט.

— געפינט זיך יענער פּלאַץ ווייט פון דאַנען? — האָט יהודה איהם געפרעגט.

— ניין, נישט ווייט. אויב דו ווילסט, וועל איך דיך אהין צופיהרען.

— איך וועל דיין חסד קיינמאָל נישט פערגעסען! — האָט יהודה אויסגערופען מיט גרויס פרייד. איך בין זעהר נייגעריג אָנצוקוקען יענעם וואונדערבאַרען פּלאַץ.

דער אַלטער איז מיט יהודה'ן צוגעגאַנגען צו יענעם פּלאַץ.

— אָט דאָ האָט יענער געטליכער מאַן איבערגענעכטיגט יענע נאַכט... און אָט איז די מצבה וואָס ער האָט צונויפגעשטעלט. און דאָרטען שטעהט נאָך דער מזבח, וואָס ער האָט מיט יאָהרען שפּעטער, ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט בשלום אַ היים, אויפגעשטעלט — האָט דער אַלטער איהם אָנגעצייגט.

— קענסטו מיר פיליכט זאָגען, ווי יענער מאַן האָט געהייסען? — האָט יהודה ווידער געפרעגט.

— זיין נאָמען איז געווען יעקב, און ווען ער איז דאָ דעם צווייטען מאָל געקומען, האָט מען איהם אויך גערופען ישראל.

יהודה איז געשטאַנען און מיט פיעל בעגייסטערונג האָט ער בעטראַכט די פּלעצער... אויפ'ן זינען איז איהם געקומען די אַלטע מעשיות וואָס ער האָט פון זיין פאָטער געהערט, וועגען דעם חלום מיט דעם לייטער, וועמעס שפּיץ האָט אין די הימלען דערגרייכט, און ווי די מלאכים זיינען ארויף און אראָפּ פון לייטער... ער איז געוואָרען אַזוי אָנגעפילט מיט שטאָלץ... יע, ער איז דער זוהן פון יעקב'ן.. און ווען דער אַלטער האָט געזאָגט, דאָס ער וויל זיך צוריקקעהרען, האָט איהם יהודה געזאָגט, דאָס ער וויל דאָ נאָך אַ ביסעל פערבלייבען, און ער וועט זיך שפּעטער אליין אומקעהרען.

יהודה איז אליין געבליבען שטעהן נעבען מזבח און ער האט גענומען טראכטען וועגען זיין פאטער און זיין זיידען יצחק'ן און עלטער זיידען אברהם'ען... האט ער א רעכט צו געהן דארטען אין עדלם צו דער כנענית... וועט דען זיין פאטער נישט זיין דאגעגען... אבער ער האט דאך איהר אזוי ליעב... ניין, ער וועט איהר קיינמאל נישט קענען אויפגעבען... ער איז זיכער, אז ווען זיין פאטער וואלט זי דערזעהן, און ווען ער וואלט מיט איהר גערעדט, וואלט ער געזעהן דעם גרויסען אונטערשיעד צווישען איהר און די איבריגע טעכטער פון כנען... יע, ווען ער וועט איהר הייראטען, וועט ער איהר לערנען די וועגען פון גאט, און זי וועט נאכהער ווערט זיין אנגערופען צו ווערען א טאכטער פון ישראל... און אפילו זיין זיידע וואלט אויך צוגע־שטימט דערצו... א, ווי ליעבליך און ווירדיג עלית איז. זי איז דאך אזוי גוטהארציג און שעהן ווי א מלאך... און איהר פאטער שוע און הירה, איהר פעטער זיינען אויך גאנץ וואוילע מענשען... עס וועט איהם לאנג נישט נעהמען און ער וועט איהר גאנצע משפחה בעקעהרען צו דעם גאט פון זיינע עלטערען.

— יהודה האט גענומען מתפלל זיין נעבען דעם מזבח וואס זיין פאטער האט מיט יאהרען צוריק אויפגעשטעלט.

— פיהר מיך, א גאט, אויף דעם ריכטיגען וועג! — האבען זיינע ליפען געשעפטשעט — איך זאל געפינען חן אין די אויגען פון עלית'ן, די טאכטער פון שוע, און זי זאל אויך געפינען חן אין די אויגען פון מיין פאטער... ער זאל זעהן איהר ווירדע, ווי איך זעה עס...

לאנג, זעהר לאנג איז ער דארטען געשטאנען פערטיפט אין זיינע גע־דאנקען. ער האט גארנישט בעמערקט ווי די זון האט זיך שוין א רוק געטהאן צו מערב זייט.

— איך וועל שוין הייגט מעהר נישט קענען פארזעצען מיין רייזע נאך עדלם — האט ער זיך געטראכט — אבער ער איז געווען שטארק צופריעדען וואס ער איז צוגעקומען צו דיזען פלאץ. עפעס איז איהם אזוי גרינג געווארען אויף'ן הארצען... ער האט אזוי גוט געפיהלט.

יהודה האט יעצט געקראגען אזוי פיעל מוטה... ער האט געפיהלט אזוי שטארק און פול מיט ענערגיע, ווי זיין פאטער האט געפיהלט אויף דיזען פלאץ, נאך זיין חלום... ער האט פערלאזען דעם פלאץ און זיך אומגעקעהרט צו דעם אלטען אין הויז. ער האט דארטען איבערגענעכטיגט, און ווי נאך עס האט אנגעפאנגען צו טאגען, האט ער פערלאזען בית־אל און פארטגע־זעצט זיין רייזע נאך עדלם.

נאך האלבען טאג איז ער שוין געווען נישט ווייט פון עדלם... זיין הארץ האט גענומען פעסטער קלאפען... באלד, אט באלד, וועט ער זעהן די שעהנע עלית. באלד וועט ער מיט איהר ריידען. ער וועט ארייננקוקען אין איהרע אויגען, ער וועט הערען איהר זיסע שטימע.

פלוצלונג האט יהודה בעמערקט ווי א מאן לויפט מיט אזא אימפעט אין דער ריכטונג פון שטאדט... ווען ער איז גאנץ נאהענט צוגעקומען האט

ער בעמערקט, ווי דעם מאַן׳ס האָר זיינען צושויבערט... זיין פּנים דריקט אויס צושראָקענהייט...

— פון וואַנען ענטלויפסטו דאָס? — האָט איהם יהודה אָפּגעשטעלט.

דער מאַן האָט אָפּגעקעהרט זיין קאָפּ און ווען ער האָט זיך איבער־צייגט אַז קיינער יאָגט איהם נישט נאָך, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און קוים אָפּכאַפּענדיג זיין אָטהעם האָט ער געזאָגט:

— אַ באַנדע ישמעאלים! אָה, זעהר פיעל פון זיי האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן אין אונזערע גרעניצען... זיי בעפאַלען פאַסטוכער און רויבען פון זיי אַוועק זייערע שאָף... אָה, איך האָב מורא זיי זאָלען מיך נישט בעמער־קען!... לאָמיר ענטלויפען מיין האַר! אַ יונגע מיידעל פון עדלם! איך האָב זיך ביי איהר געבעטען זי זאָל ענטלויפען, אָבער זי האָט געזשאַלעוועט איבערצולאָזען איהרע שאָף... יעצט האָבען זיי איהר געווים געפאַנגען צוזאַמען מיט איהרע שאָף... ווען זי וואָלט מיך געפאָלגט און איבערגעלאָזען די שאָף און צוזאַמען מיט מיר אַנטלאָפען, וואָלט זי געראַטעוועט געוואָרען פון זייערע הענט... מיין האַר, לאָמיר שנעלער ביידע ענטלויפען אין שטאָדט. זיי וועלען נאָך פיליכט אונז ביידען בעמערקען, דאַן זיינען מיר אויך פערלוירענע...

— אָבער ווי אַזוי האָסטו געקענט איבערלאָזען יענע הירטין אין אַזאַ סכנה... פּאַרוואָס האָסטו איהר נישט געפּרואווט בעשיצען פון זייערע הענט — האָט יהודה איהם אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— וועל איך אַליין זיך דען קענען געגענשטעלען די ישמעאלים? און אַפילו ווען אונזער צאָהל וואָלט געווען גלייך מיט זייערער, וואָלטען מיר אַלץ איינס נישט געוואַגט צו קעמפען מיט זיי!..

— און די הירטין קענסטו איהר? ווייסט דו ווי זי הייסט? — האָט יהודה איהם אַ פרעג געטהאָן.

— ווער קען דאָס נישט די טאָכטער פון שוע! — האָט ער אויסגע־רופען — איהר נאָמען איז עלית.

— עלית! — האָט יהודה אויסגערופען — עלית איז געפאַנגען פון די ישמעאלים! שנעלער צייג מיר דעם וועג, וואו די ישמעאלים האָבען זיך פערנומען!

— אָה, ניין! — האָט דער מאַן אויסגערופען — איך האָב מורא זיך אומצוקעהרען, פיליכט וועלען זיי מיך אויך בעמערקען...

— דו מוזט מיר אָבער דעם וועג צייגען. איך מוז איהר ארויסראַטעווען פון זייערע הענט — האָט יהודה געזאָגט מיט אויפרעגונג.

— דו אליין וועסט איהר ארויסראַטעווען פון זייערע הענט? שלאָג זיך דאָס אַרויס פון קאָפּ! — ווען דו וועסט גאַנץ נאָהענט צוקומען, וועסטו בלויז אריינפאַלען אין זייערע הענט! ניין, איך געה נישט! עלית איז אַליין שולדיג אין איהר אומגליק. איך האָב איהר געראַטהען, זי זאָל איבערלאָזען איהרע שאָף און אַנטלויפען, אָבער זי האָט מיך נישט געפאָלגט.

— איך זאָג דיר, דו זאָלסט מיר אָנצייגען דעם וועג וואָס שנעלער! — האָט יהודה אויף איהם אַ געשריי געטהאָן, מיט אַ דונערענדע שטימע.

דער מאַן האָט זיך שטאַרק דערשראָקען פאַר יהודה׳ן.

— איך בעט דיך, מיין האַר, — האָט ער זיך ביי איהם גענומען בעטען — שטעל נישט איין מיין לעבען און דיין לעבען אין אַזאַ סכנה... לאָמיר בעסער וואָס שנעלער אַנטלויפען נאָך עדלם, דאָרטען וועלען מיר געפינען שוץ... זיי וועלען נישט וואַגען צו בעפאַלען אונזער שטאָדט.

— אויב דו וועסט מיר גלייך נישט געהן אָנצייגען דעם וועג פון וואַנען די ישמעאלים זיינען אָנגעקומען, וועל איך דיך אויף׳ן אָרט טויטען!

— האָט יהודה ארויסגעצויגען זיין שווערד.

דער מאַן האָט זיך גענומען טרייסלען פון שרעק.. איך וועל דיר ציינען מיין האַר! איך בעט דיך, טויט מיך נישט... איך וועל דיר צייגען פון וויטען, אָבער דו וועסט מיך נאָכהער אָפּלאָזען... איך זאָל קענען אַנטלויפען פון די ישמעאלים!

— דו צייג מיר בלויז דעם וועג, נאָכהער ווענסטו קענען לויפען וויפיעל דיין האַרץ גלוסט. אַזאַ שרעקענדיגער ווי דו, וועט אַלץ איינס נישט קענען קעמפען מיט די ישמעאלים... שנעלער! פערליר נישט קיין צייט!

דער מאַן האָט מיט ציטערדיגע הענט און פיס זיך אומגעקעהרט... עס האָט איהם געקלאַפּט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן... זיינע קניה האָבען זיך געבויגען... ער האָט זיך קוים אויף זיינע פיס געהאַלטען.

— קום ארויף אויף מיין פערד און דו וועסט מיר אָנצייגען וואוהין צו רייטען.

דער מאַן האָט זיך פון אָרט נישט געקענט ריהרען... יהודה איז ארונ־טער פון זיין פערד און ארויפגעהאָלפען דעם מאַן אויף זיין פערד.

— פערנעהם זיך צו דרום זייט! — האָט דער מאַן ארויסגערעדט מיט אַ שוואַכע שטימע — אָט איז דער וועג... יעצט זאָלסטו זיך פערנעמען רעכטס...

יהודה האָט שנעל געטריבען דאָס פערד. ווען ער איז צוגעקומען ביז יענעם וועג, האָט זיך דער מאַן אָפּגערופען: — אָט דאָ, האָט עלית איהרע שאָף געפיטערט... וואוהין זיי האָבען איהר גענומען פיהרען, וויים איך נישט, וועיל איך בין גלייך ענטלאָפען געוואָרען... יעצט לאָז מיך אָפּ, און לאָז מיך שנעל לויפען אין שטאָדט, איך וועל אָנזאָגען די איינוואוינער פון שטאָדט וועגען דעם איבערפאַל. פיליייכט וועלען זיי זיך צונויפזאַמלען און וועלען מאַכען אַ פערזוך זיי נאָכצויאָגען.

— געה! — האָט יהודה אָפּגעשטעלט זיין פערד.

דער מאַן איז ארונטער פון פערד און גענומען שטעלען פיס...

יהודה האָט צוגעריטען צו אַ קליינעם בערגעל און זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך ארומגעקוקט פון אַלע זייטען אָבער ער האָט קיין שפור נישט גיפונען פון די ישמעאלים. זיין פערצווייפלונג און זאָרג האָט זיך פערגרע־סערט... באַלד איז איהם איינגעפאַלען אַ חשד, אַז דער מאַן האָט איהם נישט אָנגעצייגט דעם ריכטיגען וועג ווייל ער האָט מורא געהאַט צוצוקומען נאָהענט צו די ישמעאלים... יאָ, אויף אַזאַ פייגלינג און שרעקענדיגען קען מען דאָס גלויבען!

יהודה האָט פערקירעוועט זיין פערד און זיך גענומען לינקס... ער האָט נאָך שנעלער גענומען טרייבען זיין פערד... ווען ער האָט זיך גענומען ארומקוקען אין אלע זייטען, האָט ער פון דער ווייטען בעמערקט מענשען... ער האָט זיינע אויגען מעהר אָנגעשטרענגט; מעגליך אז דאָס זיינען זיי — האָט ער זיך געטראַכט, און אויב נישט, וועט ער זיי פרעגען אויב זיי האָבען בעמערקט ישמעאלים אויף דעם וועג... ווען ער איז נעהנטער צוגע־ריטען איז ער געוואָרען איבערצייגט אז דאָס זיינען די ישמעאלים, ער האָט זיי געקענט דערקענען אָן זייערע בגדים און אָן די קעמלען... באַלד האָט צו זיינע אויערען דערגרייכט א יאָמערליכער געוויין פון א פרויענ־צימער... א שווידער איז דורך יהודה׳ס קערפּער... איז עס מעגליך אַז דאָס איז די שטימע פון עלית׳ן!.

ער האָט ארויסגעצויגען זיין שווערד און גענומען טרייבען זיין פערד וואָס שנעלער.. אין א רגע איז ער געווען נעבען די ישמעאלים...

דער געוויין און געבעט פון עלית׳ן האָט אָפּגעהילכט איבער דעם גאַנצען געגענד... יהודה האָט געזעהן ווי אלע ישמעאלים רינגלען ארום עלית׳ן... ער האָט בעמערקט ווי זיי שלאָגען איהר און זיין כעס האָט זיך אין איהם אָנגעצונדען.

— איהר רשעים! — האָט ער א דונער געטהאָן.

באַלד האָבען זיך די ישמעאלים אומגעקוקט און דערזעהן יהודה׳ן.

— דאָס איז דער מאַן! — האָבען איינער א געשריי געטהאָן... אָט איז ער!

זיי האָבען באַלד אָפּגעלאָזען עלית׳ן און זיך געכאַפּט צו זייערע וואַפען.. .

יהודה איז גלייך א שפּרונג געטהאָן מיט זיין פערד אויף די ישמעאלים. ער האָט אָנגעפאַנגען צו שניידען מיט זיין שווערד רעכטס און לינקס...

— אוי! אוי! ער וועט אונז טויטען — האָבען די פינף אראַבער, וועלכע האָבען שוין געהאַט פריהער פערזוכט דעם טעם פון יהודה׳ס פויסט, גענומען שרייען.

— מיר טאָרען זיך נישט אונטערגעבען! — האָט דער פיהרער אויס־געשריען — לאָמיר קעמפען פאַר אונזער הערשער און אונזער שבט...

די פינף אראַבער אָבער האָבען זיך אזוי שטאַרק דערשראָקען, אַז זיי האָבען אלעס איבער געלאָזען און גענומען לויפען. די איבערגעבליבענע צעהן האָבען אָנגעפיהרט א פערביטערטען קאַמף מיט יהודה׳ן.

— מיר מוזען איהם ברייגנען צו אונזער הערשער א טויטען אָדער א לעבעדיגען — האָט דער אָנפיהרער זיך גענומען פעכטען מיט יהודה׳ן. די איבריגע האָבען איהם גענומען ארומרינגלען פון אלע זייטען...

יהודה איז געזעסען אויף זיין פערד און האָט שנעל אָפּגעשטויסען די אטאַקעס פון די אראַבער... ער האָט מיט זיך איינינגע פון זיי אומגעוואָרפען צום באָדען, און דער פערד האָט זיי פערוואונדעט טרעטענדיג איבער זייערע קערפּערם.

— מיר דאַרפען פריהער טויטען זיין פערד! — האָט איינער פון די

ישמעאלים אויסגערופען — דאַן װעלען מיר איהם גאַנץ גרינג בעזיעגען!...

זיי האָבען זיך יעצט גענומען צילעווען צו יהודה׳ס פערד... יהודה איז אָבער געווען פלינקער פון זיי, און איידער אימיצער פון זיי האָט נאָר בעוויזען צוצוקומען, איז ער שוין געלעגען אונטער דעם פערד׳ס פיס.

יהודה האָט געהאַלטען דעם שווערד נאָך שטייפער אין זיין האַנט.. ער האָט געוואָרפען מיט זיינע אויגען הין און צוריק. פלוצלונג האָט אַ פערוואונדעטער אַראַבער זיך אומבעמערקטערהייט צוגעקראָכען צום פערד און מיט זיינע לעצטע כחות אריינגעשטאָכען זיין שווערד אין דעם פערד׳ס בויך... יהודה האָט גלייך דערפילט ווי זיין פערד פאַלט אום. ער איז שנעל ארונטערגעשפרונגען פון פערד, און האָט זיך גענומען שלאָגען האַנט אין האַנט מיט די עטליכע איבערגעבליבענע אַראַבער... די הילכיגע געשרייען פון די ישמעאלים האָט אָנגעפילט די לופט.

עלית איז געזעסען אויף׳ן גראָז און האָט נישט געגלויבט איהרע אויגען... איז דאָס אַ חלום! יהודה איז געקומען אין צייט, איהר צו ראַטעווען... זי קען זיך נישט ריהרען פון אָרט. די ישמעאלים האָבען איהר שטאַרק צושלאָגען און יעצט זעהט זי אַ נקמה אין זיי. אָבער איהר האַרץ שרעקט איהר, ער איז דאָך פאָרט נאָר איינער געגען אזוי פיעל, טאָמער וועלען זיי איהם בייקומען... און אָט בעמערקט זי ווי פינף פון זיי האָבען זיך בעצייטענס אָפגעטראָגן, ווי נאָר זיי האָבען איהם בעמערקט... יע, אייניגע פון זיי ליגען שוין צובלוטיגטע אויף דער ערד... דער קאַמף צופלאַקערט זיך. אָה, ווי העלדיש יהודה קעמפט... אָט זעהט זי ווידער אַ פערוואונדעטען אַראַבער צוקריכען נעהנטער צום פערד.. זי וויל נעמען שרייען, וואַרנען יהודה׳ן וועגען דעם, אָבער זי קען נישט, איהר מויל איז איהר ווי צוגעשלאָסען... איהר וועהטאָג איז גרויס, איהר האַרץ קלאַפט פון שרעק, זי קען דאָס נישט צוזעהן זי שליסט צו די אויגען... ווען זי איז צו זיך געקומען, האָט זי שוין בעמערקט ווי דער פערד ליגט אויסגעצוגען אַ טויטער אויף דער ערד און יהודה קעמפט יעצט מיט די אַראַבער שטעהענדיג אויף דעם באָדען... זי זעהט עטליכע אַראַבער ליגען צובלוטיגטע אויף דעם גראָז... יהודה קעמפט יעצט בלויז געגען פיער. איהר האָפנונג פערשטאַרקט זיך... ער וועט אויך זיי זיכער באַלד בייקומען.

פלוצלונג בעמערקט זי ווי די פינף אַראַבער, וועלכע זיינען פריהער אנטלאָפען, לויפען יעצט צוריק... מיט זייערע שווערדען אין די הענט... זיי לויפען גלייך אין דער ריכטונג פון קאַמף... אַ שווידער געהט דורך איהר לייב... גאָט! וועט יהודה זיי בייקומען?. זיי זיינען דאָך אויסגערוהטע און יהודה איז דאָך אַזוי מיעד! העלף איהם, אָ גאָט, פון זיין פאָטער יעקב! שעפטשען איהרע ליפען...

די פינף ישמעאלים, וועלכע האָבען זיך אַזוי דערשראָקען ווען זיי האָבען דערזעהן יהודה׳ן אַז זיי זיינען אנטלאָפען געוואָרען, האָבען זיך בעהאַלטען פון ווייטען הינטער די בוימער. זיי האָבען צוגעקוקט מיט שרעקענדיגע אויגען צום קאַמף וואָס יהודה פיהרט אָן מיט זייערע ברידער... אייניגע פון זיי

האָבען געגומען זאָגען דאָס זיי זאָלען זיך אומקעהרען, ווייל אויב זיי וועלען נישט בעזיעגען דעם שטאַרקען מאַן, וועלען זיי בלייבען צו שאַנד און צו שפּאָט. און ווער ווייס, מיט וואָס דער הערשער וועט זיי בעשטראָפען... דאָך האָבען זיי נישט געוואָגט ארויסצוזאָגען פון זייער בעהעלטעניש.

— אויב מיר וועלען יעצט ווידער געהן קעמפען געגען יענעם מאַן, וועט ער אונז זיכער טויטען... יע, ווען אונזערע איבריגע ברידער וואָלטען פריהער פערזוכט דעם טעם פון זיינע אייזערנע פויסטען, וואָלטען זיי אויך געטהאָן ווי מיר האָבען געטהאָן... זיי וואָלטען נישט געוואגט זיך מיט איהם אָנצופאַנגען.

— אָ, זאָלען אונז די געטער פון ישמעאל העלפען! — האָט איינער פון זיי אויסגעשריען — איינינע פון אונזערע ברידער ליגען שוין פערוואונדעטע אויף דער ערד.

— זאָלען מיר זיי געהן העלפען?!

— ניין! עס איז אומזיסט.

— דעם מאַנ'ס פערד איז אומגעפאַלען! — האָט איינער פון די פינף אויסגעשריען — דער זיעג איז אויף דעם זייט פון אונזערע ברידער! שנעל לאָמיר לויפען, און זיי העלפען מאַכען אַ סוף צו איהם! יעצט האָבען מיר זיך נישט וואָס צו שרעקען!

— שנעל! שנעל! לאָמיר לויפען! — האָבען די אַנדערע נאָכגעשריען און געגומען לויפען מיט זייערע בלויזע שווערדען צו דעם פּלאַץ פון קאַמף.

— גיכער! גיכער! לאָמיר צוקומען, איידער זיי וועלען טויטען דעם מאַן, וועלען מיר קענען זאָגען אַז מיר האָבען אויך געהאַט אַ חלק אין זיין טויט...

די פינף אַראַבער האָבען מיט אַלע זייערע כחות געגומען לויפען און מיט קולות פון פרייד האָבען זיי געגומען שאַלען.. ווי דערשראָקען זיינען זיי אָבער געוואָרען ווען זיי האָבען געזעהן ווי יהודה שטעהט פעסט און מיט זיין שאַרפען שווערד קעמפט ער געגען פיער פון זייערע ברידער. זיי האָבען זיך שוין געוואָלט צוריקציהען אָבער זייערע ברידער האָבען געגומען זיך בעטען און שרייען צו זיי:

— פערלאָזט אונז נישט! העלפט אונז! העלפט אונז!

ווען יהודה האָט דערזעהן אַז די פינף האָבען זיך אומגעקעהרט, האָט ער נאָך מיט מעהר פערביטערונג געגומען קעמפען געגען זיי. איהם האָט שוין יעצט נישט געאַרט אויב ער וועט זיי יעצט טויטען...

די פינף צושראָקענע אַראַבער האָבען זיך גיט ווילענדיג דערנעהנטערט און זיך אויך אריינגעוואָרפען אין קאַמף. זיי האָבען געזוכט צו בעפאַלען יהודה'ן פון הינטען, אָבער עס האָט זיך זיי נישט איינגעגעבען. יהודה האָט מיט זיין אומגעהויערער פלינקייט זיי צוריקגעשטויסען... אַ ווייל שפּעטער זיינען שוין נאָך דריי פון די ישמעאלים געבליבען ליגען פערוואונדעטע אויף דעם גראָז.

די זעקס איבערגעבליבענע האָבען באַלד איינגעזעהן, אַז ער איז אומ־בעזיעגבאַר... זיי זיינען שוין געווען אַזוי אויסגעמאַטערט און צושראָקען,

אַז זיי האָבען מעהר קיין כח נישט געהאַט פאַרטצוזעצען זייער געפעכט... זיי האָבען אַ וואָרף געטהאָן זייערע שווערדען אויף דער ערד און האָבען זיך גלייך אונטערגעגעבען.

— האָב רחמנות אויף אונז און טויט אונז נישט! — האָבען זיי זיך גענומען בעטען פאַלענדיג אויף דער ערד, נעבען זייע פיס.

יהודה האָט אויפגעהערט זיך צו פעכטען..

— דיזען מאָל האָט איהר אַלע פערדיענט דעם טויט! — האָט ער אויסגערופען — אָבער איך וועל עס יעצט ווידער נישט טהאָן. ווען מיין שונא איז געפאַלען און ער גיט צו אַז ער איז בעזיעגט, וועל איך איהם מעהר קיין שלעכטס נישט טהאָן. אָבער איך מוז אייך וואָרענען, אַז ווען אימיצער פון אייער שבט וועט וואַגען צו מאַכען אַן איבערפאַל אין דיזען געגענד, וועט ער שוין מעהר קיין לעבעדיגער פון דאַנען נישט אַוועקגעהן... יעצט קלייב צוזאַמען אַלע שווערדען! — האָט יהודה אַ זאָג געטהאָן צו איינעם פון זיי.

יענער האָט זיך אויפגעהויבען און האָט צוזאַמענגעקליבען די שווערדען וועלכע זיינען געווען צושפּרייט איבער'ן גראָז, און מיט גרויס הכנעה זיי איבערגעגעבען צו יהודה'ן.

יהודה האָט גענומען די שווערדען אין זיין האַנט. ער האָט בעטראַכט די אונטערטעניגע און צושראָקענע ישמעאלים, און ער האָט זיך אָפּגע־רופען:

— איך האָב נאָך נישט בעשלאָסען וואָס צו טהאָן מיט אייך. מעגליך אַז איך וועל אייך פאַר שקלאַפען פערקויפען, איך וועל זיך פריהער בעראַטהען מיט יענער צאַרטער און איידעלער פרוי, וועמען איהר האָט אַזוי גרויזאַם און ברוטאַל בעהאַנדעלט... און איך זאָג אייך אָן, אַז אויב איינער פון אייך וועט מאַכען אַ פערזוך זיך אויפצוהויבען פון זיין פּלאַץ, וועט ער דאָס טהאָן מיט זיין לעבען.

די אַראַבער זיינען געבליבען ליגען אויסגעצויגען אויף דעם גראָז, מורא האָבענדיג זיך אַ ריהר צו טהאָן.

יהודה האָט זיי אַ ווײַלע בעטראַכט, זיך עטוואָס אָפּגערוהט, און איז גלייך צוגעגאַנגען צו עלית'ן.

דער מאַן פון עדלם, וועלכער האָט איבערגעלאָזען עלית'ן און אַליין ענטלאָפען, און וועלכער, שרעקענדיג זיך צוצוקומען נאָהענט צו די ישמעאלים, האָט יהודה'ן אויף אַן אַנדער וועג געפיהרט, האָט, נאָכדעם, ווי יהודה האָט איהם אַראָפּגעלאָזען פון זיין פערד, ווידער גענומען לויפען נאָך עדלם... ער האָט מורא געהאַט זיך אָפּצושטעלען אפילו אויף אַ רגע צו קוקען אויף הינטען, טאָמער וועט זיך דער מאַן ארומזעהן אַז ער האָט איהם געפיהרט נישט אויף דעם ריכטיגען וועג און וועט איהם נאָכיאָגען איהם צו בעשטראָפען... און אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך מורא געהאַט פון די ישמעאלים, זיי זאָלען איהם נישט בעמערקען. ווען ער איז

אַנגעקומען אין שטאָדט, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אונטער אַ בוים זיך אָפּצורוהען. ער איז געווען אַזוי מיעד פון לויפען, אַז אַ היבשע ווײַלע האָט ער זיך פון אָרט נישט געקענט ריהרען... באַלד אָבער האָט ער זיך גענומען דערמאָהנען וואָס עס איז פאָרגעקומען. עלית האָט זיך בײַ איהם געבעטען ער זאָל איהר נישט איבערלאָזען... וואָס אָבער האָט ער געקענט טהאָן... מעגליך, אַז ער וואָלט האָבען בכח צו קעמפען געגען אַזוי פיעל ישמעאלים, וואָלט ער דאַמיט עלית'עס האַרץ געוואונען... אָבער אפילו ווען זי וואָלט שוין געווען זײַנע, וואָלט ער דען עפּעס געקענט טהאָן פאַר איהר, ווען זי האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטען פון איהרע שאָף? יע, דאַן וואָלט ער איהר אפשר מיט געוואַלד אַוועקגענומען פון איהר פּלאַץ... דאָך האָט איהם אין האַרצען שטאַרק באַנג געטהאָן אויף עלית'ן... זיי וועלען איהר זיכער פאַר אַ שקלאַפין פערקויפען!... פונדעסטוועגען האָט ער בײַ זיך נישט געקענט בעשליסען אָנצוזאָגען אין שטאָדט וועגען דעם איבערפאַל פון די ישמעאלים. זיי וועלען איהם נאָך אָנרופען פּחדן... און אויב זיי וועט געלונגען ארויסצוראַטעווען עלית'ן פון די הענט פון די ישמעאלים, וועט זי זיי אַלעמען דערצעהלען ווי אַזוי ער האָט איהר איבערגעלאָזען איינע אַליין, ווען ער האָט בעמערקט אַז די ישמעאלים דערנעהנטערען זיך... זי וועט איהם מאַכען צו שאַנד און צו שפּאָט אין אַלעמענס אויגען. אַ שמייכעל האָט זיך בײַ איהם בעוויזען, ווען ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם מאַן, וועלכער האָט געריטען אויפ'ן פערד... ווי שטאַרק איהם האָט זיך געגלוסט צוצוקומען צו יענע אראַבער און ראַטעווען עלית'ן... מסתמה וויל ער אויך נושא חן זײַן אין איהרע אויגען... ער גלויבט צופיעל אין זײַנע קרעפטען און ער ווייס נישט אַז די פופצעהן אראַבער זײַנען אויך געגוג שטאַרק. ווען ער וואָלט אַליין נישט מורא געהאַט, וואָלט ער איהם בעדאַרפט טאַקע אָנצייגען דעם ריכטיגען וועג און זאָל ער זײַן מפּלה בעקומען... אָבער דאַן וואָלט ער דאָך אויך אריינגעפאַלען אין זייערע הענט. ער איז דעריבער געווען געצוואונגען איהם צו פיהרען אויף אַן אַנדער וועג.

ווען ער האָט זיך עטוואָס אויסגערוהט, האָט איהם זײַן געוויסען אָנגעפאַנגען צו בעאומרוהיגען. אין דער צייט וואָס ער געפינט זיך דאָ אין זיכערהייט, מוזען די ישמעאלים פּייניגען עלית'ן, זי מוז זיך געוויס ראַנגלען, שרײַען פאַר הילף. ער וועט מוזען אָנזאָגען אין שטאָדט וועגען זייער איבערפאַל... ווען אייניגע איינוואוינער האָבען איהם אָפּגעשטעלט און איהם געפרעגט וואָרום ער לויפט, האָט ער זיי געזאָגט אַז אַ באַנדע ישמעאלים זײַנען בעפאַלען עלית'ן, די טאָכטער פון שוע און איהר גענומען געפאַנגען מיט איהרע שאָף...

בליץ שנעל איז די נײַעס פערשפּרייט געוואָרען איבער'ן גאַנצען שטאָדט.

ווען שוע, עלית'עס פאָטער האָט עס דערהערט, איז ער כמעט געשטאָרבען פון שרעק. ער האָט גלײַך אָנגעזאָגט זײַן ברודער חירה, און בײדע האָבען גענומען לויפען איבער די גאַסען פון שטאָדט און שרײַען. באַלד האָבען זיך אַלע פערזאַמעלט אויף דעם מאַרק פּלאַץ. די יונגע, און

שטאַרקע לייט האָבען מיטגענומען וואָפען און האָבען דעם אַנזאָגער געפרעגט וואו דאָס האָט פּאַסירט.

— איך בין געווען אויף מיין וועג נאָך עדלם, ווען פּלוצלונג דערהער איך אַ געשריי... איך בין גלייך צוגעקומען צו דעם פּלאַץ פון וואַנען דאָס געשריי איז געקומען און האָב געזעהן עלית׳ן. זי האָט מיר אָנגעציינט אַז אָט, אָט, קומען אָן די ישמעאלים און וועלען ביי איהר אַוועקרויבען איהרע שאָף... איך האָב איהר געזאָגט, מיר זאָלען גלייך לויפען אין שטאָדט אָנזאָגען, און דאַן וועלען מיר מעגליך אָפּראַטעווען איהרע שאָף. אָבער עלית האָט פון די שאָף נישט געוואָלט אָפּטרעטען... ווען איך האָב געזעהן אַז זי וועט נישט אַוועקגעהן פון דאָרטען, און די ישמעאלים קומען צו אַלץ נעהנטער, און איך אַליין וועל קיין מעגליכקייט נישט האָבען געגענצושטעלען זיך קעגען פופצעהן געזונטע ישמעאלים, בין איך גלייך געלאָפען אָנזאָגען אין שטאָדט וועגען דעם... יעצט מוזען מיר שנעל לויפען איהר ראַטעווען!

פופציג שטאַרקע יונגען האָבען זיך געזעצט אויף אייזלען און פערד. חירה און שוע זיינען געווען פון די ערשטע און אַלע האָבען נאָכגעפּאָלגט דעם וועג-ווייזער, וועלכער האָט זיי געפיהרט אין דער ריכטונג פון וואַנען די ישמעאלים זיינען אָנגעקומען...

ווען יהודה איז צוגעגאַנגען צו עלית׳ן איז זי נאָך געזעסען אויפ׳ן גראָז אַ צוטומעלטע און צושראָקענע. עפּעס האָט זי זיך נאָך אַלץ נישט געקענט פאָרשטעלען אַז זי איז בעפרייט געוואָרען פון די הענט פון די גרויזאַמע אַראַבער. זי האָט דאָך מיט איהרע אויגען צוגעזעהן ווי דער בראַווער און העלדישער יהודה האָט זיי אַלעמען בעזיעגט. אָט ליגען זיי אַלע אויסגעצויגען אויף דער ערד און וואַגען נישט זיך אַ ריהר צו טהאָן... אָבער ווי אַזוי קומט יעצט יהודה דאָ?... פון וואַנען האָט ער געוואוסט אַז זי געפינט זיך יעצט אין די הענט פון די ווילדע ישמעאלים, און איז אין דער ריכטיגער צייט אָנגעקומען, איהר פון זייערע הענט צו ראַטעווען..

— עלית! ליעבע עלית! — דערקענסטו מיך דען נישט? — האָט יהודה איהר גענומען פאַר׳ן האַנט, און אין דער זעלבער צייט אַכטונג געגעבען אַז די ישמעאלים זאָלען זיך נישט ריהרען פון זייערע פּלעצער.

עלית האָט אויף איהם געקוקט מיט איהרע צושראָקענע אויגען און געשוויגען.

יהודה האָט גלייך אויפגעפּענט זיין לאָגעל וואַסער און איהר אַ טרונק געגעבען.

עלית איז געקומען עטוואָס צו זיך, זי האָט געפּרואווט זיך אויפצושטעלען פון איהר פּלאַץ... אָבער זי האָט זיך נאָך געפיהלט גאַנץ שוואַך. יהודה האָט איהר געהאָלפען. עלית האָט אויף איהם מיט דאַנקבאַרע אויגען געקוקט...

— איך בעט דיך, ליעבע עלית, זאָג מיר ווי פיהלסטו? — האָט יהודה איהר געפרעגט מיט צערטליכקייט.

— איך פיהל זיך גוט און ווידער גליקליך — האָט עלית געזאָגט מיט

אַ שוואַכע שטימע. גאָט האָט דיך אין דיר ריכטיגער צייט צו מיר געשיקט.

— יע, געלויבט איז דער גאָט פון מיינע עלטערען, וואָס ער האָט מיר אַ געדאַנק אריינגעגעבען דיך צו געהן בעזוכען, גראַדע אין דיזער צייט... אָבער יעצט, עלית, האָסטו נישט וואָס מורא צו האָבען. זעהסטו דען נישט ווי דיינע פאַנגער און פיינינגער ליגען אויסגעצויגענע און הילפלאָזע אויף'ן גראָז... זיי וועלען שוין מעהר נישט וואַגען צו קומען אהער אין דיזען געגענד. יע, איך האָב דערקענט צווישען זיי די פינף אַראַבער, וועלכע האָבען מיט אַ קורצע צייט צוריק בעפאַלען דיין פעטער חירה. זיי האָבען געגלויבט אַז זיי וועלען קומען מיט אַ גרעסערע צאָהל וועלען זיי נישט האָבען וואָס מורא צו האָבען. זאָג מיר עלית, האָבען זיי דיך שטאַרק געשלאָגען?

— יע, זיי האָבען מיך זעהר שטאַרק געשלאָגען... זיי האָבען פון מיר געוואָלט דערגעהן ווער דו ביזט.. פון זייערע רייד האָב איך פערשטאַנען, אַז זיי זיינען אהער ווידער געקומען זיך אָפּצורעכענען מיט דיר, יהודה — האָט עלית געזאָגט — און ווען זיי האָבען דערקענט די שאָף וואָס איך האָב געפיטערט, האָבען זיי זיך אָנגעשטויסען אַז איך ווייס ווער דו ביזט. און דעריבער האָבען זיי מיך געצומען צווינגען, איך זאָל זיי זאָגען...

— און דו, מיין ליעבע עלית, האָסט אומזיסט געליטען, דו האָסט געדאַרפט וויסען אַז איך האָב נישט וואָס מורא צו האָבען פאַר זיי... ווייסטו דען נישט אַז די בני יעקב פירכטען פאַר קיינעם נישט, אויסער פאַר גאָט אין הימעל.

— איך האָב זיי געזאָגט אַז דו ביסט איינער פון די בני יעקב, אָבער זיי האָבען פון מיר נאָך מעהר געוואָלט דערגעהן, און דעריבער האָבען זיי מיך געשלאָגען.

יעצט מיין טהייערע עלית וועסטו מיר זאָגען וועלכער פון זיי האָט דיר פערשאַפט מעהר יסורים און איך וועל זיך נוקם זיין אַן איהם פאַר דעם.

עלית האָט גענומען צוגעהן צו די אַראַבער, וועלכע זיינען געלעגען און זיך געטרייסעלט פון שרעק.

פּלוצלונג האָט זי אויסגעשריען:

— אָט קומען אָן נאָך!

יהודה האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען און האָט ווירקליך געזעהן פיעלע מענשען אָנקומענדיג אויף אייזלען און אויף פערד.

— דאָס זיינען זיכער נישט קיין ישמעאלים — האָט ער זיך צו איהר אָפּגערופען.

עלית האָט זיך גענומען נאָך שטאַרקער צוטוליען צו יהודה'ן, זי האָט זיך בערוהיגט, וויסענדיג אַז איהר בעשיצער איז נעבען איהר.

— דאָס זיינען די איינוואוינער פון מיין שטאָדט! — האָט עלית מיט פרייד אויסגערופען. — זיי קומען מיר העלפען!

יהודה האָט עלית'ן געהאַלטען צוגעדריקט צו זיך און פאַרזיכטיג געוואָרפען זיינע בליקען אויף די אָנקומענדיגע מחנה, ווי ער וואָלט נאָך אַלץ נישט זיכער געווען אויב דאָס זיינען טאַקע נישט קיין ישמעאלים;

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און יהודה האָט דערקענט זיין פריינד חירה און שוע, דעם פאָטער פון עלית'ן.

צו עלית'עס פרייד איז אויך קיין גרעניץ נישט געווען, ווען זי האָט דערזעהען איהר שוואַכען פאָטער אָנקומענדיג. זי האָט זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע איהרע קרעפטען און איז איהם ענטקעגען געלאָפען.

— פאָטער! — האָט זי אויסגעשריען מיט פרייד — דער גאָט פון יהודה'ס עלטערען האָט מיך היינט פון אַ גרויסע סכנה געראַטעוועט.

— אָ, מיין ליעבע טאָכטער — האָט איהר דער אַלטער שוע ארומגענומען — ווי גרויס מיין טרויער איז געווען, ווען איך האָב די שוידערליכע נאַכריכט געהערט, אַז דו ביזט גענומען געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט ביי די ישמעאלים... איך האָב שוין געמיינט, אַז אונזער גאַנצע אָנשטריינגונג און אונזער נאָכיאָגען זיך איז אומזיסט, און גרויס איז מיין שרעק געווען... איך האָב שוין אַלע האָפנונגען פערלאָרען דיך ווען עס איז אַמאָל צו זעהן, ווייל מיר אַלע ווייסען גאַנץ גוט, ווי גרויזאַם די ישמעאלים זיינען.

— יע, מיין ליעבער פאָטער! מיר דאַרפען אַלע דאַנקבאַר זיין יהודה'ן ער אַליין האָט העלדיש געקעמפט געגען אַזוי פיעל און האָט זיי בעזיעגט.

— און מיר דאַרפען אויך דאַנקבאַר זיין איהם! — האָט שוע אָנגעצייגט אויף דעם מאַן, וועלכער האָט זיי געבראַכט די בשורה, און נאָכהער זיי געוויזען דעם וועג.

— איהם! האָט עלית אויסגערופען, און אויף יענעם מאַן געוואָרפען בליקען פון פעראַכטונג — ער, דער פייגלינג! ער האָט דאָך מיך איבערגעלאָזען און אַליין איז ער אַנטלאָפען געוואָרען! ער איז אַזוי שנעל געלאָפען, אַז ער האָט מורא געהאַט אַ קוק צו טהאָן אויף הינטען.

— אָט איז ער, דער בעטריגער! — האָט יהודה אויסגערופען צוגעהענדיג נעהנטער און אָנצייגענדיג מיט זיין פינגער אויף איהם — ער האָט מיך אָפּגענאַרט!

דער מאַן איז געשטאַנען זיין קאָפּ ארונטערגעלאָזען און געציטערט פון שרעק. ער האָט מורא געהאַט, אַז יהודה וועט זיך יעצט מיט איהם וועלען אָפּרעכענען.

— אָבער ווי אַזוי האָט ער דיך אָפּגענאַרט? — האָבען חירה און שוע מיט אַמאָל אַ פרעג געטהאָן.

— ווען איך האָב איהם באַגעגענט ענטלויפענדיג און איך האָב איהם גענומען פרעגען פאַרוואָס ער אַנטלויפט און וואָס עס איז געשעהן, האָט ער מיר געענטפערט, אַז אַראַבער האָבען נאָר וואָס בעפאַלען אַ הירטין און ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז די הירטין איז עלית, האָב איך גלייך פון איהם געפאָדערט ער זאָל מיט מיר געהן און צייגען דעם וועג, וואו די ישמעאלים האָבען זיך געהאַט פערנומען. ער האָט זיך אָבער עטזאָגט עס צו טהאָן, און ווען איך האָב איהם געצוואונגען מיט מיר מיטצורייטען אויף מיין פערד, האָט ער, מורא האָבענדיג, טאָמער וועט איהם אויך אויסקומען צו קעמפען געגען די ישמעאלים, מיך אויף אַ גאַנץ אַנדער וועג געפיהרט און מיך אָפּגענאַרט און געזאָגט, אַז די אַראַבער וועלען זיך געפינען אויף יענעם וועג.

און כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז יעדע רגע איז טהייער און אַז עלית געפינט זיך אין אַ סכנה, איז ביי איהם געווען כדאי מיך צו פערפיהרען אבי ער זאָל זיך ראַטעווען.

— איז דאָס מעגליך? — האָבען אַלע צוהערער זיך געוואונדערט, אַז איינער פון אונזערע מענשען זאָל אַזאַ פייגלינג זיין?!

— יע, עס איז ריכטיג! האָט עלית אַ זאָג געטהאָן, — לויט ווי זיין האַנדלונג מיט מיר, האָט ער אויך אַזוי מיט יהודה'ן געהאַנדעלט.

דער באַשולדיגטער איז געשטאַנען מיט אַן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און געשוויגען. ער האָט נישט געוואָגט אָפּצולייקענען. און אַלע האָבען יעצט געזעהן ווער ער איז.

חירה האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען און בעמערקט די אויסגעצויגענע אַראַבער, וועלכע זיינען געלעגען באַוועגלאָז מיט דעם פּנים צו דער ערד, און ער האָט אויסגערופען מיט פרייד צו אַלעמען

— איהר זעהט מיינע ברידער! וואָס יהודה אַליין האָט אויפגעטהאָן, אָט ליגען די אַלע פערפלוכטע אַראַבער טויט פון זיין שווערד...

— נִיט אַלע זיינען טויט! — האָט יהודה געענטפערט מיט אַ שמייכעל — איינִיגע פון זיי זיינען אַפילו נישט פערוואונדעט. זיי האָבען זיך ארומ־געזעהן אַז זייער קאַמף איז פערלאָרען, האָבען זיי מיר איבערגעגעבען זייערע שווערדען און געבעטען איך זאָל רחמנות האָבען מיט זיי און זיי נישט טויטען. איך האָב זיי געענטפערט, אַז דערווייל האָב איך נאָך נישט בעשלאָסען וואָס צו טהאָן מיט זיי. איך האָב געוואָלט פריהער דערגעהן, ווער עס האָט עלית'ן אַמייסטען געפּייניגט און געשלאָגען, אָבער איידער עלית האָט צייט געהאַט זיי צו דערקענען, האָט זי אייך אַלעמען בעמערקט.

— און מיין שרעק האָט זיך גענומען פערגרעסערען! — האָט עלית צוגעגעבען. — מיר האָט זיך געדוכט, אַז נאָך ישמעאלים קומען אָן, און כאָטש איך האָב געוואוסט, אַז ווען יהודה איז ביי מיין זייט, האָב איך נישט וואָס מורא צו האָבען אפילו ווען זיי וועלען זיין צעהן מאָל אַזוי פיעל, דאָך האָב איך שטאַרק נישט געוואָלט, אַז יהודה זאָל זיך אויף דאָס ניי אין קאַמף אריינוואַרפען, ווייל איך ווייס ווי מיעד ער איז. און יעצט געלויבט איז גאָט, אַז דאָס זייט איהר גאָר אָנשטאָט זיי. די שאָף האָט יהודה אויך געראַטעוועט.

שוע האָט נאָכאַמאָל געהאַלדזט און געקושט זיין טאָכטער. — איך בין גליקליך אַז דו ביזט געראַטעוועט! — האָט ער איהר געזאָגט — ווען מיר האָבען דערהערט פון דער טרויעריגער בשורה, האָבען מיר שוין אפילו נישט געטראַכט דיך שוין צו טרעפען, מיר זיינען שוין געווען זיכער, אַז די ישמעאלים זיינען שוין ווייט, גאַנץ ווייט אַוועק מיט דיר. אָ, ווען מיר זאָלען ווייסען אַז דאָרט געפינט זיך יהודה נעבען דיר.

— ווי אַזוי האָבען מיר זיך געקענט פאָרשטעלען, אַז דו געפינסט זיך יעצט אין אונזערע גרעניצען? האָט חירה אויסגעדריקט זיין צופריעדענקייט — אָ, ווען ער וואָלט אונז אַמווייניגסטען אָנגעדייטעט, אַז אימיצער איז אוועקגעריטען צו העלפען עלית'ן, וואָלטען מיר זיך פיליכט אָנגעשטויסען

אז דאָס מיינט ער דיך, מיין פריינד. אָבער ער האָט אפילו נישט דערמאָנט אז אימיצער איז איהם אַנטגעגען געקומען.

— ווי אַזוי זאָל ער וועגען איהם בעמערקען, אז ער האָט איהם בכיון פערפיהרט — האָט שוע אויסגערופען מיט פערביטערונג. — יע, ער איז זעהר אַ פיינער מאַן און נישט לאַנג צוריק איז ער צו מיר געקומען און פערלאַנגט, אז איך זאָל איהם עלית'ן אָפּגעבען פאַר זיין פרוי.

אַ לייכטער ציטער איז דורך איהר קערפּער, און אויף איהר בלאַסען צושראָקענעם פּנים האָט זיך ווידער געגומען בעווייזען אַ רויטקייט.

אַלע האָבען מיט גרוים כעס און אויפרעגונג געקוקט אויף דעם מאַן.

— דו האָסט מיט דיין געמיינער האַנדלונג אונז אַלעמען פערשעהמט — האָבען זיך איינינע צו איהם אָפּגערופען — די בעסטע זאַך פאַר דיר יעצט וואָלט געווען ווען דו וואַנדערסט אוים פון אונזער שטאָדט.

— מיר דאַרפען איהם „דאַנקבאַר" זיין, אַז ער האָט אונז אַלעמען אויך נישט געפיהרט אויף אַן אַנדער וועג — האָט איינער פון המון אַ זאָג געטהאָן.

— נו, יעצט האָט ער דאָך נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבען — האָט אַ צווייטער אַ זאָג געטהאָן.

— דו בעסער קעהר זיך אום נאָך עדלם! — האָט זיך חירה צו איהם אָפּגערופען — ווייל מיט דיין אַנוועזענהייט ערנידעריגסטו אונז אַלעמען.

אַ פערשעהמטער, מיט אַ געבויגענעם קאָפּ האָט יענער, וועלכער האָט געזוכט צו פערפיהרען יהודה'ן פערלאָזען די מחנה און זיך פערנומען נאָך עדלם.

— יעצט זאָג מיר, יהודה מיין פריינד! — האָט חירה זיך צו איהם אָפּגערופען — וואָס וועסטו מיט די ישמעאלים טהאָן?

— אָט וועגען דעם וועלען מיר זיך טאַקע אַלע בעראַטהען — האָט יהודה געענטפערט — פריהער וויל איך אויסגעפינען ווער פון זיי האָט געוואַגט אויפצוהויבען אַ האַנד געגען עלית'ן און דעריבער וועט עלית מיט מיר צו זיי צוגעהן און זיי דערקענען.

עלית איז צוגעגאַנגען מיט יהודה'ן צו די אַראַבער, וועלכע זיינען געלעגען אויסגעצויגען אויף'ן גראָז און זיך מורא געהאַט אַ ריהר צו טהאָן.

יהודה האָט זיי בעפוילען, זיך אויפצושטעלען.

זעקס פון זיי האָבען זיך לאַנגזאַם הויב געטהאָן פון זייערע פּלעצער. פון די איבערגעבליבענע ניין, זיינען פיער געווען טויט און פינף זיינען געווען פערוואונדעט.

— ניין, — האָט עלית אויסגערופען — די האָבען מיר כמעט קיין שלעכטעס נישט געטהאָן.

די אַראַבער וועלכע האָבען זיך געטרייסעלט און געציטערט פון שרעק, האָבען יעצט לייכטער אָפּגעאָטהעמט.

— מיר שווערען ביי אונזערע געטער, מעהר אונזערע פיס נישט צו שטעלען אין דיזען געגענד! — האָבען זיי אויפגעהויבען זייערע רעכטע הענט — און מיר בעטען, איהר זאָלט אונז בעפרייען!

— זייט איהר נישט די זעלבע, וועלכע האָבען מיך נישט לאַנג צוריק

בעפאלען, און ווען איך בין געלעגן אַ הילפלאָזער און געקרעכצט פון יסורים האָט איהר פון מיר געלאַכט און געשפּעט. איהר האָט די שאָף אָוועקגערויבט און זייט אייער וועג געגאַנגען, און ווען נישט דער מאַן — האָט ער אָנגעצייגט אויף יהודה'ן, וואָלט איך געווען געשטאָרבען. און איהר האָט דאָן פערשפּראָכען מעהר זיך נישט צו בעוויזען אין דיזען געגענד און יעצט זייט איהר, אין אַ קורצער צייט אַרום ווידער געקומען אַהער. קענען מיר שוין אייך גלויבען, אַפילו ווען איהר שווערט ביי די געטער.

— ביים לעבען פון אונזער הערשער איתן, שווערען מיר — האָט איינער פון די פינף זיך אָפּגערופען — אַז מיר האָבען קיין לוסט נישט געהאַט ווידער אַהער צו געהן. מיר זיינען זיך מודה, אַז מיר האָבען שטאַרק מורא געהאַט צו בעגעגענען ווידער דיזען העלדישען מאַן. אָבער אונזער הערשער איתן האָט אונז געצוואונגען. אַלע אונזערע ברידער האָבען אונז אויסגעלאַכט, ווען מיר האָבען זיי דערצעהלט, אַז איין מאַן האָט אונז פינף בייגעקומען. אונזער הערשער האָט אונז אָנגערופען שוועכלינגע און ער האָט אויסגעקליבען נאָך צעהן שטאַרקע מענשען און אונז אַהער ווידער געשיקט. אַנזאָגענדיג אַז מיר זאָלען פאַנגען יענעם מאַן. יעצט וועט איהר שוין אונז גלויבען. אָט ליגען זיי די העלדען, איינינע טויטע און אַנדערע שווער פערוואונדעטע און ווען מיר וואָלטען זיך בעצייטענס נישט אָפּטראָגען, וואָלטען מיר זיכער אויך טויט געווען.

— געלויבט איז גאָט, וואָס מיין פאָטער איז נישט איינגעגאַנגען צו שליסען אַ בונד מיט אַזעלכע געמיינע מענשען — האָט יהודה אויסגערופען — יע, מיט איינינע מאָנאַטען צוריק האָט איתן געשיקט שלוחים און געבעטען, אַז מיר זאָלען זיך פעראייניגען. אָבער מיין פאָטער האָט צוריקגעוויזען זייער ביטע, וויל מיט אַ שבט וועלכער לעבט אויף גזלה און גנבה, קענען מיר קיין שותפים נישט זיין. מיר טוען אַלעס וואָל איז מעגליך אויסצומיידען בלוט פערגיסונג, און וועה איז צו יענעם, וועלכער זוכט זיך מיט אונז צו פערטשעפּען.

— מיר וועלען קומען צו אונזער הערשער אין שור און מיר וועלען איהם דערצעהלען פון דיין גרויסע העלדישקייט. מיר וועלען איהם וואָרענען ער זאָל מעהר נישט וואַגען זיך אָנצופאַנגען מיט איינעם פון די זיהן פון יעקב'ן, אָבער פערצייהע אונז אויך דיזען מאָל!

— מיין פערד האָט איהר צום טויט דערשטאָכען! — האָט יהודה אויסגערופען — און דערפאַר וועלען מיר אייערע קעמלען און אַלעס, וואָס איהר און אייערע ברידער האָבען מיט זיך געהאַט צונעהמען פאַר זיך, און וואָס צו טהאָן מיט אייך, וועלען מיר דאָ באַלד אַלע בעשליסען.

— מיר שווערען נאָך אַ מאָל, אַז מיר וועלען אינגאַנצען אויפגעבען אונזער רויב, מיר וועלען זעהן, אַז אַלע אונזערע ברידער פון אונזער שבט זאָלען זיך בעסער אָפּגעבען מיט האַנדעל, און לאָז אונז נאָר אומקעהרען צו אונזער היים.

יהודה האָט זיך גענומען בעטראַכטען מיט עלית'ן און די איבריגע, וואָס צו טהאָן מיט די ישמעאלים.

— מיר טאָרען זיי מעהר נישט געטרויען! — האָט זיך איינער אָפּגערופען — אויב זיי האָבען געקענט אַ צווייטען מאָל מאַכען אַן איבערפאַל אין אונזער געגענד, און נישט נאָר אָוועקרויבען שאָף, נאָר אויך נעהמען אין געפאַנגענשאַפט אַ הילפלאָזע הירטין, דאַן האָבען זיי זיכער פון אונז קיין רחמנות נישט פערדיענט. מיר וועלען זיי אַלעמען טויטען.

— אָה, האָט רחמנות אויף אונז און לאָזט אונז לעבען! — האָבען די ישמעאלים זיך געבעטען, פאַלענדיג מיט זייערע פּנים'ער צו דער ערד.

— איך גלויב — האָט זיך חירה אָפּגערופען — אַז מיר זאָלען זיי מאַכען פאַר שקלאַפען, אַזוי ווי זיי האָבען געוואָלט טהאָן צו עלית'ן, אַזוי וועלען מיר טהאָן צו זיי.

— און וואָס איז דיין מיינונג, עלית? — האָט יהודה זיך צו איהר געווענדעט. — איך וועל זייער גורל איבערלאָזען אין דיינע הענט, און וואָס דו וועסט מיר זאָגען, אַזוי וועל איך טהאָן.

— איך ווייס גאַנץ גוט אַז די ישמעאלים זיינען שלעכטע און פערדאָרבענע מענשען — האָט עלית זיך אָפּגערופען — זיי פערגיסען אומשולדיג מענשליך בלוט, וואוהין זיי קעהרען זיך, און האָבען זיכער אויך פערדיענט דעם טויט. האָט דען גאָט נישט געבראַכט אַ מבול אויף דער וועלט צוליעב די זעלבע פערדאָרבענהייט פון די מענשען מיט עטליכע דורות פריהער? און צו טויטען אַזעלכע רשעים וואָלט זיכער קיין פערברעכען נישט געווען. אָבער איך האָב פריהער געהערט ווי יהודה האָט זיי געענטפערט, ווען זיי האָבען פאַלענדיג צו זיינע פיס, געבעטען ער זאָל אויף זיי רחמנות האָבען.

— וואָס האָט ער זיי געענטפערט, מיין טאָכטער? — האָט שוע איהר געפרעגט.

— ער האָט זיי געזאָגט, אַז ווען זיין שונא איז געפאַלען און ליגט בעזיעגט, וועט ער איהם קיין שלעכטס ניט טהאָן, — האָט עלית געענטפערט — און איך גלויב אויך אַז מיר דאַרפען זיי צייגען דאָס מיר זיינען נישט אַזוי בלוט דורשטיג ווי די ישמעאלים זיינען, און מיר זאָלען זיי בעפרייען.

— און וואָס זאָלען מיר טהאָן מיט זייערע קעמלען און די איבריגע אָנגערויבטע זאַכען? — האָט יהודה געפרעגט.

— דאָס וועט איהר שוין אַליין אָהן מיר בעשליסען — האָט עלית זיך אָפּגערופען — געלויבט איז גאָט, וואָס מיין פאָטער וועט קיין שאָדען נישט האָבען.

— און איך בין מיט עלית'ן נישט איינשטימיג — האָט איינער פון די יונגעלייט פון עדלם זיך אָפּגערופען — עלית איז זעהר גוטהערציג און צו געגעדיג צו זיי... איך בין זיכער, אַז ווען מיר זאָלען דיזע נידערטרעכטיגע מענשען בעפרייען, וועלען זיי אויף זייער וועג צוריק אַהיים, ווידער וועמען עס איז בעפאַלען.

— ניין! ניין! — מיר שווערען ביי אונזערע געטער, דאָס איז געווען אונזער לעצטער איבערפאַל — האָבען די ישמעאלים זיך גענומען בעטען.

— און איך האַלט אויך מיט מיין טאָכטער! — האָט שוע געזאָגט

— לאָמיר זיי איך דיזען מאָל פערגעבען. זאָלען זיי זעהען אז מיר האָבען מיט זיי געטהאָן א חסד!

— אָבער מיין ברודער! — האָט זיך חירה צו איהם אָפּגערופען — פערגעס נישט, אז דאָס איז דאָס צווייטע מאָל ווי זיי זיינען אונז בעפאַלען. די זעלבע שאַף איז שוין צוויי מאָל אין זייער רשות געוועז... און ווער קען אונז קאַווירען אז זיי וועלען דאָס דריטע מאָל אויף אונז ווידער נישט אָנ־פאַלען ווי היישעריקען? ווען מיר אָבער וועלען זיי פערקויפען פאַר שקלאַפען דאַן וועלען שוין די אַנדערע אויך מורא האָבען אהער צו קומען... זיי וועלען שוין א צעהנטען פערזאָגען, מעהר נישט צו קומען אין אונזערע גרעניצען.

— מיר שווערען ביי אונזערע פרויען און קינדער — האָבען די אראַבער ווידער זיך גענומען בעטען מיט טרעהרען אין די אויגען — אז אפילו ווען אונזער הערשער זאָל מאַכען א פערזוך אונז צו צווינגען צו געהן נאָך א מאָל אהער, וועלען מיר איהם נישט פאָלגען. מיר וועלען בעסער בעשטראָפט ווערען פון איהם, און אהער וועלען מיר נישט געהן.

— און נישט נאָר אהער וועלען מיר נישט געהן — האָט איינער פון זיי אויסגערופען — נאָר מיר ווילען אין גאַנצען אויפגעבען אונזערע אי־בערפאַלען און אין דער זעלבער צייט וועלען מיר פערלאַנגען אז אונזערע ברידער זאָלען אונזער ביישפּיעל נאָכפאָלגען.

— זאָלען אונזערע געטער אונז אויף׳ן אָרט טויטען, אויב מיר וועלען נישט טהאָן אזוי ווי מיר האָבען געזאָגט — האָט נאָך איינער זיך אָפּגע־רופען — מיר זעהען דאָך שוין אליין אז אונזערע געטער זיינען אומצו־פריעדען מיט דעם וואָס מיר טהוען, און זיי האָבען שוין אונז דעם צווייטען מאָל בעשטראָפט...

— גוט! — האָט יהודה אויסגערופען — איך וועל טהאָן ווי עלית האָט מיר געהייסען. איך וועל אייך בעפרייען בלויז דיזען מאָל... אָבער ווען איך וועל זיך דערוויסען אז איהר האָט אייער פערשפּרעכען נישט געהאַלטען און ווידער געמאַכט א רויב אָנפאַל אויף וועמען עס איז, און ווען איהר וועט דאַן אריינפאַלען אין מיינע הענט, איז ווי גאָט לעבט, אז איהר וועט מיט אייערע לעבענס בעצאָהלען. און יעצט וועל איך מיט אייך אזוי טהאָן: איהר וועט מיטנעהמען אייערע טויטע און פערוואונדעטע און זיי בריינגען אין שור צו אייער הערשער.

— אָבער גענעדיגער האַר! — האָט זיך איינער פון די ישמעאלים ווידער אָפּגערופען — ווי אזוי וועלען מיר דאָס קענען טהאָן, ווען מיר וועלען אונזערע קעמלען נישט האָבען?

— זעקס קעמלען וועלען מיר אייך צוריקגעבען! — האָט יהודה געזאָגט — אָבער איהר מוזט מיר שווערען אז איהר וועט אייערע טויטע נישט איבערלאָזען אויפ׳ן וועג.

יהודה האָט זיי איבערגעגעבען די זעקס קעמלען און די זעקס ישמעאלים האָבען זיך גענומען אָנלאָדען זייערע קעמלען מיט די טויטע און מיט די פערוואונדעטע.

ווען זיי זיינען פערטיג געוואָרען, האָט יהודה זיי נאָכאמאָל געוואָרענט

אַז אויב ער וועט זיי נאָך אַ מאָל טרעפן רויבענדיג, וועלן זיי שוין דאַן אויף זיכער בעצאָהלען מיט זייערע לעבענס, ווי זייערע טויטע ברידער. די ישמעאלים האָבען ווידער צוגעשוואָרען, און זיי האָבען צושראָקענע און בלאַסע גענומען טרייבען זייערע קעמלען אין דער ריכטונג פון שור.

יהודה, עלית, שוע און אַלע איבעריגע איינוואוינער האָבען זיך גענומען אומקעהרען נאָך עדלם.

די פופציג יונגע שטאַרקע לייט פון עדלם האָבען זיך נישט געקענט אָפּוואונדערען פון יהודה'ס זעלטענע גבורה, זיי האָבען געזעהען ווי ער האָט גאָר אַליין בייגעקומען פופציהן ישמעאלים. זיי האָבען גענומען פרעגען איינער דעם צווייטען, ווער איז ער דאָס דער העלדישער מאַן?

קיינער פון זיי האָט אויף דיזער פראַגע נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערען.

— לאָמיר אַ פרעג טהאָן חירה'ן — האָט זיך איינער פון זיי אָפּגערופען — איך האָב בעמערקט ווי פריינדליך ער פערהאַלט זיך מיט איהם...

איז עס מעגליך, אַז ער איז דאָ צופעליג געקומען און געראַטעוועט די טאָכטער פון שוע, פון די ישמעאלים'ס הענט? — האָט אַ צווייטער גע־זאָגט.

— מיר דוכט, אַז ער קען עלית'ן גאַנץ גוט. איך האָב געהערט ווי ער רופט איהר ביים נאָמען און זי רופט איהם אויך ביי זיין נאָמען... און ווען ער זאָל האָבען איהר בלויז געזעהען צום ערשטען מאָל, וואָלטען זיי זיך אַנדערש פערהאַלטען איינער צום צווייטען.

— דו דאַרפסט אָבער נישט פערגעסען, אַז ער האָט איהר געראַטעוועט פון זייערע הענט. מיר וואָלטען שוין אַלץ איינס געקומען צו שפּעט.

— איך גלויב — האָט נאָך איינער, וועלכער האָט שוין לאַנג געזוכט צו געווינען עלית'ס האַרץ, זיך אָפּגערופען — איך גלויב אַז די שעהנע עלית וועט הייראַטען דיזען פרעמדען גבור.

— עס וואָלט שוין גראַדע געווען אַ גלייכע פּאָר — האָט אַן אַנדערער בעמערקט — זי איז אַ זעלטענע שעהנהייט און ער איז אַ זעלטענער העלד. און דערצו איז ער דאָך אַליין אויך שעהן!

— אָט זעהט איהר ווי ער האָט איהר אַ הויב געטהאָן אויף דעם קעמעל? — האָט זיך איינער אָפּגערופען — זעהט מיט וואָס פאַר אַ צערטליכקייט ער טהוט עס!... איך בין זיכער אַז זי האָט איהם בעצויבערט מיט איהר שעהנקייט.

— און ער איז געוויס ווערטה צו בעזיצען אַזאַ טהייערען אוצר ווי עלית איז.

— קיינער פון אונז האָט נאָך אַזאַ העלד קיינמאָל נישט געזעהן! עס איז אַ גרויסער כבוד פאַר אונז אַלעמען אַז מיר געפינען זיך יעצט אין איין סביבה מיט איהם.

—מיר וואָלטען זיך אַלע געקענט שעצען גליקליך אויב ער וואָלט געוואָלט ווערען אונזער קעניג! — האָט זיך נאָך איינער אָפּגערופען.

— אונזער קעניג! אָבער מיר ווייסען דאָך אפילו נישט פון וואַנען ער שטאַמט!

— וואָס איז דער אונטערשיעד? אַלע איינוואוינער פון עדלם וואָלטען געווען געזיכערט געגען אָנפאַלען, ווען ער איז אונזער קעניג! מיר מוזען האָבען אַ הערשער פאַר ווערמען די ווילדע שבטים זאָלען ציטערען.

— געוויס! עס איז שוין דאָס צווייטע מאָל, ווי די ווילדע ישמעאלים דרינגען אריין אין אונזערע גרעניצען. מיר מוזען האָבען אַזאַ בעשיצער.

— מיר ווען דאַרפען דערציילען אַלעס וואָס עס איז פאָרגעקומען צו אונזערע עלטסטע, און זיי ראַטהען צו מאַכען דיזען העלד פאַר אונזער קעניג.

— איידער מיר געהען טהאָן אַזאַ זאַך, מוזען מיר אויסגעפינען ווער ער איז און פון וועלכען שבט ער שטאַמט. פיליכט ווערט ער נישט ווערטה זיין צו ווערען אונזער קעניג...

— איך בין זיכער אַז חירה ווייס אַ סך וועגען איהם! אָט וועל איך צוגעהן און איהם אַ פרעג טהאָן — האָט זיך איינער אָפּגערופען און איז צוגעגאַנגען צו חירה׳ן

— ווייסטו מיר פיליכט זאָגען ווער איז עס אָט דיזער בראַווער און העלדישער מאַן? — האָט ער איהם אַ פרעג געטהאָן — מיר זיינען אַלע זעהר נייגעריג צו וויסען וועגען איהם, און אונז דוכט זיך אַז דו ביזט שוין מיט איהם גאַנץ גוט בעקאַנט.

— אויב אַזוי זאָלען אַלע קעמלען וואָס איך האָב אָוועקגענומען פון די ישמעאלים געהערען צו דיר! — האָט יהודה געזאָגט.

— דאָס וועל איך אויך פון דיר נישט פערלאַנגען — האָט שוע געזאָגט — זיי בעלאַנגען צו דיר. זיי האָבען דיין פערד געטויטעט און דורך דיין שווערד האָסטו זיך אַלעס ערוואָרבען...

— איך ברויך בלויז איין קעמעל, און איך וועל דאָך נישט מיטנעהמען מיט זיך די קעמלען, ווען איך וועל זיך צוריק קעהרען צו מיינע ברידער. זאָלען זיי פערבעכנט ווערען פאַר דעם מוהר...

— אויב דו ווילסט קענסטו די קעמלען אָפּגעבען עליתי׳ן — האָט שוע געזאָגט. — איך פערלאַנג פון דיר קיין מוהר... מאָרגען וועל איך פערופען אַלע אונזערע פריינד און מיר וועלען פייערען דיין חתונה מיט די זיבען טעג פון מאָהלצייט, און דאַן ווערסטו זיך אומקעהרען צו דיינע ברידער.

— איך דאַנק דיר מיין האַר... דו האָסט מיך ערפרעהט מיט דיין גרויס געגאָד וואָס דו טהוסט מיט מיר, אָבער איך וועל זיין געצוואונגען אָפּצולעגען די חתונה אויף שפּעטער... איך וועל דאָ לענגער ווי ביז מאָרגען נישט קענען פערבלייבען. איך האָב געזאָגט אַז איך געה אַוועק בלויז אויף אַ פּאָר טעג... מיינע ברידער וועלען שטאַרק בעזאָרגט זיין, ווען איך וועל זיך נישט צוריקקעהרען אין דער בעשטימטער צייט. און אַ חוץ דעם וואָלט איך שטאַרק געוואָלט אַז איינינע פון מיינע ברידער זאָלען אַנוועזענד זיין אויף מיין חתונה... דעריבער וועל איך מאָרגען גאַנץ פריה צוריק געהן צו

מיינע ברידער, אין צווײ וואָכען אַרום וועל איך זיך אומקעהרען, און דאַן וועל איך פייערען מיין התונה מיט עלית'ן...

— גוט, — האָט שוע געזאָגט — איך האָף אַז ביז יענער צייט וועסטו זיך פיליכט איבערלעגען און אָננעהמען דעם אָנבאָט פון אונזערע עלטסטע צו זיין דער קעניג פון ערלם.

יהודה האָט אַ שמייכעל געטהאָן.

— דאָס האָב איך מורא, אַז עס וועט קיינמאָל נישט געשעהן...

— ווען דיינע ברידער ווען מיט דיר קומען צו דיין חתונה, קען מעגליך זיין אַז זיי אליין וועלען דיך צוריידען דאָס צו טהאָן! האָט שוע אַ זאָג געטהאָן.

— ווען די עלטסטע פון שטאָדט וואָלטען געזעהן מיינע ברידער און געוואוסט וואָס פאַר אַ העלדען זיי זיינען, וואָלטען זיי אָן מיר פערגעסען און אָנגעבאָטען די קרוין צו איינם פון זיי — האָט יהודה געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

יהודה איז געווען אַזוי גליקליך, דאָס שוע האָט זיין צושטימונג געגעבען צו הייראָטען מיט עלית'ן... ער איז גלייך צוגעגאַנגען צו עלית'ן, וועלכע איז געזעסען און דערצעהלט פאַר איהר פעטער און פאַר נאָך עטליכע איבערגעבליבענע געסט ווי יהודה האָט געקעמפט געגען די אראַבער ווי אַזוי ער האָט געפאַכטען געגען פופצעהן און זיי בייגעקומען... זי האָט זיי איבערגעגעבען אַלע איינצעלהייטען. ווען זי האָט בעדעקט איהר פּנים... זי האָט זיך פאַר זיי ענטשולדיגט און צוגעגאַנגען צו איהם.

— עלית! האָט יהודה אויסגערופען מיט גרויס פרייד — איך האָב דיר עפּעס וויכטיגעס צו זאָגען, וועסטו מיר צוליעב טהאָן מיך אויסהערען, וועל איך דיר אַלעס דערצעהלען.

עלית האָט גלייך צוגעשטימט און ביידע האָבען זיך ענטשולדיגט און בערלאָזען די געסט.

זיי זיינען ארויס פון הויז און גענומען לאַנגזאַם שפּאַצירען.

—עלית, מיין ליעבע עלית! — האָט יהודה אָנגענומען איהר צאַרטע האַנט — איך בין זעהר גליקליך... איך האָב נאָר וואָס געקראָגען די צו־שטימונג פון דיין פּאַטער... יעצט וואָלט איך זיך גליקליך געשעצט, ווען איך וואָלט אויך פון דיין מויל געקענט הערען אַזעלכע ערפרעהענדע ווערטער.

זיי האָבען זיך אָפּגעשטעלט און עלית האָט איהם אָנגעקוקט מיט טרעהרען אין די אויגען...

— איך האָב אפילו נישט געוואַגט צו טרוימען פון דיר, יהודה... ווען איך האָב דיך צום ערשטען מאָל דערזעהן, און מיין פעטער חירה האָט אונז וועגען דיין העלדישקייט דערצעהלט, האָט מיין האַרץ אין מיר גע־ציטערט... איך האָב דיך אַזוי ליעב בעקומען, און אַט ביזטו אַ פרעמדער, וועלכער געפינט זיך אַזוי ווייט פון דאַנען. דו דאַרפסט באַלד אָפּרייזען און ווער ווייס אויב דו וועסט נאָך אַמאָל ווידער קומען אין דיזען געגענד... אין מיין האַרצען האָט עפּעס געדריקט, און ווען איך האָב דיך יענעם פריה־

מאָרגען צום ברוגעס בעגלייט, און דו האָסט מיר געזאָגט אַז דו וועסט נאָכאַמאָל ווידער אַהער קומען, האָב איך אויך קיין סך האָפנונג אויף דעם נישט געלעגט.. מיר האָט זיך געדוכט אַז דו וועסט פערגעסען דיין פער־שפּרעכען, דו וועסט אין גאַנצען פערגעסען אָן מיר... פערוואָגעלט איז דער שלאָף פון מיינע אויגען געוואָרען, זינט דו ביזט אַוועקגעגאַנגען... און אין דער פריה ווען איך האָב געפיהרט מיין פאָטערס שאָף אין פעלד, האָב איך פון דיר געטראַכט... איך האָב געוואונשען דיך צו זעהן און געהאָפט, אַז מיין פעטער וועט מיט מיר אַמאָל אַוועקגעהן נאָך שכם, בלויז דיך פון ווייטען אָנצוקוקען.

אָבער ווי גוט און גנעדיג דיין גאָט איז צו מיר געווען... נישט נאָר ביזט געקומען פריהער ווי איך האָט געקענט ערוואַרטען, אָבער דו ביזט נאָך געקומען אין צייט צו ראַטעווען מיין לעבען... יע, זיי, די ישמעאלים האָבען שוין געהאַט פערשיעדענע פּלענער וועגען מיר, אייניגע האָבען מיך געוואָלט פאַר אַ קעפּסווייב צו זייער הערשער פאַרשלאָגען... אַנדערע ווידער האָבען מיך געוואָלט פאַר אַ שקלאַפין פערקויפען... און נאָכהער זיינען זיי מיך בעפאַלען און גענומען שלאָגען. און איך בין זיכער, אַז ווען דו וואָלסט בעת מעשה נישט אָנגעקומען, וואָלטען זיי מיך צום טויט דערשלאָגען... יעצט מיין ליעבער יהודה בין איך דען נישט דיינע מיט מיין גאַנצען לייב און לעבען ?!... איך בין די גליקליכסטע מיידעל אין כנען. איך ווייס אַז עס איז אַ גרויסער כבוד צו ווערען פערחרעכענט צווישען די מיטגלידער פון אַזאַ ווירדיגע משפחה ווי די, פון וועלכער דו שטאַמסט... יע, יהודה, איך וויל דיר פערזיכערען, אַז איך וועל זיך בעמיהען צו טהאָן בלויז זאַכען וועלכע וועלען געפעלען דיינע עלטערען.. איך וועל דינען צוי דיין גאָט מיט מיין גאַנצען הארצען, ווייל איך זעה יעצט איין, אַז דיין גאָט אין הימעל איז דער איינציגער ריכטיגער און די געטער פון כנען זיינען הילפלאָז.

— יעצט בין איך זיכער אַז מיין פאָטער וועט זיין העכסט צופריעדען דיך פאַר זיין טאָכטער צו פעררעכענען! — האָט יהודה אויסגערופען מיט פרייד — ווייל דו ביזט דאָך אַזוי אַנדערש פון די איבריגע טעכטער פון כנען... יע, עלית, אין צוויי וואָכען ארום וועל איך דאָ צוריקקומען און דאַן וועלען מיר זיך צוגרייטען צו אונזער חתונה... איך וואָלט זעהר שטאַרק געוואָלט אַז מיין פאָטער און מיינע ברידער זאָלען אויך קענען אַנוועזענד זיין אויף אונזער חתונה... איך וועל זעהן אַלעס צוצוגרייטען דורך דיזער צייט. און דאַן וועלען מיר זיך אויף עוויג פעראייניגען...

עלית האָט מיט דאַנקבאַרע אויגען געקוקט אויף יהודה'ן... זי האָט נישט געהאַט גענוג ווערטער אויסצודריקען איהר שמחה.

— אין צוויי וואָכען ארום! — האָט זי מיט פרייד אויסגערופען — אָ, ווי לאַנג דיזע צוויי וואָכען וועלען זיך ציהען פאַר מיר!

— און אויך פאַר מיר וועלען דיזע צוויי וואָכען ווי צוויי יאָהרען זיין!

— האָט יהודה זיך אָפּגערופען — דיין פאָטער האָט אפילו מיר פאָרגע־שלאָגען צו מאַכען אונזער חתונה גלייך, אויף מאָרגען... אָבער דו ווייסט דאָך אַז דורך די זיבען טעג פון מאָהלצייט וועל איך דאָך נישט קענען

אוועקגעהן, און מיינע ברידער וועלען זיין שטארק בעזארגט וועגען מיר. א חוץ דעם וועט פיליכט מעגליך זיין, אז איינינע פון מיין משפחה זאלען זיך אויך בעטייליגען אין אונזער חתונה, אויב מיר וועלען עס אפלעגען אויף צוויי וואכען שפעטער.

ביז שפעט אין דער נאכט האבען ביידע, יהודה און עלית פערבראכט. זיי האבען געפלאנעוועט זייער צוקונפט, און אויף מארגען גאנץ פריה האט זיך יהודה צוקושט מיט עלית׳ן, זיך געזעגענט מיט שוע און מיט זיין פריינד חירה׳ן און ער האט זיך געזעצט אויף א קעמעל און איז אוועק צוריק נאך שכם...

.13

יהודה'ס צוריקקעהר

רייטענדיג אויף'ן קעמעל פון עדלם נאָך שכם, האָט יהודה דעם גאַנצען וועג נישט אויפגעהערט צו טראַכטען פון עלית'ן... ער האָט גענומען פּלאַנעווען וואָס צו טהאָן, ווי אַזוי ער זאָל קענען קריגען די הסכמה פון זיין פאָטער. פריהער וועט ער מוזען אַליין געהן נאָך חברון, און איבערגעבען דעם פאָטער אַלעס וואָס האָט פּאַסירט און נאָכהער וועט ער עלית'ן ברייגגען צום פאָטער. עס איז ביי איהם קיין צווייפעל נישט אַז זי וועט געפינען חן אין זיינע אויגען... ווען ער וועט מיט איהר חתונה האָבען וועט זי פער־בלייבען אין זיין פאָטער'ס הויז, זי וועט זיך חבר'ן מיט דינה'ן, וועלכע איז נאָך אַלץ זעהר טרויעריג... זי קען נאָך נישט פערגעסען איהר קליין־טעכטעריל, וועלכע איז מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק אַוועקגעגנב'עט געוואָרען ווען עלית וועט מיט איהר זיין, וועלען זיי צוזאַמען פערברייגגען, און דינה'ס טרויעריגע געדאַנקען וועלען ביסלעכווייז פערשוואונדען ווערען פון איהר.

טראַכטענדיג אַזוי פון זיין שוועסטער דינה'ן האָט יהודה'ן פּלוצלונג ארומגענומען אַ שטאַרקער געפיהל פון רחמנות... זיין אָרימע שוועסטער, ווי שטאַרק זי האָט געליטען... אמת, מען האָט נקמה גענומען פון איהרע פייניגער און בעטריגער... אָבער פונדעסטוועגען האָבען איהרע ליידען איבערגעלאָזען שטאַרקע סמנים אויף איהר פּנים... דאָך איז זי נאָך זעהר שעהן און אַנציהענד... אָבער וואָס פאַר אַ צוקונפט ערוואַרטעט איהר?

יהודה האָט גענומען טראַכטען וועגען זיין פריינד חירה'ן, עלית'עס פעטער, ער איז אַן עהרליכער און בראַווער יונג... ער איז זיכער אַז דינה וואָלט איהם ליעב געקראָגען. זיי וואָלטען ביידע גליקליך געווען... באַלד אָבער איז דינה ארויס פון זיינע געדאַנקען, און עלית האָט ווידער פערנומען איהר פּלאַץ... אין זיינע אויערען קלינגען איהר ווערטער און פאַר זיינע אויגען שוועבט איהר געשטאַלט פערביי... זיין הארץ פערקוועטשט איהם ווען ער דערמאָהנט זיך ווי די אַראַבער האָבען איהר אַזוי ברוטאַליש געשלאָגען... די אָרימע עלית! ווי שרעקליך זי האָט דאַן געמוזט פיהלען... ער בעטראַכט דעם קעמעל.. וואָס וועלען זיינע ברידער זאָגען, ווען זיי וועלען איהם זעהן אָנקומענדיג מיט אַ קעמעל אַנשטאָט זיין פערד... פון וויטען האָט יהודה דערזעהן דעם לאַגער פון זיינע ברידער. ער האָט דעם קעמעל שנעלער געטריבען.

די זון האָט זיך שוין א דרעה געטהאָן צו מעריב זייט, און די ברידער האָבען זיך אומגעקעהרט פון דער פּאַשע. זיי האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען ארום זייערע געצעלטען און זיך געזעצט אונטער די שאָטענס פון די בוימער אָפּצוקיהלען.

אשר און נפתלי האָבען אביסעל ווייטער געמאַכט א פייער, און אויף דעם געבראָטען די שעפּסענע פלייש וואָס זיי האָבען געהאַט צוגעגרייט פאַר זייער אָוונט ברויט.

ווען זיי האָבען זיך געזעצט עסען, האָבען זיי גלייך אָנגעפאַנגען צו ריידען וועגען יהודה׳ן.

— עס איז שוין דריי טעג אוועק און יהודה האָט זיך נאָך אַלץ נישט צוריקגעקעהרט, — האָט לוי זיך אָפּגערופען — און געזאָגט האָט ער דיר זבולון, אז בלויז אויף א פּאָר טעג וועט ער אַוועקגעהן.

— נו, יע, א פּאָר טעג, אָבער מען קען דאָך נישט זיין אזוי אויסגע־רעכענט.

— געוויס נישט! — האָט שמעון באַמערקט מיט א שמייכעל — בפרט ווען מען געהט בעזוכען א געליעבטע!

— און איך וועל נישט זיין איבערראַשט, ווען ער וועט זיך פערזאַמען נאָך עטליכע טעג — האָט ראובן געזאָגט — איך וועל פערשטעהן אז ער פייערט דאָרטען זיין חתונה מיט עלית׳ן... אויף יהודה׳ן איז אַלעס צו גלויבען...

— ווי אזוי וועט ער טהאָן אזא זאַך נישט איבערריידענדיג מיט אונז — האָט דן געזאָגט — ער וועט דאָך נישט פייערען זיין חתונה אָהן דעם פאָטער׳ס הסכמה.

— און א חוץ דעם וואָלט ער אונז אויך איינגעלאַדען צו דער חתונה — האָט גד א זאָג געטהאָן.

— אויב ער האָט געקענט אַוועקגעהן און אונז דערפון נישט זאָגען, קען דאָס אויך מעגליך זיין — האָט ראובן געזאָגט

ער האָט דאָך אָבער מיר יע געזאָגט! — האָט זבולון אויסגערופען.

— אויב ער האָט דיר געזאָגט, האָט ער אַלעמען געדאַרפט זאָגען — האָט לוי געזאָגט.

— מיר דוכט, אז אימיצער קומט אָן אין אונזער ריכטונג — האָט אשר אויסגערופען צו זיינע ברידער.

אַלע האָבען זיך באַלד אויפגעשטעלט און האָבען אָנגעשטרענגט זייערע אויגען.

— איך זעה אימיצען אָנקומענדיג אויף א קעמעל.

— דאָס איז געוויס נישט יהודה! ער איז דאָך פון דאַנען אוועק אויף א פערד.

— און איך בין זיכער אז דאָס איז יהודה. ער רייט עס אויף דעם קעמעל!

— יע, דאָס איז ער!

— אָבער ווי קומט ער אויף א קעמעל?

— דאָס וועלען מיר שוין באַלד פון איהם הערען.

די ברידער האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן איהם אַנטקעגען.

יהודה האָט געזעהן ווי די ברידער קומען איהם אַנטקעגען, איז ער אַרונטער פון קעמעל.

— שלום צו אייך, מיינע ברידער! — האָט ער זיי בעגריסט מיט אַ פרעהליכען און לוסטיגען פנים.

— שלום! — האָבען זיי איהם געענטפערט, עטוואָס אין כעס.

די קורצע שטרעקע ביז צו זייער לאַגער זיינען אַלע געגאַנגען און געשוויגען... ווען זיי זיינען שוין געווען נעבען די געצעלטען, האָט ראובן איהם אַ פרעג געטהאָן מיט אַ ברוגז'ער שטימע:

— ווי קומט צו דיר דער קעמעל?

יהודה האָט אַ לייכטען קלאַפּ געטהאָן דעם קעמעל איבער דעם רוקען און האָט זיך אָפּגערופען:

— איך האָב זעהר פיעל צו דערצעהלען וועגען דעם. אָבער יעצט בין איך שטאַרק מיעד און הונגעריג. איך וועל זיך אָרומוואַשען און דערקוויקען מיין האַרץ און דאַן וועל איך אַלעס דערצעהלען.

די ברידער האָבען בעטראַכט יהודה'ן... זיי האָבען געקוועטשט מיט די פּלייצעס און איהם מעהר נישט געפרעגט.

מען האָט זיך געזעצט עסען מיט עפּעס אַן אומגעוועהנליכע און אָנגעשטרענגטע שטילקייט... יעדער האָט געוואָרפען אַ פאַרשיעדענעם בליק אויף יהודה'ס זייט. און ווען זיי האָבען געזעהען אַז יהודה בעמערקט עס, האָבען זיי גענומען קייען מיט מעהר אַפּעטיט.

ווען זיי האָבען אָפּגעגעסען האָט יהודה זיי גענומען דערצעהלען וואָס עס האָט פּאַסירט, און ער האָט פערענדיגט:

יעצט זאָגט מיר מיינע ברידער, איז עס דען נישט אַ גאָט זאַך? ער האָט מיר אין דער ריכטיגער צייט גשיקט, איהר צו ראַטעווען...

די ברידער זיינען ערשטוינט געוואָרען הערענדיג פון יהודה'ן די געשיכטע. זיי האָבען נישט געצווייפעלט זיינע ווערטער. זיי האָבען יהודה'ן גאַנץ גוט געקענט און געוואוסט אַז ער וועט נישט מגזם זיין און זיך נישט בעריהמען וועגען זאַכען וואָס זיינען נישט פאָרגעקומען.

יעדער אין זיין האַרץ איז געווען אָנגעפיהלט מיט שטאָלץ פון זייער בראַווען און העלדישען ברודער.

— געלויבט איז גאָט! — האָט ראובן אָנגענומען יהודה'ס האַנט — וואָס ער האָט דיר געגעבען כח און גבורה בייצוקומען אַזוי פיעל ישמעאלים.

— איך האָב קיינמאָל נישט געצווייפעלט אין דיין העלדישקייט — האָט איהם שמעון געזאָגט — אָבער יעצט האָסטו אונז אַלעמען נאָך מעהר שטאָלץ געמאַכט מיט דיר.

עס איז דאָך טאַקע אַ וואונדערבאַרע זאַך, אַז דו זאָלסט אָנקומען אין צייט צו ראַטעווען די וועמען דו ליעבסט — האָט לוי געשמייכעלט — יעצט בין איך זיכער אַז עלית איז דיר בעשעהרט פון גאָט.

— מערקווערדיג איז דאָס וואָס די שאָף פון עלית׳עס פאָטער האָב איך צום צווייטען מאָל געראַטעוועט — האָט יהודה געזאָגט — און אַ חוץ דעם זיינען צווישען די ישמעאלים געווען פינף פון די פריהערדיגע.

— איך וואָלט זיי אַלעמען מיט מיין שווערד געטויטעט — האָט שמעון אויסגערופען — דו האָסט זיי ארויסגעוויזען צו פיעל גנאַדע... זיי האָבען פערדיענט דעם טויט, בפרט די וועלכע זיינען שוין צום צווייטען מאָל גע־קומען צום זעלבען פּלאַץ.

— איך האָב אָבער פערשטאַנען אַז זיי זיינען דאָרט נישט אָנגעקומען מיט זייער גוטען ווילען... אַ סימן, אַז ווען זיי האָבען מיך נאָר דערזעהן, זיינען די פינף ענטלאָפען... יע, זייער הערשער האָט זיי געצוואונגען מיט־צוגעהן מיט די איבריגע, וועלכע האָבען טאַקע מיך געזאָלט דאָרט געפינען. זיי האָבען געגלויבט אַז איך געפין זיך שטענדיג אין דעם געגענד פון עדלם און זייער הערשער איתן האָט דיזען מאָל געשיקט פופצעהן פון זיינע קנעכט און זיי בעפוילען מיך צו פאַנגען און בריינגען צו איהם.

— אַט טאַקע דערפאַר האָסטו זיי געדאַרפט טויטען! — האָט לוי זיך אָפּגערופען — ווייל יעצט אַז זיי וועלען זיך אומקעהרען צוריק צו זייער הערשער און איהם דערצעהלען וואָס דו האָסט געטהאָן צו זייערע ברידער און זיי וועלען נאָך ברענגען זייערע טויטע קערפּערס, וועט איתן׳ס נקמה געפיהל זיך נאָך מעהר פערשטאַרקען, און ער וועט זוכען אָנצופיהרען אַ מלחמה געגען אונז.

— וועגען דעם האָבען מיר נישט וואָס מורא צו האָבען. די ישמעאלים זיינען אַזעלכע פּייגלינגע, אַז יעצט וועלען זיי שוין פערזאָגען אַ צעהנטען זיך נישט אָנצופאַנגען מיט אונז... איך בין זיכער אַז איך האָב דערמיט דעם גאַנצען געגענד פון עדלם אַ טובה געטהאָן — האָט יהודה געזאָגט — און דאָס האָב איך אייך פערגעסען צו דערצעהלען, האָט ער אַ שמייכעל געטהאָן. אַלע עלטסטע פון שטאָדט זיינען צו מיר געקומען און פערלאַנגט פון מיר איך זאָל ווערען זייער קעניג.

— זייער קעניג! — האָט ראובן אויסגערופען — און וואָס האָסטו זיי געענטפערט?

— עס פערשטעהט זיך, אַז איך האָב זיך ענטזאַגט פון דיזען כבוד.

— אָבער עדלם איז דאָך אַ גרויסע שטאָדט און די איינוואוינער זיינען דאָרטען פיעל — ווי אַזוי האָסטו געקענט ענטזאַגען צו ווערען דער הערשער איבער זיי? — האָט שמעון געפרעגט.

— ווער מיינסטו בין איך, יוסף? — האָט יהודה געלאַכט. — איך טרוים נישט פון הערשען, און צו ווערען אַ קעניג איז אַזוי ווייט פון מיין הארצען ווי אונזער „גרויסע ליעבשאַפט“ צו יוסף׳ן.

— אָ, ווען יוסף בעקומט פּלוצלונג אַזאַ אָנבאָט — האָט לוי אויסגע־רופען — ער וואָלט זיך דאָך אין דעם אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט... אַ קלייניגקייט, צו ווערען אַ קעניג! ער חלום׳ט דאָך דערפון טאָג און נאַכט.

— ווי שטאַרק זיין חשק איז צו הערשען איבער אונז — האָט דן צוגעגעבען — איך בין זיכער אַז ווען ער וואָלט צו אונז יעצט געקומען

וואָלט ער אונז געהאַט צו דערצעהלען פון נאָך פיעלע חלומות, וואָס זאָלען אָנדייטען אַז ער וועט ווערען אַ קעניג!

— דו האָסט געדאַרפט זאָגען די עלטסטע פון עדלם, אַז דו קענסט זיי שיקען אַ קעניג, דיין אינגערען ברודער יוסף'ן...

— יוסף חלום'ט צו זיין אַ גרויסער און מעכטיגער הערשער — האָט יהודה געשמייכעלט — און עדלם וואָלט פיליכט פאַר איהם צו קליין געוועזן... אַ חוץ דעם וויל ער אויסאיבען זיין הערשאַפט איבער אונז, און זייענדיג אין עדלם וועט ער דאָס נישט קענען בעווייזען.

— נו, און יעצט הערשט ער דען נישט איבער אונז? — האָט גד אַ זאָג געטהאָן — זינט דער פאָטער האָט איהם אָנגעטהאָן דאָס זיידענע העמדעל, דענקט ער אַז צו איהם איז קיין גלייכען נישט דאָ...

— געוויס! — האָט אשר צוגעגעבען — האָבען מיר זיך דען נישט דערוויטערט פון אונזער היים צוליעב איהם?... יע, איך וויים שוין נישט דעם טעם פון אַ גוטען היימישען מאָהלצייט! אַלע טאָג בין איך געצוואונגען צו עסען די זעלבע זאַך! און דאָס איז אַלץ צוליעב יוסף'ן... אָ, ווען איך דערמאָהן זיך אָן די טהייערע זעמעל וואָס איך פלעג עסען און די אַנדערע גוטע זאַכען, ווערט אין מיר מיין כעס אָנגעצונדען אויף יוסף'ן... וואָס צוליעב איהם האָבען מיר געמוזט ווייט פון דער היים אַוועקגעהן און אָפּקומען יעדען טאָג בלויז מיט געבראָטענע שעפּסען פלייש.

— וואָס איז יוסף אין דעם שולדיג, אַז מיר האָבען איהם פיינט, און מיר קענען איהם נישט אָנקוקען? — האָט ראובן געזאָגט צו אשר'ן, האָט ער דען דיך פון הויז פערטריבען? אדרבה, איך גלויב אַז ער וואָלט געוועזן מעהר צופריעדען, ווען מיר געהען נישט אַוועק אַזוי ווייט, און מיר קענען קומען יעדען אָווענד אין דער היים צו זיין.

— געוויס וואָלט ער מעהר צופריעדען געוועזן, ווען ער קען פאַר אונז דערצעהלען זיינע חלומות וועגען הערשען, ווי אונזערע גאַרבען בוקען זיך צו זיינע, און ווי די זון און די לבנה קניהען זיך פאַר איהם... דאָס פערשאַפט דאָך איהם דאָס גרעסטע פערגניגען! — האָט שמעון געזאָגט — און דערצו וואָלט ער געהאַט אַ געלעגענהייט צו פער'מסר'ן אונז פאַר'ן פאָטער. ער וואָלט שוין געפונען חטאים אויף אונז! מיר דאַרפען זיך שעצען גליקליך וואָס מיר דאַרפען נישט אָנקוקען זיין פנים יעדען טאָג און מיר זיינען נישט געצוואונגען איהם צו בעגריסען יעדען פריהמאָרגען און אָבענד — האָט גד צוגעגעבען.

— אָבער וואָס איז וועגען אונזער פאָטער און מוטער און וועגען אונזער שוועסטער דינה, מיר דאַרפען זיין ווייט פון זיי, און אָ, ווי שטאַרק עס בייגקט זיך צו זעהען אונזער ליעבען פאָטער און מוטער... ווער וויים צו עס איז שלום צו זיי?... — האָט יהודה זיך אָפּגערופען.

— נו, מיר האָבען דאָך אָפּגעמאַכט אַז איינער פון אונז זאָל צוקומען צום פאָטער אויף אַ פאָר טעג און אונז נאָכהער ברענגען אַ גרוס פון אַלעמען.

— וואָלט דען נישט געוועזן אַ סך בעסער ווען אנשטאַט צו געהן נאָך

עדלם, וואָלסטו געגאַנגען נאָך חברון צום פאָטער? — האָט אשר זיך אָפּ־גערופען צו יהודה׳ן.

— איך בין גרייט אפילו מאָרגען צו געהן נאָך חברון — האָט יהודה זיך אָפּגערופען.

— פאַרוואָס זאָלסטו נישט וועלען אַוועקגעהן יעדען טאָג... דיך אַרט נישט וואָס די שאָף איז פערנאַכלעסיגט... זבולון האָט נישט געקענט אַכטונג געבען אויף דיינע שאָף און אין דער זעלבער צייט זיין פערנומען מיט זיינע שאָף — האָט ראובן געזאָגט.

— איך בין צופריעדען אויב אַן אנדערער וועט געהן! — האָט יהודה געענטפערט — ווייל אין צוויי וואָכען ארום וועל איך מוזען אַוועקגעהן פון דאַנען פאַר אַ לענגערע צייט...

— וואָס מיינסטו?

— אין צוויי וואָכען ארום האָב איך פערשפּראָכען עלית׳ן צו קומען אין עדלם, דאַן וועלען מיר פייערען אונזער חתונה.

— און דו וועסט געהן חתונה האָבען מיט עלית׳ן אָהן דעם פאָטער׳ס הסכמה? — האָט ראובן איהם געפרעגט.

— צוליב דעם טאַקע האָב איך געוואָלט יעצט אָפּרייזען נאָך חברון. איך האָב געוואָלט דעם פאָטער פון אַלעם דערצעהלען און קריגען זיין ברכה.

— און דו גלויבסט אַז דער פאָטער וועט צושטימען דערצו? — האָט לוי איהם אַ פרעג געטהאָן.

— איך צווייפעל נישט אין דעם! — האָט יהודה געענטפערט — ווען דער פאָטער וועט עלית׳ן דערזעהן, וועט ער זעהר צופריעדען זיין מיט איהר. און ווען יעדער פון אייך וועט מיט איהר ריידען, וועט איהר זיך גלייך ארומזעהן אַז זי איז אַזוי גוט ווי איינע פון אונזער משפחה.

— נאָך אַלעמען — האָט שמעון זיך אָפּגערופען — וועלען מיר דאָך אַלע זיין געצוואונגען צו נעהמען פאַר אונזערע פרויען, פון די טעכטער פון דיזען לאַנד... דער פאָטער וועט ז׳אָך נישט ערוואַרטען פון אונז צו געהן נאָך חברון זוכען אַ פרוי...

— ווען איהר וועט מיר יעצט ערלויבען צו געהן נאָך חברון, און איך וועל קריגען דעם פאָטער׳ס הסכמה, דאַן וועט שוין פאַר יעדען פון אייך זיין גרינג צו נעמען וועלכע פרוי איהר וועט נאָר אויסקלייבען.

—מיר קענען נישט דערלויבען דו זאָלסט גלייך ווידער אַוועקגעהן און פערנאַכלעסיגען דיינע שאָף, — האָט ראובן געזאָגט — אָבער ווען דו וועסט דאַרפען אין צוויי וואָכען ארום ווידער אַוועקגעהן, וועסטו עס טהאָן מיט אַ פּאָר טעג פריהער, און דאַן וועסטו זיין ביים פאָטער. דערווייל־ע וועט קיינער פון אונז נישט געהן אהיים.

ידודה האָט צוגעשטימט און ער האָט מיט גרויס אונגעדולד געוואַרט אויף דעם טאָג וואָס ער האָט בעשטימט זיין חתונה מיט עלית׳ן.

.14

יוסף געהט בעזוכען זיינע ברידער

זינט די קינדער פון יעקב'ן האָבען פערלאָזען חברון און אוועק פיטערען זייערע שאָף אין שכם, האָט געהערשט אַן אומעטיגקייט אין יעקב'ס הויז... דער געדויש און פרעהליכקייט וואָס זייער אַנקומען פון פעלד האָט פעראורזאַכט, האָט יעצט געפעהלט. און עס האָט שוין יעקב'ן פערדראָסען וואָס ער האָט זיין צושטימונג געגעבען זיינע קינדער זאָלען אזוי ווייט פון דער היים אוועקגעהן צו פיטערען זייערע שאָף... אמת, קיין גוטע פּאַשע אין דעם געגענט אַרום חברון איז יעצט נישטאָ, אָבער דאָך וואָלט ער געוועז א סך מעהר צופריעדען, ווען זיי פיטערען זייערע שאָף נישט ווייט פון דאַנען און קעהרען זיך אום יעדען טאָג א היים...

יעקב האָט שטאַרק גענומען בייגקען נאָך זיינע זיהן... עס איז שוין באַלד א מאָנאַט און ער האָט פון זיי גאָרנישט געהערט... ער האָט יעדען טאָג ערוואַרטעט אַז אימיצער פון זיינע זיהן וועט קומען א היים און איהם ברענגען א גרוס פון אַלעמען, אָבער דערווייל האָט זיך נאָך קיינער נישט בעוויזען.

— וואָס קען דאָס באַדייטען ? — האָט יעקב גענומען ווערען אומ־רוהיג — זיי האָבען דאָך פערשפּראָכען אַז איינער פון זיי וועט פון צייט צו צייט קומען א היים... זאָל עס זיין, אַז עפּעס האָט מיט זיי פּאַסירט ?...

און איינמאָל, ווען יעקב איז געזעסען מיט יוסף'ן און מיט איהם פערבראַכט, האָט ער זיך צו איהם אָפּגערופען:

— דו ווייסט מיין זוהן, אַז איך בין לעצטענס געוואָרען זעהר אומ־רוהיג וועגען דיינע ברידער... זינט זיי האָבען פערלאָזען חברון, האָב איך פון זיי גאָרנישט געהערט... און פערגעס נישט, אַז זיי זיינען אוועק פיטערען די שאָף אין שכם. דאָרטען וואו זיי האָבען מיט יאָהרען צוריק פעראורזאַכט אַזאַ חורבן... מעגליך אַז די איינוואוינער פון יענעם געגענד האָבען זיך דערוואוסט דערפון און זיי זוכען יעצט צו נעהמען נקמה פון זיי.

— אָבער פאָטער! — האָט יוסף זיך אָפּגערופען — דאָס האָט פּאַסירט מיט אַזוי פיעל יאָהרען צוריק, אַז איך גלויב קוים אויב עס וועט זיך געפינען א מאַן אין גאַנץ שכם וועלכער וועט זיי דערקענען... און א חוץ דעם, ווייסטו דאָך פאָטער, אַז מיינע ברידער וועלען קענען צו יעדער צייט זיך פערטהיידיגען. און קיינער וועט נישט וואַגען מיט זיי אַנצופאַנגען.

— זאָל גאָט זיי בעשיצען פון אַל־דאָס בייז! — האָט יעקב אויסגע־רופען — אָבער איך וואָלט זעהר נישט געוואָלט, אַז עס זאָל פּאַרקומען אַ קאַמף צווישען זיי און די אַרומיגע איינוואוינער... מיר מוזען און דאַרפען לעבען בשלום מיט אונזערע שכנים, בלוט פערגיסונג איז אַן אומרעכט אפילו פאַר דעם גערעכטען, אין קאַמף.

— פּאָטער, איך וועל געהן בעזוכען מיינע ברידער און זעהן וואָס זיי מאַכען און נאָכהער וועל איך זיך אומקעהרען און ברענגען אַ גרוס פון זיי — האָט יוסף זיך אָפּגערופען.

— דו וועסט אַליין געהן אין אַזאַ וויטען וועג? — האָט יעקב געזאָגט.

— און ביזטו דען אין דיין יוגענד אַליין ניט געגאַנגען אין אַ וויטערען און אין אַ מעהר געפּעהרליכען וועג? — האָט יוסף געזאָגט — גאָט וועט מיך בעשיצען, אַזוי ווי ער האָט דיך בעשיצט.

— יע, מיין זוהן דו ביזט גערעכט. אונזער פּאָטער אין הימעל בעשיצט די וועלכע געהן אין זיין וועג. אָבער דאָך וועל איך צוואַרטען נאָך איניגע טעג און ווען איך וועל ביז יענער צייט גאָרנישט הערען פון דיינע ברידער, דאַן וועל איך דיך צו זיי שיקען...

יוסף האָט שוין אויך אָנגעפאַנגען צו בענקען נאָך זיינע ברידער... ער האָט שוין געהאָט פערגעסען די בעליידיגונגען און זייערע האַרטע ווערטער.

זעהר שטאָלץ איז ער געווען אין זיין האַרצען אויף זיינע ברידער, ער האָט געוואוסט ווי שטאַרק און בראַוו זיי זיינען. איהם האָט זיך שטאַרק געגלוסט זיי צו זעהן און מיט זיי צו ריידען. ער האָט זיי אַזויפיעל שעהנע זאַכען צו דערצעהלען... זיין פּאָטער האָט איהם דורך דער צייט פיעל נייע געשיכטעס דערצעהלט. ווען זיי וועלען יעצט פון איהם הערען, וועלען זיי זיך שטאַרק פרעהען דערמיט.

מיט צוויי טעג שפּעטער האָט יעקב צוגערופען יוסף'ן און צו איהם געזאָגט:

— ווי איך זעה, מיין קינד, וועל איך זיין געצוואונגען דיך טאַקע צו שיקען צו דיינע ברידער אין שכם, צו זעהן וואָס זיי מאַכען. אויב פריעדען איז צו זיי, און פריעדען צו די שאָף. מאָרגען גאַנץ פריה וועסטו אוועקגעהן אין שכם.

— איך בין גרייט צו טהאָן דיין פערלאַנג, פּאָטער! און ווען איך וועל צו זיי קומען, וואָס זאָל איך זיי זאָגען?

— דו זאָלסט זיי זאָגען אין מיין נאָמען, דאָרט צו לאַנג נישט צו פערבלייבען. זאָלען זיך אינגיכען אומקעהרען נאָך חברון... איך בין זיכער אַז עס איז נאָך פערבליבען גאַנץ גוטע פּאַשע נישט וויט פון חברון. און אויב זיי מוזען דאָרט פערבלייבען פאַר אַ לענגערע צייט, זאָלסטו פון זיי קומען און מיר ברייגגען אַ געַרוס פון אַלעמען.

יעקב האָט געגעבען יוסף'ן אַ אייזעל און יוסף האָט געקושט זיין פּאָטער.

— פאָהר! — האָט יעקב אויסגערופען — איך וועל דיך בעגלייטען ביז דעם טהאָל פון חברון.

— די היץ איז זעהר גרויס! — האָט יוסף געזאָגט — און עס איז א גרויסער מהלך פאָטער, פיליכט וואָלט גלייכער געווען ווען דו וועסט מיך דיזען מאָל נישט בעגלייטען, און א חוץ דעם וועסטו זיך דאַרפען צוריקקעהרען אליין.

— איך וועל רופען דינה'ן, זי וועט מיט מיר מיטגעהן — האָט יעקב געענטפערט — דו געהסט אוועק און דו וועסט זיך זיכער פערזאַמען עטליכע טעג אין וועג און אייניגע טעג מיט דיינע ברידער... יע, איך וועל דיך בעגלייטען. יעקב האָט צוגערופען דינה'ן און איהר געזאָגט.

— איך שיק יוסף'ן צו בעזוכען מיינע זיהן אין שכם. ער וועט דאָרטען פערברייגגען אייניגע טעג און איך וויל איהם בעגלייטען א קורצע שטרעקע.

— פאָטער! — האָט דינה אויסגערופען — דער וועג איז לאַנג און אויך נישט קיין זיכערער, און יוסף איז נישט געוואוינט אליין צו געהן אזא ווייטען וועג.

— איך פערלאָז מיך אויף גאָט, אז ער וועט איהם בעשיצען — האָט יעקב געזאָגט — איך געדענק אז מיין זיידע אברהם האָט מיר געזאָגט אז דער וועלכער געהט טהאָן א גוטע זאַך, וועט נישט בעשעדיגט ווערען אין וועג... און יוסף געהט דאָך טהאָן זעהר א גוטע זאַך פאַר מיר, ער געהט אויסגעפינען וואָס זיינע ברידער מאַכען און נאַכהער אויף זיין צוריקקעהר וועט ער קומען מיר זאָגען, צו בערוהיגען מיין געמיטה.

— איך וואָלט זעהר גערען געוואָלט מיטגעהן מיט יוסף'ן — האָט דינה זיך אָפגערופען — עס וואָלט איהם געווען א סך פרעהליכער אויף'ן וועג.

— איך דאַנק דיר זעהר מיין שוועסטער! — האָט יוסף צו איהר געזאָגט — איך וויים אז דו ביזט זעהר גוטהערציג, אָבער פערגעס נישט אז פאַר דיר וועט אזא רייזע פאַלען שטאַרק צו לאַסט... א חוץ דעם פערגעס נישט אַז די ברידער געפינען זיך אין שכם... דיר וועלען די עראינערונגען פון יענער שטאָדט קיין סך פערגניגען נישט פערשאַפען.

— א חוץ דעם — האָט יעקב זיך צו איהר אָפגערופען — וועסטו בלויז שטערען יוסף'ס רייזע... מיט דיר וועט ער נישט קענען געהן אזוי שנעל און דאָס וועט פערלענגערען די צייט פון זיין רייזע.

דינה האָט געשוויגען. זי האָט יוסף'ן צו שטאַרק ליעב געהאַט און איהר האַרץ האָט זיך זעהר געשראָקען די ברידער זאָלען איהם קיין שלעכטעס נישט טהאָן... זי האָט געוואוסט אז זיי טראָגען א שטאַרקע שנאה אויף יוסף'ן. זי האָט פיעלע מאָל צוגעהערט צו זייערע געשפּרעכען און נישט איינמאָל איז איהר אויסגעקומען צו איבעריידען זיך מיט די ברידער וועגען יוסף'ן.. איבערהויפּט האָט זי געוואוסט, טראָגט שמעון א שטאַרקע פיינדשאַפט צו יוסף'ן. זיי זיינען איהם שטאַרק מקנא וואָס דער פאָטער האָט איהם דערהויבען, ער האָט איהם געמאַכט דאָס זיידענע העמדעל...

דינה האָט אַ קוק געטהאָן אויף יוסף'ן און האָט געזעהן אַז ער טראָגט דאָס זיידענע העמדעל און זי האָט זיך אָפּגערופען צו איהר פאָטער.

— וועט יוסף געהן אין דיזען העמדעל צו זיינע ברידער?

— געוויס מיין טאָכטער, דאָס העמדעל איז דאָך אַ צייכען אַז יוסף איז בעפאָלמעכטיגט צו ריידען און צו בעפעהלען זיינע ברידער... און זיי וועלען זיך צו איהם צוהערען.

— דאָך גלויב איך, פאָטער — האָט דינה געזאָגט — אַז פיליכט איז ראַטהזאַם אַז יוסף זאָל דיזען מאָל נישט טראָגען דאָס זיידענע העמדעל.

— פאַרוואָס?! — האָט יעקב געפרעגט מיט ערשטוינונג.

— איך מיין אַז עס... יע, עס וועט דאָך געוויס אויסקומען יוסף'ן צו פערברייינגען אין וועג אויך די אָבענדען — האָט זי גענומען שטאַמלען — און עס איז מעגליך אַז עס וועט זיין צו קאַלט פאַר איהם.

— אין דער יעצטיגער צייט פון יאָהר, איז זעהר וואַרים — האָט יעקב געענטפערט — און אַ חוץ דעם וועל איך איהם מיטגעבען אַן אויבער בגד און אין פאַל ער וועט פיהלען קאַלט וועט ער זיך קענען איינהילען אין דעם.

יעקב און דינה האָבען בעגלייט יוסף'ן ביז דעם טהאָל פון חברון... יוסף האָט נאָכאַמאָל געקושט זיין פאָטער און זיין שוועסטער.

— געה בשלום מיין זוהן! — האָט איהם יעקב געבענשט — און זאָל דער וואָס רוהט אין די הימלען זיין מיט דיר און בעגליקען דיין וועג.

יוסף האָט זיך געזעצט אויף זיין אייזעל און איז אַוועקגעריטען אין דער ריכטונג פון שכם.

.15

די פערקויפונג פון יוסף

יוסף איז געווען זעהר גליקליך וואס זיין פאטער האט איהם יעצט געשיקט צו זיינע ברידער. זינט ער געדענקט, איז ער נאך אליין קיינמאל נישט אוועקגערייזט גאנץ ווייט. יעצט זעהט ער אז דער פאטער האלט איהם שוין פאר א פאלשטענדיגען מאן. יע, ער איז שוין זיבעצעהן יאהר... מעגליך אז דעם צווייטען מאל וועט איהם שוין דער פאטער ערלויבען צו פיטערען די שאף צוזאמען מיט די ברידער. און ווי שטארק דאס האט זיך איהם געוואלט... ער האט געהאט גרויס חשק צו זיין מיט די ברידער אין פעלד, פערברענגען מיט זיי און עסען זייערע אייגענע מאהלצייטען.

ווען די ברידער האבען געפיטערט ארום חברון, פלעגט דער פאטער איהם געבען זעהר אפט ערלויבעניש צוצוגעהן צו זיי אין פעלד, זיי ארויס־העלפען מיט די שאף און דאן פלעגען זיך אלע צוזאמענקלייבען און זיך איינהערען צו זיינע מעשיות... א, ווי גליקליך דאס האט איהם געמאכט! אלעמענס בליקען זיינען געווען געווענדעט אויף איהם, די שפאנונג איז געווען גרויס...

יעדער האט געוואלט וויסען דעם סוף, און ער האט זיי נאך מעהר אנגעצויגען...

א, ווי גליקליך ער איז דאן געווען... אבער זינט דאן איז שוין א שטיק צייט אוועק און די ברידער האבען אויף איהם געטראגען א שנאה... און מעהר פון איהם קיין מעשיות נישט געוואלט הערען. ער האט אויפגעהערט זיי צו בעזוכען אין פעלד. ווען זיי פלעגען זיך אומקעהרען אהיים פלעגט ער מיט זיי ריידען, ער פלעגט זיי זיינע חלומות דערצעהלען... און ער געדענקט אז לעצטענס האבען זיי איהם שטארק בעליידיגט... זיי האבען איהם חושד געווען אז ער זוכט אויסצושפיאנירען פון זיי און נאכהער דאס איבערדערצעהלען דעם פאטער... ווי ווינציג זיי פערשטעהען איהם, זיינע ברידער.

נאך האלבען טאג האט זיך יוסף אפגעשטעלט... ער האט געפיהלט הונגעריג און דורשטיג. ער האט זיך נאכגעפרעגט אויף א ברונים וואסער און האט אנגעטרונקען זיין אייזעל און נאכהער איהם צוגעבונדען צו א בוים און איהם געגעבען זיין שפייז. נאכדעם האט ער זיך צוגעזעצט אויף'ן גראז און געגעסען פון דעם שפייז וואס ער האט מיטגענומען מיט זיך. און ווען ער האט זיך א ביסעל אפגערוהט האט ער גענומען פארטזעצען זיין רייזע.

ווי יוסף איז אָנגעקומען אין בית לחם, האָט ער זיך דערמאָנט אַז ארום דער געגענד אויפ׳ן וועג פון אפרת געפינט זיך זיין מוטער רחל׳ס קבר... ער מוז אויפזוכען איהר קבר — האָט ער בעשלאָסען. — שוין לאַנג אַז ער האָט געהאַט דעם פערלאַנג צו געהן בעזוכען זיין מוטער׳ס קבר אָבער ער האָט קיין געלעגענהייט נישט געהאַט אהין צו געהן... דעם פאָטער האָט ער וועגען דעם נישט געוואָלט זאָגען, ער האָט געוואוסט אַז דאָס וועט אויפ־וועקען זיין אַלטע וואונד און עס וועט איהם פערשאפען פיעל עגמת נפש.

יוסף האָט זיך גענומען נאָכפרעגען ביי די פערבייגעהער, וואו דער וועג נאָך אפרת איז, און ווען מען האָט איהם אָנגעצייגט, איז ער לאַנגזאַם געגאַנגען פיהרענדיג דעם אייזעל ביי דער צוים. ער האָט זיך גוט אַרומגע־קוקט, ביז וואַנען ער האָט דערקענט דעם געגענד. ער האָט געוואוסט אַז זיין פאָטער האָט אויפגעשטעלט אַ מצבה אויף זיין מוטער׳ס קבר און עס וועט איהם נישט שווער זיין צו געפינען...

אַ ווייל שפּעטער איז שוין יוסף געשטאַנען ביי דעם קבר פון זיין מוטער... טרעהרען האָבען זיך בעוויזען אין זיינע אויגען, ווי ער האָט נאָר צוגעטראָטען צום קבר.

ער איז אומגעפאַלען מיט דעם פנים צו דער ערד און זיך פאַנאַנדער־געוויינט. ער האָט אויסגעגאָסען זיין הארץ פאַר איהר... ער האָט זיך אין דיזען מאָמענט געפיהלט אַזוי איינזאַם... און אַ געפיהל פון שטאַרקער בענקשאַפט האָט איהם אַרומגענומען... פיעלע יאָהרען זיינען פאַריבער זינט זיין ליעבע און טייערע מוטער איז געשטאָרבען... ער איז דאָך דאַן נאָך אַ קינד געוועזען. ער האָט נאָך ניט געקענט גוט בעגרייפען דעם גרויסען פער־לוסט... אָבער שפּעטער האָט ער עס אָנגעפאַנגען פיהלען... און כאָטש לאה און זלפּה און בלהה, די מוטערס פון זיינע איבריגע ברידער זיינען געווען זעהר גוט און ליעבליך צו איהם, זיי האָבען איהם בעהאַנדעלט ווי אַן אייגען קינד, דאָך האָט ער זיך געפיהלט איינזאַם און פערלאָזען. און וואָס שטאַרקער דער פאָטער האָט איהם ליעב געהאַט, אַלץ מעהר האָט איהם זיין מוטער געפעהלט... ער געדענקט זיין מוטער׳ס פנים אַזוי דייטליך, ווי זי וואָלט יעצט אַ לעבעדיגע געשטאַנען פאַר איהם... ער פיהלט איהר לאַסטשען איהר ליעבען שמייכעל, און איהרע מוטערליכע וואַרימע קושען... די לעצטע צייט געדענקט ער, איז זי געווען שטאַרק קראַנק, אָבער יעדעס מאָל ווען ער פלעגט אריינגעהן אין איהר געצעלט, האָט זי איהם באַגעגענט מיט אַ ליעבליכען, זיסען שמייכעל. איהרע אויגען האָבען געלויכטען... און זי האָט געשיינט זעהר גליקליך צו זיין...

לאַנג איז יוסף אַזוי געלעגען אויסגעשפּרייט איבער זיין מוטער׳ס קבר. ער האָט ביטער געוויינט און מיט זיינע טרעהרען איהר מצבה בענעצט.

— מיין ליעבע מוטער! — האָט ער אויסגערופען — דו האָסט מיך און מיין ברודער בנימין איבערגעלאָזען מוטערלאָז... בעט פאַר אונז אַלעמען דאָרט, צו אונזער פאָטער אין הימעל און זיי זיך משתדל אויך פאַר מיין שוועסטער דינה, זי זאָל איהר פערלאָהרענעם קינד געפינען, און זי זאָל מעהר פון קיין צער און פיין נישט וויסען.

ווען יוסף האָט זיך גוט אויסגעוויינט אויף זיין מוטער'ס קבר, האָט ער זיך אויפגעהויבען. ער האָט זיך געפיהלט אַזוי גרינג אויף'ן הארצען און עס איז איהם זעהר שווער געווען זיך אָפצושיידען פון זיין מוטער... און עטליכע מאָל האָט ער זיך אובגעקעהרט און געקושט די שטויב פון איהר קבר...

נימ ווילענדיג האָט ער פערלאָזען דעם פלאַץ און גענומען פאָרטזעצען זיין רייזע נאָך שכם... דעם גאַנצען וועג זיינען זיינע געדאַנקען געווען פערנומען מיט זיין מוטער. ער האָט זיך גענומען דערמאָהנען פיעלע זאַכען פון זיינע קינדער יאָהרען, נאָך ווען זיי זיינען אין חרן געווען... דאַן איז זי געווען אַזוי גליקליך... זי איז דאָך געווען די שעהנסטע אין גאַנץ חרן און דער פאָטער האָט איהר ליעב געהאַט מעהר פון לאה'ן...

ער וויים, אַז לאה האָט איהר מקנא געווען... כאָטש עס איז געווען דורך זיין מוטער, אַז לאה האָט אויך געקראָגען זיין פאָטער פאַר אַ מאַן. ער געדענקט ווי זיין מוטער האָט איהם דערצעהלט ווי אַזוי זיין פאָטער האָט פאַר איהר זיבען יאָהר געאַרבייט און זיין זיידע לבן האָט איהם גע־וואָלט אָפּנאַרען, אָבער זיין פאָטער האָט איהם גוט געקענט, און זיך בע־וואָרענט מיט די סמנים וואָס זיין מוטער האָט געזאָלט איהם איבערגעבען בעת דער חופה... לאה וואָלט זיכער דורכגעפאַלען, אָבער זיין מוטער האָט אויף איהר רחמנות געהאַט און איהר אויסגעזאָגט די סמנים... יע, דער פאָטער האָט מיט לאה'ן חתונה געהאַט, און פונדעסטוועגען האָט זי איהר שוועסטער שטאַרק מקנא געווען...

זיין מוטער איז דאָך געווען אַזוי צערטליך און גוטהערציג צו יעדען איינעם... דאָ דערמאָנט זיך יוסף, ווען זיי האָבען אַלע פערלאָזען חרן. ווי זיין מוטער האָט געוואָלט אַז לבן זאָל אויפגעבען זיין געצענדיענעריי און האָט דעריבער אַוועקגע'גנב'עט זיינע תרפים... ער האָט דערפון גלייך געוואוסט... זיין מוטער האָט עס איהם אָנפערטרויט און איהם געבעטן ער זאָל קיינעם נישט דערצעהלען... דאַן איז געקומען לבן און גענומען זוכען... יע, זינט דאַן איז זיין מוטער קראַנק געוואָרען... זי האָט זיך שטאַרק דער־שראָקען טאָמער וועט איהר פאָטער אויסגעפינען. ער איז זיכער אַז דאָס האָט פעראורזאַכט איהר טויט... און איהר כונה איז דאָ געווען אַזוי גוט און הייליג... זי האָט די גאַנצע משפחה געוואָלט בעקעהרען צו גאָט.

דעם גאַנצען טאָג האָט יוסף געררייזט און נישט אויפגעהערט צו טראַכטען פון זיין מוטער און פון זיינע יונגע יאָהרען. פאַרנאַכט איז ער צוגעקומען צו דעם באַרג גריזים... ער האָט אויסגעפינען אַז ער איז שוין נישט ווייט פון שכם. אָבער אַזוי ווי עס האָט שוין גענומען גאַנץ טונקעל ווערען האָט ער בעשלאָסען דאָ איבערצונעכטיגען און אויף מאָרגען גאַנץ פריה וועט ער אַוועקגעהן צו זיינע ברידער אין שכם.

דער געגענד נעבען באַרג גריזים איז נישט געווען באַזעצט און יוסף איז אַ ווילע געשטאַנען און זיך גוט ארומגעקוקט. ער האָט נישט געוואוסט וואוהין צו געהן און צו ווענדען זיך... פלוצלונג האָט ער בעמערקט

ווי אַ פּאַסטוך טרייבט זיינע שאָף אַ היים. ער האָט זיך ארויפגעזעצט אויף זיין אייזעל און האָט שנעל איהם אָנגעיאָגט.

— געבענשט זיי צו גאָט, מיין פריינד — האָט יוסף איהם בעגריסט.

דער פּאַסטוך האָט זיך אומגעקעהרט און דערזעהענדיג יוסף'ן האָט ער זיך פארנייגט און געענטפערט:

— פריעדען צו דיר, מיין האר!

— ווער ביזטו און וואוהין פיהרסטו דיינע שאָף? — האָט איהם יוסף געפרעגט.

— איך בין אַ פּאַסטוך צו דער משפחה פון ענר — האָט ער געענטפערט — און יעצט פיהר איך די שאָף אַ היים צו מיין האר קדום, וועלכער וואוינט אין אלון מורה.

— ענר?! — האָט יוסף אויסגערופען — דער נאָמען איז מיר עפּעס באַקאָנט.

— ווער האָט עס נישט געהערט פון דער משפּחה פון ענר — האָט דער פּאַסטוך געענטפערט — מיין האר'ס זיידע איז געווען בעוואוסט אין גאַנץ כנען...

— און דו ביזט זיין איינציגער פּאַסטוך? — האָט איהם יוסף געפרעגט.

— ער האָט נאָך פּאַסטוכער. ער פערמאָגט זעהר פיעל שאָף, אָבער זיי זיינען געצוואונגען צו פיטערען די שאָף אין דרום זייט.

— איז דען נישט דאָ גענוג פּאַשע אין דיזען געגענד? — האָט יוסף איהם אָנגעקוקט — מיר דוכט זיך אַז דאָס לאַנד אין דיזער געגענד איז רייך אין פּאַשע.

— יע, דיזער געגענד איז געווען פעהר אַ גוטער פּלאַץ פאר פּאַשע ביז דאָ נישט לאַנג...

— איך פערשטעה ניט — האָט יוסף זיך אָפּגערופען — ווי אַזוי איז דאָס מעגליך אַז דאָס לאַנד זאָל זיך אַזוי שנעל ענדערען?

— גאַנץ איינפאַך! — האָט דער פּאַסטוך זיך אָפּגערופען — נישט לאַנג צוריק זיינען אַהער אָנגעקומען פּאַסטוכער פון זעהר אַ ווייטער געגענד מיט שאָף און רינדער אָהן אַ צאָהל, און האָבען פערפלייצט די גאַנצע געגענד מיט זייערע בהמות... זיי האָבען זיך בעזעצט אין געצעלטען ארום שכם... און ווי עס ווייזט אויס האָבען זיי גאָרנישט בדעה פון דאַנען אוועק־צו געהן... די פּאַסטוכער פון אַלע שטעטלאך און דערפער פון ארום האָבען שוין זיך נישט איינמאָל צוזאַמענגעקליבען און זיך בעראַטהען וואָס צו טהאָן. פיעלע האָבען פאָרגעשלאָגען דאָס מען זאָל זיך צוזאַמעננעהמען און און מיט פראייניגטע כחות זיי פעריאָגען פון אונזער געגענד... האָט מען אָבער אונז איבערגעגעבען אַז זיי זיינען זעלטענע גבורים און מיר האָבען זיך מורא אָנצופאַנגען. מיר האָבען שוין פרובירט שיקען שלוחים און זיי גע־בעטען מיט פריעדליכע רייד אָפּצורייזען פון דאַנען, אָבער דערווייל זיינען זיי נאָך אַלץ פערבליבען אויף דעם זעלבען פּלאַץ.

יוסף'ס הארץ האָט אַ צאַפּעל געטהאָן. ער האָט גלייך פערשטאַנען אַז

דער פּאַסטוך רעדט עס פון זיינע ברידער. ער האָט זיך אָבער בעמיהט צו בעהערשען און איז געווען זעהר נייגעריג צו הערען וואָס דער פּאַסטוך האָט ווייטער צו זאָגען וועגען זיי.

— איז דען דאָ נישטאָ געגוג פּאַשע פּאַר אַלעמען? — האָט איהם יוסף אַ פרעג געטהאָן, מיט אַ געמאַכטער קאַלטקייט.

— עס איז יע פאַראַן גענוג פּאַשע... דאָס לאַנד איז זעהר אַ פרוכטבאַרעס, אָבער אין די זייטיגע פּלעצער איז פאַראַן אַ גרעסערע געפאַהר ווי אין דער געגענד אַרום שכם... די פּאַסטוכער האָבען מורא גאַנץ ווייט אַוועקצוגעהן צוליעב די חיות און די אָנפאַלען מצד די ווילדע שבטים, וועלכע לויערען אויף די זייטען פון וועג.

— נו, און ווען די פּאַסטוכער זאָלען אויך וועלען פיטערען זייערע שאָף צוזאַמען מיט די פרעמדע, וועלען די פרעמדע זיי דען שטערען? — האָט יוסף געפרעגט.

— זיי האָבען אַזוי פיעל געבראַכט אַהער, אַז עס וואָלט נישט גערעקלעקט פאַר די שאָף פון אונזערע פּאַסטוכער... אָבער מיר וועלען אין דעם נישט שווייגען... מיר האָבען ווידער געפרואווט אַוועקשיקען שלוחים צו ריידען מיט זיי בריעדליכע ווערטער.... מיר האָבען זיי אָנגעזאָגט אַזוי צו ריידען: „אַלע איינוואוינער פון דעם געגענד פון שכם, פון דעם באַרג גריזים ביז אלון מורה, ווילען לעבען אין פריעדען מיט אייך.. אָבער איהר זייט פלוצלונג אָנגעקומען אין אונזער לאַנד, איהר האָט פערנומען די פרוכטבאַרסטע פּאַשע... איהר האָט זיך צושפּרייט מיט אייערע שאָף איבער'ן גאַנצען לאַנד, און דאַרום, זיינען די היגע איינוואוינער געצוואונגען צו זוכען פּאַשע פאַר זייערע שאָף אין אַנדערע געגענדען, גאַנץ ווייט פון זייערע וואוינונגס פּלעצער... יעצט שיקען מיר צו אייך אַ בקשה. מיר בעטען איהר זאָלט פון דאַנען אָפּרייזען צו צפון זייט אָדער איהר זאָלט זיך אומקעהרען צו אייער שטאָדט, ווייל אויב נישט, וועלען מיר זיין געצוואונגען אַרויסצוגעהן אין מלחמה האַלטען מיט אייך...

— און וואָס האָבען זיי אייך געענטפערט? — איז יוסף זעהר אומגעדולדיג געוואָרען.

— זיי האָבען געענטפערט, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועלען זיי אונז לאָזען וויסען... און דערווייליע וועלען היינט צוזאַמענקומען די פאָרשטעהער פון די אַרומיגע שטעדטלעך און דערפער און וועלען זיך בעראַטהען וואָס ווייטער צו טהאָן אין פאַל זיי וועלען זיך נישט וועלען צוהערען צו אונזער צווייטער וואַרנונג.

— און וואו וועלען זיי זיך פערזאַמלען? — האָט יוסף געפרעגט.

— זיי וועלען אַלע צוזאַמענקומען אין אלון מורה, אין די געצעלטען פון מיין האַר קדום! — האָט דער פּאַסטוך געענטפערט.

— זאָג מיר, איך בעט דיך, — האָט יוסף זיך צו איהם געווענדעט — וועל איך פיליייכט קענען געפינען אַ נאַכטלעגער אין דעם הויז פון דיין האַר, ווייל די זון איז שוין אונטערגעגאַנגען און ווי עס ווייזט אויס איז דיזער פּלאַץ נישט בעוואוינט...

— מיין האַר איז זעהר גאַסטפריינדליך! — האָט דער פּאַסטוך געענטפערט — דיזע גוטע מידה איז איהם געבליבען אַ ירושה פון זיין זיידען ענר, וועלכער איז געווען זעהר אַ גוטער פריינד פון אברהם דעם עברי...

— אברהם דעם עברי?! — האָט יוסף אויסגערופען און זיך באַלד פערכאַפּט — יע, איך האָב אויך געהערט פון אברהם דעם עברי... מען דערצעהלט אַז ער פלעגט יעדען וואַנדערער און דורכגעהער אָפּשטעלען און איהם איינלאַדען צו זיך און איהם געבען וואַסער, שפּייז און אַ נאַכטלעגער.

— יע, דאָס איז ריכטיג! — האָט דער פּאַסטוך געזאָגט — מיין האַר'ס זיידע, ענר, האָט געהאַט נאָך צוויי ברידער. איינער האָט געהייסען אשכל און דער צווייטער, ממרא, און זיי זיינען געווען די בעסטע פריינד פון אברהם דעם עברי. זיי האָבען פיעלע גוטע מידות געלערענט פון אברהם'ן און דאָס איז פערבליבען בירושה אויך צו זייערע קינדער. קום מיט מיר פרעמדער, און דו וועסט זיכער קריגען אַ רוהע פּלאַץ אין מיין האַר'ס הויז.

יוסף איז מיטגעגאַנגען מיט דעם פּאַסטוך... ער איז יעצט געווען זעהר נייגיריג צו וויסען וואָס עס וועט פּאַרקומען אין אלון מורה, און אויב עס וועט שמעקען אַ גרויסע סכנה, פאַר זיינע ברידער, וועט ער גלייך לויפען זיי אָנזאָגען... פיליכט וועט זיך איהם איינגעבען צו פערמיידען בלוט־פערגיסונג... ער ווייס אַז זיינע ברידער האָבען נישט וואָס מורא צו האָבען. זיי זיינען געגוג שטאַרק און וועלען אָנוואַרפען אַ שרעק אויף זייערע שונאים, פונדעסטוועגען, וואָלט געווען אַ סך בעסער אַז אַלעס וואָלט זיך געענדיגט בשלום. ווער ווייס וויפיעל מענשען עס וועלען אַרויסגעהן קעמפּען געגען זיי. און דעם פאָטער וועט עס פיעל עגמת נפש פערשאַפען, ווייל ער האָט זיי נישט איינמאָל אָנגעזאָגט צו לעבען אין פריעדען מיט די אַרומיגע שכנים.

ווען דער פּאַסטוך און יוסף זיינען אָנגעקומען אין אלון מורה, האָבען צו זייערע אויערען דערגרייכט קולות און געשרייען פון די איינוואוינער.

— יע, די פאַרשטעהער זיינען שוין דאָ! — האָט דער פּאַסטוך זיך אָפּגערופען צו יוסף'ן — לאָמיר זיך צואיילען. איך וואָלט זעהר געוואָלט וויסען וואָס זיי וועלען בעשליסען צו טהאָן מיט די פרעמדע פּאַסטוכער, וועלכע האָבען ווי הייזעריקען פערפלייצט אונזער געגענד. און דו, מיין פריינד, וואַרט דאָ אויף ביז וואַנען איך וועל די שאָף אין זייערע שטאַלען אַריינטרייבען, און דאַן וועל איך מעלדען מיין האַר וועגען דיין אָנקומען.

יוסף האָט זיך אָפּגעשטעלט און געוואַרט ביז דער פּאַסטוך איז צו איהם צוגעקומען.

— מיין האַר האָט מיך געשיקט זאָגען, אַז דו ביזט ווילקאָמען אין זיין הויז. גיב מיר דיין אייזעל און איך וועל איהם, צוזאַמען מיט די איבריגע אייזלען אָװעקשטעלען און נאָכהער וועל איך דיך צופיהרען צו די געצעלטען פון מיין האַר.

אַ ווײַלע שפּעטער איז שוין יוסף געשטאַנען נעבען קדומ'ן.

— פון וואַנען קומסטו, מיין פריינד און וואוהין געהסטו? — האָט קדום יוסף׳ן געפרעגט.

— איך קום פון דרום כנען און וואַנדער איבער׳ן לאַנד און ווען איך בין געווען נעבען דעם באַרג גריזים איז די זון אונטערגעגאַנגען, איך האָב נישט געוואוסט וואוהין צו געהן, און גאָט האָט געמאַכט אַ צופעליג האָב איך מייז האַר׳ס פּאַסטוך בעגעגנט, און ער האָט מיך צו דיר געפיהרט.

— זאָל זיין געבענשט דיין קומען! — האָט קדום אויסגערופען — דו מוזט געווים זעהר הונגעריג און דורשטיג זיין. קום אריין אינוויינינ, דו וועסט זיך ארומוואַשען און דערקוויקען דיין האַרץ. איך האָב היינט פיעל געסט פון מיינע ארומיגע שכנים און מיר וועלען וואַהרשיינליך פערברייננגען די גאַנצע נאַכט. גאַר אויב דו ביזט מיעד, וואָלט איך דיך געראַטהען בעסער זיך אויסצורוהען.

— ניין, איך בין נישט מיעד, מיין האַר און אויך נישט הונגעריג. איך בין זעהר נייגעריג זיך צו בעקענען מיט דיינע געסט, ווייל עס איז שוין פיעלע טעג ווי איך האָב קיין געלעגענהייט נישט געהאַט צו ריידען מיט מענשען.

— היינט ביי נאַכט וועלען מיר אַלע בעשליסען אויב מיר זאָלען ארויסגעהן מלחמה האַלטען מיט די פרעמדע פּאַסטוכער, וועלכע זיינען אַנגעקומען אין אונזער געגענד און דאַמיט שווער געמאַכט דאָס פּאַשען פון אונזערע אייגענע שאָף.

— און ווער זייגען דאָס יענע פּאַסטוכער? — האָט יוסף איהם אַ פרעג געטהאָן.

— קיינער ווייס נישט ווער זיי זיינען! — האָט איהם קדום געענט־פערט — מען דערצעהלט פערשיעדענע וואונדערבאַרע זאַכען וועגען זיי... אָבער מען קען נישט וויסען צו אַלעס איז אמת... ווייל יענע פּאַסטוכער האַלטען זיך גאַנץ אָפּגעזונדערט און דערצעהלען גאַרנישט וועגען זיך... ווי עס ווייזט אויס זיינען זיי אַלע ברידער, אין יעדען פאַל, שטאַמען זיי אַלע פון איין משפּחה, אָבער ווער זיי זיינען און פון וואַנען זיי קומען ווייס קיינער נישט גענוי... מיר האָבען שוין צוויי מאָל געשיקט שלוחים און זיי מיט גוטען געבעטען, זיי זאָלען פערלאָזען דיזען געגענד און קיין בעשטימטען ענטפער האָבען מיר פון זיי נאָך נישט געקראָגען... און היינט ביי נאַכט וועט דאָ, ביי מיר אין הויז בעשלאָסען ווערען וואָס צו טהאָן.

— ווי מען האָט מיר איבערגעגעבען, שטאַמט מיין האַר פון ענר׳ן — האָט יוסף ווידער גענומען פערציהען אַ געשפּרעך מיט איהם — יע, איך האָב פיעל געהערט פון דיין זיידען... מען דערצעהלט אַז דיין זיידע ענר און זיינע ברידער אשכּל און ממרא, זיינען געווען זעהר גוטהאַרציגע מענשען און זיי האָבען געזוכט צו לעבען מיט אַלעמען בשלום.

— נו, געווים, זיי האָבען אָנגעווענדעט אַלע מיטלען צו פערמיידען מלחמות. אָבער ווען עס איז נויטיג געווען, האָבען זיי בעוויזען זעהר גרויסע גבורות אין מלחמות... האָסטו דען נישט געהערט וועגען דער בעוואוסטער מלחמה וואָס מיין זיידע און זייגע ברידער האָבען געפיהרט מיט דעם

קעניג כדרלעומר פון עילם, וועלכער איז געווען בעוואוסט אלס דער מעכ־טיגסטער קעניג פון יענער צייט, א חוץ דעם האט ער געהאט צו זיך נאך דריי שטארקע מלכים.

—יע, איך האב עפעס דערפון געהערט — האט יוסף קוים איינגע־האלטען זיין שמייכעל — מען האט מיר דערצעהלט אז אויך אברהם דער עברי האט זיך בעטהייליגט אין יענער מלחמה...

— דאס איז ריכטיג! — האט קדום אויסגערופען — כדרלעומר האט געפיהרט א מלחמה מיט די קעניגע פון סדום און עמורה און ער האט זיי געהאט בעזיעגט, ער האט זיי אלעמען פון זייער לאנד פעריאגט און זייערע פרויען און קינדער אין געפאנגענשאפט גענומען. אויך זייער גאנץ פער־מעגען האט ער אוועקגערויבט... גראדע האט דאן אין סדום געוואוינט אברהם'ס פלימעניק, מיט'ן נאמען לוט... כדרלעומר האט אויך לוט'ן גענומען אין געפאנגענשאפט. און ווען מען האט אנגעזאגט אברהם'ען אז זיין פלימעניק איז געפאנגען געווארען, האט ער געשיקט שלוחים און האט פערלאנגט פון יענע קעניגע זיי זאלען בעפרייען לוט'ן. אבער זיי האבען נישט געוואלט הערען דערפון. דאן האט אברהם עס ערצעהלט צו מיין זיידען ענר'ן און צו זיינע ברידער אשכל און ממרא... און ענר האט צונויפגע־זאמעלט שטארקע יונגען און צוזאמען מיט אברהם'ן האבען זיי בעזיעגט פיער שטארקע מלכים... זיי האבען בעפרייט נישט נאר לוט'ן אבער אויך אלע פרויען און קינדער פון די בעזיעגטע קעניגע פון סדום און עמורה. פון דעם וועסטו קענען זעהן, מיין פריינד, אז איך שטאם פון א משפחה פון העלדען... און אויב די פרעמדע פאסטוכער וועלען ניט פערלאזען דיזען געגענד מיט דעם גוטען ווילען, דאן וועלען זיי פיהלען מיין שטארקע האנט.

— איך גלויב נישט, אז זיי וועלען זיין פער'עקשנ'ט און נישט נאכ־געבען אייער גערעכטע פאדערונג — האט יוסף זיך אפגערופען — לויט ווי איך פערשטעה, זיינען זיי מענשען מיט יושר און זיי וועלען זיכער נישט פערנעהמען קיין פרעמדע לאנד.

— אין אמת'ן בעלאנגט יענער געגענד נישט צו קיינעם, עס איז א הפקר פלאץ, און ביז אהער איז עס געווען וויסט און פוסט... אבער זיינט יענע פרעמדע פאסטוכער זיינען אהער אנגעקומען, האבען עס אונזערע פאסטוכער אויך בעמערקט און יעצט זיינען אלע איבערצייגט, אז יענע לאנד פערמאגט די בעסטע פאשע. און אזוי ווי מיר זיינען שכנים, זיינען מיר בערעכטיגט צו יענעם לאנד מעהר ווי די פרעמדע... און היינט ביי נאכט וועלען מיר בעשליסען וואס פאר א שריט צו נעהמען געגען זיי... מיר זיינען גרייט אפילו צו געהן מלחמה האלטען... די פארשטעהער פון אלע שטעדטלעך און דערפער זיינען שוין אנגעקומען. ווילסטו מיין פריינד, אויך אנוועזענד זיין אויף אונזער פערזאמלונג?

— אויב איך האב געפונען חן אין דיינע אויגען, מיין הער, וועל איך זעהר צופריעדען זיין, צו הערען אלע אייערע בעשלוסען... און פילייכט וועל איך אייך קענען אן עצה געבען...

קדום איז מיט יוסף'ן ארויס אין דרויסען צו די איבריגע געסט.

וועלכע זיינען שוין געווען פערזאמעלט נעבען זיינע געצעלטען, אונטער דעם פרייען הימעל.

דער טומעל און רעש איז שטארקער געווארען... אלע האבען מיטאמאל גערעדט, און גע'טענה'ט... איינער האט אריבערגעשריען דעם צווייטען. פלוצלונג האט זיך איינער אוועקגעשטעלט און געבעטען אז אלע זאלען שטיל ווערען... דער עולם האט זיך לאנגזאם, אבער דאך איינגעשטילט.

— לאמיר הערען וואס די פאסטוכער האבען אונז צו דערצעהלען וועגען יענע פרעמדע — האט דער עלטסטער אויסגערופען — פריהער וועלען מיר הערען די פאסטוכער פון אונזער פריינד קדום.

עטליכע פאסטוכער האבען זיך מיט אמאל דערנעהנטערט, און איינער פון זיי האט זיך אפגערופען:

— שוין איניגע וואכען ווי איך האב גענומען נאכקוקען און אויספארשען ווי אזוי יענע פרעמדע פאסטוכער פיהרען זיך אויף, זיי זיינען צעהן אין צאהל. און יעדען פריהמארגען פיהרט יעדער פון זיי זיינע שאף אין א בעזונדער ריכטונג... זיי פערמעגען אזוי פיעל שאף, אז יעדער איינציגער פערנעהמט א שטרעקע לאנד, וואס וואלט זיכער גענוג געווען פאר אונזערע הונדערט פאסטוכער...

— האבען זיי דען ווען געפרואווט אוועקטרייבען פון דארט אימיצען פון אייך, ווען ער האט געמאכט א פערזוך צו פיטערען זיינע שאף אין יענעם געגענד? — האט דער עלטסטער ווייטער געפרעגט.

די פאסטוכער האבען געשוויגען...

— פארוואס שווייגט איהר? ענטפערט מיר! — האט דער עלטסטער א געשריי געטהאן

— יענע פאסטוכער שיינען צו זיין זעהר שטארק, און מיר האבען מורא געהאט אפילו צו מאכען א פערזוך צוצוקומען נעהנטער צו זיי — האט א פאסטוך געזאגט.

— יעצט וועלען מיר הערען וואס זיי האבען געענטפערט צו אונזערע שליחים!

— זיי האבען אונז זעהר פיין אויפגענומען — האט איינער פון די שלוחים אויסגערופען — און ווען מיר האבען זיי איבערגעגעבען דעם צוועק פון אונזער קומען, האבען זיי אלע א שמייכעל געטהאן און אונז געפרעגט: פארוואס האט דאס לאנד ביז אהער געפוסטעוועט, פאר וואס האט קיינער פון אייך פריהער נישט געפיהרט פאשען זיינע שאף דארטען, איידער מיר זיינען אהין אנגעקומען?...

— נו, און וואס האט איהר זיי דערויף געענטפערט? — האט דער עלטסטער געפרעגט.

— מיר האבען אויף דעם גאר נישט געהאט וואס צו ענטפערען... מיר האבען דאך איינגעזעהען אז זייער טענה איז א גערעכטע.

— דאס איז נישט זייער עסק, וואס מיר האבען זיך פריהער נישט בענוצט מיט יענעם לאנד... יעצט געפעלט אונז דארט די פאשע, און מיר

זיינען מעהר בערעכטיגט אויף דעם ווי זיי, די פרעמדע, וועלכע זיינען אהער געקומען פון א ווייטען געגענד;

— און יעצט ווילען מיר וויסען וואס זיי האבען געענטפערט אונזערע שלוחים צום צווייטען מאל?

יענע זיינען אויך צוגעקומען און האבען איבערגעגעבען וואס עס איז פארגעקומען צווישען זיי און די פרעמדע פאסטוכער.

— ווען מיר זיינען צוגעקומען צו זיי און געזאגט, אז אונזערע הארען האבען אונז אויסגעקליבען אלס די צווייטע שלוחים צו פיהרען פערהאנד־לונגען מיט אייך, איהר זאלט אפטרעטען פון אונזער געגענד, אויב נישט וועלען זיי זיין געצוואונגען ארויסצוגעהן געגען אייך מיט'ן שווערד, האבען זיי זיך שטארק פאנאנדערגעלאכט.

— מיר שרעקען זיך נישט איבער פאר אזעלכע דראהונגען — האט איינער פון זיי צו אונז געזאגט — מיר זוכען מיט קיינעם נישט צו קעמפען אבער ווען מען פאנגט זי אן מיט אונז, דאן צייגען מיר ארויס אונזער מאכט... און אויב אייערע הארען זוכען דוקא ארויפצוצווינגען א מלחמה אויף אונז, זיינען מיר גרייט זיי ענטקעגען צו קומען. און זאל זייער פער־גאסען בלוט פאלען אויף זייערע אייגענע קעפ... און מיר וועלען זיין ריין.

— מיר פערלאנגען פון אייך מיט גוטען, איהר זאלט פון דאנען אוועק געהן — האבען מיר זיי געזאגט — מיר ווילען נישט קעמפען מיט אייך, אבער אויב איהר וועט זיך פער'עקשנ'ען, דאן וועט איהר אונז צווינגען צו הויבען אונזערע שווערדען.

— מיר וועלען זיך בעראטהען צווישען זיך... מיר וועלען נעהמען אין אנבעטראכט אלע אייערע טענות און אין איינינע טעג ארום וועט איהר וויסען אונזער בעשלוס — אט דאס איז געווען זייער לעצטער ענטפער צו אונז.

— זייער חוצפה איז זעהר גרויס! — האט דער עלטסטער אויסגע־רופען — מיר מוזען זיין גרייט, און ווען זיי וועלען נישט צופריעדענשטעלען אונזער פערלאנג, מוזען מיר ארויסקומען מיט'ן שווערד קעגען זיי... און מיר וועלען זיי פערניכטען און זיך צוטהיילען מיט זייערע שאף... יעדער פון אונז זאל בעשטימען וויפיעל מענשען ער קען שיקען צו בעטהייליגען זיך אין קאמף, ווייל מיר מוזען באלד זיין גרייט דערצו.

— איידער מיר בעשליסען צו מאכען אזא געפעהרליכען שריט — האט זיך אן עלטערער מאן אפגערופען מיט א ציטערדיגע שטימע — דארפען מיר עס גוט בעטראכטען, אויב מיר שטעלען נישט איין אונזערע פרויען און קינדער און אונזער גאנצען האב און גוטס אין סכנה. לויט ווי איך האב געהערט זיינען זיי גרויסע גבורים און ווער וויים צו וואס פאר א שטארקען שבט זיי בעלאנגען. און ווען מיר וועלען זיך מיט זיי אנפאנגען קענען מיר אלע זעהר שלעכט אפשניידען, דעריבער איז מיין עצה, מיר זאלען זיך צוזאמענלעגען און יעדער פון אונז זאל ברייגען א שטיק גאלד, מיר וועלען די גאלד איבערשיקען צו זיי און זיי בעטען אונז דערפאר צו

טהאָן די געפעליגקייט און אָפּטרעטען פון דעם גאַנצען געגענד וואָס איז אַרום שכם...

— דאָס האָבען מיר געוואָלט גלייך טהאָן! — האָט נאָך איינער זיך אָפּגערופען — יעצט איז שוין אַ ביסעל צו שפּעט. מיר האָבען זיי שוין שטאַרק אויפגערייצט און ווער ווייס וואָס פאַר אַ שלעכטע פאָלגען עס וועט פאַר אונז ארויסקומען דערפון.

— מיר האָבען זיך בענאַרישט — האָט זיך אַן איינוואוינער פון אלון מורה אָפּגערופען — ווען מיר האָבען געזעהן, אַז צווישען אונז געפינען זיך אַזעלכע גבורים, האָבען מיר געדאַרפט זעהן גלייך צו מאַכען מיט זיי אַ בונד פון שלום, דאָס וואָלט פאַר אונז מעהר געווען ווערט ווי די שטרעקע לאַנד וואָס זיי פערנעהמען פאַר זייער פּאַשע.

— איך זעה! — האָט דער עלטסטער אויסגערופען, — אַז אייניגע צווישען אונז זיינען זעהר שרעקענדיגע און האָבען מורא זיך אָנצופאַנגען מיט יענע פרעמדע פּאַסטוכער... אָבער איך קען אייך אַלעמען פערזיכערען, אַז אויב מיר וועלען זיין פעראייניגט און זיין גרייט צו אַ מלחמה, וועלען מיר אויספיהרען אַלעס וואָס מיר ווילען.

— ניין! אויב מיר וועלען זיך נעהמען צום שווערד און זיין געגרייט צו אַ מלחמה, וועט קיין בלוט פערגיסונג נישט קענען פערמידען ווערען — מיין עצה איז, אַז מיר זאָלען אָננעהמען דעם פאָרשלאַג פון יענעם, וועלכער האָט אונז געראַטהען מיר זאָלען זיי שיקען גאָלד און שליסען אַ בונד פון שלום. — האָט אַ צווייטער געזאָגט.

— דאָס האָב איך קיינמאָל נישט געזאָגט! — האָט זיך יענער אָפּגע־רופען — איך האָב געזאָגט, אַז צוליעב דעם גאָלד וואָס זיי וועלען פון אונז קריגען, וועלען זיי טהאָן אונזער פערלאַנג אָהן אַ קאַמף.

— און טאַקע פאַר וואָס זיי נישט אריינקריגען פאַר פריינד אין דער זעלבער צייט?

— ווען די פרעמדע פּאַסטוכער וועלען נאָר דערזעהען אַז מיר שרעקען זיך פאַר זיי, און אַז מיר זוכען זיי צו פערגיטיגען מיט גאָלד, וועלען זיי פון אונז נאָך מעהר פערלאַנגען און דערצו וועלען זיי זיך נישט ריהרען פון זייער פּלאַץ.

— וואָס איז דיין מיינונג, קדום? — האָט דער עלטסטער זיך צו איהם געווענדעט.

— איך האָב יענע מענשען נישט געזעהן! — האָט קדום אויסגע־רופען, — מעגליך אַז איך וואָלט זיי געזעהן, וואָלט איך געוואוסט וואָס פאַר אַן עצה צו געבען... אויב עס איז טאַקע ריכטיג, אַז די פרעמדע זיינען שטאַרקע, דאַרפען מיר זיך גוט בעטראַכטען איידער מיר געהען צום וואָפען, ווייל מיין זיידע און זיינע ברידער צוזאַמען מיט אברהם דעם עברי זיינען געווען זעהר אַן אומבאַדייטענדע צאָהל קעגען די פיער מלכים און פונדעסט־וועגען האָבען זיי בעזיעגם די פיער מלכים... דאָס בעווייזט אַז אַ קליינע צאָהל גבורים קענען בעזיעגען גרויסע מחנות.

— און איך האָב געהערט! — האָט זיך אַן אנדער מאַן אָפּגערופען

— אז יענע פאסטוכער זיינען שוין דא אמאל מיט יאהרען צוריק געווען אין דיזען געגענד און געפיטערט זייערע שאף טאקע אויף דעם זעלבען פלאץ, וואו זיי פיטערען יעצט

— אויב אזוי, טו ווער זיינען זיי?

— מעגליך אז זיי זיינען די זיהן פון יעקב'ן, וועלכע האבען נאך מיט יאהרען צוריק אויסגעהרג'עט אלע איינוואוינער פון שכם אלס נקמה פאר די פערשוועכטע עהרע פון זייער שוועסטער — האט איינער פון די פערזאמעלטע א זאג געטהאן.

א טויטע שטילקייט האט פלוצלונג אנגעפיהלט די לופט... א שוידער איז דורכגעגאנגען יעדענס קערפער, ווען ער האט נאר א טראכט געטהאן פון אזא מעגליכקייט.

— עס איז ביי מיר קיין צווייפעל נישט, אז דאס איז ריכטיג... לויט ווי מען דערצעהלט, זיינען זיי דאן אויך געווען צעהן אין צאהל.

— אויב אזוי זיינען מיר פערלארען! — האט דער עלטסטער אויסגעשריען — מיר האבען זיך מיט זיי אנגעפאנגען און יעצט וועלען זיי זייער כעס אויסגיסען אויף אונז... זיי וועלען טהאן צו אונז אזוי ווי זיי האבען געטהאן מיט יאהרען צוריק צו די איינוואוינער פון שכם.

— וואס זאלען מיר יעצט טהאן? וואס זאלען מיר יעצט טהאן — האבען זיך געהערט פערצווייפעלטע געשרייען פון אלע זייטען.

— מיר וועלען מוזען שיקען צו זיי דריטע שלוחים מיט טהייערע מתנות און זיך פאר זיי ענטשולדיגען...

— אויב זיי זיינען טאקע די זיהן פון יעקב'ן — האט קדום אויסגערופען מיט שמחה — דאן דארפט איהר זיך גארנישט שרעקען. איך וועל אליין געהן צו זיי, ווען איך וועל זיי דערצעהלען ווער איך בין, וועלען זיי גלייך שליסען שלום מיט אונז אלעמען!

— איך קען דיך נישט פערשטעהן, קדום! — האט דער עלטסטער זיך אפגערופען — וואס וועט זיי ארען ווער דו ביזט? אויב זיי וועלען זיך פיהלען בעליידיגט פון די שלוחים וואס מיר האבען צו זיי צוויי מאל געשיקט, וועט אונז דיין יחוס אויך גארנישט העלפען!

— ווייסטו דען נישט, אז מיין זיידע ענר איז געווען דער בעסטער פריינד פון אברהם'ן, און אויב עס איז ריכטיג אז זיי זיינען די זיהן פון יעקב'ן, דאן זיינען זיי די אוראייניקלעך פון אברהם דעם עברי, און ווען איך וועל זיי דערפון זאגען, וועלען זיי דען מיט מיר נישט וועלען שליסען קיין בונד פון שלום, און דאן וועט מיר אויך זיין גאנץ גרינג צו שליסען שלום פאר אייך אלעמען.

— אבער טאמער זיינען זיי גאר אנדערע, און נישט די קינדער פון יעקב'ן — האט אימיצער א זאג געטהאן — דאן דארפען מיר געוויס זיך פאר זיי נישט שרעקען... מיר וועלען זיי זיכער פערטרייבען פון אונזער געגענד מיט אונזער שווערד — האט דער עלטסטער א זאג געטהאן — יעצט מיינע פריינדע מוזען מיר נאך היינט ביי נאכט בעשליסען וואס צו טהאן.

— אין צוויי טעג ארום וועלען מיר וויסען וואָס מיר האָבען צו טהאָן — האָט איינער פון די פּאַסטוכער זיך אָפּגערופען — און אויב זייער ענטפער וועט אונז אויך דאַן נישט צופריעדענשטעלען, וועלען מיר ארויס געהן בעוואָפענטע נעגען זיי... דערווייַלע דאַרפען מיר זעהן אויסצוהיטען זיי נישט נאָך מעהר צו דערצאָרענען.

— איך וועל אַליין אריבערגעהן צו זיי אין צוויי טעג ארום — האָט קדום געזאָגט — איך וועל שוין אַלעם אויסגעפינען וועגען זיי און זייער אָפּשטאַמונג... איך זעה שוין, אַז אויף אונזערע שלוחים קענען מיר זיך נישט פערלאָזען... זיי קענען נאָר קאַליע מאַכען, אָבער אויפטהאָן קענען זיי ווינציג.

— מיין עצה איז, אַז אין צוויי טעג ארום זאָלען אַלע אונזערע פּאַסטוכער און קנעכט זיך פערזאַמלען דאָ, אין אלון מורה... יעדער זאָל זיין בעוואָפענט און ווען קדום וועט זיך צוריקקעהרען מיט ליידיגען, זאָלען מיר אויף זיי פּלוצלונג אָנפאַלען און אויסראָטען זיי פון אונטערען הימעל... זייערע שאָף וועלען מיר צוטהיילען, נאָר פאַר די וועלכע וועלען זיך האָבען בעטהייליגט אין קאַמף — האָט דער עלטסטער געזאָגט.

— דיין עצה געפעלט אונז זעהר! — האָבען זיך געהערט שטימען.

יוסף איז די גאַנצע צייט געזעסען אין אַ זייט אויפ׳ן גראָז און האָט זיך מיט גרויס אינטערעס און נייגעריגקייט צוגעהערט צו אַלע וכוחים וועגען זיינע ברידער... אַ שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף זיינע ליפּען... ער זעהט מיט וואָס פאַר אַ ציטער און פורכט זיי ריידען וועגען זיינע ברידער, און זיין הארץ ווערט אָנגעפילט מיט מעהר שטאָלץ און פרייד. מאָרגען, וועט ער צו זיי אָנקומען און וועט זיי אַלעם איבערגעבען. ער וועט זיי דערצעהלען וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט אין אלון מורה, און אויך וועגען קדום׳ען, דעם אייניקעל פון ענר... און וואָס יעדער פון זיי האָט גערעדט. זיי וועלען אַלע האָבען דערפון זעהר פיעל שפּאַס... די ברידער וועלען דאַן אייגזעהען ווי אויסגעהאַלטען ער האָט געהאַנדעלט... ער איז געווען צווישען זייערע שונאים, וועלכע האָבען אַזוי אָפּענהערציג גערעדט און זיי האָבען אפילו נישט חושד געווען, אַז ער איז זייערער אַ ברודער.

אַ גאַנצע נאַכט האָט געדויערט זייער פערזאַמלונג, און ווען עס האָט אָנגעהויבען צו טאָגען, האָבען אַלע פערלאָזען אלון מורה.

יוסף האָט זיך אָפּגערוהט אַ קליינע ווייַלע, נאָכהער האָט ער גענומען זיין אייזעל און האָט בעדאַנקט קדום׳ען פאַר זיין גאַסטפריינדליכקייט.

קדום איז צו איהם צוגעשטאַנען ער זאָל עסען פריהשטיק, איידער ער געהט אוועק.

יוסף האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטען, און האָט זיך געזעצט עסען.

— זאָג מיר פרעמדער, — האָט קדום זיך צו איהם אָפּגערופען — ווי איז דיין נאָמען?

— יוסף איז מיין נאָמען!

— און וואוהין געהסטו?

— איך וואַנדער איבער׳ן לאַנד!

— דו האָסט געפונען חן אין מיינע אויגען, אויב דו געהסט וואַנ־דערען ווייל דו האָסט נישט קיין מקום מנוחה, וויל איך דיר פערזיכערען מיין פריינד, אַז דו קענסט בלייבען מיט אונז אין אלון מורה... דו וועסט צווישען אונז נישט פערלוירען געהן...

— איך דאַנק דיר, מיין האַר! — האָט יוסף געענטפערט — אָבער איך האָף דיך צו זעהען גאַר אין גיכען

— וועסט זיך באַלד צוריקקעהרען?

— ניין! אָבער איך האָף זיך מיט דיר צו זעהן אין שכם, און דאָרטען וועל איך דיר מעהר דערצעהלען וועגען מיר — האָט יוסף מיט אַ שמייכעל געזאָגט.

—קדום האָט איהם אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— דו ווילסט געהן אין שכם, וואו יענע מענשען געפינען זיך, און דו האָסט גאָרנישט מורא דאָס זיי וועלען דיר שלעכטס טהאָן?

— איך האָב אַזוי פיעל זיך אָנגעהערט וועגען יענע זאָנדערבאַרע מענשען, אַז איך האָב בעשלאָסען אליין זיי צו בעזוכען... און איך בין זיכער אַז דער וועלכער טהוט זיי קיין שלעכטס נישט, וועלען זיי איהם אויך קיין שלעכטס נישט וועלען טהאָן.

— געה בשלום, מיין פריינד! אָבער דאָך וויל איך דיך וואָרענען, אַז אין פאַל אַז איך וועל אויך נישט קענען קומען מיט זיי צו אַ פער־שטענדיגונג, דאַן וועלען מיר מוזען אָנפיהרען אַ מלחמה געגען זיי, און אויב דו וועסט פון שכם אין צייט נישט אַוועקגעהן, קענסטו דאָך נאָך אומשולדיגערהייד בעשעדיגט ווערען.

— איך צווייפעל נישט, אַז דיין בעזוך אין שכם, וועט פערשטאַרקען דעם שלום צווישען אייך און יענע פאַסטוכער! — האָט יוסף געזאָגט — ווייל דו שיינסט נישט צו זיין אַ מאַן וואָס זוכט קריעג.

— איך האָב געלערענט פון מיין זיידען ענר׳ן אַז צו פערמיידען אַ מלחמה איז אַ סך בעסער ווי צו געווינען אַ מלחמה! — האָט קדום געזאָגט — און אויב מיר וועט עס געלונגען, וועל איך זיך זעהר גליקליך פיהלען.

— זאָל דערפאַר די ברכה פון גאָט רוהען אויף דיין געצעלט — האָט יוסף זיך מיט איהם געזעגענט און זעצענדיג זיך אויף זיין אייזעל, איז ער אַוועקגעריטען נאָך שכם.

רוהיג און געלאַסען האָבען די ברידער געפיטערט זייערע צאָהלרייכע שאָף אין דעם געגענד פון שכם. די פּאַשע איז געווען זעהר גוט. זעהר זעלטען האָט זיך דאָרטען בעוויזען אַן אַנדער פאַסטוך... און אויב אימיצער איז דאָרט יע געקומען, האָבען זיי איהם גאַנץ פיין בעהאַנדעלט. דעריבער זיינען זיי געווען שטאַרק איבערראַשט, ווען די שלוחים פון די אַרומיגע שטעדטלעך און דערפער זיינען צו זיי געקומען און פערלאַנגט דאָס זיי זאָלען פון דאַנען אַפּרייזען.

— דאָס לאַנד וואָס מיר פערנעהמען איז הפקר און בעלאַנגט נישט צו

קיינעם — האָבען די ברידער דאַן געענטפֿערט די שלוחים — איהר קענט זאָגען צו די אַלע, וועלכע האָבען אייך אהער געשיקט, אַז זיי קענען אויך קומען אהער און פּיטערען זייערע שאָף. אויב זיי געפֿינען מאַנגעל אין פּאַשע אין זייער אייגענעם געגענד... ווען מיר זיינען אהער אָנגעקומען האָבען מיר נישט געהאַט בדעה וועמען עס איז פֿון די איינוואוינער שלעכטס צו טהאָן... יע, זאָלען אייערע פּאַסטוכער אהער קומען און מיר וועלען לעבען בשלום מיט זיי.

ווען די שלוחים זיינען אַ צווייטען מאָל געקומען צו זיי און זיי אַי־בערגעגעבען אין נאָמען פֿון אַלע איינוואוינער פֿון הר גריזים ביז אלון מורה, אַז אין פֿאַל זיי וועלען נישט אָפּטרעטען פֿון דיזען פּלאַץ, וועלען אַלע איינוואוינער זיין געצוואונגען ארויסצוגעהן אין מלחמה געגען זיי, האָט עס די ברידער אריינגעבראַכט אין גרוים צאָרן...

— זאָלען זיי נאָר ארויסקומען צו אונז און מיר וועלען טהאָן צו זיי ווי מיר האָבען אַמאָל געטהאָן צו די איינוואוינער פֿון שכם — האָט זיך שמעון צוהיצט.

— וועסטו אפשר זיך עטוואָס בעהערשען, — האָט ראובן צו איהם זיך אָפּגערופֿען — וויפֿיעל האָט געפֿעהלט אַז דיינע ווערטער זאָלען דער־גרייכען די אויערען פֿון די שלוחים, און דאַן וואָלטען מיר דאָך געוויס געווען פֿערלאָרען.

— איך האָב פֿאַר זיי קיין מורא נישט! — האָט שמעון געענטפֿערט — איך וועל דאָס זיי זאָגען אין די אויגען...

— ווען זיי זאָלען נאָר אויסגעפֿינען אַז מיר זיינען דאָס די זעלבע וועלכע האָבען אויסגעשלאָכטעט די גאַנצע שטאָדט שכם, וועלען זיי זיך פֿערבינדען מיט אַלע ארומיגע פֿעלקער, וועלכע געפֿינען זיך פֿון נאָהענטען און פֿון ווייטען, און זיי וועלען אונז זיכער פֿערטיליגען. דעריבער בעפֿעהל איך דיר נאָך אַמאָל צו האַלטען דיין מויל.

שמעון האָט זיך עטוואָס בערוהיגט און ראובן איז צוגעגאַנגען צו די שלוחים און מיט אַ געלאַסענע שטימע געזאָגט

— געהט יעצט בשלום, און אין אַ פּאָר טעג ארום וועלען מיר אייך לאָזען וויסען וואָס מיר האָבען בעשלאָסען צו טהאָן.

די שלוחים זיינען אוועקגעגאַנגען און די ברידער האָבען זיך גענומען איבעררעדען צווישען זיך.

— דו מוזט מיר ענטשולדיגען, מיין ברודער, — האָט לוי זיך גע־ווענדעט צו ראובן׳ן — דו ביזט טאַקע דער עלטסטער, אָבער דו האָסט נישט געהאַנדעלט ווי אַ בן יעקב... דו האָסט זיך דערשראָקען פֿאַר זייער וואָרנונג און דו האָסט מיט די שלוחים גענומען רײדען אַזעלכע ווייכע ווערטער, ווי מיר וואָלטען טאַקע פֿאַר זיי געציטערט... יעצט וועלען זיי אוועקגעהן און איבערגעבען די איינוואוינער אַז מיר האָבען פֿאַר זיי מורא, און זיי וועלען קריגען נאָך מעהר מוטה צו געהן מיט אונז מלחמה האַלטען.

— איהר האָט מסתמא פֿערגעסען, מיינע ברידער, וואָס אונזער פֿאָטער האָט אונז אָנגעזאָגט, — האָט ראובן זיך אָפּגערופֿען — נישט איינמאָל

האָט ער אונז אָנגעזאָגט צו זעהן אויסמיידען מלחמות, בפרט ווען מיר זיינען נאָך אין אזא געגענד, וואו קיין שונאים וועלען אונז נישט פעהלען, ווען זיי וועלען זיך נאָר דערוויסען ווער מיר זיינען, וועלען זיי געוויס נישט רוהען, ביז וואנען זיי וועלען אונז אין גאַנצען פערטרייבען פון דאַנען... זייט איהר אַלע גרייט יעצט זיך אומצוקעהרען אין חברון?

— געוויס נישט! — האָט דן אויסגערופען, — מיר זיינען דאָך פון דאָרטען אַוועקגעגאַנגען צוליעב יוסף'ן, ווייל מיר האָבען זיין פנים נישט געוואָלט אָנקוקען. און יעצט זאָלען מיר ווידער אַ היים קומען און זיך צוהערען יעדען פריהמאָרגען צו יוסף'ס זיסע חלומות.

— אויב אזוי דאַרפען מיר וויסען ווי צו האַנדלען — האָט ראובן געזאָגט. — מיר טאָרען נישט זיין צו היציג... מיר דאַרפען זיך בעטראַכטען. מיר דאַרפען וועגען און מעסטען אונזערע ווערטער און געדאַנקען... פיליכט זיינען זיי טאַקע גערעכט...

— פאַרוואָס זיינען זיי גערעכט?! — האָט זיך שמעון נאָך אַליז געכעס'ט — איידער מיר זיינען אַהער געקומען האָט קיינער פון זיי נישט געהאַט אין זינען צו פיטערען דאָ די שאָף... יעצט, ווען זיי זעהן אַז מיר זיינען אַהער געקומען, פערגלוסט זיך זיי אַהער צו קומען! מיר וועלען זיי נישט אַוועקטרייבען פון דאַנען, אָבער זיי קענען דאָך נישט פערלאַנגען אַז מיר זאָלען אין גאַנצען אַוועקגעהן פון דיזען פּלאַץ.

— וואָס איז דער אונטערשיעד פאַר אונז! — האָט יהודה זיך אַריינגעמישט — מיר קענען אָפּרייזען פון דאַנען און אַוועקגעהן עטוואָס ווייטער. עס לוינט זיך פאַר אונז נישט צו געהן קעמפען צוליעב דעם.

— זינט ווען ביזטו עס געוואָרען אַ מאַן, וועלכער זוכט פריעדען? — האָט לוי זיך אַ קרום געטהאָן — צוויי מאָל ביזטו אַוועק פון אונז בלויז אויף אַ קורצע ווילע, און ביידע מאָל האָסטו געקעמפט.

— איך האָב געקעמפט נאָר דאַן, ווען איך בין זיכער געווען אַז יענע זיינען אומגערעכט, און אַז איך בין גערעכט. אָבער דאָ איז נאָך אַ גרויסער ספק אויב מיר זיינען גערעכט.

— פאַרוואָס זאָלען מיר זיין אומגערעכט? — האָט נפתלי געזאָגט.

— דאָס לאַנד איז פריי, ווער עס קומט פריהער האָט אַ רעכט אויף דעם, און מיר זיצען שוין דאָ באַלד אַ מאָנאַט, דעריבער איז דאָס לאַנד אזוי גוט ווי אונזער אייגענס.

— מיר דאַרפען נישט פערגעסען אַז די נאָהענטע שכנים האָבען מעהר רעכט אויף דיזען באָדען ווי מיר, וועלכע קומען פון זעהר ווייט, — האָט יהודה געענטפערט.

— ווען זיי וואָלטען גלייך אַהער אָנגעקומען, קען זיין אַז זיי וואָלטען געווען בילכער, אָבער יעצט אַז מיר זיצען שוין דאָ אַ היבשע ווילע, האָבען זיי מעהר קיין רעכט נישט — האָט שמעון געזאָגט.

— אַ חוץ דעם — האָט לוי זיך אָפּגערופען — האָט אונזער פאָטער אָפּגעקויפט לאַנד אין דיזער געגענד פון חמור'ן, דעם פאָטער פון שכם... און דאַמיט איז אונזער רעכט נאָך גרעסער פון אַלע איבריגע שכנים אַרום.

— מיט אַזעלכע טענות קענען מיר נישט און מיר טאָרען נישט יעצט קומען, — האָט ראובן ווייטער געזאָגט, — מיר האָבען געטויטעט חמור'ן אין שכם און אַלע וועלכע האָבען זיך אונז געגען געשטעלט און מיר דאַרפען זיין צופריעדען וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזען צום גוטען... מיין עצה איז דעריבער מיר זאָלען אויפזוכען אַ צווייטען פּלאַץ, עטוואָס ווייט פון שכם און דאָרטען פיטערען אונזערע שאָף.

— און וואָס וועלען מיר טהאָן אַז אויך די איינוואוינער פון יענעם געגענד וועלען נישט וועלען ליידען אַז מיר געפינען זיך צווישען זיי? — האָט שמעון געפרעגט.

— געגען יענע וועלען מיר אַזוי נישט פיהלען שולדיג, ווי געגען די שכנים פון שכם — האָט ראובן געענטפערט.

— אָבער אויב מיר וועלען פון דאַנען אָפּטרעטען, וועלען זיי דענקען אַז מיר האָבען עס געטהאָן אויס מורא פאַר זיי. פּאַסט עס דען פאַר אונז די זיהן פון יעקב? — האָט זבולון געזאָגט.

— און איך גלויב, אַז מיר זאָלען זיי ענטפערען מיט'ן שווערד! האָט שמעון אויסגערופען. — לאָמיר זיי צייגען, אַז יעקב'ס זיהן האָבען פאַר קיינע דראָהונגען נישט מורא.

— ניין! — האָט יהודה געענטפערט. — מיר דאַרפען יעצט נישט אריינגעהן אין אַ מלחמה מיט די ארומיגע שכנים. לאָמיר אַוועק פון דאַנען.

— איך וויים פאַר וואָס דו זוכסט אַלע מיטלען אויסצומיידען דעם קאַמף — איז שמעון אויפגערעגט געוואָרען — יע, איך פערשטעה דיך גאַנץ גוט... אין איינינע טעג ארום ווילסטו געהן צו עלית'ן, און ווען מיר זאָלען זיין געצוואונגען צו קעמפען, קען דאָס נאָך צושטערען אַלע דיינע פּלענער...

— מעגליך אַז דו ביזט עטוואָס גערעכט! — האָט יהודה צוגעגעבען — מיט איינינע טעג שפּעטער דאַרף מען אַלע פאָרבערייטונגען מאַכען צו מיין חתונה מיט עלית'ן, און אַ מלחמה איז יעצט נישט אין צייט פאַר מיר...

— און ביי דיר איז רעכט, אַז צוליעב דעם זאָלען מיר זיך אַלע ער־נידעריגען, און מאַכען גלויבען אונזערע שונאים, אַז מיר זיינען פייגלינגע, אַז מיר אַנטלויפען פון אַ קאַמף!

— דאָס אָבער איז נישט די איינציגע אורזאַכע, פאַר וואָס מיר זאָלען יעצט אויסמיידען אַ מלחמה! — האָט יהודה אויסגערופען — אַזוי איז אויך אונזער פאָטער'ס וואונש... און דאָס וואָס זיי האָבען אונז געסטראָשעט מיט'ן שווערד, וואָלטען מיר דען די זעלבע זיך נישט געטהאָן, ווען מיר געפינען זיך אויף זייער פּלאַץ?

— אַזוי וועט עס בלייבען! — האָט ראובן געזאָגט מיט אַ פעסטע שטימע — מיר וועלען פון דאַנען אַוועקגעהן, און טאָקע נאָך מאָרגען... היינט וועלען מיר שיקען איינינע פון אונז אויסצוגעפינען אַ צווייטען גינ־סטיגען פּלאַץ און דערווייל וועלען מיר זיך צוגרייטען אָפּצורייזען.

נפתלי און דן זיינען אויסגעקליבען געוואָרען צו געהן ארומקוקען די

געגענד צו צפון זייט פון שכם, און נאָך האַלבען טאָג זיינען זיי צוריקגעקומען מיט אַ בעריכט.

— מיר זיינען געוועזן אין דותן און בעטראַכט דעם גאַנצען געגענד, די פּאַשע דאָרטען איז אַ סך בעסער ווי דאָ — האָט נפתלי געזאָגט.

— די פעלדער זיינען בעדעקט מיט הויכען גראָז, און די איינוואוינער זיינען זעהר שיטער... מיר דאַרפען טאַקע באַלד אַוועקרייזען נאָך דותן — האָט דן צוגעגעבען.

—מיר געהען נאָך דותן! — האָט ראובן אויסגערופען.

— יע, נאָך דותן! האָט יהודה מיט צופריעדענהייט געזאָגט — מיר וועלען דאַמיט געווינען צוויי זאַכען: שלום מיט אונזערע שכנים און אַ בעסערע פּאַשע פאַר אונזערע שאָף.

— אַ דריטע זאַך! — האָט לוי געזאָגט — און דאָס איז, מיר וועלען זיין וואָס ווייטער פון יוסף׳ן.

די ברידער זיינען דעם צווייטען טאָג גאַנץ פריה אויפגעשטאַנען און האָבען צוזאַמענגעלעגט זייערע געצעלטען, איינגעפּאַקט זייערע זאַכען און שפּייז און זיי זיינען אַוועק מיט זייערע שאָף נאָך דותן. איייניג שעה האָט געדויערט דער צוג נאָך דותן. נאָך האַלבען טאָג זיינען זיי דאָרט אָנגעקומען און אויסקלייבענדיג אַ גוטען און באַקוועהמען פּלאַץ, נעבען אַ פליסענדען טייכעל, האָבען זיי אויפגעשטעלט זייערע געצעלטען און זיך דאָרטען בעזעצט.

ווען זיי האָבען זיך בערוהיגט, האָבען אַלע צוגעגעבען אַז זיי האָבען געמאַכט אַ בעסערען אויסבייט.

— איך בין זעהר צופריעדען, וואָס איהר האָט מיין עצה אָנגענומען, מיינע ברידער — האָט ראובן געזאָגט — איך בין זיכער, אַז קיינער פון אונז וועט קיין חרטה נישט האָבען פאַר דעם יעצטיגען שריט וואָס מיר האָבען געמאַכט... מיר האָבען פערמיטען אַ מלחמה... יע, גליקליך וועט זיך אונזער פאָטער פיהלען, ווען ער וועט אַלעם אויסגעפינען.

— די איינוואוינער פון יענעם געגענד וועלען אָבער דענקען, אַז מיר האָבען זיך פון דאָרטען אָפּגעטראָגען, ווייל מיר האָבען זיך פאַר זיי דערשראָקען, און דאָס וועט אונז קיין סך כבוד נישט פערשאַפען — האָט זיך שמעון אַלץ נישט געקענט בערוהיגען

— אויב עס וועלען זיך געפינען איייניגע וועלכע וועלען אונטערהאַלטען אַזעלכע געדאַנקען וועגען אונז, דאַרפען מיר זיך אויך צום האַרצען נישט נעהמען... צו געווינען שלום איז אַ סך בעסער ווי צו געווינען אַ קריעג! — האָט ראובן געזאָגט.

— און וואָס וועלען מיר טהאָן, אַז אַ ווייִלע שפּעטער וועלען זיך אויך דאָ געפינען מענשען, וועלכע צוליעב זייער בייזוויליגקייט וועלען פאָדערען פון אונז צו פערלאָזען דותן? — האָט לוי אַ פרעג געטהאָן.

— דאַן וועט די גערעכטיגקייט זיין אויף אונזער זייט! — האָט יהודה געענטפערט — און מיר וועלען שוין וויסען ווי צו פערשטאָפּען זיי די מיילער.

זיי האָבן צוגעטריבן די שאָף צום טייבעל און זיי אָנגעטרונקען, נאכהער האָבן זיי זיך אליין געזעצט עסן. אין אבענד האָבן זיי שוין געהאט זייערע געצעלטן אויפגעשטעלט, און אלעס אין אָרדנונג.

יענע נאכט איז געווען די ערשטע וואָס זיי האָבן גענעכטיגט אין דותן.

ווען יוסף האָט פערלאָזען אלון מורה, איז ער מיט זיכערע און פעסטע טריט געגאַנגען נאָך שכם... א פרייד האָט זיך צוגאָסען איבער זיין גאַנצען קערפּער, ווען ער האָט א טראַכט געטהאָן, אז באלד וועט ער זעהן זיינע ברידער. זיין הארץ איז אָנגעפילט געוואָרען מיט פיעל ליעבשאַפט און איבערגעגעבענהייט צו זיי. ער האָט פערגעסען אלע זיינע קריוודעס, וואָס ער האָט געהאט געגען זיי אלעמען. ער האָט זיך גענומען פאָרשטעלען מיט וואָס פאַר א שמחה זיי וועלען איהם אויפנעהמען, זיי וועלען זיך וואַרפען אויף זיין האלז און איהם קושען. ער וועט יעדען איינעם פון זיי ארומ-נעהמען און קושען און האַלזען איהם.

יוסף איז אָנגעקומען אין שכם. ער איז גלייך געגאַנגען צו דעם פּלאַץ וואו זיין פאָטער האָט נאָך מיט יאָהרען צוריק געהאַט אָפּגעקויפט פון חמור'ן... ער איז געווען זיכער אז ער וועט זיי דאָרטען טרעפען... ווען ער איז אָנגעקומען אהין, האָט ער אָבער קיינעם נישט געטראָפען. אלעס ארום איז געווען שטיל. דאָך האָט ער בעמערקט פון די איבערגעבליבענע שפּורען, אז נישט לאַנג צוריק זיינען דאָ יע געווען פאַסטוכער... יוסף האָט גענומען געהן ווייטער. ער האָט זיך ארומגעקוקט פון אלע זייטען, און ער האָט זיינע ברידער נישט געזעהן.

די זון האָט שטאַרק געברענט. ער איז דורשטיג געוואָרען. ער האָט אראָפּגענומען זיין לאַגעל וואַסער און געטרונקען.

— וואו קענען זיינע ברידער זיין? — האָט ער גענומען טראַכטען... מעגליך, אז זיי האָבן זיך צוריקגעקעהרט נאָך חברון, און ער האָט זיי אויף'ן וועג אויסגעמידען... אָבער דאָס איז דאָך אונמעגליך! ערשט מיט א טאָג צוריק האָבן דאָך די שלוחים פון אלון מורה מיט זיי גערעדט... און ווען זיי וואָלטען זיך גלייך צוריקגעצויגען א היים, וואָלט דאָך אויסגעקומען אז זיי דערשרעקען זיך פאַר זיי... ניין! ער קען זיינע ברידער, זיי וועלען יעצט געווים נישט אומקעהרען זיך א היים! אָבער וואו קענען זיי פאָרט זיין? ער האָט זיי גענומען ארומזוכען אין דעם גאַנצען געגענד און זיי נישט געפונען.

—וועמען זוכטו עס? — האָט יוסף פּלוצלונג דערהערט א שטימע.

— ער האָט אומגעדרעהט זיין קאָפּ און האָט דערזעהען א מאַן שטעהענדיג נעבען איהם.

— איך זוך מיינע ברידער! — האָט יוסף געענטפערט און איז געווען זעהר צופריעדען צו טרעפען דאָ אין דעם וויסטען געגענד א מענשען.

— דיינע ברידער? — ווער זיינען זיי דאָס, און וויפיעל זיינען זיי אין צאָהל געווען? — האָט איהם דער מאַן געפרעגט.

— צעהן זיינען זיי געווען... און האָבען געזאָלט פּיטערען זייערע שאָף אין דיזען געגענד.

— אויב אזוי, ווייס איך שוין, וועמען דו מיינסט! — האָט דער מאַן אויסגערופען — דיינע ברידער האָבען נעכטען פערלאָזען דיזען פּלאַץ, און איך האָב געהערט ווי זיי זאָגען: „לאָמיר געהן נאָך דותן“!

— און וואו געפינט זיך דותן? — האָט יוסף זיך צו איהם געווענדעט.

— צייג מיר, מיין האַר, דעם וועג נאָך דותן.

דער מאַן האָט יוסף'ן געצייגט דעם וועג נאָך דותן, און יוסף האָט אהין אוועקגעריטען.

— זיי האָבען זעהר קלוג געטהאָן, וואָס זיי האָבען אויסגעמידען אַ סכסוך מיט די שכנים'שע פּעלקער — האָט יוסף אין זיין הארצען געלויבט זיינע ברידער... אָ, ווען זיי זיין איבערראַשט ווען ער וועט זיי דערצעהלען אַז ער איז געווען אויף דער פערזאַמלונג פון זייערע געגנער און זיך צוגעהערט צו אַלעם וואָס זיי האָבען געהאַט אויסצוזעצען געגען זיינע ברידער. און זיי האָבען גאָרנישט געוואוסט, אַז צווישען זיי געפינט זיך איינער פון די ברידער...

עס איז דאַן געווען ארום האַלבען טאָג און יוסף האָט זיך גענומען דערנעהנטערען צו דותן. דער פּלאַץ איז געווען אַ בערגיגער. יוסף האָט צוגעבונדען זיין אייזעל צו אַ בוים און אַליין איז ער ארויפגעגאַנגען אויף איינעם פון די בערגלעך און האָט זיך גענומען ארומקוקען פון אַלע זייטען. פּלוצלונג האָט ער פון גאַנץ ווייט בעמערקט שאָף... זיין הארץ האָט איהם אַ טיאָכקע געטהאָן... יע, דאָס זיינען זיי! ער האָט אראָפּגענידערט פון באַרג און פערשנעלערט זיינע טריט...

אויף דעם צווייטען טאָג וואָס זיי זיינען געווען אין דותן, איז די צופריעדענהייט פון די ברידער נאָך מעהר געוואַקסען. די לופט אין יענעם געגענד איז געווען אַ סך בעסער ווי אין שכם און דערצו נאָך האָבען זיי דערביי אַ טייכעל מיט פרישע קלאָהרע וואַסער... און זיי וועלען נישט דאַרפען געהן גאַנץ ווייט אָנטרינקען זייערע שאָף. די פּאַשע איז אויך אויסגעצייכענט. די שאָף זיינען געווען צושפּרייט איבער'ן ברייטען פעלד און די ברידער זיינען נישט געווען צו ווייט איינער פון צווייטען.

—אימיצער קומט אָן! — האָט יששכר אויסגערופען צו זיינע ברידער

— ווער קען דאָס זיין?!

די ברידער האָבען אויפגעהויבען זייערע אויגען און אָנגעשטיינגט זייערע בליקען.

— מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז יוסף! — האָט זבולון אויסגערופען.

— יוסף!! — האָט גד אויסגעשריען.

באַלד זיינען אַלע ברידער צוזאַמענגעקומען און האָבען גענומען בע־טראַכטען דעם אָנקומענדען פון ווייטען.

— דו ביזט גערעכט! דאָס איז יוסף! — האָט יהודה זיך אָפּגערופען.

— יע, דער טרוימער קומט אָן! — האָט דן אַ זאָג געטהאָן.

— דאָס איז געווים יוסף! יעצט קען איך איהם דייטליך זעהן! — האָט נפתלי געזאָגט.

— איך קען איהם דערקענען פון זיין זיידען העמדעל — האָט לוי געזאָגט.

— ער איז צו אונז געקומען מיט זיין זיידען העמדעל, וואָס דער פאָטער האָט איהם געבאַכט צו צייגען אונז אז ער איז אונזער הערשער!

— האָט שמעון אַ זאָג געטהאָן...

— איך האָב אָבער געוואוסט, אז יוסף וועט אויף לאַנג נישט אוועקשטעהן פון אונז... מיר האָבען שוין גאָר קיין פּלאַץ נישט, וואו מיר זאָלען קענען אוועקגעהן פון איהם. — האָט דן געזאָגט.

— איהם האָט זיך שוין מסתמא ווידער געחלום׳ט זיסע חלומות פון הערשען איבער אונז, און ער קומט אונז דערצעהלען זיינע חלומות! — האָט אשר געזאָגט.

— ער וויל ווידער אויסשפּיאָנירען וואָס מיר טהוען, כדי ער זאָל נאָכהער האָבען וואָס צו דערצעהלען דעם פאָטער, — האָט דן געדריקט מיט זיין פויסט.

— נישט דערלעבען וועט ער שוין צו שפּיאָנירען אויף אונז! — האָט שמעון געקריצט מיט די צייהן — איך וועל איהם דאָ צום טויט שלאָגען.

— יע, לאָמיר איהם טויטען! — האָט לוי אויסגערופען מיט צאָרן.

— מיר מוזען איינמאָל פאַר אַלעמאָל פּטור ווערען פון איהם...

— מיר ווע̇לען איהם טויטען און דאַן וועלען מיר נישט זיין געצוואונגען צו פערלאָזען אונזער היים און וואַנדערען אין פרעמדע מקומות...

— ניין, מיינע ברידער! — האָט ראובן אויסגערופען — מיר טאָרען נישט זינדיגען געגען גאָט און געגען אונזער פאָטער. ווייסט איהר דען נישט ווי גאָט האָט געשטראָפט קין׳ן פאַר די בלוט פון זיין ברודער הבל, וואָס ער האָט פערגאָסען.

— ווי קענסטו פערגלייכען הבל צו יוסף׳ן, — האָט שמעון אויסגערופען — הבל איז געווען אומשולדיג, ער האָט קיינעם נישט בעליידיגט, ער האָט קיינמאָל קיין שלעכטען וואָרט נישט גערעדט אויף זיין ברודער קין... און אויב גאָט האָט אָנגענומען זיין קרבן און נישט קין׳ס, איז עס דען געווען זיין שולד? און דעריבער האָט גאָט קין׳ן אזוי בעשטראָפט... אָבער יוסף! זיינע געדאַנקען זיינען אימער צו געווען שלעכט וועגען אונז. ער האָט ביי יעדער געלעגענהייט געזוכט אונז צו ערנידעריגען אין די אויגען פון אונזער פאָטער. ער האָט געזוכט צו צייגען דעם פאָטער, אז ער איז בעסער פאַר אונז. און איז עס דען נישט געווען צוליעב דעם, וואָס דער פאָטער האָט איהם געמאַכט דאָס זיידענע העמדעל? איהם געשטעלט העכער פון אונז אַלעמען... און זינט דאַן, האָט ער אָנגעפאַנגען צו חלום׳ען וועגען הערשען איבער אונז... זיין חוצפה געגען אונז איז נאָך שטאַרקער געוואָרען און יעצט קומט ער אָן אָנגעטהאָן אין דעם זיידען העמדעל! ... דאָס איז ער געקומען אונז צו צייגען, אז ער האָט נאָך נישט אויפגעגעבען זיינע געדאַנקען וועגען הערשען איבער אונז אַלעמען...

— געווים וועט ער פון דאַנען אוועקגעהן און דערצעהלען אונזער פאַטער אַז מיר פיהרען זיך נישט אויף ווי געהעריג... ווער דען וועט עס זיין איהם אָפּצולייקענען!... און דער סוף וועט זיין, אַז דער פאַטער וועט איהם בעשטימען פאַר דעם הויפּט פון דער משפחה נאָך זיין טויט, און ער וועט קריגען אַ גרעסערען חלק ירושה... יע, מיר וועלען האַרעווען, מיר וועלען פערברענט ווערען אין היץ ביי טאָג און דערפראָרען ווערען פון קעלט ביי נאַכט, און יוסף וועט פון אַלעם געניסען מעהר ווי מיר אַלע! אַ טויט צו יוסף'ן!! — האָט לוי אויסגעשריען.

— אַ טויט צו יוסף'ן! אַ טויט צו יוסף'ן — האָבען די איבריגע נאָכגעשריען.

— ניין, מיינע ברידער! לאָמיר נישט פערגיסען קיין בלוט, אפילו ווען מיר זיינען איבערצייגט, אַז ער האָט דעם טויט פערדיענט! — האָט ראובן זיך צו זיי אָפּגערופען. — ער איז דאָך פאָרט אונזער ברודער!

— אַ שעהנער ברודער איז ער צו אונז! ער וויל ווערען אַ קעניג איבער אונז און ער וועט זיך פאַר קיין זאַך נישט אָפּשטעלען, ביז וואַנען ער וועט דערגרייכען זיין ציעל, און דאַן וועלען מיר אַלע חרטה האָבען וואָס מיר האָבען דורכגעלאָזט די געלעגענהייט און איהם נישט געטויטעט — האָט לוי זיך אַ קרים געטהאָן — ניין! ער טאָר זיך מעהר נישט צוריקקעהרען קיין לעבעדיגער אַ היים! איך וועל איהם מיט מיינע אייגענע הענט צום טויט דערשלאָגען!

— ניין, ברידער, מיר טאָרען זיך יעצט נישט פערלירען! אונזערע הענט טאָרען קיין בלוט פון אונזער ברודער נישט פערגיסען! — האָט ראובן געגומען איינשטילען זיינע ברידער.

— מיר וועלען דיך יעצט נישט הערען! מיר וועלען דיך נישט הערען!

— האָבען די איבריגע ברידער גענומען שרייען. מיר האָבען גענוג געליטען פון יוסף'ן... מיר טאָרען נישט דערלאָזען דאָס ער זאָל זיך צוריקקעהרען צום פאָטער.. כל זמן ער וועט זיין ביים פאָטער, וועלען מיר זיין געצוואונגען פערוואָגעלט צו זיין פון אונזער היים

— איך בין איינשטימיג מיט אייך, אַז מיר דאַרפען זעהען ער זאָל אַהיים נישט קומען. אָבער אַז מיר זאָלען איינריכטען אונזערע הענט אין די בלוט פון אונזער ברודער, דאָס וועט בלייבען אַן אייביגער פלעק אויף אונזער געוויסען... און מיר וועלען חרטה האָבען נאָכהער!

— אָבער, וואָס זאָלען מיר מיט איהם טהאָן, אויב נישט טויטען?

— האָט שמעון געזאָגט, און אין זיינע אויגען האָט זיך אַ פייערעל אָנגעצונדען..

— נישט ווייט פון דאַנען געפינט זיך אַ טיעפער גרוב, לאָמיר דאָרטען יוסף'ן אריינוואַרפען אין דעם גרוב... און ער וועט ליגען ביז וואַנען ער וועט שטאַרבען... אָבער אונזערע הענט זאָלען נשיט פערגיסען זיין בלוט.

— ער איז גערעכט! — האָט יהודה צוגעגעבען — זאָל ער אַליין שטאַרבען אין גרוב... און מיר וועלען זיין בלוט נישט האָבען אויף אונזער געוויסען.

— גוט, מיר װעלן איהם אַרײַנשלײדערען אין גרוב! — האָט שמעון אַ זאָג געטהאָן. זאָל ער הערשען אין גרוב, איבער די װערים.

— איז די גרוב טיעף גענוג? האָט לוי אַ פרעג געטהאָן — ער זאָל פֿון דאָרטען אַקאָרשט נישט קענען אַרױסקריכען און נאַכהער אַװעקגעהן און דערצעהלען אַלעם דעם פֿאָטער.

— די גרוב איז זעהר אַ טיעפע! — האָט ראובן געענטפֿערט, פֿון דאָרטען װעט ער שױן קײן מאָל נישט קענען אַרױסקומען.

— אָט קומט ער אָן! אָט קומט ער! — האָבען די ברידער אױס־גערופֿען.

זײ זײנען אַלע געבליבען שטעהן אױף זײערע פּלעצער און יוסף דער־זעהענדיג אַלע זײנע ברידער צוזאַמען, איז אָנגעפֿילט געװאָרען מיט אַזאַ שמחה אַז ער האָט אָנגעהױבען צו לױפֿען צו זײ מיט גרױם אימפּעט.

— שלום! מײנע ברידער! — האָט ער אױסגערופֿען, און זיך גע־װאָרפֿען צו זײ און געװאָלט אַרומנעהמען יהודה'ן.

יהודה האָט אָפּגעטראָטען אױף צוריק און האָט אױף איהם געקוקט מיט בליקען פֿול מיט פֿעראַכטונג און האַם.

יוסף האָט אָפּגעװענדעט זײנע אױגען פֿון איהם און האָט אומגעדרעהט זײן קאָפּ צו ראובן'ען, װעמען ער האָט פֿון אַלעמאָל פֿעררעכענט פֿאַר זײן ליעבלינג ברודער, אָבער אױך ראובן האָט זיך נישט געמאַכט זעהענדיג.

— הם... מײנע ברידער! — האָט יוסף אױסגערופֿען, נישט קענענדיג בעגרײפֿען בשעת מעשה װאָס דו קומט פֿאָר — דער פֿאָטער האָט מיך געשיקט צו זעהן װאָס איהר מאַכט...

— און דו װעסט עס ברײנגען אַ גרוס צום פֿאָטער? — איז שמעון צו איהם צוגעגאַנגען און אָנגענומען זײן בעליעבטע זײדענע העמדעל — געה דערצעהל איהם אַז מיר עסען עבר מן החי... אָדער אַז מיר פֿיהרען זיך נישט אױף װי עס בעדאַרף צו זײן.

— נו, און װאָס פֿאַר אַ חלומות האָט זיך דיר גע'חלום'ט די גאַנצע צײט? — האָט לוי אַ קריץ געטהאָן מיט זײנע צײהן — װיפֿיעל שטערען האָבען זיך פֿאַר דיר געבוקט, מעכטיגער קעניג! אַלע ציטערען דאָך פֿאַר דיר, אַפֿילו די גאַרבען אין פֿעלד גיבען דיר אָפּ קעניגליכען כבוד.

— זעהר אַ פּראַכטפֿאָלע העמדעל טראָגסטו! — האָט איהם נפתלי אַ צופּ געטהאָן פֿאַר'ן אַרבעל — אַזאַ העמדעל פּאַסט זיך נאָר פֿאַר אַזאַ פּרינץ װי דו.

— נישט אומזיסט חלום'ט ער חלומות פֿון קעניגען און הערשען זינט דער פֿאָטער האָט איהם אױסגעפּוצט אין דעם זײדען העמדעל — האָט זבולון אַ זאָג געטהאָן — איהם דוכט זיך גאָר אַז ער איז שױן אונזער קעניג!...

— דאַרפֿען מיר זיך דאָך אַלע בוקען פֿאַר איהם! — האָט אשר אױסגערופֿען, און האָט זיך פֿערנײגט מיט'ן פּנים צו דער ערד.

— פֿאַר װאָס שפּאַסט איהר פֿון מיר, מײנע ברידער? — האָט יוסף זיך צו זײ אָפּגערופֿען — האָב איך דען דאָס בײ אײך פֿערדיענט? איך

בין שוין אַ היבשע צייט אין וועג, און איך האָב קוים אייך אויפגעזוכט, און אָנשטאָט זיך צו פרעהען מיט אַ ברודער, ווען איהר האָט עטליכע וואָכען שוין נישט געזעהן, לאַכט איהר און שפּעט אָפּ פון מיר.

— איך האָב אָבער פערשטאַנען אַז ער איז אונז געקומען זאָגען מוסר! — האָט יהודה זיך אָפּגערופען — ווערסטו אויך פיליכט אונז דערצעהלען פון דיינע נייע חלומות?...

— ראובן! — האָט זיך יוסף געווענדעט צו ראובן׳ען וועלכער איז געשטאַנען עטוואָס ווייטער פון דער גרופּע — דו ביזט דאָך מיין עלטסטער ברודער, זעהסט דו דען נישט ווי אומגערעכט די ברידער זיינען צו מיר... זאָג זיי אין נאָמען פון פאָטער, זיי זאָלען זיך אויפהערען צו רייצען מיט מיר!....

ראובן איז געבליבען שטעהן אין גרויס פערלעגענהייט. ער ווייס ווי שטאַרק דער צאָרן פון זיינע ברידער ברענט יעצט געגען יוסף׳ן... זיי האָבען דאָך נאָר וואָס בעשלאָסען איהם צו טויטען, איהם איז קוים געלונגען איבערצורעדען זיי, אַז מען זאָל איהם אָנשטאָט טויטען מיט זייערע אייגענע הענט, אריינוואַרפען אין גרוב. און יעצט, ווען ער זאָל ארויסווייזען אַ פריינדליכע מינע צו יוסף׳ן, וועלען זיי איהם אָנפאַנגען חושד צו זיין דאָס ער האָט בדעה איהם ארויסצונעמען פון גרוב און צוריקקעהרען איהם צום פאָטער... און כדי אראָפּצוואַרפען פון זיך דעם מינדעסטען חשד, האָט ראובן אויסגערופען מיט אַ געמאַכטען כעס:

— דו בעל חלומות! ווען מיר זיינען געווען אין אונזער פאָטער׳ס הויז צוזאַמען מיט דיר, האָסטו פון אונז געשפּאָט. דו האָסט געגען אונז שטאָלצירט און אונזער בלוט האָסטו אויפגערייצט און אויפגעזידט מיט דיינע חלומות און מיט דיינע נאַרישע רייד. דו האָסט געגען אונז זיך גרויס געהאַלטען און צו וואָס ביזטו יעצט געקומען צו אונז, אויב נישט נאָכצוקוקען וואָס מיר טהוען, כדי נאָכהער האָבען וואָס צו דערצעהלען דעם פאָטער! מיר וועלען דיר איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָנלערנען ווי אַזוי חוזק צו מאַכען פון אונז ווען מיר זיינען אין דער היים!

די ברידער האָבען אָנגעקוואָלען פון ראובן׳ס ווערטער. יעצט זיינען זיי געווען איבערצייגט, אַז זיי זיינען בארעכטיגט צו טהאָן מיט יוסף׳ן אַלעס וואָס זיי וועט זיך גלוסטען.

יוסף איז געבליבען שטעהן אַ צעטומעלטער.... ראובן, וועלכער איז אַלעמאָל געווען מיט איהם, איז יעצט אויך הינגעריסען געוואָרען פון זיינע ברידער׳ס צאָרן, און ער רעדט עס אַזעלכע ווערטער צו איהם...

— וועל איך דען דאַרפען ברייגגען אַזא גרוס צום פאָטער? — האָט יוסף זיך אָפּגערופען צו זיינע ברידער — ער וועט דאָך מיר זיכער פרעגען וואָס איהר מאַכט, און ווי אַזוי איהר האָט מיך אויפגענומען. וועל איך דען קענען זאָגען אַ ליגען? יע, איך וועל דאָך זיין געצוואונגען איהם אַלעס צו דערצעהלען!

— און פאַר איין גאַנג, ווערסטו איהם שוין אויך ערצעהלען וועגען דעם! — האָט שמעון אראָפּגעלאָזען יוסף׳ן אַ פייערדיגען פּאַטש.

— אוי, שמעון! — האָט יוסף זיך אָנגעכאַפּט פאַר׳ן באַק. — אַזוי בעהאַנדעלסט דו דיין אייגענעם ברודער! — איך וועל דיר נישט שווייגען פאַר דעם! דער פאָטער וועט פון אַלעם וויסען!

— און זאָל ער שוין פון מיר אויך וויסען! — האָט לוי איהם אויך אַ פּאַטש געטהאָן.

— ברידער! האָט שמעון אויסגערופען — קומט לאָמיר זיך אַ נעם טהאָן צו איהם!

יוסף האָט זיך געהאַלטען פאַרביידע באַקען און זיינע אויגען האָבען אויסגעדריקט שרעק און אַנגסט... און ווען ער האָט בעמערקט די צאָרענדיגע בליקען פון זיינע ברידער, האָט ער פערשטאַנען אַז זיי טראַכטען איהם שלעכטס צו טהאָן, ער האָט זיך דעריבער גלייך אומגעקעהרט און גענומען לויפען.

די ברידער האָבען זיך שנעל אַ לאָז געטהאָן נאָך איהם און איהם אָנגעכאַפּט.

— וואַרט, דו וועסט זיך שוין פון אונזערע הענט נישט אַרויסדרעהען!

— האָט שמעון אויסגערופען און אַ ריס געטהאָן זיין זיידען העמדעל.

— יעצט וועלען מיר אַלע זעהן וואָס עס וועט ווערען פון דיינע חלומות! — האָט יהודה זיך אָפּגערופען, און איהם אַ נעם געטהאָן פאַר׳ן האַנט.

— דו וועסט שוין אין גיכען ווערען אַ הערשער צווישען די טויטע! האָט לוי אויסגערופען און איהם גענומען שלעפּען.

יוסף האָט זיך געוועהרט און געראַנגעלט מיט אַלע כחות און ווען ער האָט געזעהען אַז ער איז הילפלאָז אין זייערע שטאַרקע הענט, האָט ער אָנגעהויבען צו וויינען און זיך בעטען זיי זאָלען אויף איהם רחמנות האָבען און איהם לאָזען צוריק געהן אַ היים צום פאָטער. אָבער די ברידער האָבען זייערע אויערען פערשטאָפּט צו זיין געוויין און זיינע געשרייען. וואָס מעהר קלעפּ זיי האָבען איהם געגעבען, אַלץ מעהר האָבען זיי זיך צוקאָכט. זיי האָבען געוואוסט, אַז יעצט טאָהרען זיי איהם שוין געוויס נישט שיקען אַ היים... ווען דער פאָטער וואָלט זיך פון אַלעם דערוואוסט, וואָלט ער זיי דאָך פון הויז פערטריבען און ווער ווייס אויב ער וואָלט זיי נישט פערשאָלטען פאַר דעם.

— ברידער, לאָמיר איהם שלעפּען צום גרוב! — האָט ראובן אויסגערופען — מיר דאַרפען איהם דערווייל מעהר נישט שלאָגען, ער וועט שוין פיהלען אַלע קלעפּ ווען ער וועט ליגען אין דעם טיפען גרוב, דאָרטען אין דער וויסטעניש...

— מיינע ברידער, איהר ווילט מיך טויטען! — האָט יוסף אַרויסגעלאָזען אַ ביטער געוויין — וואָס איז מיין זינד? אָ, לאָזט מיך אָפּ, איך בעט אייך! איך וועל דעם פאָטער גאָרנישט זאָגען דערפון.

אין ראובן׳ס אויגען האָבען זיך בעוויזען טרעהרען, ווען ער האָט דערהערט יוסף׳ס האַרצרייסענדע געבעטען און תחנונים... ער האָט אָבער שנעל זיי אָפּגעווישט, די ברידער זאָלען נישט בעמערקען...

שמעון האָט גלייך גענומען אראָפּשלעפּען פון יוסף׳ן דאָס קאָלירטע זיידען העמדעל, און די איבריגע ברידער האָבען איהם געהאָלפען... יוסף האָט זיך מיט זיינע לעצטע כחות געוועהרט אָבער די ברידער האָבען זיינע הענד פערלעגט אויף הינטען און פעסט געהאַלטען. זיי האָבען איהם אַ הויב געטהאָן פון דער ערד און האָבען איהם גענומען טראָגען.

יוסף׳ס שרעק איז שטאַרקער געוואָרען מיט יעדער רגע. זיי געהען איהם טויטען! — האָט דורכגעבליצט אַ געדאַנק אין זיין מוח... זיי ווילען איהם לעבעדיגערהייט בעגראָבען! — ער האָט אַ טראַכט געטהאָן וועגען זיין פאָטער.

— אָה, ליעבער פאָטער! — האָט ער אויסגערופען — ווען דו וואָלסט עס אַלעס מיט דיינע אויגען צוגעזעהן... אָ, מיין געטרייע מוטער, שטעה אויף פון דיין קבר און העלף מיר! מיינע ברידער האָבען אויף מיר קיין רחמנות נישט. מיינע טרעהרען ריהרען זיי נישט. העלף מיר, מוטער, פון זיבערען טויט!

די רציחה האָט זיך אין זיי נאָך מעהר צופלאַקערט, זיין שרעקליך געוויין איז געפאַלען אויף טויבע אויערען... זיי האָבען איהם פעסט אין זייערע הענט געהאַלטען און מיט שנעלע טריט זיך דערנעהנטערט צו דעם גרוב וואָס איז געלעגען אין אַ זאַמדיגען פּלאַץ, גאַנץ ווייט פון זייער פּאַשע.

זיי האָבען אַ ווייל יוסף׳ן אָפּגעלאָזען און ער האָט זיך געוואָרפען צו זייערע פיס און האָט זיך גענומען אַזוי פיעל בעטען און טענה׳ן צו זיי, אַז זיינע רייד האָבען געקענט ריהרען אַ שטיין.

אייניגע פון די ברידער האָבען באַלד גענומען פיהלען אַ שטיקעל חרטה אין זייערע הערצער. אָבער ווען זיי האָבען בעמערקט די ענטשלאָסענע בליקען פון שמעון און לוי און זיך דערמאָהנט וואָס זיי אַלעמען וועט ער־וואַרטען פון זייער פאָטער, ווען ער זאָל זיך נאָר דערוויסען, האָבען זיי זיך געשטאַרקט און אָנגעגאַנגען מיט זייער שרעקליכער אַרבייט.

זיי האָבען יוסף׳ן צוגעשלעפּט ביז צו דער עפענונג פון דעם גרוב... יוסף האָט מיט זיינע לעצטע כחות געשריען און געוויינט.

— דאָרטען וועלען זיך דיר שוין חלום׳ן זיסע און ליעבע חלומות! — האָט שמעון געזאָגט, און איהם געוואָלט אַ שליידער טהאָן אין גרוב.

— ניין, מיין ברודער! — האָט ראובן איהם נישט דערלאָזען — מיר האָבען דאָך אָפּגעמאַכט אַז אונזערע הענט זאָלען זיין בלוט נישט פער־גיסען... און אויב מיר ווילען איהם אריינשליידערען אין דיזער טיעפער גרוב, וועט ער דאָך גלייך שטאַרבען פון דעם שטאַרקען קלאַפּ וואָס ער וועט קריגען, ווען ער וועט אַרונטערפאַלען... דעריבער לאָמיר איהם אַרונטערלאָזען אין גרוב. ער וועט שוין ממילא פון דאָרטען קיין לעבעדיגער נישט אַרויס! אָבער לאָמיר נישט האָבען זיין בלוט אויף אונזער געוויסען.

יוסף האָט אָנגעהויבען צו ציטערען און האָט זיך ווי אין קאָנוואולסיען געוואָרפען...

די ברידער האָבען איהם אַ נעם געטהאָן און האָבען איהם צוגעפיהרט

גאנץ נאָהענט צו דער עפענונג פון גרוב.

— עס איז ווירקליך זעהר אַ טיעפע גרוב! — האָט נפתלי בעמערקט — פון דאָרטען וועט ער שוין קיינמאָל נישט קענען ארויסקריכען.

— דאָרט וועסטו זיין קעניג איבער די ווערים און מייז! — האָט לוי זיך אָפּגערופען — פאַר זיי וועסטו אַלע דיינע חלומות דערצעהלען...

זיי האָבען איהם אָנגענומען פאַר די הענט און האָבען איהם ארונטער־געלאָזען אין גרוב. צו זייערע אויערען האָט זיך דערטראָגען אַ געשריי און אַ קרעכץ...

די ברידער האָבען זיך איבערגעבויגען איבער דעם גרוב און זיי האָבען געהערט ווי יוסף שרייט נאָך.

— העלפט מיר מיינע ברידער, פערלאָזט מיך נישט! — לאָזט מיך נישט שטאַרבען אין דיזער פינסטערער גרוב! נעמט מיך ארויס פון דאַנען!

די בריער האָבען זיך אויפגעשטעלט, זיך אויסגעגלייכט און האָבען גענומען אוועקגעהן.

— לאָמיר זיך איילען! — האָט יהודה אויסגערופען — מיר האָבען די שאָף איבערגעלאָזען אַליין...

זיי האָבען אָנגעפאַנגען צו געהן שנעלער... אַלע האָבען שטיל געשוויגען.

— פטור געוואָרען פון דעם בעל חלומות! — האָט שמעון אונטער־בראָכען די שטילקייט.

ראובן איז געגאַנגען פון הינטען... טרויעריגע געדאַנקען האָבען איהם ארומגענומען... צו וואָס פאַר אַ מדרגה זיינע ברידער זיינען געקומען, אַז ביי זיי איז רעכט צו פערגיסען די בלוט פון אַן אייגענעם ברודער. ווען ער וואָלט זיי נישט געגעבען דעם פּלאַן אריינצוואוואַרפען יוסף'ן אין גרוב, וואָלטען זיי דאָך איהם גלייך אויפן אָרט געטויטעט. יעצט וועט ער איהם קענען אָפּראַטעווען. ער וועט איהם ברייגען צוריק צום פאָטער...

ווען ראובן האָט בעמערקט אַז זיינע ברידער זיינען אַ היבשען מרחק פון איהם, און זיי וועלען איהם נישט בעמערקען, האָט ער בעשלאָסען זיך אומצוקעהרען צו דער גרוב און זאָגען יוסף'ן אַז ער זאָל זיך נישט שרעקען און אַז ער וועט פאַרניכט איהם פון דאָרטען ארויסנעהמען... יע, ער מוז דאָס טהאָן, אַז נישט קען נאָך יוסף דאָרטען שטאַרבען פון שרעק אַליין.

ער האָט זיך גוט צוגעקוקט אַז די ברידער זאָלען איהם נישט זעהן, און האָט זיך שנעל אומגעקעהרט צו דער גרוב. ער האָט זיך איבערגעבויגען און ער האָט געהערט ווי יוסף וויינט, ער זאָגט אַ תפילה צו גאָט.

— יוסף! — האָט ראובן אויסגערופען — דאָס בין איך, דיין על־טערער ברודער ראובן! זאָרג נישט, איך וועל דיך פון דאַנען ארויסנעהמען. ווי עס וועט אָנפאַלען דער אָבענד, וועל איך אַהער צוקומען מיט אַ שטריק און דיך פון דאַנען ארויסנעהמען... איך וועל דיך אָפּפיהרען צוריק אַ היים!

— דאָס רעדסטו, מיין ברודער ראובן? — האָט יוסף געפרעגט פון דער טיעפעניש פון גרוב.

— דאָס בין איך, יוסף! דו מוזט מיר ענטשולדיגען, וואָס איך האָב

צו דיר פריהער אזוי געהאנדעלט. דאס האב איך געטהאן פאר דיין טובה וועגען, כדי צו קענען דיך נאכהער ראטעווען, ווייל דער כעס און צארן פון דיינע ברידער אויף דיר איז געווען זעהר גרויס און איך האב באלד איינגעזעהן, אז זיי וועלען זיך צו מיינע רייד נישט וועלען צוהערען און וועלען טהאן שלעכטס צו דיר... איך האב זיי געראטהען דיך אריינצואוואַרפען אין דיזען גרוב. נעם זיך נישט צום הארצען, און זיי נישט בייז אויף אונז. זיי האבען עס געטהאן אין א רגע פון גרויס אויפרעגונג... דו ביזט דאך זיכער הונגעריג, אט האב איך פאר דיר מיטגענומען א שטיקעל ברויט. איך ווייס אז דו מוזט זעהר דורשטיג זיין, אבער איך האב מיט זיך נישט געקענט מיטנעהמען קיין וואסער. פיליכט שפּעטער, וועל איך דיר ברייננגען א לאגעל וואסער, דערווייל האב געדולד און בערוהיג זיך ביז אין אבענד.

— אהּ, דאס ביזטו, ראובן! — האט יוסף געזאגט מיט א שוואכער שטימע — פארוואס קומט עס מיר אזוי? וואס פאר א שלעכטס האב איך זיי געטהאן, אז זיי זאלען מיך וועלען טויטען!

— ווען אימיצער איז אין כעס, טהוט ער אפ זאכען אהן א חשבון, יוסף! אבער גלויבט איז גאט וואס מיר האט זיך איינגעגעבען דערווייל דיך אפּצוראטעווען פון א זיכערען טויט — האט ראובן געזאגט און ארונטערגעוואָרפען דאס שטיקעל ברויט וואס ער האט מיט זיך געהאט... נעהם זיך נישט צום הארצען, מיין ברודער, איך וועל שפּעטער צוריקקומען און דיך פון דאנען ארויסנעהמען. דערווייל מוז איך געהן. די ברידער וועלען מיך ווארשיינליך נעהמען זוכען און ווען זיי וועלען מיך דא טרעפען, וועלען זיי מיך חושד זיין אז איך וויל דיר העלפען.

ראובן האט גלייך אפּגעטראטען פון גרוב און געגומען אניאגען זיינע ברידער.

יוסף האט זיך עטוואס בערוהיגט... איהם איז פרעהליכער געוואָרען אויף'ן הארצען. ער וועט דא נישט שטארבען. ער וועט נאך זעהען מיט זיינע אויגען זיין פאטער און זיין שוועסטער דינה... ער האט גענומען דאס שטיקעל ברויט, וואס ראובן האט איהם נאר וואס ארונטערגעווארפען, און כאטש ער איז געווען זעהר מיעד און הונגעריג, האט ער גארנישט געקענט עסען יעצט. טרויעריגע געדאנקען האבען איהם ארומגענומען. זיינע אייגענע ברידער זאלען איהם אזוי בעהאנדלען. זיי האבען זיין בלוט געוואלט פערגיסען און וואס וועט ער טהאן ווען די איבריגע ברידער וועלען זיך דערוויסען פון ראובן'ס כוונות און וועלען איהם נישט לאזען איהם ראטעווען. א שוידער געהט דורך זיין קערפּער ווען ער טראכט פון דעם, אז עס זאל איהם אויסקומען צו בלייבען אין גרוב איבער נאכט. אט דערשפירט ער ווי א ראץ איז פערביי געלאפען... און ווי שמוציג דא איז. די גרוב מוז זיין פול מיט ווערים און אנדערע רמשים און שרצים. א קעלט געהט דורך זיין לייב. ער שטעלט זיך אויף פון דעם באדען פון גרוב, און בלייבט שטעהן. ער וועט זיך שוין מעהר נישט זעצען. א, ווי שוידערליך און שרעקליך!

* * *

די ברידער האבען זיך צוריקגעקעהרט צו זייערע שאף, וועלבע זיינען

געווען צושפרייט איבער׳ן גאנצען פעלד. זיי האבען זיי צונויפגעטריבען אין איין פלאץ און נאכהער האבען זיי בעשלאסען צו זעצען זיך עסען.

— איך בין נאך נישט הונגעריג, — האט ראובן זיך אפגערופען צו זיינע ברידער — איך וועל דערווייליע געהן אנטרינקען מיינע שאף און זיי געהן פיטערען.

— ווי עס ווייזט אויס, מיין ברודער — האט שמעון זיך צו איהם אפגערופען — האסטו צוליעב יוסף׳ן פערלארען דיין אפעטיט! און איך בין נאך מעהר הונגעריג ווי אימער... מיר דארפען יעצט אלע צופריעדען זיין, וואס מיר האבען אפגעראמט דעם דארן פון אונזער וועג.

— און איך האב שוין באלד אין גאנצען פערגעסען אן יוסף׳ן — האט ראובן איינגעהאלטען זיינע געפיהלען — איך בין גלאט אזוי, נישט הונגעריג... און די שאף זיינען פערנאכלעסיגט געווארען.

— און מיר וועלען האבען אזא גרויסארטיגען מאהלצייט! — האט זיך אשר בעשמאקעוועט — מיר האבען אפגעטהאן א גוט שטיקעל ארבייט און יעצט האבען מיר אלע פערדיענט א גוטען מאהלצייט!...

— עסט געזונטערהייט! — האט ראובן געזאגט, און צוזאמענטרייבענדיג זיינע שאף, האט ער זיך גענומען דערווייטערען פון זיינע ברידער.

אשר און דן האבען גענומען צוגרייטען דאס עסען, זיי האבען געמאכט א פייער און צוגעשטעלט קאכען דאס איינגעזאלצענע פלייש, וואס איז געבליבען פון נעכטען.

ווען דאס עסען איז פערטיג געווארען, האבען זיך אלע געזעצט אויף׳ן גראז נעבען טייכעל און גענומען עסען.

אלע האבען געגעסען מיט גרויס אפעטיט... זיי האט זיך געדוכט אז זיי האבען אפגעטהאן א זעהר גוטע שטיקעל ארבייט... ווען אבער זיי האבען זיך שוין א ביסעל אנגעזעטיגט, האבען אייניגע פון זיי גענומען א טראכט טהאן פון יוסף׳ן, וועלכער ליגט אין גרוב און וועט ווארשיינליך אויסגעהן פון הונגער און דורשט.

— מיינע ברידער! — האט זיך אשר אפגערופען, קייענדיג א שטיק געבראטענע פלייש — מיר דוכט זיך פון דעסטוועגען, אז ווען יוסף וועט שטארבען אין גרוב, וועט דאך זיין בלוט פארט פאלען אויף אונזער געוויסען...

— דו פאנגסט שוין אן צו ציטערען! — האט לוי זיך צו איהם אפגערופען — דו האסט מורא!

— איך האב נישט קיין מורא, אבער פונדעסטוועגען דוכט זיך מיר אז ער האט דעם טויט נישט פערדיענט...

— מיר האבען איהם בעדארפט גוט אנברעכען די ביינער און איהם אוועקטרייבען פון דאנען... — האט נפתלי זיך אפגערופען — אבער טויטען איהם, דאס איז שוין ווירקליך א צו גרויסע שטראף...

—און ערשט דאן, וואלט זיך פאר אונז אלעמען אנגעפאנגען די ריכטיגע צרות — האט שמעון זיך אפגערופען — יוסף וואלט געגאנגען א היים און וואלט איבערגעגעבען דעם פאטער אלעס וואס מיר האבען צו

איהם געטהאָן... וואָלטען מיר דען געקענט אַנקוקען דעם פאָטער׳ס פּנים? ניין! ער מוז שטאַרבען!

— אָבער עס קען דאָך מעגליך זיין, אַז דער פאָטער זאָל זיך דערפון דערוויסען און דאַן וועלען מיר דאָך אַלע זיין פערלאָרענע — האָט גד א זאָג געטהאָן.

— מיר וועלען שוין זאָרגען דערפאַר, אַז אונזער פאָטער זאָל זיך נישט דערוויסען דערפון! — האָט שמעון זיך אָפּגערופען.

— זיינע געשרייען און געבעטען קלינגען מיר נאָך יעצט אין די אויערען! — האָט יששכר געזאָגט — איך גלויב אַז מיר האָבען זיך גע־דאַרפט צוהערען צו זיין געוויין... נאָך אַלעמען, ווי פיינט מיר זאָלען איהם נישט האָבען, איז ער דאָך פאָרט אונזער ברודער, פלייש פון אונזער פלייש און ביין פון אונזער ביין.

— איך זעה שוין, אַז אייערע הערצער ווערען צושמאָלצען — איז שמעון אין כעס געוואָרען — אָבער איין זאַך מוז איך אייך זאָגען, אַז אויב ראובן האָט דערצו צוגעשטימט, מסתמא האָט שוין יוסף אַלעם פערדיענט... עס זיינען געווען צייטען, ווען ראובן האָט געזוכט צו רעכטפערטיגען יוסף׳ן און איהם צו פערטיידיגען ביי יעדער געלעגנהייט. און היינט האָט איהר געהערט ווי פערביטערט ער האָט גערעדט צו יוסף׳ן... און דאָס איז דאָך געווען ראובן׳ס עצה, מיר זאָלען איהם אריינוואַרפען אין גרוב, און ער זאָל דאָרטען שטאַרבען, און ווען ראובן האָט זיך געקענט בעשליסען אַזוי צו טהאָן, האָט יוסף עס זיכער פערדיענט!

שטילקייט האָט געהערשט צווישען די ברידער... זיי האָבען אַלע אויפ־געהערט צו עסען און יעדער פון זיי איז געווען פערזונקען אין זיינע מחשבות...

— ווי עס זאָל נישט זיין, קענען מיר דאָך שוין יעצט קיין חרטה נישט האָבען — האָט דן געזאָגט — אפילו ווען מיר זאָלען צוגעבען אַז מיר האָבען זעהר נישט גוט געהאַנדעלט געגען יוסף׳ן, קענען מיר נישט ערלויבען ער זאָל זיך צוריקקעהרען אַ היים צום פאָטער.

— וועגען דעם וואָלטען מיר אַלע גאָר געדאַרפט זיך גוט איבערלעגען — האָט זבולון געזאָגט — כל־זמן עס איז נישט צו שפּעט, וואָלט אפשר בעסער געווען פאַר אונז, מיר זאָלען ראַטעווען זיין לעבען...

— וואָס?! — האָט שמעון אַ געשריי געטהאָן — ווילסטו אַז ער זאָל קומען אַ היים און דערצעהלען דעם פאָטער ווי מיר האָבען איהם געשלאָגען און אריינגעשליידערט אין גרוב? זאָג מיר, איך פרעג דיך, ווי וואָלסטו זיך דאַן געפיהלט, ווען דער פאָטער וואָלט דיך אַ פרעג געטהאָן אויב דו האָסט אויך גענומען אַנטהייל אין שלאָגען יוסף׳ן...

— אָבער מיר קענען יוסף׳ן ארויסנעהמען פון גרוב און איהם זאָגען, אַז מיר וועלען איהם נישט טויטען אָבער ער מוז אונז פערשפּרעכען קיין וואָרט וועגען דעם נישט צו זאָגען דעם פאָטער — האָט זבולון ווייטער געזאָגט.

— און דו גלויבסט, אַז יוסף וועט זיין פערשפּרעכען האַלטען? —

האָט לוי איהם געפרעגט — ער וועט זיין אויף אונז שטאַרק אין כעס און וועט נאָך דערצעהלען דעם פאָטער אַלע איינצעלהייטען, און וועט נאָך דערצו א סך מגזם זיין...

— וועלען מיר איהם צווינגען אונז צוצושווערען, אַז ער וועט דעם פאָטער גאָרנישט דערצעהלען וועגען דעם.

— ווייסטו דען נישט, אַז אַ געצוואונגענע שבועה קען מען זעהר גרינג ברעכען ? — האָט שמעון געזאָגט — ניין, עס איז פאַר אונז קיין אַנדער אויסוועג נישטאָ, ווי צו לאָזען איהם שטאַרבען אין גרוב !

— דו רעדסט אַזוי קאַלט דערפון, ביי דיר וואָלט דער טויט פון דיין ברודער גאָרנישט געמיינט — האָט יששכר געזאָגט — זיין בלוט וועט גע־פאָדערט ווערען פון אונזערע הענט !

— און וואו ביזטו פריהער געווען, מיין ווייכהאַרציגער ברודער ? — האָט שמעון זיך אַ קרום געטהאָן — האָסטו דען נישט פריהער איינגע־שטימט מיט אונז אַלעמען, אַז מיר זאָלען יוסף׳ן טויטען גלייך ווי ער וועט צו אונז צוקומען ?... איך געדענק גאַנץ גוט, ווי דו האָסט נאָך געשריען : אַ טויט צו יוסף׳ן, אַ טויט צו דעם בעל חלומות ! ...

— עס איז אמת. אָבער דאַן בין איך געווען זעהר אויפגערעגט און אויפגעבראַכט געגען יוסף׳ן... און יעצט, אַז מיר האָבען זיך אַלע אויסגע־ניכטערט פון אונזער צאָרן, דאַרפען מיר זעהן איהם צו ראַטעווען, כל זמן עס איז נאָך נישט צו שפעט.

— עס איז שוין יעצט אויך צו שפעט ! — האָט לוי געזאָגט — מיר טאָרען נישט דערלאָזען, אַז דער פאָטער זאָל זיך דערפון דערוויסען, און ווען יוסף וועט פון גרוב אַ לעבעדיגער ארויסגעהן, דאַן זיינען מיר אַלע פער־לאָרענע... דער פאָטער וועט אונז אַלעמען שילטען און יוסף וועט דאַן טאַקע הערשען איבער אונז ווי אַ קעניג !

אַן אומעט איז בעפאַלען די ברידער... זיי האָבען געזעהן, אַז זיי זיינען אריין אין אַ בלאָטע און קענען נישט אַרויסגעהן... יעדער איינער האָט גע־פיהלט, אַז ער האָט זיך בענאַרישט... יעדער האָט אָנגעהויבען פיהלען אין הארצען אַז זיי וועלען באַגעהן זעהר אַ שרעקליכען פאַרברעכען אויב זיי וועלען יוסף׳ן לאָזען שטאַרבען אין גרוב... אָבער זיי קענען דאָך איהם אויך נישט בעפרייען... יע, זיי זיינען געווען צו האַסטיג... זיי האָבען עס געטהאָן נישט אויסגערעכענטערהייט

מעהר פון אַלעמען האָט יהודה׳ן פערדראָסען אויף דיזען שוידערליכען טהאַט צו וואָס ער איז געווען אַ שותף... ער האָט געזאָלט געהן אין עטליכע טעג אַרום נאָך עדלם, צו פייערען זיין חתונה מיט עלית׳ן. און יעצט, ווי אַזוי וועט ער זיך קענען משמח זיין, ווען זיין ברודער׳ס בלוט וועט ליגען אויף זיין געוויסען... ווי אַזוי וועט ער גאָר קענען קומען צום פאָטער און איהם איינלאַדען צו דער חתונה, ווען יוסף, זיין ברודער איז געטויטעט געוואָרען דורך זיין שולד ? און אפילו ווען ער וואָלט יוסף׳ן געראַטעוועט, וואָלט דען דעם פאָטער׳ס כעס נישט געווען גרויס אויף איהם און אויף די איבריגע ברידער ? ער וואָלט אפילו נישט געוואָלט הערען און וויסען פון

איהם און עלית'ן... פאַרוואָס האָט ער דערפון פריהער נישט געטראַכט?... פאַר וואָס איז ער מיטגעשלעפּט געוואָרען מיט דעם כעס פון זיינע ברידער. פאַר וואָס האָט ער זיך נישט באַזיגיגט, איידער ער האָט צוגעשטימט צו טהאָן אַזאַ זאַך צו יוסף'ן? אמת, ווען ער וואָלט געמאַכט אַ פערזוך אָפּ־צורייידען זיינע ברידער דערפון, וואָלטען זיי איהם גלייך בעשולדיגט, אַז ער טוט עס צוליעב עלית'ן, ווי זיי האָבען איהם מיט אַ פּאָר טעג פריהער בעשולדיגט, ווען ער האָט זיי געראַטהען צו פערמיידען אַ מלחמה מיט די איינוואוינער פון אלון מורה....

— פאַרוואָס שווייגסטו, יהודה? וואָס דיינקסטו זאָלען מיר טהאָן?

— האָט יששכר איהם אַ פרעג געטהאָן.

אַלע ברידער האָבען אָנגעשטעלט אויגען און אויערען, ווי זיי וואָלטען געוואַרט אַז יהודה זאָל זיי ארויסנעהמען פון דיזער שווערער לאַגע, אין וועלכער זיי זיינען אַזוי אומגעריכטערהייט אריינגעקראָכען . . . אָה, ווען עפּעס וואָלט געקענט געטהאָן ווערען צו פערריכטען דעם גרויסען פעהלער וואָס זיי האָבען נאָר וואָס בעגאַנגען.

יהודה האָט אָבער נאָך אַליץ געשוויגען... ער האָט בלויז אַ קוועטש געטהאָן מיט די פּלייצעס און אַלע ברידער האָבען דייטליך געקענט זעהן, אַז זיין פערצווייפלונג איז נאָך גרעסער ווי זייערע.

— פאַר וואָס זאָלען מיר זיך נישט בעראַטהען מיט ראובן'ען? — האָט גד אויסגערופען — נאָך אַלעמען איז עס דאָך געווען זיין עצה... איך בין זיכער אַז איהם מוז אויך די גאַנצע געשיכטע פערדריסען... און פיליכט האָט ער אַן אויסוועג דערצו!

— זעהט איהר דאָך, אַז ער איז גאָר אינגאַנצען אַוועק פון אונז... אַלע טאָג איז ער מיט אונז צוזאַמען, היינט גראָדע האָט זיך איהם פערוואָלט אַוועקצופיהרען זיינע שאָף גאַנץ ווייט פון אונזערע... — האָט אשר געזאָגט.

— ווייסט איהר פאַרוואָס ראובן האָט עס געטהאָן — האָט שמעון אויסגערופען — ווייל ער ווייס אַז איהר זייט אַלע פייגלינגע. יע, איהר זייט פּחדנים! אויף אייך ציטערט די הויט! טאָמער... מיר האָבען שוין לאַנג געוואַרט אויף אַזאַ געלעגענהייט, און יעצט, אַז עס איז אונז געקומען צו דער האַנט, און מיר האָבען עס אָפּגעטהאָן, דאַרפען מיר קיין חרטה נישט האָבען... מיר זיינען פּטור געוואָרען פון אונזער שונא... מיר וועלען נישט דאַרפען זעהן מיט אונזערע אויגען ווי דער פאָטער מאַכט איהם פאַר מושל איבער אונז... ראובן האָט עס אַלעם פאַראויסגעזעהן און ער האָט אונז געראַטהען מיר זאָלען איהם אריינשליידערען אין גרוב, און זאָל ער פון זיך אליין שטאַרבען... אונזערע הענט זאָל זיין בלוט נישט פערגיסען... און ווען די זאַך איז געטהאָן געוואָרען, איז ער פון אונז אוועק, ער זוכט עס אַלעם צו פערגעסען און פאַרטיג... וואָס דען, אַ נאַר וועט ער זיין, און בלייבען מיט אונז און הערען ווי יעדער איינער דריקט אויס זיין חרטה... ער זאָל זעהן ווי די הויט ציטערט אויף יעדען פון אייך... וואו איז אייער בראַווקייט?! איהר זיהן פון יעקב!

—און וואו איז אונזער יושר און רחמנות, מיר זיהן פון יעקב? — האט יהודה געבראכבען זיין שווייגען...

— איך האב אבער באלד פערשטאנען פון דיין שווייגען, אז דו האסט שוין אויך חרטה! — האט שמעון זיך א קרים געטהאן — דו ביזט נישט בעסער פאר יששכר׳ן און די איבריגע!

— ווען יוסף זאל שטארבען אין גרוב, וועלען מיר זיין שולדיג, אזוי ווי מיר וואלטען איהם מיט אונזערע אייגענע הענט צום טויט געשלאגען... מיר האבען איהם אהין אריינגעווארפען. ארויסקומען פון דארטען וועט ער בשום אופן נישט קענען... און ווען ער זאל דארטען שטארבען פון הונגער און דורשט, וועט נאך אונזער פערברעכען דערמיט זיין מעהר שוידערליך... ווען מיר טויטען איהם אויף׳ן ארט, דאן פערשפארען מיר איהם די גרויסע יסורים פון אויסגעהן פון הונגער — האט זבולון געזאגט — אבער אזוי טארען מיר עס נישט דערלאזען!

— ניין, עפעס מוז געטהאן ווערען, — האט זיך יהודה אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ — איך וועל געהן אויפזוכען ראובן׳ען און מיר וועלען זיך צוזאמען בעראטהען וואס ווייטער צו טהאן.

— עס איז קיין אנדער אויסוועג נישטא! — האט לוי געזאגט — אדער מיר ראטעווען יוסף׳ן און מיר זיינען פערלארען, אדער מיר ראטעווען זיך און לאזען יוסף׳ן שטארבען אין גרוב.

— מיר דוכט זיך, אז מענשען געהען פערביי דעם וועג! — האט יהודה זיך אפגערופען ,ווען ער איז שוין געווען עטליכע טריט אוועקגעגאנגען פון זיינע ברידער.

אלע ברידער האבען זיך שנעל אויפגעשטעלט פון זייערע פלעצער און אויפגעהויבען זייערע אויגען.

— יע, איך זעה א גאנצען קאראוואן — האט נפתלי אויסגערופען.

— מיר דארפען גוט אכטונג געבען, זיי זאלען נישט פערביי געהן די גרוב — האט גד געזאגט.

— ווען זיי זאלען פערבייגעהן די גרוב, וועלען זיי זיכער דערהערען יוסף׳ס געשרייען און געוויין און זיי וועלען איהם פון דארט ארויסשלעפען — האט נפתלי א זאג געטהאן.

— און דאס וועט נאך פאר אונז ערגער זיין! — האט אשר צוגעגעבען — ווייל אויב יענע מענשען וועלען איהם בעפרייען, און ער וועט א היים געהן, וועט ער זיכער דעם פאטער דערצעהלען דאס מיר האבען איהם געוואלט טויטען און ווען נישט די פרעמדע פארבייגעהער, וואלט ער דארט זיכער גע־שטארבען!... דאן וועט אונז דער פאטער זיכער האלטען פאר מערדער! און מיר וועלען זיך קיינמאל נישט טאהרען אומקעהרען א היים!

— מיר דוכט אז דאס איז א קאראוואן פון סוחרים און אויב זיי וועלען איהם דארט טרעפען אין גרוב און איהם פון דארטען ארויסשלעפען, וועלען זיי איהם זיכער נישט בעפרייען... זיי וועלען שוין זעהן איהם צו פערקויפען פאר א קנעכט — האט לוי געזאגט.

— אה! איך האב א גוטען געדאנק! — האט יהודה אויסגערופען —

מיר וועלען זיי צורופען אהער און מיר וועלען זאגען אז מיר האבען צו פערקויפען א קנעכט — דאן וועלען מיר יוסף'ן ראטעווען פון טויט און אין דערזעלבער צייט וועלען מיר נישט דארפען מורא האבען ער זאל קומען צום פאטער און איהם וועגען אלעם דערצעהלען! וואס זאגסטו וועגען דעם, שמעון?

— אזוי לאנג ווי מיר ווערען פטור פון איהם, ארט מיך נישט וואס מיר וועלען צו איהם טהאן.

— נו, טאקע, וואס וועט אונז ארויסקומען אז מיר וועלען שוין טויטען אונזער ברודער, און מיר וועלען זיין בלוט פערדעקען און קיינער וועט פון דעם נישט וויסען? — האט יהודה זיך אפגערופען און נאכגעפאלגט דעם קאראוואן מיט זיינע אויגען! — יע, מיר דוכט אז דאס זיינען ישמעאלים, און זיי קויפען געווים קנעכט.

— יע, איך קען דייטליך זעהן אן זייערע קליידער, אז דאס זיינען ישמעאלים — האט לוי געזאגט.

— דעריבער איז טאקע מיין עצה, אז מיר זאלען יוסף'ן פערקויפען צו די ישמעאלים פאר א קנעכט, און זאל אונזער געוויסען זיין ריין, אז מיר האבען נישט פערגאסען די בלוט פון אונזער ברודער... אפילו א שלעכטער ברודער, אבער ער איז דאך פארט אונזער פלייש און בלוט! — האט יהודה אויסגערופען.

— גוט, לאמיר זיי צורופען! — האט שמעון צוגעשטימט.

— נפתלי, לויף שנעל צו זיי און היים זיי צוקומען צו אונז! — האט לוי א זאג געטהאן צו איהם — זאג זיי, אז מיר האבען זיי עפעס רעכטס צו פערקויפען.

נפתלי איז שנעל ווי א ווינט צוגעלאפען צו די ישמעאלים, וועלכע האבען זיך שוין געהאט פערנומען אויף דעם וועג וואס פיהרט צו דרום זייט, און ער האט אויסגערופען:

— ווארט!

די ישמעאלים האבען זיך אפגעשטעלט און נפתלי איזן צוגעקומע צו זיי.

— וואס איז דיין פערלאנג? — האט איינער פון די ישמעאלים זיך אפגערופען.

— מיר האבען אייך וואס צו פערקויפען. אויב איהר ווילט קענט איהר מיט מיר צו קומען דארטען, וואו מיינע ברידער געפינען זיך מיט די שאף און מיר וועלען אייך צייגען די סחורה.

— וועלען מיר קענען קריגען וואסער, ביי דיינע ברידער? — האט דער פיהרער פון קאראוואן זיך אפגערופען — דאן וועלען מיר מיט דיר געהן, אויב נישט וועלען מיר מוזען רייזען ווייטער, ווייל אונזער וואסער האט זיך אויסגעלאזען.

— דארטען וואו מיר פאשען אונזערע שאף, פליסט א טייכעל מיט קלאהרע וואסער — האט נפתלי געענטפערט — איהר וועט קענען אנ־טרינקען די קעמלען און נעהמען וויפיעל וואסער איהר גלוסט.

די ישמעאלים האָבען זיך אומגעקעהרט און נאָכגעגאַנגען נפתלי׳ן.

ווען זיי זיינען צוגעקומען גאַנץ נאָהענט, האָט איינער פון די ישמעאלים פלוצלונג אויסגעשריען:

— מיר זיינען פערלאָרען! מיר זיינען פערלאָרען!

די איבריגע האָבען איהם אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג און האָבען זיך גלייך געכאַפּט צו זייערע שווערדען.

— אָט איז ער! אָ, איהר געטער פון אונזער הערשער איתן, העלפט אונז! — האָט דער אַראַבער אויסגערופען, און אָנגעציינט אויף יהודה׳ן.

יהודה איז צו איהם צוגעגאַנגען און איהם גוט בעטראַכט:

— אָ, דאָס ביזטו! — האָט ער אויסגערופען.

— יע, מיין האַר! — האָט דער דערשראָקענער אַראַבער זיך אָפּגערופען און זיך גענומען טרייסלען פון שרעק — האָב רחמנות אויף אונז... זינט דו האָסט אונזערע פופצעהן מאַן אליין בעזיעגט, און מיט דיין גרויס גנאָד מיר און נאָך איינינגע געלאָזט לעבען, האָבען מיר בעשלאָסען מעהר נישט צו מאַכען קיין רויב אָנפאַלען... מיר זיינען עהרליכע סוחרים! מיר קומען יעצט פון גלעד... מיר האָבען דאָרטען געקויפט פערשיעדענע געווירצען און מיר רייזען נאָך מצרים צו פערקויפען דאָרטען די סחורה מיר האָבען קיינעם ניט בערויבט... מיר זיינען עהרליך! איך שווער ביי די געטער פון איתן!

יהודה האָט א שמייכעל געטהאָן און זיך אָפּגערופען:

—פריעדען צו אייך, קיין שלעכטס וועט אייך נישט געשעהן, אָבער זאָג מיר, ביזטו דער איינציגער פערבליבען פון יענע וועלכע איך האָב אַ היים געשיקט בשלום?

— יע, מיין האַר, איך בין דער איינציגער אין דער גרופּע. זינט איך האָב מיין האַר׳ס גבורה געזעהן, און ווען איך בין אין דיינע הענט געווען און דו האָסט מיר נישט געטויטעט, זינט דאַן האָב איך בעשלאָסען מעהר זיך נישט צו בעהעפטען מיט די גרופּעס פון אונזערע ברידער, וועלכע לאָזען זיך ארויס צו רויבען און פּלינדערען. יעצט רייז איך צוזאַמען מיט עהרליכע סוחרים און מיר טהוען מסחר אין מצרים.

די איבריגע ישמעאלים האָבען זייערע שווערדען צוריק אין זייערע שיידען אַריינגעלעגט, און דער עלטסטער פון זיי האָט זיך אָפּגערופען:

— איינער פון אייך האָט אונז נאָר וואָס איבערגעגעבען, אַז איהר האָט עפּעס פאַר אונז צו פערקויפען, און מיר זיינען אהער צוגעקומען צו זעהן די סחורה!

— וואַרט דאָ צו א וויילע, און איינינגע פון אונז וועלען געהן און בריינגען די סחורה — האָט יהודה זיך אָפּגערופען.

— מיר ווילען אָבער פריהער אָנפילען אונזערע לאָגלען מיט וואַסער — האָט איין אַראַבער זיך אָפּגערופען.

— פיהר זיי צו צום טייכעל, נפתלי — האָט לוי צו איהם געזאָגט.

נפתלי האָט זיי צוגעפיהרט צום טייכעל און זיי האָבען גענומען אָנ־טרינקען זייערע קעמלען און אָנפילען זייערע לאָגלען מיט וואַסער.

— וואָס פאַר אַ סחורה האָט איהר אונז צו פערקויפען? — האָט דער הויפּט פון די ישמעאלים אַ פרעג געטהאָן.

— מיר האָבען אייך צו פערקויפען אַ וואונדערבארען קנעכט — האָט נפתלי געענטפערט — איהר וועט איהם באַלד זעהן וועט איהר זיך אַליין איבערצייגען.

שמעון און לוי האָבען מיטגענומען אַ לאַנגע און דיקע שטריק און זיי זיינען אוועקגעגאַנגען צו דער גרוב.

זיי האָבען זיך איבערגעבויגען און צו זייערע אויערען האָט דערגרייכט יוסף׳ס כליפּען...

— יוסף דאָס ביזטו! — האָט לוי אויסגערופען.

— אָה, מיין ברודער ראובן! דו ביזט געקומען מיך ראַטעווען! געלויבט איז גאָט! איך וועל דיין חסד קיינמאָל נישט פערגעסען.

— איך וועל אַרונטערלאָזען אַ שטריק, און דו בינד זיך אַרום און מיר וועלען דיך אַרויפהייבען פון דאַנען — האָט שמעון זיך אָפּגערופען.

— ווער איז דאָס? — האָט יוסף פון גרוב אַ פרעג געטהאָן. איז דאָס דען נישט ראובן?!

פרעג נישט קיין פראַגעס און גאַרטעל זיך אַרום מיט׳ן שטריק, — האָט שמעון אַרונטערגעשריען — ביזטו פערטיג?

— פאַרטיג! — האָט יוסף אויסגערופען.

שמעון און לוי האָבען איהם גענומען אַרויפציהען און באַלד האָט יוסף ווידער דערזעהען די ליכטיגע וועלט, און האָט ווידער פריי געאָטהעמט! ער האָט דערזעהן זיינע ביידע ברידער שמון און לוי, וועלכע האָבען איהם פריהער אַזוי שטאַרק געשלאָגען, אָבער יעצט האָבען זיי איהם פון גרוב בעפרייט, איז ער זיי געווען אַזוי דאַנקבאַר, אַז ער האָט זיי אין זיין האַרצען אַלעס מוחל געווען.

— אָה, מיינע ברידער! — האָט יוסף זיך צו זיי אָפּגערופען, און האָט זיך גענומען אויסגלייכען — אייער שפּאַס וואָס איהר האָט מיט מיר געמאַכט, האָט מיר פיעל שרעק פערשאַפט! אָה, ווי שרעקליך דאָרטען אין גרוב איז געווען! ראַצען און אַנדערע שרצים. אָה, ווען איך דערמאָן זיך, געהט מיר איבער אַ גרויל איבער׳ן לייב!

— קום מיט אונז! — האָט שמעון טרוקען אַ זאָג געטהאָן.

— וואו איז מיין העמדעל? — האָט יוסף זיי אַ פרעג געטהאָן — אין גרוב איז געווען אַזוי קאַלט און פייכט.

— באַלד וועסטו אַלעס קריגען! — האָט שמעון מיט אַ שמייכעל געזאָגט.

יוסף האָט בעטראַכט די שעהנע נאַטור אַרום, ווי וואונדערשעהן אַלעס איז אַרום. די לופט איז אַזוי פריש, ווי וואַרעם און ליעבליך די זון שיינט. ווי ליכטיג און העל אַלעס איז אַרום איהם! אָה, ווי גוט עס איז ווידער צו זיין פריי... דאָרטען אין גרוב איז דאָך געווען אַזוי שרעקליך, שטיקענד און פינסטער... געמיינט האָט ער, אַז ער וועט שוין קיינמאָל די ליכטיגע שיין נישט זעהן, ביז ראובן איז צו איהם געקומען און פערזיכערט, אַז ער וועט

איהם פון גרוב בעפרייען.. אָבער אַזוי לאַנג איז ער דאָרטען געווען. יעדע רגע האָט זיך ווי יאָהר געצויגען, און ראובן איז נאָך אַלץ נישט געקומען. דאַן האָט ער אָנגעפאַנגען ציטערען פיליכט דערלאָזען נישט די ברידער אַז ראובן זאָל איהם בעפרייען. אָבער יעצט זעהט ער, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות... שמעון און לוי, די ברידער וועלכע האָבען איהם אַם מעהרסטען פיינט, זיינען גאָר געקומען איהם צו בעפרייען.

— נו, קום וואָס שטעהסטו? — האָט איהם שמעון אָנגענומען פאַר דער האַנט...

— יעצט פיהל איך אַ וואַרימע ברודערליכע האַנט! — האָט יוסף געזאָגט און קוים זיך בעהערשט פון צו וויינען — אייגען פלייש און בלוט ווערט דאָך נישט פערפרעמדט.

—נו, רייד נישט צו פיעל און קום שנעלער! — האָט לוי אַ זאָג געטהאָן.

יוסף האָט אריינגעקוקט אין זייערע אויגען און עפּעס האָט איהם דאָס הארץ ווידער אָנגעפאַנגען צו שרעקען... זיי מיידען אויס איהם צו קוקען גלייך אין די אויגען! וואָס קען דאָס בעדייטען? אפשר פיהרען זיי איהם פאָרט טויטען. ניין! — האָט ער זיך באַלד אַליין בערוהיגט — זיי שעהמען זיך צו קוקען איהם גלייך אין די אויגען, נאָכדעם ווי זיי האָבען איהם אַזוי שענדליך בעהאַנדעלט.

— האָט איהר אפשר ביי זיך אַ ביסעל וואַסער? — האָט יוסף זיך אָפּגערופען — איך ווער פערברענט פון דורשט. דאָס ברויט וואָס ראובן האָט מיר אין גרוב אריינגעוואָרפען האָב איך אפילו אין מויל נישט אריינ־גענומען, ווייל איך בין געווען זעהר דורשטיג.

— באַלד וועסטו קריגען וואַסער! — האָט שמעון אַ זאָג געטהאָן.

— אָה, איך האָב זיך יעצט דערמאָהנט! איך האָב צוגעבונדען מיין אייזעל נישט ווייט פון אייער לאַגער. איך האָב געהאַט אין זינען באַלד צור־ריקגעהן און איהם ברייננגען צו אייך אין לאַגער... ער מוז אויך שוין זיין זעהר דורשטיג און הונגעריג! עס איז דאָך אַ צער בעלי חיים!

— דיין אייזעל איז שוין ביי אונז אין לאַגער! — האָט לוי אַ זאָג געטהאָן.

— אויף צוריק אַ היים צום פאָטער, וועל איך ביי אייך נעהמען אַ פערד — איך האָב פיעלע צרות געהאַט אויף'ן וועג מיט'ן אייזעל; ער פלעגט זיך איינשפּאַרען פּלוצלונג אין נישט וועלען געהן ווייטער. און אפילו אַז איך בין פון איהם אַרונטער און גענומען שלעפען, האָט מיר לאַנג געדויערט ביז וואַנען מיר איז געלונגען איהם פון אָרט צו ריהרען... אַ פערד איז אַלעמאָל בעסער, און בפרט נאָך אַזאַ לאַנגע שטרעקע ווי פון חברון ביז אַהער.

שמעון און לוי האָבען זיך איבערגעוואָרפען מיט בליקען און האָבען געשוויגען.

זיי זיינען צוגעקומען צו די איבריגע ברידער, וועלכע זיינען געשטאַנען און האָבען בעטראַכט יוסף'ן מיט זייערע קאַלטע בליקען...

שמעון האָט צוגערופען יהודה׳ן אָן אַ זייט און זיך צו איהם אין דער שטיל אָפּגערופען:

— וואו זיינען די ישמעאלים?

— זיי האָבען זיך נאָך נישט צוריקגעקעהרט פון טייכעל — האָט יהודה געענטפערט. — דערווייל ווע לען מיר געבען יוסף׳ן וואָס צו עסען. ער וועט האָבען מיט זיי אַ לאַנגע רייזע צו מאַכען... זיי פאָהרען נאָך מצרים.

— וואָס ווייטער זיי וועלען איהם אוועקפיהרען, אַלץ בעסער וועט עס זיין פאַר אונז — האָט שמעון צוגעגעבען — מיר דאַרפען אָבער זעהן, אַז זיי זאָלען איהם נישט פערביי פיהרען חברון... אימיצער קען נאָך דאָרטען איהם דערקענען און איבערגעבען דעם פאָטער.

— איך בין זיכער אַז זיי וועלען זיך פערנעהמען צו מעריב זייט. זיי וועלען ווע לען אויסמיידען עדלם, וואו זיי האָבען נישט לאַנג צוריק געכאַפּט אַ מפּלה פון מיר, זיי וועלען זיך געוויס פערנעהמען צו די טהאָלען.

אשר האָט דערלאַנגט יוסף׳ן וואַסער און שפּייז און יוסף האָט זיך קוים צוגעכאַפּט... ער האָט אויסגעטרונקען דאָס וואַסער און האָט גענומען עסען מיט גרויס אַפּעטיט. די ברידער האָבען געשוויגען און יעדער האָט זיך בעמיהט צו קוקען אין אַן אַנדער ריכטונג און אויסמיידען זיך צו בעגעגענען מיט יוסף׳ס בליקען...

דאָס שטילשווייגען פון זיינע ברידער האָט אָנגעפאַנגען יוסף׳ן צו בעאומרוהיגען. און נאָך מעהר איז ער געווען בעזאָרגט פון די גוטסקייט וואָס די ברידער האָבען איהם גענומען ארויסווייזען אַזוי פּלוצלונג... זיי האָבען שטאַרק חרטה אויף זייערע מעשים. — האָט יוסף זיך געטראַכט.

— וואו איז דאָס ראובן? — האָט יוסף זיך ארומגעקוקט — און נפתלי׳ן זעה איך אויך נישט!

— עס! און רייד נישט קיין סך! — האָט שמעון זיך אויף איהם אָנגעבייזערט.

באַלד האָט יוסף דערהערט אַ טומעל און אַ געפּילדער, און ווען ער האָט זיך ארומגעקוקט האָט ער דערזעהן נפתלי׳ן אָנקומענדיג, און נאָך איהם קומט אָן אַ קאַראַוואַן פון ישמעאלים.

ער איז געבליבען שטעהן אַ צוטומעלטער, מיט אַ ביסען אין מויל און אָנגעקוקט די אָנקומענדיגע מיט ערשטוינונג...

— אָט דאָרטען איז ער! — האָט ער געהערט נפתלי׳ס שטימע און געזעהן ווי ער האָט מיט זיין פינגער אָנגעצייגט אויף איהם. אַ שוידער האָט איהם דורכגענומען: וואָס באַדייט דאָס? ווער זיינען דאָס די ישמעאלים? און פאַר וואָס פיהרט זיי נפתלי אהער?

— קום! — האָט שמעון איהם אַ נעם געטהאָן — פאַר זיי ווע סטו קענען דערצעהלען דיינע זיסע חלומות!

— מיינע ברידער!! — האָט יוסף אויסגעבראָכען אין אַ געוויין — וואָס ווילט איהר יעצט צו מיר טהאָן?

— קום! זאָגט מען דאָך דיר! — האָט לוי איהם אַ שלעפּ געטהאָן

און הויך אויסגערופן: וואָס זאָגט איהר צו אזא קנעכט... ער וויל גאָר הערשען איבער אונז.

די ישמעאלים זיינען געבליבען שטעהן צוטומעלטע ווען זיי האָבען דערזעהן יוסף׳ן. זיי האָבען א ווייל ניט געקענט קומען צו זיך פון בע־וואונדערונג, ווען זיי האָבען בעמערקט יוסף׳ס שעהנעם פּנים און שלאַנקע פיגור...

יהודה האָט גלייך בעמערקט זייער פערלעגענהייט און ער האָט זיך צו זיי אָפּגערופען:

— מיר האָבען דיזען קנעכט זעהר פיין בעהאנדעלט די גאנצע צייט. ווי מיט אן אייגענעם ברודער זיינען מיר זיך מיט איהם בעגאנגען, און יעצט האָט ער זיך גענומען איינריידען, אז ער איז אונזערער א ריכטיגער ברודער און וויל אונז מעהר ניט פאָלגען, דעריבער האָבען מיר בעשלאָסען איהם צו פערקויפען פאר א קנעכט, וואו ער וועט זיך מעהר ניט קענען איינ־ריידען אזעלכע נארישקייטען. אָבער אזוי איז ער זעהר א ווינשענסווערטהער קנעכט. ער איז שטארק און קען טהאָן אלערליי ארבייט. דער איינציגער חסרון וואָס ער האָט איז, וואָס אָפּטמאָל איז ער פערחלומ׳ט... איהם וואָלט זיך זעהר שטארק געוואָלט ווערען א הערשער, אָבער איך גלויב, אז עטליכע גוטע קלעפּ מיט אייערע פויסטען אָדער א פּאָר שמיץ פון אייערע בייטשען וועלען איהם ברייגגען צום שכל...

יוסף האָט שוין איצט געזעהן אז די ברידער וועלען איהם פערקויפען פאר א קנעכט צו די ישמעאלים, ער איז געפאלען אויף זיינע קניה און זיך גענומען בעטען ביי זיי:

— מיינע ברידער! האָט רחמנות אויף מיר, טהוט מיט מיר ניט אזא אומרעכט... זינדיגט ניט געגען אונזער פאָטער!

— „אונזער פאָטער" — האָט א ישמעאלי געלאכט — ער האָלט אייער פאָטער אויך פאר זיין פאָטער?! גוט, אין אונזערע הענט וועט ער זיך שוין אויסמענשלען...

— מיר גלויבען אויך אז איהר וועט פון איהם קיין צרות ניט האָבען. ער וועט אייערע פאָטער׳ס ניט קענען אָנרופען אויך זיין פאָטער — האָט לוי געזאָגט.

— וועגען דעם זיינען מיר גראָדע ניט בעזאָרגט — איז דער הויפּט פון די ישמעאלים צו יוסף׳ן צוגעגאנגען, און איהם גענומען בעטראַכטען און ארומטאַפּען... — אונז וועט ער שוין פאָלגען... יע, ער געפעלט מיר זעהר גוט...

— די צרה מיט איהם איז, וואָס מיר האָבען איהם געקויפט פאר א קנעכט ווען ער איז נאָך גאנץ יונג געווען! — האָט שמעון א זאָג געטהאָן — און דעריבער האָט ער געקראָגען די חוצפּה אונז אָנצורופען זיינע ברידער. און ווייל אונזער פאָטער איז צו איהם זעהר גנעדיג געווען, האָט ער זיך גענומען איינריידען אז ער איז אויך זיין פאָטער.

— מיר וועלען שוין דעם שגעון פון זיין קאָפּ ארויסשלאָגען — האָט דער עלטסטער געגעבען יוסף׳ן א זעץ אין פּלייצע.

יוסף האָט זיך געקאָרטשעט פון וועהטאָג און ער האָט נישט אויפגע־הערט צו וויינען און צו בעטען רחמים ביי זיינע ברידער:

— טויט מיך בעסער, איידער איהר זאָלט מיך פאַר א קנעכט פער־קויפען! — האָט ער זיך געבעטען ביי זיי. — אָה, וואו איז דאָס ראובן?! ווי אַזוי האָט ער דאָס דערלאָזען, אַז איהר זאָלט מיך פאַר א קנעכט פער־קויפען?! אָה, גאָט פון מיין פאָטער יעקב, העלף מיר! זעה וואָס די ברידער טהאָן מיט מיר. א זוהן פון יעקב'ן ווילען זיי פאַר א קנעכט פערקויפען!

די איבריגע ישמעאלים זיינען צו איהם אויך צוגעגאַנגען און יעדער האָט איהם גענומען בעטראַכטען און דערנאָך זיך גענומען שושקען איינער מיט'ן צווייטען.

— וויפיעל ווילט איהר פאַר דעם קנעכט? — האָט דער עלטסטער זיך געווענדעט צו די ברידער.

— דרייסיג זילבערנע שקלים! — האָט שמעון געענטפערט.

— ניין, עס איז צו טהייער... מיר ווילען האָבען פון איהם גענוג צרות, ביז וואַנען מיר ווילען זיין משוגעת פון איהם פערטרייבען. צעהן שקלים ווילען מיר פאַר איהם געבען.

— ער איז דאָך נאָך גאָר א יונגער און געזונטער קנעכט! — האָט לוי זיך אָפּגערופען. — ווען איהר וועט איהם ווילען פערקויפען, וועט איהר פאַר איהם נעהמען גאָר א גרויסען פרייז. ניין! פאַר ווינציגער פון פינף־און־צוואַנציג שקלים קענען מיר איהם נישט פערקויפען צו אייך!

— און אונז לוינט זיך נישט צו געבען פאַר איהם מעהר ווי פופצעהן זילבערנע שקלים — האָט דער עלטסטער ווידער געזאָגט — אָט ווילען מיר אייך אָפּצעהלען די זילבער און גיט אונז דעם קנעכט. פאַרוואָס זאָלט איהר אונז אומזיסט פערהאַלטען אין וועג! מיר איילען זיך זעהר שטאַרק.

— נו, זאָל זיין צוואַנציג שקלים! — האָט יהודה זיך אָפּגערופען.

— פאַר ווינציגער ווילען מיר איהם געוויס נישט פערקויפען.

יוסף איז געשטאַנען און האָט זיך געטרייסעלט פון שרעק. זיין פּנים איז געווען טויט בלאַס... זיינע אויגען רויט פון וויינען און דער קאָפּ האָט זיך איהם גענומען דרעהען... אָט הערט ער ווי זיינע ברידער דינגען זיך מיט די ישמעאלים וועגען פרייז ער זעהט ווי דער עלטסטער פון די ישמעאלים נעהמט ארויס פון ערגיץ וואו א זעקעל מיט זילבער. ער צעהלט... דער קלאַנג פון די זילבערנע מטבעות דערגרייכט זיינע אויערען... ווילען זיינע ברידער איהם טאַקע פערקויפען פאַר א קנעכט? אַ, ווי שרעקליך און שוידערליך דאָס איז אפילו צו טראַכטען וועגען דעם! אָבער אָט זעהט ער ווי יענער האָט אָפּגעצעהלט צוואַנציג שקלים אין יהודה'ס האַנט... עס ווערט איהם פינסטער אין די אויגען... יע, דער מסחר איז געמאַכט!...

— נו, דו פרינץ! יעצט געהערסטו שוין צו אונז! — האָט דער הויפּט איהם אַנגענומען פאַר דער האַנט און גענומען איהם שלעפּען

— מיינע ברידער! מיינע ברידער! וואָס האָט איהר צו מיר געטהאָן?!

— האָט יוסף אויסגעשטרעקט זיינע הענט און וויינענדיג זיך גענומען ביי זיי בעטען.

די ברידער האָבען אומגעדרעהט זייערע קעפּ און דער הויפּט האָט אַ וואונק געטהאָן צו זיינע מענשען און נאָך צוויי ישמעאלים זיינען צוגעגאנגען צו יוסף׳ן, איהם פערלייגט די הענט אויף הינטען און זיי פערבונדען מיט אַ שטריק. דעם שטריק האָבען זיי צוגעבונדען צו דעם זאָטעל פון איינעם פון די קעמלען און זיי האָבען אָנגעפאנגען זייער רייזע.

יוסף׳ס געוויינען און געשרייען האָבען נאָך אָפּגעהילכט אין דער שטילקייט פון פעלד און דערגרייכט די אויערען פון זיינע ברידער, און אַלץ ווייטער זיינען זיינע קולות שוואכער געוואָרען און אַ ווײלע שפּעטער האָט מען שוין גאָרנישט געקענט הערען...

.16

דער טרויער

ראובן האָט מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויף דעם אָנקומענדיגען אָווענט. ער האָט בכיון זיינע בהמות געפיטערט עטוואָס ווייטליך פון זיינע ברידער, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז זיינע ברידער וועלען נאָך אַ סך ריידען וועגען יוסף׳ן און ער וועט זיך נאָך ארויסריידען אַ גינסטיגען וואָרט פאַר יוסף׳ן, וועלען זיי איהם אָנפאַנגען צו פערדעכטיגען און זיין גאַנצער פּלאַן צו ראַטעווען יוסף׳ן וועט צושטערט ווערען. ער האָט שוין געהאַט אָנגעגרייט געגנוג שפּייז און וואַסער, אויך די שטריק האָט ער מיט זיך געהאַט... און אַ חוץ דעם האָט ער דיזען מאָל איוסגעקליבען אַ גוטען פערד צו פּאַשען צוזאַמען מיט די בהמות. יוסף וועט נישט האָבען קיין שוועריגקייטען, און אויב יוסף וועט זיין צו שוואַך פון שרעק און הונגער אליין צו פאָהרען, וועט ער מיט איהם מיטרייטען. אָבער וואו זאָל ער לאָזען די שאָף? וועגען דעם איז ער געוועזען זעהר שטאַרק בעזאָרגט. ער האָט גענומען טראַכטען וואָס צו טהאָן .ער וועט מוזען צוטרייבען די שאָף ניט ווייט פון דעם פּלאַץ וואו די ברידער געפינען זיך און ווען זיי וועלען זעהן, אַז ער האָט זיך נישט אומגעקעהרט, וועלען זיי דאָך איהם געוויס געהן זוכען און דאַן וועלען זיי דערזעהען זיינע שאָף... בעסער וואָלט אָבער געווען פאַר יוסף׳ן און פאַר איהם, ווען יוסף זאָל קענען אליין אַוועקרייטען. דאַן וואָלט ער זיך צוריקגעקעהרט צו זיינע ברידער און וואָלט זיי גאָרנישט דערצעהלט ביז מאָרגען און ווען זיי וואָלטען אין דער פריה אויסגעפונען, אַז יוסף איז נישטאָ, וואָלט שוין געווען צו שפּעט איהם נאָכצויאָגען.

אַזוי איז ראובן דעם גאַנצען טאָג געזעסען איינזאַם נעבען זיינע שאָף און האָט געפּלאַנעוועט ווי צו ראַטעווען זיין ברודער יוסף.

ווען די זון האָט זיך געהאַט אַ רוק געטהאָן צו מערב זייט און עס האָט שוין אָנגעפאַנגען טונקעל צו ווערען, האָט ראובן גענומען טרייבען זיינע שאָף אין דער ריכטונג פון גרוב... און וואָס נעהענטער ער איז צוגעקומען צו דער גרוב, אַלץ פרעהילכער איז ער געוואָרען. באַלד, אָט באַלד וועט ער בעפרייען יוסף׳ן, זיין ברודער, ער האָט זיך שוין נעבעך געגנוג אָנגעליטען שרעק און יסורים... געלויבט איז גאָט, וואָס איהם איז בעת מעשה איינגעפאַלען דער געדאַנק איהם אריינצוואַרפען אין אַ גרוב, אַז נישט וואָלטען די ברידער איהם זיכער געטויטעט... זייער אויפרעגונג און כעס איז געווען אַזוי גרויס, אַז קיין זאַך אין דער וועלט וואָלט זיי נישט אָפּגעהאַלטען פון

צו טויטען זייער אייגענעם ברודער. אזא שטארקע שנאה ברידער זאָלען האָבען צו אן אייגענעם ברידער, איז איהם נאָך קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו זעהן.

ראובן איז געווען זעהר צופריעדען, וואָס ער האָט זיך היינט אָפּגע־טהיילט פון זיינע ברידער. ווען ער וואָלט יעצט מיט זיי געווען צוזאמען, וואָלט ער עס נישט געקענט בעווייזען אליין אװקצוגעהן צום גרוב. יע, ער וועט באַלד בעפרייען יוסף'ן און איהם אויך בעטען נישט צו דערצעהלען דעם פאָטער, וואָס דאָ האָט פּאסירט, ווייל צוליעב וואָס זאָל ער וועלען פערשאַפען דעם פאָטער עגמת נפש?.... ער איז זיכער אז יוסף וועט איהם פאָלגען. יוסף איז דאָך זעהר א גוטער פון דער נאַטור און וועט געוויס מוחל זיין זיינע ברידער פאַר דער עולה וואָס זיי זיינען געגען איהם בעגאַנגען. ער קען דאָך גוט זיינע ברידער און ער וועט וויסען, אז אין א רגע פון גרויסער אויפרעגונג האָבען זיי זיך פערלוירען... און שפּעטער, ווען זייער כעס וועט קלענער ווערען, און די ברידער וועלען זיך דערוויסען, אז ער האָט יוסף'ן געראַטעוועט און איהם א היים געשיקט, וועלען זיי נאָך זיין גאַנץ צופריעדען פון דעם. זיי וועלען איהם דאַנקבאַר זיין. ער קען זיינע ברידער און איז זיכער, אז זיי וועלען נאָכהער חרטה האָבען אויף זייערע טהאַטען.

מיט די געדאַנקען איז ראובן צוגעקומען צו דעם גרוב. ער האָט זיך ארונטערגעבויגען און אויסגערופען

— יוסף, דאָס בין איך, דיין ברודער ראובן! יוסף איך בין געקומען דיך ארויסנעהעמען פון דאַנען!

ראובן האָט צוגעלעגט זיין אויער און זיך גענומען איינהערען. עס איז גאַנץ שטיל. איז עס מעגליך, אז יוסף איז דאָרטען איינגעשלאָפען? האָט ער א טראַכט געטהאָן. יע, ער איז זיכער אין דעם. יוסף האָט װאַרשיינליך די לעצטע נאַכט נישט געשלאָפען. מיעד איז ער געוויס געווען; צעקלעמט צושראָקען איז ער אויך געווען און דערצו האָבען איהם די ברידער גוט אָנ־געקלאַפּט, האָט ער געמוזט איינשלאָפען...

— יוסף! יוסף! — האָט ער גענומען שרייען מיט זעהר א הויכער שטימע — יוסף, שטעה אויף! דאָס בין איך, ראובן, איך האָב שוין אַלעס צוגעגרייט, יוסף! דו שלאָפסט!?

די שטילקייט האָט אָנגעפאַנגען ראובן'ען צו בעאומרוהיגען. זאָל עס מעגליך זיין, אז ער זאָל אריינפאַלען אין אזא געשמאַקען שלאָף? ווער וויים, אפשר? א ציטער געהט דורך זיין קערפּער, ווען ער נעהמט דערפון טראַכטען. אָ, גאָט! איז מעגליך אז ער איז טויט?! איז ער געשטאָרבען פון שרעק?!

— יוסף! יוסף! — האָט ראובן גענומען שרייען מיט זיין גאַנצען כח. — יוסף, שטעה אויף! אָה, יוסף! שטעה אויף, האַלט זיך אָן אין דער שטריק! האָט ער ארונטערגעוואָרפען דעם שטריק אין גרוב אריין. ער האָט גענומען ארויפציהען די שטריק און זיי זיינען געווען אזוי לייכט... זיין שרעק איז גרעסער געוואָרען... ער האָט זיך נאָך טיעפער ארונטערגעבויגען

איבער׳ן גרוב. ער האָט אָנגעשטריינגט זיינע אויגען און אויערען, אָבער ער האָט פון דער טיפער טיעפעניש גאָרנישט געקענט הערען.

ער האָט ארויסגענומען די שטיינדלעך, מיט וועלכע ער פלעגט מאכען פייער, און ער האָט זיי גענומען שטארק רייבען איינס אין דעם צווייטען. ער האָט אָנגעצונדען אַ שטיקעל האָלץ און מיט דעם פייער האָט ער זיך נאָכאַמאָל אריבערגעבויגען איבער דעם גרוב און ער האָט יוסף׳ן דאָרט נישט געזעהן.

ראובן האָט לייכטער אָפּגעאָטהעמט... דאַנקען גאָט, וואָס ער האָט יוסף׳ן נישט געפונען אַ טויטען אין גרוב! ער מוז זיך זיכער געפינען מיט די ברידער אין לאַגער... ווי עס ווייזט אויס, האָבען זיי זיך דערבאַרימט איבער איהם און ווי נאָר זייער כעס האָט זיך איינגעשטילט, האָבען זיי חרטה געהאַט און איהם ארויסגענומען פון גרוב. אַ גליקליכע פרייד האָט איהם ארומגענומען. עס איז אַ סך בעסער, אַז די ברידער האָבען זיך אליין ארומגעזעהן, אַז זיי בעגעהען אַן עולה געגען יוסף׳ן און האָבען איהם פון דאַנען אריויסגענומען, האָט ראובן געטראַכט און זיך אויפגעהויבען פון פלאַץ. עס איז גוט, וואָס עס וועט זיך אזוי אויסלאָזען. דאָס וועט איינמאָל פאַר אַלעמאָל מאַכען אַן ענדע צו זייער אומזיסטער שנאה צו יוסף׳ן און אויסער דעם וועט ער קענען צוריקקריגען זיין זיידען העמדעל, און דער פאָטער וועט איהם נישט דאַרפען פרעגען וואו זיין „כתנת פסים“ איז אַהין געקומען. ווען אָבער ער וואָלט איהם נאָך דאָ געטראָפען און איהם אליין, אָהן דער צו־שטימונג פון די ברידער, אַוועקגעשיקט, וואָלט ער דאָך געמוזט אנטלויפען אָהן דעם זיידען העמדעל, און וואָס וואָלט ער דעם פאָטער געקענט זאָגען וועגען דעם.

ראובן האָט גענומען טרייבען זיינע שאָף צו די ברידער. היינט וועט געשלאָסען ווערען אַ בונד פון אייביגען שלום צווישען זיינע ברידער און יוסף׳ן, האָט ער געטראַכט. און נאַכהער וועלען זיך אַלע צוריקקעהרען צו זייער פאָטער קיין חברון און וועלען נישט זיין געצוואונגען צו פערברייני־גען אַזאַ לאַנגע צייט אין דער פרעמד.

ראובן האָט בעמערקט די פייערלעך וואָס האָבען ווי קליינע צינגער זיך געהויבען פון דעם לאַגער פון זיינע ברידער... יע, עס איז דאָרטען שטיל און רוהיג... יוסף מוז זיי יעצט געווים מעשיות דערצעהלען.. ער האָט שנעל צוגעטריבען די שאָף צו דעם פלאַץ וואו די איבריגע שאָף פון זיינע ברידער זיינען געווען און מיט האַסטיגע טריט איז ער צוגעקומען צו זיינע ברידער.

— באַלד איז ראובן׳ען דאָס האַרץ איינגעפאַלען... די שטילקייט וואָס האָט געהערשט צווישען די ברידער האָט איהם אָנגעפאַנגען צו שרעקען.

— וואו איז יוסף? — האָט ער אויסגערופען מיט אַ ציטערענדע שטימע.

די שטילקייט איז נאָך מעהר אָנגעשטרענגט געוואָרען, די פנים׳ער פון אַלע זיינע ברידער האָבען אויסגעקוקט צו זיין טויט־בלאַס און צושראָקען. יעדער איז געשטאַנען באַוועגלאָז, מיט די אויגען ארונטער צום באָדען.

— איהר האָט זיך פאָרט נישט איינגעהאַלטען און געטויטעט אייער

ברודער! — האָט ראובן אויסגעשריען מיט אַ ביטער געוויין — אַ, גאָט! מיר זיינען אַלע פערלאָרען!... מיר אַלע האָבען דעם טויט פערדיענט, פאַר פערגיעסען דאָס בלוט פון אונזער ברודער! אָה, וואו איז זיין טויטער קערפער, לאָמיר אַלע צוגעהן און וויינען, און בעטען, פיליכט וועט ער אויף אונז רחמנות האָבען און וועט אונז מוחל זיין פאַר דעם שרעקליכען און גרויזאַמען פערברעכען וואָס מיר האָבען בעגאַנגען געגען אונזער ברודער און געגען אונזער ליעבען פאָטער.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי צושריען און צוליאַרעמט? — האָט שמעון זיך אָפּגערופען און גענומען זיך אויסגלייכען — מיר האָבען יוסף׳ן נישט געטויטעט.

— יוסף לעבט! — איז ראובן אַרויפגעפאַלען אויף שמעון׳ן און איהם גענומען האַלזען און קושען — יוסף איז נישט טויט! אָה, זאָל דיך גאָט בענטשען און דערפרעהען, ווי דו האָסט מיך נאָר וואָס דערפרעהט. יוסף לעבט!... וואו איז ער דאָס, יוסף? אָה, ער רוהט זיך געוויס אויס אין געצעלט! — ער איז דאָך געוועז אַזוי מיעד און צושראָקען... געלויבט ביזטו גאָט, וואָס דו האָסט געעפענט די אויגען פון מיינע ברידער, זיי זאָלען נישט בעגעהן דעם גרעסטען פערברעכען, דורך דער בלינדקייט פון זייער אומזיס-טיגער שנאה... אין וועלכען געצעלט רוהט זיך יוסף דאָס אויס?... איך וויל איהם זעהן און איהם קושען און בעטען ער זאָל אונז פערגעבען פאַר די שרעקליכע באַהאַנדלונג... אָבער זאָגט מיר שנעלער, וואו איז ער, יוסף? פאַר וואָס שווייגט איהר?!

— האָסטו דען אליין אונז נישט געראַטהען איהם אַריינצוואַרפען אין גרוב! — האָט לוי זיך אָפּגערופען — טו פאַר וואָס ביזטו אַזוי אויפ־געדעגט און ערשיטערט... דו האָסט דאָך אונז געזאָגט אַז מיר זאָלען איהם נישט טויטען מיט אונזערע הענט און זאָל ער אַליין שטאַרבען אין גרוב.

— איך האָב עס געזאָגט כדי אייער כעס צו שטילען, כדי איהר זאָלט דערווייל איהם קיין שלעכטעס נישט טהאָן... און איך האָב זיך געטראַכט אַז אין אָוועגט וועל איך איהם פון גרוב אַרויסנעהמען און איהם אָפּשיקען אַהיים צום פאָטער, און געלויבט איז גאָט וואָס מיין שרעק איז געווען אַן אומזיסטע... איהר האָט קיין בלוט נישט פערגאָסען! אָבער זאָגט מיר שוין שנעלער, וואו איז ער? — האָט ראובן אויסגערופען און גענומען לויפען צו די געצעלטען וואָס זיינען געווען דאַביי.

די ברידער האָבען זיך פון זייערע פלעצער נישט גערירט... זיי זיינען געבליבען שטעהן מיט די אויגען געזונקען צום באָדען.

ראובן איז ארומגעלאָפען פון איין געצעלט צום צווייטען און גערופען יוסף! יוסף! מיין ברודער, וואו ביזט דו! און ווען ער האָט יוסף׳ן נישט געפונען האָט ער זיך שנעל אומגעקעהרט צו זיינע ברידער.

— יוסף איז נישטאָ! וואו איז ער? — האָט ראובן אויסגערופען מיט שרעק.

די ברידער האָבען נאָך אַלץ נישט געוואַגט איהם צו זאָגען, זיי זיינען ווי שולדיגע געשטאַנען מיט געבויגענע קעפּ.

באַלד האָט אָבער שמעון געקראַגען מוטה און האָט אויסגערופען:
— מיר האָבען יוסף׳ן פערקויפט פאַר אַ קנעכט.
— פערקויפט פאַר אַ קנעכט?! — האָט ראובן אַ שפרונג געטהאָן ווי געביסען פון אַ שלאַנג — וואָס?! איהר האָט פערקויפט אייער אייגענעם ברודער פאַר אַ קנעכט.... איז דאָס מעגליך?..
— יע! — האָט יהודה אַ שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ — מיר האָבען איהם ערשט היינט בייטאָג פערקויפט פאַר אַ קנעכט...
— אָ, וואָס האָט איהר געטהאָן? וואָס האָט איהר געטהאָן! — האָט ראובן גענומען שרייען און יאָמערען — צו וועמען האָט איהר איהם פערקויפט?
— מיר האָבען איהם פערקויפט צו אַ קאַראַוואַן ישמעאלים, וועלכע זיינען פערבייגעפאָהרען אונזער לאַגער — האָט זבולון געזאָגט.
— איהר האָט פערקויפט יוסף׳ן, אונזער אייגען פלייש און בלוט פאַר אַ קנעכט! — האָט ראובן נישט אויפגעהערט צו ליאַרמען — און איהר ווערט נאָך אָנגערופען די קינדער פון יעקב! אָ, דאָס קינד איז נישטאָ! וואוהין וועל איך געהן?! ווי אַזוי וועל איך קענען אָנקוקען דעם פאָטער׳ס פנים... איך בין דאָך פאַר איהם מעהר פעראַנטוואָרטליך. פאַר וואָס האָט איהר געטהאָן אַזאַ שרעקליכע זאַך אָהן מיין וויסען?... פאַרוואָס האָט איהר נישט געקענט צוואַרטען און זיך מיט מיר בעראַטהען, איידער איהר האָט איהם פערקויפט! בין איך דען נישט אייער עלטסטער ברודער? האָב איך דען ביי אייך נישט פערדיענט איהר זאָלט מיך אָנפרעגען, איידער איהר טהוט אַזאַ געפעהרליכען שריט!..
— מיר האָבען געגלויבט אַז דו וועסט זיכער נישט האָבען דאַגעגען... עס איז דאָך בעסער געוועזען צו פערקויפען איהם פאַר אַ קנעכט איידער צו לאָזען איהם שטאַרבען אין גרוב! — האָט נפתלי געזאָגט — האָבען מיר דען געזאָלט וויסען דיינע מחשבות? מיר האָבען זיך גאָרנישט געקענט פאָרשטעלען, אַז געווערט האָסטו איין זאַך און אין הארצען האָסטו געטראַכט אַ צווייטער זאַך.
— מיר מוזען צוריקקריגען יוסף׳ן פון די ישמעאלים! — האָט ראובן אויסגערופען — ווייסט איהר נישט אויף וועלכען וועג זיי האָבען זיך פערנומען? לאָמיר זיך שנעל נאָכיאָגען נאָך זיי, און מיר וועלען זיי אומקעהרען דאָס געלד!... אויב נישט זיינען מיר אַלע פערלאָרענע!
— מיר האָבען זיך נישט געפרעגט וואוהין זיי געהען! — האָט יהודה געענטפערט.
— יוסף מוז צוריקגעבראַכט ווערען צום פאָטער! — האָט ראובן געשטורעמט — לאָמיר זיך אַלע ארויסלאָזען נאָכצויאָגען די ישמעאלים! מיר מוזען זיי געפינען און אויסקויפען יוסף׳ן צוריק פון זייערע הענט! און אויב זיי וועלען זיך ענטזאָגען איהם צוריקצוגעבען, דאַן וועלען מיר איהם פון זיי מיט געוואַלד נעהמען.. מיר וועלען מיט זיי מלחמה האַלטען... ביז וואַנען מיר וועלען יוסף׳ן בעפרייען פון זייערע הענט.
— איך געה! — האָט יהודה אויסגערופען — איך זעה, אַז מיר זיינען

בעגאַנגען זעהר אַ גרויס פֿערברעכען... איך האָב שטאַרק חרטה און איך בין ווילּיג צו קעמפֿען פֿאַר זיין בעפֿרייאונג!

— איך גלייך אויך! — האָט אשר געזאָגט.

— און איך אויך! — האָט נפתלי אויסגערופֿען.

— אונז ווערט שוין יע געלינגען צו בעפֿרייען יוסף'ן! — האָט שמעון אויסגערופֿען, — ווּעלען מיר איהם דען קענען צוריקשיקען צום פֿאָטער? ווען אונזער פֿאָטער וועט זיך דערוויסען פֿון אַלעס, וואָס מיר האָבען געטהאָן צו יוסף'ן, וועט ער דען אונז גאָר ווּעלען אָנקוקען?

— געוויס נישט! — האָט לוי צוגעגעבען. — פֿריהער האָבען מיר איהם גוט צושלאָגען, נאָכהער האָבען מיר איהם אין אַ פֿינסטערען גרוב אריינגעוואָרפֿען און נאָך דעם האָבען מיר איהם פֿאַר אַ קנעכט פֿערקויפֿט... יוסף וועט דאָך אַלעס דערצעהלען פֿאַר דעם פֿאָטער... און ווי אַזוי ווּעלען מיר קענען קוקען אונזער פֿאָטער גלייך אין די אויגען!

— זאָלען מיר אַקאָרשט קריגען צוריק יוסף'ן — האָט ראובן אויסגערופֿען מיט פֿערביטערונג — איך וועל שוין וויסען ווי אַזוי אַלעס אויסצוגלייכען... איך קען יוסף'ן גאַנץ גוט, און אַז איך וועל איהם בעטען אַז ער זאָל פֿאַר דעם פֿאָטער גאָרנישט דערצעהלען, וועט ער מיר זיכער פֿאָלגען! מיר ווּעלען זיך אַלע איבערבעטען און מאַכען שלום מיט איהם... און מיר ווּעלען ווערען גוטע און איבערגעגעבענע פֿריינד און ברידער! לאָמיר נישט פֿערליערען קיין צייט... לאָמיר שנעל זיך נאָכיאָגען...

— עס איז דאָך שוין באַלד נאַכט, און וואָס ווּעלען מיר אויפֿטהאָן אין דער פֿינסטער — איז שמעון ווייכער געוואָרען — לאָמיר וואַרטען ביז פֿריה־מאָרגען, און ווי נאָר דער מאָרגען שטערען וועט אויפֿגעהן, ווּעלען מיר נעהמען אונזערע פֿערד און זיי נאָכיאָגען

— ניין! מיר טהאָרען מעהר קיין רגע נישט וואַרטען! — האָט זיך ראובן אָפּגערופֿען — אין דער צייט וואָס מיר פֿערזאַמען זיך, ווּעלען זיי מעגליך איהם פֿערקויפֿען צו אימיצען אַנדערש! קיין זאַך טהאָן נישט שטעהן אין אונזער וועג! לאָמיר לויפֿען ברידער, און וואָס שנעלער!

אשר און גד זיינען פֿערבליבען היטען די שאָף און די געצעלטען, און די איבריגע אַכט ברידער האָבען זיך אַוועקגעלאָזען נאָכיאָגען די ישמעאלים. זיי האָבען מיטגענומען זייערע שווערדען און אַ ביסעל שפּייז און וואַסער און זיך געזעצט אויף זייערע פֿלינקע פֿערד.

די נאַכט איז צוגעפֿאַלען. אַרום איז געווען שטיל און פֿינסטער... און די ברידער האָבען אָהן אָפּשטעל געטריבען זייערע פֿערד אין דער ריכטונג פֿון דרום.

אַ גאַנצע נאַכט האָבען זיי זיך נאָכגעיאָגט דורך פֿעלדער און וועלדער... זיי האָבען זיך איינער פֿון צווייטען נישט אָפּגעטהיילט... זיי האָבען מיט גרויס אָנשטריינגונג זיך צוגעהערט צו יעדען שאָרך און נאָכגעקוקט אין יעדען פּלאַץ.

— עס איז אומזיסט אונזער מיה! — האָט לוי אויסגערופֿען — ווער

ווייס וואָס פאַר אַ וועג זיי האָבען זיך פערנומען... מעגליך אַז זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט נאָך צפון.

— און ווי איך האָב פערשטאַנען, האָבען זיי גאָר געזאָלט אָפּרייזען נאָך מצרים! ווייל זייערע קעמלען זיינען געווען אָנגעלאָדען מיט פערשיעדענע געווירצען און איך האָב געהערט אַז זיי קומען פון גלעד און פיהרען דאָס זייערע סחורות פערקויפען אין מצרים! — האָט נפתלי זיך אָפּגערופען.

— לאָמיר זיך דאָ אַ ווײלע אָפּרוהען — האָט זבולון פאָרגעשלאָגען — פאָרטצוזעצען יעצט אונזער געיעג איז צוועקלאָז, ווייל עס איז פינסטער.

— נו, גוט, לאָמיר זיך דאָ אָפּרוהען — האָט ראובן צוגעשטימט — מיר מוזען אָנזאַמלען כחות פאַר'ן פריהמאָרגען... ווי עס וועט נאָר ליכטיג ווערען וועלען מיר בענייען אונזער געיעג. מעגליך אַז מיר וועלען זיך צוטהיילען אויף דריי פערשיעדענע וועגען... אפשר וועט אימיצען פון אונז געלונגען צו קריגען אַ שפּור פון די ישמעאלים...

— און איך האָב שוין פערלאָרען די האָפנונג זיי צו טרעפען! — האָט יהודה געזאָגט מיט טרויער — איך געדענק ווען מען האָט דינה'ס טאַטער אַוועקגע׳גנב׳עט און מיר האָבען זיך אויך געלאָזט זוכען אויף פערשיעדענע וועגען און מיר זיינען צוריקגעקומען מיט לעדיגען! דאָס האַרץ שרעקט מיר, אַז אויך דיזען מאָל וועלען מיר זיך נאָכיאָגען נאָכ'ן ווינט.

— מיר מוזען יוסף'ן צוריקקריגען, אַז נישט זיינען מיר פערלאָרען! — האָט ראובן ווידער גענומען יאָמערען. — מיר טהאָרען נישט אויפגעבען אונזער האָפנונג... אָ, ווי אומגעדולדיג איך בין שוין צו זעהן דעם מאָרגענשטערען, האָט ער אַ קוק געטהאָן אויפ'ן הימעל.

— דו מוזט דאָך זיכער הונגעריג זיין — האָט איהם זבולון צוגעטראָגען עטוואָס צו עסען.

— ווער קען עס גאָר יעצט טראַכטען פון עסען! — האָט ראובן אויסגערופען — מיין האַרץ איז מיר אַזוי פערביטערט.

די ברידער האָבען זיך צוגעזעצט אויפ'ן פייכטען גראָז. זיי האָבען געגעבען די פערד עטוואָס שפּייז און אליין האָבען זיי מיט צוקלעמטע הערצער און מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויפ'ן פריהמאָרגען.

אַ טרויעריגע שטילקייט האָט געהערשט ארום, וואָס איז פון צייט צו צייט אונטערבראָכען געוואָרען פון דעם וואָיען פון שאַקאַלען... זייערע הערצער זיינען געווען שטאַרק פערביטערט. יעדער פון זיי האָט גענומען בעטראַכטען וואָס זיי האָבען אָפּגעטהאָן. אפילו שמעון, וועלכער האָט די גאַנצע צייט געזוכט צו רעכטפערטיגען זיין שנאה צו יוסף'ן, איז יעצט אויך געווען פול מיט חרטה, און ער האָט מיט זיין גאַנצען האַרצען געוואונשען אַז זיי זאָל געלונגען אָנצויאָגען די ישמעאלים און צוריקצונעהמען יוסף'ן פון זייערע הענט. ער איז אויך געווען גרייט צו קעמפען פאַר יוסף'ן אויב עס וועט נויטהיג זיין.

ראובן איז געווען פערזונקען אין זיינע טרויעריגע געדאַנקען. ער האָט גענומען גענויער בעטראַכטען די לאַגע און אַ שווידער איז דורך זיין גאַנצען קערפּער.

— ווען איך גיב נאָר אַ טראַכט ווי אַזוי איהר האָט זיך בעגאַנגען מיט אונזער ברודער יוסף׳ן, שטעלט זיך מיר די האָר קאַפּויר — האָט ראובן זיך אָפּגערופען צו זיי — מיט וואָס האָט ער דאָס אַזוי שטאַרק געגען אייך געזינדיגט? וואָס איז דאָ אַזוי, אויב דער פאָטער האָט איהם מעהר ליעב געהאַט ווי אונז! האָט עס דען יוסף נישט פערדיענט. איז ער דען נישט אַ סך בעסער פון יעדען פון אונז? וואָלט ער געווען אַ שותף צו אַזאַ שרעקליכען פערברעכען? ער איז דאָך אַזוי גוט הערציג... און איז געלע־רענט, דערצו איז ער נאָך אַזוי שעהן! אָה, ווען איך דערמאָן זיך, אַז איהר האָט איהם פערקויפט פאַר אַ קנעכט, טהוט אין מיר ציטערען און ברויזען יעדעס גליעד.

— מיר ווילען איהם צוריקקריגען — האָט לוי געזאָגט מיט טרעהרען אין די אויגען — מיר ווילען זיך נאָך אַלע פרעהען מיט איהם. און איך פערזיכער דיר, ראובן, אַז פון דער רגע וואָס מיר ווילען יוסף׳ן צוריקקריגען, וועט ער ווערען איינגעבאַקען אין אונזערע הערצער... מיר ווילען ניט נאָר, מעהר קיין שנאה אויף איהם נישט טראָגען, נאָר מיר ווילען איהם ליעב האָבען מיט אַן אמת׳ע אויפריכטיגע ברידערליכע ליעבע.

— איך קען יעצט נישט פערשטעהן ווי אַזוי מיר האָבען אָפּגעטהאָן אַזאַ שרעקליכע זאַך! — האָט יהודה צוגעגעבען — מיר האָבען אונזערע קעפּ פערלאָרען! מיר זיינען פּלוצלונג אַלע משוגע געוואָרען.

— און איך האָב גלייך געוואָלט וואָרענען געגען אַזאַ שריט — האָט זבולון זיך אָפּגערופען — אָבער איך האָב מורא געהאַט אַז די ברידער ווילען מיך בעשולדיגען אַלס פּחדן...

— אָ, ווען איך דערמאָן זיך אָן יענע צייטען, ווען מיר האָבען געפּי־טערט אונזערע שאָף ארום חברון און יוסף פלעגט צו אונז קומען און זיינע וואונדערליכע מעשיות דערצעהלען. ווי גרויס איז אונזער פערגניגען געווען — האָט יששכר געזאָגט.

— יע, מיר האָבען זיך בענאַרישט! האָט שמעון אויסגערופען — מיר זיינען בעגאַנגען אַ שרעקליכע עולה געגען אונזער ברודער און געגען אונזער פאָטער.

— לאָמיר האָפען אַז אונזער חרטה איז נאָך נישט צו שפּעט געקומען!

— האָט יהודה געזאָגט — איך וויים נישט וואָס דאָס איז, אָבער דאָס הארץ שרעקט זיך אין מיר.

— מיר ווילען זיי זיכער געפינען! — האָט לוי געזאָגט — מיר ווילען זיי זוכען איבער דעם גאַנצען לאַנד.

— אויב זיי האָבען שוין איהם נישט פערקויפט צו אימיצען אַנדערש?

— האָט ראובן טרויעריג געזאָגט.

— אפילו דאַן, ווילען מיר זיך נישט אָפּשטעלען פון אויסצוקויפען איהם!... עס מאַכט נישט וויפיעל זיי ווילען פאַר איהם פערלאַנגען! אונזער גאַנצען רייכטהום ווילען מיר אָפּגעבען אויב עס וועט נויטהיג זיין — האָט שמעון זיך אויפגעהויבען פון פּלאַץ.

אַלע האָבען אויפגעהויבען זייערע אויגען צום הימעל. עס פאַנגט שוין

אָן צו טאָגען! האָט ראובן זיך אָפּגערופען — לאָמיר פאַרטזעצען זיי נאָכ־צויאָגען.

דער מאָרגען־שטערען האָט זיך אין הימעל בעוויזען, ביסלעכווייז איז ליכטיג געוואָרען און די ברידער האָבען זיך פאַנאַנדערגעטהיילט אין פיער בעזונדערע טהיילען און אָפּמאַכענדיג אַז זיי וועלען זיך אַלע טרעפען אין אָוועגד אין בית אל און אויב עס וועט געלינגען אימיצען צו טרעפען די ישמעאלים, זאָל איין ברודער פערבלייבען מיט זיי און דער צווייטער זאָל קומען אין בית אל און אָנזאָגען, דאַן וועלען זיי אַלע צוקומען צו די ישמעאלים און אויסלייזען יוסף'ן פון זייערע הענט.

אין פיער טהייל האָבען זיי זיך צוטהיילט, צו צוויי אין אַ טהייל און זיינען אוועקגעריטען אין פערשיעדענע ריכטונגען.

דעם גאַנצען טאָג האָבען זיי ארומגעזוכט. זיי האָבען יעדען פערביי געהער אָפּגעשטעלט און געפרעגט אויב ער האָט נישט באַגעגענט אויף וועג אַ קאַראוואַן פון ישמעאלים. אָבער ווי אין וואַסער אריין. קיין שפור האָבען זיי פון די ישמעאלים נישט געקראָגען.

מיעדע, טרויעריגע, פול מיט יאוש און מיט גרויס הארצוועהטאָג, האָבען זיי זיך אַלע געטראָפען אין בית אל. יעדער האָט מיט גרויס אַנגסט בעריכ־טעט אויף וועלכע וועגען זיי האָבען זיך געלאָזט זוכען.

— מיר זיינגען פערלאָרען! מיר זיינען פערלאָרען! יוסף איז נישטאָ! ווער וויים צו ער לעבט נאָך. מעגליך אַז די ישמעאלים האָבען איהם גאָר צום טויט דערשלאָגען — האָט ראובן געזאָגט.

— זיי האָבען דאָך פאַר איהם בעצאָהלט געלד, וועלען זיי שוין זעהן איהם אָפּצוהיטען און וועלען איהם נישט טויטען — האָט שמעון געזאָגט.

— איהר וויסט, ברידער! — האָט לוי געזאָגט — עס איז מעגליך אַז די ישמעאלים האָבען איהם אַליין צוריקגעבראַכט צו אונז אין דותן... ווייל זיי האָבען דאָך געווים פערשטאַנען אַז יוסף איז נישט קיין קנעכט און דאָס ער איז אונזער ברודער, האָבען זיי זיך ארומגעזעהן אַז ווען זיי וועלען איהם צו אונז צוריק ברייגגען, וועלען זיי קריגען פון אונז אַ סך מעהר וויפיעל זיי האָבען אונז בעצאָהלט.

נאָך אַ פונק פון האָפנונג האָט אַ טליע געטהאָן אין זייערע הערצער. אָ, ווען גאָט זאָל האָבען טאַקע אריינגעגעבען אזאַ געדאַנק צו די ישמעאלים... וואָלטען זיי זיך דאָך אַלע גליקליך געשעצט.

און כאָטש זיי זיינען אַלע געוועזען אויסגעמאַטערט פון דעם גאַנצען טאָג זוכען, האָבען זיי דאָך בעשלאָסען זיך אומצוקעהרען נאָך דותן.

זיי האָבען געלאָזט די פערד אַ ווײַלע זיך אָפּרוהען. זיי האָבען געמאַכט אַ פערזוך צו נעהמען שפּייז, אָבער קיינער פון זיי האָט קיין איינציגען ביסען נישט געקענט אַרונטערשלינגען, כאָטש זיי האָבען דעם גאַנצען טאָג נישט געגעסען. אין אַ ווײַלע ארום האָבען זיי שוין געריטען צוריק נאָך דותן... זעהר שנעל האָבען זיי זייערע פערד געטריבען און דאָך האָט זיך דער וועג לאַנג געצויגען... די גאַנצע נאַכט האָבען זיי אָהן אַן אָפּשטעל געריטען און זיינען אויף'ן צווייטען טאָג ארום מיטאָג צייט אָנגעקומען אין דותן...

ווי זיי זיינען צוריק געקומען צו זייערע געצעלטען, האָבען זיי שוין געזעהן אז דער לעצטער פונק פון זייער האָפענונג איז פערלאָשען געוואָרען.

ענטטוישטע און מיט פערביטערטע הערצער האָבען זיי זיך געזעצט אויפ'ן גראָז און זיך ווידער גענומען בעראַטהען וואָס ווייטער צו טהאָן.

— דאָס קינד איז נישט דאָ! — האָט ראובן אויסגערופען מיט א וויינענדיגע שטימע — וואוהין זאָל איך געהן, וואָס וועל איך זאָגען דעם פאָטער ?!

ער האָט צוריסען זיינע קליידער פון גרויס צער און האָט זיך קיין פלאץ נישט געקענט געפינען.

— וואָס זאָלען מיר טהאָן ?! וואָס וועלען מיר זאָגען דעם פאָטער !?

— האָט ראובן געיאָמערט — איך בין דאָך דער עלטסטער, און דער פאָטער וועט מיך האַלטען פעראַנטוואָרטליך פאַר אַלעס! מיר וועלען דאָך מוזען איהם דעם אמת דערצעהלען. אָה, ווי שרעקליך!... וואָס פאַר א שוידערליכער קלאַפּ עס וועט זיין פאַר אונזער פאָטער! אין זיינע אויגען וועלען מיר אלע נאָך אַזאַ טהאַט זיין פערלאָרען צו איהם! אָה, איך פיהל זיך אַזוי שולדיג געגען יוסף'ן. איך האָב געוואָלט גלייך ארויפצווינגען מיין ווילען אויף אייך, ווען איך האָב געזעהען אז איהר פלאַנעוועט איהם שלעכטעס צו טהאָן, האָב איך גלייך נישט געדאַרפט דערלאָזען! און אַנשטאָט דעם האָב איך זיך געמאַכט ווי איך בין מיט אייך יד אחת...

— אונזער שטורעמען און ליאַרעמען וועט אונז איצט קיין נוצען נישט בריינגען — האָט שמעון זיך אָפּגערופען — מיר זעהען דאָך אז עס איז פערפאַלען. יוסף איז נישט דאָ און מיר מוזען זעהן זיך בעראַטהען וואָס צו זאָגען אונזער פאָטער.

— וואָס מיר וועלען איהם זאָגען, וועט ער זעהן אז מיר זיינען שולדיג

— האָט יהודה אויסגערופען מיט פערצווייפלונג — און איך וועל ליידען דערפון מעהר פון אייך אַלעמען... אין א פאָר טעג אַרום האָב איך געזאָלט פייערען מיין חתונה מיט עלית'ן און יעצט קען איך גאָר דערפון נישט דיינקען...

— איהם ליגט גאָר איצט אין זינען עלית! — האָט זבולון געזאָגט

— ווי קענסטו גאָר דערפון טראַכטען יעצט, ווען אַזאַ גרויסער אומגליק איז אויף אונז געקומען.

— און איז עס דען נישט געווען דיין עצה, אז מיר זאָלען איהם בעסער פערקויפען פאַר א קנעכט! — האָט אשר א זאָג געטהאָן.

— ווען איך האָב געגעבען די עצה, בין איך געווען אונטער דעם איינ־דרוק אז יוסף וועט איבערגעלאָזען ווערען אין גרוב, דאָרט צו שטאַרבען... און אַזוי ווי עס איז דאָ צווישען אונז בעשלאָסען געוואָרען אז יוסף טאָהר זיך נישט צוריקקעהרען א היים, האָב איך געראַטהען, אז עס איז בעסער פאַר אונז צו פערקויפען יוסף'ן פאַר א קנעכט איידער איהם לאָזען שטאַרבען אין גרוב... ווען איך וואָלט געוואוסט אז ראובן האָט אַנדערע פלענער, וואָלט איך זיכער געטהאָן ווי ראובן!

— יעצט האָבען מיר בלויז איין ברירה! — האָט שמעון געזאָגט.

מיר דארפֿען זיך גאָר נישט ווײַסענדיג מאַכען, און ווען עס וועט אוועקגעהן א היבשע צייט און אונזער פּאָטער וועט אונז שיקען רופען און פרעגען וואָס עס האָט פּאַסירט מיט יוסף׳ן, וועלען מיר זאָגען אז מיר ווייסען נישט! דאַן וועט ער גלויבען אז ער איז אָדער אומגעקומען אין וועג אָדער ער איז געפאַנגען געוואָרען.

— דיין עצה געפעלט מיר נישט! — האָט לוי געזאָגט — ווען מיר וועלען זיך נישט מאַכען ווייסענדיג, איז מעגליך אז דער פּאָטער וועט אויף אונז האָבען א חשד, און דאַן וועט נאָך פאַר אונז ערגער זיין.

— און ווען אפילו ער זאָל אונז נישט חושד זיין, וועט אונזער פּאָטער נישט רוהען און איהם ארומזוכען אומעטום... און ער וועט נאָך קענען דער־געהן אז מיר האָבען יוסף׳ן פערקויפט פאַר א קנעכט — האָט אשר געזאָגט.

— וואו איז יוסף׳ס זיידענע העמדעל? — האָט נפתלי א פרעג געטהאָן.

— אָה, יע, מיר מוזען עס פערברענען עס זאָל קיין שפּור דערפון נישט בלייבען! — האָט שמעון אויסגערופען — דאָס זיידענע העמדעל געפינט זיך אין מיין געצעלט. אָט געה איך עס פערברענען.

— ניין! — האָט נפתלי איהם אָנגעכאַפּט ביים האַנט — דאָס העמ־דעל וועט אונז צונוצט קומען. מיין עצה איז מיר זאָלען קוילען א יונגע ציגעלע און איינשמירען דאָס העמדעל אין דעם בלוט פון דער ציגעלע, און מיר זאָלען עס ברייננגען צו אונזער פּאָטער און איהם זאָגען אז דאָס האָבען מיר געפונען אויף׳ן וועג. פון דעם וועט דער פּאָטער דריננגען אז א חיה האָט יוסף׳ן צוריסען...

— דיר איז עס אזוי גרינג צו זאָגען — האָט ראובן איהם געענטפערט. — ווייסטו דען נישט וואָס דאָס וועט דעם פּאָטער קאָסטען! וויפיעל געזונד און יאָהרען אזא בעריכט וועט פון איהם אוועקנעהמען.

— אָבער איך גלויב אז דאָס איז דער איינציגער וועג — האָט לוי צוגעגעבען — מיר האָבען דען אַן אנדער ברירה?!

— און איך שטים אויך איין דערצו! — האָט שמעון געזאָגט — מיר טאָרען דעם פּאָטער יעצט דעם אמת נישט דערצעהלען, אז נישט זיינען מיר אַלע פערלאָרענע!

— עס איז אונז שלעכט אזוי און שלעכט אזוי! — האָט יהודה אויסגערופען — דאָך פון צוויי שלעכטע זאַכען דארפֿען מיר אויסקלייבען דאָס וואָס איז וויניגער געפעהרליך. דעריבער גלויב איך אויך אז מיר זאָלען אָננעהמען נפתלי׳ס עצה.

— איידער מיר געהען טהאָן אזא זאַך, מוזען מיר אַלע נעהמען א שבועה, פאַר קיינעם אונזער סוד נישט צו ענטדעקען — האָט נפתלי געזאָגט.

— געוויס, מיר וועלען אַלע שווערען! — האָבען די איבריגע ברידער געזאָגט.

— אויך דו, ראובן, וועסט מוזען שווערען גאָרנישט צו דערצעהלען דעם פּאָטער — האָט שמעון געזאָגט.

— עס איז טרויעריג און שרעקליך געגוג, ווען מיר נהעמען זיך פאַר־שטעלען וואָס פאַר אַ פערברעכען מיר זיינען בעגאַנגען געגען אונזער ברו־דער. און יעצט ווילען מיר נאָך דאַרפען שווערען צו באַגעהן אַ פערברעכען געגען אונזער פאָטער. מיר ווילען איהם דאַרפען זאָגען אַזא שרעקליכען ליגען! — האָט ראובן געזאָגט.

— מיר קענען זיך אָבער נישט העלפען! — האָט יהודה געענטפערט

— דאָס איז די איינציגע ברירה וואָס אונז איז פערבליבען... מיר גיבען אַלע צו אַז מיר האָבען געזינדיגט, און זעהר שטאַרק! אָבער ווען מיר זאָלען דעם פאָטער דעם אמת דערצעהלען, ווילען מיר איהם דאַמיט נישט גרינגער מאַכען און אויף אונז ווילען מיר ברייגנען אַ צרה!

— ביים פאָטער וועט עס פערדעכענט ווערען נאָך ערגער ווי דער טויט... און דערצו, ווען ער וועט זיך דערוויסען, אַז מיר האָבען איהם אַליין פאַר אַ קנעכט פערקויפט, דאָס וועט זיין לעבען נאָך מעהר פערביטערען — האָט זבולון צוגעגעבען.

— מעגליך, אַז גאָט וועט אונז העלפען, און ווילען נאָך פיליכט אַמאָל געפינען יוסף׳ן, דאַן ווּלען מיר קענען דעם פאָטער דעם אמת דערצעהלען, אָבר כל זמן מיר וויסען נישט וואו ער געפינט זיך, טאָר דער פאָטער פון קיין זיך נישט וויסען — האָט לוי געזאָגט.

— לאָמיר אַלע שווערען! — האָט שמעון אויפגעהויבען זיין רעכטע האַנט.

די איבריגע ברידער האָבען אויך געטהאָן דאָס זעלבע, און שמעון האָט אויסגערופען:

— „מיר שווערען אַלע אין דעם נאָמען פון דעם אַלמעכטיגען גאָט, נישט צו דערצעהלען דעם פאָטער און אימיצען אַנדערש פון אַלעם וואָס מיר האָבען געטהאָן מיט יוסף׳ן, סיידען אַז אונז וועט געלינגען צו געפינען יוסף׳ן און בעפרייען איהם פון קנעכטשאַפט!“

— אמן! — האָבען די איבריגע ברידער געענטפערט.

— יעצט דאַרפען מיר קוילענען אַ יונגע ציגעלע — האָט יהודה געזאָגט, — און דו שמעון ברייגג ארויס דאָס זיידענע העמדעל.

שמעון איז שנעל אַוועק צו זיין געצעלט און פון דאַרטען ארויסגע־נומען דאָס זיידענע העמדעל און דערווייליע האָבען זיי געקוילעט אַ יונגע ציגעלע און ווען שמעון האָט דאָס העמדעל צוגעטראָגען, האָבען זיי עס איינגעטונקט אין דעם בלוט פון דער ציגעלע, נאָכהער האָבען זיי דאָס העמדעל איינגעשמירט מיט שטויב און בלאָטע.

— ווער פון אונז זאָל געהן און עס ברייגגען פאַר׳ן פאָטער? — האָט שמעון געפרעגט.

— מיר ווילען אַלע מוזען געהן! — האָט ראובן געענטפערט — מיר ווילען אויך דאַרפען וועגען דעם איבערטראַכטען — האָט לוי געזאָגט — ווען מיר זאָלען אַלע מיטאַמאָל קומען צום פאָטער און איהם צייגען דאָס העמדעל, וועט דאָס ערוועקען אַ חשד אויף אונז... אמת, מיר האָבען דאָס העמדעל דערקענט, אָבער דאָך קענען מיר דאָך נישט זיין זיכער, אַז יוסף

האָט גאָר פערלאָזען חברון... וואָס מיר דאַרפען טהאָן, כדי אָפּצואוואישען דעם מינדעסטען פערדאַכט פון אונז, איז צו שיקען דאָס העמדעל מיט צוויי פון אונז און דערווייל וועלען מיר אויך טרייבען אונזערע שאָף צוריק אין חברון. און ווען די צוויי ברידער וועלען קומען צו אונזער פּאָטער, זאָלען זיי איהם גלייך פרעגען, וואו איז יוסף? און ווען אונזער פּאָטער וועט אויסדריקען זיין ערשטוינונג און פרעגען פאַר וואָס זיי שטעלען איהם אזא פראַגע, דאַר וועלען זיי איהם ווייזען דאָס העמדעל.

די ברידער האָבען פאַנאַנדערגענומען זייערע געצעלטען און מיטגענומען אַלעס וואָס זיי האָבען געהאַט, און גענומען זיך צוריקקעהרען נאָך חברון. זיי האָבען זייערע שאָף לאַנגזאַם געטריבען. נפתלי און זבולון זיינען אוועק פריהער מיט דעם העמדעל...

די הערצער פון די ברידער זיינען געווען פערטרויערט און אַנגעוועהטאָגט. יעדער האָט געפיהלט די גרויסע שולד אויף זיין געוויסען. אָבער מעהר פון אַלעמען איז יהודה׳ס הארץ אָנגעפילט געוואָרען מיט צער און וועהטאָג... ווי אַזוי האָט ער געקענט דערלאָזען צו אזא זאַך? — האָט ער געטראַכט — זיין לעבען איז געווען פול מיט גליק, ער האָט געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד אויף דעם טאָג ווען ער וועט זיך קענען פעראייניגען מיט עלית׳ן... און יעצט, ווי קען ער גאָר דערפון טראַכטען! ער האָט אַליין געבראַכט אַ גרויסע צרה אויף זיך און אויף זיין פאָטער... ווען ער וואָלט נישט פאַרגעשלאָגען איהם צו פערקויפען, וואָלט דאָך דאַן גאָרנישט געשעהן, יוסף וואָלט זיך צוריקגעקעהרט אַ היים און ער וואָלט אויך געקענט האַלטען זיין פערשפּרעכען צו עלית׳ן און יעצט... יהודה טוט אַ ציטער ווען ער שטעלט זיך פאָר וואָס דער פּאָטער וועט זאָגען, ווען מען וועט איהם אָנזאָגען די טרויעריגע נייעס... ווען דער פּאָטער וועט זעהן דאָס פערבלוטיגטע העמדעל און ער וועט דענקען, אַז אַ חיה האָט יוסף׳ן צוריסען... ווי גרויס זיין צער און יסורים וועלען זיין. וועט מען איהם דען קענען טרייסטען? און יוסף׳ן האָט ער דאָך אַזוי שטאַרק ליעב געהאַט.

וואָס נעהנטער די ברידער זיינען געקומען צו חברון, אַלץ שטאַרקער האָבען זייערע הערצער געקלאַפּט. יעדער האָט געהאַלטען זיין וועהטאָג אין זיך. די גאַנצע צייט האָבען זיי כמעט צווישען זיך נישט געקענט ריידען. איבערהויפּט האָבען זיך שמעון און לוי געפיהלט שטאַרק שולדיג... זיי האָבען נאָך יוסף׳ן געשלאָגען. זיי האָבען איהם געפּאַטשט. אָה, ווי שרעקליך! שמעון האָט די גאַנצע צייט פון וועג כמעט זיין קאָפּ נישט געקענט אויפהויבען און קוקען זיינע ברידער גלייך אין די אויגען. און ווען זיי זיינען געווען אין טהאָל פון חברון, האָט זיך שמעון אָפּגערופען מיט אַ טרויעריגער שטימע:

— אָ, ווען איך זאָל אַלעס קענען פעררעכטען, וואָלט איך מיין לעבען אָפּגעגעבען. איך געה די גאַנצע צייט און טראַכט צו זיך אַליין: וואָס האָב איך געהאַט צו מיין אָרימען אומגליקליכען ברודער יוסף... פאַר וואָס האָב איך איהם פיינט געהאַט? וואָס פאַר אַ שלעכטס האָט ער צו אונז געטהאָן? נאָך אַלעמען, אויב אָפילו ער האָט יע ווען עס איז דעם פּאָטער דערצעהלט

וועגען אונזערע שלעכטע אויפפיהרונג, איז ער דען נישט געווען גערעכט? ער האט דאך בלויז געמיינט אונזער טובה. און וויפיעל מאל האט ער אונז פערשאפט פערגניגען! און אפילו אז דער פאטער האט איהם מעהר ליעב געהאט פון אונז, איז וואס? ער איז דאך פארט אינגער און שעהנער פון אונז אלעמען. און ער האט געווים א בעסערע נאטור פון מיר, ער וואלט אזא געמיינהייט קיין מאל נישט בעגאנגען. אונזערע הערצער זיינען געווען ווי שטיינער. א, איך האב געזינדיגט! און איך וואלט געוואלט שטארבען פאר מיין זינד!

ווען די ברידער האבען דערהערט שמעון'ס ווערטער, האבען אלע אויסגעבראכען אין א געוויין. לאנג האבען זיי געוויינט און געקלאגט, אלעס איז פלוצלונג פינסטער געווארען פאר זיי. שווערע און שווארצע וואלקענעס זיינען געהאנגען איבער זיי.

— ברידער — האט יהודה זיך אפגערופען — מיר ווייסען אלע, אז מיר האבען בעגאנגען א שוידערליכען פערברעכען געגען אונזער ברודער און פאטער. אבער די זאך איז שוין פערפאלען, מיט אונזער טרויער'ן און קלאגען וועלען מיר אויף גארנישט פערגרינגערען די שמערצען פון אונזער ליעבען פאטער. מיר האבען געשוואר'ען אז מיר זאלען דעם סוד האלטען, און יעצט, אויב מיר וועלען זיך אזוי פערליערען, וועט דער פאטער דען נישט פערשטעהן אז מיר זיינען שולדיג אין אלעם! לאמיר זיך שטארקען און קריגען מוטה.

יעקב האט מיר גרוים אומגעדולד געווארט אויף יוסף'ס צוריקקעהר. ער האט אויסגערעכענט אז עס דארף געדויערען יוסף'ן פון זעקס ביז אכט טעג צו געהן אהין און צוריק. און יעצט איז שוין צעהן טעג פאריבער און יוסף איז נאך אלץ נישט צוריקגעקומען. ער האט זיך אבער געטרייסט, אז געווים איז יוסף פערבליבען מיט זיינע ברידער אויף א פאר טעג.

און ווען עס איז אנגעקומען דער אווענט, און יוסף איז נאך נישט געקומען, האט יעקב געוואוסט, אז ביז מארגען האט ער איהם נישט צו ערווארטען, ווייל ער האט יוסף'ן אנגעזאגט נישט צו פארטזעצען זיין רייזע נאכדעם ווי די זון וועט אונטערגעהן.

אבער ווען די זון איז אויפגעגאנגען און עס איז גאנץ ליכטיג געווארען אזוי איז יעקב ארוים פון זיין געצעלט און געקוקט אין דער ווייטקייט אריין, פילייכט וועט אנקומען זיין זוהן.

— וואס קען דאס זיין? — האט יעקב אנגעהויבען זיך צו וואונדערען עס איז שוין דער צוועלפטער טאג און יוסף האט זיך נאך נישט צוריקגע־קעהרט?

— נו, די קינדער האבען דאך יוסף'ן אזא לאנגע צייט נישט געזעהן האבען זיי איהם פערהאלטען מיט זיך נאך א פאר טעג — האט לאה געזוכט צו בערוהיגען יעקב'ן.

— פאר זיין אוועקגעהן האט מיר יוסף געזאגט, אז ער וועט געהן

בעזוכען דעם קבר פון זיין מוטער רחל — האט דינה זיך אפגערופען — און מסתמא האט ער דארט אויך פערזאמט א ווייל.

טרעהרען האבען זיך בעוויזען אין יעקב׳ס אויגען ווען ער האט עס דערהערט. זיין טייערע און ליעבע פרוי רחל! זי איז שוין טויט אזוי פיעל יאהרען, אזוי יונג איז זי פון דער וועלט אוועק, די גוטהערציגע און נאבעלע רחל. זי האט קיין אומרעכט נישט געקענט צוזעהן, זי האט אלעמען ליעב געהאט און איז געווען גרייט זיך מקריב צו זיין פאר יעדען איינעם ווען זי האט נאר געקענט ברייננגען א טובה.

— מיר וואונדערט זיך וואס יוסף האט מיר נישט געזאגט, אז ער האט אין זינען צו בעזוכען זיין מוטער׳ס קבר — האט יעקב געזאגט.

— ער האט געוואוסט פאטער, אז דיר וועט די עראינערונג פון זיין מוטער פערשאפען פיעל שמערצען, און ער האט נישט געוואלט, ווען זיין די זאלסט דורך איהם, ווענן איהר ווייטער טראכטען — האט דינה געזאגט.

— מיין ליעב קינד יוסף! — האט יעקב א וויש געטהאן זיינע אויגען — ער איז אזוי נאבעל און גוטהערציג ווי זיין מוטער. און ער וויים נישט אז איך האב נישט אויפגעהערט צו טראכטען פון רחל׳ן, זינט גאט האט איהר צו זיך גענומען. ער איז זעהר פארזיכטיג מיר קיין אומזיסטע שמערצען צו פערשאפען. זאל איהם דערפאר גאט העלפען און באשיצען וואוהין ער וועט געהן. און טאקע דערפאר, קען איך נישט פערשטעהן פאר וואס ער זאמט זיך אזוי לאנג. איך האב איהם אנגעזאגט ער זאל לאנג נישט פערבלייבען מיט זיינע ברידער, זאל ער נאר אויסגעפינען וואס זיי מאכען און וואס עס הערט זיך מיט די שאף און גלייך קומען צוריק און מיר איבערגעבען א גרוס. און יעצט ווייזט אויס אז ער האט פערגעסען זיי פערשפרעכען און פערברענגט מיט זיינע ברידער, פערגעסענדיג אז דאס וועט מיר זעהר פיעל עגמת נפש פערשאפען.

— איך בין זיכער אז נאך היינט בייטאג וועט יוסף זיך אומקעהרען — האט דינה געזאגט צו איהר פאטער. מען קען דאך נישט זיין אויסגערעכענט, דער וועג איז דאך זעהר א לאנגער און מעגליך אז ער האט זיך געמוזט אויסרוהען, ווייל די היצען זיינען זעהר גרוים.

— איך האף צו גאט אז גארנישט האט מיט איהם פאסירט! — אבער דאך בין איך זעהר אומרוהיג, מיין הארץ שרעקט מיך.

מיט יעדער רגע איז יעקב אומרוהיגער געווארען... ער איז ארומגעגאנגען הין און צוריק אין זיין געצעלט.

— איך וועל מוזען שיקען צוויי פון מיינע קנעכט זיי זאלען געהן נאך שכם און אויסגעפינען די אורזאכע פאר וואס יוסף האט זיך נישט צוריקגעקעהרט... ווער וויים וואס האט פאסירט מיט מיינע זיהן, פיליכט האבען זיך די איינוואוינער ארום שכם דערוואוסט וואס זיי האבען געטהאן צו דער גאנצער שטאדט, און זיי האבען זיך פערזאמעלט מלחמה צו האלטען מיט זיי... און יוסף איז דעריבער פערהאלטען געווארען.

— פאטער, האסטו דען נישט אנגעזאגט מיינע ברידער צו זעהען

אויסמיידען א מלחמה... וועלען זיי דען נישט טהאָן וואָס דו האָסט זיי אָנגעזאָגט? — האָט דינה זיך אָנגערופען.

— אויב אַזוי קען איך שוין גאָרנישט פערשטעהן! — האָט יעקב ארונטערגעלאָזען זיין קאָפּ — פאַר וואָס יוסף זאָל זיך אַזוי פערזאַמען, סיידען ער האָט פערלאָרען דעם וועג.

— דאָס איז געווים מעגליך! — האָט לאה געזאָגט — ווען יוסף איז דורך יענעם וועג געגאַנגען איז ער נאָך גאָר יונג געווען און ער האָט זיכער זיך געמוזט פערגעהמען אויף אַן אַנדער וועג און דעריבער געדויערט עס איהם לענגער.

דאָס איז געווען די איינציגע זאַך וואָס האָט יעקב'ן בערוהיגט. פונדעסטוועגען איז ער דריי פיער מאָל דורכ'ן טאָג אַוועק אויס'ן באַרג צו זעהן אויב יוסף קומט נישט אָן.

יעקב האָט שוין מעהר קיין געדולד נישט געהאַט צו וואַרטען. האָט ער צוגערופען צוויי פון זיינע קנעכט און זיי געגעבען פערד און גענוג שפּייז און זיי אָנגעזאָגט צו געהן נאָך שכם אויסצוגעפינען וואָס עס האָט פּאַסירט מיט זיינע זיהן, און אויב זיי וועלען זיי דאָרטען טרעפען, זאָלען זיי אָנזאָגען יוסף'ן ער זאָל זיך גלייך צוריקקעהרען.

די צוויי קנעכט האָבען אַלעס צוגעגרייט צו זייער רייזע. זיי האָבען זיך געזעצט אויף זייערע עזלען און אַוועקגעריטען.

אין אַ ווײַלע אַרום האָבען זיי זיך צוריקגעקעהרט און אויסגערופען צו יעקב'ן:

— ווען מיר זיינען אָנגעקומען אויפ'ן באַרג האָבען מיר פון וויטען דערזעהן צוויי פון דיינע זיהן קומען אָן.

— זיי קומען אָן! — האָט יעקב אויסגערופען מיט שמחה — איז יוסף איינער פון זיי!

— ניין! — האָבען זיי געענטפערט — מיר האָבען דייטליך זיי נישט געקענט זעהן, אָבער מיר האָבען זיי דערקענט אַן זייערע מלבושים, אַז זיי זיינען צוויי זיהן פון אונזער האַר, און מיר זיינען זיכער אַז יוסף איז נישט געווען איינער פון זיי.

— מוז געווים יוסף זיין מיט די איבריגע ברידער, וועלכע פאָלגען זיכער נאָך! — האָט דינה מיט פרייד אויסגערופען — אָט וועל איך אַנטקעגען געהן!

— וואַרט מיין קינד, ביז וואַנען זיי וועלען אָנקומען, און ווען זיי וועלען מיר זאָגען וואו יוסף איז און ווען ער קומט, וועלען מיר איהם דאַןביידע אַנטקעגען געהן.

יעקב, לאה און דינה און די איבריגע זיינען ארויס פון זייערע געצעלטען און ארויסגעקוקט מיט גרויס אומגעדולד אויף דעם אָנקומען פון די צוויי זיהן.

פון וויטען האָט ער זיי בעמערקט, עפּעס געהען זיי אַזוי לאַנגזאַם... זיי מוזען געווים זעהר מיעד זיין.

נפתלי און זבולון זיינען ארונטער פון זייערע פערד און זיי האָבען

מיט לאנגזאמע טריט זיך דערנעהנטערט צו די געצעלטען פון יעקב׳ן.

— וואו איז יוסף?! — האט זיי גלייך יעקב געפרעגט מיט א ציטערענדיגע שטימע.

נפתלי און זבולון האבען טרויעריג געשוויגען.

וואו איז יוסף? — האט יעקב מיט שרעק זיי א פרעג געטהאן.

— מיר האבען יוסף׳ן נישט געזעהן! — האט נפתלי זיך אפגערופען — האסטו דען איהם צו אונז געשיקט?

— געוויס! — האט יעקב היסטעריש א געשריי געטהאן — שוין באלד צוויי וואכען ווי איך האב איהם צו אייך געשיקט, ער זאל אויסגעפינען וואס איהר מאכט! און איהר זאגט מיר אז איהר האט איהם נישט געזעהן! אבער וואס האט פאסירט?! שנעלער זאגט מיר! פאר וואס זייט איהר יעצט געקומען?

— אייניגע פון אונזערע שאף זיינען פערפאלען געווארען, און מיר האבען זיך ארויסגעלאזען זוכען די פערלוירענע שאף אויפ׳ן וועג פון שכם, האבען מיר געפונען אויפ׳ן וועג א העמדעל איינגעריכט אין בלוט, מיר האבען דאס העמדעל געבראכט צו אונזערע איבריגע ברידער צו צייגען זיי אז עס געפינען זיך ווילדע חיות אין יענעם געגענד... און ווען מיר האבען אלע גוט בעטראכט דאס העמדעל, איז עס אונז אויסגעקומען בעקאנט. אט איז דאס העמדעל — האט זבולון ארויסגענומען פון אונטער זיין מאנטעל דאס פערבלוטיגטע זיידען העמדעל און עס געצייגט צו יעקב׳ן — דערקען פאטער! איז עס דאס העמדעל פון דיין זוהן?!...

מיט ציטערענדע הענט האט יעקב אנגענומען דאס העמדעל און עס גענומען בעטראכטען... פינסטער איז איהם געווארען אין די אויגען, טויט־בלאס איז זיין פנים געווארען. דאס העמדעל איז פון זיינע הענט ארויס־געפאלען און א שרעקליך ווילדער געשריי האט זיך זון זיין הארצען ארויס־געריסען

— מיין קינד יוסף איז טויט!!! א, גאט! פאר וואס קומט מיר אזא שטראף! מיין ליעבעס קינד יוסף איז צוריסען געווארען פון א ווילדע חיה! אה, מיין קינד יוסף!... יעקב איז אין חלשות געפאלען... נפתלי און זבולון האבען איהם אונטערגעהאלטען און אלע האבען איהם קוים געקענט אפמינטערען

— וואו ביזטו, מיין קינד יוסף?! — האט יעקב נישט אויפגעהערט צו וויינען. הלואי וואלט איך בעסער געשטארבען אנשטאט דיר! א ווילדע חיה האט מיין קינד פערשלונגען! יוסף איז צוריסען געווארען... קיין גערע־בעניש איז פון איהם נישט געבליבען! א, מיין גאט! גרויס, שרעקליך גרויס איז דיין שטראף צו מיר... פריהער האסטו ביי מיר צוגענומען מיין בע־ליעבטע און טהייערע רחל, יוסף׳ס מוטער און יעצט האסטו ביי מיר צוגענומען מיין טהייער ליעבעס קינד, יוסף! א, צו וואס טויג מיר מיין לעבען, איך וועל מיט טרויער אין גרוב געהן.

יעקב האט גענומען צורייסען זיינע קליידער... זיין יאמער און געוויין איז געווארען וואס ווייטער אלץ מעהר הארצרייסענד און שרעקליכער.

דינה און די איבריגע פרויען האָבען אויך ביטער געוויינט. זיי האָבען זיך געריסען די האָר פון קאָפּ פון גרויס צער.

באַלד זיינען אָנגעקומען אויך די איבריגע ברידער און זיי האָבען מיט נעבויגענע קעפּ און פערביטערטע הערצער בעטראַכט זייער אומגליקליכען פאָטער. זיי האָבען אויך זייערע קליידער צוריסען. די גאַנצע לופט איז אָנ־געפילט געוואָרען מיט שרעקליכען געוויין און יאָמער. יעקב איז געזעסען אויף דער ערד, נעבען איהם איז געווען דאָס פערבלוטיגטע זיידענע העמדעל. מיין זוהן יוסף! מיין ליעב קינד! אָ, פאַר וואָס האָב איך דיך געשיקט אליין אין וועג! גאָט! וואָס האָסטו געהאַט צו מיין ליעב קינד יוסף! ער איז דאָך געווען אַזוי גוטהערציג, ער האָט קיינעם קיין שלעכטס נישט געטהאָן. ער האָט נישט געקענט צוזעהען קיין עולות... יוסף איז נישטאָ! פערלאָשען איז געוואָרען דאָס ליכט פון מיינע אויגען. די זון וועט שוין מעהר קיינמאָל פאַר מיר נישט שיינען! און געהאַט האָב איך אַזוי פיעל האָפנונגען און ערוואַרטונגען פאַר זיין צוקונפט! און יעצט איז אַלעס מיט א מאָל פון מיר אויף אייביג פערשוואונדען... מעהר וועל איך שוין נישט אָנקוקען דעם ליעבליכען פּנים פון דיר, מיין קינד, איך וועל שוי [מעהר דיין זיסע שטימע נישט הערען!... דיין שמייכעל וואָס דו האָסט שטענדיג אויף דיינע ליפּען געהאַט, וועט מיר שוין מעהר נישט פערשאַפען נחת און פערגניגען! געשטאָרבען איז יוסף! צוריסען איז ער געוואָרען פון ווילדע חיות!...

— וויינט און קלאָגט מיינע זיהן. די פרעהליכקייט פון אונזערע געצעלטען האָט זיך אָפּגעטהאָן. פינסטער איז געוואָרען אין אַלע ווינקעלעך. קיין שמחה און פרייד וועט שוין מעהר נישט הערשען אין דעם הויז פון יעקב! פערוואָלקענט זיינען די הימלען געוואָרען פאַר אונז אַלעמען... גרויס, שרעקליך גרויס איז מיין פערלוסט! איך ווייס נישט אויב איך וועל מיין אומגליק און בראָך קענען אריבערטראָגען. גרויס איז מיין ערשיטערונג! צובראָכען איז מיין גליק, און דער טרויער וועט מיך ביז מיין גרוב בע־גלייטען!... יוסף! יוסף! ווי לאַנג צוריק האָב איך דיין זיבעצעהן יאָהריגען געבורטסטאָג געפייערט... און יעצט ביזטו שוין מעהר נישט... אַזוי יונג ביזטו פון דער וועלט געגאַנגען! רחל! רחל! פאַר וואָס האָסטו זיך נישט איינגעשטעלט אין הימעל פאַר דיין ליעבען זוהן?! פאַר וואָס האָסטו גאָט נישט געבעטען ער זאָל איהם בעשיצען... דו האָסט דאָך איהם אַזוי ליעב געהאַט. יע, גרויס איז דיין מוטערליכע ליעבע געווען צו איהם, און דו האָסט איהם צו זיך גענומען, און מיך האָסטו איבערגעלאָזען מיט מיין אומגליק און בראָך.

אַלע זיינען צוגעקומען צו יעקב'ן און געמאַכט א פערזוך איהם צו טרייסטען. אָבער יעקב האָט זיך נישט געוואָלט טרייסטען.

— מיט דעם טויט פון מיין זוהן, האָט זיך אויך מיין לעבען פערענדיגט! — האָט יעקב געיאָמערט.

די ברידער האָבען געזעהען אַז זיי קענען נישט טרייסטען זייער פאָטער, האָבען זיי צוגערופען דעם קליינעם בנימין און איהם געבעטען ער

זאָל צוגעהן צום פּאַטער, פּילייכט וועט ער אויף איהם עטוואָס ווירקען ער זאָל זיך בערוהיגען.

בנימין, וועלכער האָט די גאַנצע צייט אויך נישט אויפגעהערט צו וויינען, האָט זיך גענומען בעהערשען, ער האָט אָפּגעווישט זיינע טרעהרען, און איז מיט אַ געבויגענעם קאָפּ צוגעגאַנגען צו יעקב׳ן.

— פּאַטער, מיין ליעבער פּאַטער! איך ווייס אַז גרוים איז דער וועהטאָג און צער, אָבער דו האָסט דאָך מיך געלערענט אַז זאַנדערבאַר זיינען די וועגען פון גאָט, און מיר קענען נישט בעגרייפען און פערשטעהן די טהאַטען פון גאָט! דו האָסט מיך געלערענט אַז אין דעם מענשענס אויגען קען אַ זאַך אויסקוקען שלעכט, אָבער גאָט האָט אַן אנדער כונה. און פון שלעכטסקייט קען נאָך ארויסקומען אַ טובה פאַר׳ן מענשען.

— מיין קינד — האָט יעקב זיך טרויעריג אָפּגערופען און ארומגענומען בנימין׳ן — אויף וואָס פאַר אַ גוטעס קען איך שוין האָפען, נאָכדעם ווי מיין זוהן יוסף איז טויט!

— אָבער דו האָסט דאָך נאָך אונז, מיינע ברידער און מיך! — האָט בנימין קוים איינגעהאַלטען זיינע טרעהרען.

יעקב האָט מעהר גאָרנישט געענטפערט. ער האָט יעצט קיין טרייסט נישט געקענט אָננעהמען אפילו פון זיין בעליעבטען קינד בנימין, וועלכער האָט צו איהם אַזעלכע קלוגע רייד גערעדט.

— פּאַטער, — איז דינה צו איהם צוגעגאַנגען — איך האָב איין קינט געהאַט! אַ ליעבליך אומשולדיג קינד איז מיין טעכטערל נעמה געווען, און פּוצלונג האָבען שלעכטע מענשען איהר פון מיר אַוועקגעריסען... און ווען מיין טרויער איז אַזוי גרוים געווען אַז איך האָב זיך נישט געקענט טרייסטען, האָסטו מיר געזאָגט, אַז דאָס איז אַ גזר פון הימעל און מיר דאַרפען מקבל באהבה זיין אַלעס וואָס גאָט טהוט.

— יע, מיין קינד, דיין טרויער איז געווען גרויס גענוג, אָבער דו האָסט נאָך אַלץ האָפנונגען אַז ווען עס איז וועט זי זיך אָפּזוכען... דיין טאָכטער איז דאָך נישט געטויטעט געוואָרען, אָבער קען איך שוין ווען עס איז האָפען אַז איך וועל יוסף׳ן געפינען אַ לעבעדיגען?... אָה, ניין! ניין! יוסף איז פערצוקט געוואָרען פוןווילדע חיות... קיין געדעכעניש איז פון איהם גע־בליבען. ער האָט אפילו נישט קיין קבר!... אַ, ביטער און שרעקליך איז דער חלק וואָס דער ליעבער גאָט האָט מיר אויסגעטהיילט! ווי עס ווייזט אויס בין איך אַזוי ווערטה, וואַרשיינליך האָב איך געגען גאָט געזינדיגט! אויב נישט וואָלט דאָך מיר גאָט אַזוי שווער נישט געשטראָפט! וואָס טויג מיר יעצט מיין לעבען! פערפינסטערט זיינען געוואָרען מיינע טעג! מיין זוהן יוסף איז טויט... און איך וועל צו איהם געהן... מיט טרויער וועל איך געהן אין גרוב!

די ברידער וועלכע האָבען די גאַנצע צייט מיטגעוויינט מיט זייער פּאַטער, האָבען שוין מעהר נישט געקענט אריבערטראָגען זיין גרויס צער... זייערע הערצער זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט יסורים... זיי האָבען זיך אוועקגערוקט פון זייער פּאַטער... און מיט געבראָכענע געמיטהער זיינען

זיי אריין אין איינעם פֿון די געצעלטען. ערשט דאָרטען האָבען זיי אַלע אויסגעבראָכען אין אַ שרעקליכען שמערצליכען און ביטערען געוויין.
— אָ, גאָט! וואָס האָבען מיר געטהאָן! וואָס האָבען מיר געטהאָן!
— האָט זיך שמעון גענומען רייסען די האָר פֿון קאָפּ — פֿאַרוואָס האָסטו אונז נישט געטויטעט, איידער דו האָסט אונז דערלאָזען באַגעהן אַזאַ גרויסזאַמע און שרעקליכע טהאַט!
— איך וועל נישט קענען אַריבערטראָגען דעם צער פֿון מיין פֿאָטער!
— האָט יהודה געזאָגט — איך וועל בעסער שטאַרבען איידער דאָס צוצוזעהן.
— יעדעס מאָל ווען איך דערמאָן זיך ווי אַזוי איך האָב געהאַנדעלט געגען יוסף׳ן געהט דורך אַ שוידער איבער מיין ליַיב — האָט לוי געווישט זיינע אויגען — שטענדיג וועלען מיך יוסף׳ס בליקען פֿערפֿאָלגען... אַה, ווי ער האָט זיך מיט זיינע אויגען געבעטען מיר זאָלען רחמנות האָבען... איך ווייס נישט וואָס מיט אונז האָט גאָר פּאַסירט, פֿערשטיינערט זיינען אונזערע הערצער געוואָרען... קיין ברעקעל געפֿיהל פֿון ברידערליכקייט און פֿון רחמנות איז צווישען אונז נישט געווען! אָ, איך שעהם זיך מיינע אויגען אויפֿצוהויבען!
— יע מיר האָבען זעהר פֿיעל זיך צו שעהמען... מיר זיינען אַלע אַזוי פּלוצלונג משוגע געוואָרען... און ווען מיר נעהמען זיך אַליין פֿרעגען פֿאַר־וואָס און פֿאַר ווען, קענען מיר זיך קיין חשבון נישט אָפּגעבען! דער איינ־ציגער, וועלכער האָט זיך נישט פֿערלאָרען איז געווען ראובן! אָ, ווען מיר וואָלטען זיך צו איהם צוגעהערט, וואָלטען אונזערע לעבענס גאַנץ אַנדערש געווען... אונזערע געוויסענס וואָלטען געווען ריין.
— האָט איהר געהערט וואָס אונזער פֿאָטער האָט געענטפֿערט דינה׳ן? האָט נפֿתלי געזאָגט, מיט טרעהרען בעגאָסענע אויגען — אַז איהר בראָך איז נישט אַזוי גרויס ווי זיינער, ווייל אויף נעמה׳ן איז נאָך פֿאַרהאַן אַ האָפֿנונג, פֿיליַיכט וועט זי זיך נאָך אָפּזוכען, אָבער אויף יוסף׳ן האָט ער שוין מעהר קיין האָפֿנונג נישט... מיט דיזען ליגען וואָס מיר האָבען דעם פֿאָטער דערצעהלט, האָבען מיר נאָך ערגער געמאַכט! יעצט האָט ער גאָר קיין האָפֿנונג נישט איהם ווען עס איז צו זעהן...
— מיר האָבען דאָך אָבער קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט — האָט אשר געוויינט — מיר זיינען אַריינגעקראָכען אין אַ בלאָטע און מיר האָבען געזוכט אַרויסצוקריכען.
— און מיר זיינען נאָך טיעפֿער פֿערקראָכען! — האָט גד טרויעריג געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.
— אפֿשר זאָלען מיר איהם זוכען צו טרייסטען און זאָגען, אַז מעגליך, אַז יוסף איז גאָרנישט פֿערציקט געוואָרען פֿון חיות, נאָר ער איז געפֿאַנגען געוואָרען — האָט לוי געזאָגט.
— נו, און וואָס וועסטו איהם זאָגען ווען וועגען זיין צובלוטיגט העמדעל?
— האָט שמעון איהם נייגעריג געפֿרעגט.
— מיר קענען זאָגען אַז עס איז מעגליך דאָס יוסף האָט געקעמפּט

געגען זיינע אַנגרייפער און זיי האָבען איהם צושלאָגען, און אין געשלעג האָבען זיי זיין העמדעל פון איהם ארונטערגעריסען. אָבער אין אמת'ן קען גאָר זיין אז יוסף איז קיינמאָל נישט פערצוקט געוואָרען פון א חיה... און עס איז מעגליך, אז ער לעבט נאָך!

— דאָס וועט פאַר אונז שווער זיין איהם צו איבערצייגען, און איך צווייפעל אויב אונזער פאָטער וועט אזא טרייסטונג פון אונז אָננעהמען...

— האָט ישׂשכר געזאָגט.

— די איינציגע זאַך וואָס מיר קענען טהאָן! — האָט ראובן געזאָגט — איז צו בעשליסען נישט אויפצוגעבען אונזער האָפנונג צו געפינען יוסף'ן און אָנווענדען אַלע אונזערע מעגליכקייטען איהם ווייטער צו זוכען... וואוהין מיר זאָלען נישט געהן און שטעהן, זאָלען מיר נישט אויפהערען זיך נאָכצופרעגען אויף יוסף'ן, אפשר וועט גאָט אויף אונז און אויף אונזער פאָטער רחמנות האָבען און וועט אונז פיהרען אויף א שפור...

— אָה, ווען מיר האָבען נאָר א שפור פון יוסף'ן — האָט שמעון געזאָגט — דאַן וואָלטען מיר איהם שוין צוריקגעקראָגען, אפילו ווען אונז זאָל אויסקומען צו קעמפען געגען א גאַנצער שטאָדט!

— לאָמיר אַלע מתפלל זיין צו גאָט, ער זאָל אונז פיהרען אויף דעם ריכטיגען וועג! — האָט יהודה געזאָגט.

— מיר האָבען אזוי שרעקליך געזינדיגט געגען גאָט, וועט ער דען וועלען צוהערען אונזערע תפילות... אונזערע אויערען זיינען פערשטאָפּט געוואָרען צו די געשרייען און געבעטען פון יוסף'ן, וועט דען גאָט יעצט וועלען אונז ענטפערען און העלפען אין דער צייט פון אונזער אומגליק?!

— לאָמיר מתפלל זיין צו גאָט און בעטען ער זאָל אונז מוחל זיין, ווייל אונזער גאָט איז דאָך באַרימהאַרציג, ער וייס וואָס עס טהוט זיך אין דעם מענשענס האַרצען.... און אונזער זיידע יצחק האָט דאָך פיעלע מאָל געזאָגט אז גאָט איז מוחל די וועלכע טהוען תשובה מיט זייער גאַנצען האַרצען...

— האָט ראובן זיך אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ — לאָמיר תשובה טהאָן צו גאָט מיט אונזער גאַנצען האַרצען און נשמה!

מיט געבויגענע קעפּ און מיט אויגען פול מיט טרעהרען זיינען די ברידער געשטאַנען און מיט גרויס הכנעה, מיט געבראָכענע געמיטהער האָבען זיי מתפלל געווען צו גאָט פון אברהם, יצחק און פון זייער פאָטער יעקב...

— זיי אונז מוחל! א מעכטיגער הערשער פון אַלע וועלטען. מיר האָבען געזינדיגט געגען דיר... מיר זיינען בעגאַנגען א גרויזאַמען און א שרעקליכען פערברעכען. א גאָט, מיר האָבען אונזער זינען פערלאָרען... מיר האָבען נישט געוואוסט, וואָס מיר טהאָן! א גאָט פון אונזערע עלטערען, פערגיב אונז! מיר האָבען אונזער פאָטער פערשאַפט אזוי פיעל יסורים און שמערצען, שטאַרק איהם און קרעפטיג איהם, ער זאָל זיינע ליידען קענען אריבערטראָגען... העלף אונז! פיהר אונז אויף דעם ריכטיגען וועג, מיר זאָלען קענען אויפזוכען יוסף'ן אונזער ברודער און איהם צוריקברייננגען א געזונטען צו אונזער פאָטער! מיט צובראָכענע און צוואוייטהאָגטע הערצער

טהוען מיר תשובה פאַר דיר, בעשעפער פון דער וועלט, דו ביזט דאָך אַ גאָט פון רחמנות און חסד... האָב רחמנות אויף אונז און טהו מיט אונז חסד און זיי אונז מוחל אויף אונזערע גרויסע זינד! הייל אונזער פאָטער׳ס פערוואונדעטע הארץ... שיק איהם אַ טרויסטונג און גיב אונז די מעגליכקייט צו פעררי‏כטען דאָס וואָס מיר האָבען פערקרימט... צייג אונז אָן דעם ריכ־טיגען וועג און העלף אונז געפינען יוסף׳ן...

אזוי האָבען די ברידער אויסגעגאָסען זייערע צובלוטיגטע הערצער פאַר גאָט.. און גלייך נאָכדעם האָבען זיי זיך אַ סך לייכטער געפיהלט. זיי זיינען געווען זיכער, אַז גאָט האָט צו זייער תפילה זיך צוגעהערט און האָט זיי מוחל געווען... זייער האָפנונג האָט זיך נאָך מעהר פערשטאַרקט, אַז זיי וועט געלונגען אויסצוזוכען יוסף׳ן.

אויף מאָרגען האָבען זיי געטראָפען זייער פאָטער אָנגעטהאָן אין אַ זאַק און זיצענדיג אויף׳ן באָדען. דאָס העמדעל איז געווען נעבען איהם... זיינע אויגען זיינען געווען רויט פון טרעהרען.

— מיינע קינדער! — האָט יעקב זיך צו זיי אָפּגערופען, ווען ער האָט זיי בעמערקט שטעהענדיג נעבען איהם מיט פון טרויער געבויגענע קעפּ — נישט נאָר איז מיין פערלוסט שרעקליך גרויס, אָבער אויך איהר האָט זעהר פיעל פערלוירען... איהר האָט אין איהם פערלאָרען אַן איבער־געבענעם ברודער און אַ פריינד... ער האָט אימער געזוכט צו טהאָן פאַר יעדען פון אייך וואָס נאָר ער האָט געקענט... מיט דעם פערלוסט פון יוסף׳ן האָט איהר אויך פערלאָרען אַ פיהרער און וועגווייזער, וועלכער וואָלט פערנומען מיין פּלאַץ נאָך מיין טויט... ער איז געווען זעהר קלוג, געלערענט און אויסגערעכענט... זיין הארץ איז געווען גוט און נאָבעל איז געווען זיין נשמה.

— פאָטער! — האָט ראובן אויסגערופען און זיך שטאַרק פאַנאַנדער־געוויינט — לאָמיר האָפען צו גאָט! מעגליך, אַז יוסף איז גאָר נישט טויט... פון דעם צובלוטיגטען העמדעל קען מען נאָך נישט דריינגען פאַר זיכער, אַז יוסף איז פערצוקט געוואָרען פון חיות... קיין זאַך, אַ חוץ דאָס העמדעל איז דאָך נישט געפונען געוואָרען.

— אָבער מיין זוהן! — האָט יעקב טרויעריג געזאָגט — אומזיסט זוכסטו מיך צו טרויסטען. קען איך דען נישט דערקענען דאָס העמדעל וואָס איך האָב געמאַכט פאַר יוסף׳ן מיט אַ קורצע צייט צוריק... און אַ חוץ דעם, וואו איז ער? שוין אזוי פיעל טעג זיינען פעריבער און יוסף איז נישטאָ... און דאָ האָט איהר זיין העמדעל געפונען אַ צוריסענע און פערבלוטיגטע!... ניין, ראובן, קיין איינציגער שטראַהל פון האָפנונג איז שוין פאַר מיר נישט פערבליבען... ער וועט שוין צו מיר נישט קומען, איך וועל גיכער געהן צו איהם...

— פאָטער — איבערן לאַנד געהען דורך פערשיעדענע רויבער באַנדעס, וועלכע בעפאַלען די דורכגעהער, בערויבען זיי און אָפטמאָל פאַנגען זיי אויך מענשען — האָט יהודה געזאָגט — איך האָב דאָ נישט לאַנג אליין צוגעזעהן ווי ישמעאלים האָבען געפאַנגען אַ יונגע מיידעל פון עדלם.. און גאָט האָט

מיר געהאָלפֿען איך האָב זיי ביינעקומען און דאָס מיידעל בעפרייט... איז עס איז מעגליך אַז אַ רויבער באַנדע האָבען יוסף'ן בעפאַלען און ער האָט זיך מיט זיי געראַנגעלט, ביז בלוט... און פון גרויס געראַנגעל האָבען זיי פון איהם דאָס העמדעל אַרונטערגעריסען... און מאַר האָבען עס נאָכהער געפונען.

— מיינע קינדער, יוסף איז נישטאָ! וואָס איז דער אונטערשיעד ווי אַזוי ער איז געטויטעט געוואָרען... ער איז געשטאָרבען און כל זמן איך וועל לעבען וועל איך נישט אויפהערען צו טרויערען און קלאָגען איבער מיין זוהן, וועלכער איז אַזוי יונג פון דער וועלט געגאַנגען!...

.17

יוסף אין מצרים

מיט די הענט געבונדען אויף הינטען און צוגעבונדען צו דעם קעמעל איז יוסף נאכגעגאנגען דעם קעמעל און געוויינט... און וואס מעהר ער האט געוויינט אלץ מעהר האט עס אויפגערעגט די ישמעאלים, און זיי האבען איהם גענומען מעהר שלאגען.

— איך בין א זוהן פון יעקב׳ן! — האט יוסף זיך גענומען ביי זיי ביטען מיט טרעהרען, פיהרט מיך אפ צו מיין פאטער אין חברון און ער וועט אייך אומקעהרען אייער געלט וואס איהר האט פאר מיר בעצאהלט!... מיין פאטער וועט אייך נאך שטארק בעלוינען דערצו.

— שוויינ דו קנעכט! — האט זיך איינער פון די ישמעאלים צו איהם אפגערופען — פערטרייב דעם משוגעת פון דיין קאפ! ווען דו וואלסט ווירקליך געווען א זוהן פון יעקב׳ן, וואלטען דאך דיך דיינע אייגענע ברידער נישט פערקויפט פאר א קנעכט! זיי זיינען צו דיר צו גוט געווען און דיך בעהאנדעלט ווי א ברודער און יעצט ווילסטו אונז איינרעדען אז דו ביזט ווירקליך זייער ברודער!

— מיינע ברידער זיינען אויף מיר אין כעס געווען, האבען זיי מיך דעריבער אריינגעווארפען אין גרוב און נאכהער מיך צו אייך פאר א קנעכט פערקויפט! — האט יוסף נישט אויפגעהערט צו וויינען.

— ווען ברידער זיינען אין כעס אויף אן אייגענעם ברודער, פערקויפט מען נאך נישט א ברודער פאר א קנעכט! — האט דער קעמעל טרייבער געלאכט — ווען דו וואלסט געווען זייער אייגענער ברודער, וואלטען זיי דיר אנגעבראכען די ביינער און געשיקט א היים!

— איך שווער ביי מיין גאט, אז איך בין זייערער א ברודער! — האט יוסף מיט טרעהרען זיך אפגערופען — מיין מוטער איז טויט און מיין פאטער האט מיך שטארק ליעב געהאט און אלץ צייכען פון זיין ליעבע צו מיר, האט ער מיר אנגעטהאן א זיידען העמדעל...

— דיזע זיידענע העמדעל! — האט איינער פון די ישמעאלים אויס-געבראכען אין א הילכיגען געלעכטער.

— האב איך אייך נישט געזאגט אז ער איז משוגע! — האט דער טרייבער זיך אנגערופען לאכענדיג — דא רעדט ער זיך איין אז ער איז א זוהן פון יעקב׳ן, און יעצט גלויבט ער אז ער טראגט א זיידען העמדעל און שפעטער וועט ער זיך איינריידען אז ער טראגט א קרוין!...

יוסף האָט אַרונטערגעלאָזען זיינע אויגען... ער איז געווען אַזוי צושראָקען און צוטומעלט פון אַלץ וואָס מיט איהם איז פּאָרגעקומען, אַז ער האָט גאָר פערגעסען אַז זיינע ברידער האָבען פון איהם דאָס זיידען העמדעל אַרונטערגעריסען נאָך איידער זיי האָבען איהם אין גרוב אַריינגע־וואָרפען... ער האָט גאָר וועגען זיין העמדעל די גאַנצע צייט נישט געטראַכט. און יעצט האָט ער, דיינקענדיג אַז ער טראָגט נאָך זיין זיידען העמדעל, זיך אַרויסגערעדט „דיזע זיידענע העמדעל"... יעצט האָט ער נאָך דאַמיט ערגער געמאַכט. די ישמעאלים וועלען זיכער דיינקען אַז ער איז גערירט פון זינען און וועלען זיך צו איהם גאָרנישט וועלען צוהערען.

— איך בין נישט גערירט פון זינען! — האָט יוסף געזאָגט, בע־מיהענדיג זיך צו בעהערשען, ניט אויסצוברעכען ווידער אין אַ געוויין — מיין האַרץ איז מיר פערביטערט און איך האָב גאָרנישט געטראַכט פון דעם, אַז מיינע ברידער האָבען מיין זיידען העמדעל פון מיר אַרונטערגעריסען, איידער זיי האָבען מיך אין גרוב אַריינגעשליידערט... איך בעט אייך, פיהרט מיך נישט אין מצרים! פיהרט מיך צוריק אַ היים, צו מיין פאָטער, און איהר וועט דערביי פערדיענען מעהר געלד. מיין פאָטער איז זעהר רייך, און ער וועט אייך בעצאָהלען וויפיעל איהר וועט נאָר פערלאַנגען.

— אַ קנעכט ביזטו געווען און אַ קנעכט וועסט דו בלייבען! — האָט איהם איינער פון די ישמעאלים אַ קלאַפּ געטהאָן, — אויב דו וועסט נישט אויפהערען צו וויינען און שרייען, וועסטו ערגער מאַכען! זוך זיך נישט איינצורייהדען קיין נאַרישקייטען, מיר וועלען צוליעב דיין משוגעת געהן נאָך חברון און פערלענגערען אונזער וועג.

יוסף האָט געזעהן אַז וואָס מעהר ער בעט זיך ביי זיי, אַלץ מעהר פערשטיינערט ווערען זייערע הערצער, איז ער שטיל געבליבען... ער איז נאָכגעגאַנגען דעם קעמעל, און האָט אין זיך געשטאַרקט זיין טרויער און וועהטאָג. נאָכאַלעמען — האָט ער געטראַכט — וואָס קען ער ערוואַרטען פון די ווילד פרעמדע ישמעאלים, אַז זיינע אייגענע ברידער האָבען זיך נישט געוואָלט צוהערען צו זיינע תחנונים און בקשות!... זיינע ברידער, זיין אייגען פלייש און בלוט, האָבען איהם אַזוי גרויזאַם בעהאַנדעלט.... יעצט זעהט ער אַז אַלעס איז פערלאָרען... ער וועט שוין קיינמאָל נישט זיין נעבען זיין ליעבען און טייערען פאָטער! אַ שווידער געהט דורך זיין לייב, ווען ער נעהמט נאָר טראַכטען ווי אַזוי זיין פאָטער וועט זיך פיהלען ווען ער וועט זעהען אַז ער איז נישט צוריקגעקומען... וואָס וועלען איהם די ברידער דערצעהלען?... ווי גרויס זיין בראָך און האַרצוועהטאָג וועט זיין, ווען ער וועט זיך דערוויסען אַז די ברידער האָבען איהם פאַר אַ קנעכט פערקויפט. ניין! זיי וועלען דאָך איהם נישט זאָגען דעם אמת, דאָס וואָלט נאָך די לאַגע ערגער געמאַכט!... זיין האַרץ געהט איהם אויס פאַר זיין פאָטער. עס איז שוין פאַר איהם נישט אַזוי זיין אייגענער וועהטאָג און צער, וועגען דעם וואָס ער האָט פערלאָרען זיין פרייהייט און וועט אייביג בלייבען אַ קנעכט, ערגיץ וואו אין אַ פרעמד לאַנד און וועט געפּייניגט און בעהאַנדעלט ווערען ווי אַ שקלאַף פון די נידעריגסטע שיכטען, דאָס

קימערט איהם שוין נישט אזוי, ווי דער גדאנק, אז זיין הארציגער, גוטער פאטער וועט דארפען אזוי פיעל ליידען... ווער ווייס צו ער וועט קענען אזעלכע יסורים אריבערטראגען... ער האט דאך איהם אזוי ליעב געהאט, ער איז געווען אזוי ציטערדיג איבער איהם... און יעצט פיהרט מען איהם געבונדען קיין מצרים צו פערקויפען פאר א קנעכט. ער האט פיעלעס געהערט פון דעם לאנד מצרים. זיין עלטער זיידע, אברהם, איז דארטען געווען... און לויט ווי ער האט געהערט, זיינען זיי נישט קיין שלעכטע און ווילדע מענשען, אזוי ווי די ישמעאלים. אבער דאך, וועט ער דאך אהין געבראכט ווערען אלס קנעכט. ער וועט נישט זיין פריי זיך צו בעוועגען. ער וועט אריינפאלען אין די הענט פון א מצרי, און יענער וועט דאך איהם זיכער בעהאנדלען ווי א שקלאף; ער וועט איהם צווינגען צו טהאן אלע שווערע ארבייט. א, גאט ווי שרעקליך! שטילערהייד האט יוסף ביטער געוויינט... ער איז נאכגעגאנגען די קעמלען און די טרעהרען האבען זיך געקייקעלט פון זיינע אויגען... ער האט מורא געהאט אויפצוהויבען זיין שטימע.

א היבשע וועג האבען די ישמעאלים אפגערייזט, זיי זיינען צוגעקומען צו א קליין וועלדעל און זיי האבען בעשלאסען זיך דארטען אפצורוהען.

זיי האבען זיך אוועקגעזעצט עסען, זיי האבען צוגעבונדען דעם קעמעל, צו וועלכען יוסף איז געווען צוגעבונדען, צו א בוים, און זיי האבען זיך אוועק־געזעצט עסען.

איינער פון זיי האט פארגעשלאגען, אז זיי זאלען אויך דעם יונגען קנעכט אפבינדען און איהם עפּעס געבען צו עסען, אום ער זאל האבען כח ווייטער צו געהן... די איבריגע אבער, האבען דערצו נישט צוגעשטימט.

— ווען מיר זאלען איהם יעצט אפבינדען און אנידערזעצען נעבען אונז, וועלען מיר קיין הנאה נישט האבען פון אונזער עסען, מיר וועלען דארפען גוט אכטונג געבען אויף איהם, ער זאל זיך נישט אויפהויבען און אין גאנצען ענטלויפען פון אונז — האט דער עלטסטער פון זיי געזאגט.

— ער וועט דארפעןווארטען ביז מיר וועלען פארטיג ווערען מיט אונזער עסען — האט א צווייטער געזאגט — יעצט זיינען מיר נאך נישט ווייט אוועק און ער קען אנטלויפען צוריק צו די, פון וועמען מיר האבען איהם אפגעקויפט... מיר וועלען דארפען זיין עטוואס זיכערער מיט איהם, איידער מיר קענען איהם אין גאנצען לויז מאכען פון דער שטריק...

די ישמעאלים האבען זיך צוגעזעצט אויף דעם גראז און גענומען עסען. פון צייט צו צייט האבען זיי געווארפען זייערע בליקען אויף יוסף'ן וועלכער איז געשטאנען נעבען קעמעל פערטרויערט...

— איהר ווייסט, — האט זיך א ישמעאלי אפגערופען, מיט א פולען מויל מיט עסענוואוארג — עפּעס דוכט זיך מיר אז דער אינגעל איז נישט אינגאנצען אומגערעכט. פון די שטריכען פון זיין פנים, וואלט מען קיינמאל נישט געקענט גלויבען אז ער איז א קנעכט!

— ווירקליך! — האט נאך איינער צוגעגעבען מיט א נידעריגער שטימע — ער קוקט אויס אזוי שעהן און צוציהענד... ער וואלט זיך גיכער געפּאסט צו זיין א זוהן פון א קעניג, איידער א קנעכט.

— דעריבער האָב איך טאַקע, אַז מיר וועלען אָן איהם קענען מאַכען אַ סך געלט! — האָט דער הויפּט געזאָגט — די מצרים בעצאָהלען זעהר פיעל געלט פאַר אַ שעהנעם קנעכט.

— און אפשר וואָלט זיך פאַר אונז טאַקע געלוינט, אַז מיר זאָלען איהם ברייגנען אין חברון, אויב עס איז ריכטיג ווי ער זאָגט, אַז יעקב איז זיין פאָטער, וועלען מיר דאָך פון איהם קענען ארויסקריגען אַזוי פיעל געלט, וויפיעל מיר וועלען נאָר פערלאַנגען! האָט דער טרייבער פון די קעמלען זיך אָפּגערופען.

— אָ, ניין! — האָט אויסגערופען דער ישמעאלי, וועלכער האָט שוין פון פריהער געהאַט ערפאַהרונגען מיט יהודה׳ן — אויב ער איז ווירקליך אַ זוהן פון יעקב׳ן, דאַן טאָר זיך אונזער פוס נישט בעווייזען אין דעם געגענד פון חברון, ווייל מיר קענען נישט בעהויפּטען זיך אָנצופאַנגען מיט דער משפחה פון יעקב׳ן... און ווען מיר וועלען זיי דערצעהלען אַז דאָס האָבען איהם זיינע ברידער צו אונז פערקויפט, וועלען זיי דען אונז וועלען גלויבען?... זיי וועלען זוכען מיט געוואַלד איהם פון אונז אוועק־צו נעהמען! מיר וועלען פערלירען אונזער געלד צוזאַמען מיט דעם קנעכט.

— וועגען דעם דאַרפען מיר נישט קיין מורא האָבען! — האָט נאָך איינער זיך אָפּגערופען — אויב ער איז ווירקליך יעקב׳ס אַ זוהן, וועט ער דאָך אַליין בעשטעטיגען אונזערע ווערטער, אַז דאָס האָבען איהם זיינע ברידער צו אונז פערקויפט, פאַר צוואַנציג זילבערענע שקלים.

— און דו גלויבסט אַז די ברידער וועלען אונז דערפאַר שענקען? אויב זיי האָבען בעשלאָסען איהם פאַר אַ קנעכט צו פערקויפען און מיר וועלען איהם צוריקברייגנען צו זיין פאָטער, וועלען זיי זוכען זיך מיט אונז אָפּצורעכענען.... און ווער ווייס נאָך אַזוי גוט ווי איך, די מאַכט פון זייערע פויסטען. פופצעהן פון אונז האָבען זיך נישט געקענט געגענשטעלען איינעם פון זיי. איך געדענק נאָך גאַנץ גוט די קלעפּ וואָס מיר האָבען געכאַפּט פון יענעם ברודער, ווען מיר האָבען די צוואַנציג שקלים איבערגעגעבען.... יע, אייניגע פון אונז זיינען אין גאַנצען געטויטעט געוואָרען און עטליכע זיינען פערוואונדעט געוואָרען. אָ, ווען איך דערמאָן זיך פון דעם, בעפאַלט מיך אַ טויט שרעק... און איך וואָלט אויך אַלעמען געראַטען צו פערמיידען וויטערע צרות, און נישט וואָגען זיך אָנצופאַנגען מיט זיי. איך בין זיכער, אַז אין מצרים וועלען מיר אויך אָן אַזאַ קנעכט אַ סך פערדיענען. ניין! מיר טאָהרען נישט געהן קיין חברון!...

די איבריגע ישמעאלים האָבען איינגעזעהען אַז ער האָט רעכט. זיי וואָלטען בשום אופן זיך נישט געוואָלט אָנפאַנגען מיט די ברידער און זיי האָבען אַלע בעשלאָסען צו געהן גלייך אין מצרים, וואו זיי האָבען געהאַפט צו פערקויפען אויך זייערע איבריגע סחורות.

נאָכדעם ווי זיי זיינען פערטיג געוואָרען מיט זייער עסען, האָבען זיי יוסף׳ן אָפּגעבונדען און איהם געגעבען וואָס צו עסען... יוסף׳ן איז אין האַלז נישט געקראָכען דאָס עסען. ער האָט אָפּגעגעסען אַ שטיקעל ברויט מיט וואַסער, ער האָט זיך געשטאַרקט, ער האָט נאָך געהאַפט, אַז פיליבט וועט

איהם געלונגען זיי איינצורוידען אז זיי זאָלען איהם פיהרען נאָך חברון... ער האָט איינגעזעהען אז מיט טרעהרען און געוויין וועט ער גאָרנישט אויספיהרען. פיליכט ווען ער וועט ווערען מונטערער און פרעהליכער וועלען זיי איינזעהען אז ער איז נישט קיין קנעכט און וועלען זיך צו איהם צוהערען.

— יעצט פיהל איך זיך קרעפטיגער! — האָט יוסף פרובירט ארויפ־צווינגען א שמייכעל אויף זיינע ליפען, ווען ער האָט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד.

צוויי פון די ישמעאלים האָבען איהם גלייך א נעם געטהאָן און געוואָלט ווייטער פערבינדען זיינע הענט אויף הינטען.

— ניין! האָט דער הויפט זיך אָפּגערופען — זעצט איהם ארויף אויף דעם קעמעל... מיר מוזען זיך צואיילען און מיר קענען דאָך נישט ערווארטען אז ער זאָל דעם גאַנצען וועג געהן צו פוס! ער וועט דאָך אזוי אויסגע־מאַטערט ווערען אז די קויפער פון קנעכט וועלען דיינקען דאָס ער איז קראַנק און וועלען איהם פון אונז נישט וועלען קויפען.

— אָבער וואָס וועלען מיר טהאָן אז ער וועט ענטלויפען? מיר טאָרען איהם נישט געטרויען!

— כל זמן מיר זיינען צוזאַמען, וועלען מיר דאָך גוט אכטונג געבען אויף איהם. און זאָל ער נאָר מאַכען א פערזוך צו ענטלויפען, וועלען מיר איהם געבען אזוי פיעל קלעפּ, אז ער וועט שוין פערזאָגען א צעהנטען נישט צו ענטלויפען פון אונז... געוועהנליך, מיר וועלען זיין קעמעל לאָזען געהן אין מיטען, וועלען מיר גוט קענען אכטונג געבען אויף איהם.

— ביינאַכט, ווען מיר לעגען זיך שלאָפען, וועלען מיר מוזען איהם גוט צובינדען די הענט און פיס, אָבער יעצט אז מיר רייזען צוזאַמען, קענען מיט בעהויפטען אכטונג צו געבען אויף איהם. — האָט נאָך איינער פון זיי צוגעגעבען.

די צוויי ישמעאלים האָבען יוסף'ן ארויפגעזעצט אויף א קעמעל, וועלכער איז געווען אָנגעלאָדען מיט פיעלע פעקלעך.

— געדענק! — האָבען זיי איהם אָנגעזאָגט — אז מיר וועלען זיך דערוויסען אז דו טראַגסט זיך ארום מיט שלעכטע כונות, וועסטו א סך ערגער מאַכען!

— א זוהן פון יעקב ענטלויפט נישט! — האָט יוסף געענטפערט מיט עטוואָס שטאָלץ, — בפרט ווען ער וויים אז מען האָט פאַר איהם בעצאָהלט געלט!

— אָט יעצט רעדסטו ווי א פערנינפטיגער מאַן — האָט דער הויפט זיך צו איהם אָפּגערופען — עס וועט זיך פאַר דיר אויך בעסער לוינען, אויב מיר וועלען קריגען מעהר צוטרוי צו דיר.

— איך בין זיכער, אז איהר וועט זיך איבערצייגען אז איך בין נישט קיין קנעכט — האָט זיך יוסף'ס האָפנונג פערשטאַרקט, ווען ער האָט בע־מערקט אז זיי בעציהען זיך עטוואָס מעהר פריינדליך צו איהם — און דאַן וועט איהר מיך געוויס ברייננגען צו מיין פאָטער אין הויז... זאָגט מיר בלויז

וויפיעל געלט איהר פערלאנגט פאר מיר און דאס וועט איהר גלייך קריגען, ווי נאר איהר שטעלט מיך צו צו מיין פאטער.

— וועגען דעם, וועלען מיר נאך צייט האבען צו ריידען! — האט דער הויפט א שמייכעל געטהאן — דערווייל מוזען מיר פארטזעצען אונזער רייזע.

זיי האבען גענומען ווייטער טרייבען די קעמלען און זיך פערנומען צו מערב זייט.

ווען זיי זיינען אנגעקומען אין דעם טהאל אלה, האבען זיי זיך ווידער געזעצט עסען... דיזען מאל האבען זיי שוין אויך געגעסען מיט יוסף׳ן, וועל־כער האט זיך בעמיהט מיט אלע זיינע קרעפטען צו זיין לוסטיג און פרעהליך. ער האט געגלויבט אז דורך דעם וועלען זיי זיך צו איהם בעסער צוהערען. ער האט זיי גענומען דערצעהלען פערשיעדענע געשיכטעס און מעשיות פון אמאליגע יאהרען, און די ישמאלים זיינען געזעסען פערגאפטע מיט אפענע מיילער און געשלונגען זיינע ווערטער.

— ער איז דאך טאקע א קלוגער און געלערענטער יונג, האבען זיי זיך געשושקעט צווישען זיך. פון זיין מויל טריפט דאך האניג! און וואס פאר א וואונדערבארע געשיכטעס ער קען דאס דערצעהלען... — מיר וואלט נישט מיאוס געווארען צו זיצען טאג און נאכט נעבען איהם און זיך צו־הערען צו זיינע רייד.

יוסף האט בעמערקט וואס פאר א שטארקען איינדרוק זיינע מעשיות מאכען אויף די ישמעאלים, און ער איז געווען זיכער, אז זיי האבען יעצט געקראגען צו איהם פיעל צוטרוי, און אז אין גיכען, ווען זיי וועלען זיין נישט ווייט פון חברון, וועט איהם געלונגען זיי איבערצורעדען צוצוקומען צו חברון.

— איהר וועט גארנישט דארפען אלע מיט מיר אריינגעהן אין שטאדט — האט יוסף ווייטער פרובירט מיט זיי ריידען. זאלען צוויי פון אייך קומען צו מיין פאטער און מיט איהם פערהאנדלען, און איך וועל פערבלייבען מיט אייך, ווען זיי וועלען דורכקומען מיט מיין פאטער און ער וועט זיי געבען די געפאדערטע סומע געלט, דאן וועט איהר מיך בעפרייען... און טאמער האט איהר מורא אז מיין פאטער וועט אייך נישט וועלען גלויבען, זאלט איהר איהם זאגען א סמן, אז ער האט מיך געשיקט צו מיינע ברידער אין שכם צו זעהן וואס זיי מאכען.

— מיר האבען דיינע ברידער נישט געטראפען אין שכם! — האט דער הויפט א שמייכעל געטהאן צו די איבריגע ישמעאלים, און אנגעצייגט מיט׳ן פינגער אויף זיין קאפ.

יוסף האט עס בעמערקט און האט מיט פערדרוס געענטפערט:

— איך ווייס אז איהר האלט מיך פאר א משוגענעם, אבער איהר מאכט א טעות!

— אזוי רערסטו דוכט זיך זעהר קלאהר און פערשטענדליך, אבער פיעל מאל פערקריכסטו פון וועג... אזוי האסטו אונז געוואלט נישט לאנג צוריק איבערצייגען אז דו טראגסט א זיידען העמדעל און יעצט וועלסטו

אונז איינריידען אַז מיר האָבען די ברידער געטראָפען אין שכם.

— ניין, איהר פערשטעהט מיך נישט — האָט יוסף אויסגערופען — איך האָב נישט געזאָגט אַז מיינע ברידער האָבען מיך פערקויפט פון שכם.... איך ווייס אַז זיי זיינען דאָן געווען אין דותן. אָבער אין דותן זיינען זיי בלויז איניגע טעג געווען, פריהער האָבען זיי די גאַנצע צייט פערבראַכט אין שכם... און ווען מיין פאָטער האָט מיך אַהין געשיקט, האָט ער נישט געוואוסט אַז זיי האָבען פערלאָזען שכם.

— און פאַרוואָס האָבען זיי טאַקע פערלאָזען שכם? — האָט דער הויפט ווייטער געפרעגט יוסף'ן.

— ווייל די ארומיגע שכנים זיינען נישט געווען צופריעדען מיט דעם, און מיינע ברידער האָבען נישט געוואָלט אריינגעהן אין אַ קאַמף מיט זיי. דעריבער האָבען זיי פערלאָזען שכם — האָט יוסף געזאָגט.

— יעצט זעה איך אַז דו זאָגסט אונז אַ ליגען! — האָט דער ישמעאלי וועלכער האָט יהודה'ן שוין געקענט פון פריהער, זיך אָפּגערופען — איך ווייס אַז דיינע ברידער האָבען קיין מורא נישט פאַר אַ קאַמף. זיי זיינען שטאַרק, און ווען אימיצער וועט זיך וואַגען אָנצופאַנגען מיט זיי, וואָלטען זיי יענעם בעוויזען זייער מאַכט.

יוסף האָט איהם אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— פון וואַנען קענסטו מיינע ברידער? — האָט זיך יוסף צו איהם געווענדעט.

— איך האָב שוין מיט איינעם פון דיינע ברידער געהאַט אַ גוטע ערפאַהרונג, מיט אַ צייט צוריק, טאַקע נישט ווייט פון דיזען געגענד. דאָס איז געווען אין עדלם.

יוסף איז געווען זעהר נייגעריג צו הערען וואָס עס האָט פּאַסירט, און ער האָט זיך ווייטער אָפּגערופען:

— דערצעהל דאָך מיר מיין האַר, וואָס האָט פּאַסירט מיט מיין ברודער, און וועלכען ברודער מיינסטו?

— איך מיין טאַקע דעם ברודער, וועמען מיר האָבען בעצאָהלט די צוואַנציג שקלים פאַר דיר.

— דאָס איז דאָך יהודה! אָה, וואָס האָט פּאַסירט מיט איהם? ווי קומט ער אין עדלם! — האָט יוסף גענומען זיך ביי איהם בעטען.

— ווען דו וועסט אונז דערצעהלען נאָך שעהנע מעשיות, וועל איך דיר אַלעס דערצעהלען וואָס עס האָט פּאַסירט מיט יהודה'ן אין פעלד נישט ווייט פון עדלם. — האָט דער ישמעאלי געזאָגט.

— איך וועל דערצעהלען! — האָט יוסף געענטפערט — אָבער איך בעט דיך, מיין האַר, זאָג מיר ווי אַזוי קומט יהודה אליין אין עדלם?

— כאַ, כאַ, כאַ! — האָט זיך דער ישמעאלי פאַנאַנדערגעלאַכט — דו שרייסט די גאַנצע צייט אַז זיי זיינען דיינע ברידער, און פון מיר פערלאַנגסטו איך זאָל דיר וועגען זיי דערצעהלען... דו דערצעהל אונז עפּעס פון זיי און פון דיין פאָטער יעקב'ן.

יוסף איז אַ ווייל שטיל געבליבען... זיין בלוט האָט איהם אין קאָפּ

א זעץ געטהאָן. ער זאָל דערצעהלען וועגען זיינע ברידער! ווי אזוי קען ער גאָר יעצט ריידען פון די, וועלכע זיינען זיך מיט איהם אזוי שענדליך בעגאַנגען.

— ווי עס ווייזט אויס, איז יעקב אזוי דיין פאָטער, ווי איך בין דיין מוטער — האָט דער ישמעאלי א לאַך געטהאָן — דו ביזט א קנעכט און דו ציטערסט אפילו צו ריידען פון דיינע פריהערדיגע הארען.

— יעצט בין איך א פערקויפטער קנעכט! — האָט יוסף טרויעריג געענטפערט — מיינע ברידער האָבען מיך צו אייך פאַר א קנעכט פערקויפט, אָבער פריהער בין איך געוועזען א פרייער מענש!

— נו, און פאַר וואָס האָסטו מורא אונז צו דערצעהלען וועגען זיי. אויב דו ביזט אַן אמת'ער ברודער, מוזטו דאָך געווים זעהר פיעל זאכען פון זיי וויסען, דערצעהל אונז, מיר זיינען אַלע נייגעריג צו הערען.

— מיר איז שווער יעצט צו ריידען וועגען מיינע ברידער! — האָט יוסף זיך ווידער פאַנאַנדערגעוויינט.

— וויין נישט! — האָט דער הויפּט אויף איהם א געשריי געטהאָן — אין מצרים וועסטו ביי דיינע הארען בעסער בעהאַנדעלט ווערען... ווי עס ווייזט אויס, האָסטו ביי דיינע פריהעריגע הארען, וועלכע דו רופסט אַן ברידער, קיין האָניג נישט געלעקט. ווען דו וועסט נאָר אריינפאַלען אין די ריכטיגע הענט, וועסטו אונז דאַנקבאַר זיין פאַר וואָס מיר האָבען דיך אָפּגעקויפט פון יענע מענשען און דיך געפיהרט קיין מצרים!

— וועט איהר מיך נישט פיהרען נאָך חברון, צו פערהאַנדלען מיט מיין פאָטער? — האָט יוסף זיך געשטיקט מיט זיינע טרעהרען.

—וואָס שנעלער דו וועסט פערגעסען דיינע נאַרישקייטען, וועט אַלץ בעסער זיין פאַר דיר! — האָט דער הויפּט געענטפערט — און אויב דו וועסט נישט אויפהערען צו וויינען און קלאָגען, וועל איך בעפעהלען מען זאָל דיך ווייטער בינדען דיינע הענט אויף הינטען און דו וועסט נאָכגעהן דעם קעמעל, ווי דו האָסט פריהער געטהאָן.

יוסף האָט זיך שטאַרק דערשראָקען פאַר דעם הויפּט'ס ווערטער. ער האָט נאָך יעצט געקענט פיהלען דעם וועהטאָג פון זיינע הענט, וועלכע זיינען אזוי לאַנג געוועזען געבונדען אויף הינטען. זיינע פיס זיינען איהם געשוואָלען געוואָרען פון געהן צו פוס אזא לאַנגע שטרעקע. ער איז יעצט אין זייערע הענט. ער געהערט צו זיי און זיי קענען טהאָן וואָס זיי ווילען מיט איהם... נאָכאַלעמען האָבען זיי דאָך איהם אָנגעפאַנגען גאַנץ פיין צו בעהאַנדלען, זיי האָבען צוזאַמען מיט איהם זיך געזעצט עסען. זיי האָבען זיך צוגעהערט צו זיינע מעשיות און זיינען מיט איהם געוואָרען מעהר אינטים און פריינדליך.

די נאַכט האָט געטומען צופאַלען און די ישמעאלים האָבען זיך דער־נעהנטערט צו דעם לאַנד פון די פלשתים. זיי האָבען בעשלאָסען דאָרטען צו בלייבען נעכטיגען, זיי האָבען אויסגעקליבען א פּאַסענדען פּלאַץ און אויפ־געשטעלט זייערע געצעלטען. זיי האָבען געמאַכט א פייער, האָבען געגעסען און זיך גענומען גרייטען צום שלאָפען.

— וואס וועלען מיר טהאן מיט'ן יונגען קנעכט? — האבען זיך די ישמעאלים צווישען זיך דורכגעשמועסט.

— ער שיינט צו זיין גאנץ עהרליך — האבען איניגע געזאגט — ער וועט זיכער פון אונז נישט ענטלויפען.

— אבער ער איז צו נייגעריג צו געהן נאך חברון! וויפיעל מאל האט ער זיך ביי אונז געבעטען מיר זאלען איהם צופיהרען אהין! און בפרט נאך יעצט, אז מיר זיינען נישט גאנץ ווייט פון חברון. ניין! מיר טארען זיך אויף זיין יושר נישט פערלאזען!...

— וואס זאלען מיר טהאן? — האט איינער געפרעגט.

— איינער פון אונז וועט מוזען וואך זיין און איהם היטען. — האט איינער זיך אפגערופען.

— מיר זיינען דאך אלע מיעד און שלעפעריג. — האט אן אנדערער געזאגט.

— די בעסטע זאך וועט זיין, ווען מיר זאלען זיין האנט צובינדען צו דער האנט פון איינעם פון אונז און דאן וועט ער שוין געוויס נישט מאכען קיין פערזוך צו אנטלויפען!

א היבשע ווייל׳ע האבען די ישמעאלים פערבראכט ביי דעם פייער. זיי האבען גערעדט און געלאכט. יוסף איז אבער געזעסען אויף דעם פייכטען גראז פארזונקען אין זיינע טרויעריגע געדאנקען... ער ווייס אז ער געפינט זיך יעצט נישט ווייט פון חברון, דארטען מוז יעצט זיין פאטער טראכטען פון איהם און זיך וואונדערען פאר וואס ער איז נאך נישט געקומען א היים. א, ווען ער זאל קענען יעצט געהן נאך חברון! אבער אומזיסט איז זיין האפנונג. די ישמעאלים ווילען גאר דערפון נישט הערען. זיי גלויבען נישט זיינע ווערטער. זיי האלטען איהם פאר איינעם וואס איז געריהרט געווארען פון זינען...

— וואס זיצסטו אזוי פערטראכט! האט איינער פון די ישמעאלים איהם א לייכטען קלאפ געטאהן אין פלייצע. ווי עס ווייזט אויס ביזטו נישט צופריעדען פון דער רייזע... אבערווארט ביז וואנען דו וועסט אנקומען אין מצרים, דאן וועסטו זיך אין גאנצען ענדערען. אזא וואונדער־בארע לאנד האסטו נאך אין דיי'ן גאנצען יונגען לעבען נישט געזעהען. די וועסט זעהן די הייזער זיי זיינען א סך אנדערש פון די וואס דו זעהסט דא אין כנען. דארטען געפינען זיך זעהר פיעל כשוף מאכער, וועלכע בעווייזען וואונדערבארע קונצען. דארטען געפינען זיך שטערען זעהער, וועלכע וועלען דיר פאראויס זאגען וואס מיט ד״ר וועט פאסירען.

— איז עס ריכטיג אז די חרטומים טרעפען צו פיעלע זאכען? — האט יוסף נאאיוו געפרעגט.

— געוויס! זיי זעהען אלעס ביי די שטערען פון הימעל — האט ער איהם געענטפערט.

— אויב אזוי, וועלען זיי דאך געוויס וויסען וואס מיט מיר האט פאסירט. און אויב זיי וועלען בעשטעטיגען מיינע ווערטער און אייך זאגען אז איך בין נישט קיין קנעכט, נאר מייגע ברידער האבען מיך פאר א

קנעכט פערקויפט, וועט איהר מיך געוויס אומקעהרען צוריק צו מיין פאטער אין חברון?!

— דאס וועלען מיר זעהן! — האט דער הויפט א שמייכעל געטהאן — אבער אזוי פיעל ווי איך וויים, האבען נאך די חרטומים קיינמאל נישט געזאגט וואס מיט א מענשען האט פאסירט, די איינציגע זאך וואס זיי טהוען, איז פרובירען טרעפען וואס עס וועט געשעהען שפעטער.

— איך בין זיכער אז מיין פאטער וואלט אייך געגעבען וויפיעל געלד איהר וואלט נאר פערלאנגט פאר מיר! — האט יוסף ווייטער פרובירט זיי זאגען — ער וואלט יעדען פון אייך א שעהנע מתנה געגעבען און דערצו וואלט ער אייך דאנקבאר געווען זיין גאנצען לעבען.

— זאג מיר אקארשט, ווי איז דיין נאמען? — האט דער הויפט איהם א פרעג געטהאן — די גאנצע צייט וואס דו ביזט מיט אונז האסטו אפילו אונז נישט געזאגט דיין נאמען.

— יוסף איז מיין נאמען, יוסף בן ישראל!

— יוסף בן ישראל! — האט דער הויפט אויסגעשאסען אין א געלעכטער — דו האלסט דאך אין איין טענה'ן אז דו ביזט א זוהן פון יעקב'ן און איצט זאגסטו מיר גאר אז דו ביזט א זוהן פון ישראל! זעהסטו שוין ווי מיר קענען זיך פערלאזען אויף דיינע רייד!

— אבער מיין האר! — האט יוסף אויסגערופען — מיין פאטער יעקב הייסט אויך ישראל. דעם נאמען האט ער צוגעקראגען ווען ער האט זיך אומגעקעהרט פון חרן... יע, אמאל רופט מען איהם יעקב און א מאל ישראל.

— איך זעה שוין אז דו ווייסט נישט וואס דו רעדסט — האט דער הויפט א מאך געטהאן מיט דער האנט.

— איך שווער ביי גאט, אז איך זאג דעם אמת! — האט יוסף אויפגעהויבען זיין רעכטע האנט. אבער ער האט באלד דערזעהען אז עס וועט פאר איהם א סך בעסער זיין, ווען ער וועט וועגען דעם מעהר נישט ריידען מיט זיי.

— דו בעסער דערצעהל אונז די מעשיות פון די פערגאנגענע דורות — האט זיך איינער פון די ישמעאלים אפגערופען — און שלאג זיך ארוים פון קאפ חברון!

— איך וועל אייך דערצעהלען ווי אזוי מיין פאטער איז אוועק נאך חרן און ווי אזוי ער האט חתונה געהאט מיט מיין מוטער.

— ניין, מיר ווילען מעהר נישט הערען געשיכטעס פון דיין פאטער. דערצעהל אונז בעסער פון אמאליגע צייטען!

יוסף האט זיי גענומען דערצעהלען די געשיכטע פון קין און הבל... און ער האט פערענדיגט:

— יע, דורך אייפערזוכט און קנאה האט קין זיין אומשולדיגען ברודער צום טויט דערשלאגען, און צוליעב קנאה און אומבארעכטיגטען כעס, האבען מיך מיינע ברידער פאר א קנעכט פערקויפט. א, הלואי וואלטען זיי מיך

בעסער געטויטעט און געמאַכט אַן ענדע צו מיינע לײדען, איידער צו זיין אַן אייביגער שקלאַף.

— אבי מיר האָבען געמיינט אַז דו וועסט שוין נישט מעהר ריידען דערפון. דו דאַרפסט זיך שעצען גליקליך וואָס דו ביזט צו אונז אין די הענט אריינגעפאַלען און מיר פיהרען דיך נאָך מצרים.

— און דו דאַרפסט נאָך מעהר גליקליך זיין, וואָס דו ביזט נישט קיין פרויען צימער — האָט נאָך איינער אַ זאָג געטהאָן — ווען דו וואָלסט געווען אַ פרויענצימער מיט אַזא שעהנעם פּנים ווי דו בעזיצסט, וואָלטען מיר דיך קיין מצרים שוין נישט געפיהרט. מיר וואָלטען דיך שוין געמוזט ברײנגען צו אונזער קעניג איתן, און ערשט דאַן וואָלסטו געפיהלט דעם טעם פון צו זיין פערקויפט!

— יעצט וועלען מיר אַלע זיך אויסרוהען, — האָט דער הויפּט אַ זאָג געטהאָן און ער האָט אַ וואונק געטהאָן צו איינעם פון זיי.

יענער האָט גלייך גענומען אַ שטריק און צוגעבונדען יוסף'ס האַנט צו זיינער.

— יעצט וועלען מיר זיך לעגען שלאָפען! — האָט ער צו איהם געזאָגט — און זעה דו זאָלסט זעהר רוהיג זיין! וויילּ אויב דו וועסט זיך נעהמען ארומדרעהען און וואַרפען זיך, וועל איך דיר לאָזען פיהלען מיין פויסט... פאַר יעדען ריהר וואָס דו וועסט זיך טהאָן, וועסטו קריגען אָנגעבראָכען די ביינער. איך האָב זעהר נישט ליעב אַז מען שטערט מיר פון שלאָף.

די ישמעאלים האָבען זיך געלעגט שלאָפען, אַ ווײלע האָט זיך נאָך געהערט אַ שושקען פון אייניגע פון זיי. באַלד אָבער איז אויף אַלעמען אָנגעפאַלען אַ שטאַרקער שלאָף. זייער כראָפּען האָט אָפּגעהילכט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט.

יוסף איז געלעגען צוגעבונדען צו דעם ישמעאלי, וועלכער האָט געשמאַק געשלאָפען און כאָטש ער איז אויך געווען זעהר אויסגעמוטשעט, האָט ער נישט געקענט אַזוי שנעל איינשלאָפען. זיין האַרץ איז געווען אָנגעוועהטאָגט, זיינע יסורים זיינען געווען זעהר גרויס. יעדעס מאָל ווען ער האָט נאָר גענומען אַ טראַכט טהאָן וועגען זיין לאַגע, האָט ער גענומען אויפציטערען: ער איז אַ קנעכט! זיינע ברידער האָבען איהם פערקויפט צו די ישמעאלים, און באַלד וועט מען איהם אוועקפיהרען אין אַ פרעמד לאַנד, אין מצרים, אום דאָרטען איהם ווידער אַמאָל צו פערקויפען. ער, יוסף, וועט ווערען אַ קנעכט אויף זיין גאַנצען לעבען! און צוליעב וואָס? צוליעב דעם וואָס זיינע ברידער האָבען איהם מקנא געווען... ער האָט נאָך אַלץ געהאָפט אַז די ישמעאלים וועלען איהם ברײנגען צו זיין פאָטער, און ער וועט איהם אויסלייזען. יעצט זעהט ער אַז זיין לעצטע האָפנונג איז אויך פערשוואונדען. ער איז געלעגען און שטילערהייט געוויינט ביז וואַנען ער איז איינגעשלאָפען.

אויף מאָרגען האָבען די ישמעאלים פאָרטגעזעצט זייער רייזע.

עטליכע טעג האָבען זיי פערבראַכט אין וועג, ביז זיי זיינען אָנגעקומען אין באר שבע, וואָס איז יעצט ווייט פון מדבר שור.

— מיר קומען יעצט צום מדבר — האָט דער הויפּט זיך אָפּגערופען

— מיר דאַרפן צוגרייטען גענוג שפּייז און אָנפילען אַלע אונזערע כלים מיט וואַסער. אין מדבר וועלען מיר זיך נישט קענען אָפּשטעלען. מיר מוזען דורכמאַכען דעם מדבר אין צוויי טעג, אויב נישט וועלען מיר בלייבען אָהן וואַסער.

דער קאַראַוואַן פון די ישמעאלים האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי די טויערען פון באר שבע.

— דאָ אין דיזער שטאָדט האָט מיין זיידע יצחק, מיט יאָהרען צוריק געוואוינט — האָט יוסף זיך אָפּגערופען וויינענדיג צו די ישמעאלים — און פון דאַנען איז מיין פאָטער אַוועק קיין חרן, און איך וועל פון דאַנען געפיהרט ווערען קיין מצרים, פערקויפט צו ווערען פאַר אַ קנעכט.

— לויט ווי דו האָסט מיר דערצעהלט, האָט דיין פאָטער אויך געדיענט אין חרן פערצעהן יאָהר פאַר זיינע צוויי פרויען — האָט איהם דער קעמעל טרייבער געזאָגט — און פאַרוואָס ביזטו אַזוי בעזאָרגט, יוסף, אַז דיר וועט אויסקומען צו דיענען אין מצרים? עס איז מעגליך אַז דו וועסט געפינען חן אין די אויגען פון דיין האַר, וועט ער דיר נישט מאַכען טהאָן קיין שווערע אַרבייט.

יוסף האָט איהם נישט געענטפערט. דער ישמעאלי זוכט פון איהם שפּאַס צו מאַכען, האָט ער זיך געטראַכט און האָט אַרונטערגעלאָזען זיינע אויגען צום באָדען.

דעם גאַנצען טאָג זיינען זיי געווען פערנומען צו מאַכען די הכנות פאַר אַריבערגעהן דעם מדבר. זיי האָבען איינגעקויפט גענוג עסענוואַרג, אָנגעפילט זייערע לאָגלען מיט וואַסער, אָנגעטרונקען זייערע קעמלען און אויף מאָרגען גאַנץ פריה האָבען זיי זיך אַוועקגעלאָזען אין דער מדבר.

יוסף האָט געמאַכט נאָך איינינגע פערזוכען צו בעטען ביי זיי אַז זיי זאָלען איהם אומקעהרען אַהיים צו זיין פאָטער, ווען אָבער ער האָט געזעהן אַז דאָס העלפט נישט, האָט ער זיך גענומען אונטערוואַרפען דעם גורל.

— אפשר איז עס אַזוי באַשערט פון גאָט — האָט ער געטראַכט — עס האָט נאָך געקענט ערגער זיין... כל זמן ער לעבט, קען ער נאָך האָפען אויך בעפרייט צו ווערען, ווען זיי וואָלטען איהם געטויטעט, וואָלט דאָך דאַן אַלעס געווען פערלוירען.

די רייזע דורך'ן מדבר האָט זיי אַלעמען אויסגעמוטשעט. די גאַנצע וועג איז בעשטאַנען בלויז פון הימעל, זאַמד און אַ ברענענדע זון.

— אויב מיר וועלען אין אונזער וועג קיין ווינד נישט בעגעגענען, וועלען מיר נאָך מאָרגען זיין אין מצרים — האָט יוסף געהערט, ווי דער הויפּט זאָגט צו די איבריגע. זיין האַרץ האָט אין איהם אַ ציטער געטהאָן... ער איז שוין גאַנץ ווייט פון כנען! די לעצטע שטראַהלען פון האָפנונג זיינען שוין אויך פערשוואונדען! ווייס גאָט אויב זיינע אויגען וועלען נאָך אַמאָל אָנקוקען זיי געבורטס לאַנד!

ער הערט ווי זיי דערצעהלען זעהר שוידערליכע געשיכטעס פון דער מדבר. ווען עס זאָל אָנקומען אַ זאַמד שטורעם, דאַן זיינען זיי אַלע פערלאָרען. דאָס שרעקט איהם יעצט גראָדע נישט... ער איז גלייכגילטיג צום

טוים. א לעבען אלס קנעכט איז נאך ערגער ווי דער טויט — האט ער ווידער גענומען טראכטען, און באלד חרטה געקראגען אויף זיינע טרויערדיגע געדאנקען. ער מוז זיך אין גאנצען אויף גאט פערלאזען, און ער וועט איהם נאך העלפען. אזוי איז געווען דער פערלאנג פון גאט און ווער איז ער דאס, איבערצוטראכטען וועגען דער גערעכטיגקייט פון בעשעפער פון דער וועלט ?!

אויף מארגען ארום מיטאגצייט האבען זיי שוין פון ווייטען געזעהן בוימער.

— אט קומען מיר שוין צום ערשטען דארף פון מצרים !

— מיר זיינען שוין אין מצרים ! מיר זיינען שוין אין מצרים ! — האבען זיך געהערט פרעהליכע שטימען פון די ישמעאלים.

אין א ווײלע ארום האבען שוין יוסף מיט די ישמעאלים געטראטען אויף דעם באדען פון מצרים.

18.

פּוטיפר, זליכה און אסנת

עס האָט לאַנג נישט גענומען פאַר זליכה׳ן, פּוטיפר׳ס פרוי, צוגעוואָהנט צו ווערען צו דעם לעבען פון די מצריים, נישט נאָר האָט זי געענדערט איהר נאָמען זבורית אויף דעם עכט מצרי׳שען נאָמען זליכה, נאָר זי האָט זיך גלייך גענומען אויפפיהרען ווי אַ רייכע געהויבענע פרוי פון מצרים... נישט אומזיסט האָט זי חתונה געהאַט מיט פּוטיפר׳ן, וועלכער איז געוועזן דער הויפּט לייב־וועכטער פון פּרעה׳ן, און אַ געוועזענער פּריסטער פון און. זיין טונקעלע הויט און מגושם׳דיגער פּנים האָט איהר נישט צוגעצויגען, זיין דיקער שווערער קערפּער, מיט זיינע קליינע אויגען וואָס צוליעב דער פעטקייט פון זיין געזיכט האָבען זיי זיך קוים אַרויסגעזעהען, האָבען איהם נאָך מעהר אַפּשטויסענד געמאַכט אין איהרע אויגען... און ווען זי האָט צוגעשטימט צו ווערען זיין פרוי, האָט זי אַנדערע מחשבות געהאַט... כאָטש, ווען זי איז אין מצרים אָנגעקומען מיט איהר ברודער סרטן און מיט דער קליינער נעמה׳ן, די טאָכטער פון דינה׳ן, פון וועמען זי האָט איהר צוגע׳גנב׳עט, האָט זי באַלד דערפיהלט דעם עלענד אין דעם פרעמדען לאַנד, און איז געווען העכסט גליקליך ווען דורך דעם מערקווערדיגען צופאַל, האָט זי געטראָפען אַזאַ געהויבענעם מאַן ווי פּוטיפר. זי האָט דאַן בעשיינפּערליך געזעהען אַז די געטער פון שכם זיינען מיט איהר, און בעגליקען איהר אויף אַלע וועגען. זי האָט אפילו געוואוסט אַז מיט אַזאַ שעהנעם פּנים ווי זי בעזיצט וועט זי אויך אין מצרים נישט פערפאַלען ווערען, אָבער אַז זי זאָל נאָך דעם ערשטען טאָג פון איהר אָנקומען, טרעפען א מאַן וועלכער איז זעהר נאָהענט צו פּרעה׳ן, דעם קעניג פון מצרים, אויף דעם האָט זי זיך גאָרנישט געקענט ריכטען. דאָס האָט זי טאַקע צו פערדאַנקען די קליינע נעמה׳ן, וועמעס נאָמען זי האָט געענדערט אויף אסנת. זינט דאַן איז איהר אסנת מעהר איינגעבאַקען געוואָרען אין הארצען, און ווען פּוטיפר האָט צוגעשטימט אַז די קליינע וואונדער שעהנע אסנת זאָל פערעכענט ווערען פאַר זייער טאָכטער, איז זי העכסט צופריעדען געווען. זי האָט טאַקע ערצויגען אסנת׳ן אַלס איהר טאָכטער... און פּוטיפר האָט איהר אויך ליעב בעקומען, בפרט אַז עטליכע יאָהר זיינען פאַריבער און זליכה האָט פּוטיפר׳ן קיין קינדער נישט געבאָרען, איז אסנת פערעכענט געוואָרען פאַר זייער ריכטיגער טאָכטער.

פוטיפר האָט אויך אַלע טאָג געבענשט און געדאַנקט די געטער פון מצרים וואָס זיי האָבען איהם צוגעשיקט אַזאַ רייצענדע שעהנע פרוי ווי זיין זליכה. ער האָט געוואוסט אַז פיעלע גרויסע הארען זיינען איהם מקנא. און נישט איינמאָל האָט ער קושענדיג זליכה׳ן איהר געזאָגט ווי שטאָלץ ער איז מיט איהר.

— ווען איך בין אַ פריעסטער געווען אין דער שטאָדט און — פלעגט פוטיפר אָפט זאָגען זליכה׳ן — האָב איך די געטער געדיענט זעהר געטריי. איך בין זיי געווען איבערגעגעבען מיט מיין גאַנצען לייב און לעבען און דערפאַר האָבען זיי מיך אַזוי בעגליקט און דיך צוגעשיקט צו מיר... און ווען איך קוק נאָר אריין אין דיין שעהן ליעבליכען פנים און איך דערזעה דיינע שטראַהלענדע אויגען, דוכט זיך מיר אַז אין דיינע שוואַרצאַפלען טאַנצען ארום די בעליעבטע געטער פון מצרים.

— און דאָס האָסטו צו פערדאַנקען די קליינע אסנת, אונזער טאָכטער — האָט זליכה איהם געענטפערט מיט אַ חניפה — דו געדענקסט ווען דו האָסט דיין רייטוואָגען געטריבען בעת דעם געוועט פון פערד געיעג איז דאָ פאָרגעקומען אין צוען. דו האָסט איהם געטריבען מיט אַזאַ אימפעט און שנעלקייט, אַז עס איז ביי קיינעם קיין צווייפעל נישט געווען אַז דו וועסט ארויסקומען דער זיעגער. און פלוצלונג נעהמט מיין קליינע אסנת, וועלכע האָט נאָך דעמאָלט געהייסען נעמה, און שפּאַצירט זיך אַוועק אין מיטען וועג, וואו דיינע פערד זיינען אַזוי האסטיג געלאָפען. מיין הארץ איז מיר דאַן איינגעפאַלען, איך האָב גאָר נישט בעמערקט וואו זי איז פון מיר אוועקגעגאַנגען. איך און מיין ברודער זיינען געווען אַזוי פערטיעפט אין דעם וואונדערבאַרען פערד געזיעג, אַז מיר האָבען גאָרנישט געפיהלט ווי זי לאָזט אָפּ אונזערע הענט און געהט איבערשפּרייזען דעם וועג. און ווי נאָר איך האָב איהר בעמערקט אין מיטען וועג, בין איך געלאָפען איהר ראַטעווען און כמעט געלעגען אַ צוטראָטענע אונטער די קאָפּיטעס פון דיינע פערד. יע, מיין ליעבער פוטיפר, דו ביזט געווען אַזוי בראַוו און דו האָסט אין אַן אויגענבליק אָפּגעשטעלט דיינע צורייצטע און צוואווילדעוועטע פערד און דאַמיט מיין לעבען און דאָס לעבען פון אונזער טאָכטער אסנת גערעטעט.

— יע, מעכטיג זיינען אונזערע געטער! — האָט פוטיפר פערגלאָצט מיט די אויגען, — אַז זיי האָבען מיר גלייך צוגעשיקט מיין לוין. דו האָסט צוגעשטימט צו ווערען מיין פרוי. און איך מוז זיך יעצט מודה זיין פאַר דיר, מיין ליעבענדע זליכה, אַז ווען איך האָב דיר פאָרגעשטעלט פאַר פרעה׳ן כדי איך זאָל זיין הסכמה קריגען פאַר אונזער הייראַט, האָט מיר מיין הארץ שטאַרק געשראָקען... איך האָב זעהר מורא געהאַט אַז ווען פרעה וועט דער־זעהען דיך, וועט ער גלוסטען אַזאַ שעהנע פרוי פאַר זיך... אָבער די געטער האָבען מיר אויך דיזען מאָל ארויסגעהאָלפען. די קעניגין האָט דאַן פרעה׳ן בעשאָנקען מיט אַ יורש און זיין פרייד איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט גאָרנישט בעמערקט אַ חוץ זיין יורש, און דאָס איז געווען מיין גליק.

זליכה האָט אַ שמייכעל געטהאָן, און אין הארצען האָט זי זיך נע־

טראַכט: דאָס איז זיכער געווען דיין גליק, וואָס פרעה האָט מיך נישט בעמערקט, אָבער אויב עס איז געווען אויך מיין גליק, אין דעם צווייפעל איך.

זי האָט אָבער איהרע געדאַנקען געהאַלטען פערבאָרגען פאַר זיך, צוזאַמען מיט פיעלע גרויסע האָפנונגען אויף דער צוקונפט... יעצט איז זי פוטיפר׳ס ווייב. זי איז רייך, און קען בעהויפטען צו טהאָן אַלעם וואָס איהר האַרץ גלוסט... קיין כבוד און גדולה פעהלט איהר נישט, איהר ברודער סרטן איז געוואָרען דער שר האופים (הויפט בעקער) פון פרעה׳ן, ער געפינט זיך אין פאַלאַץ און דורך איהם וועט זי נאָך פערווירקליכען פיעלע פון איהרע שטערבונגען און חלומות...

און חלומות האָט זליכה געהאַט זעהר פיעל. זי האָט גע׳חלום׳ט פון ליעבע. ביי פוטיפר׳ן האָט זי אַליץ געקראָגען אַ חוץ ליעבע. זי איז איהם דאַנקבאַר פאַר אַלעם וואָס ער האָט פאַר איהר געטהאָן, אָבער ליעבען איהם קען זי נישט. ווען ער ריהרט זיך צו צו איהר, געהט איהר דורך אַ סקרוך איבער׳ן לייב... זי דערמאָהנט זיך אן איהר ליעבע צו שכם׳ן, דעם זוהן פון חמור. אָה, ווי שעהן און העלדיש ער איז געווען. ווען נישט דינה, וואָלט ער מיט איהר געווים חתונה געהאַט, און דאַן וואָלט זי דאָך טאַקע געווען די קעניגין פון דער שטאָדט שכם! חמור איז דאָך געווען דער הויפט פון דער שטאָדט, און ווען חמור וואָלט געשטאָרבען וואָלטען די מענשען פון שכם געמאַכט זיין זוהן שכם׳ן פאַר זייער הויפט. ווי שטאַרק זי האָט איהם געליעבט און ער האָט איהר אויך ליעב געהאַט און דאַן האָט ער דערזעהען דינה׳ן, און זיין ליעבע צו איהר איז אָפּגעקיהלט געוואָרען. זי האָט אַלעם געטהאָן פאַר איהם. זי האָט אפילו איהם געוואָלט העלפען אריינצוקריגען דינה׳ן, און זי האָט איהם דאָך ווירקליך געהאָלפען. ער האָט דורך איהר אריינגעקראָגען דינה׳ן אָבער פאַר זיך אליין האָט זי ערגער געמאַכט... ער האָט איהר אין גאַנצען געזוכט פון זיך צו פערשטויסען, און דאַן איז געקומען די שרעקליכע נקמה פון דינה׳ס ברידער, און כאָטש זי האָט בעת מעשה געפיהלט אַ בעפרידיגונג, צו זעהען אין איהם אַ נקמה, אָבער דאָך האָט נישט לאַנג געדויערט און איהר חרטה איז גאַנץ גרויס געווען. שכם איז געווען טויט אָבער איהר ליעבע צו איהם האָט זי קיינמאָל נישט געקענט פערגעסען. זי האָט געוואָלט האָבען אַן אָנדיינקונג פון שכם׳ן, און דאַן האָט זי בע־שלאָסען אויף דעם געפעהרליכען שריט, צו קומען מיט איהר ברודער אין חברון און אַוועק׳גנב׳נען דינה׳ס טאָכטער, וועלבע זי האָט געבוירען פון שכם׳ען. און יעצט, ווען זי טוט נאָר אַ קוק אויף אסנת׳ן דערמאָהנט זי זיך אָן שכם׳ען... דאַן קומען איהר ארויף אויף איהרע געדאַנקען יענע וואונ־דערבאַרע יאָהרען ווען זי האָט אַזוי שטאַרק געליעבט. און זי נעהמט ווייטער שפּינען און וועבען גאָלדענע חלומות וועגען איהר צוקונפט.

אסנת׳ן האָט זי טאַקע ליעב געקראָגען ווי אַן אייגענע טאָכטער, זי איז אונטערגעוואַקסען און מיט יעדען טאָג האָט זי אין איהר געזעהען אַ גרע־סערע עהנליכקייט צו שכמ׳ן. אסנת איז געווען אַזוי שעהן און צויבערענד, ווי אַ בליהענדע רויז און זי האָט אָנגענומען זליכה׳ן פאַר איהר מוטער. זי

האָט נישט געקענט געדיינקען דייטליך וואָס מיט איהר האָט פּאַסירט ווען זי איז גאָר אַ קליין קינד געווען. זי האָט פּוטיפר'ן און זליכה'ן געהאַלטען פאַר איהרע עלטערען. עפּעס ווי דורך אַ נעבעל האָט זי געדענקט, אַז זי איז אַלס קליין קינד געווען אין אַן אַנדער לאַנד, צווישען אַנדערע מענשען און גערעדט אַן אַנדערע שפּראַך, און נישט איינמאָל האָט זי געפּרואווט פרעגען איהר „מוטער" וועגען דעם. אָבער זליכה האָט געזוכט אויסצומיידען אריינ־צוגעהן אין אַ געשפּרעך מיט איהר וועגען דער פערגאַנגענהייט. זי האָט איהר פּרובירט דערצעהלען אַ ליגען וועגען אַלעם און ביסלעכווייז האָט אסנת אָנגעפאַנגען צו פערגעסען וועגען דעם. און זי האָט אָנגעפאַנגען ליעב צו קריגען איהר „פאָטער" און „מוטער". זי האָט געקראָגען אַ מצרי'שע ער־ציהונג, ווי עס פּאַסט פאַר אַ טאָכטער פון אַזעלכע געהויבענע עלטערען. אסנת איז שוין יעצט צוועלף יאָהר אַלט געווען, און אַלע וועלכע האָבען איהר געזעהן זיינען ענטציקט געוואָרען פון איהר שעהנקייט.

— זי וועט נאָך געהערען אַמאָל אין פּאַלאַץ פון פּרעה'ן — האָט פּוטיפר מיט שטאָלץ געזאָגט צו זליכה'ן. איהר שעהנקייט וועט בעצויבערען פּרינצען.

—פון דער משפּחה פון וואַנען איך שטאַם, זיינען אַלע זעלטענע שעהנהייטען! — האָט זליכה איהם געענטפערט און האָט זיך גענומען בעטראַכטען אין שפּיגעל...

— אויב אַזוי איז טאַקע צו מיר אַ וואונדער, ווי סרטן, פּרעה'ס שר האופים איז דיין ברודער — האָט פּוטיפר געלאַכט, זיין פּנים איז אַזוי ווייט פון צו זיין שעהן, אַז מען קען איהם צו יעדער צייט אָננעהמען פאַר אַ ריכ־טיגען מצרי.

— און אַט ביזט דו דאָך אַ ריכטיגער מצרי און דו ביזט דאָך שעהן!

— האָט איהם זליכה אַ חניפה געטהאָן.

— איך בין שעהן? — האָט פּוטיפר איהר אָנגעקוקט.

— אין מיינע אויגען, ביזטו וואונדערליך שעהן — האָט איהם זליכה געענטפערט.

— דו ביזט יעצט אין מיינע אויגען אַ סך מעהר געשטיגען! — האָט פּוטיפר איהר ארומגענומען און געקושט. —- יעצט זעה איך אַז דו האָסט מיך ליעב.

— איך האָב דיך ליעב געקראָגען פון דער ערשטער רגע, וואָס איך האָב דיך דערזעהען! — האָט זליכה געפּרואווט פערבאָרגען איהר עקעל צו איהם — און ווען דו האָסט פאַר מיין ברודער געקראָגען אַזאַ הויכע שטעלע ביי דעם קעניג, איז מיין ליעבע צו דיר נאָך שטאַרקער געוואָרען.

— איך דאַנק די געטער פאַר דער גנאַדע וואָס זיי טהוען מיט מיר. זיי האָבען מיר צוגעשיקט אַזאַ וואונדער שעהנע פרוי, וועלכע האָט מיך אַזוי ליעב!

— און מיר האָבען זיי צוגעשיקט אַזאַ גוטען און טהייערען מאַן! — האָט איהם זליכה אַרומגענומען.

— מיין ליעבע זליכה! — האָט פּוטיפר אויסגערופען — אַלעם וואָס

איך פערמאַג געהערט צו דיר. זאָג מיר וואָס דו פערלאַנגסט און דיין וואונש וועט שנעל דערפילט ווערען.

— איך בין היינט פערביי געגאַנגען דעם געשעפט פון דעם גאָלדשמיד, וועלכער געפינט זיך נישט ווייט פון דעם פּאַלאַץ, און בעמערקט דאָרטען אין פענסטער א גאָלדענעם האַלז באַנד, געפּלאַסטערט מיט קאָסטבאַרע שטיינער, און איך האָב זעהר געגלוסט איהם צו קריגען, ווייל איך ווייס ווי שעהן ער וועט מיין האַלז באַציערען... אָבער איך האָב נישט געקענט בעשליסען דיך צו בעטען, דו זאָלסט איהם פאַר מיר קויפען, ווייל דער פּרייז פון דעם האַלז באַנד איז זעהר גרויס.

— קיין זאַך איז נישט צופיעל און צו גרויס פאַר דיר, מיין ליעבע זליכה! — האָט פּוטיפר אויסגערופען — קום, איך וועל דיר דעם האַלזבאַנד גלייך קויפען.

פּוטיפר האָט געהייסען איינשפּאַנען זיין קאַרעטע און איז מיט זליכה'ן אוועק צו יענעם גאָלדשמיד און איהר די קאָסטבאַרע ציערונג געקויפט.

יענעם טאָג איז זליכה'ס „ליעבע" צו פּוטיפר'ן געווען נאָך שטאַרקער ווי פריהער... זי האָט איהם נישט אויפגעהערט צו קושען און צו דאַנקען פאַר זיין גוטסקייט.

אין אָוועגט איז געקומען צו איהר סרטן, איהר ברודער, דער שר האופים פון פּרעה'ן, זי האָט איהם גלייך געוויזען די שעהנע מתנה, וואָס פּוטיפר האָט איהר געקויפט.

סרטן האָט עס בעטראַכט מיט גרויס בעוואונדערונג און האָט זיך צו איהר אָפּגערופען:

— דו בעדאַרפסט זיך דאָך פיהלען די גליקליכסטע פרוי אין גאַנץ מצרים, פּוטיפר איז דאָך אַזוי גוט צו דיר. און איך ווייס, אַז ער איז זעהר חשוב ביי פּרעה'ן, ער איז דער רייכסטער מאַן אין גאַנץ מצרים. מאַכט און עהרשאַפט ליעגט אין זיינע הענט. האָסטו ווען עס איז געקענט חלום'ען פון אַזוינע זאַכען, ווען דו ביזט געווען אין שכם?

— צו וואָס טויג מיר דאָס אַלעס! — האָט זליכה אַ שלייַדער געטהאָן דעם האַלזבאַנד אויף'ן טיש. — ווען דו וואָלסט נאָר געוואוסט ווי שטאַרק איך לייד. מיר פעהלט ליעבע! איך גאָר צו דריקען צו זיך אַ געליעבטען, און פּוטיפר איז מיר אַזוי אָפּשטויסענד, אַז פיעלע מאָל וואונדער איך זיך אויף זיך אַליין, ווי אַזוי איך קען איהם ארומנעהמען, האַלזען און קושען. אמת, ער איז זעהר גוט צו מיר, קיין זאַך איז פאַר איהם נישט צו שווער צו טהאָן פאַר מיר. אָבער איך האָב איהם נישט ליעב, זיינע קושען זיינען מיר דערווידער און זיין אָרומנעהמען און אַטעמען מיך עקלען מיר אָפּ. זיין פּנים איז דאָך אַזוי אָפּשטויסענד, אַז די ערשטע צייטען, איידער איך האָב זיך געהאַט צו איהם צוגעוואוינט, איז מיר שווער געווען אויף איהם צו קוקען.

— נישט אַזוי הויך, מיין ליעבע שוועסטער! — האָט סרטן צוגעלעגט זיין האַנט צו איהר מויל, — ער קען דאָך דיך אַמאָל דערהערען.

— ער איז יעצט אין הויז נישטאָ, — האָט זליכה זיך אָפּגערופען,

— געלויבט זיינען די געטער, וואָס איך בין נישט געצוואונגען איהם אָנצו־קוקען דעם גאַנצען טאָג... צוויי מאָל אַ טאָג געהט ער מתפלל זיין אין די טעמפּלען פון די געטער און ביי פּרעה'ן פערברייינגט ער אויך אַ גרויסען טהייל פון טאָג, און דאָס פערגרינגערט אביסעל מיין לאַגע. איך קען זיך ליגען רוהיג אויף מיין בעטעל און חלומ'ן און טראַכטען פון אמאָליגע יאָהרען, פון מיין גרויסער ליעבע, וואָס איך האָב געהאַט צו שכם'ען. איך קען אומ־געשטערט פערברייינגען מיט אסנת'ן. זאָג מיר, סרטן, בעמערקסטו נישט אַז וואָס עלטער אסנת ווערט אַלץ גרעסער איז איהר עהנליכקייט צו שכם'ען

— נו, געוויס! — האָט סרטן איהר געענטפערט. — איז דען נישט שכם געווען איהר פאָטער?

— זי איז אָבער דאָך אַ סך עהנליכער צו איהר מוטער, דינה'ן, — האָט זליכה געזאָגט — איך געדענק נאָך דינה'ן גאַנץ גוט, זי איז טאַקע געווען אַ זעלטענע שעהנהייט. עס איז ביי מיר גאָר קיין וואונדער נישט געווען, וואָס שכם האָט זיך אין איהר פערליעבט. און איך מוז דיר זאָגען, אַז איך האָב אויף דינה'ן קיין כעס נישט געטראָגען. האָב איך דען שכם'ען נישט געהאָלפען אריינקריגען דינה'ן? איך האָב איהר דאָן אין וואַלד פערנאָרט, ביז וואַנען ער האָט איהר געפאַנגען גענומען. יע, אַזוי גרויס איז מיין ליעבע געווען צו איהם! איך האָב אַלעס פאַר זיין גליק געטהאָן.

— און פונדעסטוועגען ביזטו אוועק און איהם פער'מסר'ט צו דינה'ס ברידער. ווען נישט דו, וואָלטען זיי אַזוי שנעל נישט אויסגעפינען, אַז דינה געפינט זיך ביי איהם. און דאַן וואָלטען זיי איהם דאָך נישט גע־טויטעט. יע, מיין שוועסטער, דו ביזט געווען צו היציג און דערמיט האָסטו געבראַכט אַ צרה אויף שכם'ען און אויף די איבריגע.

— אין גאַנצען מיין שולד, איז עס אויך נישט, מיין ברודער! — האָט זליכה זיך אָפּגערופען — שכם האָט מיר בעצאָהלט מיט שלעכטס פאַר מיין גוטסקייט. אַנשטאַט מיר דאַנקבאַר צו זיין, וואָס איך האָב געמאַכט מעגליך פאַר איהם אריינצוקריגען דינה'ן, האָט ער אינגאַנצען מיך געזוכט צו פערשטויסען פון זיך. איך בין אַזוי אויפגעבראַכט געוואָרען אויף איהם, אַז איך האָב בעשלאָסען איהם אָנצוזאָגען און איך בין אוועקגעגאַנגען צו איהרע ברידער און האָב זיי דערצעהלט, אַז דינה געפינט זיך ביי שכם'ען. האָט איך געוואָלט וויסען, אַז זייער נקמה וועט אַזוי גרויס זיין? איך האָב געמיינט, אַז זיי וועלען בלויז צונעהמען פון איהם זייער שוועסטער. איך האָב דאָך נישט געוואוסט, אַז איהרע ברידער זיינען אַזעלכע גבורים און וועלען נישט מורא האָבען זיך אָנצופאַנגען מיט חמור'ן און שכם'ען. יעצט זעה איך, אַז איך האָב זיך שטאַרק בענאַרישט. שכם וואָלט זיך ארומגעזעהן אַז איך בין איהם געבליבען געטריי און ער וואָלט פיליייכט אָפּגעהאַלטען דינה'ן ביי זיך אַ קורצע צייט און זי אוועקשיקען אַ היים און דאַן וואָלט ער מיך צוריקגערופען און וואָלט זיכער מיט מיר חתונה געהאַט.

— זאָרג נישט, מיין שוועסטער! — האָט סרטן אויסגערופען — צום קעניג פּרעה קומען אַן פיעלע פּרינצען און הארען פון פערשיעדענע

לענדער, מאַנכע פון זיי זיינען זעהר שעהן און יונג און ביי אַ געלעגענהייט, וועל איך דיך פאַרשטעלען פאַר אייניגע פון זיי, און דו וועסט זיך קענען זעהר פיין אַמוזירען...

— דו ווייסט דאָך אַז אין פּאַלאַץ פון קעניג קען איך קיינמאָל אַליין אָהן פּוטיפר׳ן נישט קומען! — האָט זליכה זיך אָפּגערופען — טאָ ווי אַזוי וועל איך זיך קענען טרעפען מיט דעם קעניג׳ס בעזוכער? וועט דען פּוטיפר דערלאָזען?

— איך האָב אַ פּלאַן, מיין שוועסטער! — האָט סרטן זיך אָפּגערופען — דו וועסט מאַכען אַ מאָהלצייט און איינלאַדען פיעלע פון אונזערע פריינד און בעקאַנטע און צווישען זיי אויך די יונגעלייט, וועלכע זיינען געקומען צו פּרעה׳ן. אין דיין הויז ביזטו דאָך די הערשערין, און, ווי דו האָסט מיר געזאָגט, אַז אַ היבשען טהייל פון טאָג געפינט זיך פּוטיפר נישט אין הויז, וועסטו קענען גאַנץ גוט פערברייגנען. און אין אָוועגט, ווען די לעצטע געבעקס פון פּרעה׳ן וועלען פערטיג ווערען, וועל איך אויך צוקומען...

— דאָס געפעלט מיר גראַדע! — האָט זליכה געזאָגט — איך ווייס אַז פּוטיפר וועט נישט האָבען דאַגעגען איך זאָל מאַכען מאָהלצייטען און איינלאַדען מיינע בעקאַנטע און פריינד, אפשר דורך דעם וועט מיין איינזאַמקייט און אומעט פון מיר פערשווינדען.

— כל זמן דיין ברודער איז מיט דיר, זליכה, דאַרפסטו וועגען דעם נישט זאָרגען. איך וועל שוין זעהן, אַז דו זאָלסט פרעהליך זיין. איך ווייס, אַז דורך דיר האָב איך געקראָגען די הויכע שטעלע פון דעם הויפּט בעקער אין פּרעה׳ס פּאַלאַץ, און די טובה וועל איך דיר קיינמאָל נישט פערגעסען. איך האָף נאָך, אַז דורך דיר און פּוטיפר׳ן וועל איך קענען ווערען פּרעה׳ס לייב־וועכטער. דאַן וועט פאַר אונז ביידען זיין בעסער... איך וועל זיך שטענדיג געפינען נעבען פּרעה׳ן. איך וועל וויסען וואָס עס קומט פאָר אין פּאַלאַץ און אין דער זעלבער צייט, וועל איך דיר פון אַלעם לאָזען וויסען.

— איך האָב מיט פּוטיפר׳ן גערעדט וועגען דיר — האָט זליכה איהם געענטפערט — איך האָב איהם געפרעגט, אויב עס איז מעגליך פאַר דיר צו ווערען איינער פון דעם קעניג׳ס לייב־וועכטער, האָט ער מיר דערפון אָפּגעשלאָגען. ער האָט מיר געזאָגט, אַז די שטעלע, וואָס דו פערנעהמסט יעצט ביים קעניג איז אַ סך חשוב׳ער, ווי צו זיין אַ לייב־וועכטער. זעהסטו, ווען דו וואָלסט געקענט ווערען דער הויפּט לייב־וועכטער, דאַן וואָלט זיך פאַר דיר געלוינט. אָבער ווי עס ווייזט אויס, איז נאָך פּוטיפר גענוג שטאַרק און וועט נאָך לאַנג לעבען און אַזוי שנעל וועט זיין שטעלען פון דעם הויפּט פון דעם קעניג׳ס לייב־וועכטער, נישט לעדיג ווערען...

— וועסטו מאָרגען מאַכען אַ מאָהלצייט? — האָט סרטן געפרעגט זיין שוועסטער, איידער ער איז אַוועק.

— אויב דיר וועט געלונען איינצולאַדען די יונגעלייט, וועגען וועמען דו האָסט מיט מיר נאָר וואָס גערעדט, וועל איך דאָס טהאָן — האָט זליכה געזאָגט.

— געוויס! — האָט דער שר האופים אַ פרעהליכער געזאָגט — איך

וועל זעהן אז זיי זאָלען שוין קומען, אָבער דו, מיין שוועסטער, זאָלסט זעהן עס זאָלען נישט פעהלען קיין יונגע פרויען. און דו ווייסט דאָך מיין געשמאַק!

דער שר האופים איז אוועק אַ צופריעדענער פון זיין שוועסטער. ער האָט זיך געפיהלט זעהר גליקליך אין מצרים. איהם איז געווען זעהר גוט. זיין שוועסטער איז רייך און זעהר אָנגענומען ביי אַלעמען. ער אַליין איז אויך גאַנץ גוט בעזאָרגט מיט אַלעם. מאָרגען וועט ער ביי זיין שוועסטער גאַנץ גוט פערברייננגען. ער וועט זעהן פערטיג צו ווערען מיט'ן באַקען אין צייט און דאַן וועט ער גלייך אוועק צום מאָהלצייט.

ווען סרטן האָט בעמערקט אייניגע יונגע לייט, וועלכע זיינען ארוים פון פּאַלאַץ, איז ער צו זיי צוגעגאַנגען און פערנייגענדיג זיך, האָט ער זיך אָפּגערופען:

— ווילט איהר זעהן די שעהנסטע פרוי פון מצרים און מיט איהר פערברייננגען?

— געוויס! האָבען זיי געענטפערט מיט אַ שמייכעל — אָבער ווער איז זי און וואו געפינט זי זיך?

— זי איז מיין שוועסטער — האָט סרטן שטילערהייט געזאָגט. — זי איז אויך פוטיפר'ס ווייב... מאָרגען מאַכט זי אַ מאָהלצייט און איך לאַד אייך דעריבער איין צו איהר מאָהלצייט. וועט איהר קומען?

— געוויס וועלען מיר קומען! — האָבען זיי געענטפערט — ביזטו אָבער זיכער, אַז די פרוי וועגען וועמען דו רעדסט איז אַ שעהנע?

— עס איז צו איהר גלייכען נישטאָ אין גאַנץ מצרים! — האָט סרטן געזאָגט מיט שטאָלץ — און ווען איהר וועט קומען, וועט איהר זעהן, אַז איך האָב נישט מגזם געווען.

אויף מאָרגען האָט זליכה געמאַכט אַ מאָהלצייט און זי האָט איינגע־לאַדען פיעלע פון איהרע בעקאַנטע און פריינד און די אייניגע יונגע לייט, וועמען סרטן האָט איינגעלאַדען, זיינען אויך געקומען.

זליכה האָט געפונען אַן אויסרייד פאַר פוטיפר'ן, פאַר וואָס זי מאַכט דעם מאָהלצייט, און ער איז געווען גאַנץ צופריעדען פון דעם.

ער האָט בעמערקט פיעלע מאָל אַז זליכה איז אומעטיג. אָפטמאָל, ווען זי פלעגט זיצען צוזאַמען מיט איהר ביים טיש און עסען, פלעגט פוטיפר בעמערקען, אַז זי איז פערטראַכט און עסט אָהן אַפּעטיט. ער האָט גענומען איהר פרעגען די אורזאַכע פון איהר אומעט.

— ביזטו דען נישט גליקליך מיט מיר?... — פלעגט ער איהר פרעגען.

— איך בין זעהר גליקליך און צופריעדען, — פלעגט זי איהם ענטפערען גלוסט...

— אָבער עפּעס דוכט זיך מיר, אַז דו ביזט בעזאָרגט. עפּעס דריקט דיך, און דו ווילסט עס פון מיר פערבאָרגען.

זליכה פלעגט זיך דאן פאנאנדערלאכען מיט א הילכיגען געלעכטער און פוטיפר האט איהר ארומגענומען און געקושט...

ער וויים פאר וואס זי איז אפטמאל אזוי אומעטיג — האט ער א טראכט געטהאן — זי האט נישט קיין קינדער פון איהם. די געטער זיינען צו איהם זעהר גנעדיג געווען, זיי האבען איהם מיט אזא שעהנער פרוי בעשאנקען. אבער דאך איז זיין גליק נישט פערפולט. שוין היבשע עטליכע יאהר ווי ער האט מיט איהר געהייראטה און זי האט איהם קיין קינדער נישט געבארען. ער געהט צוויי מאל יעדען טאג אין די טעמפלען פון די געטער און איז מתפלל צו זיי, אז זיי זאלען איהם בעשענקען מיט קינדער. ער האט נאך זיין האפנונג נישט פערלארען... ער איז זיכער, אז די געטער וועלען פריהער אדער שפעטער זיך צוהערען צו זיינע תפלות... דאך דארף ער נישט זיין אזוי פערצווייפעלט, איז דען נישט אסנת פעררעכענט פאר זיין אייגענער טאכטער. יע, ער האט איהר ליעב ווי אן אייגען קינד, און זליכה זיין פרוי, איז צו אסנת'ן אזוי צוגעבונדען, נאך מעהר ווי א מוטער. און אסנת איז דאך אזוי וואונדער שעהן און רייצענד.

— איך פערשטעה זליכה, פאר וואס דו ביזט מאנכעס מאל אזוי אומעטיג. אבער ווי עס ווייזט אוים, איז אזוי דער ווילען פון אונזערע געטער, אז מיר זאלען קיין קינער נישט האבען צוזאמען. אבער געלויבט זיינען די געטער, וואס זיי האבען אונז געבענשט מיט אסנת'ן. זי איז דאך פעררעכענט פאר אונזער קינד, און מיר קענען זיכער שטאלץ זיין מיט איהר...

דאן פלעגט זליכה אריינרופען אסנת'ן און איהר נעמען דריקען צו זיך און האלזען און קושען. און פוטיפר פלעגט איהר אוועקזעצען אויף זיינע קניע, דורכפיהרען זיינע פינגער דורך איהרע שעהנע לאקען און איז געווען גליקליך, ווען זי פלעגט איהם רופען „פאטער".

זליכה פלעגט אריינקוקען טיעף אין אסנת'ס אויגען און איהר פלעגט זיך אויסדרוכטען אז זי קוקט אריין אין די אויגען פון שכם. און ווען אסנת האט א שמייכעל געטהאן, האט זי נאך געזעהן א גרעסערע עהנליכקייט צו איהר געליעבטען פון אמאל, און דאס האט איהר געמאכט גליקליך... און ווען פוטיפר פלעגט בעמערקען איהרע שטראהלענדע אויגען און דעם ליעבליכען שמייכעל, וואס פלעגט זיין אויסגעגאסען אויף איהרע שעהנע ליפען, האט ער פערשטאנען אז אסנת וועט פערנעהמען דעם פלאץ פון אן אייגען קינד און זי וועט צוגעבען גליק און פרעהליכקייט אין זיין הויז.

דעם מאהלצייט וואס זליכה האט געמאכט אין פוטיפר'ס הויז, איז געווען א זעהר וויכטיגע פאסירונג פאר דער גאנצער נאכבארשאפט... פוטיפר'ס און זליכה'ס בעקאנטע פרויען און מענער האבען די איינלאדונג אנגענומען מיט גרוים פרייד. יעדער האט געוואלט זיין וואס נעהענטער בעקאנט מיט דיזער זאנדערבארער פרוי פון פוטיפר... די מענער זיינען געווען נייגעריג צו זעהען איהר שעהנקייט, און די פרויען זיינען געווען ניי־געריג צו זעהען איהרע שעהנע קליידער און ציערונג וואס זי האט געהאט. אלע האבען געוואוסט, אז זי קליידט זיך זעהר שעהן, מיט גרויסארטיגען

געשמאק. און א חוץ דעם האָבען די פרויען געוואָלט זיין מיט איהר וואָס נעהנטער בעקאַנט... עפּעס איז זליכה געווען פאַר זיי ווי איינגעהילט אין א געהיימניס... זיי האָבען זעהר ווינציג געוואוסט ווער זי איז, פון וואַנען זי שטאַמט. פאַר פּיעלע פון זיי איז זליכה געווען ווי א רעטעניש. זיי האָבען זעהר געוואָלט וויסען ווער די אסנת איז... זאָל עס זיין אז זי איז איהר אייגענע טאָכטער, פון א פריהערדיגען מאַן. טו ווי אזוי קומט עס אז פּוטיפר, וועלכער איז געווען א פּריעסטער, זאָל התונה האָבען מיט איינער, וועלכע האָט שוין פריהער געהאַט א מאַן...

נישט איינמאָל האָבען די שכנות צווישען זיך גערעדט וועגען איהר... און וואָס מעהר השערות יעדע איינע האָט וועגען זליכה'ן געגעבען, אַלץ מעהר נייגעריג זיינען זיי געווען זיך מיט איהר נעהנטער צו בעקענען.

די ערשטע צייטען, ווען זליכה פלעגט פערבייגעהן, פלעגען די פרויען ארויסגעהן פון זייערע הייזער און איהר נאָכפאָלגען מיט זייערע בליקען.

— ווי שטאָלץ די פרעמדע האַלט זיך דאָס ביי זיך! — האָט זיך איין שכנה אָפּגערופען צו א צווייטער — זי בעמערקט גאָר קיינעם פון אונז נישט!

— פאַר וואָס זאָל זי נישט זיין שטאָלץ! — האָט א צווייטע געזאָגט — איז זי נישט די פרוי פון פּוטיפר? וואָס פאַר א פרוי וואָלט זיך נישט געפיהלט שטאָלץ און גליקליך, ווען זי וואָלט געהאַט אזא מאַן ווי פּוטיפר!

— ווי עס ווייזט אויס, זיינען די געטער צו איהר זעהר גוט געווען... זי איז אין אונזער לאַנד א פרעמדע און איהר מזל איז גרעסער ווי פון אלע היגע געבוירענע פרויען... מען דערצעהלט אז דעם ערשטען טאָג פון איהר אָנקומען אין מצרים, האָט זיך פּוטיפר אין איהר פערליעבט.

— מיר דאַרפען אלע מודה זיין, אז זי איז אויסער געוועהנליך שעהן, — האָט א מצרית זיך אָנגערופען צו דער גרופּע פרויען.

— און ווינציג שעהנע פרויען זיינען פאַראַן אין מצרים?! — האָט א צווייטע געזאָגט — איז נישט די קעניגין א מצרית? און אז פּרעה האָט גענומען א מצרית פאַר א פרוי, האָט פּוטיפר געווים עס געזאָלט טהאָן.

— אָבער אזא שעהנע פרוי ווי זליכה איז שווער צו געפינען צווישען די מצרית'שע פרויען...

— און מיר וואונדערט זיך, ווער איז אָט די אסנת, וועמען פּוטיפר האָט אָנגענומען פאַר זיין טאָכטער? — האָט נאָך א שכנה זיך אָפּגערופען.

— זי מוז זיין איהר אומגעזעצליך קינד! — האָט אַן אַנדערע געענטפערט.

— אָבער זי האָט גאָר קיין עהנליכקייט נישט צו איהר! אסנת קוקט אויס אין גאַנצען אַנדערש ווי זליכה.

— און האָט אימיצער פון אייך ווען עס איז געזעהען איהר ברודער? ער האָט אויך קיין ברעקעל עהנליכקייט נישט צו איהר, פונדעסטוועגען וועט קיינער נישט אָפּלייקענען אז ער איז איהר ברודער.

— ווען מען זעהט זיי צוזאַמען, קען מען פאָרט בעמערקען, אז ער איז עטוואָס עהנליך צו איהר... אמת, ער איז ווייט פון צו זיין שעהן...

— און פונדערסטוועגן האָט ער געקראָגן אַזאַ הויכע שטעלע ביי דעם קעניג! ער איז יעצט דער שר האופים. עס פערשטעהט זיך, אַז דאָס האָט פּוטיפר פאַר איהם די שטעלע געקראָגען! — האָט זיך אָן עלטערע פרוי אָפּגערופען — פרעה האַלט זעהר שטאַרק פון פּוטיפר׳ן, און טוט פאַר איהם אַלעס וואָס ער פערלאַנגט.

— ווי עס ווייזט אויס, האָט לאַנג נישט גענומען פאַר זליכה׳ן אומצו־בייטען איהרע געטער אויף די געטער פון מצרים! — האָט די ערשטע שכנה זיך אָנגערופען — איך האָב איהר עטליכע מאָל געטראָפען אין דעם טעמפעל פון די געטער צוזאַמען מיט פּוטיפר׳ן און אסנת׳ן. זיי האָבען געבראַכט קרבנות פאַר די געטער און זליכה האָט צו זיי מתפלל געווען. און פון דאַן אָן זעה איך איהר דאָרט זעהר אָפט.

— און איך מיין אַז זי קומט נישט אין טעמפעל פון די געטער, ווייל זי איז דאָס אַזוי פרום. זי קומט אַהין בלויז צו צייגען איהרע שעהנע קליידער און איהרע טהייערע ציערונג, וואָס פּוטיפר האָט איהר געשאָנקען.

אַזוי האָבען די שכנות זיך דורכגעשמועסט צווישען זיך און דעריבער ווען זליכה׳ס דיענסט זיינען צו זיי געקומען און זיי איינגעלאַדען צו זליכה׳ן אין הויז פאַר אַ מאָהלצייט, האָבען זיי די איינלאַדונג אָנגענומען מיט גרויס צופריעדענהייט... נישט נאָר האָבען זיי עס געהאַלטען פאַר אַ כבוד, צו זיין די געסט פון זליכה׳ן, נאָר זיי האָבען אויך געוואָלט זיך נעהנטער בעקענען מיט איהר און בעפריעדיגען זייער נייגעריגקייט.

דעם גאַנצען טאָג זיינען זליכה׳ס דיענסטען געווען פערנומען אין צו־גרייטען פאַר דער מאָהלצייט, און אין אָווענט האָבען די געסט אָנגעפאַנגען זיך צונויפצוקומען.

זליכה האָט אָנגעטהאָן איהרע שעהנסטע קליידער און די קאָסטבאַרסטע ציערונג... אויך אסנת׳ן האָט זי אויסגעפּוצט, און די געסט האָבען זיך נישט געקענט אָפּוואונדערען פון זייער שעהנקייט. סרטן און די יונגע לייט זיינען אויך געקומען און זליכה האָט פערבראַכט זעהר אַ פיינעם אָווענד... מען האָט געטרונקען ויין און געטאַנצט.

— וואו איז דאָס אסנת?! — האָט סרטן זיך אָפּגערופען צו זיין שוועסטער, ווען ער האָט זיך שוין עטוואָס געהאַט אָנגע׳שכור׳ט.

— זי איז געגאַנגען שלאָפען! — האָט זליכה איהם געענטפערט. דו ווייסט דאָך אַז זי איז נאָך גאַנץ יונג און זי אינטערעסירט זיך נישט אין אַזעלכע זאַכען...

— אָבער איך האָב איהר געוואָלט זעהן... איך האָב געהערט ווי פיעלע ריידען וועגען איהר שעהנקייט און דו האָסט דאָך איהר אָנגעטהאָן אין די שעהנסטע קליידער. זאָל זי ארויסקומען!

— ניין! — האָט זליכה אַ זאָג געטהאָן — איהר פּלאַץ איז יעצט אין בעט...

— איך ווייס פאַר וואָס דו ווילסט נישט אַז זי זאָל זיך געפינען יעצט צווישען די געסט — האָט סרטן געזאָגט מיט ענטטוישונג — כדי מען זאָל

נישט זאָגען אַז זי איז שעהנער פון דיר! זי איז שוין אויסגעוואַקסען... און איך האָב געהאָפט אַז איך וועל מיט איהר קענען פערברייינגען עטוואָס.

— סרטן! — האָט זליכה אַ געשריי געטהאָן — טו אָפּ דיין וויין פון דיר... ווען דו וואָלסט נישט געווען מיין ברודער, וואָלסטו יעצט דערפיהלט מיין פויסט!... און מיינע דיענער וואָלטען דיך פון אַלע טרעפּ אַרונ־טערגעשליידערט, פאַר דער בעליידיגונג וואָס דו האָסט מיך נאָר וואָס בע־ליידיגט. אָבער איך וויים אַז דו ביזט שכור און דעריבער בעט איך דיך דו זאָלסט זיך בערוהיגען.

כאָטש זליכה האָט געוואוסט אַז סרטן זאָגט איהר דעם אמת, פונ־דעסטוועגען איז זי אויף איהם געווען שטאַרק אין כעס...

ווען זי האָט בעמערקט אַז אַלע יונגע לייט, וועלכע זי האָט איינגעלאַדען הערען נישט אויף צו קוקען אויף אסנת'ן, און צו ריידען פון איהר זעלטענער שעהנקייט, און צו איהר שענקט מען נישט אַזויפיעל אויפמערקזאַמקייט, האָט עס איהר זעהר שטאַרק פערדראָסען, און דעריבער האָט זי גלייך גע־הייסען אסנת'ן געהן אין איהר צימער זיך לעגען שלאָפען. אָבער סרטן האָט קיין רעכט נישט געהאַט איהר דאָס צו דערמאָנען... און אַ חוץ דעם איז איהר אין אַלגעמיין נישט צום האַרצען, דאָס וואָס סרטן האָט ענטוויקעלט אַזאַ איבערגעבענהייט צו אסנת'ן. ער שלינגט איהר פּשוט איין מיט זיינע בליקען. זי קען גוט דעם כאַראַקטער פון איהר ברודער, און זי קען לעזען זיינע געדאַנקען. אסנת וואַקסט אונטער. זי ענטוויקעלט זיך אַזוי שעהן און רייצענד. אָבער זי וועט נישט דערלאָזען אַז עפּעס בייזעס זאָל צו איהר געשעהן... זי וועט איהר היטען און שיצען... די אומשולדיגע אסנת דאַרף נישט ליידען פון דעם וואָס זי איז אַזוי שעהן און אַנציהענד.

סרטן האָט זיך אָפּגעקעהרט פון זיין שוועסטער. ער איז אויך געווען אויף איהר אין כעס... ער האָט אסנת'ן שוין לאַנג אויפגעהערט צו בעטראַכ־טען פאַר אַ קינד... זי איז דאָך אַזוי שעהן, און ער האָט געהאָפט אַז עס וועט אַוועקגעהן נאָך אַ פּאָר יאָהר און דאַן וועט ער בעטען זיין שוועסטער זי זאָל איהר איהם אָפּגעבען פאַר זיין פרוי... און דאָס וואָס ער איז יעצט כמעט דריי מאָל אַזוי אַלט ווי אסנת, שאַדט אויך נישט. איז דען פוטיפר, זליכה'ס מאַן, נישט אַ סך עלטער פון איהר... ער איז געווען גאַנץ זיכער אַז זיין שוועסטער וועט זי פון איהם נישט פערמיידען. האָט ער אסנת'ן דען נישט געהאָלפען אַוועק'גנב'ענען פון דינה'ן, איהר מוטער... ווען נישט ער, וואָלט זי דען געקענט אַליין דורכפיהרען אַלע איהרע פּלענער?! יע, ער האָט אַזאַ רעכט אויף אסנת'ן ווי זי... ער וועט עס איהר זאָגען. ער וועט זיך פאַר איהר נישט שעהמען. און זאָל זי איהם ענטזאָגען, וועט ער שוין וויסען וואָס צו טהאָן.

נאָך דעם מאָהלצייט, ווען אַלע זיינען שוין אַ היים געגאַנגען, איז סרטן צוגעגאַנגען צו זליכה'ן און זיך צו איהר אָפּגערופען:

— מיין שוועסטער, איך וויים נישט פאַר וואָס דו ביזט היינט אויף מיר אין כעס געוואָרען... ווייסטו דען נישט, אַז איך בין דיין איינציגער פריינד אין מצרים, וועלכער וויים אַלע דיינע סודות.

— אַלע מיינע סודות! — האָט זליכה ווידערהאָלט זיינע ווערטער
— וואָס פאַר אַ סודות האָב איך? דו וועסט דאָך געוויס נישט געהן זאָגען פּוטיפר׳ן אַז איך האָב איהם נישט ליעב!

— פאַר אַזאַ נאַר האַלסטו מיך, מיין שוועסטער! — האָט סרטן געענטפערט — איך וויים, אַז ווען פּוטיפר זאָל זיך דערפון דערוויסען, וועל איך ליידען דערפון מעהר פון דיר, איך וועל זיכער מיין שטעלע פערלירען ביי דעם קעניג.

— און וועמען האָסטו צו פערדאַנקען — האָט סרטן געפּלאַנטערט מיט׳ן צונג.

— צו פערדאַנקען וואָס פּוטיפר האָט מיט מיר חתונה געהאַט? — האָט זליכה איהם פערכאַפּט.

— ניין! איך מיין נישט דאָס! — האָט סרטן געענטפערט — איך וויים אַז איך האָב גאָרנישט צו טהאָן מיט דעם וואָס פּוטיפר האָט דיך פאַר זיין פרוי גענומען... אָבער דו וועסט דאָך מוזען מודה זיין אַז אין אסנת׳ן האָב איך אויך אַ טהייל.

— איך האָב דאָך דיר אָנגעזאָגט, אַז דו זאָלסט אויפהערען צו ריידען מיט מיר וועגען אסנת׳ן! שלאָג זיך איהר אַרויס פון דיין קאָפּ... פערגעס נישט אַז זי איז יעצט פערדעכענט פאַר מיין טאָכטער און די טאָכטער פון פּוטיפר... און אויב דו ווילסט פערמיידען שלעכטע פאָלגען, זאָלסטו דאָס קינד צו רוה לאָזען. עס זיינען פערהאַן גענוג פרויען דאָ אין מצרים וואָס זיינען אין דיינע יאָהרען.... זי איז נאָך אַזאַ יונגע צאַרטע קינד און דו וואָלסט באַלד געקענט זיין איהר זיידע.

— און וואָס איז מיט דיין מאַן פּוטיפר? — וואָלט זיך פאַר איהם נישט געפּאַסט, ער זאָל זיין דיין זיידע? — האָט סרטן זיך אַ קרים געטהאָן.

זליכה האָט איהם נישט געענטפערט. זי האָט זיך גלייך צוריקגעצויגען אין איהר צימער. און סרטן איז אַוועק אַן אויפגערעגטער און אַן ענט־טוישטער.

19.

יוסף אין פוטיפר׳ס הויז

דורך די עטליכע טעג וואס יוסף האט מיט די ישמעאלים געוואנדערט, האט ער זיך גענומען ביסלעכווייז צוגעוואהנען צו דעם געדאנק, אז ער געהט נאך מצרים וואוהין מען וועט איהם פערקויפען פאר אן אייביגען קנעכט... און כאטש ער האט די גאנצע צייט געוואונשען, ער זאל זיין בעסער טויט איידער צו זיין א קנעכט, האט ער אבער, אנקומענדיג אין מצרים, גענומען אנדערש טראכטען. זיין יוגענט און פערלאנג צו לעבען האבען אזעלכע טרויעריגע מחשבות פערטריבען פון זיינע געדאנקען. ווי נאר ער איז אנגעקומען אין מצרים, האט ער פאר זיך געזעהען אן אנדער וועלט. ער האט די גאנצע צייט געוואוינט אין חברון, וואו אלעס איז געווען אין גאנצען אנדערש ווי דא אין מצרים... און אפילו ווען ער האט דורכגעמאכט זיין רייזע צו זיינע ברידער, האט ער קיינע ענדערונגען נישט בעמערקט אין גאנץ כנען. די זעלבע געצעלטען און נידעריגע הייזלעך, דאס לעבען איז אומעטום געווען שטיל און רוהיג... דאס גאנצע לאנד כנען איז פול מיט בערג פון איין בארג ארויף און א צווייטען בארג ארונטער... די בעשעפטיגונג פון אלע איינוואוינער איז בעשטאנען אין בעארבייטען די פעלדער און אין פיטערען שאף... דאך האבען פיעלע פעלדער און גערטענער אויסגעקוקט ווילד און פערלאזען. און אפילו דאס לאנד וואס איז געווען בעארבייטעט, איז אויך געווען אהן א סיסטעם. אבער דא, אין מצרים, קוקט אויס אלעס אנדערש צו זיין: די פעלדער און גערטנער זיינען פערזועהט, פרוכט בוימער און בלומען וואקסען אין די גערטנער און אומעטום געפינט זיך וואסער וואס ווערט געצויגען דורך קאנאלען פון דעם וואונדערבארען טייך נילוס...

ער האט אזוי פיעל זיך אנגעהערט פון דיזען טייך און יעצט קומט איהם אויס אלעס צו זעהען מיט זיינע אויגען... דער נילוס האט זיך נאר וואס געהאט אויפגעהויבען פון זיינע ברעגען און האט אנגעטרונקען דאס גאנצע לאנד, מאכענדיג אלעס פרוכטבאר... די שעהנע, הויכע פאלמען האבען זיך אפגעשפיגעלט אין די וואסערען פון די קאנאלען, נעבען וועמעס ברעגען זיי האבען געוואקסען... די דערפער פון ארום זיינען געווען זעהר שעהן אויסגעלעגט. און זייענדיג מיעד פון דער לאנגער רייזע פון דעם מדבר, וואו ער האט בלויז געזעהן הימעל, זאמד און א ברענענדע זון, האט איהם די וואונדער שעהנע נאטור פון צוען, די דאמאלדיגע הויפט שטאדט פון מצרים, נאך מעהר ערפרישט און בעגייסטערט

יוסף׳ס בעגייסטערונג איז געוואקסען מיט יעדען טריט וואס זיינע פיס זיינען טיעפער אין שטאדט אריין. ער האט בעמערקט גרויסע הייזער, וואס זיינען געווען געמאכט פון שטיין, וואס ער האט ביז אהער קיינמאל נישט געזעהען. מעהר פון אלץ האט יוסף׳ן בעגייסטערט דער טייך נילוס. דאס וואסער וואס איז געווען אזוי בלוי ווי דער הימעל, און אזוי קלאהר און דורכזיכטיג. ער האט בעמערקט ווי די שעהנע שיפען גליטשען זיך מיט אזא גראציעזער בריט. פון ביידע זייטען טייך געפינען זיך פאלמען בוימער און דער ריח איז אזוי אנגענעהם און פריש. פערשיעדענע שעהנע פויגעל האבען זיך צוזונגען און יוסף, פערגעסענדיג זיין שרעקליכע לאגע, אין וועל־כער ער געפינט זיך, איז געווען אזוי בעגייסטערט פון אלעם וואס ער האט דא בעמערקט אז איהם האט זיך געדוכט דאס ער געפינט זיך אין א צויבער לאנד... ער איז געשטאנען מיט ברייטע אפענע אויגען און האט געגאפט פון וואונדער...

ווי פון א וואונדערבארען חלום צו דער טרויעריגער ווירקליכקייט, האט זיך יוסף אויפגעכאפט, ווען דער הויפט פון די ישמעאלים האט איהם א קלאפ געטהאן אין פלייצע און זיך צו איהם אפגערופען:

— ביז ווי לאנג וועסטו אזוי שטעהן פער׳חלום׳ט און קוקען גלאט אין דער וועלט אריין! — קום! מיר דארפען זיך איילען צום מארק פלאץ, היינט קומען פיעלע קויפער און מיר האבען נאך צו פערקויפען א חוץ דיך, אויך אנדערע זאכען.

דאס הארץ האט יוסף׳ן פערקוועטשט, ווען ער האט זיך געגומען דער־מאהנען אז אט, באלד, באלד וועט ער פערלירען אויף אייביג זיין פרייהייט. ווער ווייס אין וועמעס הענט ער וועט אריינפאלען... ער וועט זיין פער־שקלאפט... און וועט אפילו קיין רעכט נישט האבען צו בעוואונדערען די שעהנע נאטור. מיט וואס דאס לאנד מצרים איז געבענשט.. ער האט זיך געגומען דערמאהנען אן זיין פאטער און אן זיין געבורטס שטאדט. און זיינע אויגען זיינען אנגעפילט געווארען מיט טרעהרען.

— דו פאנגסט שוין ווידער אן צו וויינען? — האט איהם דער אנ־פיהרער פון קאראוואן געזאגט — און איך האב געדיינקט אז דו ביזט שוין געקומען צום שכל, און דו וועסט אויפהערען צו קלאגען און יאמערען.

— איך קען דיך נישט פערשטעהן, פאר וואס דו זאלסט זיך פיהלען אזוי שלעכט, וואס מיר האבען דיך אהער געבראכט — האט דער ישמעאלי וועלכער האט געכאפט א מפלה פון יהודה׳ן, זיך צו איהם אפגערופען — מיר דוכט זיך, איידער צו זיין א קנעכט ביי יענע פאסטוכער פון כנען, וואו דיין לעבען איז אימערצו געהאנגען אויף א האר, איז דאך שוין א סך בעסער צו קריגען א האר אין מצרים... מעגליך אז דו וועסט קריגען בלויז איין האר, און נישט קיין ניין, אדער ווי דו האסט אונז געזאגט, אז זיי זיינען צעהן צוזאמען... איך קען זיך פארשטעלען, וואס דו פלעגסט פון זיי קריגען, אויב דו האסט עפעס געטהאן א זאך וואס עס איז זיי נישט געפעלען. זאג מיר, יוסף, וויפיעל מאל האבען זיי דיך שוין צוממית׳ט און צובלוטיגט?

— קיינמאל, ביז דעם טאג וואס איהר האט מיך פון זיי אפגעקויפט.

האָבן זיי מיר קיין שלעכטס נישט געטהאָן! — האָט יוסף טרויעריג גע־ענטפֿערט — זיי זיינען מיינע ברידער, און מיר האָבן די גאַנצע צייט געלעבט בשלום...

— זיין משוגעת איז שוין ווידער צו איהם געקומען! — האָט דער עלטסטער זיך אָפּגערופֿען. — יוסף! איך וויל דיך וואָרענען, אַז אויב דו וועסט אָנמאַכען שווערינקייטען פֿאַר אונז בעת מיר וועלען דיך פֿערקויפֿען, דאַן וועסטו ערגער מאַכען... מעגליך, אַז פֿיעלע פֿון די רייכע מצריים, וועלען זיך ענטזאַגען דיך צו קויפֿען, ווען דו וועסט אָנפֿאַנגען צו וויינען און דערצעהלען פֿאַר זיי אַז דו ביזט נישט קיין קנעכט, דאַן וועלען מיר דיך צוריקפֿיהרען אין שור, צו אונזער הערשער איתן, און דו וועסט דאַרפֿען פֿאַר איהם זיין אַ קנעכט.. און ביי איהם, קענען מיר דיר פֿאָראויס זאָגען, אַז קיין האָניג וועסטו נישט לעקען... אויב דו וועסט ביי איתן'ן איבערלעבען דעם ערשטען יאָהר, וועסטו זיין שטאַרקער פֿון אייזען! יעצט זעה וואָס דו האָסט צו טהאָן, וויש אָפּ דיינע טרעהרען, ברייננ אַרויף אַ שמייכעל אויף דייע ליפּען... מעגליך, אַז דו וועסט אַריינפֿאַלען אין רייכע הענט און אַז דו וועסט טהאָן ווי איך הייס דיך, וועט דיר גוט זיין! טאָמער נישט וועסטו פֿיהלען די מאַכט פֿון מיינע פֿויסטען!

יוסף האָט אָפּגעווישט זיינע טרעהרען און איז מיט די ישמעאלים גע־גאַנגען צום מאַרק-פּלאַץ... ער האָט זיך פֿערלאָזען אויף גאָט... ער וועט איהם נישט פֿערלאָזען און אַרויסהעלפֿען אין זיין נויטה. ער האָט בעשלאָסען מעהר נישט צו טרויערען און קלאָגען... עס איז געווים אַזוי דער ווילען פֿון גאָט, און ער טאָר וועגען דעם מעהר נישט איבערטראַכטען. דער וואָס זיצט אין די הימלען פֿיהרט זיין וועלט מיט חכמה, און מן הסתם האָט אַזוי געדאַרפֿט זיין! ער האָט אָנגעפֿאַנגען צו ריידען און פֿערברייננען מיט די ישמעאלים און זיי זיינען געוועזען גאַנץ צופֿריעדען איהם צו זעהן ווידער מונטער און פֿרעהליך.

זיי זיינען צוגעקומען צו דעם מאַרק פּלאַץ און דער געשריי פֿון געפֿיל־דער האָט זיך גלייך דערטראָגען צו זייערע אויערען.

יוסף האָט בעמערקט די פֿיעלע מענשען, קויפֿער און פֿערקויפֿער, וואָס קומען זיך צוזאַמען צו האַנדלען. ער האָט בעמערקט די פֿערשיעדענע סחורות וואָס יעדער סוחר האָט צו פֿערקויפֿען... זייערע קעמלען זיינען אָנגעלאָדען מיט זאַכען וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל נישט אָנגעזעהן אין כנען. זעהר שעהנע זאַכען אויסגעשניצט פֿון האָלץ, געפֿאַרבטע וואַזעס מיט אַרטיסטישע געמאָלעכצען, פֿערשיעדענע ליימענע טעפּ און אַנדערע כלים מיט פֿערשיע־דענע אויסקריצונגען... ער האָט אַלעם בעטראַכט מיט גרויס נייגריגקייט, און האָט שוין כמעט געהאַט פֿערגעסען, אַז ער ווערט דאָ אויך געפֿיהרט אַלס סחורה... באַלד אָבער זיינען זיי צוגעקומען צו דעם פּלאַץ וואו די שקלאַפֿען ווערען פֿערקויפֿט, און יוסף'ן האָט גענומען שווינדלען אין די אויגען און דער קאָפּ האָט זיך איהם גענומען דרעהען... ער האָט געזעהן ווי אויף דער ערד ליגען אויסגעצויגען שקלאַפֿען, שוואַרץ הויטיגע, טונקעל־ברוין הויטיגע און אַנדערע שקלאַפֿען. פֿיעלע פֿון זיי קוקען אויס צו זיין

ווילד און צושראָקען, ביי מאַנכע פון זיי זיינען די פיס צוגעבונדען. די פערקויפער שטעהען נעבען זייער סחורה און רופען אויס די וואונדערבאַרע מעלות וואָס זייערע קנעכט בעזיצען. איינער בויגט זיך איין און הויבט אויף א האַנט פון א שקלאַף צו צייגען דעם קונה ווי שטאַרק דער קנעכט איז... א ציטער איז דורכגעגאַנגען יוסף'ס קערפער, ווען ער האָט דאָס בעמערקט.

— באַלד וועט מען אויך מיט איהם אַזוי טהאָן, — האָט ער זיך געטראַכט — זיי וועלען איהם אויסציהען אויף דער ערד און נעהמען אויס־שרייען זיינע מעלות.

די ישמעאלים האָבען זיך דאָרטען אָפּגעשטעלט. זיי האָבען אויסגעגע־לאָדען זייער סחורה פון די קעמלען און זיי אויסגעשטעלט.

דער הויפּט איז צוגעגאַנגען צו יוסף'ן און איהם א ווייל'ע בעטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס... ער איז אין הארצען געווען שטאָלץ אויף זיין „סחורה" ער האָט גאַנץ גוט געזעהען וואָס פאַר א קנעכט די אַנדערע האָבען צו פער־קויפען... א גלייכעניש! ער האָט בעשלאָסען צו פאָדערען פאַר איהם זעהר א הויכען פּרייז... ער ווייס, אז די מצריים האָבען זעהר ליעב צו קויפען שעהנע קנעכט און אַזא זעלטען שעהנעם פּנים ווי יוסף בעזיצט, האָט ער נאָך ערגיץ נישט געזעהען.

יוסף האָט אויף איהם געקוקט מיט בעטענדע אויגען וועט ער אויך דאַרפען ליגען אויסגעצויגען אויף דער ערד ווי די איבריגע.. א שוידער נעהמט איהם אָן.

דער הויפּט האָט פערשטאַנען פון יוסף'ס אויגען, וואָס ער טראַכט און האָט זיך אָפּגערופען צו איהם:

— אויב דו וועסט טהאָן וואָס מיר וועלען דיך הייסען און דו וועסט זיין געלאַסען און רוהיג, און פאַר קיינעם נישט ריידען דיינע נאַרישקייטען וועגען ברידער און א פאָטער אין כנען, וועסטו נישט דאַרפען ליגען צוזאַמען מיט יענע שקלאַפען... אָבער ווען דו וועסט אַרויסצייגען א זויערען פּנים און פערטרייבען דערמיט די קונים, וועסטו גלייך געבונדען ווערען און וועסט געהאַלטען ווערען אויף דער ערד צוזאַמען מיט די איבריגע שקלאַפען.

יוסף האָט א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ, אז ער שטימט צו, און דער ישמעאל האָט זיך נעבען איהם אוועקגעשטעלט און האָט גענומען אויס־שרייען:

— זעהר א גוטען קנעכט האָבען מיר צו פערקויפען! ער איז שטאַרק און דערצו נאָך איז ער געלערענט!

פּיעלע פון די מצריים זיינען צוגעגאַנגען און גענומען יוסף'ן בעטראַכ־טען.. זיי האָבען זיך נישט געקענט אָפּוואונדערען פון זיין שעהנעם אויסזעהן.

— דאָס איז געוויס נישט קיין געבוירענער קנעכט! — האָט דער ישמעאל געהערט ווי איינער בעמערקט צו א צווייטען. מיר דוכט, אז עם פערקויפער וואָלט געפּאַסט צו זיין א קנעכט צו איהם.

— יוסף! זאָג מיר ביזטו נישט קיין קנעכט? האָבען מיר דיך נישט אָפּגעקויפט פון דיינע פריהערדיגע הארען?...

יוסף איז געבליבען שטעהן עטוואָס צוטומעלט... איהם האָט זיך

געוואלט אויסשרייען ניין! איך בין נישט קיין קנעכט, איך בין א זוהן פון יעקב׳ן דעם עברי, וועלכער געפינט זיך אין חברון. אבער ווען זיינע אויגען האבן בעגעגענט די אויגען פון דעם ישמעאלי, האט יוסף א שאקעל געטהאן מיט׳ן קאפ אויף יא.

— יע, מיינע פריינד! — האט זיך דער ישמעאלי אפגערופען צו די צוויי מצריים... ער איז א ריכטיגער קנעכט! ער האט געדיענט אין זעהר א גרויסארטיגע משפחה און דעריבער איז ער אויך געבילדעט!

— און וויפיעל פערלאנגסטו פאר איהם? — האבען זיי איהם געפרעגט.

— איך פערלאנג פינף הונדערט שקלים! — האט דער ישמעאלי זיך אפגערופען — מיר האבען אליין פאר איהם בעצאהלט אריבער פיער הונדערט שקלים, נישט אמת, יוסף!?

יוסף האט זיך דיזען מאל נישט געמאכט הערענדיג און איהם נישט געוואלט ענטפערען... אבער ווען ער האט ווידער דערזעהען די בייזע בליקען פון דעם ישמעאלי, איז ער געווען געצוואונגען א שאקעל צו טהאן מיט׳ן קאפ אויך אויף דיזען ליגען.

זעהר שנעל האט זיך איבער דער שטאדט צוען פערשפרייט די נייעס וועגען דעם אויסערגעוועהנליכען קנעכט, און זעהר פיעל זיינען בלויז גע־גאנגען אנקוקען דעם שעהנעם קנעכט... די רייכערע האבען איהם פרובירט אויך דינגען, אבער ווען זיי האבען דערהערט אזא הויכען פרייז, האבען זיי איהם נישט געוואלט קויפען..

דעם גאנצען טאג זיינען די ישמעאלים געשטאנען מיט יוסף׳ן אויף׳ן מארק פלאץ און מיט הויבע שטימען אויסגערעכענט די מעלות פון זייער קנעכט, וועלכען זיי פערקויפען... ווען עס האט אנגעהויבען צו ווערען טונקעל, האט זיך איין ישמעאלי אנגערופען צו דעם הויפט:

— די מצריים זיינען נישט געוואוינט צו צאהלען אזוי פיעל געלט פאר א קנעכט.. דו וועסט דארפען בעסער ארונטערלאזען פון פרייז, אויב מיר ווילען איהם פערקויפען אין מצרים.

— ווען ווילען מיר נאכאמאל קריגען אזא קנעכט?! — האט דער הויפט געזאגט — אויב מיר זאלען אן איהם נישט גוט פערדיענען, האט זיך אונז דען געלוינט צו ריזיקירען מיט איהם! מיר דארפען האבען געדולד... עס וועט זיך שוין געפינען אויף איהם א ריכטיגער קונה, וועלכער וועט מרוצה ווערען צו בעצאהלען פאר יוסף׳ן דעם פרייז, וואס מיר פערלאנגען! אפילו ווען עס וועט אונז אויסקומען צו פערברייגען עטליכע איבריגע טעג אויף׳ן מארק פלאץ.

ווען די נאכט איז צוגעפאלען און די קונים פון דעם מארק זיינען זיך צוגאנגען — האבען די ישמעאלים אויך צוזאמען גענומען זייער סחורה און צוריק אנגעלאדען די קעמלען און מיטנעהמענדיג יוסף׳ן האבען זיי ערגעץ אויפגעזוכט א פלאץ און האבען צוזאמענגעשטעלט זייערע געצעלטען און דארטען איבערגענעכטיגט.

זעהר לאנג האָבען די ישמעאלים צווישען זיך גערעדט ווי אזוי ווייטער צו האַנדלען מיט יוסף'ן.

— צוליעב דעם וואָס מיר קאָנצענטרירען אַלע אונזערע כחות אום צו פערקויפען אונזער קנעכט, האָבען מיר פערנאַכלעסיגט אונזערע איבריגע סחורות — האָט איינער זיך בעקלאָגט — אונז איז כמעט פערבליבען די גאַנצע סחורה וואָס מיר האָבען אַ הער געבראַכט פון גלעד.

— דערפאַר אָבער, אויב אונז וועט יע געלונגען צו פערקויפען דעם קנעכט, וועלען מיר אָן איהם פערדיענען מעהר ווי אונזער גאַנצע סחורה איז ווערטה — האָט דער הויפט אַ זאָג געטהאָן.

— לויט דעם פּרייז וואָס דו פערלאַנגסט, האָב איך מורא, אז מיר וועלען איהם דאַרפען צוריקפיהרען אין כנען.. .

— איך פערזיכער אייך! — האָט זיך יוסף אָפּגערופען צו זיי — אז ווען איהר וואָלט מיך געבראַכט נאָך חברון, צו מיין פאָטער, וואָלט ער אייך בעצאָהלט די גאַנצע סומע וויפיעל איהר פערלאַנגט פאַר מיר! אפילו ווען איהר וועט פאָדערען צוויי מאָל אזויפיעל.

— אפשר איז טאַקע אַ סברא? — האָט זיך איינער אָפּגערופען און זי גלייך פערכאַפּט — איך מיין נישט, אז מיר זאָלען יוסף'ן אומקעהרען אין חברון... אָבער פיליכט וועט איינער פון אונז אהין אוועק געהן און זי איבערצייגען אין די ריכטיגקייט פון יוסף'ס ווערטער און פּרובירען פערהאַנדלען מיט יעקב'ן.

— האָב איך דען שוין נישט פריהער געזאָגט, אז דאָס איז אוממעגליך! מעהר פעהלט נישט, ווי זיך אָנצופאַנגען מיט דער משפחה פון יעקב'ן. ווען עס וואָלט געווען אמת, אז דאָס האָבען איהם זיינע ברידער פערקויפט צו אונז פאַר אַ קנעכט, וואָלט זיך ערשט פאַר אונז נישט געלוינט צו געהן צו זייער פאָטער... ווייל די ברידער וואָלטען זיכער אונז נישט געשאָנעוועט פאַר דעם. און דו יוסף האָסט מיר דאָך פערשפּראָכען מעהר נישט אונז צו דערמאָהנען וועגען אַ פאָטער און ברידער... ווילסטו מאָרגען ליגען אָן אויס־געצויגענער אויף דער ערד מיט פערבונדענע פיס, מיט די איבריגע שקלאַפען?

— איך האָב קיין שלעכטס נישט געמיינט! — האָט יוסף זיך פּרובירט פערענטפערען — ווען איך האָב געזעהען אז אייך איז שווער מיך צו פער־קויפען, האָב איך געטראַכט אז מיין פאָטער וואָלט אייך בעצאָהלט דעם ריכטיגען פּרייז.

— דאָס האָט גאָרנישט צו טהאָן מיט דיר! — האָט דער הויפט שטרענג אַ זאָג געטהאָן — דו דאַרפסט וויסען, אז דו ביזט אַ קנעכט און זיך נישט מישען אין אונזערע ענינים.

אויף'ן צווייטען טאָג, אין דער פריה, האָט זליכה געשפּאַצירט, ווי איהר שטייגער איז געווען, מיט אסנת'ן... זי האָט אָנגעטראָפען איהרע אַ שכנה וועלכע האָט צוזאַמען מיט איהר פערבראַכט אויף'ן מאָהלצייט. זיי האָבען זיך פאַנאַנדערגערעדט און די שכנה האָט זיך צו איהר אָפּגערופען:

האָסטו געהערט וועגן דעם אויסערגעוועהנליכען קנעכט וואָס די ישמעאלים האָבען נעכטען געבראַכט אויף'ן מאַרק?

— ניין! — האָט איהר זליכה געענטפערט — וואָס איז דאָס פאַר א קנעכט?

— מיר וואונדערט זיך אויף דיר, אז דו לאָסט וועגען דעם נישט געהערט, די גאַנצע שטאָדט רעדט וועגען דעם, און מיר דוכט זיך, אז כמעט יעדער איינער איז איהם געגאַנגען אָנקוקען!

— אָבער זאָג דאָך מיר, איך בעט דיך, וואָס איז דאָס אַזוי דער וואונ־דער מיט איהם? — איז זליכה אומגעדולדיג געוואָרען — האָט ער דען בעוויזען אַזעלכע קונצען וואָס אונזערע חרטומים קענען נישט בעווייזען...

— ניין, ער האָט שוין גאָר קיין קונצען נישט בעוויזען! — האָט די שכנה געשמייכעלט — אָבער דו האָסט איהם געדאַרפט אָנקוקען! איך האָב שוין אין מיין לעבען פיעלע שעהנע מענער געזעהען, אָבער אַזאַ שעהנעם פנים ווי יענער קנעכט בעזיצט, האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזעהען... זיינע אויגען! ביי די געטער פון מצרים שווער איך דיר, זליכה, אז אַזאַ מאַן איז נאָך קיינמאָל אין מצרים נישט געווען.

— איז ער אויך יונג? — האָט זליכה ווידער א פרעג געטהאָן.

—ער בעזיצט אַלע מעלות; ער איז יונג, העלדיש און וואונדער שעהן. איך זאָג דיר, זליכה, אַז איך האָב נישט געוואָלט אָפּטרעטען פון איהם... און נישט נאָר איך, יעדע פרוי, וועלכע האָט אויף איהם בלויז איינמאָל א קוק געטהאָן, איז ווי צוגעשמידט געוואָרען צו איהר פּלאַץ... אָ, ווען איך וואָלט איהם געקענט קויפען! — האָט זי א זיפץ געטהאָן — זיי פערלאַנגען פאַר איהם זעהר פיעל געלט!

— וויפיעל פערלאַנגען זיי פאַר איהם? — האָט איהר זליכה געפרעגט.

— פינף הונדערט שקלים!

— האָט איהם ווער עס איז שוין אָפּגעקויפט? — האָט זליכה מיט זאָרג ווידער זיך אָפּגערופען.

— ניין, זיי זיינען מיט איהם אָפּגעשטאַנען ביז גאַנץ שפּעט און קיינער האָט נישט געוואָלט געבען אַזאַ הויכען פּרייז פאַר איהם... זיי וועלען וואַרשיינליך היינט ווידער מיט איהם קומען אויף דעם מאַרק פּלאַץ... איך בין זיכער, אז היינט וועלען זיי קיינע שוועריגקייטען נישט האָבען איהם צו פערקויפען, ווייל איך גלויב אַז גאַנץ מצרים האָט שוין געהערט פון דיזען וואונדערבאַרען קנעכט... און פיעלע רייכע וועלכע קענען בעהויפּטען דעם פערגניגען צו בעזיצען אַזאַ זעלטענעם קנעכט, וועלען איהם קומען אָנקוקען און איינער פון זיי וועט איהם געוויס קויפען.

— ווילסטו פיליכט צוגעהן מיט מיר אין מאַרק־פּלאַץ? — האָט זליכה געבעטען איהר שכנה.

— געוויס, — האָט יענע געענטפערט א צופריעדענע — איך וועל נישט פערנאַכלעסיגען נאָך א געלעגענהייט איהם צו זעהן. מען זאָגט אויך,

אז אַ חוץ זיין שעהנעם אויסזעהען, איז ער אויך זעהר קלוג און געבילדעט. ער רעדט אונזער שפּראַך זעהר גוט און פיעלע אַנדערע שפּראַכען.

— מיין נייגעריגקייט וואַקסט פון יעדער רגע! — האָט זליכה זיך אָפּגערופען — קום לאָמיר שנעלער געהן צום מאַרק. ער וועט נאָך פיליייכט פערקויפט ווערען צו אימיצען, און איך וועל אפילו די מעגליכקייט נישט האָבען איהם אָנצוקוקען.

זליכה האָט געשיקט אסנת'ן אַ היים און זי איז מיט איהר שכנה אוועק צום מאַרק־פּלאַץ.

מיט שנעלע טריט האָבען זיךביידע דערנעהנטערט צום פּלאַץ, וואו די ישמעאלים זיינען געשטאַנען... און ווען זליכה האָט דערזעהן יוסף'ן, איז זי אויסער זיך געוואָרען פון בעוואונדערונג. זי איז געבליבען שטעהן א ווײַלע בעוועגלאָז און אַ פערגאַפּטע האָט זי פון איהם איהרע אויגען נישט ארונטערגענומען... ער איז נאָך שעהנער ווי זי האָט זיך פאָרגעשטעלט — האָט זי געטראַכט. — זי האָט בעמערקט ווי אייניגע רייכע פרויען געהען צו צו איהם, זיי ריהרען איהם אָן און בעטראַכטען איהם פון קאָפּ ביז די פיס און נעהמען זיך דינגען וועגען פרייז... זי האָט פלוצלונג דערפיהלט אַ שרעקליכע אייפערזוכט אויף יענע פרויען. זי האָט נישט געקענט צוזעהן ווי זיי בעהאַנדלען איהם, ווי אַ פּשוט'ע סחורה... זי איז שנעל צוגעגאַנגען צו די ישמעאלים און זיך אָפּגערופען:

— איך קויף איהם!

— אָבער מיין הארינטע — האָט זיך דער הויפּט פאַר איהר פערנייגט — ווייסטו דעם פרייז וואָס מיר פערלאַנגען פאַר איהם?

— איך וועל געבען דעם פּרייז! — האָט זליכה געזאָגט.

— מיר פערלאַנגען פאַר איהם פינף הונדערט שקלים! איך שווער ביי די געטער פון מצרים, אז מיר האָבען אליין פאַר איהם מעהר בעצאָהלט... ער איז דאָך אָן אויסנאַהם פון אַ קנעכט... קוק נאָר אָן ווי בעצויבערענד שעהן ער איז. עס איז דאָך אַ פערגניגען צו האָבען אַזאַ קנעכט אין הויז. און אַ חוץ דעם קען ער אויפטהאָן וואונדער! ער איז גענוג שטאַרק, ער איז זעהר קלוג און געבילדעט... ווען ער וועט פערטיג ווערען מיט זיין ארבייט דאַן וועט ער קענען אמוזירען מיין הארינטע און איהר מאַן מיט שעהנע וואונדערבאַרע מעשיות... פאַר זיינע מעשיות אליין איז ער ווערטה דאָס געלט... מיר וועלען קיין איינציגען שקל נישט ארונטערלאָזען פון דעם פּרייז!

— אָבער איך דינג זיך דאָך נישט! — האָט זליכה איהם געענטפערט, און איהר פּנים האָט געפלאַמט — איך פערלאַנג בלויז פון דיר דו זאָלסט איהם האַלטען פאַר מיר ביז וואַנען איך וועל זיך צוריקקעהרען מיט מיין מאַן! און ער וועט דיר גלייך בעצאָהלען.

— לאַנג וועל איך איהם נישט קענען האַלטען! — האָט דער ישמעאלי זיך אָפּגערופען — עס זיינען פאַראַן פיעלע קונים אויף אַזאַ קנעכט, און פון וואַנען וועל איך וויסען, אז דו וועסט האַלטען דיין וואָרט?

— דו דאַרפסט נישט פערגעסען צו וועמען דו רעדסט — האָט זיך

די שכנה אריינגעמישט — זי איז דאך פוטיפר'ס ווייב, און אויף איהר ווארט קענסטו זיך פערלאזען!

— פוטיפר'סווייב! — האט דער ישמעאלי אויסגערופען עטוואס צוטומעלט — אה, ענטשולדיג מיר, מיין הארינטע... איך האב נישט געמיינט דיך צו בעליידיגען. יעצט אז איך וויים ווער דו ביזט, קען איך דיר געטרויען דעם קנעכט. דו קענסט איהם מיטנעהמען מיט זיך און דו וועסט אונז דאס געלט שפעטער צובריינגען.

— אה, ניין, — איך בעט דיך, האלט דעם קנעכט ביז וואנען איך וועל זיך צוריקקעהרען מיט מיין מאן! — האט זליכה געענטפערט — אזא קנעכט האבען מיר טאקע געזוכט און איך בין זיכער, אז מיין מאן וועט נישט זיין דאגעגען וועגען פרייז.

— גוט, איך וועל איהם האלטען פאר מיין הארינטע אפילו ביז אבענד

— האט דער הויפט א צופריעדענער זיך אפגערופען.

זליכה מיט איהר שכנה זיינען גלייך אוועקגעגאנגען און די ארומיגע פרויען, וועלכע האבען מיט גרוים בעגייסטערונג בעטראכט יוסף'ן, האבען יעצט צוגעשאקעלט מיט די קעפ:

— איך האב אבער גלייך פערשטאנען, אז זליכה וועט איהם קויפען

— האט איינע א זאג געטהאן — פון איהרע בליקען וואס זי האט אויף איהם געווארפען, האב איך געקענט זעהן, אז דער קנעכט וועט בעלאנגען צו איהר.

— ווער קען נאך אזוי ווי זי בעהויפטען צו קויפען אזא טהייערען קנעכט — האט א צווייטע געזאגט... נישט נאר איז פוטיפר דער רייכסטער מאן פון מצרים, נאר ער איז אויך זעהר געשעצט און געאכטעט ביי פרעה'ן. ער האט דאך איהם דערהויבען צו אזא גרויסען אמט.

— און איך וועל אייך צייגען, אז איך קען אויך בעהויפטען צו קויפען אזא טהייערען קנעכט — האט א רייכע מצרית, וועלכע איז דאביי געשטאנען זיך אפגערופען — ווארט נאר צו א ווייל וועט איהר זעהן.

די רייכע פרוי האט אויסגערופען א נאמען, און באלד איז צוגעפאהרען צום פלאץ וואו די ישמעאלים זיינען געשטאנען א קארעטע, וואו זעהר א דיקער מאן איז געזעסען. די פרוי איז צו איהם צוגעגאנגען און איהם עפעס געזאגט. דער מאן האט באלד ארויסגענומען פון דער קארעטע א קעסטעל מיט געלט אוןביידע זיינען צוגעגאנגען צו די ישמעאלים.

— בעצאהל איהם פינף הונדערט שקלים פאר דעם קנעכט! — האט זי בעפוילען דעם מאן.

דער מאן האט אנגעפאנגען צו צעהלען די געלט, אבער דער ישמעאלי האט זיך אפגערופען:

— עס טהוט מיר זעהר לייד, אבער דער קנעכט איז שוין פערקויפט געווארען צו פוטיפר'ס ווייב.

— פוטיפר'ס ווייב? האט די פרוי גענומען שטורעמען — האט זי דען דיר שוין בעצאהלט פאר איהם?

— דאס ווארט פון פוטיפר'ס ווייב איז אזוי גוט ווי געלט — האט

דער ישמעאלי געענטפערט — איך האָב פערשפּראָכען צו האַלטען דעם קנעכט פאַר איהר, ביז וואַנען זי וועט קומען אהער מיט איהר מאַן.

— איך וועל דיר געבען מעהר געלט! — האָט די פרוי אויסגערופען אָננעהמענדיג יוסף׳ן פאַר דער האַנט. — דער קנעכט וועט בעלאַנגען צו מיר!...

— אָבער מיין האַרינטע — האָט דער ישמעאלי אויסגערופען — אליין וועסט דאָך געוויס זיך נישט וועלען אָנפאַנגען מיט דער פרוי פון פּרעה׳ס הויכען בעאַמטען... וואַרט ביז אָבענד, און אויב זי וועט זיך נישט אומקעהרען מיט די געלט, דאַן וועט דער קנעכט פערקויפט ווערען צו דיר.

די פרוי איז געוואָרען שטאַרק ענטטוישט און אויפגעבראַכט. זי איז נאָכאַמאָל צוגעגאַנגען צו יוסף׳ן און איהם גענומען בעטראַכטען, זי האָט צוגעשאָקעלט מיט איהר קאָפּ... און האָט שטילערהייט גענומען שילטען זליכה׳ן מיט אַלע איבריגע פרעמדע פרויען, וועלכע זיינען געקומען אין מצרים און געוואָרען גרויסע האַרינטעס.

די ישמעאלים זיינען געשטאַנען און געשעפּט נחת פון זייער סחורה, אויף אַזאַ גרויסען פערדיענסט האָבען זיי אפילו נישט געקענט חלום׳ען.

זיי האָבען אַלע גענומען שמייכלען, ווען זיי האָבען דערזעהן ווי די רייכע פרוי איז אַזוי ביטער ענטטוישט, וואָס דער שעהנער קנעכט האָט זיך ווי פון אונטער איהרע הענט ארויסגעגליטשט.

— דו ווייסט — האָט זיך אַ ישמעאלי אָפּגערופען צום הויפּט — מיר זיינען געוועזען צו נאָכגעביג מיט דעם פּרייז... מיר האָבען נאָך געקענט קריגען פאַר יוסף׳ן צוויי מאָל אַזוי פיעל, ווייל האָסטו נישט געזעהן ווי די רייכע פרויען האָבען יוסף׳ן אויפגעגעסען מיט די אויגען?

— ווען מיר וואָלטען געקראָגען מעהר אַזעלכע קנעכט, וואָלטען מיר דאָך זעהר רייך געוואָרען... אַ שעהנעם פּנים האָבען אַלע מצריים ליעב און בפרט די מצריות.

— אפשר וואָלט געוועזען אַ פּלאַן מיר זאָלען נאָכאַמאָל רייזען פערביי דותן... פיליכט וועלען יענע ברידער וואַרפען אַן אומחן אויף נאָך איינעם פון זיי, און אונז איהם פערקויפען.

— דאָס וואָלט זיין גאָרנישט קיין שלעכטער געשעפט. אַלע פון זיי זיינען זעהר שעהן און העלדיש... און מיר וואָלטען גאָר קיינע שוועריגקייטען נישט געהאַט צו פערקויפען זיי אין מצרים — האָט איינער פון זיי זיך אָפּגערופען מיט אַ שמייכעל.

— אויב מיר ווילען אויסמיידען צרות — האָט דער קעמעל טרייבער זיך אָפּגערופען — דאַרפען מיר זעהן אויסמיידען יענע ברידער, ווי וויט מעגליך...

— פאַרוואָס? האָבען מיר זיי דען נישט בעצאָהלט פאַר דעם קנעכט?

— צוואַנציג שקלים האָבען זיי ביי אונז גענומען!

— אָבער עס איז יעצט ביי מיר קיין צווייפעל נישט, אַז יוסף איז נישט געוועזן זייער קנעכט, נאָר זייער ברודער... און כאָטש זיי זיינען דאַן אויף איהם אין כעס געוועזן, האָבען זיי דאָך שטאַרק חרטה אין האַרצען,

פאַר וואָס זיי האָבן איהם פערקויפט פאַר אַ קנעכט. און ווען זיי וואָלטען אונז יעצט געטראָפען וואָלטען זיי פון אונז געפאָדערט, מיר זאָלען זיי אויסזאָגען צו וועמען מיר האָבען איהם פערקויפט... און דאַן וואָלט אונז שוין קיין צרות נישט געפעהלט.

— ער איז גערעכט — האָט זיך איינער אָפּגערופען — מיר וועלען שוין דאַרפען אויפזוכען אַנדערע וועגען צו געהן פון גלעד נאָך מצרים... מיר טהאָרען זיך מיט יענע ברידער נישט בעגעגענען.

אַזוי האָבען זיך די ישמעאלים צווישען זיך דורכגערעדט, וואַרטענדיג אויף פוטיפר'ס ווייב'ס צוריקקעהר.

יוסף, וועלכער האָט זיך שוין אויך געהאַט צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז ער ווערט פערקויפט פאַר אַ קנעכט, האָט זיך אויך נישט געקענט איינ־האַלטען פון אַ שמייכעל צו טהאָן, ווען ער האָט געזעהן, ווי די מצרי'שע פרויען רייסען זיך איבער איהם... די ערשטע פרוי, וועלכע איז געגאַנגען בריינגען דאָס געלט איז איהם בעסער געפעלען ווי די אַנדערע. זי קוקט גאָרנישט אויס צו זיין אַ מצרית... זי וועט איהם פיליכט בעסער פערשטעהן און איהם נישט אַזוי שלעכט בעהאַנדלען. און די רייכע מצרי'שע פרוי, וועלכע קאָכט זיך אַזוי שטאַרק און שרייט און ליאַרעמט און באַט אָן נאָך מעהר געלט פאַר איהם, שיינט צו זיין אַ גרויסע מרשעת, און ווען ער זאָל אריינפאַלען צו איהר אין די הענט, וועט ער פון איהר אַ סך ליידען. דעריבער איז יוסף געווען צופריעדען, ווען די ישמעאלים האָבען ענטזאָגט איהר אָנ־באָט און זיי וועלען וואַרטען ביז וואַנען פוטיפר'ס פרוי וועט זיך צוריק־קעהרען... עפּעס האָט ער געלעגט אַ סך האָפנונגען אויף יענער פרוי... זי קוקט אויס צו זיין איינע פון כנען... איהרע געזיכטסציגע זיינען גאָרנישט קיין מצרי'שע... און אַ הויז דעם האָט ער געהערט, אַז זי איז די פרוי פון פּרעה'ס אַ הויכען בעאַמטען. יאָ, עס וועט זיין אַ סך בעסער פאַר איהם צו דינען אַלס קנעכט אין דער הויז פון אַ גרויסען שר, איידער צו זיין אַ קנעכט ביי איינפאַכע מצריים. אָבער עס איז שוין אַ היבשע ווײַלע פאַראיבער און זי קומט נישט.... און די אַנדערע פרוי טרעט נישט אָפּ.

דערווייל האָבען די ישמעאלים גענומען פערקויפען די פערשיעדענע געווירצען און אַנדערע סחורות וואָס זיי האָבען געבראַכט פון גלעד... און יעדע רגע האָבען זיי געקוקט צו זעהען אויב די פרוי פון פוטיפר קומט אָן.

— אויב זי וועט זיך נישט צוריקקעהרען איידער די זון וועט אונטער־געהן — האָט יוסף געהערט ווי דער הויפּט רעדט צו יענער רייכער פרוי, דאַן וועל איך ביי דיר נעהמען דאָס געלט און דער קנעכט וועט געהערען צו דיר...

— זי וועט געוויס מעהר נישט קומען! — האָט זי איהם געענטפערט — און איך איל זיך צו פאָהרען אַ היים. גיב מיר דעם קנעכט און נעהם די געלט.

— מיר דוכט זיך אַז זי קומט יעצט אָן! — האָט אַ ישמעאלי אויס־גערופען און אָנגעצייגט אויף אַ קאַרעטע, וואָס האָט זיך צו זיי דער־נעהנטערט.

אַלע האָבן אָנגעשטריינגט זייערע בליקן און געבליבן שטעהן אויף זייערע פּלעצער שוויגענדיג.

באַלד האָט זיך די קאַרעטע אָפּגעשטעלט, דער טרייבער איז אַרונטער פון קעלניע און אויפגעעפענט די טהיר. פריהער איז אַרויס פּוטיפר און נאָכהער זליכה.

— אָט דאָס איז דער קנעכט! — האָט זליכה זיך צו איהם אָפּגערופען, אָנצייגענדיג מיט איהר פינגער אויף יוסף׳ן.

פּוטיפר איז צוגעגאַנגען צו יוסף׳ן און האָט איהם בעטראַכט מיט גרויס נייגעריגקייט, נאָכהער האָט ער זיך צו איהם דערנעהנטערט און האָט בעטאַפּט זיינע מוסקולען און פּיס.

— עפען אויף דיין מויל! — האָט ער איהם בעפוילען.

יוסף האָט אויפגעעפענט זיין מויל און פּוטיפר האָט בעטראַכט זיינע שעהנע און געזונטע צייהנער...

— יע, ער שיינט צו זיין זעהר אַ געזונטער קנעכט! — האָט פּוטיפר צוגעגעבען — אָבער איך זעה נישט איין פאַר וואָס זיי זאָלען פערלאַנגען פאַר איהם אַזוי פיעל געלט. דער פּרייז פון אַ קנעכט איז בלויז דרייסיג שקלים און זיי פערלאַנגען פאַר איהם פינף הונדערט.

— זאָל מיין האר ענטשולדיגען! — האָט זיך דער הויפּט פון די ישמעאלים פערנייגט פאַר פּוטיפר׳ן — דיזער קנעכט קען נישט צוגעגליכען ווערען צו די אַנדערע קנעכט, וועלכע ווערען דאָ פערקויפט... אַ חוץ דעם וואָס ער איז דערצויגען געוואָרען אַלס קנעכט אין אַ זעהר פיינע הויז, איז ער אויך גאַנץ קלוג און געבילדעט.

— יע, און ער קען פיעלע שפּראַכען! — האָט זליכה צוגעגעבען. אויף אַזאַ קנעכט האָב איך שוין לאַנג אויסגעקוקט מיינע אויגען. איך וועל זיך נישט דאַרפען שעהמען פאַר מיינע פריינד מיט איהם... איך בעט דיך פּוטיפר, קויף איהם פאַר מיר.

— דו ווייסט דאָך זליכה! — האָט פּוטיפר זיך צו איהר אָפּגערופען — אַז איך וועל ערפילען אַלע דיינע פערלאַנגען, אָבער פון דעסטוועגען, גלויב איך, אַז אויב איך זאָל זיך מיט זיי נעהמען עטוואָס דינגען, וועל איך איהם קריגען ביליגער.

— איך וועל ביי אייך דיזען קנעכט קויפען! — האָט פּוטיפר זיך אָפּגערופען צו די ישמעאלים, אָבער איהר מוזט אַביסעל אַרונטערלאָזען פון פּרייז...

— ניין, מיין האר! — האָט דער הויפּט זיך ווידער פערנייגט — מיר וועלען אונזער וואָרט נישט בייטען. דאָרטען שטעהט יענע פרוי און איז גרייט נאָך מעהר געלט צו געבען פאַר דיזען קנעכט... זי האָט זיך ביי מיר געבעטען איך זאָל איהם צו איהר פערקויפען, אָבער איך האָב איהר געזאָגט אַז איך קען נישט בייטען מיין וואָרט. איך האָב פערשפּראָכען צו האַלטען דעם קנעכט ביז וואַנען מיין האר׳ס פרוי וועט זיך אומקעהרען. און יעצט קען איך גאָרנישט אַרונטערלאָזען פון די פינף הונדערט שקלים... ביי די

געטער פון מצרים שווער איך, אז מיר פערדיענען זעהר ווינציג פון דעם קנעכט. מיר אליין האבען טהייער בעצאהלט פאר איהם.

זליכה האט א קוק געטהאן אויף פוטיפר'ן, און ער האט שוין מעהר קיין ווארט נישט גערעדט. ער איז צוגעגאנגען צו זיין קארעטע און ארויסגענומען דאס געלט און אפגעצעהלט פינף הונדערט שקלים אין די הענט פון דעם ישמעאלי.

פוטיפר איז גלייך נאכדעם צוגעגאנגען צו יוסף'ן און ארויפלעגענדיג זיין האנט איבער זיין פלייצע, האט ער זיך צו איהם אפגערופען :

— איך האף אז דו וועסט זיין א געטרייער קנעכט... און אויב דו וועסט נישט זיין קיין פוילענצער, וועסטו אין מיין הויז גאנץ פיין בעהאנדעלט ווערען.

יוסף איז געשטאנען ווי א צוטומעלטער, ער האט געזעהן ווי דער ישמעאלי האט פאר איהם דאס געלט בעקומען. יעצט איז שוין אלעס פערפאלען... יעצט איז ער אויף אייביג פאר א קנעכט פערקויפט געווארען. אויב ער האט נאך ביז יעצט געהאט שוואכע האפנונגען די ישמעאלים זאלען איהם צוריקפיהרען צו זיין פאטער, זיינען זיי אויך איצט צורונען געווארען... יעצט וועט איהם שוין גארנישט העלפען. אזוי איז בעשעהרט געווען פון גאט און ער דארף עס מקבל באהבה זיין.... יעצט האט ער א פליכט צו דינען זיין נייעם האר. ער דארף איהם צופריעדענשטעלען און ער וייס, אז זיין האר וועט נישט דולדען קיין אומעטיג פנים... ער וועט מוזען זיין פריינדליך און שמייכלען צו יעדען איינעם.

פוטיפר האט געהייסען יוסף'ן זיך אוועקזעצען נעבען דעם קוטשער אין ער איז אריין מיט זליכה'ן אינעווייניג און זיי זיינען געפאהרען א היים.

ווען יוסף איז אריינגעקומען אין פוטיפר'ס הויז, האט זיין בעוואונדערונג זיך נאך פערגרעסערט.. ער האט געהערט פון פאלאצען, וואו קעניגע און הויבע בעאמטע וואוינען, אבער מיט זיינע אויגען האט ער עס נאך נישט געזעהן. ער האט געזעהן אזעלכע טייערע מעבעל, פערשיעדענע וואזען און סטאטועז, און זיינע אויגען האבען געוואנדערט פון איין זאך צו דער צווייטער.

— ווי איז דיין נאמען — האט פוטיפר זיך צו איהם אפגערופען.

— מיין נאמען איז יוסף! מיין האר! —

און ביי וועמען האסטו געדיענט אלס קנעכט ביז יעצט? — האט פוטיפר איהם ווייטער געפרעגט.

יוסף איז א ווייליע שטיל געבליבען... זיין פערצווייפלונג איז גרויס געווען. וואס זאל ער איהם ענטפערען? זאל ער איהם זאגען א ליגען, אז ער איז געווען א קנעכט? אדער פיליכט זאל ער איהם דעם גאנצען אמת דערצעהלען... אבער דא האט ער זיך דערמאהנט וואס די ישמעאלים האבען איהם אנגעזאגט. ניין, ער טאר איהם דעם אמת נישט דערצעהלען, ער וועט נאך ערגער מאכען. פוטיפר וועט נאך פערלירען זיין צוטרויען צו איהם און מען וועט איהם היטען אויף טריט און שריט. א חוץ דעם קען נאך פוטיפר חרטה האבען אויף דעם גאנצען מסחר און אויפזוכען די

ישמעאלים און איהם צוריק איבערגעבען אין זייערע הענט. א שוידער איז דורך זיין קערפער, ווען ער האט פון דעם א טראכט געטהאן.

— פארוואס ענטפערסטו מיר נישט אויף מיין פראגע? — האט איהם פוטיפר שטריינג א פרעג געטהאן.

— זאל מיר מיין האר ענטשולדיגען — האט יוסף ארויסגעשטאמעלט — איך בין געוועזן אזוי צוטומעלט און איבערראשט פון וואס איך האב דא געזעהען, אז איך האב נישט געהערט מיין האר'ס פראגע.

פוטיפר איז אויף איהם אין כעס געווארען און ער האט שוין זיך געוואלט גוט אנבייזערען אויף יוסף'ן, אבער ווען ער האט בעמערקט זיין וואונדער שעהן פנים מיט די איידעלע געזיכטסציגע, האט ער קיין הארץ נישט געהאט אויף איהם אנצושרייען און דעריבער האט ער זיך אפגערופען צו איהם מיט א שמייכעל:

— עס וועט לאנג נישט געדויערען און דו וועסט זיך דא צו אלעם צוגעוואוינען. איך האב דיך געפרעגט ביי וועמען דו האסט געדיענט אלס קנעכט ביז יעצט?

— ביז יעצט... ע... בי זיעצט האב איך געדיענט אלס קנעכט אין כנען, ביי דער משפחה פון יעקב'ן

— און ווער איז עס דער יעקב? — האט פוטיפר איהם ווידער געפרעגט — איז ער א חשוב'ער מאן אין כנען..

— יע, ער איז זעהר חשוב און פאפולער. ער האט צוועלף זיהן, אלע זיינען זיי גרויסע העלדען...

— און פארוואס האט דיר אט דער יעקב, דיין פריהערדיגער האר פערבראקירט און דיך פערקויפט צו די ישמעאלים?

— המ... ע... ער האט מיך נישט פערקויפט צו די ישמעאלים, דאס האבען זיינע זיהן מיך פערקויפט, ווייל... ע... זיי האבען אויף מיר אן אומחן געווארפען

— און ווי האט געהייסען דיין פאטער?

— דאס געדענק איך נישט! ווייל איך בין נאך דאן גאנץ יונג געוועזן ווען מען האט מיך צו יענער משפחה געבראכט

— וואס פאר אן ארבייט קענסטו טהאן אם בעסטען? — האט פוטיפר זיך צו איהם אפגערופען.

— איך קען אלעם טהאן! — האט יוסף געענטפערט.

אויב אזוי איז גוט! איך וועל דיך בעשטימען פאר דעם קנעכט פון מיין פרוי, און זי וועט שוין דיר זאגען דיינע פליכטען... איך האף אז דו ביזט עהרליך און בעשיידען, ווייל ביי אונז אין מצרים זיינען נישט קיין עהרליכע און טריילאזע קנעכט זעהר פאראומווירדיגט, און ווען זיי ווערען געכאפט עפעס טהאן אן אומרעכט, דאן איז זייער שטראף זעהר גרויס.

זליכה איז אריינגעקומען אין צימער וואו פוטיפר איז געוועזן מיט יוסף'ן. זא איז געווען אנגעטהאן אין א שעהנע קלייד... איהר פנים איז געווען צוגעפארבט. זי איז גלייך צוגעגאנגען צו איהר מאן, מאכענדיג זיך ווי זי בעמערקט גארנישט יוסף'ן, האט זי זיך צו איהם אפגערופען:

— איך האָב געבעטען תדמור׳ן אונזער הויפּט קנעכט, ער זאָל אָנ־צייגען דעם נייעם קנעכט זיינע פליכטען... דערווייל וועט ער טהאָן אַלע הויז אַרבייט. און אויב ער וועט ווערטה זיין, וועט ער זיך דערדינגען צו אַ העכערען אַמט.

— איך האָף אַז דו וועסט נישט זיין קיין פוילענצער! — האָט פּוטיפר זיך געווענדעט צו יוסף׳ן — און אויב דו בעזיצט אפילו העלפט פון די מעלות וואָס די ישמעאלים האָבען אויסגערעכענט, וועלען מיר זיכער זיין צופריעדען. און יעצט קענסטו געהן אין צווייטען צימער, און תדמור וועט דיר זאָגען וואָס דו האָסט צו טהאָן.

יוסף האָט זיך פערנייגט און איז אַרויס.

ווי עס שיינט וועט ער זיין אַ גאַנץ וואוילער קנעכט! — האָט פּוטיפר געזאָגט מיט אַ שמייכעל צו זליכה׳ן — זיין איידעלקייט ליגט ביי איהם אויף דעם פּנים, און ווען ער וואָלט אַליין, מיט זיין אייגעם מויל נישט צוגעגעבען, אַז ער איז אַ קנעכט זינט ער געדענקט, וואָלט איך קיינמאָל נישט געקענט גלויבען אַז ער איז אַ געוועזענער קנעכט...

— די ישמעאלים האָבען מיר געזאָגט אַז ער רעדט עטליכע שפּראַכען פליסענד, און אַז ער איז זעהר געבילדעט — האָט זליכה צוגעגעבען.

— דאָס וועלען מיר ערשט קענען אויסגעפינען — האָט פּוטיפר געזאָגט — מען דאַרף נישט גלויבען אַלעס וואָס די פערקויפער זאָגען וועגען זייער סחורה.

— איין זאַך איז דאָך אָבער זיכער, אַז דער קנעכט איז אַ פרעמדער, ער איז קיין מאָל אין מצרים נישט געוועזן און דאָך רעדט ער אונזער שפּראַך ווי אַ היגער געבוירענער!

— אָהן צווייפעל אַז ער איז אַ פעהיגער יונגער קנעכט! — האָט פּוטיפר געזאָגט — אָבער פונדעסטוועגען גלויב איך אַז איך האָב בעצאָהלט אַ ביסעל צופיעל געלט פאַר איהם... פערגעס נישט, אַז דעם שטאַרקסטען און געזונדסטען קנעכט קען מען קריגען פאַר דרייסיג שקלים.

— אויב עס וועט זיך אַרויסצייגען אַז ער איז טאַקע אַזוי געבילדעט, ווי די ישמעאלים האָבען איהם פאָרגעשטעלט, וועלען מיר קענען אַרויס־קריגען מעהרערע נוצען פון איהם — האָט זליכה געזאָגט — איך האָב שוין לאַנג געזוכט אַ געבילדעטען מאַן, וועלכער זאָל קענען זיין אַ לעהרער פאַר אונזער טאָכטער אסנת. דער אַלטער פריעסטער, צו וועמען מיר האָבען אָנפערטרויט די ערציהונג פון אונזער טאָכטער, האָב איך אויסגעפינען איז זעהר אומפעהיג... איך האָב איהם עטליכע מאָל געטראָפען דרעמלענדיג...

— אָבער ווי אַזוי וועלען מיר קענען איבערגעבען די ערציהונג פון אונזער טאָכטער אין די הענט פון אַ קנעכט! — האָט פּוטיפר איהר געפרעגט.

— וועגען דעם דאַרפסטו זיך נישט זאָרגען! — האָט איהם זליכה בערוהיגט — איך וועל שוין זעהען אַכטונג געבען אַז ער זאָל מיט אסנת׳ן לערנען דאָס וואָס איז לויט אונזער געשמאַק... געוועהנליך וועל איך פריהער זיך מוזען איבערצייגען, אַז ער בעזיצט טאַקע בילדונג. איך וועל מיט איהם

פּראָבירען ריידען די שפּראַך פֿון די כנענים און זעהן צי ער קען ריידען כנענית... איך וואָלט זעהר געוואָלט אַז אסנת זאָל קענען די שפּראַך פֿון מיינע עלטערן...

— איך האָב אויך געהערט אַז אונזער נייער קנעכט יוסף איז אויך אַ וואונדערבאַרער דערצעהלער — האָט פּוטיפר געזאָגט — און איך האָב זעהר ליעב צו הערען שעהנע געשיכטעס. איך וועל איהם נאָך היינט בעטען ער זאָל אונז דערצעהלען עפּעס, און דאַן וועל איך זיך איבערצייגען אויב עס איז אמת וואָס זיי האָבען אויף איהם געזאָגט.

— איך גלויב אַז זיי האָבען נישט מגזם געווען קיין סך — האָט זליכה אַרומגענומען פּוטיפר׳ן — און איך דאַנק דיר זעהר וואָס דו האָסט איהם פֿאַר מיר אָפּגעקויפט... פֿערשטעהסטו מיר, יענע רייכע פֿרוי איז געווען צו נייגעריג איהם צו קריעגען... זי איז געשטאַנען גרייט מיט איהר געלט און האָט די ישמעאלים אָנגעבאָטען אַ סך מעהר ווי זיי האָבען פֿערלאַנגט. איך האָב בעמערקט ווי אין כעס און אויפֿגעבראַכט זי איז אויף מיר געווען, ווען דער קנעכט איז אריינגעפֿאַלען אין מיינע הענט... יעצט זעה איך אָן איהר אַ נקמה... און איך האָב עס דיר צו פֿערדאַנקען.

אין אָווענד האָט פּוטיפר אריינגערופֿען יוסף׳ן אין דעם גרויסען צימער וואו ער איז געזעסען מיט זליכה׳ן.

יוסף איז אריינגעקומען און האָט זיך העפֿליך פֿערנייגט פֿאַר זיי און איז געבליבען שטעהן נעבען דער טהיר.

— איך זעה, יוסף, אַז דו ביזט זעהר געשיקט אין דער אַרבייט! — האָט פּוטיפר דורכגעפֿיהרט די פֿינגער דורך זיין באָרד — תדמור האָט מיר אָפּגעגעבען אַ בעריכט אַז דו טהוסט אַלעס מיט גרויס פֿלייס און איי־בערגעבענהייט. ער האָט מיר אויך געזאָגט אַז דו בעזיצסט אַ סך קלוגשאַפֿט און דו האָסט זעהר גוטע איינפֿעלע. נו, געלויבט זיינען די געטער פֿון מצרים, וואָס די ישמעאלים האָבען מיך נישט אָפּגענאַרט! יעצט זאָג מיר יוסף, אויב דו ווילסט דינען אונזערע געטער, וועל איך דיר צייגען ווי אַזוי צו טהאָן גערעכטיגקייט אין זייערע אויגען... ווייל אויב דו וועסט צופֿריע־דענשטעלען די געטער פֿון מצרים, וועלען זיי דיך בעגליקען אין אַלע דיינע וועגען און זיי וועלען דיר שיקען זייער ברכה.

— אָבער מיין האַר! — האָט יוסף זיך אָפּגערופֿען, — איך בין ערצויגען געוואָרען פֿון מיין פֿריהסטער יוגענד צו דיענען דעם איינציגען גאָט אין הימעל, דעם גאָט פֿון די עברים און איך קען גאָר נישט טראַכטען פֿון דיענען אַנדערע געטער.

— ווען דו ביזט געווען אַ קנעכט אין כנען, האָסטו געדאַרפֿט דיענען די געטער פֿון כנען און יעצט ביזטו אַ קנעכט אין מצרים, דאַרפֿסטו צו־פֿריעדענשטעלען אונזערע געטער... אויב נישט וועלען זיי אויסגיסען זייער כעס אויף דיר און דו וועסט דאַרפֿען ליידען.

— מיין גאָט וועט מיך בעשיצען פֿון שלעכטס! — האָט יוסף געענטפֿערט מיט שטאָלץ.

— דיין גאָט איז מעגליך בלויז שטאַרק אין כנען, אָבער אין מצרים

האָט ער געווים קיין צוטריט נישט און ער וועט פאַר דיר גאָרנישט קענען טהאָן — האָט פּוטיפר געזאָגט.

— דער גאָט צו וועמען איך דיען האָט בעשאַפען די גאַנצעוועלט און אַלעס וואָס עס געפינט זיך... און זיין מאַכט דערגרייכט אַלע עקען פון דער וועלט. — האָט יוסף געזאָגט.

— דו ביזט נאָך גאָר יונג, מיין קנעכט, און דו פערשטעהסט נישט ווי צו דיענען די געטער... איך בין געווען אַ פּריעסטער אין דער הייליגער שטאָדט און איך בין זעהר בעליעבט ביי די געטער, און אויב דו ווילסט וועל איך פאַר דיר מתפּלל זיין צו זיי און זיי וועלען דיך בעשיצען, אָבער דו מוזט פערלאָזען דעם גאָט פון כנען און זיך בעהעפטען אָן די געטער פון מצרים.

— די כנענים דיענען נישט צו מיין גאָט — האָט יוסף ווידער געזאָגט — מיין גאָט איז דער גאָט פון די עברים, דער גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב און איהם וועל איך נישט פערבייטען ביז די לעצטע טעג פון מיין לעבען.

— דו קנעכט! — האָט פּוטיפר אויף איהם אַ געשריי געטהאָן — דו וועסט דאַרפען טהאָן וואָס איך וועל דיר זאָגען, אַז נישט וועט דיין שטראָף זיין גרויס!

— איך בין אין די הענט פון מיין האר, ער קען מיט מיר טהאָן וואָס ער וויל... אָבער פון מיין גאָט וועל איך נישט אָפּטרעטען און זיינע געזעצען וועל איך היטען.

— דער צאָרן פון אונזערע געטער וועט זיך אויף דיר אויסגיסען! — האָט פּוטיפר געזאָגט, — ווייל אויב דו ענטזאָגסט דיך זיי צו דיענען וועל איך די מוזען צווינגען דאָס צו טהאָן.

— מיין האר קען מיר אפילו טויטען! — האָט יוסף געזאָגט — אָבער איך וועל נישט דיענען קיין פרעמדע געטער...

— איך בעט דיך, פּוטיפר, — האָט זליכה זיך אריינגעמישט — ער איז געוואוינט געווען אַלע זיינע יאָהרען צו דיענען צו זיין גאָט און עס איז געוועהנליך שווער פאַר איהם זיך אָפּצוגעוואוינען אַזוי שנעל... לאָז איהם דערווייליע דיענען זיין גאָט, און ווען ער וועט זעהען ווי מיר פיהרען זיך אויף, ווען ער וועט זיך איבערצייגען אַז די געטער פון מצרים זיינען מעכטיג און אַז זיי קענען איהם טהאָן שלעכטעס אָדער גוטעס, דאַן וועט ער שוין אַליין וועלען צו זיי דיענען... דערווייל, בעט איך דיך דו זאָלסט איהם נישט צווינגען.

— גוט — האָט פּוטיפר געזאָגט צו זליכה׳ן איך וועל דיך פאָלגען און איהם דערווייל נישט צווינגען צו דיענען צו אונזערע געטער, איך האָף אָבער אַז עס וועט לאַנג נישט נעהמען און ער וועט קומען צום שכל...

— איך וואָלט זעהר געוואָלט הערען די מעשיות וואָס ווערען דערצעהלט פון דעם גאָט פון די עברים — האָט זליכה זיך אָפּגערופען צו יוסף׳ן — קענסטו אונז דערצעהלען?...

— יע, זעץ זיך דאָ אויף דעם באָדען און דערצעהל אונז די געשיכטע

פון דיין גאָט! — האָט פּוטיפר איהם בעפוילען. — די ישמעאלים האָבען דיך זעהר שטארק געריהמט פאר דיינע שעהנע געשיכטעס וואָס דו קענסט דערצעהלען.

יוסף האָט זיך געזעצט אויף דעם באָדען, זיינע אויגען האָט ער גע־האַלטען אראונטערגעלאָזען. זליכה און פּוטיפר זיינען געזעסען אויף שטוהלען און זיך צוגעהערט מיט גרויס אינטערעס.

יוסף האָט זיי אָנגעהויבען צו דערצעהלען וועגען דער בעשאַפונג פון דער וועלט... ער האָט פאר זיי פאַרגעשטעלט דעם תהו ובהו וואָס עס האָט געהערשט פריהער, איידער גאָט האָט געבראַכט א סדר... דערנאָך האָט ער זיי דערצעהלט וועגען אדם און חוה׳ן, זייער רוהיגען און ראָמאַנטישען לעבען אין גן עדן, ביז וואַנען דער שלאַנג האָט זיך אריינגעמישט... פון קין און הבל׳ן און וועגען ערשטען ברודער מאָרד... ער האָט אַלעס פאר זיי געמאָהלען מיט אַזעלכע לעבעדיגע און קלאָרע רייכע בילדער, אַז ביידע, פּוטיפר און זליכה האָבען געשלונגען זיינע ווערטער... זיי זיינען געזעסען פערגאַפטע, מיט גרויס שפּאַנונג זיך צוגעהערט צו אַלעם וואָס יוסף האָט זיי דערצעהלט. זליכה האָט יעצט געהאַט א גוטע געלעגענהייט גוט צו בעטראַכטען יוסף׳ן.... זי האָט זיך גאָר נישט געקענט אָפּוואונדערען פון זיין שעהן פּנים.

— ער וואָלט זיך געפּאַסט צו זיין דער האר און פּוטיפר זיין קנעכט — האָט זי זיך געטראַכט — שכם איז געווען שעהן און העלדיש, אָבער ווי קומט ער גאָר צו איהם.... יוסף איז נישט נאָר שעהנער, אָבער ער איז אויך אַזוי קלוג. פון זיין מויל שיטען זיך רייד ווי פּערעל, און זיינע מעשיות זיינען פול מיט צויבער.

פּוטיפר האָט אויך שטארק הנאה געהאַט פון יוסף׳ס דערצעהלען. יעצט איז ער איבערצייגט אַז די ישמעאלים האָבען איהם נישט אָפּגענאַרט. אַזאַ קנעכט איז נישט נאָר א גרויסע זעלטענהייט, נאָר מען קען גאָר נישט גע־פינען אַזאַ מאַן אפילו צווישען די פרייע מענשען. ער האָט שוין אין זיין לעבען פיעלע וואונדערליכע מעשיות געהערט, אָבער אַזוי שעהן און בע־צויבערענד ווי יוסף דערצעהלט עס, איז איהם נאָך קיינמאָל נישט אויס־געקומען צו הערען.

פּוטיפר האָט גענומען טראַכטען: ווען עס געלינגט איהם צו בעקעהרען יוסף׳ן צו די געטער פון מצרים, וואָלט ער איהם יעדען טאָג מיטגענומען אין דעם טעמפּעל פון אזירים, דעם גרעסטען גאָט פון מצרים, דאָרטען וואָלט ער פאר אַלעמען געקענט ריידען און דערצעהלען וועגען די וואונדערליכקייט פון די געטער... און ווען ער וועט זעהן אַז ער האָט פערדיענט, וואָלט ער איהם אין גאַנצען אוועקגעשענקט אַלס פּריעסטער צו די געטער... מיט אַזאַ פּריעסטער וואָלטען אַלע געווען צופריעדען, דאָס פאָלק און אויך די געטער. אָבער דערווייל זעהט ער אַז יוסף איז זעהר פער׳עקשנ׳ט... עס וועט לאַנג נעהמען ביז וואַנען ער וועט צושטימען צו פערלאָזען זיין גאָט... אָט דער־צעהלט ער ווי אַזוי זיין גאָט האָט די וועלט בעשאַפען... אפשר איז ער גערעכט? זיין גאָט איז פילייכט דער ריכטיגער גאָט... און די געטער פון

מצרים?.... פּוטיפר האָט זיך שטאַרק דערשראָקן פאַר זיינע אפּיקורסישע מחשבות און ער האָט בעשלאָסן איבערצובעטן די געטער... ער וועט פערברייינגען אין די טעמפּלען אַ סך לענגער און מתפּלל זיין צו זיי, ביז וואַנען זיי וועלען איהם מוחל זיין. און אויב דאָס וועט נישט העלפען, און די געטער וועלען איהם נישט מוחל זיין, וועט ער מוזען אוועקגעהן אין אָן, די הייליגע שטאָדט... און דאָרטען פערווייילען אַזוי לאַנג ביז וואַנען ער וועט פון זיי קריגען אַ גוטע מחילה...

עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט און יוסף איז נאָך אַלץ געזעסען אויף דעם באָדען און דערצעהלט... איהם איז שוין געוואָרען טרוקען אין האַלדז... אָבער ער האָט זיך נישט געוואַגט אָפּצושטעלען. באַלד אָבער האָבען זיך פּוטיפר׳ס אויגען פון גרויס מתיקות, גענומען קלעפּען, און עס האָט לאַנג נישט געדויערט און פּוטיפר איז אריינגעפאַלען אין אַ שטאַרקען שלאָף. זיין כראָפּען האָט זיך צוטראָגען איבער דעם גאַנצען צימער. יוסף האָט אָפּגעשטעלט זיין דערצעהלען. ער האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען און בעמערקט ווי פּוטיפר זיצט אויף דעם שטוהל און זיין קאָפּ איז אַזוי משונה׳דיג פערוואָרפען, זיין מויל איז אָפען און זיין כראָפּען איז אַזוי שטאַרק געוואָרען, אַז די ווענט פון צימער האָבען אָנגעפאַנגען צו ציטערען.

יוסף האָט זיך קוים בעהערשט פון אויסצוברעכען אין אַ געלעכטער. זליכה האָט עס בעמערקט און געוואָרפען אַ פּאָר חן׳עוודיגע בליקען און אַ שמייכעל אין יוסף׳ס ריכטונג... יוסף האָט זיינע אויגען אַרונטערגעלאָזען. זליכה׳ס אויגען האָבען געברענט און איהר פּנים האָט געפלאַקערט... זי קען יעצט אומגעשטערט קוקען אויף דעם שעהנעם קנעכט... פּוטיפר שלאָפט, הלואי וואָלט ער אַזוי אויף אייביג איינגעשלאָפען — האָט זי ביי זיך אין הארצען געטראַכט — און מיט אַ צערטליכע מילדע שטימע האָט זי זיך געווענדעט צו יוסף׳ן:

— פאַרוואָס האָסטו אויפגעהערט צו דערצעהלען דיינע וואונדערליכע מעשיות, יוסף?

יוסף האָט אויפגעהויבען זיינע אויגען און איהר אָנגעקוקט מיט ערשטוינונג, וואַרפענדיג זיינע בליקען אויף דעם כראָפּענדיגען פּוטיפר.

זלוכה האָט קאָקעטיש אַ שמייכעל געטהאָן צו יוסף׳ן און אַ מאַך געטהאָן מיט איהר האַנט אין דער ריכטונג פון איהר מאַן.

יוסף האָט ווידער אַרונטערגעלאָזען זיינע אויגען צום באָדען און האָט געשוויגען... פון איהר מאַך מיט דער האַנט, האָט ער דערקענט אַז אין איהר הארצען מאַכט זי חוזק פון פּוטיפר׳ן, און דאָס האָט איהם שטאַרק געוואונדערט. עס איז איהם נאָך קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו זעהן אַז אַ פרוי זאָל זיך פערהאַלטען צו איהר מאַן מיט אַזאַ גרינגשעצונג.

— ווער וויים, — האָט ער זיך געטראַכט — מעגליך אַז די פרויען פון מצרים זיינען אין גאַנצען אַנדערש אין זייערע בעציהונגען צו זייערע מענער, ווי עס זיינען די פרויען אין כנען... דאָרטען האָט יעדע פרוי געשעצט און נעאַכטעט איהר מאַן, און דאָ, ווייזט אויס איז פערקעהרט: דער מאַן שעצט

און אָכטעט זיין פרוי, גיט נאָך אַלע איהרע פערלאַנגען און זי הערשט אין הויז.

יוסף האָט געפיהלט זליכה׳ס דורכדרינגענדע בליקען אויף איהם... און דאָס האָט איהם אַביסעל נערוועאיש געמאַכט... ביז ווי לאַנג וועט ער דאָ אַזוי זיצען האָט ער געטראַכט — זאָל ער זיך פּיליכט אויפהויבען און עטשולדיגען זיך פאַר איהר... אָבער ווער וויים אויב דאָס איז די ריכטיגע זאַך צו טהאָן אונטער די אומשטענדען. ער דאַרף זעהר פאָרזיכטיג האַנדלען אום נישט צו בעליידיגען זיין האַר אָדער זיין האַרינטע.

זליכה האָט אָבער פערשטאַנען יוסף׳ס פערלעגענהייט און זי האָט אַ טרייסעל געטהאָן פּוטיפר׳ן.

פּוטיפר האָט זיך אַ דערשראָקענער אויפגעכאַפּט און זיינע ליפּען האָבען שנעל אָנגעפאַנגען צו מורמלען:

— אָ, אזירים, מעכטיגער גאָט פון אַלע געטער! דו לעבסט, האָסט געלעבט און וועסט לעבען! שיק דיין ברכה צום טייך נילוס, זאָל ער אָנ־טרינקען אונזער לאַנד. זיי מיר מוחל וואָס איך האָב נעגען דיר געזינדיגט! נעהם צו מיין קרבן וואָס איך ברייננ יעצט פאַר דיר, און בעוויליג דיינע ברכות...

— פּוטיפר! וואָס רעדסטו? — האָט זליכה אויסגעבראָכען אין אַ הילכיגען געלעכטער — דו ביזט דאָך יעצט נישט אין דעם טעמפּעל פון די געטער... דו רעדסט געוויס פון שלאָף! טשוכע זיך אויס, פּוטיפר!

— וואו בין איך? — האָט פּוטיפר גענומען רייבען זיינע אויגען.

— דו ביזט אין דיין הויז, פּוטיפר! און ווי עס ווייזט אויס האָבען דיר יוסף׳ס מעשיות גוט איינגעשלעפערט און דיר האָט זיך גאָר געדוכט אַז דו רעדסט מיט דיין גאָט אזירים.

— אָ, איך האָב געכאַפּט אַ דרעמעל — האָט פּוטיפר געזאָגט בעמער־קענדיג יוסף׳ן. יע, דערצעהל ווייטער, יוסף... יע, דער שלאַנג האָט געוואָלט אַז חוה זאָל עסען פון די פרוכט פון עץ הדעת...

דאָס האָט שוין יוסף אונז לאַנג דערצעהלט. — האָט זליכה זיך אָפּגע־רופען — דו ביזט איינגעשלאָפען ווען קין האָט זיך צוקריעגט מיט זיין ברודער הבל... אָבער זאָל שוין זיין גענוג פאַר היינט, דו ביזט שטאַרק שלעפעריג און דער קנעכט שיינט אויך צו זיין גאַנץ מיעד... שטעה אויף יוסף, געה צו דיין צימער — האָט זי זיך צו איהם געווענדעט.

יוסף האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך פערנייגט און פערלאָזען דעם צימער.

.20

אין ערלם

באַלד אַ יאָהר איז פאַראיבער זינט די שרעקליכע נייעס פון יוסף׳ס טויט איז געבראַכט געוואָרען צו יעקב׳ן, און ער האָט נישט אויפגעהערט צו טרויערען און קלאָגען איבער יוסף׳ן... ווי שטאַרק זיינע קינדער האָבען זיך בעמיהט איהם צו טרויסטען, האָט עס נישט געהאָלפען. ער האָט יוסף׳ס נאָמען פון זיין מויל נישט ארויסגעלאָזען... ביי יעדער געלעגענהייט האָט ער געדערט וועגען זיין ליעבען און טהייערען זוהן, וועלכער איז אויף אַזא טראַגישען אופן, אַזוי יונג פון דער וועלט געגאַנגען...

— ניין, מיינע קינדער! איך וועל שוין פון קיין פרייד נישט וויסען ביז דעם טאָג פון מיין טויט — פלעגט יעקב זאָגען צו זיינע זיהן, ווען זיי פלעגען מאַכען אַ פערזוך איהם צו בערוהיגען — וואָס האָב איך שוין צו ערוואַרטען פון מיין לעבען, ווען מיינע צוויי טהייערסטע און בעליעבטעסטע ליגען אין דער ערד! רחל, מיין ליעבענדע און טהייערע רחל, איז פריה־ צייטיג פון דער וועלט געגאַנגען, און יעצט האָט זי אויך יוסף׳ן צו זיך גענומען... ביידע זיינען געשטאָרבען און איך לעב נאָך!

די איינציגע וועלכע פלעגען יע האָבען אַ קליינע ווירקונג אויף יעקב׳ן זיינען געווען דינה און יעקב׳ס איינגסטער זוהן, בנימין.

ווען יעקב פלעגט וויינען, האָט קיינער פון די איבריגע זיהן נישט געוואַגט צוצוגעהן צו איהם... ער האָט קיינעם נישט געדולדעט אויסער בנימין׳ן. און נישט איינמאָל האָבען די ברידער צווישען זיך געוואונדערט זיך, וואָס דאָס זאָל באַדייטען.

— איך קען דעם פאָטער נישט פערשטעהן! — האָט יהודה זיך אָפּ־ גערופען צו זיינע ברידער — שוין באַלד אַ יאָהר צייט פאַראיבער, און ווען מיר קומען צו איהם צו און מיר זוכען איהם צו בערוהיגען, ווערט ער נאָך מעהר אויפגערעגט, און זיין טרויער פערשטאַרקט זיך נאָך... איז עס מעגליך אַז אין זיין הארצען טראָגט ער אַ שטיקעל חשד אַז מיר זיינען שולדיג אין יוסף׳ס טויט?!...

— ניין, דאָס איז אונמעגליך! — האָט לוי געענטפערט — ווען דער פאָטער וואָלט אויף אונז געהאַט דעם מינדעסטען חשד, וואָלט ער אונז גאַנץ אַנדערש בעהאַנדעלט.

— ווי אַזוי קען אונזער פאָטער גאָר וועגען דעם אַ טראַכט טהאָן, אַז ברידער זאָלען טויטען זייער אייגען פלייש און בלוט... דאָס איז דאָך אַזוי

שווידערליך גאָר וועגן דעם צו דענקען... ווען אַזאַ חשד וואָלט זיך ביי אונזער פאָטער ערגיץ וואו יע פער׳גנב׳עט, וואָלט דאָס נאָך געווען ערגער פאַר איהם, ווי דער געדאַנק אַז יוסף איז טויט! — האָט ראובן געענטפערט — מיין שלאָף איז מיר פערוואָגעלט פון מיינע אויגען זינט יענעם טרויעריגען אָבענד, ווען איך האָב אויסגעפונען אַז איהר האָט יוסף׳ן פאַר אַ קנעכט פערקויפט.

— פאַרוואָס זאָלסטו אונז נאָך שיטען זאַלץ אויף אונזערע וואונדען — האָט שמעון זיך צו איהם אָפּגערופען — ווייסען מיר דען אַליין נישט אַז מיר האָבען בעגאַנגען דעם גרעסטען פערברעכען?.... האָבען מיר איהם נישט אַרומגעזוכט דעם גאַנצען יאָהר אין יעדער שטאָדט און שטעטעל פון כנען?...

— אָבער וואָס האָבען מיר אויפגעטהאָן? — האָט יששכר זיך אָפּגערופען — מיר האָבען קיין שפּור נישט געקראָגען פון איהם.

— אין יעדען אָבענד, ווען צוויי אָדער דריי פון אונז זיינען נישט געקומען נעכטיגען אַ היים — האָבען מיר פאַר אונזער פאָטער אויסגעטראַכט אַלערליי תרוצים.... ביז וואַנען מיר האָבען פאַר איהם געמוזט צוגעבען אַז מיר געהען דאָס זוכען יוסף׳ן — האָט גד געזאָגט.

— און וואָס האָט ער אונז געזאָגט דעראויף? אַז עס איז אומזיסט אונזער זוכען. האָבען מיר דען נישט געפונען זיין העמדעל פערשמירט אין בלוט?.... אַ חיה האָט איהם אויפגעגעסען, און צוריק לעבעדיג וועט ער נישט ווערען... — האָט יהודה טרויעריג געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ — אַ, ווען עס וואָלט נאָר מעגליך געווען פאַר אונז איהם צו געבען האָפנונגען.

— ווי אַזוי קענען מיר איהם יעצט געבען האָפנונגען, אַז מיר אַליין האָבען שוין אונזערע האָפענונגען פערלאָרען — האָט נפתלי זיך אָפּגערופען — ווער ווייס וואָס יענע ישמעאלים האָבען צו איהם געטהאָן?... זיי האָבען איהם געוויס צום טויט דערשלאָגען!...

— פאַרוואָס זאָלען זיי איהם טויטען?! — האָט זבולון איהם אַ פרעג געטהאָן — זיי האָבען דאָך פאַר איהם בעצאָהלט...

— אָבער זיי זיינען דאָך אַזעלכע גרויזאַמע מענשען. פיליכט האָט ער זיי אַריינגעבראַכט אין כעס מיט זיין טענה׳ן און בעטען זיך זיי זאָלען איהם בעפרייען און זיי האָבען איהם גאָר צום טויט דערשלאָגען.

— איך וועל אָבער נאָך ווען עס איז אָנטרעפען די ישמעאלים! — האָט יהודה אויסגערופען מיט כעס — און איך וועל ביי זיי נעהמען דין וחשבון פאַר יוסף׳ן. זיי וועלען מיר מוזען זאָגען וואָס זיי האָבען מיט איהם געטהאָן, אויב נישט וועל איך פון זיי קיין שריד ופליט נישט איבערלאָזען!

איך בין שוין געווען אין שור, און איך האָב פיעלע ישמעאלים בעגעגענט אָבער יענע האָב איך נישט געטראָפען — האָט שמעון געזאָגט — יעצט בלייבט פאַר אונז איבער צו געהן נאָך דותן אויף דעם זעלבען וועג, וואו מיר האָבען זיי צום ערשטען מאָל בעגעגענט, מעגליך אַז מיר וועלען זיי דאָרטען ווידער אַמאָל אָנטרעפען...

— און איך האָב שוין מעהר קיין האָפנונג — האָט לוי אויסגערופען

— אויב מיר זיינען ביז א הער נישט געווען ערפּאָלגרייך — וועלען מיר שוין יעצט נאָך דעם, ווי עס איז שוין אריבער מעהר ווי א יאָהר, איהם געוויס נישט געפינען...

— און וואָס בלייבט אונז יעצט איבער צו טהאָן? — האָט אשר א פרעג געטהאָן — קענען מיר דען איינזיצען אין דער היים און צוזעהן דעם גרויסען צער פון אונזער פאָטער.

— ווען אונזער זיידע יצחק וואָלט יעצט נישט געווען אזוי שוואך און אלט, וואָלט ער פיליכט געקענט בערוהיגען אונזער פאָטער — האָט ראובן געזאָגט — עפּעס ווי דאָס הארץ האָט איהם געזאָגט, אז יוסף איז נישט טויט, האָט ער גלייך געטרייסט אונזער פאָטער און איהם געזאָגט אז יוסף וועט זיך נאָכאמאָל אָפּזוכען... יעצט אָבער איז דער זיידע צו שוואך און דער פאָטער זוכט ווי ווייט מעגליך איהם נישט צו בעאומרוהיגען וועגען דעם.

— ווען איך זעה, ווי דער פאָטער זיצט אָפּ כמעט א גאנצען טאָג פערשמאַכט און טרויערט, ווערט מיר מיין גאנץ לעבען נישט כדאי — האָט אשר געזאָגט.

נאָך איין פערזאָן איז געווען זעהר טרויעריג און זיך נישט געוואָלט טרייסטען זינט די פערקויפונג פון יוסף'ן, און דאָס איז געווען עלית, די טאָכטער פון שוע. כאָטש זי האָט גאָר קיין אהנונג נישט געהאַט וועגען יוסף'ן און וואָס די ברידער האָבען צו איהם געטהאָן.... דאָך פלעגט זי זיצען טעג און טרויערען... עס איז שוין איבער א יאָהר און זי האָט פון איהר ליעבענדען יהודה נישט געהערט.... דעם לעצטען מאָל, ווען ער איז פון איהר אוועק, האָט ער איהר פערשפּראָכען זיך צוריקצוקעהרען אין צוויי וואָכען ארום. זי האָט געוואַרט וואָכען און חדשים און יהודה קומט נישט. פריהער האָט זי אָנגעהויבען זיך שרעקען, פיליכט האָט מיט איהם אַן אומ־גליק פּאַסירט. ווער ווייס, אפשר האָבען זיך די ישמעאלים צוזאַמענגע־קליבען, כדי זיך נוקם צו זיין אין איהם... איהר הארץ האָט איהר שטאַרק געשראָקען, זי האָט אויפגעהערט צו שלאָפען און פערלוירען דעם אפּעטיט... דאַן איז חירה, איהר אָנקעל געגאַנגען נאָך דותן צו זעהן אויב ער און זיינע ברידער געפינען זיך דאָרט. און ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט און געזאָגט אז זיי זיינען שוין מעהר נישט דאָ, איז עלית'ס טרויער נאָך שטאַר־קער געוואָרען. איצט איז זי שוין געווען כמעט זיכער אז אַן אומגליק האָט מיט איהם פּאַסירט. זי האָט נישט אויפגעהערט צו יאָמערען און צו קלאָגען.

מיט איינינע חדשים שפּעטער, האָבען איהר איינינע איינוואונער פון עדלם געזאָגט, אז זיי האָבען יהודה'ן געזעהן פיטערענדיג זיינע שאָף. עלית איז געווען גליקליך צו הערען אז יהודה לעבט און קיין שלעכטעס איז איהם נישט געשעהן. אָבער איהר הארץ האָט איהר געוועהטאָגט אויף דעם ווי אזוי יהודה, וועלכער האָט איהר אזוי שטאַרק געליעבט, זאָל אין איהר אין גאנצען פערגעסען... ווי אזוי איז דאָס מעגליך, אז דער בראַוער

יהודה, וועלכער האָט איהר גראַטעוועט פון די הענט פון די ישמעאלים און האָט איהר פערשפּראָכען צו קומען און איהר נעהמען פאַר זיין פרוי, זאָל איהר יעצט אַזוי בעטריגען.... איז דאָס מעגליך אַז ער האָט געקראָגען אַ צווייטע, אַ שעהנערע פון איהר?...

איהר שוואַכער פאָטער האָט נישט געקענט צוזעהען דעם צער פון זיין טאָכטער, און האָט איינמאָל צוגערופען זיין ברודער חירה און זיך צו איהם אָפּגערופען:

— מיין ברודער, יהודה איז דאָך געווען זעהר אַ גוטער און איבערגע־געבענער פריינד צו דיר, פיליכט וועסטו אַוועקגעהן און זיך מיט איהם דורכריידען... זעהסטו דען נישט ווי עלית געהט אוים ווי אַ ליכט... פיליכט ווען דו וועסט זיך מיט איהם זעהען און איהם דערמאָנען אין זיין צוזאָג, וועט ער מעגליך קומען צוריק אַהער און האַלטען זיין פערשפּרעכען צו מיין טאָכטער.

— מיר איז אַ גרויסער וואונדער! — האָט חירה איהם געענטפערט — איך קען דאָך יהודה'ן אַזוי גוט און איך ווייס ווי שטאַרק ער האָט עלית'ן געליעבט. און וויסענדיג זיין כאַראַקטער, איז מיר שוועהר צו פערשטעהן ווי אַזוי ער זאָל טהאָן אַזאַ זאַך צו עלית'ן... איך וועל טאַקע אַוועקגעהן נאָך חברון. ווי איך האָב זיך דערוואוסט פיטערט ער מיט זיינע ברידער אין דעם טהאָל פון חברון.

— אָבער דו דאַרפסט עס זעהר פאָרזיכטיג טהאָן, עלית זאָל זיך דערפון נישט דערוויסען — האָט שוע צו איהם געזאָגט — ווי שטאַרק איהר האַרץ איז פערוואונדעט, איז זי דאָך זעהר שטאָלץ, און זי וועט זיין שטאַרק דאַ־געגען דו זאָלסט געהן צו יהודה'ן.

— ער איז דאָך געווען מיין פריינד, און איך האָב אַ רעכט צו איהם צו געהן! — האָט חירה געזאָגט — איך וועל איהר נישט זאָגען אַז דאָס בין איך צו איהם געגאַנגען פון איהר'ט וועגען.

— זי וועט אָבער פערשטעהן, אַז דאָס ביזטו געגאַנגען צו איהם זיך דורכריידען וועגען איהר, און דאָס וועט איהר פערשאַפען נאָך מעהר שמערצען.

— דו מעגסט זיך אויף מיר פערלאָזען, איך וועל שוין וויסען ווי אַזוי צו האַנדלען — האָט חירה געזאָגט.

חירה האָט גענומען אַן אייזעל און איז אַוועק נאָך חברון. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי דאַרטיגע פּאַסטוכער וואו די זיהן פון יעקב'ן פיטערען זייערע שאָף, און ווען מען האָט איהם געזאָגט דעם פּלאַץ איז ער אַהין שנעל אַוועקגעגאַנגען. דאָרטען האָט ער געטראָפען די איבריגע ברידער.

— וואָס פערלאַנגסטו — איז שמעון איהם אַנטקעגען געגאַנגען, ווען ער האָט איהם געזעהען אָנקומען.

— איך קום פון עדלם, און יהודה איז מיינער אַ גוטער פריינד, און איך בין געקומען איהם זעהן!

— יהודה איז יעצט נישטאָ! — האָט שמעון איהם געענטפערט —

און אויב דו האָסט עפּעס וויכטיגע נייעס פאַר איהם, קענסטו אונז עס זאָגען און מיר וועלען איהם דאָס איבערגעבען...

— המ.. איך האָב גאָרנישט קיין נייעס. איך האָב זיך בלויז געוואָלט מיט איהם זעהען — האָט חירה געשטאַמעלט.

— יהודה וועט פיליכט זיך צוריקקעהרען אין אַ פּאָר טעג אַרום, אויב דו ווילסט קענסטו מיט אונז פערבלייבען ביז וואַנען ער וועט קומען.

— איך דאַנק דיר מיין האַר, אָבער איך אייל זיך צוריק אַ היים, איך וועל שוין איהם אַן אַנדערש מאָל זעהן — האָט חירה געזאָגט און איז אַוועקגעגאַנגען. ער איז געווען יעצט אַליין אויך איבערצייגט, אַז דאָס איז יהודה געגאַנגען אָנקוקען אַן אַנדער פרוי. און דאָס האָט איהם שטאַרק פערדראָסען. ער האָט אַזוי פיעל געהאַלטען פון יהודה׳ן, און דאָ ווייזט ער זיך אַרויס צו זיין פאַלש.

ווען חירה האָט זיך צוריקגעקעהרט אַהיים, און איבערגעגעבען זיין ברודער דאָס ער האָט יהודה׳ן נישט געטראָפען צוזאַמען מיט זיינע איבריגע ברידער, האָט דער אַלטער קוים איינגעהאַלטען זיינע טרעהרען...

— איך זעה אַז עס איז שוין נישטאָ מעהר קיין האָפנונג — האָט ער געזאָגט.

עלית האָט געהערט איהר פאָטער׳ס לעצטע ווערטער און זי האָט גלייך פערשטאַנען אַז חירה קומט נאָר וואָס פון יהודה׳ן... זי איז צו איהם צו־געשטאַנען און ער האָט זיך פאַר איהר מודה געווען, דאָס ער איז אַהין געגאַנגען.

עלית האָט אויף איהם געקוקט מיט פאַרשענדע אויגען. ווי זי וואָלט פון איהם געוואָלט דערגעהן צו ער האָט נאָך פאַר איהר אַ שטראַהל האָפנונג אָבער פון זיין אומעטיגען פּנים האָט זי פערשטאַנען אַז קיין גוטע בשורה האָט ער איהר יעצט נישט געבראַכט.

— ער האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערע ?! — האָט עלית אויסגע־רופען און די טרעהרען האָבען איהר געשטיקט אין האַלז.

— דאָס ווייס איך נישט אויף זיכער, אָבער איך האָב איהם נישט געטראָפען צווישען זיינע ברידער און זיי האָבען מיר געזאָגט אַז ער איז אַוועקגעגאַנגען אויף עטליכע טעג...

— ער האָט געבראָכען זיין וואָרט צו מיר! — האָט עלית קוים אַרויס־גערעדט און איז שנעל אַריין אין איהר צימער...

צו חירה׳ן און שוע׳ן האָט זיך דערטראָגען איהר כליפען...

—מיין אונגליקליכע טאָכטער! מיין אונגליקליכע טאָכטער! — האָט שוע געיאָמערט — אַ ווען איך וואָלט יעצט אינגער און שטאַרקער געווען, וואָלט איך זיך מיט איהם אָפּגערעכענט פאַר דעם!

— פאַרוואָס זאָלסטו ריידען אַזעלכע נאַרישקייטען... — האָט חירה געזאָגט — האָט דען יהודה נישט געראַטעוועט מיין לעבען און דעם לעבען פון עלית׳ן צוזאַמען מיט דיינע שאָף.

— אָבער זעהסטו דען נישט ווי אומגליקליך עלית פיהלט זיך...

— ווער ווייס אויב עס איז אינגאַנצען זיין שולד.. מעגליך אַז זיין

משפּחה איז געווען דאַגעגען דאָס ער זאָל חתונה האָבען מיט אַ טאָכטער פון אַ כנעני און די זיהן פון יעקב'ן וועלען זיכער נישט געהן געגען דעם ווילען פון זייער פאָטער..

— וואָלט דען מיין טאָכטער נישט געוואָרען קיין עברית? — האָט שוע אויסגערופען — זי וואָלט דאָך געטהאָן אַלעס וואָס ער וואָלט פון איהר פערלאַנגט... זי ליעבט דאָך איהם מיט איהר גאַנצען לייב און לעבען...

און יהודה האָט איהר אויך זעהר שטאַרק געליעבט — האָט חירה געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

— און איך וואָלט פון איהם אפילו קיין מוהר פאַר מיין טאָכטער נישט פערלאַנגט — האָט שוע געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ...

די גאַנצע שטאָדט עדלם האָט מיטגעטרויערט מיט עלית'ן. זי איז דאָ אַליין געווען שטאַרק בעליעבט און ווען זיי אַלע האָבען געזעהן די גבורה פון יהודה'ן האָבען זיי געהאָפט אַז יהודה וועט חתונה האָבען מיט עלית'ן און זיך בעזעצען אין עדלם... זיי האָבען איהם דאַן פאַר זייער קעניג געוואָלט מאַכען... און יעצט... ניט מען זעהט איהם און נישט מען הערט פון איהם...

— —

גרויס איז דער צער פון חרטה געווען פון אַלע ברידער צוליעב זייער שרעקליכע עולה וואָס זיי זיינען בעגאַנגען געגען זייער ברודער יוסף'ן, אָבער נאָך גרעסער און טיעפער איז געווען דער פערדרוס און חרטה פון יהודה'ן... ער איז דאָך דאַן געווען אַזוי גליקליך... מיט עטליכע טעג שפּעטער האָט געזאָלט פאָרקומען די חתונה מיט עלית'ן... ער האָט מיט אַזוי פיעל אומ־געדולד געוואָרט אויף יענער צייט... און גראָדע דאַן מאַכט זיך די טרויעריגע געשעהעניש מיט יוסף'ן און אַלע זיינע פּלענער זיינען צושטערט געוואָרען... האָט איהם שוין דאַן געקענט ליגען אין זינען זיין אייגען גליק, ווען ער האָט געזעהן דעם גרויסען אומגליק וואָס האָט זיין פאָטער געטראָפען... און ווען פון צייט צו צייט האָט זיך איהם פער'גנב'עט אַ מחשבה וועגען עלית'ן, האָט ער זיך אַליין פאַרגעוואָרפען ווי אַזוי קאָן ער גאָר טראַכטען יעצט דערפון... זיין פליכט איז פריהער אויפצוזוכען יוסף'ן און נאָכהער וועט ער קענען קלערען וועגען זיך און עלית'ן... ער האָט זיך געפיהלט נאָך אַ סך מעהר שולדיג ווי די איבעריגע ברידער... ער האָט דאָך געראַטען דאָס מען זאָל איהם פערקויפען פאַר אַ קנעכט צו די ישמעאלים... אמת, עס איז פריהער ביי אַלעמען בעשלאָסען געוואָרען, אַז יוסף זאָל געטויטעט ווערען... אָבער דאָך איז ער זיכער, ווען נישט זיין עצה, וואָלט יוסף ווי עס איז געראַטעוועט געוואָרען... בפרט אַז ראובן האָט טאַקע געהאַט אַזאַ פּלאַן... דעריבער האָט יהודה, מעהר ווי זיינע איבעריגע ברידער זיך אוועקגעלאָזען איבער'ן לאַנד אויפזוכען יוסף'ן... ער האָט נישט געקענט איינרוהען און ווען ער פלעגט פערבלייבען מיט זיינע ברידער עטליכע טעג אין פעלד, פלעגט ער זיי פערלאָזען אויף אייניגע וואָכען און פלעגט ארומגעהן פון שטאָדט צו שטאָדט, פון דאָרף צו דאָרף און זיך נאָכפרעגען אויב אימיצער האָט געזעהן ווי די ישמעאלים האָבען געפיהרט אַ שעהנעם קנעכט... אַזוי

האָט יהודה פערבראָכט דעם ערשטען יאָהר זינט יוסף איז פערקויפט געוואָרען...

ביסלעכווייז אָבער איז מען שוין אין יעקב'ס הויז צוגעוואָהנט געוואָרען צו דעם געדאַנק, אַז יוסף איז נישטאָ, כאָטש יעקב אַליין האָט זיך נאָך אַליין נישט געלאָזט טרייסטען, דאָך אָבער האָט זיך זיין יאָמערן און קלאָגען פארקלענערט.

די ברידער האָבען זיך גענומען פיהלען עטוואָס פרייער. ראובן פלעגט מאַכען אָפטע בעזוכען אין תמנת, צו אליורם די טאָכטער פון עוי דעם כנעני... און עס איז פאַר קיינעם שוין קיין סוד נישט געווען...

יהודה האָט זיך אויך ביסלעכווייז גענומען בארוהיגען. ער האָט שוין געזעהן אַז עס איז שוין ניטאָ וואָס צו האָפען ווען־עס איז יוסף'ן צו געפינען. זיין האַרץ האָט ווידער אָנגעהויבען בענקען נאָך אָער שעהנער עלית'ן...

און איין פריהמאָרגען האָט זיך יהודה אויפגעהויבען און זיך אָפּגערופען צו זיינע ברידער:

— איך געה אוועק אויף עטליכע טעג... איך ווייס נישט ווען איך וועל זיך צוריקקעהרען, אָבער ווען איך וועל קומען צוריק וועט אַלעס אַנדערש זיין!

— דו געהסט ווידער זוכען יוסף'ן? — האָט איהם לוי געזאָגט — ביזטו נאָך אַליץ נאָך ניט איבערצייגט, דאָס עס איז שוין מעהר קיין האָפנונג נישטאָ ווען־עס־איז יוסף'ן צו געפינען?

— איך בין שוין איבערצייגט! — האָט יהודה טרויעריג אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ — עס איז נישטאָ אַ פּלאַץ אין גאַנץ כנען און אומגע־גענד, וואו איך האָב יוסף'ן נישט געזוכט, און נישט געפונען... דעריבער האָב איך בעשלאָסען אַז עס איז שוין צייט איך זאָל עטוואָס אָנפאַנגען צו זאָרגען פאַר זיך... פאַרגעס נישט, ברודער, אַז עס איז שוין מעהר ווי אַ יאָהר זינט אי האָב פאַרשפּראָכען עלית'ן צו קומען גלייך און חתונה האָבען מיט איהר. זי ווייס גאָרנישט וואָס דאָ האָט פּאַסירט, און זי וועט זיין בארעכ־טיגט צו טראַכטען ווענען מיר שלעכטע געדאַנקען... זי איז מיר חושד, אַז איך האָב איהר פאַרלאָזען... איך האָב מיין וואָרט געבראָכען... און בפרט אַז נישט לאַנג צוריק איז מיין פריינד חירה, איהר אָנקעל, געקומען מיך זעהן... און נישט טרעפענדיג מיר צווישען אייך, האָט זיך געוויס זייער חשד דאָרט פאַרשטאַרקט.

— ראובן איז אוועק און דו געהסט אוועק און אויף אייך קוקענדיג וועלען געוויס נאָך עטליכע פון אונז אוועקגעהן, און ווער וועט איבערבלייבען מיט'ן פאָטער... מעגען מיר אין אַזאַ צייט פאַרגרעסערען זיין טרויער און איינזאַמקייט? — האָט לוי איהם געזאָגט.

— דו מאַכסט אַ טעות, מיין ברודער — האָט יהודה איהם געענטפערט — ווען מיר זיך דען ניט צוריקקעהרען צו אונזער פאָטער?... איך האָב נאָר קיינמאָל בדעה נישט געהאַט צו פערבלייבען אין עדולם... פאַרקעהרט,

איך וועל עלית׳ן ברענגען אהיים, צום פאטער, און דאן וועט נאך אין הויז פרעהליבער ווערען... ראובן וועט געווים אויך טהאן דאס זעלבע.

— אויב אזוי, געה מיין ברודער בשלום — האט שמעון זיך אפגערופען — איך אליין בין גאנץ נייגעריג צו זעהן די, וועלכע דו האסט אויסדערוועהלט פאר דיין ווייב.

— איהר ווייסט דאך, מיינע ברידער, ווי שווער עס איז פאר מיר צו דער יעצטיגער צייט צו רעדען מיט׳ן פאטער וועגען מיין חתונה. אבער איך בין זיכער, אז ווען איך וועל זיך צוריקקעהרען מיט מיין פרוי, וועט דער פאטער אויף מיר קיין פאריבעל נישט האבען... ער וועט פארשטעהן פאר-וואס איך האב איהם פריהער נישט געזאגט וועגען דעם...

—ראובן האט דאך דעם פאטער אויך גארנישט געזאגט — האט זיך דן אפגערופען — ער האט אפילו אונז נישט געוואלט דערצעהלען. ווען נישט דער צופאל וואס אימיצער האט איהם געטראפען אין תמנת מיט דער מיידעל אליורם.

— ווי מיר ליגען אין די הענט פון גורל! — האט יהודה א זאג געטהאן —ווען איך האב פארלאזען עלית׳ן דעם לעצטען מאל און איהר פארשפראכען אין א פאר וואכען ארום צו פייערען אונזער חתונה, האב איך געהאט אין זינען איינצולאדען דעם פאטער... איך בין געווען זיכער, אז ווען ער וועט נור דערזעהן עלית׳ן וועט ער צושטימען, אז איך האב געמאכט א גוטען אויסוואהל... איך האב געהאפט אז דער פאטער און מוטער וועלען זיך משמח זיין צוזאמען מיט מיר... און יעצט קען איך אפילו ניט רעדען מיט דעם פאטער וועגען דעם... אה, ווי גליקליך איך וואלט זיך אין דער יעצטיגער צייט געפיהלט, ווען יוסף איז מיט אונז.

— נישט נאר דו אליין, נאר מיר אלע וואלטען זיך זעהר גליקליך געשעצט — האט לוי געזאגט — זינט אונזער פארקויפונג פון יוסף׳ן הענגט א שווערע כמארע איבער אונזערע הימלען... מיר זעהען נישט די ליכטיגע שיין... אלעס איז פאר אונז ווי אפגעשטארבען... יאמער, טרויער און געוויין הערשט אין יעדען ווינקעל פון אונזער הויז. אה, ביז ווי לאנג ? ! ביז ווי לאנג ? !...

— און טאקע דעריבער גלויב איך, אז עס איז שוין צייט פאר אונז אלעמען צו נעהמען פרויען — האט שמעון געזאגט — מיר וועלען האבען קינדער, די משפחה וועט פארגרעסערט ווערען און אונזער פאטער וועט זיך אביסעל אפגעבען מיט זיינע אייניקלאך און ביסלעכווייז וועט ער קומען צו זיך... און מעגליך אז מיט די אייניקלאך וועט זיך אונזער פאטער טרייסטען פון דעם גרויסען פארלוסט...

— מיר פארדריסט זעהר, מיינע ברידער, וואס איהר קענט מיט מיר נישט מיטגעהן און זיך באטייליגען אין מיין שמחה — האט יהודה געזאגט —פרידען צו אייך אלעמען !... עס וועט לאנג נישט נעהמען און איך וועל זיך אומקעהרען מיט איהר צום פאטער.

— געה בשלום! — האבען די ברידער איהם צוגעוואונשען...

יהודה איז אוועק נאָך עדולם... מיט א קלאַפּענדיקן הארץ האָט זיך דערנעהנטערט צום שטאָדט.. ווער ווייס וואָס עלית טראַכט וועגען איהם יעצט... ער דערמאָהנט זיך אָן דעם לעצטען אָבענד וואָס ער האָט מיט איהר פאַרבראַכט... ווי גליקליך זי איז געוועזן... זי האָט איהם דאַן געזאָגט, אַז די צוויי וואָכען וועלען זיך ציהען ווי יאָהרען פאַר איהר... מיט וואָס פאַר א גרויס אומגעדולד זי האָט וואַרשיינליך אויף איהם דאָן געוואַרט... און ווי גרויס האָט עס געמוזט איהר ענטוישונג זיין, ווען ער איז נישט געקומען צו דער באַשטימטער צייט... און דאָן זיינען מעהרערע וואָכען און מאָנאַטען פאַראיבער און ער איז נאָך אַלץ נישט געקומען... ווער ווייס? ! — האָט יהודה א ציטער געטהאָן, ווען א געדאַנק איז איהם געקומען אין קאָפּ, אַז פּילייכט האָט זי זיך מייאש געווען אין גאַנצען פון איהם און זי האָט חתונה געהאַט מיט א צווייטען... זי איז דאָך אַזאַ זעלטענע שעהנהייט און עס וועט זיכער אויך נישט זיין איהר שולד. ער האָ בעשלאָסען פריהער אריינ־צוגעהן צו זיין פריינד חירה'ן... פון איהם וועט ער אויסגעפינען וואָס מיט עלית'ן האָט דורך דער גאַנצער צייט פּאַסירט און דאָן וועט ער וויסען וואָס ער האָט ווייטער צו טהאָן...

ווען יהודה איז אָנגעקומען אין עדולם איז שוין גאַנץ טונקעל געוואָרען... ער האָט אויפגעזוכט דאָס הויז פון חירה'ן און איז צוגעגאַנגען צום טיהר... א ווייליע איז ער געשטאַנען און נישט געקענט באַשליסען אריינצוגעהן... באַלד אָבער האָט ער אָנגעקלאַפּט אין טיהר.

חירה האָט די טיהר אויפגעעפענט און האָט גלייך דערקענט זיין גוטען פריינד.

— דאָס ביזטו יהודה! — איז ער איהם געפאַלען אויפ'ן האלז — איך האָב געוואוסט אַז דו האָסט נאָך אונז אין גאַנצען ניט פאַרגעסען... קום אריין, מיין פריינד, אין הויז... דו ביזט דאָך מיעד און הונגעריג...

— און וואָס מאַכט עלית? — האָט איהם יהודה גלייך א פרעג געטהאָן מיט א ציטערענדע שטימע.

— פריעדען איז צו איהר און צו איהר אַלטען פאָטער! — האָט איהם חירה בארוהיגט — אָבער וואָס שטעהסטו ביים טיהר? קום אריין אין הויז... דו וועסט זיך ארומוואשען און דערקוויקען דיין הארץ און נאכהער וועלען מיר פון אַלעם רעדען.

יהודה איז אריין אינוועניג. חירה האָט געהייסען זיין פרוי צוגרייטען שפּייז פאַר דעם גאַסט, ער האָט איהם געבראַכט וואַסער און יהודה האָט זיך ארומגעוואַשען און ביידע האָבען זיך אוועקגעזעצט ביים טיש.

— יעצט דערצעהל מיר מיין פריינד, וואָס מיט דיר האָט פּאַסירט די גאַנצע צייט? מיר זיינען אַלע געווען שטאַרק באַזאָרגט וועגען דיר און איבערהויפּט עלית! אָ, איהר פאַרצווייפלונג און טרויער איז געווען שרעקליך...

— אָבער זאָג דאָך מיר ווי פיהלט זי זיך יעצט?... איז זי? איך מיין, האָט זי שוין אויפגעגעבען איהר האָפנונג, אַז איך וועל ווען עס איז צוריקקומען... און זי האָט....

— אויב אזוי, קענסטו נאך ניט עלית׳ן! — האט חירה זיך אפגערו־פען — כאטש זי איז געווען שטארק פארצווייפעלט, דאך האט זי איהר האפנונג נישט אויפגעגעבען... זי איז די גאנצע צייט געווען טרויעריג... אבער זי איז דיר געבליבען געטריי און ווען פיעלע יונגע לייט, וועלכע האבען געזוכט צו געווינען איהר הארץ, זיינען צו איהר געקומען, האט זי זיי אוועקגעשיקט פון זיך.. צו איהר פאטער און צו מיר האט זי איינמאל געזאגט, אז זי וועט אויף דיר ווארטען ביז דעם לעצטען טאג פון איהר לעבען.

יהודה׳ס פנים האט גענומען לייכטען פון גליק... זיין עלית האט איהם נאך ליעב... זי ווארט אויף איהם...

איך מוז גלייך געהן צו איהר! — האט זיך יהודה אויפגעשטעלט.

— אבער, מיין פריינד, פילייכט וואלט געווען מעהר ראטהזאם צו ווארטען ביז אין דער פריה... די פלוצלונגע איבערראשונג קען נאך אויף איהר ווירקען שלעכט... זי האט די לעצטע צייט זיך נישט איבעריג גוט געפיהלט. פון גרויס צער און עגמת נפש איז זי איינינגע וואכען צו בעט געלעגען...

—אבער ווי פיהלט זי זיך יעצט? — איז יהודה אומגעדולדיג געווארען.

— יעצט פיהלט זי זיך א סך בעסער! זי האט שוין געוואלט ווידער געהן פיטערען די שאף — האט חירה איהם געענטפערט — אבער ווען דו זאלסט פלוצלונג צו איהר אריינקומען... וועט זי זיך פילייכט דערשרעקען...

— אבער, מיין פריינד! וואו וועל איך נעהמען אזוי פיעל געדולד צו ווארטען ביז מארגען!... ניין! איך מוז זיך נאך היינט מיט איהר זעהן!...

— גוט, יהודה, איך וועל מיט דיר געהן צו איהר פאטער׳ס הויז... איך וועל פריהער אהין אריינגעהן און דו וועסט ווארטען א ווייל נעבען טיהר... איך וועל איהר ביסלעכווייז צוגרייטען צום געדאנק אז דו קומסט צו איהר און נאכהער וועל איך עפענען די טיהר און דו וועסט אריינגעהן...

— יעצט זעה איך, אז דו ביזט מיין בעסטער פריינד! — האט יהודה געדריקט זיין האנד — דיין עצה געפעהלט מיר. קום, לאמיר נישט פאר־לירען קיין צייט!

חירה איז מיט יהודה׳ן גלייך אוועקגעגאנגען צו שוע׳ס הויז. יהודה איז געבליבען שטעהן ביים טיהר און חירה איז אריין אינוועניג.

— דאס ביזטו, מיין ברודער? — האט שוע זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאץ — וואס בעדייט דיין פארשפעטיגטער באזוך? — האט עפעס פאסירט אין שטאדט?

— ניין! פרידען איז צו אונז אלעמען! איז עס דען דאס ערשטע מאל וואס איך קום דיר אזוי שפעט באזוכען — האט חירה א שמייכעל געטהאן — און וואו איז עלית? זי שלאפט שוין?

— איך ווייס נישט אויב זי שלאפט שוין, אבער זי געפינט זיך אין איהר צימער... דו ווייסט דאך, אז זי ליידט די לעצטע צייט זעהר שטארק פון שלאפלאזיגקייט... איך האב געמיינט, אז עס וועט אריבער נאך א שטיקעל צייט און זי וועט זיך בארוהיגען... פילייכט וועט זי איהם ארויס־שלאגען פון איהרע געדאנקען... איך האב פרובירט מיט איהר רעדען. איך

האָב איהר געזאָגט, אַז זי זאָל אָן איהם פאַרגעסען... אויב ער האָט זיך נעקענט אַזוי באַגעהן מיט איהר, איז ער איהר נישט ווערטה... איך האָב בכיון ערמוטיגט עטליכע יונגע לייט פון שטאָדט איהר צו באַזוכען, אָבער דאָס אַלעס העלפט נישט... זי האָט אפילו מיט זיי קיין איינציג וואָרט נישט געוואָלט רעדען...

— איך האָף אַז עס וועט שוין לאַנג נישט נעהמען און אַלעס וועט אויס־געגליכען ווערען! — האָט חירה געזאָגט.

— וואָס? האָסטו עפּעס געהערט פון יהודה'ן? — האָט שוע זיך אָפּגערופען מיט גרויס נייגעריגקייט...

— באַרוהיג זיך, מיין ברודער — האָט חירה אַרויפגעלעגט זיין האַנט אויף שוע'ס שולטער — איך האָב גוטע נייעס פאַר דיר און עלית'ן... אָבער איך וואָלט וועלען עלית'ן אַביסעל צוגרייטען דערצו, עס זאָל פאַר איהר נישט זיין קיין פּלוצלונגע איבעראַשונג.

פּלוצלונג האָט זיך עלית באַוויזען אין טיהר... זי איז גלייך צוגע־לאָפען צו איהר אָנקעל און זיך אָפּגערופען:

— דו האָסט פאַר מיר געבראַכט גוטע נייעס חירה! זאָג דאָך מיר שנעלער, האָסטו וואָס ניט איז געהערט פון יהודה'ן?...

— ער זאָגט ער האָט גוטע נייעס פאַר דיר! — האָט שוע אַרומגענומען זיין טאָכטער און זי צו זיך צוגעדריקט.

— יע! — איך האָב פון איהם געהערט! האָט חירה אויסגערופען — אָבער דו מוזט מיר צוזאָגען אַז דו וועסט זיין רוהיג!

— איך בין געגרייט אויף אַלעס! — האָט זיך עלית בעמיהט צו בעהערשען איהרע געפיהלען...

— יהודה האָט זיך אָן דיר נאָך נישט פערגעסען! — האָט ער אויסגערופען.

עלית'עס פּנים איז בלייך געוואָרען.

— און פון וואַנען ווייסטו עס! — האָט זי מיט אַ שוואַכע שטימע געפרעגט.

— איך האָב מיט איהם גערעדט! — האָט חירה געענטפערט מיט אַ שמייכעל.

— דו האָסט גערעדט מיט יהודה'ן? — האָט עלית זיך צוגעהאַלטען זי זאָל נישט אומפאַלען, — איז פרידען צו איהם?

— יע, פרידען איז צו איהם, ער איז געזונט...

— און וואָס האָט ער דיר געזאָגט? — האָט זי קוים אַרויסגערעדט.

—ער האָט מיר געזאָגט אַז ער קומט דיך זעהן.

— יהודה... קומט מיר... זעהן!....

עס האָט איהר גענומען שווינדלען אין די אויגען און דער קאָפּ האָט זיך איהר גענומען דרעהען און ווען חירה וואָלט איהר נישט אומגעהאַלטען וואָלט זי געווים אומגעפאַלען.

—איך בעט דיר עלית, בערוהיג זיך! — האָט ער איהר געזאָגט —

שטאַרק זיך און ווען איך וועל זעהן אַז דו וועסט זיך קענען בעהערשען, וועל איך דיר נאָך בעסערע נייעס דערצעהלען.

— וואָס קען שוין זיין בעסערע נייעס ווי די אַז יהודה איז געזונט און אַז ער קומט מיר זעהן ?! — האָט עלית אויסגערופען אַ גליקליכע. יע, חירה, איך פיהל זיך שוין קרעפטיגער... איך דאַנק דיר... דיין בשורה האָט אין מיר אַ נייעם לעבען אריינגעבלאָזען...

— אויב אַזוי קען איך דיר זאָגען אַז יהודה איז דאָ ! — האָט חירה אויסגערופען — ער שטעהט נעבען דער טיהר פון דיין הויז...

— יהודה איז דאָ ! אָה, וואו איז ער ! — האָט עלית גענומען לויפען צום טיהר.

— איך האָב געוואוסט אַז עס וועט זיין אַ צו גרויסע איבערראַשונג פאַר דיר און דעריבער איז ער געבליבען שטעהן ביים טיהר. יעצט זאָג מיר, עלית, פיהלסטו זיך גוט ?

— אָ, איך פיהל זיך גוט און שטאַרק — איז עלית שנעל צוגעלאָפען צום טיהר און מיט האסט איהר אויפגעעפענט.

— יהודה ! !

עלית ! !

אַ ווײַלע זיינען ביידע געשטאַנען ארומגענומען איינע דעם צווייטען און געשוויגען. טרעהרען פון פרייד האָבען זיך געגאָסען פון עלית׳עס אויגען.

— ענדליך ביזטו געקומען ! — האָבען איהרע ליפען געמורמעלט.

— אָבער וואָס שטעהען מיר ביים טיהר, קום אריין אין הויז.

ביידע זיינען אריין אינוויינינג. שוע האָט אויך געגעבען יהודה׳ן אַ האַרציגע אויפנאַהמע, כאָטש אין האַרצען איז ער אויף איהם שטאַרק בייז געווען . צוליעב זיין פאַרנאַכלעסיגען איהר, האָט זיין טאָכטער אַזוי שטאַרק געליטען...

זיי האָבען זיך אַלע ארומגעזעצט ביים טיש. עלית האָט גלייך גע־בראַכט עפּעס צוצובייסען.

חירה און שוע האָבען אויף יהודה׳ן געקוקט מיט בליקען וואָס האָבען געפרעגט : „פאַרוואָס האָסטו דיין וואָרט נישט געהאַלטען צו עלית׳ן ?...

יהודה האָט פאַרשטאַנען וואָס זייערע בליקען בעדייטען. ער איז געזע־סען מיט די אויגען ארונטערגעלאָזען און געשוויגען. אַ קליינע ווײַלע זיינען אַלע אַזוי געזעסען שטיל.

— מיר זיינען זעהר שטאַרק בעזאָרגט געווען וועגען דיר — האָט חירה אונטערגעבראָכען די שטילקייט, — מיר האָבען געמיינט אַז אַלע ישמאעלים האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען און געזוכט זיך נוקם צו זיין אין דיר...

— וואָס דען האָבען מיר געקענט קלערען ? — האָט שוע צוגעגעבען — דו האָסט פערשפּראָכען צו קומען און דו האָסט צוגעזאָגט צו קומען אין צוויי וואָכען ארום... עלית וואַרט... אַלעס איז שוין געווען געגרייט.... יעדער אין שטאָדט האָט וועגען דעם געוואוסט... די וואָכען זיינען אַוועק, מאָנאַטען

זיינען פערפלויגען און דו ביזט נאָך אַלץ נישט געקומען... עלית איז געווען אַזוי בעזאָרגט אַז זי האָט נישט געקענט עסען און שלאָפען פון גרויס צער.

— און איך מיין פריינד בין געווען אַזוי שטאַרק בעזאָרגט אַז איך בין אַוועק דיך זוכען... איך האָב געטראָפען דיינע ברידער, און זיי האָבען מיר געזאָגט אַז פרידען איז צו דיר, אָבער דאָך האָבען מיר נישט פערשטאַנען פאַרוואָס דו ביזט נישט געקומען אין דער בעשטימטער צייט.

— אַ גרויסער אומגליק איז בעפאַלען אונזער משפחה — האָט יהודה זיך אָפּגערופען מיט טרויער, — און דאָס האָט געטראָפען גראַדע איינגע טעג איידער איך האָב געזאָלט אַוועקגעהן נאָך עדולם.

— וואָס האָט פּאַסירט?! — האָט עלית מיט שרעק אויסגערופען.

— מיר האָבען געפּיטערט אונזערע שאָף גאַנץ ווייט פון אונזער שטאָדט חברון. מיר זיינען פריהער געווען ארום שכם פון דאָרטען זיינען מיר נאָך ווייטער אַוועק... מיר זיינען שוין אַ לאַנגע צייט אין דערהיים נישט געווען, האָט דער פאָטער געשיקט אונזער אינגערען ברודער יוסף'ן, ער זאָל געהן אונז בעזוכען און איהם צוריקברייניגען אַ געריס פון אונז... מיר האָבען דערפון גאָרנישט געוואוסט און איינמאָל געהענדיג אַזוי אין וועג, האָט איינער פון מיינע ברידער, געפונען אַ פערבלוטיגטע העמדעל אויפ'ן וועג... און ווען מיר האָבען דאָס בעטראַכט האָבען מיר דערקענט אַז דאָס איז דאָס זיידענע העמדעל וואָס אונזער פאָטער האָט געמאַכט פאַר יוסף'ן... מיר האָבען עס גלייך געבראַכט צו אונזער פאָטער און ער האָט אויך דערקענט דאָס העמדעל... יע, אַ גרויסער אומגליק האָט פּאַסירט מיט אונזער ברודער... ער איז אָדער צוריסען געוואָרען פון ווילדע חיות... אָדער ער איז געפאַנ־גען געוואָרען פאַר אַ קנעכט, און זיינע פאַנגער האָבען בכיון אונטערגע־וואָרפען דאָס פערבלוטיגטע העמדעל, כדי צו בעזייטיגען יעדען שפור... זיי האָבען געדיינקט אַז ווען מיר וועלען געפינען דאָס העמדעל אַ צוריסענע און פערבלוטיגטע וועלען מיר זיכער מיינען אַז חיות האָבען איהם צורסען... אָבער וו עס זאָל נשט געשעהן אונזער ברודער יוסף איז ניטאָ און ער איז געווען דער בעליעבסטער זוהן פון אונזער פאָטער... דער טרויער איז אונזער הויז איז געווען שרעקליך... דער פאָטער לאָזט זיך נאָך ביז יעצט נישט טרייסטען... איך און מיינע איבעריגע ברידער זיינען דעם גאַנצען יאָהר ארומגעגאַנגען איהם זוכען... מיר זיינען אויסגעגאַנגען דאָס גאַנצע לאַנד אין דער לייגג און אין דער ברייט... אָבער אונזער מיה איז געווען אומזיסט... אונזער ברודער איז ניטאָ, ער איז פאַרפאַלען געוואָרען און יוער ווייסט אויב ער לעבט נאָך... יע, אַ שוואַרצער וואָלקען האָט פערדעקט אונזער הימעל... מיר האָבען נאָך ביז יעצט זיך וועגען דעם נישט בערוהיגט...

— אפשר האָבען איהם די ישמאָעלים גענומען געפאַנגען? — האָט עלית געזאָגט, — זיי האָבען דאָס פיליכט געטהאָן אַלס נקמה צו דיר!

— מיר זיינען שוין איינגע מאָל געגאַנגען אין זייער לאַגער, און ווי עס ווייזט אויס האָבען זיי גאָר קיין אהנונג וועגען יוסף'ן... ווען ער וואָלט זיך דאָרטען געפונען וואָלטען מיר דערפון זיך דערוואוסט... אונזערע הערצער זיינען געווען פערביטערט. קיינער פון אונז האָט גאָר נישט געוואָלט

טראַכטען וועגען זיך זעלבסט... נו, פאַרשטעהט זיך, אַז אונטער אַזוינע אומשטענדען האָב איך שוין גאָר נישט געקענט קלערען וועגען מיין אייגען גליק...

— דאָס איז אַ שרעקליכער אומגליק, — האָט שוע אַ זיפץ געטהאָן.

— ווי אַלט איז דאַן יוסף געווען?

— ער איז פאַרפאַלען געוואָרען קורץ נאָכדעם ווי מיר האָבען געפייערט זיין זיבעצעהנטען געבורטסטאָג, — האָט יהודה געענטפערט. — ער איז געווען אַזוי קלוג און געראָטען... און שעהן איז ער געווען ווי אַ מלאך פון הימעל... יע, מיר האָבען געגען איהם אַ סך געזינדיגט... איך מיין — האָט ער זיך גלייך פערכאַפּט, — אַז מיר האָבען איהם נישט אָפּגעהיט... ער האָט קיינמאָל נישט געטאָרט געהן אַליין אַזאַ וויימע וועג...

עלית האָט מיט טרויעריגע אויגען געקוקט אויף יהודה'ן. יעצט ער־שטעהט זי אַלעס... דער אומגליק וואָס האָט פּאַסירט אין יהודה'ס משפּחה איז זעהר גרויס... זי פיהלט מיט דעם צער און בראָך פון איהם און זיין פאָטער... זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגען צו טרייסטען יהודה'ן, אָבער זי האָט קיין ווערטער נישט געפונען...

ווייטער זיינען אַלע שטיל געבליבען זיצען אַרום דעם טיש, יעדער פאַרזונקען אין זיינע מחשבות. שוע האָט גענומען טראַכטען וועגען זיין טאָכטער. ווער ווייסט צוליעב וואָס יהודה איז געקומען. אפשר איז ער אַהער געקומען אָנזאָגען אַז יעצט, נאָך זייער גרויסען פערלוסט וואָס זיי האָבען ערליטען, קען ער מיט איהר נישט חתונה האָבען. אַזעלכע גע־דאַנקען האָט אויך עלית אונטערהאַלטען... זי האָט איהם אָבער אין איהר האַרצען גערעכטפערטיגט. ווי אַזוי וועט איהם יעצט גאָר ליגען אין זינען חתונה צו האָבען מיט איהר.

הירה אָבער, וועלכער האָט יהודה'ן בעסער געקענט און בעסער פער־שטאַנען, האָט געוואוסט אַז יהודה'ס קומען צו עלית'ן מיינט אַז ער איז געקומען חתונה צו האָבען מיט איהר. דאָס האָט ער געקענט בעמערקען פון זיין גרויס אומגעדולדקייט, און פון זיין שטראַהלענדען פּנים, ווען ער האָט עלית'ן דערזעהן, דעריבער האָט ער זיך אָפּגערופען מיט געלאַסענקייט:

— נישט אויף עוויג דאַרף דאָך אַ מענש טרויערען אויף אַ גרויסען פערלוסט. ווי איך זעה, האָט דיין גאַנצע משפּחה געטהאָן אַלעס וואָס מעגליך... ווען עס איז ביי אייך דער מינדסטער צווייפעל געווען אַז יוסף לעבט, האָט קיינער פון אייך נישט גערוהט און געוואַנגעלט פון פּלאַץ צו פּלאַץ איהם אויסצוזוכען... אָבער אַז איהר האָט איהם נישט געפונען... וואָס קענט איהר ווייטער טהאָן? קען מען דען איהם צוריק לעבעדיג מאַכען?

— דעם גאַנצען יאָהר האָבען מיר נישט געוואָלט אפילו הערען פון אַזעלכע טרייסט ווערטער — האָט יהודה געזאָגט — אָבער אַז דער יאָהר איז פאַריבער... מיר האָבען זיך ביסלאַכווייז גענומען צוגעוואָהנען צו דעם געדאַנק אַז יוסף איז נישטאָ... האָט שוין יעדער פון אונז עפּעס גענומען טראַכטען פון זיך זעלבסט... איך האָב געוואוסט אַז עלית האָט אין מיר

געהאַט פיעל צוטרויען אַזוי ווי איך אין איהר... יעצט בין איך אַהער געקומען מקיים צו זיין מיין הבטחה!

— דו ווילסט התונה האָבען מיט מיין טאָכטער? ! — האָבען שוע'ס אויגען גענומען שטראַהלען פון גליק.

— יע, אויב דיין טאָכטער וועט צושטימען... — האָט יהודה געזאָגט און געווענדעט זיינע בליקען צו עלית'ן.

עלית האָט אַ שמייכעל געטהאָן. זי איז געווען צו גליקליך אַז זי זאָל קענען יעצט אויסריידען אַ וואָרט. איהרע בליקען צו איהם האָבען גערעדט און ער האָט זי פערשטאַנען...

אומבעמערקטערהייט האָבען זיך שוע און חירה אַרויסגערוקט פון צימער און יהודה און עלית זיינען איבערגעבליבען אַליין. זייערע הערצער האָבען שטאַרק געקלאַפּט...

— עלית! — האָט יהודה אָנגענומען איהר האַנט — האָסטו נאָך נישט אויפגעהערט מיר ליעב צו האָבען? איך בין געווען זיכער אַז דו וועסט פון מיר שלעכט דענקען...

— אה, יהודה! — האָט עלית איהם געענטפערט, — ווי איך האָב גאָר געהערט אַז דו ביזט געזונט און קיין שלעכטעס איז דיר נישט געטהאָן געוואָרען, האָב איך זיך בערוהיגט...

—און וואָס האָסטו געטראַכט דאָן, אַז איך בין צו דיר נאָך אַלץ נישט געקומען?... דו האָסט געוויס געדענקט אַז איך האָב דיר פערלאָזען...

— יע, איך האָב געטראַכט אַז דו האָסט מיר אויפגעהערט ליעב צו האָבען, און דו האָסט געוויס געפונען איינע וועלכע איז שעהנער און בעסער פון מיר!

— איינע וועלכע איז שעהנער און בעסער פאַר דיר, עלית! — האָט יהודה איהר אַרומגענומען און געקושט — עקזיסטירט דען אַזאַ אין גאַנץ כנען?...

— געוויס! — האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכעל — עס זיינען פאַראַן פיעל, זעהר פיעל שעהנערע און בעסערע פון מיר...

— אָבער איך האָב נאָך איינע ווי דו נישט געטראָפען! — האָט יהודה איהר געדריקט צו זיך... מיין נישט, עלית, אַז די גאַנצע צייט וואָס איך בין צו דיר נישט געקומען, האָב איך דיר אויף אַ רגע פאַרגעסען... ניין, דו ביזט מיר פון זינען נישט אַרויס זינט איך האָב דיר דאָס לעצטע מאָל פערלאָזען... און אין דער צייט פון מיין גרויסען צער און אומגליק האָב איך נאָך מיין וועהטאָג שטאַרקער געפיהלט, ווען איך האָב געוואוסט אַז דו ליידסט אויך... און איך האָב אָפּילו קיין מעגליכקייט נישט געהאַט דיר צו קומען אָנזאָגען וועגען דעם...

— אָבער יעצט בין איך גליקליך אַז דו ביזט ווידער דאָ מיט מיר — האָט עלית געזאָגט מיט טרעהרען פון פרייד.

— יעצט וועט שוין אונז קיין זאַך, בלויז דער טויט פאַנאַנדערשיידען... — האָט יהודה זיך אָפּגערופען.

— דער טויט! — האָט עלית געזאָגט — איך האָב לעצטענס אַזוי

פיעל געטראַכט וועגען טויט... אָבער מעהר נישט! יעצט וויל איך לעבען!

— דו וועסט לעבען און זיין געזונט און שטאַרק — האָט יהודה צו איהר געזאָגט — מיר וועלען זייןביידע גליקליך...

זיי האָבען ביידע אַזוי די גאַנצע צייט פערבראַכט אין ריידען... יהודה האָט איהר דערצעהלט אַלעס וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט דורך דער גאַנצער צייט, און זי האָט איהם איבערגעגעבען וואָס זי האָט דורכגעלעבט... ווי אַזוי זי איז קראַנק געוואָרען פון עגמת נפש... און ווי דאָס לעבען איז איהר נמאס געוואָרען... און יעצט איז זי דאָך די גליקליכסטע פון אַלעמען...

אויף מאָרגען האָט יהודה זיך דורכגערעדט מיט שוע'ן און חירה'ן און זיי האָבען בעשטימט די חתונה אין אַ וואָך אַרום.

— די פּאָרבאַרייטונגען אין צוגרייטען זיך צו דער חתונה האָט מיין טאָכטער נאָך געמאַכט מיט אַ יאָהר צוריק — האָט שוע מיט אַ שמייכעל געזאָגט — יעצט וועט לאַנג נישט געדויערען. די קליידער וואָס זי האָט געניידט זיינען נאָך נישט געטראָגען געוואָרען. דער שלייער איז נאָך נישט גערירט געוואָרען... זי האָט געוואַרט און יעצט האָבען די געטער איהר בעלוינט...

— מיין האַר — האָט יהודה אויסגערופען — דו וועסט מיר ענט־שולדיגען אויב איך וויל מיט דיר ריידען וועגען אַ זאַך וואָס איז פאַר מיר פון גרויס וויכטיגקייט. איך בין זיכער אַז דו וועסט מיר פערשטעהן...

— רייד מיין קינד — האָט שוע איהם געענטפערט. — דו מעגסט זיכער זיין אַז קיין זאַך וועט פאַר מיר נישט צו שווער זיין צו טהאָן אויב דאָס איז נאָר דיין וואונש... דו דאַרפסט אויך וויסען אַז אַלעס וואָס איך פערמאָג בעלאַנגט צו מיין טאָכטער... דעם קליינעם פערמעגען האָב איך ערוואָרבען בלויז דורך איהר אַרבייט און פלייס... און יעצט אַז זי געהט חתונה האָבען, וועל איך איהר אַלעס צוריקגעבען. איך אַליין בין שוין גאַנץ אַלט און מיינע טעג זיינען געצעהלטע. פאַר מיר וועט זיין גענוג וויפיעל איך וועל האָבען.

— אָה, ניין, מיין האַר! — האָט יהודה אויסגערופען, — נישט דאָס האָב איך געמיינט! איך פערלאַנג נישט דיין פערמעגען. איך בין גענוג רייך. איך האָב פיעלע שאָף און רינדער... און איך האָב נאָך בעשלאָסען צו ברייננען דיר אַ מוהר פאַר דיין טאָכטער... אָבער וואָס איך האָב מיט דיר געוואָלט ריידען, איז וועגען עפּעס העכערס און שעהנערעס ווי געלט און רייכטהום..

— איך בין געגרייט צו הערען, מיין זוהן, — האָט שוע אָנגעשטעלט זיינע אויגען און אויערען.

— דו ווייסט דאָך אַז איך בין אַן עברי. מיינע עלטערען אברהם, יצחק און יעקב דינען צו דעם איינציגען גאָט וועלכער האָט באַשאַפען הימעל און ערד און אַלע בעשעפעניסען... ער איז דער איינציגער גאָט און קיין אַנדערע געטער זיינען נישטאָ... און ווען איך הער דעם וואָרט געטער, געהט דורך אַ שוידער איבער מיין לייב... איך וויים אַז אַלע איינוואָהנער פון עדולם דינען צו פיעלע געטער און דו אַליין האָסט זיך אויך איינגע־

וואָהנט פון דיין יוגענט צו דינען די אָפּגעטער פון דיין שטאָדט. און דעריבער קען איך פון דיר נישט פערלאַנגען דו זאָלסט פּלוצלונג זיי אויפגעבען און אָנפאַנגען צו דינען מיין גאָט, דעם גאָט פון די עברים... אָבער איידער איך געה הייראַטען מיט דיין טאָכטער, וויל איך קריגען דיין ערלויבעניש, אַז זי זאָל ווערען איינע פון מיין משפחה, זי זאָל ווערען אַן עברית און דינען בלויז צו מיין גאָט... ווייל מיין פאָטער וועט זיכער נישט דולדען צו האָבען אין אונזער משפחה אַ כנענית וועלכע דינט צו אָפּגעטער...

— און איך אַליין האָב שוין לאַנג אויפגעגעבען אונזערע אָפּגעטער — האָט זיך חירה אריינגעמישט — איך האָב אויפגעהערט צו זיי צו דינען פון יענעם טאָג, ווען יהודה האָט מיר גערעטעט פון די הענט פון די ישמעאלים! איך האָב געזעהען אַז זיין גאָט איז דער איינציגער מעכטיגער גאָט און צו איהם וועל איך דינען ביז די ענדע פון מיינע טעג...

— אַזוי! — האָט שוע אויסגערופען פערוואונדערט — דו האָסט פערלאָזען אונזערע געטער און איך האָב דערפון נישט געוואוסט.

— איך האָב נישט געוואָלט אַז אין שטאָדט זאָל מען דערפון וויסען, דעריבער האָב איך עס געהאַלטען בסוד — האָט חירה געזאָגט — ווייל די איינוואָהנער פון שטאָדט וואָלטען מיר זיכער פערשטיינערט, ווען זיי דערוויסען זיך אַז איך האָב פערלאָזען זייערע געטער... און יעצט מיין ברודער גלויב איך אַז יהודה איז גערעכט וואָס ער פערלאַנגט אַז דו זאָלסט ערלויבען עלית׳ן צו ווערען אַן עברית...

— נישט נאָר איך וועל איהר ערלויבען צו דינען דעם גאָט פון די עברים, אָבער איך אַליין וועל זיך צו איהם בעקעהרען — האָט שוע געענט-פערט — איך האָב פיעל, זעהר פיעל געהערט פון די וואונדערבאַרע זאַכען וואָס דער גאָט פון יהודה׳ס עלטערען האָט געטהאָן, און יעצט אַז די געטער האָבען מיר געלאָזט לעבען און איך האָב זוכה געווען אַז אַ זוהן פון יעקב וויל ווערען מיין איידעם...

— אָבער מיין ברודער — האָט איהם חירה אונטערבראָכען. — דו האָסט נאָר וואָס ווידער דערמאָנט דעם וואָרט געטער.

— דאָס קומט ביי מיר פון געוואָהנהייט. דו וועסט מיר מוזען מוחל זיין, יהודה, וואָס אַמאָל, נישט ווילענדיג כאַפּט זיך פון מיר ארוים אַזא וואָרט... פון יעצט אָן פערזיכער איך דיר, אַז די געטער פון עדולם האָבען פאַר מיר פערלאָרען זייער הייליגקייט און וויכטיגקייט.

שוע האָט גענומען אַ האַק און גלייך פאַר יהודהן אין די אויגען, האָט ער צושמעטערט די געצען וועלכע זיינען געווען אין זיין הויז.

עלית וועלכע איז געווען אין צווייטען צימער האָט דערהערט דעם טומעל און קלאַפּען און איז שנעל אריינגעלאָפען און ווי ערשטוינט איז זי געוואָרען ווען זי האָט דערזעהן ווי איהר פאָטער צוברעכט אַלע געצען...

זי האָט געקוקט אויף יהודה׳ן און אויף חירה ווי זי וואָלט געוואָלט ארויסקריגען פון זיי די בעדייטונג פון איהר פאָטער׳ס משונה׳דיגע מעשים..

— עלית — האָט חירה זיך צו איהר אָפּגערופען — פון היינט אָן ווערט

אונזער גאַנצע משפּחה אויס געצענדינער. מיר נעמען זיך אונטער צו דינען דעם גאָט פון יהודה׳ן.

— און איך אויך! — האָט עלית מיט פרייד אויסגערופען און האָט אליין גענומען העלפען איהר פאָטער צוצוברעכען די געטער...

— אָ, ווען די איינוואָהנער פון שטאָדט וואָלטען זיך דערוויסען — האָט עלית געזאָגט מיט אַ שמייכעל — זיי וואָלטען דאָך אונז פון שטאָדט פערטריבען...

— זיי וואָלטען נאָך ערגער צו אונז געטהאָן! — האָט חירה געזאָגט — כּל זמן מיר געפינען זיך אין עדולם, דאַרף דערפון קיינער נישט וויסען...

— און דו, מיין טאָכטער, ביזטו וויליג צו ווערען אַן עברית?... — האָט איהר שוע געפרעגט.

— ליבער פאָטער, — האָט עלית אויסגערופען מיט פרייד — זינט איך האָב יהודה׳ן דערקענט, האָב איך שוין אין מיין הארצען צו זיין גאָט געדינט... ער האָט מיר פיעלעס דערצעהלט פון דעם לעבען פון זיין עלטער זיידען אברהם און איך האָב נאָר געוואונשען, דאָס איך זאָל זי קענען פער-רעכענען אַלס איינע פון אברהם׳ס משפּחה, און איצט האָט גאָט מיין תפלה צוגעהערט און מיר צוריקגעשיקט יהודה׳ן... איך בין גליקליך צו דינען צו דעם איינציגען גאָט און נאָך גליקליכער בין איך צו הערען אַז אויך דו מיין פאָטער און חירה מיין אָנקעל טוען דאָס זעלבע...

אין אַ וואָך אַרום האָט יהודה שטיל און באַשיידען געפייערט זיין חתונה מיט עלית׳ן... און ווען די זיבען טעג פון מאָלצייט זיינען פאַריבער — האָט יהודה איהר אוועקגענומען צו זיין פאָטער׳ס הויז אין חברון...

.21

יוסף ווערט דער הויפּט קנעכט

אַ יאָהר איז פאַריבער זינט יוסף איז געוואָרען פּוטיפר'ס קנעכט, און ביסלעכווייז האָט ער זיך גענומען צוגעוואוינען צו זיין נייער אומגעבונג... די שרעקליכע געדאַנקען צו זיין פערקויפט פאַר אַ קנעכט צו יענעם, האָבען איהם שוין מעהר אַזוי פיעל נישט געשראָקען. פּוטיפר און זליכה האָבען איהם זעהר גוט בעהאַנדעלט און האָט זיך אין יענעם הויז במעט געפיהלט ווי אַן איינגענער...

די ערשטע צייטען איז פאַר איהם גאַנץ שווער געווען... און כאָטש זיין האַר און האַרינטע זיינען צו איהם גוט געווען פון דעם ערשטען טאָג אָן, האָט ער דאָך געליטען פיעל צרות פון די איבריגע קנעכט, וועלכע פלעגען פון איהם חוזק מאַכען, זיך מיט איהם רייצען און סתם פערביטערען זיין לעבען... פיעל מאָל פלעגט טרעפען אַז די קנעכט פלעגען איהם שלאָגען אָדער גלאַט אַזוי אָנטהאָן נגישות... די איינציגע וועלכע זיינען געווען גוט צו איהם, זיינען געווען די דינסטען... אין זייערע אויגען איז יוסף געווען אַ מלאך... און יעדע פון זיי האָט אין איהר האַרצען זיך אַרומגעטראָגען מיט זיסע חלומות וועגען דעם נייעם קנעכט... יעדע האָט זיך בעמיהט איהם צו געפעהלען... אָבער אין דער צייט ווען די איבעריגע קנעכט פלעגען אויסנוצען יעדע געלעגענהייט צו פערברייינגען מיט די דינסטען, איז יוסף געווען וואָס ווייטער פון זיי... ער האָט געטהאָן זיין אַרבייט פלייסיג און אין זיין לעדיגע צייט פלעגט ער לערנען די חכמות פון מצרים, ער האָט זיך אויסגעלערנט צו שרייבען דעם כתב החטומים, און ווען עס איז איהם צו דער האַנט געקומען אַ פערשריבענע פּאַרמעט האָט ער עס שנעל דורכגעלעזען...

יוסף איז געווען גליקליך וואָס פּוטיפר האָט איהם נישט געצוואונגען צו דינען די געטער פון מצרים... ער האָט געוואוסט אַז דאָס האָט ער צו פער־דאַנקען זיין האַרינטע זליכה. פּוטיפר האָט זיך שטאַרק איינגעעקשנ'ט און דורכאויס פון איהם פערלאַנגט צו געהן מיט איהם אין דעם טעמפּעל פון זייער הויפּט גאָט אַזירים... און ווען ער האָט איהם געזאָגט, אַז עס איז נעגען די געזעצען פון זיין רעליגיאָן צו געהן בעזוכען טעמפּלען פון אַנדערע געטער, האָט פּוטיפר פון דעם נישט געוואָלט הערען.

— אַ קנעכט דאַרף טהאָן אַלעס וואָס זיין האַר הייסט איהם! — האָט ער דאַן אויף איהם אַ געשריי געטהאָן — און אַ קנעכט מוז דינען צו די

געטער פֿון זיין האַר... אָבער זליכה האָט זיך דאַן אַריינגעמישט און איהם געבעטען ער זאָל איהם לאָזען דערוויילע דינען זיין גאָט, ביז וואַנען ער וועט קומען צום שכל... יע, זליכה איז זעהר אַ ווּאוילע פֿרוי... ער האָט פֿיעלע אורזאַכען פֿאַרוואָס איהר דאַנקבאַר צו זיין... דורך איהר האָט ער שוין פֿיעלע טובות געקראָגען... אָבען איין זאַך מאַכט איהם זעהר אונאַנגענעהם אין איהר אַנוועזענהייט... איהרע דורכדרינגענדע בליקען... יעדעם מאָל ווען עס קומט איהם אויס איהר צו בעדינען... קוקט זי אויף איהם מיט אַזעלכע מאָדנע אויגען... איבערהויפּט פֿיהלט ער איהרע בליקען, ווען עס קומט איהם אויס צו דערצעהלען מעשיות.. ביידע, פּוטיפֿר און זליכה האָבען זעהר ליעב זיך צו צוהערען צו זיינע מעשיות... און איינמאָל אַ וואָך רופֿען זיי איהם אַריין צו זיך, און ער דערצעהלט זיי געשיכטעס פֿון אַמאָל...

שטאַרק געליטען האָט יוסף די ערשטע פּאָר מאָנאַטען פֿון דעם הויפּט קנעכט תדמור... ער האָט אין איהם געזעהן אַ פֿעהיגען יונגען קנעכט, וואָס שטייגט פֿון טאָג צו טאָג... און אין האַרצען האָט ער אויף איהם גענומען קוקען מיט פֿערדעכטיגטע אויגען... ער האָט מורא געהאַט, אַז פּוטיפֿר זאָל מיט דער צייט איהם נישט מאַכען פֿאַר דעם הויפּט קנעכט, ער האָט דעריבער געזעהן איינצוטיילען יוסף׳ן די שווערסטע אַרבייט, און האָט איהם בעשטימט מיט די נידריגסטע קנעכט...

יוסף האָט געזעהן ווי אומגערעכט תדמור בעהאַנדעלט איהם אָבער ער האָט געדולדעט... ער האָט געוואוסט אַלס אַ נייער קנעכט, מוז ער אויספֿאָלגען דעם, צו וועמען אין רשות זיין האַר האָט איהם איבערגעגעבען... ער האָט זיך אויף איהם פֿאַר קיינעם נישט בעקלאָגט... ער איז צו יעדען פֿריינדליך געוועזען... שטיל און בעשיידען האָט ער אַלעם געטהאָן... ער האָט נישט געזוכט קיין דערהויבונג און קיין לויב פֿון זיין האַר... ער איז געוועזען צופֿרידען, ווען נאָך זיין טאָג אַרבייט, האָט ער געקענט אַרויס אַ ווײַלע אין דרויסען און קוקען אויפֿ׳ן בלויען הימעל און אויף דער פּראַכטפֿאָלער לבנה וואָס איז אַרומגערינגעלט מיט אַזוי פֿיעל שעהנע פֿינקעלדיגע שטערען... אַזוי אומגעשטערט האָט יוסף ליעב געהאַט צו זיצען ביז האַלבע נאַכט און טרוימען פֿון זיינע גליקליכע יאָהרען פֿון אַמאָל אין כנען... דאַן האָט ער געטראַכט פֿון זיין ליעבען און האַרציגען פֿאָטער... ער האָט געקענט זעהן זיין פּנים און הערען זיין ווייכע אַנגענעהמע שטימע... יע, די זעלבע לבנה שיינט יעצט אויך אין חברון... און ווער ווייס אויב נישט אין דער זעלבער רגע שטעהט דאָרט זיין פֿאָטער און קוקט אויף דער לבנה טראַכטענדיג פֿון איהם... זיין האַרץ געהט אויס פֿון בענקניש צו זיין פֿאָטער, צו זיין שוועסטער דינה׳ן און בנימין... און די ברידער?... ער בענקט אויך נאָך זיי... כאָטש זיי האָבען איהם פֿערקויפֿט פֿאַר אַ שקלאַף... פֿונדעסטוועגען וואָלט ער זיי וועלען זעהן.. ער וואָלט זיי אַלעם מוחל געוועזען, ווען ער וואָלט זיי יעצט דערזעהן... אָבער ער ווייס אַז ער האָט נישט וואָס צו האָפֿען אויף דעם... דאַן דערמאָהנט ער זיך זיינע שעהנע חלומות וואָס איהם האָט זיך געחלום׳ט איידער די ברידער האָבען איהם פֿערקויפֿט... אַ, ווי שטאַרק אין כעס און אויפֿגערעגט זיינע ברידער זיינען געוועזען ווען ער האָט פֿאַר זיי זיינע חלומות דערצעהלט...

„דו ווילסט הערשען איבער אונז?", „דו ווילסט ווערען אונזער קעניג"? — האָבען זיי דאַן אויסגעשריען צו איהם... אָבער זיין פאָטער האָט גאַנץ שטאַרק געהאַלטען פון זיינע חלומות... „מיין האַרץ זאָגט מיר — האָט דער פאָטער זיך דאַן אָפּגערופען — אז דיינע חלומות וועלען מקוים ווערען...

טרעהרען פילען אָן זיינע אויגען ווען ער דערמאָהנט זיך וועגען דעם... זיינע חלומות זיינען מקוים געוואָרען, אָבער פערקערט... אנשטאָט צו זיין אַ הערשער, איז ער אַ קנעכט, אַן עביגער שקלאַף, וועלכער האָט נישט קיין אויסזיכט ווען עס איז בעפרייט צו ווערען... אָבער געלויבט איז גאָט, עס האָט נאָך געקענט ערגער זיין, — ווען ער פאַלט אריין אַלס קנעכט צו שלעכטע מענשען!... זיינע יעצטיגע האַרען אמווייניגסטען זיינען גנעדיג צו איהם... און איין מאָל האָט איהם זליכה געזאָגט אז גאָר אין גיכען, אויב זיי וועלען זיין צופרידען פון איהם, וועט ער ווערען איינער פון די הויפט קנעכט... ווען דאָס זאָל געשעהן, וואָלט עס פאַר איהם אַ גרויסע טובה געווען, די איבעריגע קנעכט וואָלטען פאַר איהם אביסעל מעהר דרך ארץ געהאַט, זיי וואָלטען אויפגעהערט זיך צו רייצען מיט איהם, און געוויס וואָלטען זיי שוין מעהר ניט געוואגט איהם צו שלאָגען... דאַן וואָלט ער אויך געזעהן נקמה אין תדמור'ן, וועלכער בעהאַנדעלט איהם אַזוי שלעכט... אָבער ווער ווייס אויב ער וועט זיך נאָך אַמאָל דערדינען צו ווערען דער הויפט קנעכט... געוויס וועלען נאָך פיעלע יאָהרען פערלויפען איידער ער וועט ווערען אַ הויפט קנעכט...

איינמאָל ווען יוסף איז געזעסען בעפאָר פוטיפר און זליכה'ן און זיי זיינע מעשיות דערצעהלט, האָט איהם פּלוצלונג זליכה אונטערבראָכען:

— ווי איך זעה, יוסף, ביזטו זעהר געלערענט, דו קענסט פיעלע שפּראַכען. איך וואָלט וועלען אז מיין טאָכטער זאָל קענען אויך די שפּראַך פון די כנענים און אויך די שפּראַך פון די עברים... ווי דענקסטו פוטיפר, וואָלט עס געווען אַ שלעכטער פּלאַן, ווען יוסף וואָלט געלערענט מיט אונזער אסנתן... יוסף ווייס דאָך אזוי פיעל זאַכען... און דער אַלטער פריעסטער וועלכער קומט לערנען מיט אסנת'ן ווייס גאָרנישט אַ חוץ תפלות צו די געטער?... און דאָס קען זי שוין באַלד אויסוויינינג.

— אָבער מיין ליעבע זליכה! — האָט פוטיפר זיך אָפּגערופען — ווי אַזוי וועלען מיר קענען דערלאָזען אז אַ קנעכט פון אַ נידעריגען ראַנק זאָל לערנען אונזער טאָכטער...

— דעריבער איז מיין עצה טאַקע אז דו זאָלסט יוסף'ן ערהויבען — האָט זי איהם געזאָגט — מיר דוכט זיך אז יוסף האָט עס גאַנץ גוט פאַרדינט. איך האָב בעמערקט אז ער פאַלשעוועט נישט אין זיין ארבייט און צו וואָס ער זאָל זיך נישט נעהמען, איז ער ערפאָלגרייך...

—דאָס ווייס איך שוין פון לאַנג! — האָט פוטיפר צוגעגעבען און איך האָב שוין אליין נישט איינמאָל געטראַכט וועגען דעם... אָבער איידער איך געה יוסף'ן מאַכען פאַר מיין הויפט קנעכט, ווען איך וועל קענען אַנפערטרויען בייַן גאַנצע הויז, מוז ער פריהער אָנפאַנגען צו דינען די געטער

פון מצרים... הא! וואָס זאָגסטו יוסף? יעצט האָסטו אַ גוטע געלעגענהייט צו ווערען דער הויפּט פון אַלע מיינע קנעכט, אויב דו וועסט נאָר אויפגעבען דיין נאַרישע עקשנות און פערלאָזען דעם גאָט פון די עברים, און אָנפאַנגען צו דינען די געטער פון מצרים...

דיזע ווערטער פון פּוטיפר האָבען יוסף׳ן געשטאָכען ווי מיט נאָדלען... ווייס ער דען נישט אַז ער וועט עס ניט טהאָן? און אפילו ווען ער זאָל איהם פערשפּרעכען אין גאַנצען צו בעפרייען, וועט ער דען טהאָן אַזאַ זאַך?...

— דו ווילסט אַביסעל צייט צו בעטראַכטען וועגען דעם — האָט פּוטיפר ווייטער געזאָגט — איך וויל דיר נישט צווינגען דו זאָלסט עס באַלד טהאָן... דענק זיך איבער וועגען דעם... בעטראַכט וואָס דאָס וועט מיינען פאַר דיר, צו ווערען מיין הויפּט קנעכט... אַלע וועלען זיך דאַרפען צו דיר צוהערען. זיי וועלען דיר דאַרפען פאָלגען, און שפּעטער צו קען נאָך זיין אַז איך וואָלט דיר אין גאַנצען אַוועקגעשענקט צו אונזער מעכטיגען אזירים, דו זאָלסט איהם בעדינען... זאָג מיר, יוסף וויפיעל צייט ווילסטו נעמען זיך וועגען דעם אַריינצוטראַכטען...

מיין האַר! — האָט יוסף אויסגערופען — מיין בעשלוס האָב איך שוין לאַנג געזאָגט... קיין מאַכט אין דער וועלט וועט מיר נישט קענען מאַכען פערלאָזען מיין גאָט... נישט די דראָהונג פון טויט, און אויך נישט די הבטחות פון גרעסטען גליק! איך וואָלט בעסער געוואָלט שטאַרבען איידער צו דינען צו פרעמדע געטער!

— און איך האָב געמיינט אַז ווען דו וועסט פערברייגען אַ לענגערע צייט אין מיין הויז וועסטו קומען צום שכל, דו וועסט זיך אַרומזעהן אַז די געטער פון מצרים, זיינען די איינציגע וועלכע קענען ברייגען גליק צו דעם מענשען... אָבער לויט ווי איך זעה ביזטו נאָך יעצט אַזוי איינגעשפּאַרט ווי אין די ערשטע טעג פון דיין אָנקומען אין מיין הויז...

— פּוטיפר! — האָט זליכה זיך אָפּגערופען מיט עטוואָס בייזקייט אין איהר שטימע — מיר האָבען דאָך בעשלאָסען איהם צו רוה לאָזען וועגען דינען די געטער פון מצרים. זעהסטו דען נישט אַז זיין אמונה אין דעם גאָט פון די עברים איז צו שטאַרק אַז דו זאָלסט עס קענען אויסוואָרצלען אַזוי שנעל... און אַ חוץ דעם גלויב איך אַז עס וועט קיינמאָל נישט שאַדען ווען אימיצער אין אונזער הויז זאָל דינען צו נאָך אַ גאָט... ווי איך זעה, איז זינט יוסף איז אָנגעקומען צו אונז, געפינט זיך די ברכה פון די געטער אין אַלע ווינקעלעך... מעגליך אַז דאָס וואָס די געטער פון מצרים פערגעסען צו טהאָן פאַר אונז, טוט עס דער גאָט פון יוסף׳ן. איך מוז צוגעבען אַז איך בין גאַנץ צופרידען מיט יוסף׳ס אַרבייט... איידער יוסף איז געקומען האָט זיך אונזער הויז געפיהרט אָהן אַ סדר... גרויס אומאָרדנונג האָט געהערשט אין יעדען ווינקעל. און יעצט האָט גאָר אונזער הויז אַן אַנדער אויסזעהן...

— דו געה אַ ווייל אַרויס! — האָט פּוטיפר בעפוילען יוסף׳ן און ווען איך וועל דיר דאַרפען, וועל איך דיר צוריקרופען.

יוסף האָט זיך אויפגעהויבען און מיט אַ קלאַפּענדע האַרץ האָט ער פערלאָזען זייער צימער... עפּעס האָט איהם דאָס האַרץ געזאָגט אַז פּוטיפר

איז ווייכער געוואָרען און עס איז נאָך מעגליך אַז ער וועט איהם דערהויבען צו אַ העכערען ראנק... און אויב דאָס זאָל געשעהן וועט ער האָבען צו פער־דאַנקען זיין גנעדיגע האַרינטע, זליכה... זי איז דאָך אַזוי גוט צו איהם... זי וויל אַז ער זאָל לערנען מיט איהר טאָכטער... דאָס אַליין וואָלט שוין פאַר איהם געווען אַ גרויס געווינס... זאָלען די איבעריגע קנעכט זעהן אַז איהם טוט מען אָן אַזאַ כבוד פיליכט וועלען זיי איהם אויפהערען צו פייניגען... און תדמור, אפשר וועט ער אויך האָבען מיט אים אַביסעל איינזעהעניש און איהם נישט צווינגען צו טהאָן די שווערסטע אַרבייט... אָבער אויסער דעם אַלעס געהט דורך זיין קערפּער אַ זעהר אנגענעהמער־געפיהל, ווען ער דערמאָהנט זיך אַז ער וועט נאָך מעגליך זיין דער לעהרער פון פּוטיפר'ס טאָכטער, אסנת... זינט ער געפינט זיך דאָ, האָט ער איהר בלויז צוויי מאָל געזעהן און דאָס איז געווען פון וויטען... איינמאָל, ווען זי האָט מיט איהרע עלטערען זיך אַריינגעזעצט אין אַ קאַרעטע און אַוועקגעפאָהרען צום טייך נילוס... דאַן זיינען אַלע קנעכט ערלויבט געוואָרען אַרויסצוגעהן און ווינשען פּוטיפר'ן גליק און ברכה... ער האָט אויך דאַן פערלאָזען זיין אַרבייט אויף אַ קליינע ווייל'ע... און ער האָט צום ערשטען מאָל דאַן געזעהן אסנת... זי איז געווען אַזוי רייצענד שעהן... גאָר נישט ווי אַ מצרית... אַ צווייטען מאָל האָט ער איהר בעמערקט, ווען זי האָט אָנגעקליבען בלומען פון גאָרטען... ער האָט דאַן געאַרבייט אַרום דעם צוים פון גאָרטען און ער האָט איהר דערזעהן... דעם צווייטען מאָל האָט ער בעסער געקענט איהר פּנים זעהן און איהם האָט זיך געוואונדערט ווי אַזוי קומט אַזאַ טאָכטער צו פּוטיפר'ן... ער ווייס אַז זליכה, איהר מוטער איז נישט קיין מצרית, אָבער אסנת האָט דאָך קיין עהנליכקייט נישט אפילו צו זליכה'ן...און ווי שטאַרק זיין חשק איז געווען צו ווערען דער לעהרער פון אסנת'ן, די שעהנע שטאָלצע טאָכטער פון פּוטיפר'ן. ער וואָלט איהר נישט נאָר געלערענט די שפּראַך פון די כנענים, אָבער אויך זיין אייגענע שפּראַך, די שפּראַך פון די עברים און דאַן וואָלט ער מיט איהר געקענט ריידען וועגען פיעלע זאַכען און קיינער וואָלט זיי נישט פערשטאַנען...

ווען יוסף איז אַרויסגעגאַנגען, האָט זיך פּוטיפר אָפּגערופען צו זליכה'ן:

דו ווייסט, מיין טייערע פרוי, אַז די געטער האָבען מיר צוגעשיקט אַ קנעכט אין יוסף'ן מיט וועמען מיר קענען זיכער שטאָלצירען. איך האָב שוין לאַנג געטראַכט איהם צו דערהויבען צו דעם ראנק פון דעם הויפּט קנעכט... אָבער איך האָב געהאָפט, אַז דורך דעם וועל איך איהם בעוועגען צו ענדערען זיין מיינונג וועגען אונזערע געטער... און דעריבער איידער איך האָב איהם געזאָלט בעשטימען פאַר דעם הויפּט, האָב איך געהאָפט אַז דער־פאַר וועט ער זיך צו מיר צוהערען און אָנפאַנגען דינען אונזערע געטער, אָבער דו מיין ליעבענקע, האָסט זיך אַריינגעמישט און אין גאַנצען קאַליע געמאַכט... דו האָסט איהם ערמוטיגט און יעצט האָב איך מורא אַז ער וועט שוין אַזוי בלייבען איינגע„עקשנ'ט די גאַנצע צייט.

— אָבער איך קען דיר נישט פערשטעהן, פּוטיפר, וואָס פאַר אַן אונטער־שיעד איז עס צו דיר אויב יוסף דינט צו די געטער פון מצרים אָדער צו זיין

אייגען גאט... מיר זיינען זעהר צופרידען פון זיין ארבייט... ער פערשאפט אונז גרויס פערגעניגען מיט זיינע וואונדערליכע געשיכטעס וואָס ער דער־צעהלט אונז.. און מיר זיינען שוין יעצט איבערצייגט אז אין גאנץ מצרים איז נישטאָ אזא געלערנטער קנעכט ווי יוסף איז... וועמען ארט עס אויב ער געהט נישט בעזוכען דעם טעמפעל פון אזירים...

—אָבער דו ווייסט דאָך, זליכה ווי גליקליך איך וואָלט זיך געפיהלט ווען ער וואָלט מיט מיר מיטגעגאנגען צו דעם טעמפעל... פערגעס נישט אז איך בין געווען א פריעסטער און ווען איך וואָלט דאָרט אמאָל געקומען אויף א בעזוך מיט יוסף'ן ווי שטאָלץ איך וואָלט דאן געקענט זיין. אלע וואָלטען דאן געזעהן וואָס פאר א וואונדער־בארען קנעכט מיר פערמאָגען... אָבער יעצט אז יוסף וויל גאָר זיך נישט צוהערען צו מיר און טראַכט גאָר אפילו נישט ווי צופרידענצושטעלען אונזערע געטער, ווי אזוי וועל איך זיך דען שוין מיט איהם קענען בעריהמען...

— וועלען מיר קענען צייגען אונזערע פיעלע פריינד, וועלכע קומען אונז צו בעזוכען אין הויז — האָט זליכה געזאָגט — אז מיר בעזיצען אזא ווירדי־גען קנעכט.. אָבער דו דארפסט איין מאָל פאר אלע מאָל ביי זיך בעשליסען אז יוסף'ן וועסטו בשום אופן נישט קענען בעקעהרען צו די געטער פון מצרים. דו דארפסט עס אין גאנצען איבערלאָזען צו דעם גאט אזירים.. פיליכט וועט איהם אמאָל געלונגען אריינצוגעבען א געדאנק צו יוסף'ן ער זאָל צו איהם דינען... און אויב אזירים וועט עס נישט בעווייזען דאן וועסטו עס זיכער נישט בעווייזען... יעצט, מיין ליעבער פוטיפר גלויב איך אז עס איז געקומען די צייט ווען אונזער טאָכטער אסנת, נויטיגט זיך אין א בעסערען לעהרער... און צווישען אלע אלטע און פערשימעלטע פריעסטער פון מצרים איז קיין איינציגער נישטאָ וועלכער זאָל זיין פעהיג מיט אסנת'ן צו לערנען...

— זליכה! —האָט פוטיפר אויסגערופען — דו פערשוועכסט דאָך דעם נאָמען פון אונזערע געטער ווען דו רעדסט אזעלכע בעליידיגענדע ווערטער וועגען זייערע פריעסטער... ווייסטו דען נישט אז דורך דער פער־מיטלונג פון די פריעסטער, קריגען מיר אונזער לעבען און געזונד פון די געטער?

— איך ווייס, מיין ליעבער מאַן — האָט זליכה איהם ארומגענומען. איך האָב נישט געמיינט זיי צו בעליידיגען... אָבער וואָס זאָל איך טהאָן אז אלע פריעסטער פון די טעמפלען זיינען פאָרט אלט און דערצו אומוויסענד... ווען דו וואָלסט יעצט געווען א פריעסטער וואָלט איך אזא מיינונג פון זיי געוויס נישט געהאט.. און אויב איך בין געשטרויכעלט געוואָרען מיט מיין צונג, בעט איך דיר דו זאָלסט מיר מוחל זיין.

— איך בין דיר געוויס מוחל! — האָט פוטיפר א קוש געטהאָן איהר האנט, זאָלען דיר נאָר די געטער מוחל זיין...

— די געטער ווייסען גאנץ גוט אז אלע פריעסטער פון אונזער שטאָדט צוען, זיינען אלטע און פערשימעלטע און זיי וועלען אויף מיר נישט זיין אין כעס ווען איך האָב געזאָגט דעם אמת — האָט זליכה געלאַכט. פוטיפר האָט

נישט ווילענדיג אויך געלאַכט מיט זיין פרוי... אָבער אין האַרצען האָט איהם שטאַרק פערדראָסען פאַרוואָס זליכה זאָל האָבען אַזאַ מיינונג וועגען די פּריעסטער.

— איך וויים, אַז נישט אַלע פּריעסטער זיינען אַזוי קלוג און געבילדעט ווי אונזערע חרטומים — האָט פּוטיפר זיך אָפּגערופען, —אָבער דאָך גלויב איך, אַז אין דער לעהרע פון די געטער זיינען זיי גוט באַהאַוועגט... און זייערע תפלות ווערען גלייך אָנגענומען... און ווען נישט זיי וואָלט דער טייך נילוס קיינמאָל נישט אָנגעטרונקען און בעפרוכטפּערט אונזער לאַנד... און אונזער קעניג וואָלט נישט אָפּגעהאַלטען קיין זיעג איבער זיינע שונאים.

— דאָס גיב איך צו, אַז זיי ווייסען ווי מתפלל צו זיין צו די געטער. אָבער דאָס איז אַלעס, וואָס זיי ווייסען... און קענען זיי דען לערנען אונזער טאָכטער עפּעס אַנדערש? ניין, דאָס ווייסען זיי נישט און קענען נישט. — האָט זליכה געענטפערט. — דעריבער וואָלט איך טאַקע פערלאַנגט, אַז יוסף זאָל ווערען איהר לעהרער.

איז עס אָבער ראַטהזאַם, אַז אסנת זאָל האָבען אַ לעהרער איינעם, וועלכער איז פון אַ צווייטער רעליגיע? — האָט פּוטיפר געזאָגט. — וואָס וועסטו טהאָן, אַז ער וועט מאַכען אַ פאַרזוך איהר צו לערנען וועגען זיין גאָט, און דערנאָך וועט זי, מעגליך, אויך נישט וועהען געהן באַזוכען די טעמפּלען פון די געטער פון מצרים?

— איך וועל האַלטען מיין אויג אויף יוסף׳ן, ווען ער וועט אסנת׳ן לערנען און איך וועל נישט דערלאָזען, אַז ער זאָל מיט איהר רעדען וועגען זיין גאָט, — האָט זליכה געזאָגט.

— אויב אַזוי וועל איך איהם שוין דאַרפען דערהויבען... איך וועל איהם מאַכען פאַר דעם הויפּט קנעכט, ער האָט עס זיכער פערדיענט. איך האָב נאָכגעפאָלגט אַלעס, וואָס ער טהוט, און איך האָב באַמערקט, אַז ער איז ערפאָלגרייך אין אַלעס. מיין גאַנצע הויז איז געבענשט געוואָרען פון זיינעטוועגען.

פּוטיפר האָט אַריינגערופען יוסף׳ן אין צימער און האָט זיך צו איהם אָפּגערופען:

— איך וויים ווי געטריי דו ביסט מיר, און אויך דיין געשיקטקייט און קלוגשאַפט איז נישט פאַרבאָרגען פון מיר. איך האָב דעריבער באַשלאָסען צו מאַכען דיך פאַר דעם הויפּט קנעכט. פון היינט אָן וועט מיין גאַנצע הויז געפיהרט ווערען דורך דיר און אַלע מיינע קנעכט וועלען זיך דאַרפען צו־הערען צו דיר.

— און איך האָב דיר באַשטימט צו זיין דער לעהרער פון אונזער טאָכטער, — האָט זליכה זיך צו איהם אָפּגערופען. — איך וויים, אַז דו ביסט געלערענט און קלוג. אָן וועסט ווייסען ווי אַזוי צו לערנען מיט איהר.

יוסף איז געשטאַנען באַוועגלאָז אויף זיין פּלאַץ. די איבערראַשונג איז צו איהם געוועז זעהר גרויס. אויף אַזאַ גליק האָט ער זיך גאָרניט געריכט... ער איז שוין געווען זיכער, אַז פּוטיפר איז אויף איהם אין כעס פאַר דעם, וואָס ער וויל ניט נאָכגעבען וועגען די געטער פון מצרים. און יעצט מאַכט

ער איהם פלוצלונג פאר דעם הויפט איבער אלע קנעכט... וואס וועט תדמור זאגען, ווען ער וועט אויסגעפינען, אז יעצט וועט ער פארנעהמען זיין פלאץ? און די איבעריגע קנעכט, וועלכע האבען איהם געדריקט און געפייניגט?

ביסטו דען נישט צופרידען מיט דעם נייעם אמט, וואס איך האב דיר יעצט געגעבען? — האט פוטיפר געפרעגט, ווען ער האט געזעהן, אז יוסף שווייגט.

— מיין הער! — האט זיך יוסף פארנייגט — איך ווייס נישט פארוואס איך האב געפונען חן אין דיינע אויגען.

פוטיפר האט ארויסגענומען א קייט מיט שליסלען און עס איבערגעגעבען צו יוסף'ן:

— פון היינט אן וועסטו הערשען איבער אלע מיינע קנעכט און אפילו תדמור וועט מוזען אויספאלגען דיינע באפעהלען. יעצט געה און שיק מיר אריין תדמור'ן, דו וועסט פון איהם דארפען איבערנעהמען אלע זיינע פליכטען.

יוסף'ס פנים האט געשטראהלט פון גליק. היינט וועט נעהמען א סוף צו זיינע ליידען, וואס ער האט אומזיסט געליטען פון תדמור'ן און פון די איבעריגע קנעכט.

ער איז גלייך ארויסגעגאנגען פון פוטיפר'ס צימער און זיך געלאזט געהן צו תדמור'ן. ווען ער איז נאהענט צוגעקומען צו דעם פלאץ, וואו תדמור איז געווען, האט ער פלוצלינג רחמנות געקראגען אויף איהם. דאס הארץ האט איהם נישט געלאזען ברייגנען אזא שרעקליכע בשורה צו איהם. ענדליך איז ער אריין צו איהם.

— וועלכער רוח האט דיך יעצט אהער געבראכט? — האט תדמור אויסגערופען און זיך פארמאסטען מיט זיין פויסט צו יוסף'ן. — דו נידערי־גער קנעכט! ווי אזוי וואגסטו צו שטערען מיין רוה צו דיעזער צייט?!

— מיין הער וועט מיר ענטשולדיגען! — האט יוסף זיך צו איהם אפגערופען. — איך האב אבער....

— אה, איך פארשטעה! — האט איהם תדמור נישט געלאזט ענדיגען.

— דו ביסט ווידער מסתמא געקומען בעטען, איך זאל פארגרינגערען דיין ארבייט... אבער ניין! איך זעה, אז דו ביסט א פוילענצער און דו זוכסט זיך ארויסצודרעהען פון דיינע פליכטען!

א שמייכעל האט זיך באוויזען אויף יוסף'ס פנים און ער האט אויס־גערופען:

— דו האסט דאך מיר אבער נישט געלאזען ענדיגען מיינע רייד, מיין הער!

— פאר דיין חוצפה וועסטו טייער באצאהלען! — האט תדמור א קריץ געטהאן מיט די צייהנער. — דערפאר וועסטו מארגען ביי מיר טהאן די שווערסטע ארבייט...

— מיין הער פוטיפר האט מיר געבעטען איך זאל דיך צו איהם אריינשיקען.

דאס בלוט האט תדמור'ן א זעץ געטהאן אין פנים, ווען ער האט דער־

הערט דיזע ווערטער פון יוסף׳ן. וואָס זאָל עס בעדייטען? פאַרוואָס זאָל ער שיקען איהם רופען דורך דיזען פאַרהאַסטען קנעכט?

— דו ביסט אודאי געגאַנגען און זיך פאַר אונזער האר בעקלאָגט, אַז איך באַהאַנדעל דיך נישט אַזוי גוט?..

— אָ, ניין, מיין האר! יוסף קלאָגט זיך אויף קיינעם נישט... איך ערוואַרט גאַרנישט קיין בעסערע באַהאַנדלונגען פון אימיצען.

— אויב אַזוי, טאָ צוליעב וואָס שיקט מיר פּוטיפר יעצט רופען?

— האָט תדמור איהם אָנגעקוקט מיט פאַרשענדרע אויגען.

— דאָס וועסטו אויסגעפינען פון אונזער האר זעלבסט. — האָט יוסף איהם געענטפערט.

תדמור האָט צערעכט געמאַכט זיינע בגדים און זיך געווענדעט צו יוסף׳ן:

— דו קענסט שוין געהן, קנעכט, איך וועל באַלד אַהין צוקומען.

— וועל איך אויך מיטגעהן, — האָט יוסף געזאָגט. — אונזער האר פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל זיך אויך אומקעהרען צו איהם...

תדמור איז געבליבען שטעהן אין גרויס פאַרצווייפלונג. ער האָט נישט געקענט באַגרייפען וואָס דאָס מיינט. און ער האָט ביי זיך באַשלאָסען, אויב פּוטיפר׳ס יעצטיגע איינלאַדונג איז ניט פון גרויס וויכטיגקייט, וועט ער זיך גוט נוקם זיין אָן יוסף׳ן פאַר די אומזיסטע שרעק, וואָס ער האָט איהם פאַראורזאַכט.

— קום, קנעכט! — האָט ער יוסף׳ן אַ שלעפּ געטהאָן פאַר דער האַנט. יוסף איז איהם נאָכגעגאַנגען און ביידע זיינען אריין צו פּוטיפר׳ן.

— מיין האר האָט מיך געשיקט רופען? — האָט זיך תדמור פאַרנייגט פאַר איהם.

— יאָ, תדמור! — האָט פּוטיפר זיך אָפּגערופען. — זאָג מיר ווי אַזוי געפינסטו יוסף׳ס ארבייט? איז ער מיר געטריי און איבערגעגעבען?

יעצט איז געקומען די צייט זיך נוקם צו זיין אָן יוסף׳ן, האָט תדמור ביי זיך אַ טראַכט געטהאָן. ער וועט באַלד צייגען דעם קנעכט זיין פּלאַץ.

— זאָלען די ברכות פון די געטער פון מצרים קומען אויף מיין האר און מיין הארינטע! — האָט תדמור אויסגערופען און זיך ווידער פאַרנייגט. אָבער איך מוז צוגעבען, אַז איך שטעה אוים פיעל צרות פון דיזען קנעכט פון כנען... ער איז זעהר פויל און וואָס פאַר אַן ארבייט איך הייס איהם טהאָן, זוכט ער זיך ארויסצודרעהען. און דערצו האָט ער צופיעל צו טהאָן מיט די דינסטען.. ער זוכט זייער געזעלשאַפט און דאַמיט שטערט ער אויך זייער ארבייט.

— דו זאָגסט ליגען! — האָט זליכה אויסגעשריען. — איך האָב אויסגעפרעגט אַלע מיינע דינסטען און זיי האָבען מיר דערצעהלט, אַז יוסף האַלט זיך זעהר ווייט פון די דינסטען. זיי האָבען אויך צוגעגעבען, אַז זינט יוסף געפינט זיך אין דעם זעלבען הויז, האָט ער נאָך מיט קיינער פון זיי קיין וואָרט נישט אויסגערעדט.

— אה, זאָל מיר מיין הארינטע ענטשולדיגען! — האָט תדמור אָנגע־

הויבען צו ציטערען. — פיליכט מאַך איך אַ טעות... אָבער אַזוי האָט מיר איינע פון די דינסטען דערצעהלט.

— וועלכע דינסט? — האָט זליכה אַ געשריי געטהאָן אויף איהם.

— איך, ע... איך ווייס נישט! איך מיין, איך געדענק נישט גענוי!

— האָט ער גענומען שטאַמלען.

— וואָס הייסט דו ווייסט נישט? אויב איינע פון די דינסטען איז צו דיר געקומען און דיר דערצעהלט אַזעלכע זאַכען וועגען אויסף'ן, וועסטו נישט געדענקען ווער דאָס איז געווען? אויב דו וועסט מיר גלייך נישט זאָגען ווער עס איז געווען די דינסט, וועלכע האָט דיך אַזעלכע זאַכען דער־צעהלט, וועט דיין שטראָף זעהר גרויס זיין!

— תדמור איז געשטאַנען אַ צעטומעלטער און דערשראָקענער. יעצט האָט איהם שוין פאַרדראָסען פאַרוואָס ער האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך צו ערנידעריגען יוסף'ן אין די אויגען פון זליכה'ן. ער האָט געדאַרפט וויסען, אַז זיין האַרינטע האַלט זעהר פיעל פון דעם יונגען שעהנעם קנעכט... אָבער יעצט איז דאָך שוין פאַרפאַלען. ער וועט מוזען אָנרופען דעם נאָמען פון דער דינסט, וועלכע זאָל איהם האָבען דערצעהלט וועגען יוסף'ן... ער וועט זאָגען, אַז די רויטהאָריגע דינסט, וועלכע קומט פון אדום, האָט איהם דער־צעהלט... זי וועט געוויס באַשטעטיגען זיינע ווערטער, ער האָט איהר שוין פיעלע טובות געטהאָן און זי איז איהם געוויס דאַנקבאַר.

— נו, דו וועסט מיר אַלץ נישט זאָגען ווער יענע דינסט איז? — האָט זליכה אויסגערופען מיט מעהר כעס.

— אָה, יאָ, איך האָב זיך נאָר וואָס דערמאָנט! — האָט תדמור אויס־גערופען — די רויטהאָריגע דינסט פון אדום האָט מיר דערצעהלט, אַז יוסף זוכט צו באַלעסטיגען די דינסטען... מיין האַרינטע קען איהר פרעגען, זי וועט מיינע ווערטער באַשטעטיגען. זאָל איך איהר געהן אַריינרופען?

— דו בלייב דאָ! — האָט זליכה אויסגערופען. — מיין קאַמער מיידעל וועט איהר באַלד אַריינשיקען.

זליכה איז צוגעגאַנגען צום פאָרהאַנג עפּעס דאָרטען אַ ציה געטהאָן און באַלד איז אַריין איהר קאַמער מיידעל.

— געה זאָג דער אדומית, אַז איך וויל זי גלייך זעהען.

דאָס קאַמער מיידעל איז אַוועק און זיך באַלד צוריקגעקעהרט מיט דער רויטהאָריגער דינסט.

תדמור האָט זיינע אויגען נישט אַרונטערגענומען פון איהר. ער האָט געוואָלט זי זאָל אויף איהם בלויז איין קוק טהאָן, פיליכט וועט ער קענען אַ וואונק טהאָן און זי וועט פאַרשטעהן, וואָס זי האָט צו טהאָן. אָבער די דינסט האָט אפילו אין זיין ווינקעל נישט געקוקט.

— זאָג מיר, אדומית, — האָט זיך זליכה צו איהר געווענדעט. — איז עס ריכטיג, אַז אונזער נייער קנעכט יוסף באַלעסטיגט די דינסטען און שטערט זיי פון זייער אַרבייט?

— אָה, ניין, מיין האַרינטע! קיינער פון אונז האָט נאָך די עהרע

נישט געהאַט אַפילו אַ וואָרט אויסצורעדען מיט יוסף׳ן. ער קוקט גאָר נישט אַפילו אין אונזער ווינקעל.

— אויב אַזוי, פאַרוואָס האָסטו געזאָגט, אַז יוסף באַלעסטיגט די דינסטען און אַז ער שטערט זיי פון דער אַרבייט?

— אָה, יאָ... — תדמור גענומען שטאַמלען און אַ שווייס האָט זיין פנים באַדעקט.

— דו שווייג יעצט! — האָט פוטיפר אויף איהם אַ געשריי געטהאָן.

— וואַרט ביז וואַנען דיין הארינטע וועט דיר הייסען רעדען.

תדמור האָט אַרונטערגעלאָזען זיינע אויגען צום באָדען.

זליכה האָט ווידערהאָלט איהר פראַגע צו דער אדומית.

— אָבער, מיין הארינטע! — האָט די דינסט זיך אָפּגערופען. — איך האָב צו קיינעם וועגען דעם נישט גערעדט. און דער וועלכער האָט מיין הארינטע דערצעהלט, אַז איך האָב אַזוי גערעדט, וועגען יוסף׳ן איז אַ ליגנער!

—האָסטו דען נישט געזאָגט צו תדמור׳ן, אַז יוסף האָט צופיעל צו טהאָן מיט די דינסטען? — האָט איהר זליכה ווידער געפרעגט.

— ניין, איך האָב קיינמאָל צו איהם אַזעלכע ווערטער נישט גערעדט.

— האָט די אדומית געזאָגט מיט פעסטקייט.

— נו, וואָס זאָגסטו יעצט דערצו? — האָט זיך זליכה געווענדעט צו תדמור׳ן, וועלכער איז געשטאַנען און זיינע הענט און פיס האָבען געציטערט.

— דו האָסט... איך מיין, אַז מעגליך, אַז דו האָסט פאַרגעסען, אָבער דו האָסט מיר יאָ געזאָגט וועגען יוסף׳ן — האָט תדמור געפּלאָנטערט מיט דער צונג.

— וואָס איך האָב דיר יאָ אַמאָל געזאָגט וועגען יוסף׳ן איז געווען דאָס, אַז ווען דו באַזיצסט אַ העלפט פון יוסף׳ס איידעלקייט און פיינקייט, וואָלסטו אונז צורוה געלאָזען. אָט דאָס האָב איך דיר געזאָגט!

נו, וואָס זאָגסטו יעצט דערצו? האָט פוטיפר זיך אָפּגערופען צו תדמור׳ן און אָנגעקוואָלען פון זליכה׳ס קלוגשאַפט, ווי אַזוי זי האָט דער־נאָנגען דעם אמת!...

תדמור איז געבליבען שטעהן מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און נישט געענטפערט.

— פון יעצט אָן וועט יוסף ווערען דער הויפּט פון אַלע מיינע קנעכט!

— האָט פוטיפר אויסגערופען.

— דו וועסט איהם דאַרפען אָנצייגען אַלע זיינע פליכטען. און דו אַליין וועסט זיין מיט אַלע איבעריגע קנעכט צוגלייך.

די רוטהאָריגע אדומית איז געבליבען שטעהן פערוואונדערט. זי האָט בעת מעשה נישט געוואוסט אין וואָס פאַר אַ צרה זי וועט אריינברענגען תדמור׳ן... אָבער רעכט אויף איהם האָט זי זיך געטראַכט — פאַרוואָס האָט ער אין איהר נאָמען גערעדט שלעכטעס וועגען יוסף׳ן. יעצט וועט ער

פיהלען דעם טעם צו זיין אונטערטעניג צו יוסף'ן... כאָטש זי איז זיכער, אַז ער וועט איהם אַ סך בעסער בעהאַנדלען.

יוסף האָט זיך פערנייגט פאַר פּוטיפר'ן און איז אַרויסגעגאַנגען. נאָך איהם איז נאָכגעגאַנגען תדמור און האָט שטילערהייט געשאָלטען...

די אדומית האָט אויך געוואָלט אַרויסגעהן, אָבער זליכה האָט איהר צוריקגערופען און צו איהר געזאָגט:

— איך האָב יעצט אויסגעפונען, אַז דו ביסט עהרליך און דו האָסט קיין ליגען נישט געוואָלט זאָגען... דעריבער וועל איך דיר דערפאַר בעלוינען. דו וועסט ווערען מיין קאַמער מיידעל און דו וועסט פון היינט אָן נישט דאַרפען אַזוי שווער אַרבייטען.

די אדומית איז גאַנץ צופרידען געווען דערפון... פריהער ווען תדמור איז געווען דער הויפּט קנעכט, האָט זי זעהר פיעל געטראַכט וועגען איהם... און זי האָט זיך געפיהלט גאַנץ געשמייכעלט, ווען ער פלעגט איהר אומבאַמערקטערהייט אַ קוש טהאָן. יעצט אָבער, שטעהט זי העכער פון איהם... ער איז געוואָרען אַן איינפאַכער קנעכט. און יוסף, דער וואונדער־שעהנער יוסף, איז געוואָרען דער הויפּט קנעכט... און איהר האָט זליכה אויך דער־הויבען. יעצט וועט זי שוין קענען אַמאָל אַ חלום טהאָן וועגען דעם קנעכט פון כנען...

— איך דאַנק מיין הארינטע! — האָט זיך די אדומית פערנייגט — ווען זאָל איך אָנפאַנגען צו טהאָן מיינע נייע פליכטען?

— דו קענסט נאָך היינט צו מיר קומען.. איך נויטיג זיך יעצט אין אַ קאַמער מיידעל... דערווייליע קענסטו געהן.

די אדומית איז אַרויסגעגאַנגען און פּוטיפר האָט אַרומגענומען זליכה'ן און איהר בעדעקט מיט קושען.

— איך בין דער גליקליכסטער מאַן אין גאַנץ מצרים! — האָט ער איהר געזאָגט. — די געטער האָבען מיר בעלוינט פאַר מיינע פיעלע תפלות צו זיי. יעצט זעה איך, אַז נישט נאָר ביזטו די שעהנסטע פרוי פון אַלע פרויען נאָר אויך דו ביסט אויך די קלוגסטע פרוי... מיט דיין גרויס חכמה האָסטו אַרויסגעקראָגען די ריכטיגקייט פון דעם פאַלשען קנעכט, תדמור'ן... און מיט דיין גרויס פערשטאַנד האָסטו מעגליך געמאַכט, אַז אַזאַ טייערער קנעכט ווי יוסף זאָל אַריינפאַלען אין מיינע הענט...

— און דו האָסט זיך נאָך געקווינקעלט! — האָט זליכה איהם גענומען מאַכען פאָרווירפע. — דו האָסט געמיינט, אַז זיי פערלאַנגען צופיעל פאַר איהם...

—נו, פון וואַנעט האָב איך געזאָלט וויסען, אַז ער איז אַזאַ טייערער קנעכט! — האָט פּוטיפר געקוועטשט מיט די פּלייצעס...

— זעהסט דאָך אָבער, אַז איך האָב גלייך געקענט זעהן! — האָט זליכה געזאָגט מיט שטאָלץ... איך האָב אַ שאַרפע אויג...

— און דערצו ביסטו זעהר אַ קלוגע. — האָט פּוטיפר איהר אַ חנפה געטהאָן... אַ ווען די געטער וואָלטען מיר אויך געבענשט מיט קינדער, דאַן וואָלט שוין מיין גליק פערפולט געוואָרען...

— אָבער ביסטו דען נישט צופרידען מיט אסנת׳ן, אונזער טאָכטער. דו האָסט דאָך מיר פיעלע מאָל געזאָגט, אז אסנת איז ביי דיר פערעכענט ווי אן אייגענע טאָכטער!

— געוויס, טייערע זליכה... האָט פוטיפר אָנגענומען איהר האַנט און זי געקושט. — איז דען ביי דיר א ספק אויב איך האָב אסנת׳ן ליעב ווי אַן אייגענע טאָכטער... דו ווייסט דאָך, אז צוויי פערזאָנען זיינען פאראַן אין מצרים, וואָס קיין זאך וואָלט פאר מיר נישט צו שווער געווען פאר זיי צו טהאָן... און דאָס ביזטו און אסנת!...

— און פרעה?! — האָט זיך זליכה ווי מיט איהם א רייץ געטהאָן...

— נו, יאָ, פרעה... ער איז דאָך מיין האר... דער קעניג פון מצרים... ער איז דאָך אזוי מעכטיג ווי אזירים... וועגען דעם איז דאָך גאָר קיין רייד נישטאָ.

— און פון דעסטוועגען גלויב איך — האָט זליכה זיך אָפּגערופען מיט א שמייכעל, — אז ווען פרעה וואָלט צו דיר א זאָג געטהאָן, דאָס דו זאָלסט מיר אָפּטרעטען צו איהם... וואָסטו עס גלייך געטהאָן... דו וואָלסט אפילו קיין קרים זיך נישט געגען... און דו ווילסט מיר נאָך איינריידען, אז דו ליעבסט מיר מעהר ווי אלעס אין דער וועלט...

— אָבער זליכה, טייערע, וואָס רעדסטו? ווי אזוי איז דאָס גאָר מעגליך אזא זאך?... פרעה וועט דאָך דיר פון מיר קיין מאָל נים פערלאַנגען! — האָט פוטיפר גענומען שטאַמלען...

— נו, וואָס פערשטעהסטו נישט איך האָב בלויז שפּאַס געמאַכט. — האָט זליכה געלאַכט און ארויסגעצייגט איהרע ווייסע צייהן, — איך האָב דיר געוואָלט צייגען, אז איך און אסנת זיינען נישט די איינציגע פאר וועמען דו וואָלסט אלעס געטהאָן... אָבער ביי מיר ביזטו דער איינציגער אין גאַנץ מצרים... איך וואָלט אפילו געקעמפּט געגען קעניג אויב ער וואָלט געמאַכט א פערזוך מיר פאַנאַנדערצושיידען געגען דיר...

פוטיפר האָט ארויפגעלייגט זיין האַנט אויף איהר מויל: — אָ זליכה, זיי פאָרזיכטיג! די געטער הערען דאָך אלעס וואָס דו רעדסט... אָ ווען פרעה וואָלט זיך דערוואוסט וואָס דו רעדסט!.. ער וואָלט דאָך דיר...

— די געטער וועלען שוין זעהען, אז פרעה זאָל זיך דערפון נישט דערוויסען — האָט זיך זליכה הילכיג פאַנאַנדערגעלאַכט. — און דו זאָלסט טאַקע נישט פערגעסען ווען דו וועסט היינט אין אָוונט געהן צו דעם טעמפּעל, מתפלל צו זיין צו אזירים, אז ער זאָל נישט ענטדעקען דיזען סוד צו פרעה׳ן...

פוטיפר האָט הארציג מיטגעלאַכט. ער האָט זעהר ליעב געהאַט צו זעהן זיין פרוי פרעהליך און לוסטיג. און וואָס זי האָט נאָר ארויסגערעדט איז ביי איהם אויסגעקומען זעהר קלוג...

זליכה אָבער האָט ביי זיך אין הארצען גענומען אָפּשפּאָטען פון איהר מאַן... זי האָט איהם געהאַלטען פאר זעהר נאַריש. אָבער זי האָט איהם נישט אויפגעהערט צו חנפה׳נען און פאַרזיכערען, אז זי ליעבט איהם... נאָך מעהר דערווידער איז ער איהר געוואָרען, זינט יוסף איז אָנגעקומען אין

איהר הויז... די העסליכקייט און אלטקייט פון פוטיפר'ן האט זיך דאן נאך בולטער ארויסגעוויזען... אבער גראדע יעצט האט זי זיך בעמיהט ארויס־צוציייגען צו פוטיפר'ן מעהר געטריישאפט און ליעבע... דאס האט זי גע־טראכט איז דאס בעסטע וואפען מיט וואס זי וועט קענען אלעס דערגרייכען. אט האט זי ביי איהם גע'פועל'ט, אז ער זאל מאכען יוסף'ן פאר'ן הויפט קנעכט... יעצט וועט זי האבען א בעסערע געלעגענהייט צו זעהן יוסף'ן אפטער... ער וועט דאך דארפען אריינקומען צו איהר, זיך נאכצופרעגען די פליכטען פון טאג... זי וועט איהם דארפען זאגען, וואס פאר א מאכלים ער זאל צוגרייטען... זי וועט מיט איהם קענען ריידען אונגעשטערט... זי וועט שוין זעהן אויסמאקירען, אז יוסף זאל צו איהר אריינקומען אין דער צייט ווען פוטיפר איז פערנומען מיט די געטער... זאל דער אלטער נאר דארטען מתפלל זיין, — האט זי אין איהר הארצען געלאכט, — און דער־וויייל וועל איך דא פארברייינגען מיט יוסף'ן...

פוטיפר איז געזעסען אויף זיין שטול און ער האט אנגעפאנגען צו דרעמלען... איהם איז געווען אזוי גוט און וואויל... זליכה, אסנת, יוסף... אלעס האט זיך איהם גענומען פלאנטערען אין קאפ... לאנג אבער איז ער אזוי נישט געזעסען... זליכה האט זעהר זעלטען פערגעסען איהם צו דער־מאנען, אז עס איז געקומען די צייט צו געהן מתפלל זיין אין די טעמפלען פון די געטער...

דאס וואס זליכה האט איהם אפט דערמאהנט וועגען דעם איז איהם דוקא יא געפעלען... דאס איז א סימן, אז זי איז געווארען זעהר פרום.. און ווען ער האט מיט איהר חתונה געהאט, האט ער מורא געהאט, אז זי וועט זיך נישט וועלען אפשיידען פון איהרע געטער... יעצט אבער איז זי אזוי פרום ווי יעדע פרומע מצרית..

— דו ווייסט זליכה, — האט פוטיפר א געניץ געטהאן, — דו ביזט דאך אזוי קלוג, און איך בין זיכער, אז מיט דיין גרוים חכמה וואלסטו גע־קענט פערדינען די ליעבשאפט און אנערקענונג פון אלע געטער פון מצרים...

—אבער זאג מיר פוטיפר, וואס וואלט איך געקענט טהאן פאר די געטער און איך טהו נישט! — האט זליכה איהם געפרעגט... דו ווייסט דאך אז איך בין איבערגעגעבען צו די געטער מיט מיין גאנצען לייב און לעבען...

— איך גלויב, אז דו אליין האסט די מעגליכקייט צו בעקעהרען יוסף'ן צו די געטער פון מצרים. מיט דיין שארפען שכל וועט פאר דיר מעגליך זיין צו טהאן דאס וואס פאר מיר איז אונמעגליך געווארען...

אין זליכה'ס אויגען האט זיך א פייערעל אנגעצונדען. — גוט פוטיפר! — איך נעהם זיך אונטער דאס צו טהאן! — האט זי מיט פרייד אויסגע־רופען, — איך וועל צייגען די געטער ווי געטריי איך ארבייט פאר זיי... אבער געוועהנליך, עס וועט נעהמען צייט... און זיי דארפען האבען געדולד...

— איך און די געטער וועלען האבען געדולד, — האט פוטיפר געזאגט, — ווען דו מאכסט, אז יוסף זאל אויפגעבען זיין גאט און אנפאנגען דינען צו אונזערע געטער, וועל איך עס דערצעהלען פאר אלע פריסטער, און זיי

וועלען מיר העלפען מתפלל זיין פאַר דיר... און מעגליך, אז דו וועסט מיר נאָך געבוירען אַ זוהן... אַ טאָכטער האָבען מיר דאָך... וועט שוין אונזער ביידענס גליק פערפולט ווערען...

— איך וועל שוין זעהן, אַז יוסף זאָל אויפגעבען זיין גאָט! — האָט זליכה פערזיכערט פּוטיפר'ן, אָבער דו אייל זיך צו דערוויילע... עס ווערט שוין שפּעט... די פריסטער וועלען דאָך אויף דיר דאַרטען וואַרטען...

פּוטיפר איז אוועקגעגאַנגען צו דעם טעמפּעל אזירים, און זליכה איז געבליבען אַליין מיט איהרע געדאַנקען... זי איז געווען אַזוי גליקליך און צופרידען. איהר אייגענער מאַן העלפט איהר נאָך צו דערגרייכען איהר ציעל... יעצט וועט זי אימערצו האָבען אַן אויסרייד צו פערברייגען מיט יוסף'ן... זי וועט פּוטיפר'ן זאָגען, אַז דאָס בעמיהט זי זיך איהם בעאיינפלוסען צו דינען די געטער...

זי האָט גלייך געשיקט רופען יוסף'ן, און ווען ער איז אריינגעקומען האָט זי זיך צו איהם אָפּגערופען:

— יוסף, איך בין זעהר צופרידען וואָס מיר האָט זיך איינגעגעבען צו ווירקען אויף מיין מאַן דיר צו דערהויבען צו זיין דער הויפּט קנעכט, כאָטש דו האָסט נישט איינגעווילִיגט צו בעקעהרען זיך צו די געטער פון מצרים... דו ווייסט, אַז איך אַליין האַלט אויך נישט שטאַרק פון די געטער פון מצרים.... אָבער פּוטיפר איז זעהר פרום... און דעריבער מעג איך דאָס פערצייכענען פאַר אַ גרויסען זיעג, אַז איידער ער האָט דיר געמאַכט פאַר דעם הויפּט קנעכט האָט ער דיך נישט געצוואונגען צו זעהן מיט איהם אונזער הויפּט גאָט אזירים...

— איך דאַנק דיר מיין האַרינטע פאַר דעם גרויסען חסד וואָס דו האָסט מיט מיר געטהאָן! — האָט ער זיך פערנייגט.

— איך האָב גלייך איינגעזעהן, אַז דו שטעהסט אַ סך העכער פון די איבעריגע קנעכט, — האָט זליכה איהם געמאַכט אַ קאָמפּלימענט, — און איך האָב נישט געקענט פאַרליידען, אַז דער פערגרעבטער און מגושם'דיגער תדמור זאָל גאָר הערשען איבער דיר... אַזאַ אומווירדיגער ליגנער! ער האָט געוואָלט אויף דיר אַ בלבול מאַכען... איך אָבער האָב גלייך געזעהן זיין פאַלשקייט... פּוטיפר'ן וואָלט ער געקענט איינרעדען אָבער נישט מיר...

— איך האָב נישט קיין ווערטער דיר צו באַדאַנקען, מיין האַרינטע!

— האָט יוסף געזאָגט און טרעהרען האָבען זיך איהם געשטעלט אין די אויגען, — איך האָב זעהר פיעל געליטען פון תדמור'ן, אָבער דאָך האָב איך זיך פאַר קיינעם ניש באַקלאָגט און איך האָב איהם קיין שלעכטס קיינמאָל ניט געטהאָן. און ער האָט נאָך געזוכט מיך צו ערנידעריגען אין די אויגען פון מיין האר און האַרינטע.

— נו, יעצט וועט ער שוין וויסען זיין פּלאַץ — האָט זליכה אַ שמייכעל געטהאָן. — מעגליך אַז מיין ברודער וועט שטאַרק נישט זיין צופרידען, וואָס איך האָב תמרוד'ן אַזוי ערנידעריגט... דו, יוסף, האָסט נאָך קיינמאָל מיין ברודער נישט געזעהן? ער איז דער הויפּט בעקער פון פּרעה'ן. ער געפינט זיך יעדען טאָג אין פּרעה'ס צימער. ער אַליין ברייגנט די געבעקס

צו פרעה'ן. ער איז א בראוועד יונג, מיין ברודער. יעצט, אז דו ביסט דער הויפט קנעכט, וועסטו שוין האבען א געלעגענהייט איהם צו זעהן. ווען איך מאך א פארוויילונג, קומט ער צו מיר. אה! סרטן האט זעהר ליעב צו פארברייננגען... בפרט ווען ער ווייסט, אז ער וועט דארטען טרעפען שעהנע פרויען... און דו, יוסף, זאג מיר דעם אמת, האסט נישט ליעב קיין שעהנע פרויען? — האט זי געלאכט.

יוסף איז געשטאנען עטוואס פארשעהמט. א רויטקייט האט באדעקט זיין פנים. ער האט געקוקט אין א צווייטער ריכטונג און א באשיידענעם שמייכעל געגעבען. אבער ער האט אויף איהר פראגע גארנישט געענטפערט.

— ווי איך זעה, יוסף ביסטו נישט פאראינטערעסירט אין די דינסטען... יע, דערמיט ביסטו נאך מעהר געשטיגען אין מיינע אויגען. דיין עהרליכקייט און באשיידענהייט רופען ארויס גרויס צוטרויען צו דיר. איך האב דעריבער באשלאסען, אז דו זאלסט אנפאנגען צו לערנען מיט מיין טאכטער אסנת. דאס לערנען פון דעם אלטען פריעסטער איז מיר דערווידער... ער האט אזוי פיעל שכל ווי מיין מאן! ער ווייסט נאר איין זאך די געטער און זייערע תפלות...

יוסף האט איהר אנגעקוקט מיט ערשטוינונג. ער האט שוין א פאר מאל געהערט ווי זי רעדט מיט פאראכטונג וועגען פוטיפר'ן. דאך אבער האט ער אויך באמערקט ווען פוטיפר איז דא ציינט זי איהם ארויס אזוי פיעל ליעבע און געטריישאפט... זי לאשטשעט זיך צו איהם און צערטעלט איהם. ווי עס ווייזט אוים אבער האט זי איהם נישט ליעב.

— איך וויל, אז דו זאלסט אנפאנגען צו לערנען מיט איהר מארגען אינדערפריה, אין דער צייט, ווען פוטיפר געהט אוועק אין טעמפעל אזירים.

— איך וועל טהאן אלעס, וואס מיין הארינטע וועט מיר הייסען! — האט יוסף געזאגט. — אבער איך ווייס נישט וואס מיין הארינטע פארלאנגט איך זאל לערנען מיט איהר טאכטער?

— ווי איך פארשטעה, קאנסטו גאנץ גוט די שפראך פון די כנענים — האט זליכה געזאגט — איך וואלט זעהר געוואלט, אז מיין טאכטער זאל קענען יענע שפראך. און אויב עס וועט פאר איהר ניט צו שווער זיין וועסטו קענען מיט איהר אויך לערנען די שפראך פון די עברים.

יוסף'ס אויגען האבען אויפגעלויכטען. זי ערלויבט איהם צו לערנען מיט איהר טאכטער זיין שפראך. יעצט וועט זיך געפינען איין פערזאן אין פוטיפר'ס הויז צו וועמען ער וועט קענען רעדען זיין מוטער־שפראך.

זליכה האט באטראכט יוסף'ן, די רויטקייט אין זיין פנים האט איהם צוגעגעבען נאך מעהר חן. ווי וואונדערשעהן ער איז... ער קוקט גארנישט אוים צו זיין א קנעכט, האט זי געטראכט. אפילו שכם וואלט זיך נישט געקענט פארגלייכען צו איהם... זי פיהלט זיך אזוי גליקליך, וואס איהר האט זיך איינגעגעבען צו קריגען יוסף'ן פאר איהר קנעכט... יעצט, אז פוטיפר האט איהם געמאכט פאר דעם הויפט קנעכט, וועט זי צו יעדער צייט איהם קענען אנקוקען, בפרט ווען פוטיפר האט איהם איבערגעגעבען

אין איהרע הענט, ווען זי האָט איהם פאַרשפּראָכען צו באַקעהרען איהם צו די געטער. זי וועט קענען פאַרברייגגען מיט איהם ווי לאַנג איהר הארץ וועט גלוסטען... פּוטיפר וועט מיינען, אַז דאָס זוכט זי צו ווירקען אויף איהם, ער זאָל ווערען אַ פרומער מצרי...

יענעם אָבענד האָט זליכה אַריינגערופען צו זיך אסנת'ן און זיך צו איהר אָפּגערופען:

— עס איז שוין לאַנג מיין טאָכטער אַז איך האָב פאַר דיר געזוכט אַ גוטען לעהרער וועלכער זאָל דיר ערקלעהרען פיעלע פאַרבאָרגענע זאַכען... אין גאַנץ מצרים האָב איך געזוכט און ניט געפונען... דיין פאָטער האָט דעם אַלטען פּריעסטער געבראַכט... אָבער ווי איך פערשטעה ביזטו נישט איבעריגס צופריעדען מיט זיין לערנען...

— ער לערענט מיר בלויז ווי צו בעטען די געטער, איך קען שוין אַלע תפלות אויף אויסווייניג! — האָט אסנת צוגעגעבען — און ווען איך הויב איהם אָן צו פרעגען וועגען די געטער, איז אנשטאָט מיר צו געבען אַ תשובה, בייזערט ער זיך אָן אויף מיר און זאָגט מיר אַז איך זינדיג מיט מיינע ליפּען געגען די געטער. זאָג מיר מוטער איז עס דען אַ זינד ווען איך פרעג איהם ער זאָל מיר ערקלעהרען פאַר וואָס דאַרף מצרים האָבען אַזוי פיעל געטער?...

— ווען ער קען דיין פראַגע ניט פאַרענטפערען איז עס אין זיינע אויגען אַ זינד — האָט זליכה אַ שמייכעל געטהאָן — אָבער מיין טאָכטער דו וועסט שוין נישט דאַרפען זאָרגען... דער אַלטער פריעסטער וועט שוין דיר מעהר ניט קומען לערנען. דיין פאָטער האָט בעשטימט יוסף'ן פאַר אונזער הויפּט קנעכט, ווייל ער האָט געזעהן אַז יוסף איז זעהר קלוג און געלערענט און יעצט אַז ער איז דער הויפּט קנעכט, וועט פאַר דיר קיין ערנידערונג ניט זיין ווען ער וועט דיר לערנען... יע, פון מאָרגען אָן וועט יוסף מיט דיר לערנען...

— אַ מוטער וועט ער מיר אויך דערצעהלען געשיכטעס ווי ער טהוט עס פאַר דיר און דעם פאָטער? — האָט אסנת געפרעגט...

— האָב איך דען נישט איבערדערצעהלט אַלע מעשיות וואָס יוסף האָט אונז דערצעהלט — האָט זיך זליכה אָפּגערופען צו אסנת'ן... און איך קען דיר פאַרשפּרעכען אַז ווען איך וועל הערען אַ פיינע געשיכטע פון יוסף'ן וועל איך דיר זי איבערדערצעהלען... אָבער מיט דיר וועט יוסף דאַרפען לערנען. דו ביזט שוין אויסגעוואַקסען און חוץ דיינע תפלות קענסטו נאָך גאָר נישט.

— אַ מוטער איך וועל זיין זעהר צופרידען ווען אימיצער וועט מיט מיר לערנען... איך בין זעהר נייגעריג צו וויסען אַלעס...

פאַר יוסף'ן האָט זיך יעצט אַ נייע וועלט געעפענט. ער האָט זיך שוין אויפגעהערט צו פיהלען אַזוי נידערדערשלאָגען. ער האָט געזעהן אַז גאָט איז מיט איהם און בעגליקט איהם אין אַלע זיינע וועגען. די קנעכט וועלכע האָבען ביז אַהער פון איהם אָפּגעשפּאָט און איהם אָפּגעטהאָן אַלערליי

נגישות, זיינען יעצט אלע געפאלען צו זיינע פיס און איהם געבעטען ער זאל זיי מוחל זיין. און תדמור! ווען ער דערמאהנט זיך ווי דער הארטער, בייזער תדמור איז געשטאנען פאר איהם מיט טרעהרען אין די אויגען, בעוויזט זיך א שמייכעל אויף זיינע ליפען... יע, זיי האבען אלע געמיינט אז ער וועט זיך יעצט אן זיי נוקם זיין... זיי ווייסען ניט אז א זוהן פון יעקב'ן וועט קיין שלעכטעס נישט טהאן דעם וועלכער איז איהם אונטער־ווארפען. די מידה פון נקמה איז גאנץ ווייט פון איהם... ווי גליקליך און צופריעדען אלע קנעכט זיינען געווען, ווען ער האט זיי פארזיכערט אז ער וועט זיי קיין שלעכטעס נישט טהאן...

מעהר פאר אלעם איז פאר יוסף'ן זעהר אנגענעהם געווען ווען ער האט געלערענט מיט אסנת'ן... די יונגע פרעכטיגע אסנת האט איהם בעצויבערט מיט איהר שעהנקייט... ווען ער האט זיך צו איהר נעהענטער צוגעקוקט, און בעמערקט איהרע וואונדער שעהנע אויגען, האט איהם נאך מעהר געעגבערט די פראגע: ווי אזוי קומט אזא טאכטער צו פוטיפר'ן? די ווייכקייט פון איהרע אויגען זיינען איהם אזוי בעקאנט... און איהר מילדער שמייכעל איהר ריידען אלעס איז איהם אזוי נאהענט. און אחוץ דעם זעהט זיך דער היפוך אזוי בולט אן צווישען איהר און איהר מוטער. זי בעזיצט אזוי פיעל איידעלקייט, און קלוגשאפט. פון איהרע פראגען וואס זי שטעלט איהם, קען ער זעהן וואס פאר א לאגישען שכל זי האט. זי איז נאך יונג אבער זי איז שוין גאנץ פערנינפטיג... זעהר איבערראשט איז ער געווען וואס אסנת האט מעהר ליעב געהאט צו לערנען די שפראך פון די עברים, ווי די שפראך פון די כנענים... זיין אייגענע שפראך וואס ער האט איהר געלערענט איז איהר אנגעקומען גאנץ גרינג... און עס האט לאנג נישט געדויערט און זי האט אנגעפאנגען צו ריידען צו איהם זיין שפראך...

די גליקליכסטע צייט איז געווען פאר יוסף'ן ווען ער פלעגט קומען לערנען מיט אסנת'ן. ער האט איבערגעלעבט אזא געפיהל וואס ביז אהער האט ער דערפון נישט געוואוסט. ער האט זיך אפילו געשראקען פאר אזעלכע געדאנקען. און ווען ער האט דערפון אנגעפאנגען צו טראכטען, האט ער זיך בעמיהט מיט אלע זיינע כחות אזעלכע מחשבות צו פערטרייבען פון זיך... ער האט געוואוסט אז ער איז א קנעכט און זי איז די טאכטער פון פוטיפר!.. וואס ווינציגער ער וועט פון איהר טראכטען אלץ בעסער וועט פאר איהם זיין. דאך אבער האט איהם דאס הארץ געצויגען... און ווי שטארק ער האט געוואונשען אז זליכה זאל נישט אנוועזענד זיין בעת ער לערענט מיט אסנת'ן... אבער איהר מוטער איז יעדען טאג געקומען און פון איהם איהרע אויגען ניט ארונטערגענומען... זליכה'ס בליקען האבען איהם פערפאלגט וואו ער איז געשטאנען און צו וואס ער האט זיך ניט גענומען. איהר צופיעל צערטליכקייט און גוטסקייט וואס זי האט איהם אנגעפאנגען ארויסצוצייגען, האט איהם גענומען שטארק בעאומרוהיגען... נישט איינמאל פלעגט זיך טרעפען, אז ווען ער פלעגט פארטיג ווערען לערנען מיט אסנת'ן, האט זי איהם געבעטען אריינקומען אין דעם גרויסען גאסט צימער, און פון איהם פארלאנגט ער זאל זי דערצעהלען א וואונדער

מעשה פון אמאל.. זי פלעגט זיך דאן אוועקלייגען אויף דער ווייכער זאפא און איהם האט זי געהייסען זיך זעצען נישט ווייט פון איהר. און ווען ער פלעגט אנפאנגען דערצעהלען... האט ער געפיהלט איהרע דורכדרינגענדע בליקען... ער האט געזוכט אויסצומיידען זיינען בליקען זאלען זיך ניט בעגעגענען מיט איהרע... ער איז געזעסען ווי אויף הייסע קוילען און איז געווען זעהר צופריעדען ווען זי האט זיך פלוצלונג אויפגעהויבען פון דער זאפא און אויסגערופען:

— יעצט יוסף, קענסטו געהן טאהן דיין ארבייט. דיין האר וועט באלד אנקומען, און ער וועט זיין אייפערזיכטיג ווען ער וועט זיך דערוויסען אז דו האסט פאר מיר דערצעהלט א געשיכטע און ער האט עס נישט געהערט... דו ווייסט דאך — האט זי צוגעגעבען מיט א שמייכעל — ווי שטארק ליעב ער האט צו הערען דיינע מעשיות. ער שלאפט איין גאנץ געשמאק פון זיי.

א שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף יוסף׳ס ליפען. ער האט זיך פארנייגט און ארויס פון צימער.

זליכה האט נישט ווילענדיג פארלאזען די זאפא... ווי גליקליך זי וואלט זיך געשעצט, ווען זי קען אזוי שטענדיג זיין מיט יוסף׳ן אליין, קיינער זאל איהר ניט שטערען. אבער באלד וועט אנקומען פוטיפר... א שוידער געהט דורך איהר קערפער ווען זי שטעלט זיך פאר אז אט באלד וועט אריינקומען פוטיפר און וועט איהר נעהמען צערטלען. א, ווי עס עקעלט איהר זיינע קושען און זיין לאסטשען... די ערשטע צייטען האט עס איהר אזוי פיעל ניט געארט... זי ווייס אליין ניט וואס פאר א גרויסע ענדערונג איז פארגעקומען אין פוטיפר׳ן. זי געדיינקט נאך ווען ער האט איהר דורך דעם צופאל געטראפען... איז ער דאן אויסגעקומען אין איהרע אויגען אזוי העלדיש און בראוו, ווען ער פלעגט זיך בעטהייליגען אין דעם פערד געיעג און אין אנדערע איבונגען, האט זי פאר איהם נאך געהאט עטוואס ליעבע, אבער א קורצע צייט נאך איהר חתונה, האט ער אלעס אויפגעגעבען, און זיין גאנצע צייט גיט ער אפ אדער צו פרעה׳ן אדער צו די געטער. ער איז געווארען פרימער פון טאג צו טאג... און דערצו זעהט זי אז ער איז שוין גוט אלט, און יעצט ווען יוסף איז אנגעקומען אין הויז האט פאר איהר יעדער ווינקעל גענומען וויברירען מיט יוגענד און לוסט... וואס פאר אן אונטערשיעד צווישען איהר אלטען אפגעלעבטען מאן און צווישען דעם יונגען שעהנעם און רייצענדען יוסף... אט ווי שטאלץ זי איז מיט דעם וואונדערבארען קנעכט. זי ווייס, ווי אלע איהרע פריינד, בעקאנטע און שכנות זיינען איהר מקנא, וואס זי פארמאגט אזא קנעכט...

יעדע איינע וועמען זי באגעגענט האט אויסגעדריקט איהר וואונש צו זעהן איהר וואונדערבארען קנעכט...

זי האט זיי פארשפראכען אז ביי א געלעגענהייט וועט זי זיי איהם ציינגען... און יעצט אז יוסף איז געווארען דער הויפט קנעכט, ער געהט אנגעטהאן אין שעהנע קליידער און ווייס שוין גאנץ גוט אלע מנהגים פון

די מצרימשע אַריסטאָקראַטען, האָט זליכה בעשלאָסען איינצולאַדען אַלע איהרע פריינדינען און זיי צייגען יוסף'ן.

זליכה האָט בעשלאָסען צו מאַכען אַ שטיקעל פערוויילונג בייטאָג אין איהר הויז בלויז פאַר פרויען. זי האָט איינגעלאַדען אַלע שכנות און אַנדערע בעקאַנטע.. זיי האָבען זיך פערזאַמעלט. אַלע זיינען געווען זעהר רייכע פרויען וועלכע זיינען געווען אַרומגערינגעלט מיט קנעכט און דיענסטען, וועלכע האָבען אין דרויסען געוואַרט מיט זייערע קאַרעטעס און פערד. זיי זיינען געווען אויסגעפּוצט אין רייכע זיידענע קליידער און בעהאָנגען מיט ציערונג און קאָסטבאַרע שטיינער....

זליכה האָט געבעטען יוסף'ן ער זאָל זיי בעדיענען און אַליין האָט זי זיך אויך אַוועקגעזעצט צווישען די פרויען. יוסף האָט זיי דערלאַנגט פרוכט און מעסער אָפּצושיילען די פרוכט. ער איז געבליעבען אין דעם גאַסט צימער צו טהאָן אַנדערע אַרבייט...

ווען די פרויען האָבען דערזעהען יוסף'ן האָבען זיי געגאַפט פון גרויס בעוואונדערונג. יעדע פון זיי האָט אָנגעשטעלט איהרע אויגען אויף דעם שעהנעם העלדישען קנעכט... קיין מאָל אין זייער לעבען איז זיי ניט אויס־געקומען צו זעהן אַזאַ וואונדערבאַרען מאַנספּאַרשוין וועלכער בעזיצט אַזאַ מאַגנעטישע פּערזענליכקייט....

— פאַר וואָס עסט איהר ניט, מיינע געסט — האָט זליכה זיך צו זיי אָפּגערופען, ווען זי האָט בעמערקט ווי אַלע פרויען עסען איהם אויף מיט די בליקען...

די געסט האָבען זיך דערמאָנט אַז אין זייערע הענט האַלטען זיי די פרוכט מיט די מעסער. זיי האָבען גענומען אָפּשיילען די פרוכט. באַלד אָבער האָבען זיי זייערע בליקען ווידער געוואַנדערט צו יוסף'ן... זיי האָבען זייערע אויגען ניט געקענט אָנזעטיגען מיט זיין שעהנקייט און אַזוי אַנשטאַט צו שניידען די פרוכט האָבען זיי געשניטען זייערע פינגער מיט די מעסערס און האָבען גאָר נישט געפיהלט.

זליכה האָ גענומען בעמערקען ווי בלוט רינט פון די פינגער פון איינינגע פון די פרויען, און זי האָט אויסגערופען:

— וואָס האָט פּאַסירט מיט אייך? פאַרוואָס בלוטיגען אייערע פינגער?

ערשט דאַן האָבען זיך אַלע פרויען געכאַפּט אַז אַנשטאַט צו שיילען די פרוכט האָבען זיי צושניטען זייערע פינגער. זיי האָבען גלייך פאַרשעהמט אַוועקגעלייגט די פרוכט מיט די מעסער.

זליכה האָט בעפוילען יוסף'ן צו ברייגען באַנדאַזשען... און כאָטש די פרויען האָבען געליטען שמערצען פון די שניטען וואָס זיי האָבען געהאַט אויף זייערע פינגער, זיינען זיי דאָך געווען צופריעדען און גליקליך וואָס זליכה האָט געבעטען יוסף'ן ער זאָל זיי אַליין פאַרבאַנדאַזשירען די וואונדען.

ווען זליכה דערמאָהנט זיך אין דער פּאַסירונג פאַנגט זי אָן צו לאַכען...
און ווען זי האָט עס אַמאָל איבערדערצעהלט צו איהר ברודער סרטן, האָט ער זיך אָפּגערופען מיט אַ טאָן פון חוזק:

— ווען די העסליכע מצרישע פרויען וואלטען מיר דערזעהן וואלטען זיי זיכער זיך אפגעשניטען זייערע נעזער...

— ווען זיי דערזעהען דיר, מיין ברודער, וואלטען זיי זיך גאר אויסגע־שטאכען די אויגען — האט זליכה איהם געגעבען א שטאך...

— פונדעסטוועגען מיין שוועסטער, וואלט נישט איין מצרישע פרוי געווען גליקליך, ווען איך וואלט איהר בלויז ארויסגעצייגט א שמייכעל....

— איז טאקע א גרויסע עולה פון דיר וואס דו האסט אויפגעהערט צו שמייכלען — האט זליכה געלאכט...

— ווי אזוי קען איך שמייכלען — האט סרטן אויסגערופען מיט עטוואס פארביטערונג אין זיין שטימע — ווען דיין מאן האט גענומען דעם פערפלוכטען קנעכט יוסף'ן און איהם אזוי הויך ערהויבען, און מיין גוטען פריינד תדמור'ן האט ער אזוי ערנידעריגט....

— דאס צייגט מיין ברודער אז יוסף האט טאקע פארדיענט דערהויבען צו ווערען, ווייל דו ווייסט דאך ווי שטארק איבערקלייבעריש פוטיפר איז, איידער ער טהוט אימיצען א טובה...

— דאס האסטו מסתמא איהם די טובה געטהאן מיין שוועסטער — האט סרטן אויסגערופען.

— איך? ! — האט זליכה א קוועטש געטהאן מיט די פלייצעס — פאר וואס זאל איך עפעס וועלען טהאן א טובה א ווילד פרעמדען קנעכט... איז ער דען מיין ברודער אדער א קרוב... זעהסטו, פאר דיר האב איך זיך שטארק משתדל געווען... איך האב געדארפט פוטיפר'ן אנבעטען ער זאל דיר רעקאמענדירען צו פרעה'ן... און יעצט אז דו ביזט געווארען פרעה'ס שר האופים, ווילסטו גאר נישט וויסען אז דאס האסטו דיין שוועסטער צו פערדאנקען...

— איך בין דיר זעהר דאנקבאר מיין שוועסטער. אבער זאג מיר, וועלכע שוועסטער וואלט פאר איהר ברודער ניט געטהאן אויף אזוי פיעל. אין אנדערע זאכען אבער בעהאנדעלסטו מיר נאך ערגער ווי א פרעמדען — האט סרטן געזאגט מיט א זויערע מינע.

— וואס מיינסטו דאמיט? — האט איהם זליכה אנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

— איך מיין אז ווען איך גיעב בלויז א קוק אויף אסנת'ן ביזטו גע־גרייט מיר ארויסצוגראבלען די אויגען און אט דעם פרעמדען קנעכט, ערלויבסטו מיט איהר צו לערנען...

— ווען דו, מיין ברודער וואלסט געהאט א צעהנט חלק בילדונג פון יוסף'ן וואלט איך פון דיר שוין לאנג געפאדערט דו זאלסט מיט אסנת'ן לערנען. אבער איך האף אז דו ביזט אין זיך אויף אזוי פיעל נישט גענארט. דו ביזט דאך אזוי אומוויסענד ווי איינער פון די נידעריגסטע קנעכט... און כאטש דו ביזט שוין אין קעניג'ס פאלאץ היבשע עטליכע יאהר, ביזטו נאך אלץ געבליעבען דער זעלבער פארגרעבטער סרטן ווי אמאל..

— פון וואנען האב איך געקענט געניסען בילדונג אין קעניג'ס פאלאץ?

— האט סרטן געזאגט — דו ווייסט דאך ווי שטארק פערנומען איך בין.

איך דארף דעם גאנצען טאג באקען פאר פרעה׳ן און זיין משפחה פערשידענע געבעקס. האב איך דען צייט זיך צוצוהערען צו די קלוגע רייד פון די חרטומים אדער פון די פריעסטער... איך האב דיר שוין לאנג געבעטען אז דו זאלסט זעהן דורכריידען מיט פוטיפר׳ן ער זאל ווירקען אויף פרעה׳ן דאס ער זאל מיך בעשטימען פאר זיין לייב־וועכטער... דאן וואלט פאר מיר א סך בעסער און גרינגער געווען, איך וואלט נישט געדארפט אזוי שווער הארעווען, און דערצו וואלט איך געהאט א געלעגענהייט צו זיין שטענדיג נעבען פרעה׳ס טראהן... איך וואלט געהערט און געזעהן אלעם וואס קומט פאר... און דאן וואלסטו שוין אליין אויך געהאט מעהר דרך־ארץ פאר מיר.

— איך זעה נישט איין, סרטן, פארוואס דו ביזט אזוי נייגעריג צו ווערען פרעה׳ס לייב וועכטער... יעצט אמוועניגסטען ביזטו פריי, דו האסט מעהר צייט... דו קענסט קומען צו מיר צו יעדער צייט... אבער ווען דו ביזט דעם קעניג׳ס לייב־וועכטער, דאן מוזטו שטעהן דעם גאנצען טאג אויף איין פלאץ, בעוועגלאז... זעהסטו, צו זיין דער הויפט פון די לייבוועכטער איז שוין עפעס אנדערש... פוטיפר קומט ווען ער וויל, ווייל ער דארף נישט שטעהן און היטען דעם קעניג... זיין פליכט איז צו בעשטימען לייבוועכטער, צו זעהן אז זיי זיינען טרויענסווערטה און זיי טהוען זייער פליכט ווי געהעריג... פערגעס ניט אז ווען דו וואלסט געווארען א לייב־וועכטער, וואלסטו די גאנצע צייט געווען אונטער פוטיפר׳ס אויפזיכט... און איך צווייפעל אויב דו וואלסט דערפון צופריעדען געווען...

— יע מיין שוועסטער, איך וואלט אפילו צופרידען געווען צו זיין אונטער זיין אויפזיכט, אבי איך זאל א לייבוועכטער ווערען... פערשטעהסטי מיר, דיזער אמט איז חשוב׳ער... די מיליטערישע קליידער וואס מען טראגט נעהמט זעהר אוים ביי די פרויען...

—אבער דאן וועסטו דאך אפילו קיין צייט נישט האבען אפילו צו פערברענגען מיט די פרויען — האט זליכה געלאכט. דאך יעדענפאלס, סרטן איז שוין טאקע צייט פאר דיר דו זאלסט נעהמען א פרוי און חתונה האבען...

— נעהמען א מצרי׳שע פרוי! — דאס וועל איך קיינמאל נישט טהאן! — האט סרטן אויסגערופען.

— עס געפינען זיך אין מצרים גענוג פרויען פון כנען און אנדערע לענדער, און א חוץ דעם זיינען פאראן פיעלע מצרי׳שע פרויען וועלכע זיינען גאנץ שעהן און צוציהענד.

— איך האב נאך דערווייל קיין איין מצרי׳שע פרוי געטראפען וואס זיל מיר צוציהען —האט סרטן געענטפערט — א ווען דו וואלסט צו מיר געווען א גוטע שוועסטער וואלט דאן אלעם אנדערש געווען.

— איך וויים אז דו האסט נישט לאנג צוריק געווארפען אויגען אויף דער רויט־האריגער אדומית... יעצט איז זי געווארען מיין קאמער מיידעל... ווען דו ווילסט מיט איהר חתונה האבען, וועל איך דיר בעהילפיג זיין...

— איז ביי דיר רעכט אַז דיין ברודער סרטן וועלכער איז פּרעה׳ס שר האופים, זאָל נעהמען אַ געוועזענע דינסט פאַר אַ פרוי..

— אָבער יעצט איז זי שוין מעהר קיין דינסט נישט... זי איז מיין קאַמער מיידעל... און זי איז גאַנץ שעהן.

— אמת, זי איז צוציהענד, און גאַנץ קלוג — האָט סרטן געזאָגט

— אָבער מיין פריינד, תדמור, איז אין איהר פעראינטערעסירט...

— דיין פריינד תדמור... איז ביי דיר רעכט צו רופען דעם קנעכט תדמור אַ פריינד, אין דער צייט וואָס דו ווילסט נישט טראַכטען פון אַ שעהנער פרוי, ווייל זי איז געווען אַ דיענסט...

— תדמור איז מיין פריינד געווען ווען ער איז נאָך געווען דער הויפּט קנעכט... און איך זאָג דיר זליכה אַז פּוטיפר איז בעגאַנגען געגען איהם אַ גרויסע עולה וואָס ער האָט איהם אַרונטערגעזעצט פון זיין גדולה...

—תדמור האָט עס פערדינט! — האָט זליכה געזאָגט — ער האָט געוואָלט אַ בלבול מאַכען אויף יוסף׳ן און איז דעריבער אַליין אַריינגעפאַלען.

— וואָס איך קען נישט פערשטעהן — האָט סרטן געזאָגט מיט אויפ־רעגונג — איז פאַרוואָס האָט יוסף זיך אַזוי שנעל דערדינט צו ווערען דער הויפּט קנעכט פון דעם הויז... אָ ווי איך האָס אָט דעם נייעם קנעכט!..

— וואָס האָסטו צו איהם, האָט דיר דען יוסף שלעכטעס געטהאָן?..

מיר דוכט צו האָבען אַ פריינד ווי יוסף איז אַ סך מעהר ווינשענסווערטה פאַר דיר ווי צו האָבען תדמור׳ן... פון יוסף׳ן וועסטו קענען אַ סך לערנען...

— אָ איך קען איהם נישט אָנקוקען! — האָט סרטן אויגערופען. און זינט דו האָסט איהם געמאַכט פאַר אסנת לעהרער איז מיין שנאה צו איהם שטאַרקער געוואָרען....

— וויפיעל מאָל האָב איך דיר, מיין ברודער אָנגעזאָגט, אַז דו זאָלסט אסנת׳ן פון דיינע געדאַנקען אַרויסשלאָגען... דו ווייסט דאָך אַז זי איז מיר און פּוטיפר׳ן טייער ווי אַן אייגענע טאָכטער... און ווען דו האָסט שלעכטע געדאַנקען וועגען איהר וועסטו נאַכהער שטאַרק חרטה האָבען...

— איך זעה נישט איין מיין שוועסטער, פאַרוואָס דו זאָלסט עס האַלטען פאַר שלעכטע געדאַנקען, ווען איך האָב אין זינען איהר פאַר מיין פרוי צו נעהמען....

— דאָס וועט קיינמאָל נישט געשעהן, סרטן! פערגעס נישט אַז די ביזט צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי זי... אָסנת איז נאָך זעהר יונג אפילו וועגען דעם צו טראַכטען, און אַ חוץ דעם, ביזטו אין איהרע אויגען נישט גאַנץ הויך געשטיגען...

— דאָס מאַכסטו אַ טעות, מיין שוועסטער, אסנת האַלט פון מיר זעהר שטאַרק... נאָר יעצט זינט יוסף איז געוואָרען איהר לעהרער, קוקט זי זיך אויף מיר נישט אום... דעריבער, זליכה, וואָלט איך פון דיר פערלאַנגט, דו זאָלסט יוסף׳ן מעהר נישט לאָזען לערנען מיט איהר... וועט דען נישט זיין פאַר דיר בעסער, אַז אסנת זאָל נישט פערפרעמדט ווערען... און יוסף מיט זיין לערנען איהר, וועט איהר אין גאַנצען אָפּפרעמדען פון מיר און אפילו פון דיר און פּוטיפר׳ן.

— ווענען מיר און מיין מאן דארפסטו זיך נישט זארגען סרטן — איך בין שטענדיג דא ווען ער לערענט מיט איהר, און איך ווייס אז אלס וואס יוסף לערענט מיט אסנת׳ן וועט איהר ברענגען נוצען... ווייל מיר דוכט זיך, אז אפילו צווישען די חרטומים קען מען זעלטען געפינען אזא געלערענטען און קלוגען מאן ווי יוסף.

— שוין מעהר ווי צעהן יאהר ווי אסנת געפינט זיך אין דיין רשות!

— האט סרטן איהר געזאגט — און דו פערגעסט אלע מאל אז איך האב אין איהר אויך א שטיקעל חלק... שטעל זיך פאר אז ווען פוטיפר דער־וויסט זיך אז אסנת איז גארנישט דיינע א שוועסטער׳ס א קינד, און אז מירביידע האבען איהר אוועקגע׳גנב׳עט פון איהר מוטער... וואלט ער איהר דאן אויך פערעכענט פאר זיין טאכטער?...

— זיין פאטערליכע ליעבע צו איהר וואלט אליין אײנם נישט געענ־דערט געווארען! — האט זליכה אויסגערופען — און דו וואלסט זיך געטהאן מעהר שלעכטעס ווי מיר און אסנת׳ן און איין זאך וויל איך דיר זאגען מיין ברודער, אז איך שרעק זיך פאר דיינע דראהונגען גארנישט... און ווען דו וועסט עפענען דיין מויל און געהמען ריידען, הערסטו פון דאן אן אויף צו זיין מיין ברודער.

— דו ווייסט גאנץ גוט זליכה אז דיעזער סוד וועט אימערצו בלייבען פערזיגעלט אין מיין הארצען... אבער דאך האף איך אז דו וועסט זיך ווען עס איז ארומזעהן אז דיין ברודער שטעהט נישט נידעריגער פון די אנדערע שרים פון פרעה׳ן...

סרטן איז געווען שטארק ביי אויף זיין שוועסטער וואס זי דערלאזט נישט דאס זי זאל אמאל פערברענגען מיט אסנת׳ן... ער האט דערזעהן אז אסנת האט פלוצלונג א וואקס געטהאן... זי איז געווען אזוי וואונדערליך שעהן און ענטוויקעלט... ער איז געווען זיכער אז זיין שוועסטער וועט איהם נאך העלפען איהר ארייננצוקריגען פאר זיין פרוי, און אנשטאט דעם לייגט זי איהם שטיינער אין וועג.

דאך האט ער בעשלאסען אז ער מוז זיך אליין זעהן מיט אסנת׳ן אין דער צייט ווען זליכה וועט אין דער היים נים זיין... ער איז ביי זיך געווען זיכער, אז ווען איהם זאל געלונגען מיט איהר זיך דורכצוריידען, וועט זי צושטימען... איז ער דען נישט דער הויפט פון פרעה׳ס בעקער?

סרטן האט גענומען זוכען א געלעגענהייט ווי זיך צו טרעפען מיט אסנת׳ן, אין דער צייט ווען זליכה איז נישטא אין דער היים.

איינמאל ווען אין מצרים איז געווען א גרויסער יום טוב און זליכה און פוטיפר זיינען ביידע איינגעלאדען געווארען אין פרעה׳ס פאלאץ, איז סרטן אוועק צו פוטיפר׳ן אין הויז...

ער איז דורכגעגאנגען דאס גאנצע הויז און ער האט אסנת׳ן נישט געפונען...

— זי איז געווים מיט יוסף׳ן — האט א געדאנק א בליץ געטהאן אין זיין מח... ער איז ארייננעקומען אין דעם צימער וואו יוסף געפינט זיך...

ער האָט איהר אָבער אויך דאָרטען נישט געפונען... ער האָט דערזעהן ווי יוסף שטעהט און טהוט זיין ארבייט...

ווען יוסף האָט סרטן דערזעהן האָט ער זיך פאַר איהם פערנייגט...

סרטן האָט איהם אפילו נישט געענטפערט... ער האָט אומגעדרעהט זיין קאָפּ און איז אַרויס. פיליכט געפינט זי זיך אין איהר שלאָף צימער — האָט ער זיך געטראַכט אָבער אהין וועט ער דאָך נישט געהן... פון דאָרט איז סרטן אוועק צו די איינפאַכע קנעכט און דערזעהענדיג זיין פריינד תדמור'ן, האָט ער איהם אַרויסגערופען.

תדמור האָט זיך שטאַרק דערפרעהט צו זעהן סרטן און איז איהם נאָכגעגאַנגען.

— איך וויל מיט דיר ריידען — האָט סרטן זיך צו איהם אָפּגערופען — קום אַרויס מיט מיר אין דרויסען.

— איך האָב מורא, אז ווען מיין האַרינטע וועט זיך דערוויסען אז איך האָב געלאָזען מיין ארבייט אין מיטען, וועט זי מיר נאָך שטרענג בעשטראָפען.

— איז דען דיין האַרינטע נישט מיין שוועסטער? — האָט סרטן געזאָגט — אויב זי וועט דיר וועלען בעשטראָפען זאָלסטו איהר זאָגען אז איך האָב דיר אויף אַ וויילע אוועקגענומען פון דער אַרבייט. דו דאַרפסט איהר נישט דערצעהלען וואָס איך האָב מיט דיר גערעדט... אָבער, זיי זיכער אז ווען זי וועט וויסען אז איך האָב דיר אַרויסגערופען וועט זי דיר גאָרנישט טהאָן....

סרטן און תדמור האָבען זיך אביסעל דערווייטערט פון פוטיפר'ס הויז.

— עס טהוט מיר זעהר לייד מיין פריינד — האָט סרטן זיך אָפּגערופען צו תדמור'ן — אז אַזאַ זאַך האָט צו דיר פּאַסירט. איך וויים אז אין דעם איז שולדיג דער פערפלוכטער יוסף... אָבער זאָרג נישט איך וועל זיך אָן איהם נוקם זיין!

— זעקס יאָהר בין איך געווען דער הויפּט קנעכט אין פוטיפר'ס הויז! — האָט תדמור מיט אומעט געזאָגט — איך האָב מיין ארבייט זעהר געטריי געטהאָן... און יעצט ווען יוסף איז געקומען, האָבען מיר מיין האַר און האַרינטע ארונטערגעזעצט און אויף מיין פּלאַץ בעשטימט יוסף וואָס ער איז בלויז איין יאָהר געווען מיט זיי... זאָג מיר איך בעט דיר מיין פריינד, וואו איז גערעכטיגקייט און יושר?!

— איך זעה ווי שטאַרק גענאַרט מיין שוועסטער און פוטיפר זיינען אין יוסף'ין... אָבער עס וועט נישט לאַנג געדויערען און זיי וועלען זיך ארומזעהן אז זיי האָבען געמאַכט אַ טעות און דאַן וועסטו ווידער דערהויבען ווערען צו דיין פריהערדיגען אמט...

— איך האָב שוין כמעט פערלאָרען מיין האָפנונג! האָט תדמור געזאָגט — איך זעה ווי יוסף שטייגט אַלץ העכער, וואָס ער טהוט בעגליקט ער. ער האָט שוין אַזאַ מזל און אַ האָט מיין האַרינטע איהם איבערגעגעבען די ערציהונג פון איהר טאָכטער און זינט דאַן איז נאָך יוסף געוואָרען מעהר חשוב אין איהרע אויגען.

— איך מיין, אַז אסנת וועט שוין לאַנג נישט לערנען ביי יוסף'ן. פֿאַרשטעהסטו מיך... איך בין שטאַרק פֿאַרליעבט אין אסנת'ן. און איך וויל זיך מיט איהר טרעפֿען אַליין, האָב איך קיין געלעגענהייט נישט, ווייל מיין שוועסטער גלויבט אַז זי איז נאָך צו־יונג, דאָס איך זאָל קענען מיט איהר רעדען וועגען אַזעלכע זאַכען. האָב איך דעריבער באַשלאָסען מיט איהר צו רעדען אין דער צייט, ווען מיין שוועסטער וועט אין דער היים ניט זיין. און ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז מיין שוועסטער און איהר מאַן זיינען איינגעלאַדען אין פּרעה'ס פּאַלאַץ, בין איך אַהער געקומען, איך האָב איהר געזוכט איבער'ן גאַנצען הויז... איך האָב געמיינט, אַז פּיליכט געפינט זי זיך מיט יוסף'ן און ער לערענט יעצט מיט איהר, אָבער אויך דאָרטען איז נישט געווען.

— עס איז מעגליך, אַז זי געפינט זיך אין איהר צימער, — האָט תדמור איהם געזאָגט.

— איך גלויב אויך אַזוי, אָבער עס פֿאַרשטעהט זיך, אַז איך קען אַהין ניט אַריינגעהן. דעריבער וואָלט איך וועלען, אַז דו זאָלסט...

— איך?! — האָט תדמור אויסגערופען. — וועט דען מיין האָר מיין קאָפּ נישט אַרונטערהאַקען, ווען ער וועט זיך דערוויסען, אַז איך בין געגאַנגען אַהין? אָה, ניין, איך בעט דיך, מיין פריינד, פֿאַרלאַנג נישט פֿון מיר אַזאַ זאַך!

— דו פֿאַרשטעהסט מיך נישט! — האָט סרטן אַ שמייכעל געטהאָן.

— ווי אַזוי וואָלט איך גאָר געקענט פֿאַרלאַנגען פֿון דיר אַזאַ זאַך? איך וויל, אַז דו זאָלסט זיך דורכרעדען מיט דער אדומית... ווי איך האָב געהערט, איז זי יעצט געוואָרען מיין שוועסטער'ס קאַמער מיידעל און זי האָט צוטריט אויך צו אסנת'עס צימער. זי קען מיר טהאָן אַ גרויסע טובה... דעריבער געה, מיין פריינד, און רעד זיך דורך מיט איהר. בעט איהר זי זאָל אַריין געהן צו אסנת'ן און איהר זאָגען, אַז איך וויל זיך מיט איהר דורכרעדען וועגען אַ וויכטיגער זאַך און אַז איך וועל אויף איהר וואַרטען אין גאָרטען.

— איך זאָל פֿרעגען די אדומית! — האָט תדמור אויסגערופען. — די אדומית איז דאָך אויף מיר אין כעס זינט זי איז געוואָרען אַ קאַמער־מיידעל האָט זי נאָך מיט מיר נישט גערעדט.

— פֿאַרוואָס איז זי אויף דיר אין כעס? איך האָב דאָך די גאַנצע צייט געגלויבט, אַז איהר זיינטביידע איינע אין דעם צווייטען פֿאַרליעבט?

— יע, איך ווייס ווען איך בין געווען דער הויפּט קנעכט האָט זי מיר געליעבט, אָבער יעצט, אַז איך בין אַרונטערגעזעצט געוואָרען פֿון מיין אַמט, וויל זי זיך אויף מיר אפילו נישט אומקוקען.

— איך גלויב נישט, אַז די אדומית זאָל זיך אַזוי שנעל ענדערען, — האָט סרטן געזאָגט. — און דו דאַרפֿסט ביי זיך אין אַלגעמיין נישט זיין געפֿאַלען. דו וועסט גאָר אינגיכען צוריק ווערען דער הויפּט קנעכט. דו קענסט איהר טאַקע זאָגען אין מיין נאָמען. איך וועל שוין זעהן אַז יוסף זאָל מעהר נישט הערשען איבער אַלע קנעכט... און אויב עס וועט נויטיג

זיין וועל איך דערצו זעהן אַז יוסף זאָל אין גאַנצען אָפּגעראַמט ווערען פון וועג...

תדמור האָט אָנגעשטעלט אויף איהם אַ פּאָר אויגען.

— דו זאָלסט זיך גאַרנישט וואונדערען מיין פריינד! איך האָב גרויס מאַכט... איך זעה זיך מיט דעם קעניג דריי מאָל אַ טאָג... און ווען איך וויל נאָר קען איך אין גאַנצען פּטור ווערען פון יוסף'ן... ע, דו געה צו דער אדומית און גיב איהר איבער מיינע רייד...

— איך צווייפעל אויב דו ווייסט פון דעם, אָבער אַ סך איז די אדומית שולדיג אין מיין נידערלאַגע — האָט תדמור געזאָגט — ווען פּוטיפר האָט מיר איינמאָל גענומען פרעגען וועגען יוסף'ן, האָב איך געזאָגט, אַז ער איז פויל און דאָס ער באַלעסטיגט די דיענסטען... אָבער מיין האַרינטע האָט מיר נישט געגלויבט... האָב איך איהר געזאָגט, אַז די אדומית האָט מיר געזאָגט, אַז יוסף שטערט די דינסטען פון דער אַרבייט... האָט אָבער דיין שוועסטער געשיקט רופען די אדומית, און יענע האָט אין גאַנצען געלייקענט אַז זי האָט ווען עס איז גערעדט שלעכטעס אויף יוסף'ן...

— אָבער פאַרוואָס האָסטו זיך מיט איהר פריהער נישט צונויפגערעדט וועגען דעם... ווען דו וואָלסט איהר געבעטען וואָלט זי זיכער איינע רייד בעשטעטיגט.

ווער האָט זיך געזאָלט ריכטען, אַז דיין שוועסטער וועט מיר נעהמען אויפ'ן קרייץ פערהער... איך בין געווען זיכער אַז מיין האַר און מיין האַרינטע וועלען מיר גלייבען אויפ'ן וואָרט... און יעצט האָט מיר די אדומית געמאַכט פאַר אַ ליגנער אין זייערע אויגען און דעריבער האָט מיר פּוטיפר אַרונטערגעזעצט פון מיין גדולה...

— דאָך וועל איך שוין זעהן אַז שלום זאָל הערשען צווישען דיר און דער אדומית — האָט סרטן געזאָגט, דו געה זאָג איהר, אַז איך וויל מיט איהר ריידען... נאָך אַלעמען דאַרפסטו דאָך אויף איהר געוויס נישט אין כעס ווערען... זי האָט דאָך גאָר ניט געוואוסט, אַז דו האָסט אין איהר נאָמען אַזאַ ליגען געזאָגט...

תדמור איז אַוועק צו די אדומית, אָבער זי האָט זיך אויף איהם ניט געוואָלט אומקוקען.

— איך בעט דיר דו זאָלסט מיר ענטשולדיגען — האָט תדמור זיך ביי איהר גענומען בעטען — איך בין געשטרויכעלט געוואָרען מיט מיין צונג... איך האָב געוואָלט פאַר'מיאוס'ען יוסף'ן אין די אויגען פון אונזער האַר, האָב איך דעריבער געזוכט אויף איהם אַ בלבול צו מאַכען... גלייכצייטיג האָב איך זיך אַרויסגערעדט, אַז איינע פון די דינסטען האָט מיר אויך אַזוי געזאָגט. ווער האָט עס גאָר געקענט טראַכטען, אַז מיין האַרינטע וועט מיר פרעגען ווער די דינסט איז!

— נו, און אויב זי האָט דיר יאָ געפרעגט, האָסטו שוין אויף קיין אַנדערער נישט געקענט אויסטראַכטען נאָר אויף מיר. וואו האָסטו גע-קראָגען די חוצפה צו זאָגען אַזאַ ליגען אין מיין נאָמען?!... ווייס איך דען נישט, אַז דו ביזט נישט ווערטה די שטויב פון אונטער יוסף'ס פיס?...

און דערצו האָסטו נאָך געוואָגט צו זאָגן אזא זאך וועגן מיר און יוסף׳ס אנוועזנהייט.

— און איך בין געווען זיכער, אז דו וועסט מיינע ווערטער בעשטעטיגען דאָן וואָלט איך געבליבען דער הויפּט קנעכט און נישט יוסף... האָסטו דען נישט געוואוסט, אז איך בין נישט גלייכגילטיג צו דיר — האָט תדמור געמאַכט אַ פערזוך איהר אַרומצונעהמען.

— איך האָס אַ פאַלשען מאַן און אַ ליגנער! — האָט די אדומית אַ שטויס געטהאָן איהם פון זיך... איך וויל דיר מעהר נישט אָנקוקען... און אויב דו וועסט פּרובירען מיר נאָך אַמאָל צו באַלעסטיגען וועל איך שוין זעהן, אז מען זאָל דיר אַריינוואַרפען אין געפענגנים...

זי האָט איהם אַרויסגעשטופּט פון צימער און פערמאַכט די טיהר הינטער איהם.

תדמור האָט זיך צוריקגעקעהרט צו סרטן אַ פאַרשעהמטער און אַ דערשלאָגענער.

— נו, וואָס האָט זי דיר געזאָגט? — איז איהם סרטן ענטקעגען געקומען.

— זי האָט מיר בעליידיגט און אַרויסגעטריבען פון צימער! — האָט זיך תדמור אויף איהר באַקלאָגט — פריהער אז איך בין געווען דער הויפּט קנעכט, איז זי געווען גליקליך, אז איך האָב צו איהר אַ וואָרט אויסגע־רעדט... און יעצט, אז איך בין אַן איינפאַכער קנעכט און דערצו איז זי נאָך דיין שוועסטער׳ס קאַמער מיידעל, וואַרפט זי מיר אַרויס, און סטראַשעט מיר, אז זי וועט זעהן אז מיר זאָל מען אַריינוואַרפען אין געפענגנים...

— האָסטו איהר איבערגעגעבען וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט?

— ניין! איך האָב נאָך נישט בעוויזען אויסצורעדען צו איהר אַ וואָרט און זי האָט מיר אַרויסגעשטויסען פון איהר צימער!..

— מיר וואונדערט זיך אויף דיר תדמור... אזוי שנעל ביזטו ביי זיך געפאַלען, וואו איז דיין פריהערדיגער מוטה און חוצפּה... איך בין געווען זיכער, אז דו ליעבסט די אדומית און אז זי ליעבט דיר... איך זעה, אז דו (ווייסט) נישט ווי אזוי זיך צו באַגעהן מיט אַ פרוי. אנשטאט צו קומען צו איהר מיט דעם זעלבען שטאָלץ און ווירדע ווי פריהער, ביזטו אַריינגע־געקומען צו איהר מיט אַ קנעכטישע הכנעה... און דאָס האָט איהר נאָך מעהר אויף דיר אויפגערעגט... אָבער זאָרג ניט, מיין פריינד! — האָט איהם סרטן אַ קלאַפּ געטהאָן איבער׳ן פּלייצע — איך וועל שוין אַליין מיט איהר ריידען און איך וועל זעהן אַלעס צו פערריכטען צווישען אייךביידען.

סרטן איז אַוועק צו דעם צימער פון דער אדומית און ער האָט אָנגע־קלאַפּט אין טיהר...

— אויב דו וועסט מיר ניט צורוהלאָזען, אומפאַרשעהמטער קנעכט, וועסטו שטאַרק חרטה האָבען — האָט סרטן געהערט איהר שטימע אויסרופענדיג...

אַ שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף סרטן׳ס פּנים און ער האָט אויסגערופען:

— ווי איך זעה, מאַכסטו אַ טעות! דאָס בין איך סרטן, דער ברודער פון דיין האַרינטע!

זי האָט שנעל אויפגעעפענט די טיהר. איהר פּנים איז בעדעקט געוואָרען מיט רויטקייט.

— ענטשולדיג מיר, מיין האַר! ע... איך האָב... — האָט זי געשטאַמעלט.

— איך ווייס! דו האָסט זיכער געמיינט אַז דאָס איז תדמור! — האָט סרטן געלאַכט — איך האָב איהם צו דיר געשיקט מיט אַ שליחות און ער האָט מיר געזאָגט, אַז איידער ער האָט צייט געהאַט דיר צו זאָגען וועגען וואָס ער איז געקומען, האָסטו איהם משלח געווען...

— יאָ — האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכעל — ווייל אנשטאַדט צו רעדען מיט זיין מויל, האָבען זיינע הענט געוואָלט רעדען, נו, האָב איך איהם געוויזען דעם וועג...

— דו ביזט אַ בראַווע מיידעל! — האָט סרטן געזאָגט מיט אַ שמייבעל — און איך מוז דיר זאָגען, אַז דו האָסט ריכטיג געהאַנדעלט... ער האָט געדאַרפט האָבען מעהר שכל ווי צו לאָזען די הענט ריידען איידער ער האָט געעפענט די מויל... ער האָט מיר געזאָגט, אַז איידער ער האָט אַ געלעגענהייט געהאַט מיט דיר צו רעדען, האָסטו איהם אַרויסגעשליידערט פון דיין צימער.

— ער איז אַ שרעקליכער ליגנער! — האָט זי מיט אויפרעגונג אויסגערופען — ער האָט געוואָלט אויף מיר אַ בלבול מאַכען...

— איך ווייס — האָט סרטן איהר געענטפערט — מיין שוועסטער האָט מיר אַלעס דערצעהלט, און זי האָט מיר אויך געזאָגט אַז צוליעב דיין עהרליכקייט האָט זי דיר פון אַן איינפאַכע דיענסט, דערהויבען צו זיין איהר קאַמער מיידעל... איך מוז דיר זאָגען, אַז איך בין זעהר צופרידען דערפון... ווייל איך בין זיכער, אַז דו האָסט עס פאַרדיענט...

די אדומית האָט אַנגעקוואָלען פון זיינע רייד... זאָל עס זיין אַז ער, דער שר האופים פון פרעה, טראַכט וועגען איהר. אָה, ווי גליקליך זי וואָלט זיך געפיהלט, ווען סרטן וואָלט צו איהר געטהאָן דאָס וואָס תדמור'ן האָט זיך געגלוסט!...

— איך דאַנק דיר, מיין האַר — האָט זי זיך פאַרנייגט — וואָס איך האָב געפונען חסד אין דיינע אויגען.

— איך בין געקומען צו דיר בעטען אַ טובה — האָט סרטן געזאָגט

— דו ווייסט דאָך, אַז מיין שוועסטער און פּוטיפר געפינען זיך איצט אין דעם פּאַלאַץ פון'ם קעניג... מיין שוועסטער האָט מיר געבעטען, איך זאָל איבערגעבען אסנת'ן אַ וויכטיגע זאַך... און איך געפין זיך שוין דאָ אַ היבשע ווייל, און איך האָב אסנת'ן ניט געזעהן... איך אייל זיך צוריק צום קעניג, אָבער איידער איך געה אַוועק מוז איך איהר אומבאַדינגט זעהן, ווייל איך וועל דאַרפען אויך ברענגען אַ תשובה צו מיין שוועסטער, וועסטו מיר פיליכט טהאָן די געפעליגקייט און אַריינגעהן צו אסנת'ן אין צימער און איהר אָנזאָגען, אַז איהר אָנקעל מוז איהר זעהן וועגען אַ וויכטיגע זאַך... און אויב זי וועט נישט וועלען אַרויסגעהן, קענסטו איהר זאָגען, אַז איך

בין צו איהר געשיקט געוואָרען מיט אַ שליחות פון איהר מוטער...

— איך געה גלייך טהאָן מיין הער'ס פערלאַנג! — האָט זיך די אדומית אָפּגערופען.

— זאָג איהר, אַז איך וועל וואַרטען אויף איהר אין דרויסען נעבען דעם אייכענבוים.

— יאָ, מיין הער! יהאָ—דזז

— יא, מיין הער! — האָט זי זיך פאַרנייגט און איז אַרויסגעגאַנגען.

סרטן האָט מיט שנעלע טריט פאַרלאָזען די הויז און האָט זיך געשטעלט וואַרטען אויף אסנת'ן אונער דעם אייכענבוים...

ענדע פון ערשטען טייל